STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03992

DI GESHIKHTE FUN TREYD YUNYONIZM

Sidney Webb

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

געשיכטע פון טרייד יוניאניזם

פון

סידנעי און ביטריס וועבב

איבערזעצט נאָך דער לעצטער אויסגאבע

פון נ. דייוויד

ערשטער טייל.

2612

ארויסגעגעבען פון דער

קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

ניו יאָרק, 1920.

פון די ארויסגעבער.

מיט דער ארויסגאבע היינטיגס יאהר פון וועבב׳ס „געשיכטע פון טרייד יוניאניזם“ גלויבט די קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט, אז זי האט באמת באפרידיגט א נויט, וואס האט זיך לאנג געלאזט פיהלען אויף דער אידישער גאס. דער ריעזיגער וואוקס פון די אידישע גרויסע און מעכטיגע טרייד־יוניאן ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען פארטראטען אין די אינטערנאציאנאלע ארבייטער־פארבאנדען פון אלע לענדער, האט געמוזט ארויסרופען א דרינגענדע פאדערונג צווישען די אינטעליגענטע ארבייטער זיך צו באקאנען מיט דער געשיכטע פון זייער באוועגונג און צו לערנען פון איהר ענטוויקלונג די נעקסטע אויפגאבען און ווייטסטע ציעלען פון איהר פראגרעסיווען גאנג. און עס איז באמת שווער צו געפינען א בעסערן קוואל פון וואנען צו שעפען די אלע נויטיגע ידיעות, איידער דאס פארליגענדע ווערק פון סידנעי און ביטריס וועבב.

צוליעב דער גרויס פון דעם בוך האט עס געמוזט איינגעטיילט ווערן אין צוויי בענדער, און די פינף קאפיטלען, וואס ווערן דא געגעבען, זיינען אן ערך א העלפט בלויז פון דעם גאנצען ווערק. אין די איבעריגע קאפיטלען ווערט די געשיכטע פון דעם טרייד־יוניאניזם געפיהרט ביז צו די גאנץ לעצטע יאהרען פון אונזער צייט, און די געזעלשאפט האפט צו קאנען ארויסגעבען דעם אנדער באנד ביים ענד פון יאהר. אין אנבעטראכט אבער פון די גרויסע קאסטען, מיט וועלכע די ארויסגאבע פון גרויסע ביכער זיינען היינטיגע צייטען פארבונדען, מוז די געזעלשאפט נעהמען אין אנשפרוך די דערווארטעטע שטיצע פון די אידישע יוניאנס. פארלויפיג קאן פארציכענט ווערן מיט דער געהעריגער אנערקענונג די ביטראגען פון דער „אינט. לוידיס גארמענט ווארקערס“ און פון דער „אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס“ פון 200$ און 150$, ווי אויך א קלענערער ביטראג פון דער „קעפמייקערס“ יוניאן.

די איבערזעצונג איז געמאכט געווארן זעהר געוויסענהאפטיג, טריי צום אריגינאל און אזוי פאפולער ווי מעגליך. די טעכנישע נעמען פון די פארשיידענע ארבייט־פאכען זיינען מעהרסטענטיילס איבערגעגעבען אין אידישע אויסדרוקען, אפט מיט איינרינגלונגען פון זייערע אריגינעלע ענגלישע נעמען. די פיעלע הערות און אנמערקונגען זיינען איבערגעגעבען געווארן מיט דער נויטיגער פינקטליכקייט אומעטום וואו די פארפאסערס האבען אין זיי עפעס מוסיף געוועזן צום טעקסט; וואו די הערות ווייזען בלויז אן די קוואלען פון וואנען די ידיעות זיינען גענומען געווארן, זיינען זיי למען הקצור טיילווייז אויסגעלאזט געווארן.

די קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט.

אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — 9 — 18

1טער קאַפּיטעל: —
די ענטשטעהונגען פון טריידיוניאָניזם — — — — — — 19 — 88

2טער קאַפּיטעל: —
דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ — — — — — — — — — — — 89 — 145

3טער קאַפּיטעל: —
די רעוואָלוציאָנערע פעריאָדע — — — — — — — — — 146 — 224

4טער קאַפּיטעל: —
דער נייער גייסט און דער נייער מאָדעל — — — — — — 225 — 296

5טער קאַפּיטעל: —
די יונטא און זייערע פאַרבינדעטע — — — — — — — — 297 — 387

פאַרוואָרט.

מיר האָבען דאָ ניט בדעה צו פאַרהאַלטען דעם לעזער מיט אַ קאָנוועַנציאָנעלער הקדמה. ווי אַלע ווייסען, שרייבט מען קיינמאָל ניט די הקדמה, איידער די געשיכטע איז געענדיגט; און אַט די געשיכטע וועט ניט זיין געענדיגט אין אונזער צייט, אָדער אפילו אַ סך דורות נאָך אונז. מיר געפינען בלויז פאַר נויטיג צו זאָגען עטליכע ווערטער וועגען דער מעטאָדע פון אונזער אַרבייט און איהרע רעזולטאַטען, איידער מיר קומען צו אונזער הויפּט־ענין.

אַבוואַויל מיר האָבען ניט אונטערנומען דעם שטודיום פון ד'ער טרייד־יוניאָן באַוועגונג צו באַווייזען די ריכטיגקייט פון אַ וועלכער עס איז איינענער באַהויפּטונג, נאָר אויסצוגעפינען די פּראָבלעמען וואָס זי גיט אונז אויף, פונדעסטוועגען קאָנען מיר ניט זאָגען, אַז אונזערע געדאַנקען זיינען געוועזען אַזוי אומבאַשטימט וועגען דעם ענין, אַז מיר זאָלען גאָרנישט האָבען קיין געפאַסטע מיינונג וועגען דעם כאַראַקטער פון די דאָזיגע פּראָבלעמען. מיר האָבען געדענקט, אַז זיי וועלען כמעט זיכער זיין עקאָנאָמישע, וואָס וועלען אָנווייזען אַן אַלגמיינע עקאָנאָמישע מאָראַל; און די דאָזיגע ערוואַרטונג שיינט נאָך אונז אַלץ צו זיין אַזוי נאַטירליך, אַז ווען עס וואָלט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, וואָלטען מיר זי אָנגענומען אָהן פּירושים. עס איז אָבער אַזוי ניט געוועזען. אַזוי גיך ווי מיר זיינען נאָר צוגעטראָטען צו דער פאָרשונג, האָבען מיר אָנגעהויבען אויסגעפינען, אַז די ווירקונגען פון דעם טרייד־יוניאָניזם אויף די אַרבייטס־באַדינגונגען, אויף דער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע און פּראָגרעס זיינען אַזוי באַהערשט פון דער אומענדליכער טעכנישער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון אונזערע פּראָדוקטיווע פּראָצעסען, אַז זיי ענדערן זיך פון איין אינדוסטריע צו אַ צווייטער, און אַפילו פון איין פאַך צו אַ צווייטען; און די עקאָנאָמישע מאָראַל ענדערט זיך צוזאַמען מיט זיי. וואו מיר האָבען זיך געריכט צו געפינען אַן עקאָנאָמישע ריכטשנור צו בויען אונזער אָפּהאַנדלונג, האָבען מיר געטראָפען אַ שפּינוועבס; און פון דעם מאָמענט אָן האָבען מיר איינגעזעהן, אַז וואָס מיר דאַרפען שרייבען, איז ניט אַן אָפּהאַנדלונג, נאָר אַ געשיכטע. און מיר האָבען איינגעזעהן, אַז אַפילו אַ געשיכטע וואָלט אוממעגליך געווען נאָכצופאָל־

גען, סיידען מיר זאָלען אָפּזונדערן די אַלגעמיינע געשיכטע פון דער גאַנצער באַוועגונג פון די באַזונדערע געשיכטעס פון די טויזענדער טרייד־פאַראיינען, פון וועלכע מאַנכע האָבען אַנגעהאַלטען אַ ניט־אונטערבראָכענע עקזיסטענץ זינט דעם לעצטען יאָהרהונדערט, בעת אַנדערע זיינען ארויסגעשפּרונגען, האָבען עקזיסטירט פאַר אַ קורצער צייט און זיינען פאַרשוואונדען. אַזוי, אַז ווען מיר זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט פון אונטערזוכען די באַריכטען פון כמעט יעדער וויכטיגער טרייד סאָסייעטי פון איין ברעג לאַנד ביז צום צווייטען און האָבען אַנגעזאַמעלט פּעק אויסצוגען, קלאַסיפיצירט אונטער פאַכען און אָפּטיילונגען פון פאַכען, האָבען מיר איינגעזעהן, אַז מיר מוזען זיי אויסשליסען פון דעם ערשטען באַנד, אַחוץ אַ קליינעם אויסוואַהל פון יענע דאָקומענטען, וואָס האָבען אונז געשיינט צו זיין העכסט וויכטיג בנוגע דער ענטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג. אַ סך באַריהמטע סטרייקס און לאָקאוטס, אַ סך אינטערעסאַנטע טרייד־סכסוכים, אַ סך סענסאַציאָנעלע פאַרפאָלגונגען און מאַנכע ווילדע אויסברוכען פון אומרוהען און פאַרברעכענס, צוזאַמען מיט אַ סך וועניגער אונטערעסאַנטע פאַקטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו באַזונדערע פאַכען, האָבען מיר געמוזט אָדער אינגאַנצען אויסלאָזען פון אונזער געשיכטע, אָדער שטעלען זיי אויפ'ן צווייטען פּלאַן, אין זייער שייכות צו דער געשיכטע פון טרייד־יוניאָניזם בכלל. דעם גאַנצען אַנאַליז פון די עקאָנאָמישע ווירקונגען פון דער טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט לאָזען מיר איבער פאַר אַ צווייטען באַנד וועגען די פּראָבלעמען פון טרייד־יוניאָניזם, אין וועלכען מיר וועלען מאַכען אַ סך מעהר געברויך פון דער כראָניק פון די באַזונדערע יוניאָנס. און אין יענעם באַנד וועט שוין דער, וואָס זוכט ניט־אַנדערש אַז עקאָנאָמישע מאָראַל, זיין מעהר ווי צופרידענגעשטעלט; וואָרים דאָרטען וועלען זיין פאַרצייכענט כמעט אַזוי פיעל עקאָנאָמישע מאָראַלען, וויפיעל באַשריבענע געזעלשאַפטען.

די געשיכטע פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג, אויף וועלכער מיר האָבען זיך דאָ באַגרעניצט, וועט זיך ארויסצייגען צו זיין אַ טייל פון דער פּאָליטישער געשיכטע פון ענגלאַנד. ניט קוקענדיג אויף די אַלע אַרגומענטען פון די מאָדערנע היסטאָריקער פאַר

וואָס מען זאָל געבען ווייניגער געשיכטע וועגען די האַנדלונגען פון די רעגירונגען און מעהר פּרטים וועגען די אויפפיהרונגען און זיטען פון די רעגירטע, בלייבט אַלץ ריכטיג, אַז אַ געשיכטע, ווי פריי און לעבהאַפט זי זאָל ניט באַשרייבען די זיטען און מנהגים פון די מענשען, כדי מען זאָל עס קאָנען אָנרופען געשיכטע, מוז זי נאָכפאָלגען דעם גאַנג פון די דויערהאַפטע אָרגאַניזאַציעס. די געשיכטע פון אַן עכט דעמאָקראַטישען שטאַאַט וועט צוגלייכער צייט זיין די געשיכטע פון אַ רעגירונג און די געשיכטע פון אַ פאָלק.

די געשיכטע פון טרייד־יוניאָניזם איז די געשיכטע פון אַ שטאַאַט אין אונזער שטאַאַט, און אַזוי דעמאָקראַטיש איז זי, אַז ווען מען וועט זיך מיט איהר גוט באַקענען, וועט מען זיין באַקאַנט מיט דעם ענגלישען אַרבייטער, בעסער ווי פון וועלכער ניט איז מיטעלקלאַס געשיכטע. דעמאָקראַטיע, אָרגאַניזאַציאָנס־פרייהייט, „לעסעי פער“ (לאָזט געהן ווי ס׳געהט), די רעגולירונג פון שטונדען און אַרבייטס־לוין, קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציע, פריי־האַנדעל און שוץ־טאַריף און אַ סך אַנדערע קלאָרע און אָפט ווידערשפּרעכענדע אידעאַלען, האָבען פון צייט צו צייט, זינט די ערשטע יאָהרען פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט ביז צום היינטיגען טאָג, פאַרכאַפּט דעם געדאַנק פון די אָרגאַניזירטע לוין־אַרבייטער און איבערגעלאָזט זייער צייכען אויף דעם גאַנג פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. און, זינט 1867 אין יעדען פאַל, וואו נאָר אָט די אידעאַלען האָבען איבערגעלאָזט זייער צייכען אויף דעם טרייד־יוניאָניזם, האָט דער טרייד־יוניאָניזם איבערגעלאָזט זיין צייכען אויף דער פּאָליטיק. מיר וועלען זיין ביכולת צו ווייזען, אַז מאַנכע פון יענע איבערקעהרענישען אין אונזערע פּאַרטיי־רעגירונגען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען גרויס איבעררא־שונג אין די מיטעלע און העכערע קלאַסען, און פאַר וועלכע די ווייטסטע און פאַרשיידענסטע אורזאַכען זיינען אָנגעגעבען געוואָרען פון זיי און זייערע זשורנאַליסטען און היסטאָריקער נאָך די פּאַסירונגען, האָבען זייער ערקלערונג אויבענאויף פאַר יעדען איינעם, וואָס איז באַקאַנט מיט די געדאַנקען פון די טרייד־יוניאָניסטען אין יענער צייט. אַזעלכע אָנווייזונגען וועלען אָבער זיין ריין צופעליג, ווייל מיר האָבען געשריבען די געשיכטע פון טרייד־יוניאָניזם דורכאויס צוליעב דעם טרייד־יוניאָניזם, און ניט צוליעב

די אומצעהליגע באַלייכטונגגען וואָס ער וואַרפט אויף דער פּאַרטיי־פּאָליטיק.

אין אונזער שלום־קאַפּיטעל, וועלכען מיר האָבען אפשר גע־דאַרפט געבען גיכער אַלס אָנפאַנג איידער אַלס טייל פון דעם רעגעלמעסיגען פּלאַן פון בוך, האָבען מיר פּרובירט געבען אַ פאַר־ביי־לויפענדען איבערבליק איבער דער היינטיגער טרייד־יוניאָן וועלט, מיט איהר אומגלייכער פּאַרטיילונג, מיט איהר שטאַרק לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע און פעהלערהאַפטען פּאָליטישען מעכאַניזם, מיט איהר נייעם הערשענדען קלאַס פון טרייד־באַאַמטע, — און דערהויפּט איבער איהר איצטיגען איבערגאַנגס־צושטאַנד בנוגע איהרע מעטאָדען, ציעלען און טאַקטיק, וועלכע זי מוז אָננעהמען כדי צו פאַרענטפערן די גרויסע צאָהל ניט־געלייזטע קאָנסטיטו־ציאָנעלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס שטעהען איהר אַנטקעגען.

עטליכע ווערטער וועגען דער אַרבייט פון זאַמלען די מעטעריאַ־לען פאַר אונזער ווערק וועלען זיך אפשר אַרויסווייזען ניצליך פאַר יענע, וואָס וועלען שפּעטער קומען שניידען אין דעמזעלבען פעלד. אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין גרינטליכע אָפּהאַנדלונג וועגען וועלכע עס איז פעריאָדע פון דער טרייד־יוניאָניסטישער געשיכטע, מוזען מיר זיך הויפּטזעכליך פאַרלאָזען אויף אונזערע אייגענע פאַרשונגען. אָבער דער, וואָס שטודירט דעם ענין, מוז אָנערקענען דעם ווערט פון דר. ברענטאַנאָ'ס פאָרשונגען וועגען דער געשיכטע פון ענגלישען אַרבייטער־קלאַס און פון דזשאָרדזש האָועל'ס דורכאויס פּראַקטי־שער אויסטייטשונג פון דעם טרייד־יוניאָניזם פון זיין אייגענער ריכטונג און זיין אייגענער צייט. דער וויכטיגסטער פאַרעפענט־ליכטער מאַטעריאַל איבער דעם ענין איז פיליכט דער „רעפּאָרט אָן טרייד־סאָסייעטיס ענד סטרייקס", אַרויסגעגעבען פון דער „סאָ־שעל סייענס אַסאָסיאיישאַן" אין 1860, אַן אָנגעפּאַקטער שפּייכלער מיט פאַרזיכטיג איבערגעזיפּטע פאַקטען, וועלכע פאַרגלייכען זיך גאַנץ גוט מיט דער אומגעהייערער מאַסע אָנגעוואָרפענע און אומבאַ־שטעטיגטע באַריכטען, וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרן פון די פינף אָפיציעלע אונטערזוכונגען וועגען טרייד־יוניאָניזם צווישען די יאָהרען 1824 און 1849. אַחוץ דעם האָבען מיר געפונען אַ גרויסע

צאָהל פאַנאַנדערגעוואָרפענע פאַקטען וועגען טרייד־יוניאָנס אין פעריאָדישע שריפטען און צייטווייליגע פאַמפלעטען אין די פאַרשיידענע פאָלקס־ביבליאָטעקען איבערן גאַנצען לאַנד. כדי צו פאַרגרינגערן די ארבייט פון צוקינפטיגע פאָרשער גיבען־מיר־צו צו דעם בוך אַ פאָלשטענדיגען ליסט פון אַזעלכע פאַרעפענטליכע מאַטעריאַלען וואָס מיר זיינען געווען ביכולת אויסצוגעפינען. מיט דער אָנפאַנגס־געשיכטע פון פאַראייניגונגען האָבען מיר זיך געמוזט פאַרלאָזען אויף די אָפיציעלע פראָטאָקאָלען, אַלטע צייטונגען און פאַרשיידענע איינצייטיגע פאַמפלעטען. אונזערע ערשטע צוויי קאַפּיטלען זיינען אויף אַזאַ אופן הויפּטזעכליך באַזירט אויף די „זשורנאַלען פון האָוז אָוו קאָממאָנס“, די פראָטאָקאָלען פון „פּריווי קאָונסיל“, די פּובליקאַציעס פון „רעקאָרד אָפיס“ און די אומצעהליגע ברייט־בויגענדיגע פעטיציעס צום פּאַרלאַמענט און אַלטע כתבים וועגען מלאכה און מסחר, וועלכע געפינען זיך אין בריטיש מוזעאום, אין גילדהאָל ביבליאָטעק און אין דער אומשעצבארער זאַמלונג פון עקאָנאָמישע ליטעראַטור, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון פּראָפעסאָר ה. ס. פאָקסוועל, אין סט. דזשאָהנס קאָלעדזש, קיימברידזש. פאַר דער פעריאָדע ביז 1835 זיינען אַם וויכטיגסטען די פיעלע בענדער פון מאַנוסקריפּט קאָמענטאַרען, צייטונגס־אויסשניטען, תקנות, באַריכטען, פאַמפלעטען א. אַז. וו., וואָס זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פון פראַנסים פּלייס און געפינען זיך איצט אין בריטיש מוזעאום. אָהן דער דאָזיגער אומפאַרגלייכליכער זאַמלונג, צונויפגעשטעלט פון דעם פאַרנומענסטען פּאָליטיקער פון זיין צייט, קאָן זיך ניט באַגעהן, ניט נאָר דער וואָס שטודירט די באַוועגונג פון ארבייטער־קלאַס, נאָר אויך דער היסטאָריקער פון דעם ענגלישען פּאָליטישען אָדער סאָציאַלען לעבען פון די ערשטע פערציג יאָהר פון דעם יאָהרהונדערט.*

---

* פּלייס'עס „בריעף־ביכער“, צוזאַמען מיט אַ ניט־פאַרעפענטליכטער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז אויפגעהאַלטען געוואָרען פון זיין פאַמיליע, געפינען זיך איצט אונטער דער אויפזיכט פון מר. גרעהעם וואָלאַס, וועלכער גרייט־צו אַ קריטישע ביאָגראַפיע פון דעם גרויסען רעפאָרמער, וועלכע וועט וואַרפען פיעל נייעם ליכט אויף די אַלע סאָציאַלע און

אַבער דער גרעסטער טייל פֿון אונזערע מאַטעריאַלען, באַזונדערס דער וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם איצטיגען יאָהרהונדערט, איז געקומען פֿון די טרייד־יוניאָנס גופא. אין די ביוראָס פֿון די עלטערע טרייד־יוניאָנס געפֿינען זיך אינטערעסאַנטע אַרכיוועןֿ, וואָס פֿיהרען אָפּטמאָל אַזוי ווייט צוריק ווי ביז דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט — פּראָטאָקאָל־ביכער, אין וועלכע דורות פֿון פֿלייסיגע סעקרעטערן, ווען אַפֿילו ניט קיין געבילדעטע, די אמת׳ע היסטאָריקער פֿון אַ גרויסער באַוועגונג, האָבען געהאָרעוועט צו פֿאַרצייכענען די אויפֿטואונגען פֿון זייערע קאָמיטעטען; און זאַמלונגען פֿון טרייד־יוניאָניסטישע צייטשריפֿטען, וואָס זיינען ניט באַקאַנט אַפֿילו אין בריטישען מוזעאום, דורך וועלכע די פּלענער און שטרעבונגען פֿון די איבערגעגעבענע פּאָליטיקער און פֿאַרשטעהער פֿון אַרבייטער־קלאַס זיינען פֿון מאָנאַט צו מאָנאַט ערקלערט געוואָרן פֿאַר די צעוואָרפֿענע אָפּטיילונגען פֿון זייערע אָרגאַניזאַציעס.

ווען מיר האָבען זיך גענומען פֿאַר אונזער פֿאָרשונג האָט מען אונז פֿאַרזיכערט, אַז זייטיגע מענשען וועלען ניט צוגעלאָזט ווערן צו דער אינוועניגסטער געשיכטע פֿון מאַנכע אַלט־פֿרענקישע געזעלשאַפֿטען. מיר האָבען אָבער געפֿונען, אַז אָט דער הערשענדער איינדרוק בנוגע דער שטרענגער געהיימקייט פֿון די טרייד־יוניאָנס איז ניט קיין באַרעכטיגטער. די סעקרעטערן פֿון אַלטע צווייגען אָדער פֿאַרצייטיגע לאָקאַלע געזעלשאַפֿטען האָבען איבערגעטרייסעלט פֿאַר אונז זייערע גאַנץ אַלטע קופֿערטען מיט דריי שלעסער, וואָס האָבען דאַטירט פֿון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. די איבערגעבליבענע פֿיהרער פֿון דעם אַמאָליגען טרייד־יוניאָניזם האָבען זיך געגראָבען אין זייערע שופֿלאָדען צו געפֿינען פֿאַר אונז די תקנות און פּראָטאָקאָלען פֿון זייערע לאַנג־פֿאַרגעסענע געזעלשאַפֿטען. אין פֿיעלע אַרבייטער־היימען אין לאָנדאָן און ליווערפּול, ניוקאַסטל און דובלין — איבערהויפּט אין גלאַזגאָו און מאַנטשעסטער — האָבען די יורשים פֿון די אַלטע געלערנטע בעלי־מלאכות אויסגעגראָבען „דעם זיידענ׳ס דאָקומענטען“, אָדער „דעם טאַטענ׳ס אַלטע קאַרט“, אָדער אַ צעריסענע סעריע תקנות, כדי אַרויסצוהעלפֿען אַז אומבאַקאַנטען

פּאָליטישע פּאַסירונגען פֿון דער ענגלישער געשיכטע צווישען די יאָהרען 1798 און 1840.

אין זיינע פאָרשונגען, וועלכער, ווי זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען,
גיט זיך די מיה צו פאַרשרייבען די געשיכטע פון זייער קלאַס.
אַלע דאָקומענטען אין די ביוראָס פון די גרויסע נאַציאָנאַלע און
פּראָווינציאָנעלע יוניאָנס זיינען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט
איבערגעגעבען געוואָרן פאַר אונזער געברויך, פון די געדרוקטע
באַריכטען און תקנות ביז צו די פּריוואַטע קאַסע־חשבונות און עק־
זעקוטיווע פּראָטאָקאָל־ביכער. בלויז אין איין פאַל האָט אונז אַ
גענעראַל־סעקרעטער אָבגעזאָגט אַ צוטריט צו די אַלטע ביכער פון
זיין געזעלשאַפט, און דאָס איז פּשוט געווען אויף דעם גרונט, וואָס
ער אַליין האָט זיך געקליבען צו שרייבען איהר געשיכטע און ער
האָט אונז באַטראַכט אַלס קאָנקורענטען אויפ'ן ליטעראַרישען פעלד.
און די דאָזיגע פריינדליכע צוטרויליכקייט איז ניט געווען באַ־
שרענקט בלויז אויף די פאַרשימעלטע פּאַפּירען פון דער פאַרגאַנ־
גענהייט. אויף די לאַנגע פאַרוויילונגען אין די פאַרשיידענע אינ־
דוסטריעלע צענטערס, וואָס אָט די אויספאָרשונגען פון די לאָקאַלע
אַרכיוועז האָבען געפאָדערט, האָבען מיר געקראָגען יעדע מעגליכ־
קייט צו שטודירען די ווירקליכע טעטיגקייט פון דער היינטיגער
טרייד־יוניאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבען באַזוכט די זי־
צונגען פון די טרייד־קאָונסילס אין די מייסטע גרעסערע שטעדט;
מיר האָבען בייגעוואוינט אַ גרויסע צאָהל לאָקאַלע־ און מיטגלידער־
פאַרזאַמלונגען איבער'ן גאַנצען לאַנד; און איינער פון אונז האָט
זאָגאַר גענאָסען די אויסערגעוועהנליכע פּריווילעגיע צו זיין אָנווע־
זענד אויף די פּריוואַטע באַראַטונגען פון די עקזעקוטיווע קאָמיטע־
טען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען, ווי אויך אויף
די ספּעציעלע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען געווען פאַר־
רופען פון די גרויסע פעדעראַטיווע באַוועלשפינערס, באַוועלוועבערס
און קויהלענגרעבערס יוניאָנס צו באַשטימען זעהר וויכטיגע טאַק־
טישע טרייד־פראַגען, און אויף די זעקס־וואָכיגע זיצונגען אין 1892,
אויף וועלכע זעכציג ערוועהלטע דעלעגאַטען פון דער „אַמאַלגאַמיי־
טעד סאָסייעטי אָוו אינדזשעניערס“ האָבען אומגעוואָרפען די פאַר־
טאַקטיק און די אינוועניגסטע אַדמיניסטראַציע פון דער שטאַרק־
פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע.
מיר האָבען זיך נאַטירליך ניט געהאַלטען בלויז ביי דעם צד

פון די אַרבייטער אין דער פראַגע. אין כמעט יעדען אינדוסטריעלען צענטער האָבען מיר אויפגעזוכט די אָנגעזעהענע אַרבייטס־געבער אין די פאַרשיידענע אינדוסטריען. מיר האָבען פון זיי געקראָגען אַ סך ניצליכע אָנדייטונגען און קריטיקען. אָבער, ווי מען האָט עס געמעגט ערוואַרטען, די גרויסע קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע זיינען מייסטענס פּאַרטאַן אין דער קאָמערציעלער זייט פון זייערע געשעפטען, און זעהר זעלטען זיינען זיי גענוי באַקאַנט מיט די איינצעלהייטען פון דער אַמאָליגער, אָדער אפילו היינטיגער אָרגאַניזאַציע פון זייערע אַרבייטער. אַ גרעסערע הילף אין אונזער אונטערנעהמונג זיינען געווען די סעקרעטערן פון די פאַרשיידענע אַרבייטס־געבער אַסאָציאַציעס. איבערהויפּט אין די שיפּבוי האָפענס האָבען אָט די הערן געשטעלט אין אונזער דיענסט זייער ערפאַהרונג אין קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען מיט פאַרשיידענע אַרבייטס־אָפּטיילונגען און די פּריוואַטע סטאַטיסטיקס, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן פון זייערע אַסאָציאַציעס. אָבער די בעסט איינפאָרמירטע און גרעדאַנקענרייכסטע קריטיקער פון דער טרייד־יוניאָניסטישער אָרגאַניזאַציע און מעטאָדען פון דעם גאַנצען אַרבייטס־געבער־קלאַס האָבען מיר געפונען אין די אַרבייטער־אויפזעהער און פאָרלייט, וועלכע זיינען גאַנץ אָפט אַליין געווען אַרבייטער. מיר האָבען אָפטמאָל באַדויערט, וואָס גראַד אָט דער קלאַס איז אַם שווערסטען צו דערגרייכען פאַר די וואָס פאָרשען אינדוסטריעלע פּראָבלעמען און ווערט זעהר זעלטען גערופען אַלס עדות פון די קעניגליכע קאָמיסיעס.

עס איז קוים נויטיג פאַר אונז צו זאָגען, אַז די שווערקייט פון צונויפשמעלצען אין אַן ערצעהלונגס־פאָרם די אומצעהלבאַרע פּרטים פון די טויזענדער גאַנץ אָפּגעזונדערטע אָרגאַניזאַציעס און אויפבויען פון זייערע באַזונדערע כראָניקעס עטוואָס עהנליכעס צו אַ געשיכטע פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג, איז געווען זעהר גרויס. מיר ווייסען די באַדויערליכע חסרונות פון אונזער אַרבייט, סיי פון אַ ליטעראַרישען, סיי פון אַ היסטאָרישען שטאַנדפּונקט. מיר זיינען אָבער געווען ערמוטיגט אין אונזער אַרבייט פון דער איבערצייגונג — וועלכע איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן מיט דעם פאָרטש־יט פון אונזער פאָרשונג, — אַז די טרייד־יוניאָן פּראַקטאַ־

קאַלעז ענטהאַלטען העכסט וויכטיגע מאַטעריאַלען פאַר דעם צו־קינפטיגען היסטאָריקער פון אינדוסטריעלער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, און אַז די דאָזיגע פּראָטאָקאָלען ווערן געשווינט פאַרשוואונדען. פיעלע פון די עלטערע אַרכיוועז געפינען זיך אין דעם באַזיץ פון איינצעלנע אַרבייטער, וועלכע פאַרשטעהען ניט זייער היסטאָרישען ווערט. ניט זעלטען פּאַסירט עס, אַז ביי די גרעסערע געזעלשאַפטען געפינען זיך ניט מעהר ווי צו איינצלנע עקזעמפּלאַרען פון תקנות, באַריכטען, צירקולאַרען א. אַז. וו. דורך אַ שרפה, דורך אַריבערקלייבען זיך אין אַ נייער דירה, אָדער דורך דעם טויט פון אַן אַלטען סעקרעטער טרעפט אָפּט, אַז דאָס וואָס ווערט ניט יעדען טאָג געברויכט אין דער ביוראָ ווערט אינגאַנצען פאַרשוואונדען. דער איבערגעבענער פאָרשער אָדער זאַמלער וועט באַגרייפען, ווי גרויס עס איז געווען אונזער ערגערניש, ווען אָנקומענדיג אין אַן אַלטען טרייד־יוניאָן צענטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז מיט זעקס חדשים צוריק האָט מען „אויסגערייניגט די אַלטע שמאַטעס" פון דער ביוראָ. אין די לאָקאַלע פּאָלקס־ביבליאָטעקען, און אפילו אין בריטיש מוזעאום, געפינען זיך זעלטען וועלכע עס איז נייע אָדער אַלטע אינערליכע טרייד־ יוניאָן פּראָטאָקאָלען. מיר האָבען דעריבער ניט נאָר אויפגעקליבען יעדען טרייד־יוניאָניסטישען דאָקומענט וואָס מיר האָבען געקאָנט קריגען, נאָר מיר האָבען אויך געמאַכט לענגערע אויסצוגען און פאַרקירצונגען פון די פעק פּראָטאָקאָל־ביכער, באַריכטען, תקנות, צירקולאַרן, פּאַמפּלעטען, אַרבייטער־צייטונגען א. אַז. וו., וואָס מען האָט אונז אויסגעליהען.

די דאָזיגע זאַמלונג פון מאַטעריאַלען, און דער ברייטער קרייז פון די פאָרשונגען גופא אין יעדען פאַל, וואָלט געווען אוממעגליך, ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט דעם גוטען מזל צו קריגען די הילף פון אַ העכסט פעהיגען קאָלעגע אין דער דאָזיגער אַרבייט. אין מר. פ. וו. גאַלטאָן האָבען מיר געפונען אַן איבערגעגעבענעם מיטהעלפער, וועמעס אומערמידליכער אַרבייט מיר האָבען צו פאַרדאַנקען דעם ברייטען קרייז פון אונזערע מאַטעריאַלען און אונזערע סטאַטיסטיקס. אַליין אַ געלערנטער בעל־מלאכה, און פאַר אַ געוויסער צייט דער סעקרעטער פון זיין יוניאָן, האָט ער בייגעטראָגען צו דער אַרבייט ניט נאָר אַ שאַרפע אינטעליגענץ און אומערמיד־

ליכען פלייס, נאָר אויך אַ פּערזענליכע באַקאַנטשאַפֿט מיט די איינ־צעלהייטען פון טרייד־יוניאָן לעבען און אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געמאַכט זיין מיטווירקונג פון אומאָפּשעצליכען ווערט. אין אונזער לעצטען קאַפּיטעל האָבען מיר אַריינגענומען אַ מאַלערישע שיל־דערונג פון זיין פעדער וועגען דעם אינערליכען לעבען פון אַ טרייד־יוניאָן.

אחוץ דעם האָבען מיר געקראָגען די פריינדליכסטע הילף פון אַלע זייטען. ווען מיר זאָלען אויסרעכענען מיט די נעמען אַלע די, וועמען מיר זיינען שולדיג אַ דאַנק, וואָלטען מיר געדאַרפט אויס־שטעלען אַ ליסט פון כמעט אַלע טרייד־יוניאָן באַאַמטע אין לאַנד. צו באַדאַנקען יעדען באַזונדער איז אין דעם פאַל ניט איבעריגס נויטיג, ווייל פיעלע פון זיי זיינען אונזערע ווירדיגע פערזענליכע פריינד. נעקסט צו זיי קומט אונזער פאַרפליכטונג צו פיעלע פון די גרויסע „קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע“, באַזונדערס צו מר. יוה בעלל פון מידלסבאָראָ און קאָלאָנעל דייער פון עלסוויק, און צו די סעקרעטערן פון די ארבייטסגעבער אַסאָציאַציעס, וועמעס צייט עס איז געשטאַנען פריי צו אונזער דיענסט. באַזונדערס זיינען מיר דאַנקבאַר ה. ס. פאָקסוועל, מר. פרעדעריק האַרריסאָן, פּראָפעסאָר ע. ס. ביסלי, מר. ראָבערט אַפּפּעלגראַט און פּאַרלאַ־מענטס־מיטגליד דזשאָהן בוירנס, דערפאַר וואָס זיי האָבען אונז אויסגעליהען פיעלע זעלטענע פּאַמפלעטען און ארבייטער־זשורנאַ־לען, בעת מר. דזשאָהן בוירנעט און מר. הענרי קראָמפּטאָן זיינען געוועזען פריינדליך גענוג דורכצוקוקען די קאָרעקטורן פון איינעם אָדער מעהר קאַפּיטלען און אויסבעסערן זיי דורך צאָהלרייכע אַנ־מערקונגען. און עס זיינען דאָ נאָך צוויי ליעבע חברים און פריינד, וועמעס אָפּטען דורכקוקען יעדע שורה פון אונזער מאַנוסקריפּט דאָס בוך האָט צו פאַרדאַנקען יעדען אַנשפּרוך אויף ליטעראַרישען פאַרדיענסט, וואָס ער באַזיצט.

די ביבליאָגראַפיע איז צוזעגרייט געוואָרן פון אונזערע מאַטע־ריאַלען דורך מר. ר. א. פעדדיע, וועמען מיר זיינען דאַנקבאַר, פונקט ווי פריילין אַפּפּעליאַרד, פאַר דער שווערער ארבייט פון נאַכזעהן די פּינקטליכקייט פון כמעט אַלע אויסצוגען.

סידנעי וועב.

אַפּריל, 1894. ביטריס וועב.

ערשטער קאַפּיטעל.

די ענטשטעהונגען פון טרייד־יוניאָניזם.

אַ טרייד־יוניאָן, ווי מיר פערשטעהען דעם אויסדרוק, איז אַ באַשטענדיגע פעראייניגונג פון לוין־פערדיענערס מיט דעם צוועק אויפצוהאַלטען אָדער פערבעסערן די באַדינגונגען פון זייער באַשעפטיגונג. די דאָזיגע פאָרם פון פעראייניגונג, ווי מיר וועלען זעהן, עקזיסטירט שוין אין ענגלאַנד גענויע צוויי הונדערט יאָהר. און עס אוממעגליך זיך פערצושטעלען, אַז זי זאָל פּלוצלינג האָבען ארויסגעשפּרונגען אין לעבען אַ פול־ענטוויקעלטע. און הגם מיר וועלען קורץ באַשרייבען די אינסטיטוציעס, וועלכע מען האָט צייטענווייז באַצייכענט אַלס די פאָרלויפער פון טרייד־יוניאָניזם, וועט זיך אונזער געשיכטע אָנהויבען ניט פריהער ווי מיט דעם אָנפאַנג פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, פאַר וועלכער צייט מיר זיינען ניט געווען ביכולת צו ענטדעקען, אַז עס זאָל האָבען עקזיסטירט אויף די בריטישע אינזלען עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסען אין אונזער אויסטייטשונג. נאָכמעהר, ניט קוקענדיג דערויף וואָס עס ווערט אָנגעוויזען, אַז עהנליכע פעראייניגונגען האָבען געזאָלט עקזיסטירן אין דער צייט פון מיטעלאַלטער אין פערשיידענע טיילען פון אייראָפּעאישען קאָנטינענט, האָבען מיר ניט קיין גרונט אָנצונעהמען, אַז אַזעלכע אינסטיטוציעס האָבען אויסגעאיבט וועלכען עס איז אַיינפלוס אויף דעם וואַקסען און דער ענטוויקלונג פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג אין דעם לאַנד. מיר פיהלען זיך דעריבער באַרעכטיגט, ווי מיר זיינען ווירקליך דערצו געצוואונגען, צו באַגרעניצען אונזער געשיכטע אויסשליסליך אויף די טרייד־יוניאָנס פון דער פעראייניגטער מלוכה.

מיט אונזער אויסטייטשונג האָבען מיר אויסדריקליך אויסגע־

שלאָסען פון אונזער געשיכטע וועלכע עס איז באטראכטונג פון די אומצעהליגע פאלען, אין וועלכע די בעלי־מלאכות האָבען פאָרמירט צייטווייליגע פאראייניגונגען אנטקעגען די, וואס זיינען געזעלשאפט־ליך געשטאנען העכער פון זיי. סטרייקס זיינען אזוי אלט ווי די געשיכטע אליין. דער שארפער קאפּ, וואס זוכט היסטאָרישע פאר־גלייכען, קאן, צום ביישפּיעל, געפינען אַ מאָדערנע עהנליכקייט צווישען דעם אויפשטאנד פון די אידישע ציגעלמאכערס אין מצרים, מיט 1490 יאָהר פאר דער איצטיגער צייטרעכענונג, קעגען דער פאָדע־רונג צו מאכען ציגעל אָהן שטרוי, מיט דעם סטרייק פון די סטאָלי־ברידזשער באָוועל־שפּינערס אין 1892, קעגען דעם וואס מען האט זיי געגעבען שלעכטע מאטעריאלען צו דער ארבייט. מיר קאָנען אבער בשום אופן ניט מאכען קיין ערנסטען פארגלייך צווישען דער היינטיגער טרייד־יוניאָן באוועגונג און די אומצעהליגע אויפשטאנ־דען פון די אונטערדריקטע ראסען, די שקלאפען־אויפשטאנדען און האלב־שקלאפּישע פּויערים־רעוואָלטען, מיט וועלכע די בלעטער פון דער געשיכטע זיינען פול. די דאָזיגע פאָרמען פון דעם „ארבייטער קריעג" געהערען ניט צו אונזער ענין, ניט נאָר דערפאר ווייל פון זיי זיינען ניט ארויסגעקומען קיין באשטענדיגע פאראייניגונגען, נאָר דערפאר ווייל די „סטרייקערס" זיינען ניט געווען קיין געדונגענע לוין־ארבייטער, וועלכע האָבען געזוכט צו פארבעסערן די באדינגונ־גען פון אַ ארבייטס־קאָנטראקט, וואס זיי האָבען פרייוויליג גע־שלאָסען.

ווען מיר געהען אָבער אריבער פון די אנאלען פון שקלאפעריי אָדער לייבאייגענשאפט צו דעם אַזוי־גערופענעם פרייבירגערטום פון דער מיטעלאלטערליכער שטאָדט, געפינען מיר זיך שוין ניט אויף אַזא זיכערן באָדען. מיר פרעטענדירן ניט צו זיין גענוי באַ־קאַנט מיט דעם ענגלישען שטאָדט־לעבען אין מיטעל־אלטער. עס איז אָבער קלאָר, אז צו אלע צייטען האָבען זיך געפונען, צוזאמען מיט דעם אומאָפהענגיגען מייסטער בעל־מלאכה, אַ צאָהל געדונגענע געזעלען, וועלכע האָבען, ווי באוואוסט, ביי געלעגענהייט זיך פאר־אייניגט אנטקעגען זייערע הערשער און רעגירער. די דאָזיגע פאר־אייניגונגען, ווערט באהויפּטעט, האָבען צייטענווייז אנגעהאלטען חדשים לאַנג, און זאָגאר יאָהרן. אין 1387, למשל, האָבען די לאָנ־

דאָנער שוסטער־פּועלים, רעבעלירנדיג געגען די „אויפזעהער פון פאַך“, געזוכט צו גרינדען אַ באַשטענדיגע ברודערשאַפט. ניין יאָהר שפּעטער, באַהויפּטען די פּועלים פון די זאַטעלמאַכערס, „וועלכע מען האָט גערופען י אַ מ ע ן“, אַז זיי האָבען געהאַט אַן אייגענע ברודערשאַפט „זינט זיי געדענקען“, מיט אַ ליווריע און באַשטימטע גאָווערנאָרן. די מייסטערס האָבען אָבער ערקלערט, אַז די פאַראייניגונג איז אַלט געווען ניט מעהר ווי דרייצעהן יאָהר, און אַז איהר צוועק איז געווען צו העכערן די שכירות. אין 1417 האָט מען געמוזט פאַרוועהרן די שניידער „פּועלים און געזעלען“ פון צו וואוינען ערגעץ אַנדערש־וואו ווי ביי זייערע מייסטערס, ווייל זיי האָלטען־אָפּ צוזאַמענקונפטען און האָבען פאַרמירט אַ גע־ווּיסע פאַראייניגונג. און די דאָזיגע ברודערשאַפטען האָבען זיך געפונען ניט נאָר אין לאָנדאָן אַליין. אין 1538 האָט דער בישאָפּ פון איליי באַריכטעט צו קראָמוועל'ן, אַז איין־און־צוואַנציג שוסטער־געזעלען פון וויסבעטש האָבען זיך פאַרקליבען אויף אַ באַרג הינ־טער'ן שטאָדט און האָבען דריי פון זיי געשיקט צונויפרופען אַלע שוסטער־מייסטערס זיך צו באַגעגענען מיט זיי, כדי אַרויסצוקריגען אַ העכערונג אויף זייערע שכירות, סטראַשענדיג, אַז „קיינער וועט ניט קומען אין שטאָדט אַריין שקלאַפען פאַר די פריהערדיגע שכירות; און זיך אָפּצורעכענען מיט די, וואָס וועלען ניט שווערן צו שטעהן צוזאַמען מיט זיי“.

די דאָזיגע ביישפּיעלען, וואָס מיר נעהמען אַרויס פון די טייל־ווייז ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט פאַרעפענטליכטע מאַטעריאַלען, באַווייזען, אַז אַ פאָלשטענדיגע אויספאָרשונג פון די ניט־פאַרעפענט־ליכטע אַרכיוועו וואָלט פיללייכט אויפגעדעקט אַ גאַנצע רייהע פון געזעלען־ברודערשאַפטען און וואָלט פאַר אונז מעגליך געמאַכט צו באַשטימען דעם ריכטיגען געבוי פון די דאָזיגע פאַראייניגונגען. עס איז, צום ביישפּיעל, באַין אופן ניט קלאָר, צי אין די געבראַכטע פאַלען זיינען עס געווען סטרייקס געגען אַרבייטסגעבער, אָדער רע־וואָלטען געגען דער אויטאָריטעט פון דעם צעך. אונזער איינדרוק איז, אַז דער פאַל מיט די שוסטערס פון וויסבעטש, און מעגליך פון מאַנכע אַנדערע, שטעלט מיט זיך פאָר די ערשטע מדרגה פון טרייד־יוניאָניזם. ווען מען זאָל דעריבער אָננעהמען, אַז אַ וויי־

טערדיגע פאָרשונג וואָלט באַווייזען, אַז אַזעלכע צייטווייליגע פאַראייניגונגען פון געדונגענע ארבייטער קעגען זייערע אַרבייטסגעבער זיינען ווירקליך איבערגעגאַנגען אין דויערהאַפטע פאַראייניגונגען מיט אַן עהנליכען כאַראַקטער, וואָלטען מיר געווען געצוואונגען אָנצוהויבען אונזער געשיכטע מיט דעם פערצעהנטען אָדער פופצעהנטען יאָהרהונדערט. אָבער, נאָך אַ גענויער באַטראַכטונג פון די אַלע פאַרעפענטליכטע פאַלען פון געזעלען־ברודערשאַפטען אין ענגלאַנד, זיינען מיר פולשטענדיג איבערציינגט, אַז עס איז נאָך אַלץ ניט באַוויזען, אַז עס האָבען עקזיסטירט וועלכע עס איז דויערהאַפטע און זעלבסטשטענדיגע פאַראייניגונגען פון לוין־אַרבייטער קעגען אַרבייטסגעבער אין דער צייט פון מיטעלאַלטער.

עס זיינען פאַראַן אַנדערע געוויסע פאַלען, אין וועלכע פאַראייניגונגען האָבען אָנגעהאַלטען אַ דויערהאַפטע עקזיסטענץ, וואָס מען נעהמט צייטענווייז אָן, אַז זיי זיינען באַשטאַנען פון געזעלען.* אָבער אין אַלע פאַלען איז די „באַטשעלאָרס קאָמפּאַניע“, וועלכע

* פּראָפעסאָר אַשלעי האָט אָנגענומען, אַז אין דער „באַטשלאָרס קאָמפּאַניע“ אָדער „יאָומען טיילאָר“, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט דער לאָנדאָנער „מוירטשאַנט טיילאָרס קאָמפּאַניע“ צווישען די יאָהרען 1446 און 1661, „ענטדעקען מיר צום ערשטען מאָל פאַר זיך די עקזיסטענץ, און אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע, פון אַ געזעלען־פאַראייניגונג, וועלכער עס האָט זיך איינגעגעבען צו עקזיסטירען אַ לענגערע צייט.“ אַ פאָרזיכטיגע אונטערזוכונג פון די מאַטעריאַלען, פון וועלכע פּראָפעסאָר אַשלעי האָט געמאָלען זיין לעבהאַפטע שילדערונג פון דער אַזויגערופענער געזעלען־פאַראייניגונג, פיהרט אונז אָבער צו גלויבען, אַז זי איז גאָר בכלל ניט באַשטאַנען פון געזעלען, נאָר פון מייסטערס. דאָס וואָלט מען קודם געקאָנט שליסען פון דעם פאַקט, וואָס אין די ריההען פון די אַזוי־גערופענע געזעלען האָבען זיך געפונען פאַרמעגליכע פיהרער, ווי ריטשאַרד הילליס, דער פריינד פון קראַמנער און בילליגנער, וועלכער איז געוואָרען אַ „באַטשעלאָר אין באָדזש“ (איינער פון די וואָס באַגלייטען דעם לאָנדאָנער לאָרד־מעיאָר אין דער פּראָצעסיע בעת ער טרעט אַריין אין אַמט — איב.) פון דער „יאָומען קאָמפּאַניע“ אין 1535, און סער לעאָנאַרד האַללידעי, דער שפּעטערדיגער לאָרד־מעיאָר, וועלכער איז געווען אין דער באַטשעלאָרס קאָמפּאַניע פון 1572 ביז 1594, ווען ער איז „ערוועהלט געוואָרען אַלס אַ מיטגליד פון דער העכערער הירארכיע פון דער געמיינדע.“

מען האָט אָנגענומען אַלס אַ געזעלען־ברודערשאַפט, געווען אַן אונ־טערגעאָרדענטע אָפּטיילונג פון דער מייסטער־גילדע, וואָס איז גע־פיהרט געוואָרען נאָך איהרע געזעצען. עס וועט דעריבער זיין קלאָר, אַז פאַראייניגונגען, אין וועלכע די אַרבייטסגעבער פאַרוואַלטען די קאַסעס און באַשטימען די באַאַמטע, קאָנען ניט פאַרגליכען ווערן מיט מאָדערנע טרייד־יוניאָנס.

מיר גלויבען, אַז די ערקלערונג פאַר דעם לאַנזאַמען וואַקסען פון פעסטע פאַראייניגונגען צווישען די געדונגענע אַרבייטער קאָן מען געפינען אין די אויסזיכטען, וואָס די געלערנטע אַרבייטער האָבען נאָך געהאַט, זיך עקאָנאָמיש אַרויפצואַרבייטען. מיר ווילען ניט מאַכען דעם איינדרוק, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ „גאָלדענע צייט“, אין וועלכער יעדער געלערנטער בעל־מלאכה איז געווען זיין אייגע־נער בעל־הבית, און מען האָט ניט געוואוסט פון קיין לוין־סיסטעם. די ערשטע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער שטאָדט באַווייזען, אַז עס זיינען געווען געדונגענע פועלים, וועלכע זיינען ניט אַלעמאָל געווען צופרידען מיט זייער לוין. אָבער דער לערן־געזעל אין די געלערנטע פאַכען האָט, ביז אין דער פאַרהעלטנים־מעסיג מאָדערנער צייט, געהערט צו דערזעלבער סאָציאַלער מדרגה, ווי זיין בעל־הבית, און געוועהנליך איז ער טאַקע אויך געווען דער זוהן פון אַ מייסטער אין דעמזעלבען אָדער אַן עהנליכען פאַך. אַזוי לאַנג ווי די אינדוסטריע איז הויפּטזעכליך געווען אָנגעפיהרט פון קליינע מייסטערס, וועלכע האָבען באַשעפטיגט ניט מעהר ווי איינעם אָדער צוויי געזעלען, האָט די דורכשניטליכע צייט פון זיין אַ פועל ביי יעדען ענערגישען געדונגענעם אַרבייטער ניט געדויערט מעהר ווי עטליכע יאָהר, און דער פלייסיגער לערן־יונג האָט שטענדיג גאַנץ גוט געקענט האָפען, אויב ניט חתונה צו האָבען מיט זיין מייסטער'ס טאָכטער, איז יעדענפאַלס צו ווערן אַ בעל־הבית פאַר־זיך. יעדע נייע אָרגאַניזאַציע וואָלט שטענדיג געהאַלטען אין פאַר־לירן איהרע עלטסטע און פעהיגסטע מיטגלידער און וואָלט נויט־ווענדיגערוויין געווען באַשרענקט, ווי די „קאָווענטרי דזשוירנעמענס גילד און סט. דזשאָזעף“, אויף די „יונגע מענשען“, אָדער ווי די צייטווייליגע ברודערשאַפט פון שניידער־געזעלען פון 1415 ביז 1417, אויף אַ קרייז פון יונגע און ניט־באַזעסענע מענשען, פון

ווענען ניט־ערפאַהרענע רייהען עס וואָלט שווער געווען צו קריגען גענוג גוטע טרייד־יוניאָן פיהרערס.

עס איז דעריבער גרינג צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי דאָס קומט, אַז כאָטש צו אַלע צייטען האָבען עקזיסטירט אינדוסטריעלע אונ־טערדריקונגען, געפינען מיר אָבער דעם איבערגאַנג פון צייטווייליגע פאַראייניגונגען אין באַשטענדיגע פאַר־געזעלשאַפטען ערשט דאַן, ווען די געענדערטע באַדינגונגען אין דער אינדוסטריע האָבען גאַנץ שטאַרק פאַרקלענערט די אויסזיכטען פון דעם אַרבייטער צו ווערן אַ מייסטער פאַר־זיך.

דער דאָזיגער שלוס ווערט אונטערשטיצט דורך דער ערפאַהרונג פון אַ עהנליכען פאַל היינט־צו־טאָג אין לאַנקאַשייר. די פאַר־קניפּערס, וועלכע העלפען די שפינערס, וואָס ארבייטען אויף דער „מולע"־מאַשין, ווערן באַשעפטיגט און קריגען זייער געצאָהלט פון די באַוועל־שפינערס, פאַר ווענען זיי אַרבייטען. דער „גרויסער פאַרקניפּער" איז אָפטמאָל אַ דערוואַקסענער מאַן, וואָס איז פונקט אַזוי געשיקט ווי דער שפּינער אַליין, וועלכער צאָהלט איהם אָבער אַ גאַנץ נידעריגען לוין. פונדעסטוועגען, כאָטש די באַוועל־אַר־בייטער צייגען ארויס אַ מערקווירדיגע נייגונג צום טרייד־יוניאָניזם, זיינען די פאַרזוכען צו גרינדען אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע פון די פאַרקניפּערס שטענדיג דורכגעפאַלען. דער ענערגישער און געשיקטער פאַרקניפּער, וועלכער האַלט אין איין וואַרטען אויף דער מינוט ווען ער וועט ווערן אַ שפּינער, איז גיכער פאַראינטע־רעסירט צו פאַרקלענערן די שכירות פון דעם פאַקניפּער, איידער זיי צו פאַרגרעסערן. די פיהרער פון יעדער נייער באַוועגונג צווישען די פאַרקניפּערס האָבען נויטווענדיגערוייז געמוזט פון איהר אַרוים־פאַלען, אַזוי גיך ווי זיי אַליין זיינען געוואָרן די אַרבייטסגעבער פון דעם קלאַס, פון וועלכען זיי זיינען דערהויבען געוואָרן. דאָך, הגם די לאַנקאַשיירער פאַרקניפּערס האָט זיך קיינמאָל ניט איינגע־געבען צו פאָרמירן אַ זעלבסטשטענדיגע טרייד־יוניאָן, זיינען זיי ניט געבליבען אָהן זייערע פאַראיינען, אין די קאָנסטיטוציעס פון וועלכע מיר קאָנען געפינען אַ שטיקעל אָנדייטונג אויף דער שייכות צווישען דעם צעד פון די מייסטער־האַנטווערקער און דער „באַטשע־לאָרס קאָמפּאַניע", אָדער אַן אַנדער אונטערגעאָרדענטע פאַראיין,

אין וועלכע געזעלען האָבען געקענט זיין איינגעשלאָסען. די שפּינערס, צוליעב זייערע אייגענע צוועקען, האָבען צונויפגענומען די פּאַרקניפּערס אין פאַראיינען. די דאָזיגע פאַראיינען, אין וועלכע די מיטגלידשאַפט איז געוועהנליך אַ געצוואונגענע, פאָרמירען אַ אונטערגעאָרדענטען טייל פון דער שפּינערס טרייד־יוניאָן, וואו די באַאַמטע באַשטימען און זאַמלען די בייטראָגען, פאַרפאַסען די תקנות, פאַרטיילען די פאָנדען און פאַרוואַלטען אין יעדער הינזיכט אַלע אַנגעלעגענהייטען, לחלוטין ניט אַנפרעגענדיג זיך ביי די פּאַרקניפּערס גופא. עס איז דעריבער ניט שווער צו פאַרשטעהן, אַז די מייסטער בעלי־מלאכות, פון וועלכע עס איז באַשטאַנען דער טריבונאַל פון אַ מיטעלאַלטערליכען צעך, האָבען פּונקט אויף אַזאַ אופן געקאָנט געפינען פאַר ניצליך צונויפצונעהמען די געזעלען אָדער אַנדערע נידעריגערע מיטגלידער פון דעם פאַך אין אַ אונטערגעאָרדענטער ברודערשאַפט, פאַר וועמען זיי האָבען באַשטימט די פערטעל־יעהרליכע בייטרעגע, אַנגעשטעלט די „אויפזעהערס“ אָדער „במקום־אויפזעהערס“, פאַרוואַלטעט די פאָנדען און אין יעדער הינזיכט קאָנטראָלירט די אַנגעלעגענהייטען, ניט דערלאָזענדיג די געזעלען זיי זאָלען האָבען וועלכע עס איז דעה אין די פאַרהאַנדלונגען.

אויב עס זאָל נויטיג זיין ווייטערדיגע באַווייזען, אַז די אויסזיכט אויף אַרויפצואַרבייטען זיך עקאָנאָמיש האָט געשטערט די פאָרמירונג פון שטאַנדהאַפטע פאַראייניגונגען, וואָלטען מיר געקאָנט ברענגען דעם פאַקט, אַז געוויסע קלאַסען פון געלערנטע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו ווערן אַרבייטסגעבער, האָט זיך קענטיג יאַ איינגעגעבען צו גרינדען דויערהאַפטע פאַראייניגונגען, וועלכע דאָס געזעץ האָט געמוזט אונטערדריקען. די מויערער, צום ביישפּיעל, האָבען שוין לאַנג צוריק געהאַט זייערע „יעהרליכע קאָנגרעגאַציעס און קאָנפעדעראַציעס, וואָס זיינען באַשטאַנען אין זייערע געמיינשאַפטליכע טשאַפּטער צוזאַמענקונפטען“, וועלכע זיינען אויסדריקליך פאַרבאָטען געוואָרן דורך אַ פּאַרלאַמענט־אַקט אין 1425. און די ציגעלמאַכערס פון וואָרקעסטער זיינען פאַראָרדענט געוואָרן פון דער געמיינדע אין 1467, ניט „איינצופיהרן ביי זיך קיין פּאַרלאַמענט“. עס איז ווירקליך גאַנץ

מעגליך, אז די מויערער, ארומוואנדערנדיג איבער'ן לאַנד פון איין ארבייט צו אַ צווייטער, זיינען געווען פאראייניגט ניט אין אַ וועל־כער עס איז לאָקאַלער גילדע, נאָר אין אַ נאַציאָנאַל פארשפרייטער פאַר־ברודערשאַפט. אזא מין פאראייניגונג, ווען ווייטערדיגע פאָר־שונגען זאָלען ווארפען מעהר ליכט אויף איהר געבוי און טעטיגקייט, קאָן זיך גאַנץ מעגליך ארויסצייגען, אז זי זאָל זיין אין אַ סך פונקטען עהנליך צו דער היינטיגער „פרענדלי סאָסייעטי אָוו אָפערייטיוו סטאָונמייסאָנס", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1832.

אָבער דער מויערער פון מיטעלאַלטער האָט ניט געאַרבייט, ווי דער ארבייטער פון די מאָדערנע בוי־פאַכען, פאַר אַ מייסטער־אונטערנעהמער, נאָר פאַר דעם קונד גופא, וועלכער האָט באַ־זאָרגט די מאַטעריאַלען, האָט אויפגעפאַסט אויף דער ארבייט און האָט אַנגעשטעלט, פאַר אַ באַזונדערן טעגליכען לוין, אי די גע־לערנטע מעכאַניקער, אי זייערע העלפערס אָדער לערן־יונגען. אין געגענזאַץ צו די שטאָדטיגע בעלי־מלאכות זיינען די מויערערס, ציגעלמאַכערס א. אז. וו., פון דער צייט וואָס זיי זיינען ארויס פון דער לעהר ביז דעם סוף פון זייער ארבייטער־לעבען, פארבליבען אין דערזעלבער עקאָנאָמישער לאַגע, אַ לאַגע, וועלכע איז אין די אַנדערע פאַכען געווען אַן איבערגאַנגס־שטופע צווישען דעם מייס־טער־בעל־מלאכה און דעם געזעל. פונקט ווי דער היינטיגער דאָר־פישער בויטישלער אויפ'ן לאַנד, וועלכער ארבייט פון שטיק, זיינען זיי געווען זעלבסטשטענדיגע פראָדוצירער, וועלכע האָבען קאָנטראָ־לירט די מעטאָדען פון זייער טרייד און האָבען געהאַנדעלט דירעקט מיט דעם קונד. אָבער גאַנץ אַנדערש פון דעם טיפּישען מייסטער־בעל־מלאכה פון די האַנטווערק־פאַכען, האָבען זיי פארקויפט ניט מעהר ווי זייער ארבייט, און ניט מעהר ווי זייער אייגענע ארבייט, פאַר רעגולירטע אַנערקענטע פרייזען, און האָבען זיך ניט אינטע־רעסירט מיט מאַכען פראָפיטען ביים קויפען אָדער פארקויפען מאַטעריאַלען, אַזוי גוט ווי ביים דינגען פרעמדע ארבייטער. די שטאַנדהאַפטיגקייט פון זייער פאראייניגונגען איז דעריבער ניט געשטערט געווען דורך יענע איינפלוסען, וועלכע, ווי מיר האָבען געזעהן, האָבען זיך אין ענגלאַנד ארויסגעוויזען שעדליך אין די

עהנליכע אונטערנעהמונגען פון די געדונגענע ארבייטער פון די האַנט־פאַכען.

אַבער, אויב דער ביישפּיעל פון די בוי־פאַכען אין מיטעלאַלטער אונטערשטיצט אונזער אויספיהר בנוגע די אורזאַכען פון דעם לאַנגזאַמען וואַקסען פון פאַראייניגונגען ביי די אַרבייטער אין אַנדערע פאַכען, וואָלטען די „יעהרליכע קאָנגרעגאַציעס און קאָנ־פעדעראַציעס“ פון די מויערער אַליין געקאָנט אַרויסרופען אונזער אויפמערקזאַמקייט אַלס ביישפּיעלען פון פריהען טרייד־יוניאָניזם. וועגען דעם געבוי, טעטיגקייט, אָדער די לעצטע ענטוויקלונג פון די דאָזיגע מיטעלאַלטערליכע פאַראייניגונגען אין די בוי־פאַכען ווייסען מיר לײדער גאָרנישט. עס איז מערקווירדיג, אַז אַזוי ווייט ווי מיר ווייסען, איז ניטאָ קיין שפּור פון זייער עקזיסטענץ שפּעטער פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט. אין דער צייט פון אַכ־צעהנטען יאָהרהונדערט, ווי מיר וועלען זעהן, איז קיין דוחק ניטאָ אין אויסקונפטען וועגען אַרבייטער־פאַראייניגונגען אין כמעט אַלע אַנדערע געלערנטע פאַכען. די אַרבייטסגעבער, ווי עס שטעלט זיך אַרויס, האָבען כסדר געהאַלטען אין לויפען צום פּאַרלאַמענט זיך באַקלאָגען אויף די שלעכטע מעשים פון זייערע אַרבייטער. אָבער פון פאַראייניגונגען אין די בוי־פאַכען האָבען מיר פּאַקטיש קיין שפּור ניט געפונען ביז גאָר צום סוף פון יאָהרהונדערט. דעריבער, ווען מיר זאָלען זיך האַלטען שטרענג ביי דעם בוכשטאַב פון אונזער אויסטייטשונג, אָננעהמענדיג די קאָנפעדעראַציע פון די מויערער אַלס אַ טרייד־יוניאָן, וואָלטען מיר געווען געצוואונגען צו באַטראַכ־טען די בוי־פאַכען פאַר אַן אינדוסטריע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר דעם זעלטענעם ביישפּיעל, וואָס זי האָט געהאַט אַ פּעריאָדע פון טרייד־יוניאָניזם אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט; דאַן איז זי אַריבער פאַר אַ פּאָר הונדערט יאָהר אין אַ צושטאַנד, אין וועלכען טרייד־יוניאָניזם איז געווען אוממעגליך; און צולעצט איז זי צוריק אַריבער אין אַ לאַגע, אין וועלכער טרייד־יוניאָנס האָבען געבליהט. אונזער אייגענער איינדרוק אָבער איז, אַז עס איז ריכטיגער צו באַטראַכטען די „קאָנגרעגאַציעס און פעדעראַ־ציעס“ פון די מויערער אַלס די ענטשטעהונגס־שטופע פון אַ גילדע פון מייסטער־האַנטווערקער, איידער פון אַ טרייד־יוניאָן.

עס שיינט אונז, אז עס איז פאראן א שארפער אונטערשייד צווי־שען דער עקאנאמישער לאגע פון ארבייטער, וועלכע פארדינגען זיך צום אינדיווידועלען געברויכער דירעקט און יענע, וועלכע ארבייטען, פונקט ווי דער היינטיגער טיפישער טרייד־יוניאניסט, פאר אן ארבייטסגעבער, וואס שטעהט צווישען זיי און דעם ווירק־ליכען פארברויכער און וועלכער דינגט זייער ארבייט כדי צו מאכען פון דעם אזא פראפיט, וואס זאל איהם באווארענען מיט זיין „לוין פאר דער פארוואלטונג“. מיר דענקען, אז מיט דער פארפיינערונג פון דער הויזליכער ארכיטעקטור האבען די בעסערע בעלי־מלאכות מעהר און מעהר געשטרעבט צו ווערן קליינע מייס־טערס, און יעדער ארגאניזאציע פון אזעלכע בעלי־מלאכות איז אומבאמערקט אריבערגעגאנגען אין דעם געוועהנליכען טיפ פון א מייסטער־גילדע.* אונטער אזא אינדוסטריעלען סיסטעם וואלט דער געזעל געהאט דיזעלבע אויסזיכטען זיך עקאנאמיש ארויפ־צוארבייטען, וואס האט געשטערט דעם וואקסען פון באשטענדיגע פאראייניגונגען אין די געוועהנליכע פאכען; און אט אין דעם פאקט

* אזא געזעלשאפט פון מייסטער־בעלי־מלאכות זעהען מיר אין דער מויערערס „לאדזש אוו אטשיסאנ׳ס הייווען“, וועלכע האט דעם 27טען דעצעמבער, 1735, אנגענומען די פאלגענדע רעזאלוציע: „די קאמפאניע פון אטשיסאנ׳ס הייווען“, זייענדיג פארזאמעלט, האט געפונען ענדריו קינגהארן שולדיג אין דעם שרעקליכסטען פארברעכען קעגען דעם גאנצען מויערער־פאך, און אין ניט אונטערווארפען זיך דער קאמ־פאניע, אננעהמענדיג זיין ארבייט אזוי ביליג, אז קיין מענש קאן זיין ברויט דערביי ניט פארדינען. דערמיט וואס ער האט זיך ניט אונטער־ווארפען, האט ער זיך אליין אויסגעשלאסען פון דער דערמאנטער קאמ־פאניע; און דעריבער טוט דא די קאמפאניע באשליסען, אז קיין מענש, ניט קיין ברודער ארבייטער, ניט קיין לערן־געזעל זאל פון איצט אן ניט ארבייטען אלס העלפער פאר דער דערמאנטען ענדריו קינגהארן, אונ־טער דער שטראף פון אפגעשניטען ווערן אזוי ווי ער. דאס אייגענע, אויב ווער עס איז וועט נאכפאלגען דעם ביישפיעל פון דעם דערמאנטען ענדריו קינגהארן, אנצונעהמען ארבייט פאר אכט שאטישע פונט פאר א רוד (16½ פוס), ווען די ווענט זיינען צוואנציג פוס הויך, אדער רינעס פאר אכצעהן שאטישע פענים פאר א פוס, זאלען זיי אפגעשניטען ווערען אויף דעמזעלבען אופן. („סקעטש אוו דהי אינקארפארײשאן אוו מייסאנס“, פון דזשיימס קרוקשאנק (גלאזגאו, 1879), ז. 131, 132.)

ליגט די ערקלערונג, פאַרוואָס עס איז לחלוטין קיין באַווייז ניטאָ פאַר דער עקזיסטענץ פון וועלכען עס איז טרייד־יוניאָניזם אין די בוי־פאַכען ביז אַרונטער צום סוף פון אַכצעהנטען יאָהרהונ־דערט.* ווען אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער בוי־מייסטער אָדער קאָנטראַקטאָר האָט אָנגעהויבען באַזייטיגען דער מייסטער־מויערער, דעם מייסטער־טינקעווער א. אַז. וו., און דער דאָזיגער קלאַס פון קליינע „אונטערנעהמער" האָט ווידער געמוזט אָפּטרעטען זיין פּלאַץ דער היעראַרכיע פון געדונגענע אַרבייטער, האָבען טרייד־יוניאָנס, אין דעם מאָדערנעם זין, אָנגעהויבען צו ענטשטעהן.**

* טהאָראָלד ראָדזשערס ווייזט אויף, אַז דער גלאָק־טורעם פון דער מערטאָן גימנאַזיע איז געבויט געוואָרען אין 1448-50 דורך דירעקט אָנגעשטעלטע פאַר לוין. דער נייער פיער־עקיגער הויף, אין אָנהויב פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען באַזונדער אויף קאָנטראַקט צו אַ מייסטער־מויערער און אַ מייסטער־טישלער, אָבער די גימנאַזיע האָט נאָך אַלץ צוגעשטעלט אַלע מאַטעריאַלען. („היסטאָרי אָוו אַגריקאָלטשור ענד פּרייסעס", ב. 1, ז. 258-60; ב. 3, ז. 720-37; ב. 5, ז. 478, 503, 629.)

** אין פאַרבינדונג דערמיט מעג מען דערמאָנען די לאָנדאָנער וואַסערלייט (שיפערס), וועלכע האָבען שטענדיג געהאַנדעלט דירעקט מיט זייערע קונדען, און ביי וועמען עס איז געווען אַ טראַדיציע, אַז זיי זיינען כסדר געווען אָרגאַניזירט זינט 1350. די מאַכט צו רעגולירען דעם שיפער־טרייד איז אין 1555 באַוויליגט געוואָרען דורך אַ פּאַרלאַ־מענט־אַקט צו דער דעמאָלסטיגער אינקאָרפּאָרירטער „טהיימז וואָטערמען ענד לייטהערמען קאָמפּאַניע", וועמעס פערוואַלטונג עס איז קענטיג גע־לעגען אין די הענט פון די מייסטערס־אויסלאָדער. די שיפערס, וועלכע האָבען קיין מייסטערס ניט געהאַט, זיינען געווען געצוואונגען אַרויס־צוקריגען זייער פריינהייט פון אָט דער „קאָמפּאַניע", און די עקזיס־טירענדע טרייד־יוניאָן, די „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו וואָטערמען ענד לייטהערמען" איז געגרינדעט געוואָרען אין 1872 מיט דעם אויס־דריקליכען צוועק, אַרויסצוקריגען אַ געוויסע פאַרטרעטערשאַפט אין דער פאַרזאַמלונג פון דער קאָמפּאַניע. פריהערדיגע פאַראייניגונגען פון שי־פער־אַרבייטער פאַר פאַך־צוועקען, ווייזט אויס, האָבען עקזיסטירט אין 1789 (אַ „ראָדערהייט סאָסייעטי אָוו וואָטערמען") און אין 1799 (פרענדלי סאָסייעטי אָוו וואָטערמען, קורסירט געוועהנליך ביי הער־מיטיידזש סטעירז אין סט. דזשאָנס פעריש, וואָפּינג"); און מעטיו

מיר האבען זיך אביסעל לענגער אפגעשטעלט אויף אט די צייטווייליגע פאראייניגונגען פון לוין־ארבייטער און אויף די געזעלען ברודערשאפטען פון מיטעלאלטער, ווייל מען וואלט גאנץ גוט געקאנט אנווייזען, אז זיי זיינען אין א געוויסען זין געווען די פארלויפער פון דער טרייד־יוניאן. עס איז אבער גאנץ מערקווירדיג, אז מען האט געוועהנליך געזוכט דעם אורשפרונג פון טרייד־יוניאניזם ניט אין אט די אינסטיטוציעס. מענשען האבען זיך געווענדט נאך די פארלויפער פון דעם מאדערנעם טרייד־יוניאניזם ניט צו די מיטעלאלטערליכע פאראייניגונגען פון די לוין־ארבייטער, נאר צו די פון זייערע ארבייטסגעבער, — דאס הייסט, צו די האנטווערקער־גילדעס.* די אויסערליכע עהנליכקייט פון דער טרייד־יוניאן צו דעם האנטווערקער־צעך האט א לאנגע צייט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט, סיי פון די פריינד, סיי פון די שונאים פון טרייד־יוניאניזם; עס איז אבער געווען די פארעפענטליכונג פון פראפעסאר ברענטאנא'ס בריליאנטענע פארשונג וועגען דעם „אורשפרונג פון טרייד־יוניאס", וואס האט געגעבען אויסדרוק דער פאפולערער אידעע.** אהן וועלכער עס איז אנ־

באשריבט אין 1850 לאקאלע „טוירנוועי סאסיועטיס", וואס האבען רעגולירט די איינטיילונג פון קונדשאפט, און א „וואטערמענס פראטעקטיוו סאסיועטי", צו ווידערשטעהן ניט־פרייע. („לאנדאן לייבאר ענד לאנדאן פור", לאנדאן, 1851.)

* שאנץ אבער, אין זיין „צור געשיכטע דער דייטשען געזעלענפערבענדע" (לייפציג, 1877), באהויפטעט, אז די פאראיינען פון געזעלען, וועלכע האבען אין דייטשלאנד געבליהט זייט ביי זייט מיט די האנטווערקער־גילדעס פאר דעם „דרייסיג־יאהריגען קריעג" (1618), זיינען אין גרונט גענומען טאטזעכליך געווען טרייד־יוניאנס. פארגלייך שמאלער'ס „סטראסבורגער טוכער און וועבער צונפט" (סטראסבורג, 1879.)

** דר. ברענטאנא'ס אפהאנדלונג איז צוערשט ערשינען אלס פארווארט צו טאולמין סמיטה'ס „אינגליש גילדס", ארויסגעגעבען פון דער „אוירלי אינגליש טעקסט סאסיועטי" אין 1870. שפעטער איז עס געווען איבערגעדרוקט באזונדער אלס „דהי היסטארי ענד דעוועלאפמענט או גילדס ענד דהי ארידזשין או טרייד־יוניאנס" (לאנדאן, 1870), — און אט אויף דער אויסגאבע בארופען מיר זיך. דר. ברענטאנא'ס גרעסערע ארבייט: „די ארבייטער־גילדען דער געגענווארט" (לייפציג,

דייטונג, אַז מען קאָן געפינען וועלכען עס איז צוזאַמענהאַנג צווישען דער מיטעלאַלטערליכער גילדע און דער מאָדערנער טרייד־יוניאָן, האָט דר. ברענטאַנאָ ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז איינע איז אויף אַזוי וויט די נאָכפאָלגערין פון דער אַנדערער, דאָס ביידע אינסטיטוציעס זיינען ענטשטאַנען אונטער דעם צוזאַמענברוך פון אַן אַלטען סיסטעם, און ביי יענע מענשען, וועלכע האָבען געליטען פון דער דאָזיגער אויפלייזונג, כדי צו זיין ביכולת אויפצוהאַלטען זעלבסטשטענדיגקייט אַן אָרדנונג". און ווען מר. דזשאָרדזש האָועל האָט אין אָנהויב פון זיין געשיכטע פון טרייד־יוניאָניזם ווידערהאָלט דר. ברענטאַנאָ'ס אויסקונפט וועגען די גילדעס, איז עס אָנגענומען געוואָרן, אַז די טרייד־יוניאָן איז ווירקליך, אויף עפּעס אַן אומבאַשטימטען אופן, ענטשטאַנען פון די האַנטווערקער־גילדעס.* מיר האַלטען עס דעריבער פאַר אונזער

2 בענדער, 1871-2) ענטהאַלט אין זיך די דאָזיגע אָפּהאַנדלונג, ווי אויך זיין אַרטיקעל אין דער „נאָרט בריטיש רעוויו" פאַר אָקטאָבער 1870, וועגען „דער וואַקסען פון אַ טרייד־יוניאָן". עס איז ניט מעהר ווי רעכט צו זאָגען, אַז אין אָט דער פאָרשונג פון „ענגלישער טרייד־יוניאָן געשיכטע", די באַדייטענדסטע וואָס איז ווען ערשינען, אונטערשטיצט דר. ברענטאַנאָ מיט גאָרנישט דער פּאָפּולערער אידעע, אַז די טרייד־יוניאָנס שטאַמען ווירקליך אָפּ פון די גילדעס. אין די „קאָבדען קלאָב עסעיס" (לאָנדאָן, 1872), געפינט זיך אַ גוטער אַרטיקעל וועגען טרייד־יוניאָניזם פון מר. דזשאָזעף גאָסטיק, אין וועלכען עס ווערט באַוויזען, אַז די דאָזיגע פאַראייניגונגען זיינען געווען אומבאַקאַנט אין ענגלאַנד פאַר דעם אַכצעהנטען יאָהונדערט און האָבען קיין שייכות ניט געהאַט מיט די גילדעס.

* די ערשטע הונדערט זייטען פון מר. דזשאָרדזש האָועל'ס „קאָנפליקטס אָוו קעפּיטעל ענד לייבאָר" (לאָנדאָן, ערשטע אויפלאַגע, 1877; צווייטע אויפלאַגע, 1891) זיינען אַ גענויע ווידערהאָלונג פון דר. ברענטאַנאָ'ס אָפּהאַנדלונג, וועלכע ערשיינט כמעט אינגאַנצען, אָפּטמאָל מיט דיזעלבע ווערטער, אַלס מר. האָועל'ס אייגענס. אָבער שוין אין 1871 האָט דר. ברענטאַנאָ, אין זיין „אַרביטערגילדען דער געגענוואַרט", אויסדריקליך פאַרבונדען די טרייד־יוניאָנס, אַזוי ווי שאַנץ, ניט מיט די גילדעס, נאָר מיט די געזעלען־ברודערשאַפטען, וועלכע, ווי ער דענקט, האָבען קענטיג „ערוואַכט, אונטער געענדערטע אומשטענדען, צו נייע כחות און לעבען, און צו אַ נייער טאַקטיק."

חוב אַרונטערצוגעהן פון וועג אונטערזוכען די שייכות צווישען דעם מיטעלאַלטערליכען צעך און דער מאָדערנער טרייד־יוניאָן. אויב עס זאָל קאָנען באַוויזען ווערן, אַז די טרייד־יוניאָנס זיינען אין וועלכער עס איז הינזיכט געוועזן די יורשים פון די אַלטע גילדעס, דאַן וועט עס זיין קלאָר, אַז מיר דאַרפען אויספאָרשען די ענטשטעהונג פון די לעצטע.

די השערה, אַז די טרייד־יוניאָנס שטאַמען־אָפּ פון דעם מי־טעלאַלטערליכען האַנטווערקער־צעך, אַזוי ווייט ווי מיר האָבען עס געקאָנט אויסגעפינען, האָט קיין באַוויז ניט פאַר זיך. די געשיכט־ליכע באַווייזען געהען להיפוך צו דעם. אין לאָנדאָן, למשל, האָט מעהר ווי איין טרייד־יוניאָן אָנגעהאַלטען אַ ניט־אונטערבראָכענע עקזיסטענץ זינט דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. די האַנטווער־קער־גילדעס עקזיסטירן נאָך אין די „סיטי־קאָמפּאַניעס“, און ביי קיין פּונקט אין זייער געשיכטע געפינען מיר ניט דעם קלענסטען באַוויז, אַז עס זאָל זיך פון זיי האָבען אָפּגעצווייגט אַרבייטער־געזעלשאַפטען. אַרום דעם 18טען יאָהרהונדערט האָבען די לאָנדאָנער אַרבייטער געהאַט פאַרלאָרן יעדען אַנטייל, וואָס זיי האָבען ווען עס איז אפשר אַמאָל געהאַט אין די קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבען שוין אויפגעהערט צו האָבען וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט די טריידס, פון וועלכע זיי האָבען געטראָגען די נעמען.* עס ווערט אָפּט אָנגענומען, אַז די לאָנדאָנער „קאָמפּאַניעס“ האָבען געהאַט אַן אויסנאַהם געשיכטע און אַז אין שטעדט, וואו די גילדעס האָבען דורכגעמאַכט אַ נאָרמאַלע ענטוויקלונג, האָט פון זיי געקאָנט ענט־שטעהן די מאָדערנע טרייד־סאָסייעטי. די דאָזיגע השערה האָט

---

* אַזוי לאַנג ווי די קאָמפּאַניעס האָבען נאָך געקאָנט אויסאיבען וועלכע עס איז יוריסדיקציע איבער זייערע טריידס, געפינען מיר (ווי אין דעם פאַל פון די לאָנדאָנער זאָקען־שטריקער און די דובלינער זייד־דענוועבער), אַז זיי זיינען געשטיצט געוואָרען פון יעדער אַרבייטער־פאַראייניגונג וואָס האָט עקזיסטירט. אין אויסנאַהם־פאַלען, ווי די לאָנדאָנער בערשטער, קערבפלעכטער און שיפער, געפינען מיר די דאָ־זיגע פאַרבאַנדען פאַר דער אויסשליסונג פון „ניט־געזעצליכע מענשען“ עקזיסטירענדיג ביז אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט און (וואָס אַנבאַלאַנגט די שיפער) ביז היינט־צו־טאָג.

ניט קיין בעסערן יסוד ווי די ערשטע. ניט אין בריסטאָל און ניט אין פּרעסטאָן, ניט אין ניוקאַסטל און ניט אין גלאַזגאָו, זיינען מיר געווען ביכולת צו געפינען דעם קלענסטען צוזאַמענהאַנג צווי־שען די לאַנגזאַם אויסשטאַרבענדע גילדעס און די אויפקומענדע טרייד־יוניאָנס. אין שעפיעלד האָט מר. דזש. מ. לודלאָוו, באַרו־פענדיג זיך אויף אַ באַריכט פון מר. פרענק היל, איינמאָל אויס־דריקליך ערקלערט, אַז אַ דירעקטע פאַרבינדונג קאָן באַוויזען ווערן. אַ גרינטליכע אונטערזוכונג פון דעם כאַראַקטער און דער געשיכטע פון דער נאָך בליהענדער „קאָטלערס' קאָמפּאַניע" באַווייזט, אַז אָט די אויסשליסליכע פּראַיווילעגיעס פון מייסטערס האָט צו קיין צייט ניט ארויסגעגעבען אָדער ארויסגעבראַכט וועלכע עס איז פון די צאָהלרייכע טרייד־יוניאָנס, מיט וועלכע שעפיעלד איז פול. עס בלייבט נאָך דער פאַל פון דובלין, וואו איינינע פון די עלטערע יוניאָנס אליין באַהויפּטען, אַז זיי שטאַמען־אָפּ פון די גילדעס. אָבער אויך דאָ צייגט זיך ארויס, נאָך אַ גרינטליכער אונטערזוכונג, אַז ניט נאָר איז ניט פאַראַן וועלכער עס איז צוזאַמענהאַנג אָדער דירעקטע אָפּשטאַמונג, נאָר אַז עס האָט גאָר ניט געקאָנט זיין וועלכע עס איז אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישען די אויסשליסליך פּראָטעסטאַנטישע גילדעס, וועלכע זיינען ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן ביז 1842, מיט די דורכאויס רוימיש־קאַטוילישע טרייד־יוניאָנס, וועלכע האָבען דערגרייכט זייער גרעסטען איינפלוס מיט אַ סך יאָהרען פריהער. מיר באַהויפּטען ווירקליך, מיט געוויסער זיכער־קייט, אַז אין קיין פאַל איז אין דער פאַראייניגטער מלוכה קיין טרייד־יוניאָן ניט ענטשטאַנען, ניט דירעקט און ניט אינדירעקט, פון אַ האַנטווערקער גילדע.

עס ווערט אָפט אָנגענומען אַלס אַ באַוויזענע זאַך, אַז די טרייד־יוניאָן, וואָס עס זאָל ניט געווען זיין איהר אורשפּרונג, פאַרטרעט דיזעלבע עלעמענטען און שפּיעלט דיזעלבע ראָלע אין דעם אינ־דוסטריעלען סיסטעם פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט, וואָס די האַנטווערקער גילדע פון מיטעלאַלטער. אַ קורצער אַנאַליז פון דעם וואָס איז באַוואוסט וועגען די גילדעס, וועט זיין גענוג צו באַווייזען, אַז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס, אפילו אין זייערע רייַנסטע טעג, זיינען געווען גרונט־פאַרשיידען, אי אין זייער צוזאַמענשטעל,

אי אין זייער טהעטיגקייט, פון דער מאָדערנער טרייד סאָסייעטי.

צוליעב דעם דאָזיגען פאַרגלייך וועט פאַר אונז ניט נויטיג זיין צו דיסקוטירן די קעגענגעזעצטע טעאָריעס פון היסטאָריקער בנוגע דעם כאַראַקטער און אורשפּרונג פון די האַנטווערקער גילדעס. פון איין זייט קאָנען מיר זיין איינפאַרשטאַנען מיט דר. ברענטאַנאָ'ן, ווען ער נעהמט־אָן, אַז די פרייע בעלי־מלאכות האָבען זיך פאַר־איינינגט, כדי ניט צו דערלאָזען אַז זייערע באַדינגונגען זאָלען פאַר־ערגערט ווערן און זייערע פאַרדיענסטען זאָלען פאַרקלענערט ווערן, און זיך צו שיצען קעגען „דעם מיסברויך פון מאַכט זייטענס די לאָרדען פון שטאָדט, וועלכע האָבען געזוכט צו מאַכען אַז די פרייע זאָלען זיין אָפּהענגיג פון די ניט־פרייע". פון דער אַנדער זייט מעגען מיר גלויבען צוזאַמען מיט דר. קאָנינגהעם, אַז די האַנטווערקער גילדען זיינען „געדופען געוואָרן אין לעבען ניט פון אַנטאַגאָניזם צו די עקזיסטירנדע אויטאָריטעטען, נאָר אַלס נייע אינסטיטוציע'ס, אויף וועלכע די שטאָדט־באַאַמטע אָדער דער לאָקאַלער „גילד־מוירטשאַנט" האָבען אריבערגעטראָגען אַ געוויסען טייל פון זייערע פליכטען", אַלס אַ מין „פּאָלים סיסטעם", דורך וועלכע די געמיינדע האָט פּאַקטיש קאָנטראָלירט די לאָקאַלע אינדוסטריען אין די אינטערעסען פון דעם קאָנסומענט. אָדער, מיר קאָנען ווידער אָננעהמען די צווישען־אַנזיכט, וואָס פּראָפעסאָר וו. דזש. אשלעי לעגט פאַר, אַז די גילדעס זיינען געווען זעלבסט־פאַרוואַלטענדע קערפּערשאַפטען פון בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען פאַרפאַסט זייערע אייגענע פאַד־תקנות, וואָס די מאַגיסטראַטען אָדער דער שטאָדט־ראַט האָבען געהאַט די פּאַקטישע, כאָטש ניט אינגאַנצען באַשטעטיגטע, אויטאָריטעט גוטצוהייסען אָדער צוריק־צואוואייזען, צום גונסטען פון די בירגער. יעדע פון די דאָזיגע דריי אַנזיכטען ווערט אונטערשטיצט פון צאָהלרייכע ביישפּיעלען, און כדי מען זאָל קאָנען פעסטשטעלען וועלכע טעאָריע עס פאַרטרעט דעם רעגעל און וועלכע דעם אויסנאַהם, וואָלט נויטיג געווען אַז מען זאָל זיין באַקאַנט מיט דער סטאַטיסטיק פון די האַנטווערקער גילדעס, פאַר וועלכער די מאַטעריאַלען זיינען נאָך ביז איצט ניט געזאַמעלט געוואָרן. עס וועט אַלזאָ זיין קלאָהר, אַז אויב דר. קאָנ־נינגהעמ'ס טעאָריע וועגען די האַנטווערקער־גילדעס איז די ריכטיגע,

דאָן קאָן קיין באַדייטענדע עהנליכקייט ניט זיין צווישען אַט די האַלב־מוניציפּאַלע קערפּערשאַפטען און די טרייד־יוניאָנס פון היינט. דר. ברענטאַנאָ ברענגט אָבער גענוגענדע באַווייזען, אַז די גילדעס האָבען געהאַנדעלט, וועניגסטענס אין געוויסע פּאַלען, ניט מיט וועלכער עס איז אָבזיכט צו באַשיצען דעם קאָנסומענט, נאָר ווי די היינטיגע טרייד־יוניאָנס, בלויז צו שיצען די איטערעסען פון זייערע אייגענע מיטגלידער — דאָס הייסט, פון איין קלאַס פּראָדוצירער. אָנגעהמענדיג אויף אַ מאָמענט די אָנזיכט, אַז די האַנטווערקער גילדע, ווי די טרייד־יוניאָן אָדער די אַרבייטסגעבערס' אַסאָציאַציע, האָט געהערט צו דעמזעלבען מין „פּאַראייניגונגען פון פּראָדוצירער“, לאָמיר אונטערזוכען אויף ווי ווייט די גילדע איז געווען עהנליך צו די מאָדערנע פּאַראייניגונגען פון לוין־אַרבייטער.

אַלזאָ, די צענטראַלע פיגור אין דער גילדע אָרגאַניזאַציע איז געווען, אין אַלע פּאַלען און אין אַלע פּעריאָדען פון איהר ענטוויקלונג, דער מייסטער־בעל־מלאכה, וועלכער איז געווען דער בעל־הבית איבער די פּראָדוקציאָנס־געצייג און דער פּאַרקויפער פון די פּראָדוקטען. עס קאָנען זיין פאַרשיידענע מיינונגען בנוגע דער לאַגע פון דעם געזעל אין דער גילדע אָדער וועגען דעם גראַד פון דער פאַרשקלאַפטער אַרבייט אויסערהאַלב דער גילדע. מען מעג האָבען פאַרשיידענע אָנזיכטען אויף ווי ווייט זי האָט זיך ווירקליך געקימערט וועגען די אינטערעסען פון דעם קאָנסומענט, וואָס שיינט צו זיין דער אייגענטליכער צוועק פון פיעלע פאַראָרדענונגען פון דער גילדע. אָבער דורך דעם גאַנצען לויף פון דער געשיכטע פון דער גילדע איז דער מייסטער בעל־מלאכה, קאָנטראָלירענדיג די אַרבייטס־מעטאָדען און דעם פּאַרקויף פון די פּראָדוקטען פון זיין קליינער אינדוסטריעלער גרופּע, געווען דער פּראַקטישער פאַרוואַלטער פון דעם גילדע־סיסטעם און דער דאָמינירנדער איינפלוס אין איהר.* קורץ, דער טיפּישער גילדע־מיטגליד איז

* דר. ברענטאַנאָ אַליין מאַכט עס קלאָר. „מיר טאָרען ניט פערגעסען, אַז די גילדעס זיינען ניט געווען קיין יוניאָנס פון אַרבייטער אין דעם היינטיגען זין פון וואָרט, נאָר פון פערזאָנען, וועלכע, מיט דער הילף פון אַביסעל קאַפּיטאַל, האָבען אָנגעפיהרט זייער האַנטווערק אויף זייער

ניט געווען אינגאַנצען, אָדער אפילו ניט איבערהויפּט, אַ פּראָסטער אַרבייטער. קודם האָט ער צוגעשטעלט ניט נאָר דעם נויטיגען קאַפּיטאַל פאַר זיין אינדוסטריע, נאָר אויך יענע באַקאַנטשאַפט מיט דעם מאַרק, סיי פון רויהע מאַטעריאַלען סיי פון פּראָדוקטען, וואָס איז די ספּעציעלע אויפגאַבע פון דעם „אונטערנעהמער“. די עקאָנאָמישע פונקציעס און די פּאָליטישע אויטאָריטעט פון דער גילדע זיינען ניט געווען באַזירט אויף דעם, וואָס זי האָט געזאָלט ענטהאַלטען אין זיך כמעט אַלע בעלי־מלאכות, נאָר אויף דעם וואָס אין איהר האָבען זיך געפונען די ווירקליכע אינדוסטריעלע פיהרערס פון דער צייט. אין דער מאָדערנער טרייד־יוניאָן, פאַרקעהרט, געפינען מיר ניט קיין פאַראיין פון „אונטערנעהמער“, וועלכע קאָנטראָלירן אַליין די מעטאָדען פון זייער אינדוסטריע און פאַרקויפען איהרע פּראָדוקטען, נאָר אַ פאַראייניגונג פון לוין־אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אונטער דער פיהרערשאַפט פון אינדוסטריע־קאַפּיטאַנען, וועלכע שטעהען אויסערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע. דאָס פאַנאַנדערטיילען אין באַזונדערע געזעלשאַפטליכע קלאַסען די קאַפּיטאַליסטען און קאָפּ־אַרבייטער אויף איין זייט, און די וואָס אַרבייטען מיט די הענט אויף דער צווייטער זייט, — די פאַקטישע צעשפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסען אַנשטאַט אין גרופּען, — איז מבטל יעדע באַהאַנדלונג פון דער טרייד־יוניאָן אַלס עטוואָס עהנליכעס צו דער האַנטווערקער־גילדע.

פון דער אַנדער האַנט, צו באַטראַכטען די טיפּישע האַנטווערקער־גילדע אַלס דעם פאָרגעהער פון דער מאָדערנער „אַרבייטסגעבערס' אַסאָציאַציע“ אָדער דעם קאַפּיטאַליסטישען סינדיקאַט, וואָלט געווען, לויט אונזער מיינונג, פּונקט אַזאַ גרויסער טעות, ווי צו גלויבען צוזאַמען מיט מר. האָועל, אַז זי איז געווען דער „ערשטער פאָרבילד“ פון דער טרייד־יוניאָן. דר. ברענטאַנאָ אַליין האָט אונ־

איינענעם חשבון. די קאַמפען פון דער גילדע זיינען פאָלגליך ניט געווען קאַמפען זיך צו ערווערבען פּאָליטישע גלייכהייט אין אַרבייט און אייגענטום, נאָר פאַר דער אָנערקענונג פון פּאָליטישער גלייכהייט פאַר דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל און גרונט־אייגענטום אין די שטעדט“. („גילדס ענד טרייד־יוניאָנס“, ז. 73.)

טערשטראָכען דעם פאַקט, וועלכער איז דערנאָך באַזונדער אַרויס־געבראַכט געוואָרן אין דער עפענטליכקייט פון דר. קאַנינגהעם, אַז די האַנטווערקער־גילדע איז באַטראַכט געוואָרן אַלס די פאָר־טרעטערין פון די אינטערעסען, ניט פון וועלכען עס איז איינציגען קלאַס, נאָר פון די דריי באַזונדערע און אין אַ געוויסער מאָס אַנטאַ־גאָניסטישע עלעמענטען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט: דעם קאַפּיטאַליסטישען „אונטערנעהמער“, דעם פּראָסטען בעל־מלאכה, און דעם קאָנסומענט בכלל. מיר דאַרפען דאָ ניט דיסקוטירן, צי עס איז געווען שכל׳דיג, וואָס זיי האָבען אין מיטעלאַלטער ניט געגלויבט אין פרייער קאָנקורענץ, אַלס אַ גאַראַנטיע פאַר דער עכטקייט און גוטער קוואַליטעט פון סחורות. עס געהט אונז אויך ניט אָן זייער השערה, אַז עס זיינען דאָ געמיינשאַפטליכע אינטע־רעסען צווישען אַלע קלאַסען פון דער געמיינדע. ביי דעם שטאַאַטס־מאַן, ניט ווייניגער ווי ביי דעם עולם, איז ווי עס שיינט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, אַז די לייטענדע מייסטער־בעלי־מלאכות פון דער שטאָדט דאַרפען אָנגעטרויט ווערן מיט דער מאַכט און די פליכט אויפצופאַסען, אַז ניט זיי און ניט זייערע קאָנקורענטען זאָל זיין ערלויבט אַרונטערצוזינקען דעם מאַסשטאַב פון פּראָדוקציע. „די הויפּט־אורזאַך“ — זאָגט די פּעטיציע פון דער „קאַרפּענטערס׳ קאָמפּאַניע“ אין 1861 — „פאַר אינקאָרפּאָ־רירן האַנטווערק־פאַכען און פּראָסטע מלאכות אין באַזונדערע קאָמ־פּאַניעס איז געווען מיט דעם צוועק, אַז אַלע פּערזאָנען, וואָס פּראַק־טיצירן אין אַזעלכע פאַכען, זאָלען אַריינגעבראַכט ווערן אין אַ גלייכמעסיגער פאַרוואַלטונג און זאָלען אויסגעבעסערט און רעגו־לירט ווערן פון ערפאַהרענע און געניטע פאַרוואַלטערס, אונטער געוויסע תקנות און פאַראָרדנונגען, באַשטימט פאַר דעם צוועק“. די לייטענדע מענער פון דער גילדע זיינען פאַקטיש געוואָרן באַ־אַמטע פון דער שטאָדט־פאַרוואַלטונג, נעהמענדיג אויף זיך די השגחה צו באַשיצען די געמיינדע פון פעלשונג און שווינדעל. דעריבער, ווען מיר האָבען אין זינען, אַז די האַנטווערקער־גילדע האָט געזאָלט פאָרטרעטען, ניט נאָר די אַלע מדרגות פון פּראָדוצירער אין אַ געוויסער אינדוסטריע, נאָר אויך די פאַרברויכער פון די פּראָדוקטען און דער געמיינדע

בכלל, וועט עס ווערן קלאר, אז עס איז אוממעגליך צו געפינען אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט אַ וועלכען עס איז איינציגען יורש פון איהרע פיעלפאַכע פונקציעס. די מאַכט און די פליכטען פון דעם מיטעלאַלטערליכען צעך זיינען פאַקטיש צעזייהט און צע־שפּרייט געוואָרן. די אונטערשטיצונגס־ געזעלשאַפט און די טרייד־יוניאָן, דער קאַפּיטאַליסטישער סינדיקאַט און די ארבייטסגעבערס' אַסאָציאַציע, דער פאַבריק־אינספּעקטאָר און דער באַאַמטער פון „קהל'שער צדקה", דער „שול־קאָמיטעט־אינספּעקטאָר" און די מו־ניציפּאַלע באַאַמטע, וואָס זוכען נאָך פעלשונגען און גיבען אַכטונג אויף אונזערע וואָגען און מאָסען — אַט די אַלע פּערזאָנען און אינסטיטוציעס קאָנען, מיט פּונקט אַזאַ רעכט, אַרויסגעשטעלט ווערן אַלס די נאָכפאָלגער פון דער האַנטווערקער־גילדע.*

הגם עס איז פאַראַן אַ גרינטליכער אונטערשייד אין דעם צונויפשטעל פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס, איז די פּאָפּולערע טעאָריע פון זייער עהנליכקייט לייכט ערקלערליך. קודם, איז עס די בילד־ליכע עהנליכקייט, וואָס דר. ברענטאַנאָ האָט ענטדעקט — די רעגו־לירונג פון דעם איינטריט, דער קאָסטען מיט די דריי שלעסער, דער געמיינשאַפטליכער מאָלצייט, די טיטלען פון די באַאַמטע א. אַז. וו. אָבער דאָס געפינט מען ביי אַלע מינים פאַראיינען אין ענגלאַנד. די טרייד־יוניאָנס האָבען אין דעם אַ חלק אַזוי גוט ווי די לאָקאַלע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען אָדער קראַנקען־קלובען, וועלכע האָבען עקזיסטירט איבער גאַנץ ענגלאַנד פאַר די לעצטע צוויי יאָהרהונדערטען. צי די דאָזיגע שטריכען זיינען אורשפּרינגליך אַרויסגעקומען פון די צעכען אָדער ניט, איז עס

---

* „מען רעדט אָפט פון דער היינטיגער טרייד־יוניאָן אַלס אַ גראַד־ליניגע אָפּשטאַמונג פון די אַלטע צעכען. עס איז אָבער ניטאָ קיין די־רעקטער אָדער אינדירעקטער צוזאַמענהאַנג צווישען די אַלטע און מאָ־דערנע פאָרמען פון פאַך־פאַראייניגונגען. אַ חוץ דעם פאַקט, וואָס זיי האָבען אַלע געהאַט אַלס זייער צוועק איינצופיהרען געוויסע פאַך־רעגולאַ־ציעס און צו באַוואָרענען זיך מיט געוויסע עהנליכע פאָרטיילען, האָבען זיי גאָרנישט געהאַט געמיינשאַפטליכעס".—„טרייד־יוניאָנס אַלס אַ מיטעל צו פאַרבעסערן די אַרבייטס־באַדינגונגען", פון מר. דזשאַהן בוירנעט, פאַרעפענטליכט אין „דהי קלעימס אָוו לייבאָר" (עדינבורג, 1886.)

אָבער אַ זיכערער פאַקט, אַז אין די מייסטע פאַלען האָבען זיי די טרייד־יוניאָנס גענומען, ניט פון די טראַדיציעס פון וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט, נאָר פון די עקזיס־טירנדע קליינע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען אַרום זיי. אין מאַנכע פאַלען קאָן מען די אָפּשטאַמונג פון די דאָזיגע פאָרמען און צערעמאָניעס מיט אַזוי פיעל רעכט צושרייבען צו די מיסטישע ריטואַלען פון די פריימויערער, ווי צו די אָרדינאַנצען פון די האַנט־ווערקער־גילדעס. די פאַנטאַסטישע ריטואַלען, וואָס זיינען כאַראַק־טעריסטיש אין דעם טרייד־יוניאָניזם פון 1829—34, וועלכע מיר וועלען באַשרייבען אין אַ שפּעטערדיגען קאַפּיטעל, זיינען גענומען געוואָרן, ווי מיר וועלען עס זעהן, פון די צערעמאָניעס פון דער „פרענדלי סאָסייעטי אָוו אָדדפעללאָוס“. מען זאָגט אונז אָבער, אַז זיי טראָגען סמנים פון אַ גראָבער נאָכאַהמונג פון אַ פריימויערער־שען ריטואַל. די „פרי קאָלליערס אָוו סקאָטלאַנד“ אין אונזער צייט, אַן ערשטער פאַרזוך צו גרינדען אַ נאַציאָנאַלע מינען־אַרביי־טערס׳ יוניאָן, איז געווען אָרגאַניזירט אין „לאָדזשען“, אונטער אַ „גרענד מאַסטער“, מיט אַ סך אויסדרוקען און מאַנכע כאַראַקטע־ריסטיקס פון די פריימויערער. קיינער וועט אָבער ניט באַהויפּטען, אַז עס איז פאַראַן וועלכע עס איז ממשות׳דיגע עהנליכקייט צווישען דעם דאָרפישען קראַנקען־קלוב און דער טרייד סאָסייעטי, און נאָך וועניגער צווישען פריימויערערטום און טרייד־יוניאָניזם. דער איינ־ציגער געמיינשאַפטליכער שטריך צווישען זיי אַלעמען איז דער גייסט פון פאַראייניגונג, וואָס קליידט זיך אין מעהר אָדער וועניגער עהנליכע פאָרמען.

אָבער אַנדערע עהנליכקייטען צווישען דער גילדע און דער יוניאָן, וואָס דר. ברענטאַנאָ ברענגט אַרויס, זיינען מעהר צום פּונקט. דער גרונט־צוועק פון דער יוניאָן איז צו שיצען דעם מאַסשטאַב פון אַן אָנשטענדיג לעבען — דאָס הייסט, אַן אָרגאַ־ניזירטער ווידערשטאַנד קעגען וועלכען עס איז נייעם איינפיהר, וואָס קאָן פיהרען צו דערנידעריגען דעם מעמד פון די לוין־אַרבייטער אַלס אַ קלאַס. אַז עס איז נויטיג אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע צו שיצען די מדרגה פון לעבען, איז געווען אַ וויכ־טיגער פּרינציפּ פון דער האַנטווערקער־גילדע, ווי דאָס איז פאַק־

טיש געווען פון דער גאַנצער מיטעלאַלטערליכער אָרדענונג. „אונ־זערע פּאַטערס" — האָט געשריבען קעניג זיגיזמונד אין 1434 — „זיינען קיין נאַראַנים ניט געווען. די צעכען זיינען געפּלאַנט געוואָרן מיט דעם צוועק: אַז יעדער איינער זאָל דורך זיי פאַרדינען זיין טעגליכען ברויט, און קיינער זאָל זיך ניט מישען אין דעם פאַך פון אַ צווייטען. דורך דעם ווערט די וועלט פּטור פון איהר עלענד און יעדער איינער קאָן זיך געפינען זיין חיונה". אָבער אין דער הינזיכט איז עס ניט אַזוי די עהנליכקייט צום צעך וואָס די טרייד־יוניאָן האַלט אויף, ווי דעם אַמאָליגען אָנגענו־מענעם פּרינציפּ פון דער מיטעלאַלטערליכער געזעלשאַפט, פון וועל־כען די פּאָליטיק פון דער גילדע איז ניט מעהר געווען ווי אַן איינציגער אויסדרוק. מיר ווילען ניט, אין אונזער היסטאָרישען איבערבליק פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, אריינלאָזען זיך אין דעם לאַנגען ויכוח וועגען דער פּאָליטישער ריכטיגקייט פון דער מיטעלאַלטערליכער טעאָריע וועגען דער געצוואונגענער אויפהאַל־טונג פון דעם לעבענס־סטאַנדאַרד, אַזוי גוט ווי פון אַזעלכע מאָ־דערנע פּראַקטישקייטען, ווי „קאָלעקטיווע אָפּמאַכען" פון איין זייט אָדער „פאַבריק־געזעצגעבונג" פון דער צווייטער. מיר ווילען דאָ אויך ניט דערווייזען, אַז די מיטעלאַלטערליכע טעאָריע איז ווען עס איז אַזוי ווירקזאַם און ערנסט דורכגעפיהרט געוואָרן, אַז זי זאָל ווירקליך האָבען פאַרזיכערט יעדען בעל־מלאכה מיט אַ בכבוד'ער חיונה. מיר אינטערעסירן זיך בלויז מיט דעם היסטאָ־רישען פאַקט, ווי מיר וועלען עס זעהן, אַז די בעלי־מלאכות פון אכצעהנטען יאהרהונדערט האָבען נעזוכט אָנצוהאַלטען יענע גע־זעצליכע אָדער פון מנהג אָנגענומענע תקנות פון זייער פאַך, וועלכע, ווי זיי האָבען געגלויבט, האָבען געשיצט זייערע אינטע־רעסען. ווען די דאָזיגע תקנות זיינען מעהר ניט אָפּגעהיט געוואָרן, האָבען די אַרבייטער זיך פאַראייניגט, כדי צו זוכען זייער דורכ־פיהרונג. ווען זיי האָבען דאָס ניט געקאָנט פועל'ן אויפ'ן געזעצ־ליכען וועג, האָבען די אַרבייטער אין פיעלע פאַלען גענומען די זאַך אין זייערע אייגענע הענט און פּרובירט אויפהאַלטען דורך טרייד־יוניאָן תקנות דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען פאַרגעשריבען פון געזעץ. אין דער הינזיכט, און פאַקטיש ניט מעהר ווי אין

דער הינזיכט, געפינען מיר וועלכען עס איז שפור פון דעם צעך אין דער טרייד־יוניאָן.

לאָמיר זיך איצט אומקעהרן פון דעם השערה'דיגען אורשפרונג פון טרייד־יוניאָניזם צו די פאַרצייכענטע פאַקטען. עס האָט זיך אונז ניט איינגעגעבען אויסצוגעפינען, ניט אין די אומצעהליגע פאַך־פאַמפלעטען און פלוגשריפטען, אָדער אין די „זשורנאַלען פון האָוז אָוו קאָממאָנס", וועלכען עס איז באַוויז פריהער ווי אין 1700,* אַז עס זאָלען האָבען עקזיסטירט באַשטענדיגע פאַראיי־

---

* עס וועט דאָ אפשר זיין אין פּלאַץ צו דערמאָנען „דהי קעים ענד פראָפּאָזאַלס אָוו דהי פּרי דזשוירנימען פּרינטערס אין ענד עבאָאוט לאָנ־דאָן" (1666), אין וועלכער זיי באַקלאָגען זיך אויף דער פאַרמעהרונג פון לעהרלינגען און דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָהל „איבערגעהער" (לעהרלינגען וואָס געהען־אַריבער מיט זייער לערן־קאָנטראַקט פון איין מייסטער צו אַ צווייטען — איב.) — צרות וועלכע האָבען געפּלאָגט יעדעו שריפטזעצער טרייד־יוניאָן ביז צום היינטיגען טאָג. די דאָזיגע פּעטיציע, וועלכע געפינט זיך אין בריטיש מוזעאום, איז געדרוקט אין דר. ברענטאַנאָ'ס „גילדעס און טרייד־יוניאָנס", ז. 97. עס איז אָבער ניטאָ קיין באַוויז פאַר וועלכער עס איז אַנדערער דויערהאַפטער פאַראייניגונג, אַחוץ דעם אַלטען „טשאַפּעל". בענדזשאַמין פרענקלין, וועלכער האָט געאַרבייט אין לאָנדאָן אין 1725, דערמאָנט ניט אַ וואָרט וועגען טרייד־יוניאָנס. אַ פּאַמפלעט פון 1669 ענטהאַלט אויך, וואָס עס שיינט אויפ'ן ערשטען בליק צו זיין אַן אָנדייטונג אויף טרייד־יוניאָניזם: „די אַל־געמיינע פאַרשווערונג צווישען בעלי־מלאכות און אַרבייטער איז אַזוי אָנזעהעוודיג, אַז אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר איז דער לוין פון די סטאָלערס, מויערערס, בוי־טישלערס, א. אַז. וו. פאַרגרעסערט געוואָרען, איך מיין 40 מייל אַרום לאָנדאָן (קעגען יעדען שכל און גוטער רעגירונג), פון 18 און 20 פּעניס אַ טאָג אויף 2 שילינג מיט 6 פּעניס און 3 שילינג, און ביי פּראָסטע אַרבייטער פון 10 און 12 פּעניס אַ טאָג אויף 16 און 20 פּעניס, און דאָס ניט נאָר זינט דער לעצטער שרפה, נאָר מיט אַ צייט פריהער. אַ שוסטער־געזעל קריגט איצט (און פּראָפּאָר־ציאָנעל אויפ'ן דאָרף) 14 פּעניס פאַר מאַכען אַ פּאָר שיך, וואָס ער האָט פאַר די לעצטע צוועלף יאָהר געמאַכט פאַר 10 פּעניס. ... די העכערונג פון לוין איז אויך ניט געקומען דורך דעם וואָס די אַרבייט איז פאַרגיכערט געוואָרען אָדער ווייל עס פעהלען הענט (ווי מאַנכע נעהמען אָן), וועלכע זיינען ווירקליך באַרעכטיגטע אורזאַכען, נאָר דורך אַן אויספּרעסענדער

ניגונגען פון לוין־ארבייטער, כדי אויפצוהאלטען אדער פארבעסערן זייערע ארבייטס־באדינגונגען. און ווען מיר דערמאנען זיך, אז אין די לעצטע צעהנדליגער יאהרן פון דעם זיבעצעהנטען יאהרהונדערט האבען די ארבייטסגעבער, און ספּעציעל די אינדוסטריעלע „קאמפּאניעס“ און קארפּאראציעס, זיך געווענדט מיט צושריפטען צום פּארלאמענט ביי יעדער קלענסטער צרה, וואס האט אנגעריהרט זייער פאך, און זיי האבען זיך ניט געקלאגט אויף ארבייטער פאראייניגונגען, פיהרט דאס אונז צום שלוס, אז אזעלכע פאראייניגונגען האבען ניט עקזיסטירט.* אין די ערשטע יאהרען פון אכצעהנטען יאהרהונדערט געפינען מיר ווען־ניט־איז א קלאגע וועגען פאראייניגונגען, אין וועלכע די געלערנטע ארבייטער זיינען „לעצטענס אריינגעטראטען“. וואס ווייטער ארויף אין יאהרהונדערט מערקען מיר, ווי די דאזיגע קלאגעם פארמעהרן זיך שטופענ־

שטימונג און שלעכטער נייגונג אין אונזערע מענשען (ווי אונזערע גרייוזענדער שיפער, וועלכע האבען, דורך צייטווייליגע און געמיינע אויסריידען פון דער האלענדישער מלחמה, געהעכערט זייער אריבערפיהרגעלד צוויי מאל אזוי פיעל ווי עס איז געווען, און איינזעהענדיג ווי גוט דאס איז, האלטען זיי דאס נאך אלץ אויף), כדי זיי זאלען קענען לעבען בעסער ווי זייער שטאנד, און ארבייטען מיט אזוי פיעל וועניגער טעג, אויף וויפיעל מעהר זיי פרעסען ארויס אין זייער לוין.“ („וואוכעריי אויף זעקס פּראצ. אונטערזוכט“, פון טאמאס מאנלעי, לאנדאן, 1669.) מיר קאנען אבער פון דעם דאזיגען זעלטענעם און אומקלארען אויסצוג ניט ארויסנעהמען מעהר ווי א מעגליכקייט פון צייטווייליגע פאראייניגונגען. באדייטענד איז, אז דעפאָ, אין זיין גאנצער אויספיהרליכער באשרייבונג פון דער ענגלישער אינדוסטריע אין 1724, דערמאנט ניט וועלכע עס איז פאראייניגונגען פון ארבייטער.

* אין א געלונגענער בראשורע, דאטירט 1681, אונטער דעם נאמען „דהי טריידס אוו אינגלאנד ריוויייווד“, ווערט ערקלערט, אז „מיר קאנען ניט מאכען אונזער ענגלישען טוך אזוי ביליג ווי זיי מאכען עס אין אנדערע לענדער, צוליעב דער זאנדערבארער פוילקייט און איינגעשפארטקייט פון אונזערע קבצנים“, וועלכע פאדערן צו־הויכע שכירות. אבער דער פארפאסער שרייבט צו דעם דאזיגען צושטאנד ניט צו פאראייניגונגען, פון וועלכע ער האט קענטיג קיינמאל ניט געהערט, נאר צו דעם „קהל'שער־צדקה“־געזעץ און צו דער פארשפּרייטקייט פון געבען נדבות.

ווייז און זיי ווערן באַגענענט פון געגען־באַשולדיגונגען, וואָס ווערן ארויסגעשטעלט פון אָרגאַניזירטע ארבייטער־קערפערשאַפטען. פון דעם מיטען פון יאָהרהונדערט זיינען די „זשורנאַלען פון האוז אָוו קאָממאָנס“ איבערפילט מיט פעטיציעס און קאָנטר־פעטיציעס, וועלכע דעקען־אויף די עקזיסטענץ פון ארבייטער־פאַראייניגען אין די מייסטע געלערנטע טריידס. און צולעצט קאָנען מיר ארויסזעהן די אויסברייטונג פון דער באַוועגונג, פון דעם שטענדיגען פאַר־מעהרן זיך פון די גנזעצען קעגען די פאַראייניגונגען אין ספעציעלע אינדוסטריען, און זייער דערגרייכען דעם העכסטען פונקט אין דעם בריים־אומפאַסענדען סטאַטוט פון 1799, וועלכער פאַרבאָט אירגענד וועלכע פאַראייניגונג.

ווען מיר אונטערזוכען די באַווייזען פאַר דעם אורשפּרונג פון פאַראייניגונגען אין ספעציעלע טריידס, זעהען מיר ווי די טרייד־יוניאָן וואַקסט ארויס ניט פון אַ וועלכע עס איז ספעציעלע אינס־טיטוציע, נאָר ביי יעדער געלעגענהייט, וואָס ארבייטער פון איין־און־דעמזעלבען פאַך האָבען געהאַט זיך צונויפצוקומען. אדאַם סמיטה האָט אָנגעמערקט, אַז „עס טרעפט זעלטען, אַז מענשען פון דעמזעלבען פאַך זאָלען זיך צונויפקומען, אפילו צוליעב אונטער־האַלט און צייט־פאַרטרייב, דאָס זייער געשפּרעך זאָל זיך ניט ענדיגען מיט אַ פאַרשווערונג קעגען פובליקום, אָדער מיט עפּעס אַ פּראָיעקט צו העכערן פרייזען“.* און עס זיינען דאָ פאַקטישע

---

* „וועלטה אָוו נײשאָנס“, ב. 1, ק. 10, ז. 59 פון מק׳קולאָכ׳ס אויסגאַבע, 1863. אין אַ באַשרייבונג פון אַן אַרבייטער, דאַטירט 1809, וועגען די פאַרזאַמלונגען פון די וועבערס אין פעיזלי, זעהען מיר ווי עס שאַפט זיך אַ טרייד־יוניאָן. „די פאַבריק־אַרבייטער פון פעיזלי זיינען פון אַ פרייען און ריידעוודיגען כאַראַקטער. זיי האָבען ליעב זיך איבערצוגעבען איינע די אַנדערע אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט׳ן טרייד, און כדי צו קריגען אינפאָרמאַציע אויף אַ געמיינשאַפטליכען אופן, זיינען זיי פאַר פיעלע יאָהרען געווען פאַראייניגט אין פריינד־ליכע געזעלשאַפטען, וואָס מען האָט גערופען קלובס. ... ווען זיי קומען זיך צונויף, פאַרברענגען זיי די ערשטע שעה אין פאָרלעזען אין דער הויך די טעגליכע צייטונגען. ... אַ זייגער ניין רופט דער פאָרזיצענדער אוים, עס זאָל זיין שטיל; און מען הערט דאַן אוים אַ באַריכט פון

באוויזען, אז איינע פון די עלטסטע עקזיסטירנדע טרייד־יוניאָנס איז ענטשטאַנען פון אַ צוזאַמענקונפט פון די אַרבייטער „צו נעהמען אַ געזעלשאַפטליך גלעזעל פּאָרטער“.* גאַנץ אָפט איז עס אַ טומעלדיגער סטרייק, פון וועלכען עס וואַקסט־אַרויס אַ באַשטענ־דיגע אָרגאַניזאַציע. אַנדערשוואו, ווי מיר וועלען זעהן, קומען זיך די אַרבייטער צונויף, כדי צו שיקען אַ פּעטיציע צום פּאַרלאַמענט, און זיי קומען זיך ווידער צונויף פון צייט־צו־צייט אָנצופיהרען זייער אַגיטאַציע פאַר דער איינפיהרונג פון עפּעס אַ נייער רעגו־לאַציע, אָדער צו פאַרשטאַרקען אַן עקזיסטירנדען געזעץ. אין אַנ־דערע פאַלען וועלען מיר געפינען די אַרבייטער פון אַ געוויסער אינדוסטריע באַזוכענדיג געוויסע שענקען, וואו זיי קריגען צו וויסען וועגען וואַקאַנטע אַרבייטס־פּלעצער, און דער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ (די „האָוז אָוו קאָלל“) ווערט אויף אַזאַ אופן דאָס קערנדעל פון אַן אָרגאַניזאַציע. אָדער, מיר זעהען ווי די אַרבייטער פון אַ געוויסען פאַך ערקלערן, אַז „עס איז געווען אַן אַלטער מנהג אין דער גרויס־בריטישער מלוכה, אַז פאַרשיידענע בעלי־מלאכות זאָלען זיך צו־נויפקומען און פאַראייניגען אין געזעלשאַפטען, כדי איינצופיהרען צווישען זיך פריינדשאַפט און קריסטליכע וואוילטעטיגקייט“, און צו גרינדען אַ קראַנקען־ אָדער באַערדיגונגס־קלוב, וואָס געהט שטענ־דיג אַריבער אין אַ דיסקוסיע וועגען די לוין־ראַטעס וואָס די אַר־בייטסגעבער צאָהלען, און ווערט ניט־פיהלענדיג פאַרוואַנדעלט אין

טרייד. דער פאָרזיצענדער גיט דער ערשטער אָפּ אַ באַריכט פון דעם וואָס ער ווייס, אָדער וואָס ער האָט געהערט, וועגען וועלכער עס איז פאַבריק־הויז אָדער הייזער, וואָס ווילען אָנשטעלען אַרבייטער ביי דעם אָדער יענעם שטאָף אָדער שטאָפען; ווי אויך וועגען דעם פּרייז, די צאָהל גאַרן א. אז. וו. דאַן גיט יעדער אָפּ אַ באַריכט, נאָך דער רייה ווי ער זיצט; אַזוי אַז אין אַ שעה צייט ווייס מען ניט נאָר דעם צו־שטאַנד פון טרייד, נאָר פון יעדען סכסוך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען פאַבריקאַנט און אַרבייטער.“ („ען אַנסער טו מר. קאַרלייל׳ס סקעטשעס אָוו פּעיזלי“, פון וויליאַם טיילאָר, פּעיזלי, 1809, ז. 17-15.)

* זעה דאַונינג׳ס אָנגאַבען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער „קאָנסאָלידייטעד סאָסייעטי אָוו בוקביינדערס“, און דעם „רעפּאָרט אָן טרייד סאָסייעטיס“ פון דער „סאָשעל סייענס אַסאָסיאיישאָן“, 1860, ז. 93.

אַ טרייד־יוניאָן מיט געגענזייטיגער אונטערשטיצונג.* און אויב דער פאַך איז אַזעלכער, וואָס דער אַרבייטער וואַנדערט אָפט אַרום זוכענדיג אַרבייט, מערקען מיר ווי עס ווערן פון זייערע אַרבייטס־חברים לאַנגזאַם אויסגעאַרבייט סיסטעמאַטישע איינריכטונגען,

---

* „אַרטיקעלס אָוו ען אַגרימענט מייד ענד קאָנפערמד ביי איי סאָסייעטי אָוו טיילאָרס, בעגאָן מאַרטש 25, 1760“ (לאָנדאָן, 1812). לאָקאַלע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען, וואָס האָבען געצאָהלט קראַנקען־געלד און געדעקט די באַערדיגונגס־קאָסטען, זיינען אַרויסגעוואַקסען איבער גאַנץ ענגלאַנד אין דער צייט פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. זייער צאָהל איז ביי דעם סוף פון יאָהרהונדערט קענטיג געוואַקסען אַזוי געשווינד, יעדענפאַלס אין געוויסע געגענדען, אַז יעדער דאָרפישער ביערשענק איז געוואָרען דער צענטער פון איינער אָדער מעהר פון די דאָזיגע באַשיידענע און ספּאָנטאַנע אָרגאַניזאַציעס. די תקנות פון איבער אַ הונדערט פון די דאָזיגע געזעלשאַפטען, וואָס טראָגען דעם דאַטום פון צווישען 1750 און 1820, און זיינען אַלע קאָנצענטרירט געוועזען אַרום ניוקאַסטל־אָן־טיין, געפינען זיך אין ברימישען מוזעאום. אין נאָטינגהאַם האָבען זיך זעקס־און־פופציג פון די דאָזיגע קלובס, אין 1794, אָנגעשלאָסען אָן דער יעהרליכער פּראָצעסיע („נאָטאנגהאַם דזשורנאַל“, יוני 14, 1794). אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען באַשטאַנען פון מענשען פון אַלערליי פאַכען אָהן אונטערשייד, איז גאַנץ וואַרשיינליך, אַז קיין באַשטימטע טרייד־יוניאָניסטישע טעטיגקייט האָט פון זייערע פאַרזאַמלונגען ניט געקאָנט אַרויסוואַקסען. אָבער אין מאַנכע פאַלען, צוליעב פאַרשיידענע אורזאַכען, ווי הויכע ביטראַגען, רגילות צו וואַנדערן, אָדער געפאַהרען פון דער פּראָפעסיע, איז דער קראַנקען־ אָדער באַערדיגונגס־קלוב באַשטאַנען בלויז פון מענשען פון אַ באַשטימטען טרייד. דער דאָזיגער מין אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט איז כמעט אומפאַרמיידליך געוואָרען אַ טרייד־יוניאָן. מאַנכע פון אָט דעם טיפּ געזעלשאַפטען קאָנען צוריקפיהרען זייער עקזיסטענץ פאַר גענויע אָנדערהאַלבען יאָהרהונדערט. די גלאַזגאָוער באָנדערס, למשל, האָבען געהאַט אַ לאָקאַלע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט פון טרייד, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון באָנדאַרעס, זינט 1752. די לאָנדאָנער „סעיל מייקערס בעריעל סאָסייעטי“, דאַטירט פון 1740 („אָבזערוויישאָנס עפּאָן דהי רעפּאָרט פראָם דהי סעלעקט קאָמיטע אָוו דהי האָוז אָוו קאָממאָנס אָן דהי לאָאָס רעספּעקטינג פרענדלי סאָסייעטיס“, פון רעוו. דזש. ב. ביטשער, פרעבענדאַר פון סאָוטהוועל, 1826). ווען עס איז פאָרגעקומען וועלכער עס איז סכסוך מיט די אַרבייטסגעבער, זיינען זייערע קאַסעס — ווי עס באַקלאָגט זיך דערזעלבער צייטגענאָסע באַאָבאַכטער אין אַן אַנדער פאַמפלעט — „אויך

אַרויסצוהעלפען די דאָזיגע „אַרומטרייבער“ אין יעדער שטאָדט וואָס זיי געהען דורך, און אַט די ווייט־פאַרשפּרייטע אַרומטרייבער געזעלשאַפט ווערט אומפאַרמיידליך פאַרוואַנדעלט אין אַ נאַציאָנאַלער טרייד־יוניאָן.*

צו־אַפּט פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ מיסברויכענדען ווערקצייג, דורך דעם צאָהלען וועכענטליכע סומעס צו ניט־אַרבייטענדע האַנטווערקער, און ערמוטיגענדיג דורך דעם פאַראייניגונגען אונטער די אַרבייטער, וואָס זיינען ניט ווייניגער שעדליך פאַר די פאַרפיהרטע מיטגלידער, ווי פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין.“ („אָבזערוויישאָנס אָן דהי רעיז ענד פּראָגרעס אָוו פרענדלי סאָסייעטים“, 1824, ז. 55.)

* שאַנץ („געזעלענפערבענדע“, ז. 25) פאָלגט נאָך ברענטאַנאָ'ן (ז. 94) אין צושרייבען די פאָרמירונג פון געזעלען־ברודערשאַפטען אין מיטעלאַלטער הויפּטזעכליך צו דעם ווילען פאַרזאָרגען די וואַנדערנדע בעלי־מלאכות. דער קאָנטראַסט צווישען דער אָפּוועזענהייט פון אַזעלכע געזעלשאַפטען אין ענגלאַנד און זייער פאַרשפּרייטקייט אין דייטשלאַנד, דאַרף אפשר אין אַ געוויסער מאָס צוגעשריבען ווערען צו דעם פאַקט, וואָס די ענגלישע געזעלען האָבען קענטיג קיינמאָל ניט אָנגענומען דעם מנהג פון די דייטשע „וואַנדעריאַהרע“, אָדער די רעגעלמעסיגע געוועהנהייט צו פאַרברענגען, ביים פאַרענדיגען זייער לעהרצייט, עטליכע יאָהר אין אַרומוואַנדערן איבער'ן לאַנד, כדי צו פאַרפאָלקאָמענען זייער ערציהונג. ווען די לאָקאַלע פּריווילעגיעס פון די אַלטע גילדעס זיינען טיילווייז געשטעלט געוואָרען אונטער אַ צווייפעל, האָבען די שפּעטערדיגע באַשרענקונגען פון די „געזעצען וועגען באַזעסענקייט“ אין ענגלאַנד, ביז אַ געוויסען גראַד, געמוזט אָפּשטעלען די באַוועגליכקייט פון דער אַרבייטערשאַפט. מיר געפינען אָבער, אין אָנהויב פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט אַמוועניגסטענס, אַז עס איז געוועזען אַ געוועהנליכע זאַך פאַר אַרבייטער פון געוויסע פאַכען זיך אַרומצושלעפּען פון שטאָדט צו שטאָדט זוכענדיג אַרבייט, און די באַשרייבונג וואָס מיר וועלען שפּעטער ברענגען פון די וואָלקעמערס־ און קאַמוואָל־וועבערס־אָרגאַניזאַציעס אין 1741 באַווייזט, אַז די שטיצע פאַר די דאָזיגע וואַנדער־געזעלען איז געוועזען אַ וויכטיגער צוועק פון די ערשטע יוניאָנס. נאָך גאָר אין אָנהויב פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די שריפטזעצער געהאַט פאַרשפּרייט דאָס לאַנד מיט אַ נעץ פון לאָקאַלע קלובען, וועמעס הויפּט־אויפגאַבע איז קענטיג געוועזען, אַרויסצוהעלפען די דאָזיגע אַרבייט־זוכענדע וואַנדערער. און די קאַרטון־דרוקער פלעגען סיסטעמאַטיש אַרויסגעבען קאַרטען, וועלכע האָבען באַרעכטיגט דעם וואַנדערער צו מאָהנען אין יעדער „קאַרטון־דרוק־פאַבריק“ פון יעדען אַר־

דאָס זיינען אָבער אַלץ ניט מעהר ווי געלעגענהייטען פאַר דעם צונויפקומען זיך פון ארבייטער פון דעמזעלבען טרייד. זיי ערקלערן ניט פאַרוואָס באַשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס פון לוין־אַרבייטער זיינען גיכער געגרינדעט געוואָרן אין אַכצעהנטען, איידער אין פופצעהנטען אָדער זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט. די הויפּט־אורזאַך פאַר דעם וואַקסען פון דויערהאַפטע פאַראייניגונגען פון לוין־אַרבייטער מוז ליגען אין עטוואָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יאָהרהונדערט. דעם דאָזיגען פונדאַמענטאַלען באַדינג פאַר דעם טרייד־יוניאָניזם ענטדעקען מיר אין דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, וואָס געוויסע אינדוסטריען האָבען דורכגעמאַכט. אין אַלע פאַלען, אין וועלכע טרייד־יוניאָנס זיינען ענטשטאַנען, האָט די גרויסע מאַסע אַרבייטער געהאַט אויפגעהערט צו זיין זעלבסט־שטענדיגע פּראָדוצירער, וועלכע קאָנטראָלירן די אַרבייטס־מעטאָדען און באַזיצען די מאַטעריאַלען און דעם פּראָדוקט פון זייער אַרבייט; זיי זיינען אַריבער אין דעם צושטאַנד פון לעבענסלענגליכע לוין־אַרבייטער, וואָס באַזיצען ניט, ניט די פּראָדוקציאָנס־געצייג, ניט דעם פּראָדוקט אין זיין אויסגעאַרבייטען צושטאַנד. „פון דעם מאָמענט, וואָס צו עטאַבלירן אַ געשעפט פאָדערט זיך מעהר קאַפּיטאַל, וויפיעל אַן אַרבייטער קאָן לייכט אָנקלייבען אין עטליכע יאָהר, ווערט די גילדע מייסטערשאַפט — די מייסטערשאַפט פון דעם מייסטערווערק — ניט מעהר ווי אַ נאָמען... די געלערנטקייט אַליין איז גאָרנישט ווערט און ווערט גיך געצוואונגען צו פאַר־דינגען זיך צו קאַפּיטאַל. ... עס הויבט זיך דאַן אָן אַ געגנערשאַפט פון אינטערעסען צווישען בעל־הבית און אַרבייטער, די לעצטע הויבען זיך אָן צו גרופּירען צוזאַמען; עס ענטשטעהט דאַן די טרייד־סאָסייעטי".* אָדער, אויסדריקענדיג די דאָזיגע אינדוסטריעלע אי־בערקעהרעניש אין אַבסטראַקטערע ווערטער, קאָנען מיר זאָגען, מיט

ביטער, צוערשט אַ פּריווילעגיען ביטראַג, און דערנאָך אַ באַשטימטע שטיצע פון אַ האַלבער פּעני פון קאָפּ אין ענגלאַנד און אַ פּעני פון קאָפּ אין שאָטלאַנד.

* דזש. מ. לודלאָו, אין אַן אַרטיקעל אין „מעקמילאַנ'ס מעגעזין", פּעברואַר, 1861.

די ווערטער פון דר. אינגראַם, אַז די „גאַנצע מאָדערנע אָרגאַניזאַציע פון אַרבייט אין איהרע פאָרטגעשריטענע פאָרמען איז געשטיצט אויף אַ פונדאַמענטאַלען פאַקט, וועלכער האָט זיך ספּאָנטאַן און שטופענוויז ענטוויקעלט — נעמליך, אויף דער פּאָזיטיווער פאַנאַנדערטיילונג צווישען די פונקציעס פון דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבייטער, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, צווישען דער פאַרוואַלטונג פון די אינדוסטריעלע פּראָצעסען און זייער דעטאַלער דורכפיהרונג".*

עס ווערט אָפט אָנגענומען, אַז דער בעל־מלאכה האָט פאַרלאָרען דעם באַזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען דורך דער איינפיהרונג פון מאַשינעריע און דעם פאַבריק־סיסטעם. וואָלט דאָס געווען דער פאַל, וואָלטען מיר, לויט אונזער השערה, ניט געדאַרפט ערוואַרטען צו געפינען טרייד־יוניאָנס איידער עס זיינען געווען פאַבריקען, אָדער אין אינדוסטריען וואָס האָבען זיך ניט געענדערט דורך מאַשינעריע. דער פאַקט, אַז די ערשטע פערמאַנענטע פאַראיינען פון לוין־אַרבייטער אין ענגלאַנד זיינען עלטער מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט פון דעם פאַבריק־סיסטעם, און זיי געפינען זיך אין פאַכען וואָס ווערן באַטריבען דורכאויס פון האַנטאַרבייט, דערמאָנט אונז, אַז די באַשאַפונג פון אַ קלאַס לעבענסלענגליכע לוין־אַרבייטער איז פאָרגעקומען מעהר ווי אויף איין וועג. איינצינע מלאכות, למשל, זיינען מעהר ווי אַנדערע געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ גינסטיגער פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט. אין דער שניידעריי פאַר רייכע קונדען, אין סאַמע אָנהויב פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, זיינען די מייסטער־בעלי־מלאכות ווי עס ווייזט אויס געווען צונויפגעשטעלט פון דער פאַרהעלטניסמעסיג קליינער צאָהל אַרבייטער, וואָס האָבען זיך אויסגעלערנט דעם ספּעציעל קינסטלערישען טייל פון פאַך — נעמליך, דאָס צושניידען. „דער שניידער", זאָגט אַ האַנטבוך פאַר דעם יונגען פאַכמאַן פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, „דאַרף האָבען אַ פלינק אויג צו גנב'ענען דעם שניט פון אַן אַרבעל, אָדער דעם מוסטער פון אַ לאַץ, אָדער די פאָרם פון אַ

---

* „וואָרק ענד דהי וואָרקמען", פון דר. דזש. ק. אינגראַם („אַן אַדרעס צו דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין דובלין", 1880.)

גוטער באַפּוצונג, מיט'ן בליק. ... אין אַ פאַרבייפאַהרענדען רייט־וואַגען, אָדער צווישען דער טיר און קאַרעטע". עס איז דעריבער אויסגעוואַקסען אַ קלאַס פון איינפאַכע נייהערס, וואָס „ניט איינער פון צעהן" ווייס „ווי צוצושניידען אַ פּאָר הויזען: מען האַלט זיי בלויז פאַר נייהען נעט, פאַרוואָרפען קנאָפּלעכער און צוגרייטען די אַרבייט פאַר דעם וואָס פאַרענדיגט. ... געוועהנליך אָרים ווי מייז, לאָזען זיי איבער זייער גאַנצען פאַרדיענסט אין „רוף־הויז" (האָוז אָוו קאָלל) און בלייבען שטענדיג אין חובות און נויט".*

דער דאָזיגער אונטערשייד איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס אויף אַנצופאַנגען אַן ערפאָלגרייכען געשעפט אין די בעסערע געגענדען פון דער הויפּטשטאָדט האָט זיך וואָס ווייטער געפאָדערט אַלץ מעהר קאַפּיטאַל. שוין אין 1681 האָט מען זיך געקלאָגט אויף דעם „קרעמער־שניידער", ווי אויף אַ נייער און ניט־געווינשטער ערשיינונג, „ווייל אַ סך געדענקען, ווען מען האָט אין לאָנדאָן (אין קראָמען) ניט פאַרקויפט קיין נייע בגדים, ווי מען טוט דאָס היינט".** דער „שניידער פאַר קונדען", אָדער דער בעל־מלאכה וואָס נייהט פאַר'ן קונד פון זיין אייגענעם שטאָף, איז געוועזן דאַגעגען, אַז „שניידערס זאָלען ווערן פאַרקויפערס", צאָהלענדיג הויכען רענט פאַר ווערקשטאַטען אין די עלעגאַנטע נאַכבאַרשאַפטען, געבענדיג לאַנגען קרעדיט זייערע אַריסטאָקראַטישע קליענטען, און אַז יעדער איינער זאָל דאַרפען באַשעפטיגען צעהנדליגער אָדער צוואַנציגער געזעלען, וואָס מען קלייבט צונויף אין די „רוף־הייזער" בעת מען נויטיגט זיך אין זיי, און מען וואַרפט זיי אַהן רחמנות אַרויס ווען דער סעזאָן איז אַריבער. און הגם עס איז נאָך מעגליך געוועזן אונטער דער הערשאַפט פון קעניגין אַננאַ, ווי עס איז נאָך מעגליך אין וויקטאָריאַ'ס צייט, אָנצופאַנגען אַ געשעפט אין אַ הינטער־גאַס אַלס זעלבסטשטענדיגער שניידער־מייסטער מיט ניט מעהר קאַפּיטאַל און קענטניש, וויפיעל דער דורכשניטליכער אַרבייטער קאָן צונויפקלייבען, האָט אָבער דאָס

* „דהי לאָנדאָן טריידסמען", פון קאַמפּבעל (לאָנדאָן 1847) ז. 192.

** „דהי טרייד אָוו אינגלאַנד רעוויוּוד" (לאָנדאָן, 1681) ז. 36.

מאַכען די פיינע קליידער, וואָס דער הויף און דער אָדעל האָבען געטראָגען, געפאָדערט אַ קאַפּיטאַל און אַ קענטעניש, וואָס האָט לחלוטין אוממעגליך געמאַכט פאַר די טויזענדער אַרבייטער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט געווען אין דעם דאָזיגען גרויסען און אייננטרעגליכען פאַך, אַז זיי זאָלען זיך קאָנען דערשלאָגען דערצו. אָט אַזוי געפינען מיר, אַז אין אָנהויב פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט איז דער טיפּישער שניידער־אַרבייטער אין לאָנדאָן און וועסטמינסטער געוואָרן אַ לעבענסלענגליכער לוין־אַרבייטער. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז איינער פון די ערשטע בייישפיעלען פון טרייד־יוניאָניזם, וואָס מיר האָבען געקענט ענטדעקען, איז פאָרגעקומען אין אָט דעם טרייד. אין 1720 קלאָגען זיך די שניידער־מייסטערם פאַר'ן פאַרלאַמענט, „אַז די שניידער־געזעלען אין און אַרום די שטעדט לאָנדאָן און וועסטמינסטער, זיבען טויזענד און מעהר אין צאָהל, זיינען לעצטענס אַריינגעטראָטען אין אַ פאַרבאַנד צו העכערן דעם לוין און אויפצוהערן אַרבייטען מיט אַ שעה פריהער, ווי זיי זיינען געוועהנט געווען; און כדי בעסער דורכצופיהרן זייער פּלאַן, האָבען זיי פאַרשריבען יעדענ'ס נאָמען, אין ספּעציעלע ביכער פאַר דעם צוועק, אין פאַרשיידענע רוף־ אָדער באַזוך־הייזער (דאָס זיינען שענקען אין און אַרום לאָנדאָן און וועסטמינסטער), וואו זיי קומען זיך צונויף; און זיי זאַמלען פאַרשיידענע באַדייטענדע סמען געלד, צו פאַרטיידיגען זיך קעגען וועלכער עס איז פאַרפאָלגונג“. דער פאַרלאַמענט האָט אויסגעהערט די קלאָגע פון די מייסטערם און האָט אָנגענומען דעם „אַקט 7, דזשאָרדזש 1, סט. 1, ק. 13“, וועלכער פאַרוועהרט סיי דאָס נעהמען און סיי דאָס געבען העכערע לוינען איבער אַ באַשטימטען מאַקסימום, און פאַרבאָט יעדע פאַראייניגונג. פון יענער צייט אָן און ווייטער זיינען די שניידער־געזעלען פון לאָנדאָן און וועסמינסטער פאַרבליבען אין ווירקזאַמער פאַרבינדונג, הגם צייטענווייז ניט־פאָרמעל. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די פּופּצעהן אָדער צוואַנציג „רוף־הייזער“. אין 1744 איז דער „פּריווי קאָונסיל“ געזעצט געוואָרן אין באַוועגונג קעגען זייער ענטזאָגען זיך אויסצופאָלגען דעם געזעץ פון 1720. אין 1767 האָבען די בעלי־בתים ווידער אויסגעווירקט געזעצע קעגען זיי, אומגעאַכטעט אויף זייערע

געפיהלפולע פּראָטעסטען. אין 1810 האָט אַ מייסטער ערקלערט פאַר אַ „ספּעציעלען קאָמיטעט“, אַז זייער פאַרבאַנד עקזיסטירט שוין העכער אַ יאָהרהונדערט.

אַן עהנליכער ביישפּיעל פון גאַנץ ערשטע טרייד־פאַראיינען איז די וואָלענס־פאַבריקאַציע פון מערב־ענגלאַנד. דאָרט האָט די ענטשטעהונג פון אַ קלאַס לעבענסלענגליכע לוין־ארבייטער אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער פאָרם ווי אין דעם לאָנדאָנער שניידער־טרייד, עס האָט אָבער ארויסגערופען דעמזעלבען רעזולטאַט פון פאַראייניגונגען צווישען די ארבייטער. די „רייכע טוך־פאַבריקאַנטען“ פון סאָמערסעט, גלאָוסעסטערשייר און דעוואָן, וועלכע זיינען אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט „מעכטיג אויסגעוואַקסען אין נאָמען און אין עשירות, זייערע הייזער גאַנץ אָפט ווי קעניגליכע הויפען“, זיינען געווען די צושטעלער און באַזיצער פון די מאַטעריאַלען פון דער אינדוסטריע, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם גאַנצען פּראָצעס פון דער פאַבריקאַציע; זיי האָבען אָבער באַשעפטיגט באַזונדערע קלאַסען ארבייטער פאַר יעדער שטופע אין דער פּראָדוקציע. קויפענדיג דעם וואָל אין איינער פון די מאַרק־שטעדט, האָט דער טוכהענדלער קאַפּיטאַליסט איהם איבערגעגעבען בערשטען און שפּינען אין גאַרן צו אַ גרופּע האַנטווערקער אין דאָרפישע הייזער. דער גאַרן איז דאַן אריבער צו אַ צווייטער גרופּע — די וועבערס אויפ׳ן האַנט־וועבשטוהל — זיי זאָלען מאַכען דערפון טוך, אין זייערע שטיבלעך. דעם טוך האָט מען דאַן „געוואַלקט“ אין דעם קאַפּיטאַליסט׳ס אייגענער מיל (געוועהנליך אַ וואַסער־מיל) און ווייטער ארויסגעגעבען צום „פאַרפאַרטיגען“ צו אַ נייער גרופּע האַנטארבייטער, פון וואַנען ער איז געקומען אין מאַגאַזין גרייט צום פּאַקען און אוועקשיקען נאָך בריסטאָל אָדער לאָנדאָן צום אויפלאָדען אָדער פאַרקויפען. אין דעם פאַל, פּונקט ווי מיט די שניידער, זיינען נאָך די ארבייטער אַליין געבליבען די אייגענטימער פון די געצייג פון זייערע ספּעציעלע מלאכות; עס איז אָבער פּאַקטיש אוממעגליך געווען פאַר זיי צו דערשלאָגען זיך, צום קאַפּיטאַל אַזוי גוט ווי צו די קאָמערציעלע ידיעות, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם ערפאָלג פון אַזאַ הויך אָרגאַניזירטער אינדוסטריע. און דעריבער געפינען מיר, ווי דר. ברענטאַנאָ באַשרייבט, אַז זיי טרעטען אריין אין גרויסע פאַר־

באַנדען באַלד אין אַנהויב פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. אין יאָהר 1717, צום ביישפּיעל, ענטהאַלטען די „זשורנאַלען פון האוז אָוו קאָממאָנס“ באַווייזען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ ווייט־פאַר־שפּרייטען פאַרבאַנד פון וואָלענציי־אַרבייטער אין דעוואָנשייר און סאָמערסעטשייר. דער בירגערמייסטער און די קאָרפּאָראַציע פון בראַדניטש באַקלאָגען זיך, „אַז פאַר די לעצטע עטליכע יאָהרן האָבען די וואָלקעמערס און וועבערס אין יענע געגענדען קאָנפעדע־ריט ווי אַזוי זיך צו אינקאָרפּאָרירען אַלס אַ קלוב; אַן ערך עטליכע טויזענד זייערע אין דעם געגענד האָבען, אויף אַ גאַנץ רודערדי־גען און טומעלדיגען אופן, אַרויסגעפּרעסט אַפּצאָהלונגען ביי אַ גרויסער צאָהל“. די האוז אָוו קאָממאָנס האָט קענטיג געדענקט, אַז מען קאָן דעם איבעל באַזייטיגען מיט דער קעניגליכער אויטאָריטעט, און האָט געבעטען דעם קעניג ער זאָל אַרויסלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע. דעם 4טען פעברואַר איז טאַקע אַ קעניגליכע פּראָ־קלאַמאַציע אַרויסגעלאָזט געוואָרן קעגען אָט די „אומגעזעצליכע קלובען און געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען ניט־געזעצליך געוואַגט צו געברויכען אַ געמיינשאַפטליכען זיגעל און צו האַנדלען אַלס „קאָרפּאָרירטע קערפּערשאַפטען“, מאַכענדיג אַ פאַרשווערונג איינ־צופיהרען געוויסע ניט־געזעצליכע „ביי־געזעצען“ אָדער פאַראָרדע־נונגען, דורך וועלכע זיי פאַרמעסטען זיך צו באַשטימען: ווער עס האָט אַ רעכט צום טרייד, וויפיעל און וואָס פאַר לעהרלינגען און געזעלען יעדער מענש זאָל האַלטען אין איין צייט, צוזאַמען מיט די פּרייזען פון זייערע מאַנופאַקטורן, און דעם אופן און די מאַ־טעריאַלען פון וועלכע זיי זאָלען אויסגעאַרבייט ווערן“. די דאָזיגע מורא'דיגע התראה פון דעם קעניג, וועלכע איז געלייענט געוואָרן אויף דער קעניגליכער בערזע, האָט פאַרפעהלט צו דערגרייכען איהר צוועק, וואָרים די זשורנאַלען פון האוז אָוו קאָממאָנס פאַר 1723 און 1725 ענטהאַלטען אָפטע קלאָגעס וועגען דער אַנהאַלטונג פון די פאַרבאַנדען,* וועלכע לאָזען זיך כסדר הערן דורך דעם גאַנ־

---

* זעת די פּעטיציעס פון עקסעטער און דאַרמאָוטה, פּעב. 24, 1723, ב. 20, ז. 9־268; און די פּעטיציעס פון טאַונטאָן, טיווערטאָן, עקסעטער און בריסטאָל, מערץ 3 און 7, 1725, ב. 20, ז. 589, 602 און 684. אין

צען אַבצעהנטען יאָהרהונדערט, אָפּשטאַרבענדיג בלויז דאָן, ווען די פּרויען־וועבערינס האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די מענער ביים אנהויב פון לעצטען יאָהרהונדערט.

די דאָזיגע פריהע ענטוויקלונג פון טרייד־פאַרבאַנדען אין מערב־ענגלאַנד שטעהט אין מערקווירדיגען קאָנטראַסט צו זייער אָפּוועזענהייט אין דער זעלבער אינדוסטריע, וואו זי איז, אַזוי ווי אין יאָרקשייר, אָנגעפיהרט געוואָרן אויף דעם אַזויגערופענעם „דאָ־מעסטישען סיסטעם". הער וועבער אין יאָרקשייר איז געווען אַ קליינער מייסטער־בעל־מלאכה פון דעם אַלטען טיפּ, וועלכער האָט אַליין איינגעקויפט און איז באַזעסען די רויהע מאַטעריאַלען, און האָט איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך פאַרקויפט זיין טוך אויף די מערק פון לידז, אָדער ווייקפיעלד, אויף וועלכע, ווי דעפאָע דערצעהלט אין 1724, „וועניג טוכהענדלער ברענגען מעהר ווי איין שטיק". „כמעט לעבען יעדער הויז" — שרייבט ער וועגען דעם געגענד אַרום האַליפאַקס — „געפינט זיך אַ „שפּאַן־ראַם". און כמעט אויף יעדען שפּאַן־ראַם אַ שטיק טוך, אָדער קערסעי, אָדער שאַלאָן,... לעבען יעדער אָנגעזעהענער הויז איז פאַראַן אַ פאַבריק;... אַזוי ווי יעדער טוכמאַכער מוז האַלטען אַ פערד, און אַמאָל צוויי, צו ברענגען אַהיים דעם וואָל און די פּראָוויאַנט פון מאַרק, אַוועקפיהרן דעם גאַרן צו די שפּינערס, דאָס צייג אין דער וואַלק־מיל, און ווען עס ווערט פאַרטיג — אויפ'ן מאַרק צום פאַרקויפען א. ד. ג., אַזוי האַלט אויך יעדער פאַבריקאַנט אַ קוה, צוויי אָדער מעהר, פאַר זיין פאַמיליע, און דאָס נעהמט אַוועק די צוויי, דריי אָדער פיער אַרומגעצוימטע שטיקלעך לאַנד אַרום זיין הויז, וואָרים זעלטען ווען פאַרזייהען זיי גענוג קאָרן פאַר זייערע העהנער און היהנער".* כל זמן די טוכהענדלער פון יאָרקשייר האָבען ניט אָנ־

1725 האָבען די וועבערס פון בריסטאָל, „בעת די געמיינדע איז געווען אין קירך", מיט טומעל אָנגעגריפען דאָס הויז פון אַ פאַרהאַסטען אַר־בייטסגעבער, און מען האָט זיי געמוזט פאַנאַנדערטרייבען מיט סאָלדאַ־טען. („היסטאָרי אָוו בריסטאָל", ז. 261, פון דזש. עוואַנס, בריסטאָל, 1824.)

* דעפאָע'ס „טור", ב. 3, ז. 101־97, 116 (לאָנדאָן, 1724.) דזשאָהן ברייט דערמאָנט זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אויף דער לעהר, אַרום

געהויבען בויען פאבריקען אויף א גרויסען מאסשטאב, ארום 1794, געפינען מיר ניט וועלכע עס איז טרייד־יוניאנס; און אפילו דעמאלט האבען ארבייטער און קליינע מייסטערס איינשטימיג געקעמפט צו ווידערשטעהן די נייע פארם פון קאפיטאליסטישער אינדוסטריע, וועלכע האט אנגעהויבען אוועקנעהמען ביי זיי די קאנטראלע איבער דעם פראדוקט פון זייער ארבייט.

די קאמוואל אינדוסטריע איז קענטיג אומעטום גיכער נעוועזן אנגעפיהרט אויף דעם שטייגער פון דער וואלענס־פאבריקאציע אין ענגלאנד, ווי דיזעלבע אינדוסטריען אין יארקשייר. דער וואלקעמער איז גאנץ אפט געוועזן דער אייגענטימער פון די ניט־טייערע האנט־קאמען און כלים, מיט וועלכע ער האט געארבייט. אבער די וואלקעמערס, פונקט ווי די וועבערס פון מערב־ענגלאנד, זיינען געוועזן ניט מעהר ווי איינער פון די מעהרערע קלאסען ארבייטער, פאר וועמעס באשעפטיגונג עס איז אומבאדינגט נויטיג געוועזן אי קאפיטאל, אי קאמערציעלע ידיעות. און שוין אין 1741 איז באמערקט געווארן, אז די וואלקעמערס האבען „פאר די לעצטע היבשע עטליכע יאהרען געשאפען פאר זיך א מין קארפאראציע (הגם אהן א טשארטער); זייער ערשטע פרעטענזיע איז געוועזן, צו באזארגען זייערע ארימע ברידער אין פאל פון קראנקהייט אדער ארבייטסלאזיגקייט; און געטאן האבען זיי דאס דורך צונויפקומען זיך איין מאל אדער צוויי מאל א וואך און בייטראגענדיג יעדער איינער צוויי אדער דריי פענים צו דער שפאר־קאסע; און ווען זיי זיינען געווארן אביסעל פעסטער האבען זיי געמאכט תקנות פאר זייערע מייסטערס, און אויך פאר זיך אליין — נעמליך, אז קיינער זאל ניט קעמען קיין וואל אונטער 2 פענים דעם טוץ; אז קיין מייסטער זאל ניט באשעפטיגען א וועלכען עס איז קעמער וואס געהערט ניט צו זייער קלוב: אויב ער וועט עס טאן, האט יעדער איינער צוגעשטימט ניט צו ארבייטען פאר איהם; און אויב צוואנציג האבען פאר איהם געארבייט, זיינען זיי אלע אוועק, און גאנץ

1789, ביי א „העכסט ווירדיגען מאן, וועלכער האט געהאט עטליכע אקער לאנד, א גאנץ קליינע פערמע און דריי אדער פיער וועבשטוהלען אין זיין הויז.“ (א רעדע באריכטעט אין „ביהייוו“, פעב. 2, 1867.)

אָפּט האָבען זיי זיך דערמיט ניט באַגנוגענט, נאָר זיי פּלעגען נאָך באַליידיגען דעם אָרענטליכען מענשען וואָס האָט געאַרבייט, און אויף אַ סקאַנדאַליעזען אופן איהם שלאָגען, צעברעכען זיינע קאָם־כלים און פאַרניכטען זיין אַרבייטס־געצייג; זיי העלפען זיך איי־נער דעם אַנדערן אַזוי ווייט, אַז זיי זיינען געוואָרן אַ געזעלשאַפט איבער'ן גאַנצען לאַנד. און כדי זיי זאָלען קאָנען אויפהאַלטען זייער פּרייז, וואָס גיט צו מעהר חשק צום פוילענצען איידער צום אַר־בייטען, אויב אימיצער פון זייער קלוב איז אַרבייטסלאָז, גיבען זיי איהם אַ קאַרט און געלד, ער זאָל זיך זוכען אַרבייט אין דער נעקס־טער שטאָדט, וואו עס איז פאַראַן אַ קאָסע־קלוב, וואו מען גיט איהם אויף חיונה און מען לאָזט איהם בלייבען אַ געוויסע צייט, און דערנאָך שיקט מען איהם ווייטער; אויף וועלכען אופן ער קאָן אַזוי אַרומרייזען די גאַנצע מדינה, ווערנדיג פריינדליך אויפגענו־מען אין יעדען קלוב און ניט אויסגעבענדיג אַן אייגענעם גראָ־שען אָדער אַ קלאַפּ טאָענדיג אַ פינגער אַן אַ פינגער. דאָס איי־גענע האָבען נאָכגעטאָן די וועבערס, הגם זיי האָבען עס ניט דורכ־געפיהרט איבער'ן גאַנצען לאַנד, נאָר זיך באַשרענקט אויף די ער־טער וואו זיי אַרבייטען"* די ביים לעבען געבליבענע מיטגלידער פון דער „אָלד אַמיקייבל סאָסייעטי אָוו וואָולסטייפּלערס" (אַלטע פריינדליכע געזעלשאַפט פון וואָל־סאָרטירער) געדענקען אַ טראַ־דיציע וועגען דער גרינדונג פון אַ פעדעראַלער יוניאָן אין 1785. אַלטע מיטגלידער פון דער „יונייטעד דזשוירנעמען קאַריערס סאָ־סייעטי" (פאַראייניגטע גאַרבערס' געזעלשאַפט) האָבען געזעהן צירקולאַרען און וואַנדער־קאַרטען, וואָס באַווייזען, אַז אַן עהנליכע וואַנדער־פעדעראַציע אין זייער טרייד האָט עקזיסטירט זינט דעם מיטען פון יאָהרהונדערט.

אין אַנדערע פאַלען איז די באַשאַפונג פון אַ באַזונדערן קלאַס פאַרהאַלפען געוואָרן דורך דער טייערקייט פון די רויהע מאַ־טעריאַלען, אָדער די געצייג. די זיידענוועבערס פון ספּיטאַלפיעלדס,

---

* „איי שאָרט עססעי אופאָן טרייד אין דזשענעראַל", פון „אַ ליעבהאָבער פון זיין לאַנד" (לאָנדאָן, 1741), ציטירט אין דזשיימס' „היסטאָרי אָוו דהי וואָרסטעד מאַנופאַקטשור אין אינגלאַנד", ז. 232.

וועמען מיר געפינען, אַז זיי האָבען געגרינדעט אַ באַשטענדיגע אָר־גאַניזאַציע אין 1773, האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט באַזיצען דעם טייערן זייד, וואָס זיי האָבען געוועבט.* די גאָלדשלעגערס, וועמעס יוניאָן דאַטירט וועניגסטענס זינט 1777, זיינען פּונקט אַזוי געווען אויסגעשלאָסען פון באַזיצען די מאַטעריאַלען.

נאָך אַ באַמערקענסווערטער ביישפּיעל פון פאַראייניגונג, איי־דער עס איז איינגעפיהרט געוואָרן די מעכאַנישע קראַפט און דער פאַבריק־סיסטעם, איז דער פאַל פון די שטרומף־אַרבייטער, אָדער געשטעל־שטריקער, באַשריבען פון דר. ברענטאַנאָ. ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבען באַנוצען די זאָקען־מאַשין, אין די ערשטע יאָהרן פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט, שיינט עס, אַז מען האָט אָנגע־שטעלט העלפערס אַרבייטען אויף געשטעלען, וואָס האָבען געהערט צו קאַפּיטאַליסטען, הגם דער גרעסטער טייל פון פאַך איז געלעגען אין די הענט פון מענשען, וואָס האָבען געאַרבייט אויף אייגענע געשטעלען אַלס זעלבסטשטענדיגע פּראָדוצירער. די קאָנקורענץ פון די דאָזיגע עמבריאָ־פאַבריקען האָט זיך שטאַרק געלאָזט פיהלען אויף די היימישע זאָקען־שטריקער און, אין 1759, ווען די געזעצ־ליכע באַשרענקונגען וועגען לעהרלינגען זיינען אינגאַנצען צוזאַמענ־געבראָכען, איז זי געוואָרן אַן אומגליק. עס איז אַרויסגעוואַקסען אַ „רואינירענדער איינפיהר, אַז קירכען־באַצירקען זאָלען געבען פאַבריקאַנטען פּרעמיעס פאַר באַשעפטיגען זייערע אָרימעלייט", און דאָס פאַרפלייצען דעם אַרבייטס־מאַרק מיט סובסידירטער קינדער־אַרבייט האָט אַרונטערגעבראַכט דעם זאָקען־שטריקער אין אַ צו־שטאַנד פון עלענד. הגם ער האָט נאָך אַלץ געאַרבייט ביי זיך אין הייזעל, האָט ער אָבער גאַנץ גיך אויפגעהערט צו זיין דער איי־גענטימער פון זיין געשטעל און עס איז ענטשטאַנען אַ סיסטעם, אונטער וועלכען מען האָט געדונגען די געשטעלען אויף אָפּצאָה־

---

* די דובלינער זיידענוועבערס, אפשר אַ דאַנק דעם וואָס זיי זיי־נען געווען הוגענאָטען פליכטלינגע אין אַ רוימיש־קאַטוילישער שטאָדט, זיינען קענטיג געווען פאַראייניגט זינט די ערשטע יאָהרען פון דעם יאָהרהונדערט; זעה, צום ביישפּיעל, „דהי קיים אָוו דהי סילק ענד וואָרסטעד וויווערס אין איי לעטטער טו איי מעמבער אָוו פּאַרלאַמענט", (דובלין, 1749, 8 זייטען.)

לונג, אָדער פון דעם קליינעם קאַפּיטאַליסטישען געשטעלט־אייגענטימער, אָדער פון דעם פאַבריקאַנט, וועלכער האָט די ארבייט ארויסגעגעבען. דער אַרבייטער איז אויף אַזאַ אופן בארויבט געוואָרען ניט נאָר פון דעם באַזיץ פון זיין פּראָדוקט, נאָר אויך פון זיין ארבייטס־געצייג. דעריבער, הגם באַלד אין אָנהויב פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען שוין די זאָקען־שטריקער געהאַט צייטווייליגע פאַראיינען, אין וועלכע מייסטער און אַרבייטער האָבען זיך אָנגעשלאָסען, זיינען אָבער קיין דויערהאַפטע טרייד־יוניאָנס פון לוין־אַרבייטער ניט ענטשטאַנען פריהער ווי 1780, ווען דאָס פאַררענטען פון מאַשינען איז געוואָרען אַלגעמיין.*

די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע אין די פאַכען פון מעסער־שמידעריי גיט אונז נאָך אַ ביישפּיעל פון דער דאָזיגער עוואָלוציע. צו דער צייט ווען די „קאָטלערס' קאָמפּאַניע“ איז געגרינדעט געוואָרען (1624) איז דער טיפּישער בעל־מלאכה אליין געוועזען דער אייגענטימער פון זיין „דרעה־באַנק“ און אַנדערע געצייג, און די באַשרענקונגען פון לעהרלינגען האָט נאָך אָנגעהאַלטען. ארום 1791, ווען די מייסטערס האָבען פון פּאַרלאַמענט באַקומען אַ פאַרלייכטערונג אין די געוועהנליכע באַשרענקונגען בנוגע צו לעהרלינגען, געפינען מיר, אַז דער דאָזיגער סיסטעם איז צום גרעסטען טייל פאַרביטען געוואָרען אויף עטוואָס גאַנץ עהנליך צו דער היינטיגער אָרדענונג, אין וועלכער דער טיפּישער פאַבריק־בעל־מלאכה אַרבייט מיט דעם פאַבריקאַנט'ס מאַטעריאַלען אויף אַ געדונגענעם דרעה־באַנק וואָס געהערט אָדער צו דעמזעלבען פאַברי־

---

* דעם צושטאַנד פון די זאָקען־שטריקער קאָן מען אַרויסזעהן פון דער גרינדליכער פּאַרלאַמענטאַרישער אונטערזוכונג, פון וועלכער די פּראָטאָקאָלען פאַרנעהמען 15 זייטען פון די „זשורנאַלען פון האָוז אָוו קאָממאָנס“, באַנד 16, אַפּריל 19, 1735. זעה אויך ב. 36 און 37 דעם „באַריכט פון דער קאָמיטע וועגן די פּעטיציעס פון די זאָקען־שטריקערס“, 1812. פעלקינ'ס „היסטאָרי אָוו דהי מאַשין־וורטאָטה האָזיערי ענד לייס מאַנופעקטשור“, (לאָנדאָן, 1867), ענטהאַלט אַן אויספיהרליכע באַשרייבונג פון טרייד, באַגרינדעט אויף גרייווענער הענסאָנ'ס „היסטאָרי אָוו דהי פריימוואָרק ניטטערס“ (לאָנדאָן, 1831), איצט אַ זעלטען ווערק, פון וועלכען בלויז איין באַנד איז פאַרעפענטליכט געוואָרען.

קאנט, אדער צו א בעל־הבית וואס שטעלט־צו קראפט. עס איז ניט קיין בלויזער צופאל, וואס אין דעם יאהר 1790 האבען זיך די שעפיעלדער ארבייטסגעבער געפונען געצוואונגען צו נעהמען א געמיינשאפטליכע שטעלונג קעגען די „שערען־שלייפער און אנדערע ארבייטער, וועלכע זיינען אריינגעטראטען אין אומ„עזעצליכע פארבאנדען צו העכערן די פרייזען פון ארבייט“.*

אבער דער וויכטיגסטער ביישפיעל וועגען דעם צוזאמענהאנג פון טרייד־יוניאנס מיט דעם וואס דער ארבייטער האט אויפגעהערט צו זיין דער באזיצער פון די פראדוקציאנס־געצייג, קאן מען זעהן אין דעם גיכען וואקסען פון פאד־פאראייניגען בעת דער איינפיהרונג פון דעם פאבריק־סיסטעם. מיר האבען שוין באמערקט, אז טרייד־יוניאנס אין יארקשייר האבען זיך אנגעפאנגען מיט דער גרינדונג פון פאבריקען און מיט דעם געברויך פון קראפט. ווען עס האט זיך די טוכמאכער פון וועסט רידינג, אין 1794, ניט איינגעגעבען צו שטערן די לידזער סוחרים אין דער אויפבויאונג פון גרויסע פאבריקען, „וואו מען מיינט צו באשעפטיגען א גרויסע צאהל פערזאנען, וואס ארבייטען איצט אין זייערע אייגענע היימען“, האבען די ארבייטער גענומען די זאך אין זייערע אייגענע הענט און האבען געגרינדעט די „קלאדהיערס' קאממיוניטי“, אדער „בריעף אינסטיטושאן“, עפענטליך צו זאמלען „בריעפס“ אדער באשטייערונגען צו אונטערשטיצען קראנקע און אנצופיהרען א פארלאמענטארישע אגיטאציע, כדי צו מאכען שוועריגקייטען די פאבריק איינגענטימער דורך א געזעצליכער באשרענקונג פון לעהרלינגען. „עס שטעל זיך ארויס“, באריכטעט דער פארלאמענטארישער קאמיטעט פון 1806, „אז עס האט עקזיסטירט פאר א געוויסער צייט אן אינסטיטוציע אדער א געזעלשאפט אונטער די וואלענס־פאבריקאנטען, וואס איז הויפטזעכליך באשטאנען פון טוד־ארבייטער.

* „שעפיעלד אירים“, אויגוסט 7 און סעפטעמבער 9, 1790. די „סיזאר־סמיטהס' פרענדלי סאסייעטי“, וואס דר. ברענטאנא דערמאנט, איז געגרינדעט געווארן אין אפריל, 1791. אנדערע פריינדליכע געזעלשאפטען אין שעפיעלד האבען קענטיג עקזיסטירט פון א פיעל פריהערדיגער פעריאדע.

אין יעדער ווינטיגער מאַנופּאַקטור שטאָדט געפינט זיך ווי עס
שיינט אַ געזעלשאַפט, צוזאַמענגעשטעלט פון אויסגעוועהלטע אר־
בייטער־דעפּוטאַטען פון די פאַרשיידענע שעפּער, פון וועלכע יעדער
שטאָדטיגע געזעלשאַפט קלייבט אויס איין דעפּוטאַט אָדער מעהר,
פאַר דער צונויפשטעלונג פון דעם אַזוי־גערופענעם צענטראַלען קאָ־
מיטעט, וועלכער קומט זיך צונויף, ווען נויטיג איז, אין אַ פּאַ־
סיגען פּלאַץ פאַר דער לאָקאַלער בעקוועמליכקייט פון אַלע צדדים.
די מאַכט פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט האָט קענטיג דורכגע־
דרונגען די גאַנצע אינסטיטוציע; און יעדער באַשטימונג אָדער
מאַסרעגעל וואָס ער נעהמט־אָן קאָן מיט לייכטקייט איבערגעגע־
בען ווערן איבער דער גאַנצער פאַבריקאַנטען־געזעלשאַפט. יעדער
אַרבייטער, ווערנדיג אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, קריגט אַ
געוויסע קאַרט אָדער אַ צעטעל, אויף וועלכע עס איז דאָ אַן עמבלע־
מאַטישע גראַווירונג — דאָס אייגענע, פאַרזיכערט מען דעם קאָמי־
טעטט, קומט פאָר אין צפון־ פּונקט ווי אין מערב־ענגלאַנד, —
אַז ביים איבערגעבען דעם צעטעל זאָל ער גלייכצייטיג קאָנען באַ־
וויזען, אַז ער געהערט צו דער געזעלשאַפט. די אייגענע תקנות און
כללים זיינען ווי עס ווייזט אויס אין קראַפט איבער דעם גאַנצען
באַצירק, און עס איז פאַראַן אַ שטאַרקער גרונט צו גלויבען, אַז מען
וועט קיין טוכמאַכער ניט ערלויבען אָנצונעהמען מיט זיין פאַך, סיי־
דען ער זאָל זיך ערגעץ אָפּשליסען, וועלכער וועט זיך ענטזאָגען
פון אונטערוואַרפען זיך די תקנות און פאַרפליכטונגען פון דער
געזעלשאַפט“.* די פאַרוואַנדלונג פון דער באַוועל־שפּינעריי אין
אַ פאַבריק־אינדוסטריע, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום 1780, איז
גלייכצייטיג געווען באַגלייט פון דעם וואַקסען פון טרייד־יוניאָ־
ניזם. די אַזוי־גערופענע אונטערשטיצונגס־קלובען פון די אָלדהאַמער
פאַבריק־אַרבייטער אין 1792, און פון די סטאָקפּאָרטער אין 1796,
זיינען געווען די פאָרלויפער פון יענער נעץ פון שפּינערס' גע־
זעלשאַפטען איבער אַלע צפון פּראָווינצען און שאָטלאַנד, וועלכע

* „רעפּאָרט אָוו קאָממיטטעע אָן דהי וואולען מאַנופאַקטשור“,
1806, ז. 16.

זיינען באַריהמט געוואָרן אין די גרויסע סטרייקס פון די נעקסטע דרייסיג יאָהר.*

עס איז לייכט צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי דאָס צוגויפטרייבען גאַנצע אַרמעען פון מענשען, וועלכע זיינען אַלע באַשעפטיגט אין דעמזעלבען פאַך, אין פאַבריקען, האָט מעגליך געמאַכט און גע־האָלפען דערצו, אַז עס זאָלען זיך גרינדען פאַר־געזעלשאַפטען פון אַרבייטער. אָבער די ענטשטעהונג פון פערמאַנענטע טרייד־פאַר־באַנדען, ביי די באַוועל־שפּינערס ווי ביי די שניידערס, דאַרף אין דעם לעצטען אַנאַליז צוגעשריבען ווערן צו דער ענדגילטיגער פאַ־נאַנדערטיילונג צווישען די פונקציעס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען „אונטערנעהמער“ און דעם פּראָסטען אַרבייטער, דאָס הייסט, צווי־שען דער פאַרוואַלטונג פון אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען און זייער דורכפיהרונג. עס איז שוין ווירקליך געוואָרן אַן אַלגעמיין אָנ־גענומענע זאַך פון מאָדערנעם טרייד־יוניאָניזם, אַז בלויז אין יענע אינדוסטריען, אין וועלכע דער אַרבייטער האָט אויפגעהערט צו זיין פאַראינטערעסירט אין די פּראָפיטען פון קויפען און פאַר־קויפען — יענע כאַראַקטעריסטיק, וואָס איז ענג פאַרבונדען מיט דעם באַזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען — קאָנען ווירקזאַמע און פעסטע טרייד־אָרגאַניזאַציעס געגרינדעט ווערן.

די פּאָזיטיווע באַווייזען, אַז דער טרייד־יוניאָניזם איז היס־טאָריש אָפּהענגיג אָן דעם אַרבייטער'ס אויפהערן צו זיין דער באַזיצער פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווערן פאַרפולט דורך דעם פאַקט, וואָס מען געפינט ניט קיין פערמאַנענטע פאַראיינען אין יענע אינדוסטריען, וואו דאָס איז ניט פאָרגעקומען. דאָס זינקען פון דער לעבענס־מדרגה פון דעם געלערנטען בעל־מלאכה ביי דעם צוזאַמענברוך פון מיטעלאַלטערליכען סיסטעם איז פאָרגעקומען אין אַלע סאָרטען טריידס, צי דער אַרבייטער איז געבליבען דער אייגענטימער פון די פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען אָדער ניט; אָבער טרייד־יוניאָנס זיינען ענטשטאַנען בלויז דאָרט, וואו די ענדערונג האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ צעשיידונג צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. אַרום דעם סוף פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט,

---

* זעה קאַפּיטעל 3.

אדער אין אנהויב פון אכצעהנטען, געפינען מיר „דהי קארפא־ריישאן אוו פינמייקערס אוו לאנדאן" ווענדענדיג זיך מיט א פע־טיציע צום פארלאמענט, ווי פאלגט:

„די דאזיגע קאמפאניע באשטעהט צום גרעסטען טייל פון ארימע און באדערפטיגע מענשען, וועלכע האבען ניט, ניט קיין געלד און ניט קיין קרעדיט, צו קויפען דראט ביי א סוחר פון דער ערשטער האנט, נאר זיינען דורך נויט געצוואונגען צו קויפען בלויז קליינע פעקלעך פון צווייטען אדער דריטען קויפער, ווען זיי מוזען עס האבען צום געברויך, און צו פארקויפען די שפילקעס וואס זיי מאכען דערפון פון וואך צו וואך, אזוי גיך ווי זיי זיינען פארטיג, פאר גרייט געלד — צו שפייזען זיך, זייערע ווייבער און קינדער, ווערמען זיי זיינען געצוואונגען ארומצושיקען היין און צוריק יעדען שבת-נאכט פון קלייט צו קלייט, אנבאטען צום פארקויף זייערע שפילקעס, אז ניט וועט קיין געלד ניט זיין אויף ברויט. און זייער צאהל פארמעהרט זיך אזוי און ווערט גרעסער יעדען טאג דורך דער אומבאשרענקטער צאהל לעהרלינגען, אז אייניגע נייציג-גענזינ־טע מיטגליעדער פון דער קאמפאניע (וועלכע האבען באדייטענדע זאפאסען) באשעפטיגען זיי שטענדיג און האלטען זיי, ... די פער־זאנען, וואס קויפען די שפילקעס פון די וואס מאכען זיי, צו פאר־קויפען זיי צוריק צו די קליינ-קרעמער, באנוצענדיג זיך מיט דער נויט פון די ארימע ארבייטער (וועלכע זיינען שטענדיג געצוואונגען צו פארקויפען פאר גרייט געלד, כדי צו קאנען עקזיסטירן), האבען ביסלעכווייז אזוי ארונטערגעשלאגען די פרייזען פון שפילקעס, אז דער ארבייטער קאן פון זיין ארבייט ניט לעבען... און זיי געהען אוועק ווערן משרתים, קאנען-טרעגער און אנדערע טאג-לוינער.... און פיעלע פון זייערע קינדער פאלען טעגליך אויף קהל'שער השגחה".* און די ענטשקע-מאכערס באקלאגען זיך, אין דער־זעלבער פעריאדע, אז „זיי זיינען בכלל אזוי ארים, אז זיי מוזען קריגען לעדער אויף קרעדיט, ניט זייענדיג ביכולת צו באצאהלען

---

* אין א בוך אונטער'ן נאמען „טראקט רעלייטינג טו טרייד", ב. מ., 816, ט. 13.

דערפאַר אָדער דעם לוין צו זייערע אַרבייטער, ביז וואַנען זיי פאַר־קויפען די הענטשקעס".*

אָבער, הגם די שפּילקעמאַכערס און הענטשקעמאַכערס, און אַנדערע טריידס אין דעמזעלבען צושטאַנד, האָבען פאָלשטענדיג אַנערקענט די נויטיגקייט פון אַ געוויסען שוץ פאַר זייער לעבענס־מדרגה, געפינען מיר ניט ביי זיי וועלכען עס איז שפּור פון טרייד־יוניאָניזם. אַזוי ווי זיי האָבען פאַרקויפט ניט נאָר זייער אַרבייט, נאָר אויך איהר פּראָדוקט, איז זייער איינציג מיטעל געווען די געזעצליכע באַשיצונג פון דעם פּרייז פון זייערע סחורות.** קורץ, אין יענע אינדוסטריעז, אין וועלכע די צעשיידונג צווישען קאַפּיטאַליסט און בעל־מלאכה, קאָפּ־אַרבייטער און האַנט־אַרבייטער איז נאָך ניט געווען קיין פאָלשטענדיגע, האָט מען זיך גענומען צו דער אַלטער גילדע־טאַקטיק פון קאָמערציעלען מאָנאָפּאָל, ווי צו דעם איינציגען אויסגעפּרובירטען מיטעל פאַר דער באַשיצונג פון דער לעבענס־מדרגה פון דעם פּראָדוצירער.

מיר באַהויפּטען ניט, אַז די פאַנאַנדערטיילונג צווישען קאַ־פּיטאַליסט און בעל־מלאכה אַן־און־פאַר־זיך גיט אַ פולשטענדיגע ערקלערונג פאַר דעם אורשפּרונג פון טרייד־יוניאָנס. צו אַלע צייטען אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער אינדוסטריע האָבען עקזיס־טירט גרויסע קלאַסען אַרבייטער, וועלכע זיינען פּונקט אַזוי גע־ווען אויסגעשלאָסען פון ווערן די פּאַרוואַלטער פון זייער אייגע־נער אינדוסטריע ווי דער שניידער וואַלקעמער פון אַכצעהנ־טען יאָהרהונדערט, אָדער ווי דער מאָדערנער באַוועל־שפּינער אָדער מינענאַרבייטער. אַ חוץ די האַלב־פאַרשקלאַפּטע אַרבייטער אויפ'ן לאַנד אָדער אין די מינעז, איז עס גאַנץ זיכער, האָט זיך אין די שטעדט געפונען אַ באַדייטענדער קלאַס פון ניט־געלערנטע אַר־בייטער, וועלכע זיינען, צוליעב דעם וואָס זיי האָבען זיך ניט גע־

* „ריזאָנס עגעינסט דהי דעזייער לעדהער אימפּאָזישאָנס אָן גלאָווס", ב. מ., 816, מ. 13.

** שפּעטער וועלען מיר האָבען די געלעגענהייט אַנצואווייזען אויף דער אָפּוועזענהייט פון ווירקזאַמען טרייד־יוניאָניזם אין יענע טריידס, וועלכע ווערען נאָך אַלץ אָנגעפיהרט פון קליינע אַרבייטער מייסטערס.

לערנט, געווען אויסגעשלאסען פון וועלכען עס איז אנטייל אין די שיצענדע תקנות פון דער גילדע.* אין יעדען פאל, ארום אכצעהנטען יאהרהונדערט האט די צאהל פון דעם דאזיגען קלאס געמוזט שטארק פארגרעסערט ווערן דורך דער וואקסענדער פאדערונג אויף פראסטע ארבייטער, וואס איז געווען פארבונדען מיט דעם וואוקס פון טראנספארט טרייד, גרויס־מאסשטאביגע בוי־אפעראציעס א. ד. ג. אבער ניט די פערמע־פועלים, מינענארבייטער אדער סתם טאגלוינער, — ווי שלעכט־באצאהלט און שלעכט־באהאנדעלט זיי זיינען אפט ניט געווען, — זיינען עס געווען, ביי וועמען די ערשטע טרייד־יוניאנס זיינען ענטשטאנען. מיר הערן אפילו ניט פון קיין סטרייקס אדער צייטווייליגע פאראייניגונגען ביי זיי. פאר דער גרינדונג פון זעלבסטשטענדיגע אסאציאציעס, צו שטעלען זיך קעגען דעם ווילען פון די ארבייטסגעבער, איז נויטיג אז מען זאל באזיצען א געוויסען גראד פון פערזענליכער אומאפהענגיגקייט און כאראקטער־פעסטקייט. מיר געפינען דעריבער, אז די ערשטע טרייד־יוניאנס ענטשטעהען ביי ארבייטער, וועמעס געלערנטקייט און לעבענס־מדרגה איז פאר יאהרהונדערטער געווען ערמוטיגט און געשיצט דורך געזעצליכע און אנגענומענע תקנות בנוגע צום לערנען זיך די מלאכה און דורך דער באשרענקונג פון דער צאהל לעהרלינגען, מיט וועלכע די הויכע לעהר־געלדער און אנדערע באדינגונגען האבען געמוזט זיין פארבונדען.

עס ווערט אפט אנגענומען, אז דער טרייד־יוניאניזם איז ענטשטאנען אלס א פראטעסט קעגען אומדערטרעגליכער אינדוסטריע־

---

* די באהויפטונג, וואס ווערט אפט געמאכט, אז די האנטווערקער־גילדעס, אין זייער בעסטער פעריאדע, האבען פאקטיש איינגעשלאסען די גאנצע ארבייטער באפעלקערונג, שיינט אונז צו זיין אומבאגרינדעט. דער צעך־סיסטעם האט קיינמאל ניט ארייננענומען קיין אנדערע ווי געלערנטע בעלי־מלאכות, מיט וועמען עס האבען שטענדיג געמוזט ארבייטען צוזאמען א גרויסע צאהל ארבייטער, וואס האבען קיין לערנצייט ניט דורכגעמאכט, וועלכע האבען געקראגען ווייניגער ווי א העלפט פון דעם לוין פון די געלערנטע בעלי־מלאכות. מיר וואגען צו באהויפטען, אז עס איז א ספק, צי די האנטווערקער־גילדעס האבען צו וועלכער עס איז צייט געצעהלט א גרעסערע פראפארציע פון דער ארבייטער־באפעלקערונג, ווי די היינטיגע טרייד־יוניאנס.

לער אונטערדריקונג. דאָס איז ניט ריכטיג. די ערשטע העלפט פון דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט איז זיכער ניט קיין פּעריאָדע פון אויסנעהמליכער נויט. פאַר אַ משך פון פופציג יאָהר, זינט 1710, איז געווען אַ כמעט ניט־אונטערבראָכענע רייהע פון גוטע גערעטעניש, דער פּרייז אויף ווייץ איז געבליבען אויסערגעוועהנליך ניד־דעריג. די שניידערס פון לאָנדאָן און וועסטמינסטער האָבען זיך פאַראייניגט, באַלד אין אָנהויב פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט, ניט כדי צו שטעלען זיך קעגען וועלכער עס איז רעדוצירונג פון זייערע פאַרדיענסטען, נאָר ארויסצוקריגען פון זייערע ארבייטס־געבער אַ בעסערן לוין און קירצערע ארבייטס־שטונדען. די וועניגע געבליבענע האַנט־וואָלקעמערס האַלטען נאָך אַלץ הויך די טראַדיציע פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען זיי האָבען זיך גערופען „דזשענטלמען וואָלקעמערס", האָבען זיך ענטזאָגט צו טרינקען מיט אנדערע פאַבריק־ארבייטער און זיינען געווען שטאַרק גענוג, ווי מיר האָבען געזעהן, צו מאַכען „געזעצען פאַר זייערע מייסטערס".* און די גאַרבערס, הוטמאַכערס, וואָל־סאָרטירערס, בערשמאַכערס, קערב־מאַכערס און קאַרטון־דרוקערס, וועלכע גיבען אָנגעזעהענע ביישפּיעלען פון טרייד־יוניאָניזם פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט, אַלע האָבען פאַרדיענט פאַרהעלטניסמעסיג הויכע לוינען און האָבען לאַנג אָנגעהאַלטען אַ גאַנץ ווירקזאַמען ווידערשטאַנד קעגען די אָנגריפען פון זייערע ארבייטסגעבער.

פון די דאָזיגע פאַקטען שיינט אונז, אַז דער טרייד־יוניאָניזם וואָלט געווען אַ שטריך פון דער ענגלישער אינדוסטריע, אפילו אָהן דער דאַמף־מאַשין און אָהן דעם פאַבריק־סיסטעם. צי די פאַראייניגונג פון די בעסערע ארבייטער, וואָס איז ענטשטאַנען אין דעם ערשטען טייל פון דעם יאָהרהונדערט וואָלט זיך ווען עס איז ענטוויקעלט אין אַ טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג, איז אַן אנדער פראַגע. דער טיפּישער „טרייד־קלוב" פון דעם שטאָדטיגען בעל־

---

* אַ סך ביישפּיעלען וועגען דער העזה'דיגקייט און אַגרעסיווקייט פון די וואָלקעמערס געפינען זיך פאַרצייכענט; די אַנאָנסען פון אַרבייטסגעבער אין דעם „נאָטינגהאַם דזשורנאַל", אויגוסט 31, 1795, און אין דעם „לעיסעסטער הערעלד" פון יוני, 1792, זיינען בלויז צוויי פון פיעלע עהנליכע געשיכטען.

מלאכה פון יענער צייט איז געווען אן אפגעשלאסענער „קרייז" פון העכסטע געלערנטע ארבייטער, וועלכע זיינען געשטאנען ענטשידען ווייטער פון דער פראסטער מאסע ארבייטער, ווי אפילו פון דעם געקליינעם קלאס קאפיטאליסטישע בעלי־בתים. די געוועהנליכע געצוואונגענע לערנצייט, וואס די עליזאבעטאנישע סטאטוטען האבען פארגעשריבען, און די הויכע לערן־געלד וואס מען האט פון די עלטערן געוועהנליך ארויסגעפרעסט, האבען פאר א לאנגער צייט איבערגעגעבען א ווירקליכען מאנאפאל אויף די בעסער באצאהלטע מלאכות אין די הענט פון א כמעט בירושה'דיגער קאסטע „פאכלייט", אין וועמעס רייהען די ארבייטסגעבער אליין האבען צום גרעסטען טייל אויסגעדיענט זייער לערנצייט. און אזוי ווי אט דעם געזעצליכען אדער פון מנהג אנערקענטען שוץ האבען זיי שוין גענאסען, האבען זיי זייערע פאך־קלובען אויסגענוצט הויפטזעכליך צו פארזארגען זיך מיט פריינדליכער אונטערשטיצונג און אין די „דינגענישען" מיט זייערע בעלי־בתים פאר בעסערע באדינגונגען. מיר געפינען ניט אין אזעלכע טרייד־קלובען קיין שום שפור פון יענעם אחדות־געפיהל צווישען די בעלי־מלאכות פון די פארשיידענע פאכען, וועלכער איז שפעטער געווארן אזא אנגעזעהענער שטריך פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג. זייערע צופעליגע סכסוכים מיט זייערע בעלי־בתים זיינען גיכער עהנליך צו פאמיליען־צוויסטיגקייטען, ווי צו צוזאמענשטויסען צווישען באזונדערע סאציאלע קלאסען. זיי צייגען ארויס מעהר טענדענץ צו „שטעהן צוזאמען" מיט זייערע מייסטערס קעגען דער געמיינדע, אדער צו שטיצען זיי קעגען קאנקורענטען אדער מסיג־גבול'ניקעס, איידער צו פאראייניגען זיך מיט זייערע ארבייטס־חברים פון אנדערע פאכען אין אן אנגריף אויף דעם קאפיטאליסטישען קלאס. קורץ, די אינדוסטריעלע געזעלשאפט איז דא נאך פאנאנדערגעטיילט אין גרופען — לויט די פאכען נאך, אנשטאט אין קלאסען — צווישען ארבייטסגעבער און לויז־פארדיענער. און עס איז אט די לעצטע צעטיילונג וואס האט פארוואנדעלט דעם טרייד־יוניאניזם פון די קליינע גרופען געלערנטע ארבייטער אין דער מאדערנער טרייד־יוניאניסטישע באוועגונג.*

* אז אזעלכע קלובען זיינען געווען אלטעגליך אין די לאנדאנער

די פּיאָנערן פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג זיינען ניט גע־
וועז די טרייד־קלובען פון די שטאָדטיגע בעלי־מלאכות, נאָר די
ברייטע פאַראייניגונגען פון די וואָלענס־אַרבייטער אין מערב־ענג־
לאַנד און די מיטענלענדישע זאָקען־וועבערס. אַט די אַסאָציאַציעס
זיינען עס געווען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען דאָס, וואָס איז שפּע־
טער געוואָרן דער אַלגעמיינער ציעל פון כמעט אַלע פאַראיינען אין
אַכצעהנטען יאָהרהונדערט — די אַפּעלאַציע צו דער רעגירונג און
דער האָוז אָוו קאָממאָנס זיי זאָלען ראַטעווען די לוין־פאַרדיענערס
פון דער נייער פּאָליטיק: צו קויפען אַרבייט, פּונקט ווי רויהע מאַ־
טעריאַלען פאַר דער פאַבריקאַציע, אויפ׳ן ביליגסטען מאַרק. די
געשווינטע ענדערונגען אין די פּראָצעסען פון דער אַרבייט און די
אויסברייטונג פון די מערק פון דער ענגלישער אינדוסטריע האָבען
קענטיג געפאָדערט, אַז עס זאָלען באַזייטיגט ווערן אַלע באַשרענ־
קונגען אויף דעם אָנבאָט און פאַרווענדונג פון אַרבייט, אַ פּראָצעס
וואָס האָט אין זיך ענטהאַלטען דעם אויסגלייך פון אַלע קלאַסען
לוין־פאַרדינער לויט זייער „נאַטירליכען לוין“. די ערשטע צו דער־
פּיהלען דעם אַנגריף אויף זייערע געוועהנליכע פאַרדיענסטען זיי־
נען געווען די וואָלענס־אַרבייטער, וועלכע האָבען געאַרבייט פאַר די

האַנטווערק־פאַכען אַזוי פריה ווי אין 1720, קאָן מען זעהן פון דעם
פאָלגענדען אויסצוג פון „דהי קעיס אָוו דהי מאַסטער טיילאָרס רעזיידינג
ווידהין די סיטיס אָוו לאָנדאָן ענד וועסטמינסטער“, אַ פּעטיציע וואָס
האָט געפיהרט צו דעם געזעץ פון 1720: „דער דאָזיגער פאַרבאַנד פון
די דזשורנעמען טיילאָרס“... איז אַ זעהר שלעכטער ביישפּיעל פאַר אַר־
בייטער אין אַלע אַנדערע טריידס; ווי מען זעהט עס גאַנץ גוט ביי די
„דזשורנעמען קאָרריערס“, „סמיטהס“, פּאַרריערס“, „סעילמייקערס“,
„קאָוטשמייקערס“ און בעלי־מלאכות פון פארשיידענע אַנדערע קונסטען
און געהיימניסען, וועלכע זיינען ווירקליך אַריינגעטראָטען אין קאָנ־
פעדעראַציעס פון אַן עהנליכען כאַראַקטער; און די „דזשורנעמען קאַר־
פּענטערס“, „בריקלייערס“ און „דזשאָינערס“ האָבען גענומען געוויסע
שריט צוליעב אָט דעם צוועק, און זיי וואַרטען נאָר צו זעהן וואָס אַנדערע
וועלען טאָן“. און די „דזשורנימען טיילאָרס“, אין זייער פּעטיציע
פון 1745, ווייזען אָן אויף דער גרויסער צאָהל „מאָנאַטליכע קלובען“
ביי די לאָנדאָנער בעלי־מלאכות. וואָס איז שייך צו די גאַרבערס אין
יענער צייט, זעה „פּליום מאַנוסקריפּטען“, 247, 246 — 27801.

קאַפּיטאַליסטישע טוכהענדלער אין די מערב־באַצירקען. מיט דעם ווייטערדיגען גאַנג פון יאָהרהונדערט געפינען מיר, ווי איין טרייד נאָך דעם אַנדערן נעהמט־אויף די אַגיטאַציע קעגען די נייע באַדינגונגען, און אַזעלכע איינגעפונדעוועטע קלובען, ווי פון די הוטמאַכערס און וואָלקעמערס, שליסען זיך אָן אַן דער אַלגעמיינער באַוועגונג, אַזוי געשווינט ווי זייערע אייגענע אינדוסטריען שטעהען אין סכנה. דער שטאָדטיגער געלערנטער בעל־מלאכה האָט די נייע פּאָליטיק דערפיהלט דורך דער צוריקרופונג פון די תקנות, וועלכע האָבען געשיצט זיין טרייד געגען אַ צופלוס פון בעטלער אַרבייט. פאַרטיידיגט האָט ער זיך מיט דער פאָדערונג, אַז דער געזעץ בנוגע צו לעהרלינגען זאָל פאַרשטאַרקט ווערן.* דאָס וואָלט דעם פאַבריק־אַרבייטער אין די איינגעשטעלטע טעקסטיל אינדוסטריען ניט געהאָלפען. פאַר איהם האָט די נייע אָרדענונג אָנגענומען די פאָרם פון כסדר זינקענדע שטיק־אַרבייט פּרייזען. וואָס ער האָט געפאָדערט איז דעריבער געווען, אַז מען זאָל פעסטשטעלען דעם „געהעריגען פאַרהעלטניסמעסיגען לוין", וואָס די עליזאַבעטישע געזעצגעבונג האָט באַצוועקט. אָבער די לוין־אַרבייטער, סיי בעלי־מלאכות סיי פאַבריק־אַרבייטער, כדי אויפצוהאַלטען זייער לעבענס־מדרגה, האָבען זיך געווענדט צו יענעם געזעצליכען שוץ, אויף וועלכען מען האָט זיי געלערנט זיך צו פאַרלאָזען. כל זמן יעדע סעקציע אַרבייטער האָט געגלויבט, אַז עס איז די אויפגאַבע פון דעם הערשענדען קלאַס צו שיצען זייער טרייד קעגען די רעזולטאַטען פון אומבאַשרענקטער קאָנקורענץ, איז ביי זיי קיין אינטערעסען־געמיינשאַפטליכקייט ניט ענטשטאַנען. עס איז געווען די ענדערונג אין דער אינדוסטריעלער פּאָליטיק מצד דער רעגירונג, וואָס האָט געבראַכט אַלע פאַכען אין רייה און האָט צום ערשטען מאָל געשאַפען, וואָס מען קאָן ריכטיג אָנרופען, אַ טרייד־יוניאָן באַוועגונג. כדי אינ־

---

* אַזוי שטאַרק איז דאָס געווען דער פאַל, דאָס דר. ברענטאַנאָ באַהויפּטעט, אַז „טרייד־יוניאָנס האָבען זיך אָנגעהויבען מיט דעם ניט־אָפּהיטען" דעם עליזאַבעטאַנישען סטאַטוט וועגען לעהרלינגען (ז. 104), און אַז זייער הויפּט־צוועק איז געווען, אין אַלע פאַלען צו פאַרשטאַרקען דעם געזעץ וועגען דעם.

גאַנצען קלאָר צו מאַכען די דאָזיגע באַוועגונג, מוזען מיר זיך דער־ריבער איצט אומקעהרען צוריק אויף אונזער וועג און נאָכפאָלגען די פּאָליטישע געשיכטע פון דער אינדוסטריע אין דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט.

די דאָמינירנדע אינדוסטריעלע פּאָליטיק פון דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט איז געווען, אויפצושטעלען אַ געוויסע רעגולירנדע אויטאָריטעט, וואָס זאָל טאָן פאַר'ן טרייד די דיענסטען, וואָס זיינען פריהער געטאָן געוואָרן פון דער האַנטווערקער גילדע. ווען די וועבערס, למשל, האָבען אין מיטען פון יאָהרהונדערט געפונען, אַז זייערע געוועהנליכע פאַרדיענסטען ווערן צערונען, האָבען זיי באַוויזען זיך צו פאַראייניגען אַזוי שטאַרק, צו לאָזען הערען זייער שטים אין וועסטמינסטער. אין 1555 געפינען מיר זיי זיך קלאָגענ־דיג, „אַז די רייכע און פאַרמעגליכע טוכהענדלער דריקען זיי זעהר פיעל", דורך אַנשטעלען מענשען, וואָס האָבען זיך די ארבייט ניט געלערנט, צו אַרבייטען אויף די קאַפּיטאַליסטישע וועבשטוהלען, דורך פאַרדינגען וועבשטוהלען אויף רענט, און „מאַנכע אויך דורך געבען אַ פיעל קלענערן לוין און געצאָהלט פאַר וועבען און אויס־אַרבייטען טוך, ווי זיי האָבען עס אין אַמאָליגע צייטען געטאָן". פאַר דעם פּאַרלאַמענט פון יענער צייט האָט געשיינט ריכטיג און נאַטירליך, אַז די גערדריקטע לוין־פאַרדיענער זאָלען זיך ווענדען צו דער געזעצגעבונג, זיי צו שיצען קעגען דער אַרונטערשניידונג פון זייערע פאַרדיענסטען דורך די קאָנקורירנדע קאַפּיטאַליסטען. די סטאַטוטען פון 1552 און 1555 פאַרוועהרען די באַנוצונג פון דער דרעה־מיל, באַשרענקען די צאָהל וועבשטוהלען וואָס איין פּערזאָן מעג באַזיצען, אויף צוויי אין די שטעדט און אויף איינעם אויפ'ן לאַנד, און פאַרבאָטען אַבסאָלוט דאָס פאַרדינגען וועבשטוהלען אויף אַפּ־צאָהל אָדער רענט. אין 1563 האָט דער פּאַרלאַמענט אויסדריק־ליך גענומען אויף זיך צו פאַרזיכערן אַלע לוין־אַרבייטער מיט אַ „בכבוד'ער" חיונה. די אַלטע געזעצען, וועלכע האָבען פעסטגע־שטעלט אַ מאַקסימום לוין, האָבען, אונטער די אומשטענדען פון די שטייגענדע פרייזען, ניט געקאָנט געבראַכט ווערן אין קראַפט „אָהן די גרויסע ליידען און לאַסט פאַר דעם אָרימען טאָג־לוינער און געדונגענעם מענשען". אומשטאַנדען האָבען זיך צו־גיך געענדערט

פאַר וועלכען ניט איז שטרענגען געזעץ. אַבער דורך דעם באַריהמ־טען „סטאַטוט וועגען לעהרלינגען“ האָבען די שטאַאטסלייט פון יענער צייט געזוכט פלענער, וועלכע זאָלען, ווי זיי האָבען געהאָפט, „געבען דער געדונגענער פערזאָן, סיי אין צייט פון מאַנגעל און סיי אין צייט פון איבערפלוס, אַ געהעריגען פאַרהעלטניסמעסיגען לוין“. יעדען יאָהר האָבען זיך די ריכטער פון יעדער לאָקאַליטעט געזאָלט צונויפקומען און „פאַררופענדיג צו זיך אַזעלכע פאַרנינפטיגע פער־זאָנען... וואָס זיי וועלען געפינען פאַר פאַסיג, און צוזאַמען זיך באַראַטענדיג מכח דער שפע אָדער די נויט פון דער צייט“, האָבען זיי געזאָלט פעסטשטעלען דעם לוין פאַקטיש פון יעדער סאָרט אַרבייט; זייערע באַשלוסען האָבען געקאָנט אַרויפגעצוואונגען ווערן דורך שווערע שטראָפען. שטרענגע תקנות וועגען דער נויטווענ־דיגקייט פון לערנען זיך די מלאכה, ווי לאַנג דער טערמין זאָל זיין, און די צאָהל לעהרלינגען וואָס יעדער אַרבייטסגעבער זאָל מעגען האַלטען, האָבען געקראָגען די צושטימונג פון געזעץ. די טיפּישע אָרדינאַנצען פון דעם מיטעלאַלטערליכען צעך זיינען פאַקטיש געווען פאַרגעשריבען, מיט גענויע פרטים, אין אַן ארומפאַסענדען אַלגעמיינעם סטאַטוט, וואָס האָבען זיך געלאָזט אָנווענדען אויף דעם גרעסטען טייל פון דער אינדוסטריע פון דער פעריאָדע.

מיר דאַרפען דאַ ניט דיסקוטירען די גאַנץ דעבאַטירבארע פראַגע, צי דער דאָזיגער באַריהמטער געזעץ איז יאָ אָדער ניט געווען גינסטיג פאַר דעם אַרבייטענדען פאָלק פון יענער צייט, אָדער צי זיי־נען זיינע כללים, און אויף ווי ווייט, ווירקליך דורכגעפיהרט געוואָרן אין קראַפט.* אַבער אַזוי ווי ער האָט קאָדיפיצירט און פאַרגעזעצ־ליכט די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון דער מיטעלאַלטערליכער גע־זעלשאַפטליכער אָרדנונג, קאָנען מיר קוים זיין איבעראַשט דערפון,

---

* זעה וועגען די דאָזיגע פונקטען דר. קוננינגהאַמ׳ס „היסטאָרי אָוו אינגליש אינדאָסטרי ענד קאָמערס“, מר. היואינס „אינגליש טרייד ענד פיינאַנס טשיעפלי אין דהי סעווענטינטה סענטשורי“ און טהאָראָלד ראָדזשערס׳ „היסטאָרי אָוו אַגריקאָלטשור ענד פּרייסעס“, ב. 5, ז. 6-625 א. אַז. וו. אַדאַם סמיטה באַמערקט, אַז די פעסטשטעלונג פון לוין איז אין 1776 „אינגאַנצען אַרויס פון געברויך“. „וועלטה אָוו נײשאָנס“, בוך 1, קאַפּ. 10, ז. 65.)

אַז דאָס וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט איהם אָנגענומען האָט דעם אַרבייטער איבערצייגט אין דעם אַמאָליגען אַלגעמיינעם גלויבען אין דער פונדאַמענטאַלער גערעכטיגקייט און גוטער פּאָליטיק, וואָס פאַרזיכערט דורך ריכטיגער געזעצגעבונג, אַז אַלע די וואָס גיבען זיך אָפּ מיט אַרבייט זאָלען „קריגען אַ בכבוד׳ע חיונה“.*

גענוי דיזעלבע אַנזיכט האָט געהערשט ביים אָנהויב פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. מיר געפונען ווידער די נייע־געגרינדעטע אַסאָציאַציעס פון די פאַבריק־אַרבייטער אַפּעלירנדיג צום קעניג, צום פּאַרלאַמענט, אָדער צו דער „קוואָרטער סעשאָנס“, קעגען דעם וואָס זייערע אַרבייטסגעבער פאַרקלענערן זייער לוין. אין דער ערשטער העלפט פון דעם יאָהרהונדערט האָבען נאָך די הערשענדע קלאַסען ווייטער געהאַנדעלט לויט דער פאָראויסזעצונג, אַז דער פלייסיגער בעל־מלאכה איז באַרעכטיגט צו די געוועהנליכע פאַרדיענסטען פון זיין טרייד. אַזוי פאַראייניגען זיך די וועבערס פון ווילטס און סאָמערסעט, אין 1726, כדי צו דערלאַנגען אַ פּעטיציע צום קעניג קעגען דער שלעכטסקייט און די שווינדלען פון זייערע בעלי־בתים די טוכהענדלערס, וועלכע האָט געפיהרט דערצו, אַז אַ קאָמיטעט פון „פּריווי קאָנסיל“ האָט אונטערזוכט זייערע קריוודעס און האָט אויסגעאַרבייט „פּונקטען פון אַן אָפּמאַך“, וואָס זאָלען אויסגלייכען די שטרייט־פראַגען, און האָט געוואָרנט די וועבערס „פאַר דער צוקונפט“, זיי זאָלען ניט זוכען זיך צו העלפען דורך אומגעזעצליכע פאַראייניגונגען, נאָר זאָלען שטענדיג „פּאָרלעגען זייערע קריוודעס אויף אַ רעגעלמעסיגען וועג פאַר זיין מאַיעסטעט, וועלכער וועט שטענדיג זיין גרייט זיי צו באַוויליגען די געהעריגע הילף, לויט דער גערעכטיגקייט פון זייער זאַך“. נאָך אָפטער האָבען די אַרבייטער זיך געווענדט מיט זייערע אַפּעלאַציעס צו דער האוז אָוו קאָממאָנס. אין 1719, האָבען די „ברייט און שמאָל וועבערס“ פון סטראָוד און די אַרומיגע פּלעצער זיך געווענדט מיט

* דאָס איז דער שטענדיגער רעפריין פון די צאָהלרייכע „ברויטע־בויגענס“ אָדער „טראַקטס רעליוטינג טו טרייד“ פון 1688־1750, וועלכע געפינען זיך אין בריטיש מוזעאום, אין גילדהאָל ביבליאָטעק און אין פּראָפעסאָר פאָקסוועל׳ס ביבליאָטעק.

אַ פּעטיציע צום פּאַרלאַמענט, ער זאָל אונטערדריקען די טיראַנישע קאַפּיטאַליסטישע טוכמאַכערס דורך פאַרשטאַרקען דעם „אַקט בנוגע וועבערס“ פון 1555. אין 1728 האָבען די פאַבריקאַרבייטער פון גלאָוסעסטערשייר אַפּעלירט צו די לאָקאַלע פרידענס־ריכטער און ביי זיי גע׳פּועל׳ט, ניט אַכטענדיג אויף די פּראָטעסטען פון די מייסטערס טוכמאַכער, און ווי עס שיינט צום ערשטען מאָל, פעסט־צושטעלען אַ ליבעראַלען לוין־מאַסשטאַב פאַר די וועבערס פון דער פּראָווינץ. צוואַנציג יאָהר שפּעטער האָבען די פאַבריק־אַרבייטער ארויסגעקראַגען פון פּאַרלאַמענט אַ פאַרבאָט אויף דעם טרוק־סיסטעם.* ענדליך, אין 1756, האָבען זיי גע׳פּועל׳ט ביי דער האוז אָוו קאָממאָנס אָנצונעהמען אַ געזעץ, וואָס זאָל גאַראַנטירען די באַשטימונג פון שטיק־אַרבייט פּרייזען דורך ריכטער, כדי מען זאָל קאָנען אַפּשטעלען די פּראַקטיקע פון אַרונטערשניידען די ראַ־טען און אַרבייטען פאַר ביליגער. אין איינקלאַנג דערמיט האָט די „קוואַרטער סעשאָנס“, דעם 16טען נאָוועמבער, 1756, אויסגעאַרבייט „אַ טאַבעלע אָדער סיסטעם פון לוין־ראַטעס“, מיט וועלכער די אַרבייטער זיינען געווען גאַנץ צופרידען.

אין די נעקסטע עטליכע יאָהר איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלו־ציאָנערע ענדערונג אין דער אינדוסטריעלער פּאָליטיק פון דער געזעצגעבונג, וועלכע האָט די אַרבייטער אינגאַנצען געמוזט צעטומ־לען. אין דעם משך פון איין דור האָט די האוז אָוו קאָממאָנס געביטען איהר פּאָליטיק פון מיטעלאַלטערליכער פּראָטעקציע אויף אַ פּאָליטיק פון „אַדמיניסטראַטיווען ניהיליזם“. דער „וואולען קלאָטה וויוועדס אַקט“ פון 1756, איז נאָך קיין יאָהר ניט געווען אין קראַפט, ווען דער פּאַרלאַמענט איז פאַרוואָרפען געוואָרן מיט צאָהלרייכע פּעטיציעס און געגען־פּעטיציעס. די אַרבייטסגעבער האָבען ערקלערט, אַז די ראַטעס וואָס די ריכטער האָבען באַשטימט זיינען, אונטער די אומשטענדען פון דער וואַקסענדער קאָנקורענץ אין יאָרקשייר, אַבסאָלוט ניט־דורכפיהרבאַר. די אַרבייטער, פון דער אַנדער זייט, האָבען געפאָדערט, אַז דער געזעץ זאָל נאָך מעהר

---

* דאָס איז דער סיסטעם פון צאָהלען דעם אַרבייטער ניט מיט געלד, נאָר מיט געברויכס־אַרטיקלען, וואָס געהרען צום פאַבריקאַנט. — איב.

פאַרשטאַרקט ווערן צו זייער גונסטען. די טוכהענדלער האָבען פאַרטיידיגט די מעלות פון פרייען קאָנטראַקט און אומבאַשרענק־טער קאָנקורענץ. די וועבערס האָבען געקראַגען די אונטערשטיצונג פון די לאַנדאייגענטימער און דעם העכערען שטאַנד אין זייער פאָדערונג, אַז זייערע געוועהנליכע פאַרדינסטען זאָלען אויפגעהאַל־טען ווערן דורכ'ן געזעץ. די צעטומעלטע האָוז אָוו קאָממאָנס האָט זיך געוואַקעלט צווישעןביידען. תחילת האָט מען פאָראָרדענט אויסצואַרבייטען אַ געזעצפּראָיעקט, וואָס זאָל פאַרשטאַרקען דעם עקזיסטירנדען געזעץ; צולעצט אָבער האָט מען אָנגענומען, אַז די טוכפאַבריקאַנטען האָבען זייער זאַך באַוויזען.* דער געזעץ פון 1756, איז צוריקגערופען געוואָרען אָהן באַדינגונגען; און דער פּאַרלאַמענט האָט זיך איצט אָוועקגעלאָזט גלייך אויף דעם וועג פון „לעסעי־פעיר" (זאָל געהן ווי עס געהט).

דער קאַמף איבער דעם „וואולען קלאָטה וויוועורס אַקט" פון 1756, באַצייכענט דעם איבערגאַנג פון די אַלטע אידעען צו די נייע. בעת די וועבערס, שפינערס, בערשטער און אַנדערע וואָלענס אַר־בייטער פון סאָמערסעט האָבען זיך אין 1776 געווענדעט מיט אַ פּעטיציע קעגען דעם שאָדען, וואָס די איינפיהרונג פון דער שפּין־מאַשין אין סעפּטאָן מאַללעט האָט געבראַכט צו זייער געוועהנליכער חיונה, האָט די האָוז אָוו קאָממאָנס, וועלכע האָט מיט צוויי יאָהר־הונדערט צוריק אַבסאָלוט פאַרבאָטען די דרעה־מיל, זיך ענטזאָגט אפילו אויפצונעהמען די פּעטיציע.**

די געענדערטע פּאָליטיק האָט שוין געהאַט אָנגעריהרט אַ צווייטען טרייד. די „לאָנדאָן פריימוואָרק ניטטערס קאָמפּאַניע", וועלכע איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אין 1663 מיט דעם אויסדריקליכען צוועק צו רעגולירען דעם טרייד, האָט זיך אין דער ערשטער העלפט פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט געפונען אין שטענדיגען קאָנפליקט מיט די ווידערשפּעניגדיגע מייסטערס, וועלכע האָבען זיך אויס־

---

* פאַר די אַלע פאַרהאַנדלונגען זעה „האָוז אָוו קאָממאָנס דזשורנאַלס", ב. 27.

** האָוז אָוו קאָממאָנס דזשורנאַלס", ב. 36, ז. 7. (נאָוועמבער 1, 1776).

געלאַכט פון איהרע תקנות. דער דאָזיגער לאַנגער קאַמף, אין וועלכען די אַרבייטער האָבען גענומען אַן ענערגישע שטעלונג צו העלפען דער קאָמפּאַניע, איז געבראַכט געוואָרען צו אַן ענד אין 1753 דורך אַן אויספּיהרליכע פּאַרלאַמענטאַרישע אונטערזוכונג. די תקנות פון דער קאָמפּאַניע, אויף דער פאַרשטאַרקונג פון וועלכע די אַרבייטער האָבען געלעגט אַלע זייערע האָפנונגען, זיינען פייערליך ערקלערט געוואָרען אַלס „באַליידיגענד און באַלעסטיגענד פאַר די פאַבריקאַנ־טען", בעת די אויטאָריטעט פון דער קאָמפּאַניע איז ענטשידען גע־וואָרן אַלס „שעדליך פאַר'ן טרייד". דאָס פאַרוואַרפען איינגאַנצען אַלע געזעצליכע תקנות פון טרייד האָט געפיהרט, נאָך צאָהלרייכע אי־בערגאַנגס-אויפשטאַנדען, צו דער גרינדונג פון דער „זאָקענמאַכערס' אַסאָציאַציע פאַר געגענזייטיגען שוץ אין די מיטענלאַנד פּראָווינצען פון ענגלאַנד", אין 1778, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציעל די באַשרענקונג פון לעהרלינגען און די איינפיהרונג פון אַ באַשטימטער לוין־ראַטע. אַ קורצער סך־הכל פון די אַלע פאַרשיידענע פאַרזוכען, וואָס די אַרבייטער האָבען געמאַכט אין די נעקסטע צוויי יאָהר, צו קריגען דעם שוץ פון דער געזעצגעבונג, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון דר. ברענטאַנאָ.* דורך דעם איינפלוס פון דער יוניאָן איז פאַר דעם נאָטינגהאַמער באַצירק ערוועהלט געוואָרען אַ פאַר־לאַמענטס-מיטגליד, וואָס האָט מיט זיי סימפּאַטיזירט. אונטער־זוכונגען פון אַ קאָמיטעט האָבען אַרויסגעבראַכט אין דער עפענטליכ־קייט אַ גראַד פון „שוויים-סיסטעם", וואָס קאַן קוים פאַרגליכען ווערן צו די ערגסטע פאַלען אין דער היינטיגער צייט. אַ געזעצ־פּראָיעקט פאַר דער באַשטימונג פון לוין איז פאַקטיש דורכגעגאַנגען די צווייטע לעזונג, בעת די אַרבייטסגעבער, אונטערטרייבענדיג אַלע זייערע פריינד אין „הויז", האָבען איהם נידערגעשטימט ביי דער דריטער לעזונג, — אַ צוריקשטוים פאַר די אַרבייטער, וואָס האָט געפיהרט צו ערנסטע אומרוהען אין נאָטינגהאַם און האָט צוריקגע־וואָרפען די אומגליקליכע זאָקענשטריקער אין פאַרצווייפעלטער נויט.**

* „גילדס ענד טרייד יוניאָנס", ז. 21-115.

** „האָוז אָוו קאָממאָנס דזשוירנאַלס", ב. 36 און 37.

ארום אָט דער צייט האָבען שוין אויך די שטאָדטיגע בעלי־מלאכות אָנגעהויבען פיהלען די געפאַהר פון די רעוואָלוציאָנערע פלענער פון זייערע ארבייטסגעבער. די הוטמאַכערס, למשל, זיינען ביז אַהער געווען געשיצט דורך דער שטרענגער באַשרענקונג פון דער צאָהל לעהרלינגען, וואָס די געזעצען פון 1566 און 1603 האָבען פאַרגעשריבען און די „פילצמאַכערס קאָמפּאַניע" האָט אָפּגעהיט. דער דאָזיגער געזעצליכער שוץ האָט די ארבייטער ניט געשטערט צו גרינדען, ארום 1771, אַ נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון טרייד־קלובען אין די הויפּט שטעדט, וועלכע איז געווען שטאַרק גענוג ארויסצוקריגען, אין 1775, אַ פאַרגרעסערטע לוין־ראַטע און בכלל ניט צוצולאָזען צו דער ארבייט די וואָס האָבען ניט געהערט צו אַ קלוב. מיר ווייסען ווייניג וועגען דער דאָזיגער געזעלשאַפט, אחוץ אַז זי האָט אָפּגעהאַלטען פעריאָדישע „קאָנגרעסען", אויף וועלכע די פאַרטרעטער פון די פאַרשיידענע באַצירקען האָבען רעגולירט די שטיצע פון די „וואַנדערער" איבער דעם גאַנצען לאַנד; האָבען געמאַכט תקנות פאַר'ן טרייד; און, יעדענפאַלס, אין 1777, האָבען צונויפגענומען אַ רעגעלמעסיגען בייטראַג פון 2 פּענים אַ וואָך פון מיטגליד. פון די קלאַגעס פון די ארבייטסגעבער קומען מיר צום שלוס, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פעדעראַציע איז געווען די שטרענגע דורכפיהרונג פון דעם געזעץ, וועלכער האָט באַגרעניצט די צאָהל לעהרלינגען וואָס יעדער מייסטער האָט געמעגט האַלטען. דאָס האָט געפיהרט די הוטמאַכער־מייסטערס אריינצוברענגען, אין 1777, אַ געזעצפּראָיעקט, וועלכער זאָל אָפּשאַפען די באַגרעניצונגען. אַלע כחות פון דער ארבייטער־אָרגאַניזאַציע זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרען קעגען זיי. פּעטיציעס האָבען געשטראָמט פון לאָנדאָן, בוירטאָן, בריסטאָל, טשעסטער, ליווערפּול, העקסהאַם, דערבי און אַנדערע פּלעצער; די „שטיקמייסטערס הוט־אָדער פילץ־מאַכערס און ארויסענדיגערס" האָבען זיך געוועהנליך פאַראייניגט מיט די געזעלען קעגען די פאָדערונגען פון די קאַפּיטאַליסטישע ארבייטסגעבער. די ארבייטער האָבען גע'טענה'ט, אַז אפילו מיט די באַשרענקונגען, „סיידען אין גוטע צייטען, זיינען פיעלע הונדערטער פשוט געצוואונגען ארומצוואַנדערן איבער דער מדינה זוכענדיג באַשעפטיגונג". די „הויז" איז אָבער געווען אונטער דעם איינדרוק

פון די באַווייזען און אַרגומענטען פון די גרויסע אַרבייטסגעבער, און דער געזעצפּראָיעקט איז געוואָרען אַ געזעץ.

די האַנדלונג פון „האוז אָוו קאָממאָנס", ביי אַזעלכע עהנליכע געלעגענהייטען, איז נאָך ביז אַהער ניט געווען באַאיינפלוסט פון וועלכער עס איז טעאָריע פון פרייען קאָנטראַקט. פאַרגעקומען איז אָט וואָס: אַזוי ווי איין טרייד נאָך דעם אַנדערן האָט דערפיהלט די ווירקונג פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ, פלעגען ד אַרבייטער, און אָפטמאָל אויך די קלענערע בעלי־בתים, זיך ווענ־דען מיט פּעטיציעס פאַר הילף, געוועהנליך פאָדערנדיג, אַז מען זאָל פאַרבאָטען די נייע מאַשינען, איינפיהרן אַ זיבען־יאָהריגע לערנצייט, אָדער אויפהאַלטען די אַלטע באַשרענקונק פון דער צאָהל אינגלעד, וואָס יעדער בעל־הבית זאָל לערנען. די „הויז" פלעגט געוועהנליך באַשטימען אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אונטערזוכען די קלאַ־גע, מיט דער פולער כונה די אָנגעגעבענע קריוודע צו באַזייטיגען. אָבער די גרויסע אַרבייטסגעבער פלעגען פאַר דעם דאָזיגען קאָמיטעט ברענגען אַן איבערוועגענדע רייהע פון עדות, וואָס פלעגען באַ־ווייזען, אַז אָהן די מאַשינען מוז דער וואַקסענדער עקספּאָרט־מסחר אָפּגעשטעלט ווערן; אַז די מעטאָדען פון דער אַרבייט קאָן מען זיך אויסלערנען אין אַ פּאָר חדשים, אַנשטאָט עס זאָל נעהמען זיבען יאָהר; און אַז וועגען דער באַשרענקונג פון דעם אַלטען מייסטער־האַנטווערקער אויף צוויי אָדער דריי לעהרלינגען איז מיט די נייע קויפערס פון אַרבייט אויפ'ן גרויסען מאַסשטאַב שוין גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען. האָבענדיג פאַר זיך אַזעלכע טענות פון די אַרבייטסגעבער, איז אָפּילו פאַר דעם פריינדליכסטען קאָמיטעט קוים מעגליך געווען איינצושטימען מיט די פּלענער פון די בעלי־מלאכות. די דאָזיגע פּלענער זיינען פּאַקטיש געווען אוממעגליך. די בעלי־מלאכות האָבען געהאַט אַ קלאָגע — אפשר די ערגסטע וואָס וועלכער עס איז קלאַס קאָן האָבען — דאָס זינקען פון דער מדרגה פון זייער חיונה דורך אומשטענדען, וועלכע האָבען אומגע־הייער פאַרגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון זייער אַרבייט. זיי האָבען געמאַכט אַ טעות וועגען דעם מיטעל; און דער פּאַרלאַמענט, הגם ער האָט געזעהן דעם טעות, האָט קיין בעסערען ניט געקאָנט געפינען. פּשוט'ער שכל האָט דער רעגירונג געצוואונגען צו מאַכען

דעם לייכטען און זיכערן שריט, אָפּשאַפען די מיטעלאַלטערליכע תקנות, וועלכע די אינדוסטריע איז אריבערגעוואקסען. אָבער דער פּראָבלעם וועגען שיצען די לעבענס־מדרגה פון די אַרבייטער אונטער די נייע באַדינגונגען איז געווען ניט לייכט און ניט זיכער, און ער איז געבליבען ניט־געלייזט, ביז דער ניינצעהנטער יאָהרהונדערט האָט ערפונדען דעם מיטעל פון פאַבריק־געזעצגעבונג. דערווייל זיינען די אַרבייטער געבליבען אויף זייער אייגענעם באַראַט, די שטעלונג פון פּאַרלאַמענט צו זיי איז געווען אַ שטעלונג פון רייגער פּאַרלעגענהייט, וואָס איז לגמרי ניט געווען באַריהרט פון דער טעאָריע פון פרייען קאָנטראַקט.

אַז די „האוז אָוו קאָממאָנס" איז געבליבען אומשולדיג אין וועלכער עס איז אַלגעמיינער טעאָריע קעגען דעם אַריינמישען זיך פון דער געזעצגעבונג אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי זי האָט אָנגע־הויבען אוועקראַמען די מיטעלאַלטערליכע תקנות, ווערט באַוויזען דורך דעם באַריהמטען פאַל פון די ספּיטאַלפיעלדסער זיידענ־וועבער, אין וועלכען מען האָט זיך צוריק־גענומען צו דער אַלטער פּאָליטיק פון אינדוסטריעלע רעגולאַציעס. אין 1765 האָבען די וועבערס פון ספּיטאַלפיעלדס פּראָטעסטירט, אַז זיי זיינען געבליבען אָהן אַרבייט צוליעב דער אימפּאָרטירונג פון אויסלענדישען זייד. צונויפקלייבענדיג זיך אין מאַסען, האָבען זיי מאַרשירט אין פּראָ־צעסיעס צו וועסטמינסטער, געפיהרט פון מוזיק און פאָהנען, און האָבען געפאָדערט אַז מען זאָל פאַרבאָטען דעם אימפּאָרט פון אויס־לענדישע פּראָדוקטען. עס זיינען פאַרגעקומען אומרוהען, וועלכע זיינען געווען גענוג ערנסט צו באַוועגען דעם פּאַרלאַמענט, ער זאָל אָנעהמען אַ געזעץ אין איינקלאַנג מיט דער פאָדערונג; אָבער דער דאָזיגער עקספּערימענט אין „פּראָטעקציע" האָט פאַרפעהלט אויפ־צוהאַלטען דעם לוין, און די אומרוהען האָבען זיך באַנייט אין 1769. ענדליך האָט סער דזשאָהן פיעלדינג, דער גוט־באַוואוסטער לאָנ־דאָנער פּאָליציי־מאַגיסטראַט, פאָרגעשלאָגען די לאָנדאָנער זיידענ־וועבערס, זיי זאָלען פאַרזיכערן זייערע פאַרדיענסטען דורך אַ געזעץ. אונטער דעם דרוק פון אַ צווייטען אויסברוך פון אומרוהען, אין 1773, האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען דעם דאָזיגען פאָרשלאַג און האָט באַפולמעכטיגט די ריכטער, זיי זאָלען באַשטימען די

לוין־ראטעס און צווינגען אז מען זאל זיי אויפהאלטען. די ווירקונג פון אט דעם געזעץ אויף דער פאראייניגונג פון די ארבייטער איז געוועזן א באדייטענדע. „א גרויסער מאן" האט די וועבערס געזאגט, ווי איינער פון זיי דערצעהלט, אז דער הערשענדער קלאס „מאכט געזעצען, און מיר, דאס פאלק, מוזען מאכען פאר זיי פיס".* די צייטווייליגע פאראייניגונג, כדי דעם געזעץ ארויסצוקריגען, איז דערנאך געווארן א באשטענדיגע יוניאן, כדי איהם דורכצופיהרן. פון דער צייט אן און ווייטער הערן מיר ניט מעהר ביי די ספיטאלפיעלדסער וועבערס פון סטרייקס און אומרוהען. אנשטאט דעם זעהען מיר, ווי עס וואקסט אויס א פערמאנענטער מעכאניזם, וועלכען מען רופט די „יוניאן", וואס פארטרעט פאר די ריכטער די מייסטערס אזוי גוט ווי די ארבייטער, לויט וועמעס אויסזאגונגען עס ווערן פעריאדיש פעסטגעשטעלט די קאמפליצירטע ליסטען פון די שטיקארבייט־ראטעס. עס איז קלאר, אז די פארלאמענטען, וועלכע האבען אנגענומען די ספיטאלפיעלדס געזעצען פון 1765 און 1773, האבען קיין באגריף ניט געהאט וועגען דער פאליטישער פילאזאפיע פון אדאם סמיטה, וועמעס „וועלטה אוו ניישאנס", וואס איז שפעטער אנגענומען געווארן אלס דער ענגלישיער עוואנגעליום פון פרייען קאנטראקט און „נאטירליכער פרייהייט", איז פארעפענטליכט געווארען אין 1776. אזעלכע האנדלונגען זיינען צו גלייכער צייט געווארען אזא אויסנאהם, אז ווען אדאם סמיטה'ס מייסטערווערק איז ארייגעפאלען אין די הענט פון די דעמאלסטדיגע שטאאטסלייט, האט עס שוין פאר זיי מעהר ניט געמוזט ערשיינען אלס אזא נייע אנזיכט פון אינדוסטריעלער פאליטישער עקאנאמיע, ווי אן אויסגעשפראכענע גענעראליזאציע פון די פראקטישע שלוסען, צו וועלכע די ערפאהרונג האט זיי שוין מעהרערע מאל געטריבען.

ארום דעם סוף פון יאהרהונדערט האבען די הערשענדע קלאסען, וועלכע האבען אין דער נייער אינדוסטריעלער פאליטיק געפונען א קוואל פון אומגעהייערע געלד־פראפיטען, מיט גרויס חשק זיך א ווארף געטאן אויף דער נייער עקאנאמישער טעאריע,

* „איי שארט היסטאריקאל עקאונט אוו דהי סילק מאנופעקטשור אין אינגלאנד", פון סאמועל שאלל, (לאנדאן, 1811), ז. 4.

ווי צו אן אינטעלעקטועלער און מאראלער בארעכטיגונג פאר דער דאזיגער פאליטיק. דאס ניט קימערן זיך פון דעם געזעץ פאר די ארבייטער, וואס איז פריהער פראקטיצירט געווארן אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען, און ווי מיר קאנען עס ארויסזעהן, ניט אהן א געוויסער חרטה, איז איצט געטאן געווארן פרינציפיעל, מיט פעסטער ענטשלאסענקייט. ווען די האנט־וועבשטוהל וועבערס, — וועלכע האבען פארדיענט אויף זייער חיונה עטוואס מעהר ווי א דריטעל פון דעם וואס זיי האבען פארדיענט מיט צעהן יאהר צוריק און האבען זיך גאר ניט געקאנט פארשטעלען, אז מען וועט קאלטבלוטיג דערלאזען דעם פאבריק־סיסטעם זיי רואינירען, — האבען אין 1808 געלאזט הערען פון זיך אין פארלאמענט, האט א קאמיטעט אריינגעבראכט א באריכט קעגען זייער פארשלאג, אז מען זאל באשטימען א מינימום לוין־ראטע, אויף דעם גרונט, אז עס איז „לחלוטין ניט דערלאזבאר אין פרינציפ און עס איז אומ־מעגליך דורכצופיהרען עס, דורך וועלכע מיטלען מען זאל ניט אויסקלערן; און, ווען מען וואלט עס יא געקאנט פראקטיצירן, וואלט עס געפיהרט צו די פאטאלסטע קאנסעקווענצען"; און „אז דער פארשלאג בנוגע דעם באשרענקען די צאהל פון לעהרלינגען איז אויך אינגאנצען ניט־דערלאזבאר און וואלט, ווען די „הויז" זאל איהם אננעהמען, מיט זיך געבראכט די גרעסטע אומגערעכטיגקייט צום פאבריקאנט אזוי גוט ווי צום ארבייטער".* מיר האבען דא דעם „לע־סעי־פעיר" פולשטענדיג עטאבלירט אין פארלאמענט אלס הערשענדע טעאריע פון פאליטישער עקאנאמיע, וועלכע איז געווען ביכולת בייצוקומען די גרויסע מאסע פון באווייזען פאר דעם קאמיטעט, וואס זיינען געווען ענטשידען צו גונסטען פון א מינימום לוין. עס האבען דער האוז אוו קאממאנס ניט געפעהלט קיין געלעגענהייטען צו ווערן אויפגעקלערט איבער דער פראגע. דער אויסערגעוועהנ־ליכער עלענד, פאראורזאכט דורך שלעכטע גערעטענישען און דעם פארלענגערטען קריעג צווישען די יאהרען 1793 און 1815,** האט

---

* „רעפארט אן פעטישאנס אוו קאטטאן וויווערס", 1809 און 1811.

** „די פעריאדע צווישען 1795 און 1815 איז געווען כאראכטע־

געבראכט א שטראם פון אפעלאציעס, איבערהויפט פון די נייע געגרינדעטע אסאציאציעס פון די באוועל־ארבייטער. אין די ערשטע יאהרן פון דעם איצטיגען יאהרהונדערט האבען פעטיציעס נאך פעטיציעס געשטראָמט פון לאנקאשייר און גלאזגאו, וועלכע האבען באוויזען, אז דער לוין פון די וועבערס איז כסדר געפאלען און האבען פון דאס ניי געפאָדערט א געזעצליך פעסטגעשטעלטען לוין־מאסשטאב פון שטיקארבייט ראטעס און א באשרענקונג פון לעהרלינגען. אין 1795, און נאכאמאל אין 1800, און ווידעראמאל אין 1808 זיינען אין האוז אָוו קאממאנס אריינגעבראכט געוואָרן געזעצ־פּראיעקטען וועגען דער באשטימונג פון א מינימום־ראטע, וועלכע זיינען צייטענוויוז אויפגענומען געוואָרן פארהעלטענמעסיג גינסטיג. דער באריכט פון דעם קאָמיטעט אין 1808, וועלכער האט אויסגע־הערט אן אומגעהייערע צאהל עדות וועגען דעם ענין, איז שוין געוועזן ציטירט. פעטיציעס פון די קארטון־דרוקערס פאר א געזעצ־ליכער באשרענקונג פון דער צאהל לעהרלינגען, הגם זיי זיינען ווארים אונטערשטיצט געוואָרן פון דעם „ספּעציעלען קאָמיטעט“, צו וועלכען מען האט זיי איבערגעוויזען, האבען באגעגענט דעמ־זעלבען גורל. שערידאן איז נאך אליין ניט געוועזן איבערצייגט און האט אריינגעבראכט א געזעצפּראיעקט, וועלכער האט באצוועקט, צווישען אנדערע זאכען, צו באשרענקען די צאהל פון לעהרלינגען. אבער סער ראבערט פּיל (דער עלטערער), אין וועמעס אייגענע פאבריקען עס האט געווימעלט מיט אינגלעך, איז ארויסגעטראטען קעגען איהם אין דעם נאמען פון אינדוסטריעלער פרייהייט און האט די האוז אָוו קאממאנס געוואונען אויף זיין זייט.*

דערווייל האבען די פארצווייפעלטע פאבריקארבייטער, ענטוישט אין זייערע פארזוכען ארויסצוקריגען פרישע געזעצען, זיך געווענדט

ריזירט דורך יקרות׳ן, וועלכע זיינען אין מעהרערע פאלען כמעט געוואָ־רען הונגערס“, (טהאראָלד ראָדזשערס, „היסטאָרי אָוו אַגריקולטשור ענד פּרייסעס“, ב. 1, ז. 692.

* „מינוטס אָוו עווידענס אָוו דהי קאָממיטעע אָן דהי פּעטישאָן אָוו דהי דזשורנעמען קאליקאָ־פּרינטערס“, יולי 4, 1804; יולי 17, 1806. זעה אויך שערידאַנ׳ס רעדע, באַריכטעט אין „האַנסאַרד׳ס פּאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטען“, באַנד 9, ז. 534-8.

פאַר הילף צו די עקזיסטירנדע געזעצן. ניט־צוריקגערופענע סטאַ־טוטען האָבען נאָך מעגליך געמאַכט פאַר די ריכטער צו באַשטימען די לוין־ראַטעס אין מאַנכע טריידס; אין אַנדערע האָבען זיי באַ־שרענקט די צאָהל פון לעהרלינגען; און ווידער אין אַנדערע האָבען זיי פאַרווערט געוויסע מאַשינען און פאַרבאָטען יעדען, אחוץ די וואָס זיינען געווען אויף דער לעהר, צו פּראַקטיצירען דעם טרייד. די דאָזיגע סטאַטוטען זיינען אָזוי פאָלשטענדיג ניט באַנוצט געוואָרען, אַז די בעלי־מלאכות האָבען אין אַ סך פאַלען גאָר ניט געוואוסט אַז זיי עקזיסטירען. אָבער אין 1802 האָבען זיך די וועבערס פון מערב־ענגלאַנד פאַראייניגט מיט זייערע חברים פון יאָרקשייר פאַר דער אַנשטעלונג פון אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט פאַרפיהרט פּראָ־צעסען אַנטקעגען די בעלי־בתים פאַר איבערטרעטען די אַלטע גע־זעצען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט אין איילעניש אַנגענומען אַ געזעץ, וועלכער האָט די דאָזיגע סטאַטוטען סוספּענדירט, כדי אָפּצושטעלען די פּראָצעסען.* „אויף אַ צאָהל־רייכער פאַרזאַמלונג פון די שוסטערס פון דער שטאָדט ניו סאַרום אין 1784", זאָגט זיך אין אַן אַלטען צירקולאַר וואָס מיר האָבען גע־זעהן „איז איינשטימיג באַשלאָסען געוואָרען... אַז אַ באַשטייערונג זאָל אַרויפגעלעגט ווערען, כדי צו ברענגען אין קראַפט דעם געזעץ קעגען פאַרלעצונגען פון טרייד", אָבער קענטיג אָהן ערפאָלג.** די עדינ־בורגער שריפטזעצער זיינען געווען מעהר ערפאָלגרייך; ווען מען האָט זיי ענטזאָגט אַ לוין־העכערונג, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דער העכערונג אויף די לעבענס־קאָסטען, האָבען זיי, דעם 28טען פעברואַר 1804, דערלאַנגט אַ „מעמאָריאַל" צום „קאָורט אָוו

* „43 דזשאָרדזש 3. ק. 136", האָט אָנגעהאַלטען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ביז די מייסטע געזעצען וואָס האָבען רעגולירט די וואָלענס פאַבריקאַציע זיינען ענדליך אין 1809 צוריקגערופען געוואָרען דורך דעם 49 דזשאָרדזש 3. ק. 109; זעה „קונינגהאַם" ב. 2, ז. 455.

** דאָס איז געווען איבערגעדרוקט אין 121טען „קוואָרטערלי רעפּאָרט פון דער אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו בוטה ענד שוהמייקערס". דער פּראָצעס איז געפיהרט געוואָרען פון דער פרענדלי סאָסייעטי אָוו „קאָרדוועינערס אָוו אינגלאַנד", „געגרינדעט דעם 15טען נאָוועמבער, 1784".

סעשאנס" און האבען באקומען דעם באריהמטען „אינטערלאקיוטאר" (צווישען־אורטייל) פון 1805, וועלכער האט פעסטגעשטעלט א מאסשטאב פון שטיקארבייט־פרייזען פאר דעם דרוקער־טרייד אין עדינבורג.* אבער די הויפט געשעהעניש פון דעם דאזיגען קאמף פאר דער דורכפיהרונג פון די אלטע געזעצען האט זיך אנגעפאנגען אין גלאזגאו. די באוועל־שפינערם פון יענער שטאדט, נאכדעם ווי זיי האבען אנגעפיהרט פיער אדער פינף יאהר א פארלאמענטארישע אגיטאציע פאר נייע געזעצען, האבען זיך געווענדט צו דעם געזעץ, וואס גיט די ריכטער פולע מאכט צו באשטימען די לוין־ראטעס. נאך א ניט־ערפאלגרייכען פארזוך פעסטצושטעלען א נארמאלע ראטע דורך אן אפמאך מיט א קאמיטעט פון ארבייטסגעבער, האט די אסאציאציע פון די ארבייטער, וועלכע איז איצט געווען פארשפרייט איבער אלע געגענדען פון דער באוועל־וועבעריי אין דער פאראייניגטער מלוכה, אנגעפאנגען א געזעצליכען פראצעס פאר דער „לאנקאשייר קווארטער סעשאנס". אין 1812 האבען די ארבייטסגעבער באשטריטען די קאמפעטענץ פון די מאגיסטראטען און האבען דערלאנגט אן אפעלאציע צו דער „קאורט אוו סעשאנס" פון עדינבורג. דאס געריכט האט געהאלטען, אז די מאגיסטראטען זיינען יא געווען קאמפעטענט צו באשטימען א לוין־מאסשטאב, און אין איינקלאנג מיט דעם איז צונויפגעשטעלט געווארען א טאבעלע פון שטיקארבייט־פרייזען. די בעלי־בתים האבען זיך אויפ'ן שטעל צוריקגעצויגען פון די פערהאנדלונגען; אבער פונדעסטוועגען האט מען די ארבייטער געצוואונגען, אונטער שווערע קאסטען, צו ברענגען עדות, וואס זאלען באשטעטיגען יעדע איינציגע פון די צאהלרייכע פארגעשלאגענע ראטעס. נאכדעם ווי הונדערט און דרייסיג

* פראפעסאר פאקסוועל באזיצט א זעלטענע סעריע פון פאמפלעטען בנוגע די דאזיגע פראצעס־פארהאנדלונגען, מיט וועלכע ער האט אונז פריינדליך געלאזט זיך באנוצען, וואס ענטהאלט די „מעמאריאלס" פון די ארבייטער און ארבייטסגעבער, דעם „רעפארט אין דהי פראסעס" פון ראבערט בעלל, און דעם „סקייל אוו פרייסעס", ווי ער איז פעסטגעשטעלט געווארן פון געריכט. אן אויספיהרליכער באריכט פון די פארהאנדלונגען געפינט זיך אין דעם „סקאטיש טיפאגראפיקאל סירקולאר", יוני, 1858.

עדות זיינען אויסגעהערט געוואָרן האָבען די מאַגיסטראַטען ענדליך ערקלערט, אַז די פּרייזען זיינען ביים וועג; זיי האָבען אָבער ניט געמאַכט קיין ממשות׳דיגע פאָראָרדענונג זיי צו מאַכען בינדענד. די אַרבייטסגעבער, מיט ווייניג אויסנאַהמען, האָבען זיך ענטזאַגט אַנצונעהמען די טאַבעלע, וועלכע האָט די אַרבייטער אָפּגעקאָסט 3,000 פונט אַרויסצוקריגען. עס איז פון דעם אַרויסגעקומען דער גרעסטער סטרייק, וואָס איז ווען עס איז פאָרגעקומען אין דעם טרייד. יעדער וועבשטוהל פון קאַרלייל ביז אַבערדין האָט זיך אָפּגעשטעלט, פערציג טויזענד וועבערס האָבען געוואָרפען די אַרבייט כמעט גלייכצייטיג. נאָך דריי וואָכען סטרייק האָבען די אַרבייטסגעבער זיך געקליבען צונויפצוקומען מיט די אַרבייטער, ווען פּלוצלינג האָט די פּאָליציי אַרעסטירט דעם גאַנצען סטרייק־קאָמיטעט און איהם פערהאַלטען אונטער ערבות אונטער דעם ניט־געשריבענעם געזעץ (קאָממאָן לאָא) פאַר דעם פאַרברעכען פון פאַראייניגונג, וועגען וואָס די מאַכטהאָבער אין יענער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָדע זיינען געווען שטאַרק באַזאָרגט, צוליעב ריין פּאָליטישע אורזאַכען. די פינף פיהרער האָט מען פאַראורטיילט צו פאַרשיידענע געפענגניש־טערמינען פון פיער ביז אַכצעהן חדשים; און דער דאָזיגער קלאַפּ האָט צעבראָכען דעם פאַראיין, באַזיעגט דעם סטרייק און געמאַכט אַ סוף צו די קאַמפּען פון די אַרבייטער קעגען דעם אומאויפהערליכען זינקען פון זייער לוין.*

די לאָנדאָנער בעלי־מלאכות, הגם זיי זיינען ניט אונטערדריקט געוואָרען דורך געריכטליכע פאַרפאָלגונגען און געפענגניש, האָבען ניט באַגעגענט קיין גרעסערן ערפאָלג ווי זייערע גלאַזגאָוער ברידער. צווישען 1810 און 1812 האָבען זיך אַ צאָהל טרייד־סאָסייעטיס פאַראייניגט, כדי אָנצושטעלען אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט פאַרקלאָגט מייסטערס פאַר באַשעפטיגען „אומלעגאַלע מענשען״, דאָס הייסט, מענשען וואָס האָבען ניט געקראָגען דאָס

---

* זעה וועגען די דאָזיגע פאַרהאַנדלונגען די צוויי „רעפּאָרטס אָוו דהי קאָממיטטעע אָן דהי פּעטישאָנס אָוו דהי קאָטטאָן וויווערס״, אַפּריל 12, 1808 און מערץ 29, 1809; און ריטשמאָנד׳ס אויסזאָגונגען פאַר דער „קאָממיטטעע אָן אַרטיזאַנס ענד מאַשינערי״, 1824, צווייטער רעפּאָרט, ז. 59-64.

רעכט אָפּצוגעבען זיך מיט'ן טרייד דורך לערנען זיך די מלאכה. מיר האָבען אין אונזער באַזיץ די ערשטע „קלאָגע“, וואָס די גאַר־בערס געזעלען האָבען איבערגעגעבען צו אַן אַדוואָקאַט אין 1810 (פאַר אַ האָנאָראַר פון צוויי גינים), מיט דער אַבזיכט צו ברענגען אין קראַפט דעם „סטאַטוט וועגען לעהרלינגען“, צוזאַמען מיט דער מעהר אָדער וועניגער ניט־ענטשלאָסענער „מיינונג“ פון דעם אַד־וואָקאַט. אין אייניגע פאַלען זיינען זאָגאַר פאַרפיהרט געוואָרן פּראָצעסען קעגען מייסטערס, וועלכע האָבען זיך עטאַבלירט אין טריידס, אין וועלכע זיי האָבען ניט אָפּגעדיענט זייער צייט. אין מאַנכע פאַלען זיינען די פּראָצעסען געוואונען געוואָרן; מען האָט אָבער ניט באַוויליגט קיין קאָסטען צו די קלעגער, וועלכע מען האָט, פון דער אַנדער האַנט, צוגע'משפט צו צאָהלען שווערע קאָסטען בעת זיי האָבען פאַרלאָרן. דערצו נאָך האָט לאָרד עללענבאָראָ אויף אַן אַפּעלאַציע ענטשידען, אַז נייע טריידס, ווי פון די מאַשינים־טען און שלאָססמאַכערס, זיינען ניט איינגעשלאָסען אין די עליזאַ־בעטישע געזעצען. אין 1811 האָבען געוויסע מילנער־געזעלען זיך געווענדט מיט אַ פּעטיציע צו די ריכטער, זיי זאָלען באַשטימען אַ לוין־מאַסשטאַב אונטער דעם עליזאַבעטישען געזעץ. ווען די ריכטער האָבען זיך ענטזאָגט אויפצונעהמען די פּעטיציע, האָבען זיי זיך געווענדט פאַר אַ באַפעהל פון אַ העכערן געריכט (אַ „ווריט און מאַנדאַמוס“). לאָרד עללענבאָראָ האָט דעם באַפעהל באַוויליגט, וואָס זאָל זיי צווינגען די פּעטיציע אויפצונעהמען, ער האָט אָבער געזאָגט, אַז וואָס איז שייך דער באַשטימונג פון וועלכע עס איז ראַטעס קאָנען זיי האַנדלען לויט זייער אייגענעם פאַרשטאַנד. די ריכטער האָבען פאַרשטאַנען דעם וואונק און האָבען זיך ענטזאָגט צו באַשטימען דעם לוין. עס איז גיך קלאָר געוואָרן, אַז פיהרן פּראָצעסען אונטער יענע פאַרעלטערטע סטאַטוטען, נעהמענדיג אין באַטראַכט די איינזייטיגע געגנערשאַפט פון די געריכטען, איז אַן ארויסגעוואָרפענע אַרבייט און קאָסט צו טייער. עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געבליבען, ווי אָדער אויפגעבען די קאַמף־מעטאָדע אָדער ווענדען זיך צום פּאַרלאַמענט, ער זאָל מאַכען ווירקזאַם די נאָך ניט צוריקגערופענע געזעצען. דאָס האָבען זיי אויך געטהאָן, מיט דעם אומגעריכטען רעזולטאַט, אַז דער „שעדליכער“ געזעץ,

וואָס גיט די ריכטער די מאַכט צו באַשטימען דעם לוין, איז אין 1813 ענדגילטיג צוריקגערופען געוואָרן.

דער געזעץ, וואָס איז אויף אַזאַ אופן אָפּגעווישט געוואָרן, איז געווען ניט מעהר ווי איין טייל פון דעם גרויסען עליזאַבעטישען סטאַטוט, און זיין צוריקרופונג האָט איבערגעלאָזט די אַנדערע פּאַראַגראַפען אומבאַריהרט. אַ „ספּעציעלער קאָמיטעט“ האָט שוין אין 1811 באַריכטעט, אַז „קיין אַריינמישען זיך פון דער געזעצגע־בונג אין דער פרייהייט פון טרייד, אָדער אין דער פאָלשטענדיגער פרייהייט פון יעדען אינדיווידום צו פאַרווענדען זיין צייט און זיין אַרבייט אויף דעם אופן און לויט די באַדינגונגען, וואָס דיענען, לויט זיין אורטייל, אַמבעסטען זיינע אייגענע אינטערעסען קאָן ניט פאָרקומען, ניט פאַרגוואַלטיגענדיג אַלגעמיינע פּרינציפּען פון ער־שטער וויכטיגקייט פאַר דעם וואוילזיין און גליק פון דער געמיינדע; ניט אוועקשטעלענדיג דעם העכסט שעדליכען פּרעצעדענט, אָדער אפילו ניט פאַרערגערנדיג, אין אַ קורצער צייט אַרום, דעם דרוק פון דער אַלגעמיינער נויט און אַרויפלעגענדיג שטערונגען אויף דער באַזייטיגונג פון דער דאָזיגער נויט ווען עס איז“. די צוריק־רופונג פון די לוין־פּאַראַגראַפען פון דעם סטאַטוט האָט געמאַכט די דאָזיגע איינדרוקספולע דעקלאַראַציע פון דער נייער לעהרע פאַר אַ געזעץ, אַזוי ווייט ווי עס איז נוגע געווען די באַשטימונג פון לוין; עס זיינען אָבער געבליבען די תקנות וועגען לעהרלינגען. פּעטיציעס וועגען זייער דורכפיהרונג און אויסברייטונג אויף די נייע פאַכען האָבען ניט אויפגעהערט אַריינצושטראָמען. ענדליך זיינען זיי אַי־בערגעוויזען געוואָרען צו אַ גרויסען און איינפלוסרייכען קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט צווישען זיינע מיטגלידער קעננינג, הוסקיס־סאָן, סער ראָבערט פּיל און סער דזשיימס גרעהעם. די עקזאַמי־נירטע עדות זיינען געווען שטאַרק צו גונסטען דער אָנהאַלטונג פון די געזעצען, מיט אויסבעסערונגען לויט די פאָדערונגען פון דער צייט. דער פאָרזיצענדער (מר. ראָוז) איז קענטיג דורך די אויס־זאָגונגען באַקעהרט געוואָרן צו דעם שטאַנדפּונקט פון די אַרביי־טער. דער קאָמיטעט, וועלכער איז בלי ספק געווען באַשטימט צו פאָרמולירן די פולשטענדיגע אָפּשאַפונג פון די פּאַראַגראַפען ווע־גען לעהרלינגען, האָט זיך ניט געפונען ביכולת צו דערפילען זיין

ווירקליכען אויפטראָג. ניט וואָגענדיג איינצורייסען מיט די פאַב־ריקאַנטען און עקאָנאָמיסטען דורך אַ רעקאָמענדאַציע צום פאַרלאַ־מענט ער זאָל נאָכגעבען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער, האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט פון דער פאַרלעגענהייט דוך דעם, וואָס ער האָט אינגאַנצען קיין רעקאָמענדאַציעס ניט געמאַכט. הונדערטער פּע־טיציעס צו גונסטען פון די געזעצען האָבען געהאַלטען אין איין אַריינשטראָמען פון אַלע טיילען פון לאַנד; 300,000 אונטערשריפ־טען זיינען געווען פאַר זייער אָנהאַלטונג, קעגען די 2,000 פאַר זייער צוריקרופונג; מייסטערס האָבען זיך אָפט אָנגעשלאָסען אָן דער בקשה פון די אַרבייטער. אָן עפענטליכע פאַרזאַמלונג פון די „מייסטער מאַנופעקטשורערס ענד טריידסמען אָוו דהי סיטיס אָוו לאָנדאָן ענד וועסטמינסטער“, אין דער „פּרימייסאָנס' טאַווערן“, האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס, וועלכע האָבען שטאַרק אונטערשטיצט די אויסבעסערונג און פאַרשטאַרקונג פון דעם עקזיסטירנדען גע־זעץ. פון דער אַנדער האַנט האָט אַ קאָמיטעט, אין וועלכען די מייסטער אינזשענירן מאַודסלעי און גאַללאָוועי זיינען געווען פּראָ־מינענטע מיטגלידער, ענערגיש אַרגומענטירט צו גונסטען פון פריי־הייט און קעגען „דער אומגעהייערער און באַאומרוהיגענדער אָבער פאַרפיהרטער אַסאָציאַציע“. אין 1814 האָט סערזשאַנט אָנסלאָו, וועלכער האָט ניט געדיענט אין דעם קאָמיטעט פון דער פריהער־דיגער סעסיע, אַריינגעבראַכט אַ געזעצפּראָיעקט צוריקצורופען דעם גאַנצען געזעץ וועגען לעהרלינגען. די „מאַסטערס ענד דזשוירנע־מען אָוו וועסטמינסטער“ זיינען אויסגעהערט געוואָרן דורך אַן אַד־וואָקאַט קעגען דעם דאָזיגען מאָסרעגעל, אָבער די „הויז“ האָט אָפּ־געמאַכט איהר מיינונג צו גונסטען די פאַבריקאַנטען, און דורך דעם געזעץ „54 דזשאָרדזש 3, ק. 96“ זיינען די תקנות וועגען לעהר־לינגען אָפּגעווישט געוואָרן פון דעם סטאַטוט, און צוזאַמען מיט זיי פאַקטיש די לעצטע איבערבלייבעכץ פון דער געזעצגעבענדער באַשיצונג פון דער לעבענס־מדרגה, וואָס איז איבערגעבליבען פון מיטעלאַלטער.* די טריאומפירנדע פאַבריקאַנטען האָבען באַשאָנ־

* די ספּיטאַלפיעלדס געזעצען, בנוגע די זיידענוועבערס, זיינען פונדעסטוועגען ניט צוריקגערופען געוואָרען ביז 1824; און די לעצטע

קען סערזשאַנט אַנסלאָו'ן מיט פאַרשיידענע פלאַטען־שטיקער פאַר זיין העלדישער פאַרטיידיגונג פון קאָמערציעלער פרייהייט.*

ארום אַט דער צייט האָט די נייע לעהרע אַזוי גרינטליך גע־האַט פאַריאָגט אַפילו דעם זכר פון די אַלטע אידעאַלען פון דעם געדאַנק פון דעם הערשענדען קלאַס, אַז איצט זיינען עס שוין געווען די אַרבייטער וועמען מען האָט באַטראַכט אַלס די נייעסען־זוכערס; און מיר זיינען כמעט גאָרנישט איבערראַשט צו טרעפען אַ צווייטען קאָמיטעט, וועלכער ערקלערט מיט ערנסט, אַז „דאָס רעכט פון יעדען מענשען צו פאַרווענדען דאָס קאַפּיטאַל, וואָס ער קריגט

סעקציעס פון „5 עליז. ק. 4“, זיינען פאָרמעל ניט צוריקגערופען געוואָרען ביז 1875.

* וועיוט'ס „דיידזשעסט אָוו אָלל דהי לאָאָס עט פּרעזענט אין עקזיסטענס רעספּעקטינג מאַסטערס ענד וואָרקפּיפּעל“ (1824), ז. 59. די פאַרהאַנדלונגען אין דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט קאָן מען אַמבעס־טען נאָכפאָלגען אין די „האָוז אָוו קאָממאָנס דזשורנאַלס“ פון 1813 און 1814, ב. 48 און 49; און אין האַנסאַרד'ס „פּאַרלאַמענטאַרי דע־בייטס“, ב. 25 און 27. דער צד פון די מייסטערס ווערט געגעבען אין אַ פּאַמפלעט, „דהי אָרידזשין, אַבדזשעקט, ענד אָפּערײשאָן אָוו דהי אַפּ־פּרענטיס לאָאָס“ (לאָנדאָן, 1814, 26 ז.), אויפגעהאַלטען אין דעם „פּאַמפ־לעטיר“, ב. 3. די „רעזאָלושאָנס אָוו דהי מאַסטער מאַנופעקטשורערס ענד טריידסמען אָוו דהי סיטיס אָוו לאָנדאָן ענד וועסטמינסטער אָן דהי סטיטיוט 5 עליז. ק. 4“ (לאָנדאָן, 1814, 4 ז.), גיט דעם געגענגעזעצטען שטאַנדפּונקט (ב. מ. 1882, ד. 2). דער דעמאָלסדיגער אַרגומענט פאַר פרייהייט איז אויסגעדריקט אין „ען עסטימייט אָוו דהי קאָאָפּעראַטיוו סטרענגטה אָוו גרייט בריטיין“, פון ג. טשאַלמערס (לאָנדאָן, 1810); זעה „קונינגהאַם“, ב. 2, ז. 578. אין דער „נאָטינגהאַמער פרייער ביב־ליאָטעק“ געפינט זיך אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר פון די „אַרטיקעלס ענד דזשענעראַל רעגולײשאָנס אָוו איי סאָסייעטי פאָר אָבטעינינג פּאַרלאַמענ־טאַרי רעליעף, ענד די ענקאָורײדזשמענט אָוו מעקעניקס אין דהי אימ־פּראָוומענט אָוו מעקאַניזם“, געדרוקט אין נאָטינגהאַם, אין 1813. ווי עס שיינט איז דאָס געווען אַ פעדעראַציע פון זאָקען־וועבער געזעלשאַפ־טען, און אפשר אויך אַנדערע, פאַר פּאַרלאַמענטאַרישע אַקציע, אַזוי גוט ווי פאַר טרייד־פּראָטעקציע; און איהר גרינדונג, אין 1813, איז פּי־ליכט געווען פאַרבונדען מיט דער באַוועגונג פאַר דער אויפלעבונג פון די געזעצען וועגען לעהרלינגען.

בירושה אָדער ערווערבט זיך, לויט זיין אייגענעם שכל, ניט ווערנדיג באַלעסטיגט אָדער געשטערט, אַזוי לאַנג ווי ער פאַרלעצט ניט דאָס רעכט אָדער דאָס אייגענטום פון אַנדערע, איז איינע פון יענע פּריווילעגיעס, וואָס די פרייע און גליקליכע קאָנסטיטוציע פון דעם לאַנד האָט לאַנג צוגעוועהנט יעדען בריטאַניער צו באַטראַכטען אַלס זיין געבורט־רעכט"*. עס מוז אָבער צוגעלעגט ווערן, אַז דער הערשענדער קלאַס איז באַין אופן ניט געווען אומפּאַרטייאיש אין דער אַנווענדונג פון זיין נייער לעהרע. די תקנות פון מיטעלאַלטער האָבען געווירקט ניט נאָר אין דער באַשרענקונג פון פרייער קאָנקורענץ אויף'ן ארבייטס־מאַרק צום געלד־שאָדען פון די ארבייטסגעבער, נאָר אויך אין דער באַשרענקונג פון פרייען קאָנטראַקט צום שאָדען פון די ארבייטער, וועלכע האָבען געקאָנט קריגען די בעסטע באַדינגונגען פאַר זייער ארבייט נאָר דורך פאַרהאַנדלען קאָלעקטיוו אַנשטאָט אינדיווידועל. דעריבער, ווען די ארבייטער וואָלטען קלאָר פאַרשטאַנען די לאַגע, וואָלטען זיי זיך אַזוי שטאַרק געזאָרגט וועגען דער אָפּשאַפונג פון די געזעצען קעגען פאַראייניגונג, ווי וועגען דער אויפהאַלטונג פון יענע געזעצען, וואָס באַשטימען דעם לוין און באַשרענקען די לעהרלינגען; פּונקט ווי די בעסער אינפאָרמירטע קאַפּיטאַליסטען זיינען געווען ניט ווייניגער ענטשלאָסען אויפצוהאַלטען די „אַנטי־קאָמבינייישאָן" געזעצען, ווי אין דער צוריקרופונג פון די אַנדערע. מיר וועלען באַלד זעהן ווי לאַנג עס האָט גענומען די ארבייטער דאָס צו באַגרייפען, ניט קוקענדיג אויף דעם פאַקט, וואָס די געזעצען קעגען ארבייטער־פאַראייניגונגען זיינען געבליבען אין קראַפט, און זיינען נאָך אָפילו פאַרשטאַרקט געוואָרן איז זייער שטרענגקייט. סטרייקס, און יעדער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד קעגען די פאָדערונגען פון די ארבייטסגעבער, זיינען אונטערדריקט געוואָרן מיט אַ פעסטער האַנט. די ערשטע צוואַנציג יאָהר פון דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען געווען די עדות פון אַ געזעצליכער פאַרפאָלגונג פון די טרייד־יוניאָניסטען אַלס רעבעלען און רעוואָלוציאָנערן. די דאָזיגע פאַרפאָלגונג, וועלכע

---

* „רעפּאָרט אָוו דהי קאָממיטטעע אָן דהי סטייט אָוו דהי וואָללען מאַנופאַקטשור אין אינגלאַנד", יולי 4, 1806, ז. 12.

האָט געשטערט דעם געזונטען וואַקסען פון די יוניאָנס און האָט געטריבען זייערע מיטגלידער צו גוואַלטטאַטען און אויפשטאַנדען, האָט אָבער צום סוף געפיהרט צו דער צוריקרופונג פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“ און צו דער געבורט פון דער מאָדערנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, וועט זיין דער ענין פון דעם נעקסטען קאַפּיטעל.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

(1799 — 1825)

די טראַדיציאָנעלע געשיכטע פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג שטעלט פאַר די פּעריאָדע פריהער ווי 1824 אַלס אַ פּעריאָדע פון ניט־אונטערבראָכענער פאַרפאָלגונג און אומאויפהערליכער אונטערדריקונג. יעדע יוניאָן, וואָס קאָן באַהויפּטען אַז זי עקזיסטירט מעהר ווי אַ האַלבען יאָהרהונדערט, באַזיצט אַ ראָמאַנטישע לעגענדע פון איהרע ערשטע טעג. די מיטערנאַכטיגע פאַרזאַמלונג פון פּאַטריאָטען ערגעץ אין דעם ווינקעל פון אַ פעלד, דער פאַרגראָבענער פּראָטאָקאָלען־קאַסטען, די געהיימע שבועה, די לאַנגע געפענגניש־טערמינען פון די לייטענדע באַאַמטע — דאָס אַלץ איז פאַראַן אין די זאַגעס פון די עלטערע טרייד־יוניאָנס און שטעלט צונויף אַ מאַטעריאַל, פון וועלכען, אין אַ צייט וואָס איז ניט געווען געשטערט פון היסטאָרישער קריטיק, עס האָט לייכט געקאָנט באַשאַפען ווערן אַ האַלב־מיטהאָלאָגישער אורשפּרונג. אַז די לעגענדע איז ניט אינגאַנצען אָהן אַ פאַקטישען יסוד, וועלען מיר זעהן בעת מיר וועלען נאָכפאָלגען די טאַטזעכליכע ווירקונג אויף דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג פון די געזעצליכע פאַרבאָטען אויף פאַראייניגונגען פון לוין־פאַרדינער, וואָס האָבען געהערשט איבער דער גאַנצער פאַראייניגטער מלוכה ביז צו 1824. מיר וועלען אָבער געפינען, אַז מאַנכע געזעלען־פאַרבאַנדען זיינען צו אַלע צייטען געווען אַנערקענט פון דעם געזעץ, אַז אַ סך אַנדערע זיינען בלויז ספּאָזמאָדיש געשטערט געוואָרן, און אַז די פולע שאַרפקייט פון די „קאָמבינייישאָן געזעצען" האָט זיך ניט געלאָזט פיהלען ביז צו דער וויטגרייכענדער ענדערונג אין דער פּאָליטיק, וואָס האָט זיך

אויסגעצייכענט מיט די שטרענגע געזעצען פון 1800 — 1799, וועל־כע זיינען ארויפגעלעגט געוואָרן אויף אַלע אינדוסטריען, אָהן אונ־טערשייד. דאָס וועט אונז נאַטירליך פיהרען צו דער געשיכטע פון דער צוריקרופונג פון דער גאַנצער רייה פון „געזעצען געגען פאַר־איייניגונג" אין 5—1824, די איינדרוקספולסטע פּאַסירונג אין דער פריהער געשיכטע פון דער באַוועגונג.

עס איז פאַראַן אַ קלאָרער אונטערשייד — לפּחות, וואָס ענג־לאַנד אַנבאַלאַנגט — צווישען די פאַרשיידענע סטאַטוטען, וואָס האָ־בען פאַרבאָטען פאַראייניגונגען ביז צו דעם סוף פון דעם אַכצעהנ־טען יאָהרהונדערט, און דעם אַלגעמיינעם „קאָמבינעישאָן אַקט" פון 1799. אין די צאָהלרייכע פריהערדיגע „אַקטען", וואָס זיי־נען דערמאָנט און צוריקגערופען געוואָרן אין 1824, איז דער פאַר־באָט פון פאַראייניגונג אין אַלע פאַלען געווען אַ בייזאַך אין דער רעגולירונג פון דער אינדוסטריע. עס איז געווען אָנגענומען, אַז עס איז דער עסק פון פּאַרלאַמענט און די געזעץ־געריכטען צו רע־גולירען די צושטאַנדען פון ארבייט; און מען האָט ניט געקאָנט דערלאָזען אַז פאַרבאַנדען, אַזוי גוט ווי יחידים, זאָלען זיך מישען אין סכסוכים, פאַר וועלכע עס איז געווען פאַרגרייט אַ געזעצליכער מיטעל. דער ציעל, וואָס די סטאַטוטען האָבען באַצוועקט, איז ניט געווען צו פאַרבאָטען פאַראייניגונגען, נאָר צו באַשטימען דעם לויז, צו פאַרמיידען אָפּנאַרערייען אָדער שעדיגונגען, די געזעצליכע דורכפיהרונג פון אַ דיענסט־קאָנטראַקט אָדער די געהעריגע אָראַנ־זשירונג פון דער לערנצייט. און הגם פאַראייניגונגען צו שטערן די ציעלען פון די דאָזיגע סטאַטוטען זיינען זיכער געווען אומ־געזעצליך, און זיינען געוועהנליך אויסדריקליך פאַרבאָטען געוואָרן, האָט עס דאָך פּאַסירט, אַז פאַראיינען וואָס האָבען זיך פאַרמירט צו העלפען די ציעלען פון דער געזעצגעבונג, ווי שטאַרק די בעלי־בתים האָבען דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגען, זיינען זיי פונדעסט־וועגען ניט באַטראַכט געוואָרן אַלס אומגעזעצליך.

עס שיינט אַלזאָ, אַז דעם ערשטען טיפּ פון פאַראייניגונג צווישען ארבייטער—די געזעלשאַפט צו פאַרשטאַרקען דעם געזעץ— האָט מען אַלע מאָל שווייגענדיג אָנגענומען אַלס ערלויבט. הגם עס איז וואַהרשיינליך, אַז אַזעלכע פאַראייניגונגען זיינען טעכניש

ארייגעקומען אין דער אויסטייטשונג פון פאראייניגונג און קאנספיראציע, סיי אונטער דעם אומגעשריבענעם געזעץ אדער די ערשטע סטאטוטען, ווייסען מיר ניט פון קיין פאל, אין וועלכען זיי זאלען זיין פארקלאגט אלס ניט־לעגאל. מיר האבען שוין באשריבען, צום ביישפיעל, ווי אין 1726 האבען זיך די וואלענס־וועבערס פון ווילטשייר עפענטליך פאראייניגט כדי צו דערלאנגען א פעטיציע צום קעניגליכען ראט געגען זייערע מייסטערס, די ברייט־טוך־הענדלער. דער „פריווי קאונסיל", ווייט פון דענקען אז די וועבערס האנדלען ניט־לעגאל, האט גענומען אין באטראכט און פארהאנדעלט זייער קלאגע. און ווען די ארבייטסגעבער זיינען געבליבען פאר'עקשנ'ט און ניט געוואלט אויספאלגען דעם געזעץ, האבען מיר געזעהן, ווי אין 1756 האט זיך די „ברודערשאפט פון וואל־טוכוועבערס" געווענדט מיט א פעטיציע צו דער „האוז אוו קאממאנס", זי זאל פארשטארקען די מאכט פון די ריכטער צו באשטימען דעם לוין און זיי האבען געקראגען א נייעם „פארלאמענט אקט", אין איינקלאנג מיט זייער פארלאנג. די כמעט באשטענדיגע פארבאנדען פון די זאקען־שטריקערס, צווישען 1710 און 1800, זיינען קיינמאל געזעצליך ניט פראצעסירט געווארן. די פארבאנדען פון די לאנדאנער זיידענוועבערס האבען געקראגען א פאקטישע הסכמה דורך די „ספיטאלפיעלדס אקטען", אונטער וועלכע די דעלעגאטען פון די ארבייטער־ארגאניזאציעס זיינען רעגעלמעסיג ערשינען פאר די ריכטער, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט און רעווידירט די שטיקארבייט פרייזען. אפילו אין 1808, נאכדעם ווי די שטרענגקייט פון געזעץ קעגען פאראייניגונגען איז פארשטארקט געווארן, האט מען די באוועלוועבערס פון גלאזגאו און לאנקאשייר ערלויבט עפענטליך זיך צו פאראייניגען מיט דעם צוועק צו זוכען א געזעצליכע באשטימונג פון לוין, מיט דעם רעזולטאט, וועלכער איז שוין געווען באשריבען. און ניט נאר די פאראייניגונג צו קריגען א געזעצליך באשטימטע לוין־ראטע איז געבליבען ניט־באלעסטיגט פון געזעץ. פאראייניגונגען כדי צו ברענגען אין קראפט די טיילען פון דעם „סטאטוט וועגען לעהרלינגען" (5 עליז. ק. 4), אדער אנדערע פארבאטען צו באשעפטיגען „ניט־לעגאלע ארבייטער" זיינען פארגעקומען פון צייט צו צייט ביז צום יאהר

1813. אין 1749 האָט א קלוב פון פארבער געזעלען אין לאָנדאָן פארקלאָגט א פארבער־מייסטער פאר באשעפטיגען א ניט־פריימאן; און די פארהאנדלונגען האָבען געפיהרט, אין 1750, צו א קאָנפערענץ פון דרייסיג ארבייטער און דרייסיג מייסטערס מיט דער „שטאָדט קאָרפּאָראציע", אויף וועלכער די תקנות זיינען געענדערט געוואָרן.* ווי עס ווייזט אויס האָט גאָר קיינער ניט געצווייפעלט אין דער געזעצליכקייט פון די פאראיינען וואָס האָבען זיך באוויזען אין 1811—13 מיט דעם צוועק צו פארקלאָגען מייסטערס, וועלכע האָבען ניט דורכגעמאכט קיין לערנצייט, אָדער וועלכע האָבען באשעפ־טיגט ארבייטער, וואָס זיינען ניט געוועזען אויף דער לעהר. איין אורזאך, פארוואָס מען האָט צורוה־געלאָזט די פאראיינען פאר דער פארשטארקונג פון דעם געזעץ, איז בלי ספק געוועזען דערפאר, ווייל זיי האָבען אין זיך אריינגענומען מייסטערס און סימפּאטיזירער פון אלע קלאסען. צום ביישפּיעל, די פאראייניגונגען אין 13—1811 צוליעב דער פארשטארקונג פון די געזעצען וועגען לעהרלינגען זיינען באשטאנען פון מייסטערס אזוי גוט ווי פון ארבייטער, וועלכע זיי־נען ביידע גלייך געטראָפען געוואָרן דורך דער קאָנקורענץ פון דעם נייעם קאפּיטאליסט און זיינע „פארקויפטע" (הייערלינגס) **, „דהי יאָרקשייר קלאָדהיערס קאָממיוניטי", אָדער „בריעף אינסטיטושאָן", אויף וועלכער מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, האָט געהאַט אין מאנכע פון איהרע אָפּטיילונגען „היימישע" מייסטער־פאבריקאנטען, וועל־כע האָבען געקעמפט זייט ביי זייט מיט די ארבייטער קעגען דעם נייעם פאבריק־סיסט.עם.

---

* אַקט אָוו קאָממאָן קאָונסיל", נאָוועמבער 22, 1750; יוהסאָנ'ס „לאָנדאָן", ז. 422. עס זיינען פאַראַן באַווייזען וועניגסטענס פאַר נאָך אַ צווייטען קלוב פון פאַרבערס אין לאָנדאָן, וואָס דאַטירט מיט אַ צייט צוריק אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, די „אָרידזשינאַל סאָסייעטי אָוו פּיינטערס ענד גלייזערס". („ביהייוו", אָקטאָבער 24, 1863.)

** דער דאָזיגער אויסדרוק איז געברויכט געוואָרען צו באַצייכע־נען מענשען, וועלכע האָבען ניט דורכגעמאַכט קיין געזעצליכע לערנצייט. זעה „רולס ענד רעגולייששאָנס אָוו דהי דזשורנעמען ווי,וערס", איבער־געדרוקט אין דעם אָנהאַנג נומער 10 צו דעם „רעפּאָרט אָן קאָמבינייששאָן לאָאָס", 1825.

פון דער אַנדער האַנט, די פאַראייניגונגען פון אַרבייטער אַליין צו רעגולירן דעם לוין און די אַרבייטס־באַדינגונגען, זיינען פון אָנהויב אָן געשטאַנען אויף אַן אַנדער פונדאַמענט. די טעאָריע פון דעם ניט־געשריבענעם געזעץ וועגען דער ניט־געזעצליכקייט פון פאַרהאַנדלונגען „צו באַשרענקען פרייע קאָנקורענץ", ווי זי איז שפּעטער אויסגעטייטשט געוואָרן פון די ריכטער, האָט פון זיך אַליין געמאַכט אומגעזעצליך וועלכע ניט איז פאַראייניגונג פון אַרבייטער צו רעגולירן די אַרבייטס־באַדינגונגען. דערצו נאָך, מיט דער רעגולירונג פון לוין און אַרבייטס־באַדינגונגען דורכ'ן געזעץ, איז עס געוועזן קלאָר, אַז יעדע פאַראייניגונג ניט אויסצופאָלגען די פאַראָרדענונגען פון די ריכטער וועגען די דאָזיגע אַנגעלעגענהייטען טראָגט אַ רעבעלירנדען כאַראַקטער, און איז פאַקטיש אונטערדריקט געוואָרן, פונקט ווי וועלכע עס איז אַנדערע אינדיווידועלע ניט־געהאָרכזאַמקייט צום געזעץ. עס האָט אָבער אויך ניט געפעהלט קיין אויסדריקליך געשריבענער געזעץ קעגען פאַראייניגונגען. דער סטאַטוט פון 1305, אונטער דעם טיטעל „הו בי קאָנספּיראַטאָרס ענד הו בי טשאַמפּערטאָרס" — ווער זיינען פאַרשווערערס און ווער זיינען יאַבעדניקעס — (33 עדוו. 1. סט. 2), איז אין 1818 באַטראַכט געוואָרן אַלס אָנווענדבאַר אויף אַ פאַראיין פון באַוועל־שפּינערס צו העכערן דעם לוין, וועמעס פיהרערס עס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו צוויי יאָהר געפענגניש אונטער אָט דעם געזעץ. דער „ביל אָוו קאָנספּיראַסיס אָוו וויקטיואַלערס ענד קראַפטסמען" (געזעצפּראָיעקט וועגען פאַרשווערונגען פון ליפעראַנטען און בעלי־מלאכות) פון 1549 (2 און 3 עדוו. 6. ק. 15), הגם ער איז צוערשט געווען געציעלט אויף פאַראייניגונגען כדי אויפצוהאַלטען די פרייזען פאַר די קאָנסומענטען, האָט דייטליך איינגעשלאָסען אין זיין פאַרבאָט יעדע פאַראייניגונג פון געדונגענע בעלי־מלאכות כדי אויפצוהאַלטען דעם לוין אָדער פאַרקירצען די שטונדען.

דאָס וואָס סיי די אַרבייטסגעבער און סיי די מאַכטהאָבער האָבען פון אָנהויב ניט געדענקט וועגען באַנוצען זיך מיט דער געניגענדער קראַפט פון געזעץ קעגען די פאַראייניגונגען פון אַרבייטער אין דעם ערשטען טייל פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, איז

א געוויסער באַוויז פאַר זייער נייקייט. ווען די לאָנדאָנער שניי-דער-מייסטערס האָבען אין 1720 זיך געפונען אין צוזאַמענשטוים מיט אַן אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט פון אַרבייטער, וועלכע האָבען געפאָדערט אַ קאָלעקטיווען קאָנטראַקט, ערנסט „באַשרענקענדיג די פרייע קאָנקורענץ", האָבען זיי זיך געווענדט נאָך הילף ניט צו די געריכטען, נאָר צום פּאַרלאַמענט, און זיי האָבען באַקומען, ווי מיר האָבען עס געזעהן, דעם געזעץ „צו רעגולירען די דזשוירנע-מען טיילאָרס אין די גרענעצען פון די ביללס און מאָרטאַליטי" (דזש. 1. סט. 1. ק. 13, אַמענדירט פון 8 דזש. 3. ק. 17).* דאָס אייגענע, ווען די טוך-פאַבריקאַנטען, צווישען 1717 און 1725, האָבען אָנגעהויבען באַאומרוהיגט ווערן פון די „טומעלדיגע און ליאַרמ-דיגע קלובען און געזעלשאַפטען" פון די וואָלקעמערס און וועבערס, וועלכע האָבען געמאַכט תקנות און אויפגעהאַלטען אַן אָנגענומענעם פּרייז,** האָבען זיי ניט געבראַכט אין קראַפט דעם עקזיסטירנדען געזעץ, נאָר זיי האָבען זיך מיט ערפאָלג געווענדט צום פּאַרלאַמענט נאָך אַ געזעץ „צו שטערן ניט-געזעצליכע פאַראייניגונגען פון אַר-בייטער באַשעפטיגט אין די וואָלענס-פאַבריקאַציעס" (12 דזש. 1. ק. 34). ביז צו די אַלגעמיינע געזעצען פון 1799 און 1800 קעגען אַלע אַרבייטער-פאַראייניגונגען, האָט דער פּאַרלאַמענט פּאַקטיש כסדר פאַרפאַסט געזעצען, צו פאַרבאָטען פאַראייניגונגען אין באַ-זונדערע טריידס.***

---

* דער פּראָצעס פון ר. געגען די דזשוירנעמען טיילאָרס פון קיימ-ברידזש אין 1721 (8 מאָד. 10) איז ניט קלאָר באַריכטעט; און עס איז ניט זיכער אונטער וואָס פאַר אַ געזעץ די אַרבייטער זיינען פאַראורטיילט געוואָרען. זעה רייט'ס „לאָו אָוו קרימינאַל קאָנספּיראַסיס ענד אַגרי-מענטס", ז. 53.

** זעה די פּעטיציעס פון די שטעדט אין דעוואָנשייר. „האוז אָוו קאָממאָנס דזשוירנאַלס" (1717) ב. 18, ז. 715, וועלכע, צוזאַמען מיט אַנדערע אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, האָבען געפיהרט צו אַ ספּעציעלען קאָמיטעט אין 1726 („דזשוירנאַלס" ב. 20, ז. 648, מערץ 31, 1726.)

*** זעה, צום ביישפּיעל", די געזעצען וואָס רעגולירען די וואָלענס אינדוסטריע, 12 דזש. 1, ק. 34 (1725); קעגען אָפּנאַרערייען און שווינדלען פון שוסטערס, 9 דזש. 1. ק. 27 (1728); בנוגע צו הוטמאַ-

דער דאָזיגער פאַרבאָט פון פאַראייניגונגען איז אין די ענג־לישע סטאַטוטען געווען, ווי מיר האָבען עס געזעהן, בלויז אַ ביילויפיגער שטריך, אַ נעבענזאַך צום הויפּט־צוועק פון דעם געזעץ. אַנדערש איז דער פאַל בנוגע די ערשטע אירלענדישע געזעצען, די אויסדרוקען פון וועלכע ווייזען אָן אויף אַ פיעל שטאַרקערע שפּאַלטונג צווישען מייסטער און אַרבייטער, וואָס איז אפשר צו פאַרדאַנקען דעם אונטערשייד פון רעליגיע און ראַסע. דער גאַר ערשטער סטאַטוט געגען פאַראייניגונגען, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון דעם אירלענדישען פּאַרלאַמענט, דער אַקט פון 1729 (3 דזש. 2. ק. 14), האָט ניט ענטהאַלטען קיין שום באַוואָרעניש פאַר דעם שוץ פון די לוין־פאַרדיענער און האָט פאַרבאָטען פאַראיינען אין אַלע טריידס אָהן אונטערשייד. דער אַקט פון 1743 (17 דזש. 2. ק. 2), וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם דורכפאַל פון דעם פריהערדיגען פאַרבאָט, האָט זיך פּונקט אַזוי באַשרענקט אויף שווערע שטראָף־מאַסרעגלען, וואָס האָבען איינגעשלאָסען די באַשטראָפונג פון די בעלי־בתים פון שענקען, וועלכע זיינען באַנוצט געוואָרען פאַר פאַרזאַמלונגען. אָבער אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווי עס ווייזט אויס, האָט מען נאָכגעפאָלגט די ענגלישע פּראַקטיק וואָרים די געזעצען פון 1758 (31 דזש. 2. ק. 17), פון 1763 (3 דזש. 3. 34, סעק. 23) און פון 779 (19 און 20 דזש. 3. ק. 19, ק. 24 און ק. 36) זאָרגען שוין וועגען דער באַשטימונג פון לוין און ענטהאַלטען אַנדערע תקנות פאַר דער אינדוסטריע, צווישען וועלכע דער פאַרבאָט אויף פאַראייניגונגען קומט אַלס אַ נאַטירליכער רעזולטאַט.

ביי דעם סוף פון יאָהרהונדערט איז אין יעדען פאַל דער ניט־געשריבענער געזעץ, סיי אין ענגלאַנד און סיי אין אירלאַנד, געבראַכט געוואָרען צו הילף פון די ספּעציעלע סטאַטוטען, און די ריכטער פלעגען ענטשיידען, אַז יעדע פאַרשווערונג פון אַ פערזאָן צו באַגעהן אַ האַנדלונג, וואָס זיי האָבען באַטראַכט פאַר ניט־געזעצליך, אפילו ווען עס ניט קיין פאַרברעכען פאַר אַ יחיד, איז קעגען דעם ניט־געשריבענעם געזעץ. די געזעצגעבונג האָט

בערס, 22 דזש. 2, ק. 27 (1749); בנוגע צו זיידענוועבערס, 17 דזש. 3. ק. 55 (1777); און וועגען פּאַפּירמאַכעריי, 36 דזש. 3 ק. 111 (1795).

גיך נאָכגעפֿאָלגט דעם ביישפּיעל. אין 1799 האָט דער „אַקט 39 דזש. 3. ק. 81“ אויסדריקליך געשטעלט אונטער שטראָף וועלכע ניט איז פֿאַראייניגונג.

די אורזאַכען פֿאַר דעם דאָזיגען שטרענגען מאָסרעגעל זיינען אין ערגעץ ניט קלאָר ערקלערט. עס שיינט אָבער, אַז זיי זיינען געווען פֿאַרבונדען מיט דעם אָנזעהעוודיגען וואוקס פֿון טרייד־יוניאָניזם אונטער די טעקסטיל־אַרבייטער פֿון יאָרקשייר און לאַנקאַשייר. דער געזעצפּראָיעקט איז אין גרויס איילעניש דורכגעפֿיהרט געוואָרען דורכ'ן פּאַרלאַמענט, קריגענדיג די קעניגליכע צושטימונג אין ניט מעהר ווי פֿיער־און־צוואַנציג טעג נאָכדעם ווי ער איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין האָוז אָוו קאָממאָנס. עס איז דעריבער געבליבען וועניג געלעגענהייט פֿאַר וועלכען עס איז פּראָטעסט קעגען זיינע פּונקטען, אָבער די „דזשורנעמען קאַליקאָפּרינטערס סאָסייעטי אָוו לאָנדאָן“ האָט אַריינגעגעבען אַ פּעטיציע קעגען דעם מאָסרעגעל און האָט באַאויפטראַגט אַן אַדוואָקאַט פֿאָרצולעגען זייערע אויסזעצונגען. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז הגם דער געזעצפּראָיעקט פּרעטענדירט בלויז „ניט צו דערלאָזען אומגעזעצליכע פֿאַראייניגונגען“, האָט ער אָבער באַשאַפֿען „נייע פֿאַרברעכענס פֿון אַזאַ אומבאַשטימטען כאַראַקטער, אַז עס וועט ניט זיין זיכער פֿאַר אַ געזעל אָדער אַן אַרבייטער צו האָבען וועלכען עס איז געשפּרעך מיט אַ צווייטען וועגען אָנגעלעגענהייטען פֿון זיין טרייד אָדער באַשעפֿטיגונג“. די איבעריגע טריידס האָבען קיין שטעלונג ניט גענומען, און דער געזעצפּראָיעקט איז אָהן ענדערונגען געוואָרען אַ געזעץ.*

* „איי פֿול ענד אַקקיוריט רעפּאָרט אָוו דהי פּראָסידינגס אָוו דהי פּעטישאָנערס“ א. אַז. וו., פֿון איינעם פֿון די פּעטיציאָנערן (לאָנדאָן, יאַנואַר, 1800, 19 ז.), אַ זעלטענער פּאַמפֿלעט אין פּראָפֿעסאָר פֿאָקסוועל'ס ביבליאָטעק. „עס איז מערקווירדיג“, זאָגט מר. דזשאָסטים סטעפֿענס, „אַז אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער געשיכטע פֿון 1799 און 1800 איז ניטאָ קיין באַריכט פֿון וועלכער עס איז דעבאַטע איבער די דאָזיגע געזעצען. עס ווערט אויך וועגען זיי ניט דערמאָנט אין דעם „אַניואַל רעדזשיסטער“ פֿאַר די דאָזיגע יאָהרען.“ („היסטאָרי אָוו דהי קרימינאַל לאָא“, ב. 3. ז. 208.) אַז דער געזעץ האָט אַרויסגערופֿען אַ געוויסען

דער אַלגעמיינער „געזעץ קעגען פאַראייניגונגען“ פון 1799, וואָס איז ווידער־באַשטעטיגט און אויסגעבעסערט געוואָרן דורך דעם געזעץ פון 1800 (39 און 40 דזש. 3. ק. 60), מיט דעם צוגאָב פון איינינע ניט־געלונגענע פאַרמיטלונגס־פּאַראַגראַפען, איז געווען עטוואָס מעהר ווי די סיסטעמאַטיזירונג פון די עקזיסטירנדע געזעצען, אָדער זייער אויסברייטונג פון באַזונדערע טריידס אויף דעם גאַנצען פעלד פון אינדוסטריע. ער האָט פאַרטראַטען אַ נייע און וויכטיגע ווענדונג. ביז אַהער האָט די צענטראַלע אָדער לאָקאַלע רעגירונג געשפּיעלט די ראָלע פון אַן אַפּעלאַציאָנס־געריכט אין אַלע פראַגען וואָס זיינען נוגע געווען די אַרבייט און דעם לוין פון דעם בירגער. אויב דער מייסטער און דער אַרבייטער האָבען זיך ניט געקאָנט אייניגען וועגען דעם, וואָס עס זאָל הייסען אַ גערעכטער טאָג לוין און אַן עהרליכער טאָג אַרבייט, איז די מאַרק־דינגעניש ענדגילטיג באַזייטיגט געוואָרן דורך דער באַשטימונג פון דער רעגירונג, וואַהרשיינליך אויף דעם גרונט פון געזעלשאַפטליכער פּראַקטישקייט, לויט דעם מאַסשטאַב פון באַלוינונג. די פאַקטישע באַשטימונג פון לוין דורך די פרידענס־ריכטער, ווי עס שיינט, איז גיך אַרויס פון געברויך בנוגע דעם רוב אינדוסטריען, הגם טיעפע שפּורען פון דער פּראַקטיק זיינען נאָך געבליבען אַ לאַנגע צייט אין די געוועהנליכע לוין־ראַטעס. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אַרום דעם סוף פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט איז דאָס פרייע דינגען זיך צווישען דעם קאַפּיטאַליסט און זיינע אַרבייטער געוואָרן די איינציגע מעטאָדע פון באַשטימען דעם לוין. אָט דעמאָלט איז דאָס געווען, ווען די גראָבע אומגערעכטיגקייט פון פאַרבאָטען אַרבייטער־פאַראייניגונגען איז געוואָרן אָנזעהעוודיג. „אַן איינציגער מייסטער“, האָט געזאָגט לאָרד דזשעפרעי, „איז געווען פריי צו יעדער צייט אַרויסצוואַרפען אַלע זיינע אַרבייטער אויף אַמאָל — הונדערט אָדער טויזענד אין צאָהל — אויב

אינטערעס אין די טעקסטיל דיסטריקטען קאָן מען שליסען פון אַ פּאַמפלעט וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרן אין לידז אונטער דעם טיטעל „אַבּסטראַקט אָוו ען עקט טו פּרעווענט אַנלאָאפול קאָמבּינייישאָנס עמאָנג דזשורנעמען טו רעיז וועידזשעס“ א. אַז. וו. (לידז, 1799), וועלכער געפינט זיך אין דער מאַנטשעסטער פּאָבּליק לייבּראַרי (פּ. 1735).

זיי האָבען ניט אָנגענומען דעם לוין, וואָס איהם האָט זיך פאַר־וואָלט זיי צו צאָהלען. מען האָט אָבער געמאַכט פאַר א פאַר־ברעכען, אַז אַלע ארבייטער זאָלען אויף אַמאָל פאַרלאָזען יענעם מייסטער, וואָס האָט זיך ענטזאָגט זיי צו צאָהלען דעם לוין וואָס זיי האָבען באַשלאָסען צו פאָדערן״.*

עס איז אמת, אז דער געזעץ האָט פאַרבאָטען ארבייטסגעבער־פאַראיינען אַזוי גוט ווי פאַראיינען פון ארבייטער. אָבער אַפילו ווען ער זאָל געוועזען דורכגעפיהרט ווערן אומפּאַרטייאיש, וואָלט נאָך אַלץ געבליבען די אומגלייכקייט א דאַנק דעם פאַקט, וואָס אין דעם נייעם אינדוסטריעלען סיסטעם איז אַן איינציגער ארבייטסגעבער אַליין געווען פונקט אַזוי מעכטיג ווי א גאַנץ צאָהל־רייכע פאַראייניגונג. איז אָבער די האַנט פון גערעכטיגקייט ניט געווען אומפּאַרטייאיש. די „שטילע, אָבער שטאַנדהאַפטע״ פאַר־אייניגונג פון ארבייטסגעבער ארונטערצודריקען דעם לוין, אויף וועלכער אדאַם סמיטה ווייזט אָן, האָט מען דורכ׳ן געזעץ ניט געקאָנט דערגרייכען. עס איז אויך ניט געווען וועלכע עס איז נייגונג מצד די מאַגיסטראַטען אָדער די ריכטער צו געפינען א מייסטער שולדיג, אַפילו אין פאַלען פון אָנערקענטער סקאַנדאַלע־זער פאַראייניגונג. קיינער האָט ניט פאַרקלאָגט די מעסערשמי־דען־מייסטערס, וועלכע האָבען אין 1814 עפענטליך געגרינדעט די „שעפיעלד מערקאַנטיל ענד מאַנופעקטשורינג יוניאָן״, וועלכע האָט געהאַלטען פאַר איהר וויכטיגסטען רעגעל, אַז קיין סוחר אָדער פאַבריקאַנט זאָל ניט צאָהלען קיין העכערן פּרייז פאַר וועלכען ניט איז אין שעפיעלד געמאַכטען אַרטיקעל, ווי עס איז געווען אָנ־גענומען אין די פריהערדיגע יאָהרען, מיט א שטראָף פון 100 פונט פאַר יעדעם מאָל איבערטרעטען דעם דאָזיגען אומגעזעצליכען אָפּ־מאַך.** דורך דער גאַנצער עפּאָכע פון רעפּרעסיעס, בעת טויזענ־דער ארבייטער האָבען געליטען פאַר דעם פאַרברעכען פון פאַר־

---

* „פאַראייניגונגען פון אַרבייטער: אינהאַלט פון א רעדע פון פראַנסיס דזשעפּרעי אויף דעם מיטאָג פאַר דזשאָזעף היום, מ. פּ., אין עדינ־בורג, נאָוועמבער 18, 1825״ (עדינבורג, 1825).

** „שעפיעלד איריס״, מערץ 23, 1814.

איינינונג, איז אבסאָלוט ניטאָ קיין פּאַרצייכענטער פאַל, וואָס אַן ארבייטסגעבער זאָל ווערן באַשטראָפט פאַר דעמזעלבען פאַר־ברעכען.

פאַר דעם געוועהנליכען פּאָליטיקער האָט עס אויסגעזעהן, אַז עס איז לחלוטין קיין פאַרגלייך ניטאָ צווישען אַן ארבייטסגעבער־פאַראיין און אַ פאַראיין פון ארבייטער. דער ערשטער איז געווען, העכסטענס, אַן אינדוסטריעלע עבירה; דער צווייטער איז אין אַלע פאַלען געווען אַ פּאָליטישער פאַרברעכען. אונטער דעם שאָ־טען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבען די ענגלישע הער־שענדע קלאַסען באַטראַכט יעדע פאַראייניגונג פון פּראָסטען פאָלק מיט דער גרעסטער אומרוהיגקייט. אין דעם דאָזיגען אַלגעמיי־נעם פחד, אַז אומגעהאַרכזאַמקייט זאָל זיך ניט ענטוויקלען צו רעבעליאָן, האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען די געגענערשאַפט פון ד׳עם קאַפּיטאַליסט צו הויכען לוין און דער ווידערווילען פון דעם פּאָליטיקער צו דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס. די „געזעצען קע־גען פאַראייניגונג“, ווי פראַנסיס פּלייס דערצעהלט אונז, „זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר אבסאָלוט נוטיג, כדי ניט צו דערלאָזען די רואינירענדע אויספּרעסונגען פון די ארבייטער, וועלכע, ווען מען זאָל זיי ניט האַלטען אַזוי אין צוים, וואָלטען איינגאַנצען געמאַכט אַ תל פון נאַציאָנאַלען טרייד, פאַבריקאַציע, קאָמערץ און אַגרי־קולטור. ... דאָס האָט געפיהרט צום שלום, אַז די ארבייטער זיי־נען די פאַרדאָרבענסטע פון דער מענשהייט. דערפון קומט דאָס דער שטענדיגער בייזוויליגען, מיסטרויען און, כמעט אויף יעדען מעגליכען אופן, די שלעכטע באַנעהמונג פון די ארבייטער און זייערע בעלי־בתים פון איינעם צום אַנדערן. דער דאָזיגער פאַל־שער באַגריף איז געווען אַזוי שטאַרק אָנגענומען, אַז ווען נאָר ארבייטער זיינען פאַרקלאָגט און פאַר׳משפט געוואָרן פאַר זייער פאַראייניגען זיך צוליעב דער רעגולירונג פון זייער לוין אָדער זייערע ארבייטס־שטונדען, איז ווי שווער זייער אורטייל איז ניט געווען, און ווי שטרענג די שטראָף איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרן, האָט קיינער דעם קלענסטען רחמנות ניט ארויסגעוויזען צו די אומגליקליכע ליידענדע. פון גערעכטיגקייט איז לחלוטין קיין פראַ־גע ניט געווען: זעלטען האָבען זיי געקאָנט קריגען אַ מאַגים־

טראַט וואָס זאָל זיי אויסהערן, און קיינמאָל ניט אָהן אומגעדולד אָדער באַליידיגונג; און קיינמאָל האָבען זיי ניט געקאָנט רעכענען אויף עטוואָס עהנליכעס צו אַ ראַציאָנאַלער ענטשיידונג. ... ווען מען וואָלט געקאָנט געבען אַ גענויע באַשרייבונג פון די פּראָצעסען, פאַרהערן פאַר מאַגיסטראַטען, משפּטים אויף סעסיעס און אין העכסטען קעניגליכען געריכט; די גראָבע אומגערעכטיגקייטען, די מיאוס׳ע באַליידיגונגען און די שרעקליכע שטראָפען, וואָלט זיך מיט עטליכע יאָהר שפּעטער אויף דעם קיינער ניט פאַרלאָזט, סיידען אויף די בעסטע עדות".*

מען דאַרף פונדעסטוועגען ניט אָננעהמען, אַז יעדער פאַראיין איז געווען אונטערוואָרפען צו פאַרפאָלגונגען, אָדער אַז דער טרייד־יוניאָן פיהרער פון יענער צייט האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבען אין געפענגניש. אַ דאַנק דער אויסערגעוועהנליך אומפּעהיגער אָרגאַניזאַציע פון דער ענגלישער פּאָליציי און דאָס וואָס עס איז קיין פּראָקוראָר ניט געווען, האָט מען געוועהנליך אַ פאַראיין צורוה־געלאָזט, ביז וואַנען אַ געוויסער בעל־הבית האָט זיך געפונען גענוג באַלעסטיגט פון זיין טעטיגקייט און איז אַליין געווען גרייט צו ברענגען אין באַוועגונג דעם געזעץ. מיר געפינען אַ סך פאַלען, אין וועלכע אַרבייטסגעבער האָבען לפנים אָנגענומען אָדער אָריבערגעקוקט די פאַראיינען פון זייערע אַרבייטער.** די לאָנדאָנער דרוקער־מייסטערס האָבען ניט נאָר אָנערקענט די גאַנץ אַלטע „טשאַפּעל"־אינסטיטוציע,*** נאָר זיי האָבען ווי עס ווייזט אויס געפונען בעקוועם, זינט 1785 און ווייטער, אויפצונעהמען און באַטראַכטען פאַרשלאַגען פון די אַרבייטער אַלס אַן אָר־

* „פּליים מאַנוס.", 7 — 27798.

** דאָס איז אַ געגענשטאַנד איבער וועלכען עס האָבען זיך שטענדיג געקלאָגט אַנדערע בעלי־בתים.

*** בענדזשאַמין פרענקלין דערמאָנט דעם „טשאַפּעל" און זיינע תקנות אין 1725. אַ קאָפּיע, דאַטירט 1734, פון די „תקנות און פאַראָרדענונגען וואָס זאָלען אָפּגעהיט ווערן פון די מיטגלידער פון טשאַפּעל: פון זעצערס, פון דרוקערס, פון ביידען", געפינט זיך אין פּליים׳עס מאַנוסקריפּטען, 88—22799.

גאַניזירטע קערפּערשאַפט. אין 1804 הערן מיר זאָגאַר פון אַ געמיינשאַפטליכען קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גלייכער צאָהל מייסטערס און אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען באַאויפ־טראַגט פון זייערע רעספּעקטיווע קערפּערשאַפטען אויסצואַרביי־טען כּללים וועגען די צאָהלונגען פאַר אַרבייט אין דער צוקונפט, און עס איז דערפון אַרויסגעקומען די פּינקטליך אויסגעאַרבייטע „סקייל“ (מאַסשטאַב) פון 1805, אונטערגעשריבען פון די מייס־טערס און די אַרבייטער. די לאָנדאָנער פאַס־מאַכערס (באָנדאַרעס) האָבען געהאַט אַן אַנערקענטע אָרגאַניזאַציע אין 1813, און אין דעמזעלבען יאָהר איז אַ ליסט פון פּרייזען אָנגענומען געוואָרן פון מייסטער און אַרבייטער. דער דאָזיגער פּרייז־ליסט איז רעווי־דירט געוואָרן אין 1816 און אין 1819, און קיינער האָט גאָר ניט געדענקט וועגען געזעצליכער פאַרפאָלגונג. די לאָנדאָנער בערשטער האָבען אין 1805 געהאַט „אַ ליסט פון פּרייזען, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן צווישען מייסטער און אַרבייטער“, וועלכער עקזיסטירט נאָך. די זאַקענשטריקערס, ווי אויך די שניידערס פון די פאַרשיידענע דערפער אין נאָטינגהאַמשייר, זיינען געוועהנט געווען, פון 1794 ביז 1810, עפענטליך זיך צונויפצוקומען, מייסטערס אַזוי גוט ווי אַרבייטער, „זיך דורכצורייידען וועגען זאַכען וואָס זיינען נוגע דעם טרייד“; די צוזאַמענקונפטען פלעגען פאַררופען ווערן דורך עפענט־ליכע אַנאָנסען. פון די פּראָטאָקאָל־ביכער פון דער לאָקאַלער טרייד־יוניאָן פון די פּרעסטאָנער טישלערס, פון די יאָהרען 1807 ביז 1824, איז קענטיג, אַז די יוניאָן האָט געפיהרט אַ ניט־פאַרבאָרגענע און ניט־באַלעסטיגטע עקזיסטענץ, און איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע טישלער־געזעלשאַפטען איבער גאַנץ לאַנקאַשייר. אין די חשבונות געפינען זיך ניט פאַרשריבען קיין הוצאות אויף פאַר־טיידיגען זייערע באַאַמטע קעגען קלאַגעס, בעת עס זיינען דאָ מעהרערע אויסצאָהלונגען פאַר אַנאָנסען און עפענטליכע פאַרזאַמ־לונגען און, צו קיין גנאי זאָל דאָס זיי ניט זיין, אַ גרויסע הוצאה אויף ביער. און עס איז פאַראַן אַ לעבהאַפטע טראַדיציע ביי די על־טערע האַליץ־דרוקער פון גלאַזגאָ, אַז אין זייערע עלטערנ'ס צייטען, ווען זייער גאַנץ אַקטיווע טרייד־יוניאָן פלעגט אַרויספּרעסען אַ געצאָהלט פון זיבען גינים פון יעדען נייעם לעהרלינג, פלעגט דאָס

געלד גלייך פאַרטרונקען ווערן פון די אַרבייטער אויף דער דרוק־פאַבריק. דער בעל־הבית פלעגט פאַרנעהמען דעם אויבענאָן ביים טיש, און קיינער האָט זיך צו דער אַרבייט ניט צוגעריהרט, ביז וואַנען עס איז פון דעם געלד גאָרנישט געבליבען. די אָרגאַניזאַציע פון די קאַרטון־דרוקערס איז אין די ערשטע יאָהרען פון דעם יאָהרהונדערט קענטיג געווען איינע פון די שטאַרקסטע און פאָלקאָמסטע יוניאָנס. אין אַן איינדרוקספולען פאַמפלעט, „באַטראַכטונגען אַדרעסירט צו די „דזשורנעמען קאַליקאָ־פרינטערס" פון איינעם פון זייערע מייסטערס" (מאַנטשעסטער, 1815), טענה'ן די מייסטערס צו די אַרבייטער אַזוי: — „איינער נאָכ'ן אַנדערן האָבען מיר נאָכגעגעבען דאָס, וואָס מיר האָבען געדאַרפט ווי מענער צוריקוואַרפען, און איהר, שטאָלץ מיט אייער זיעג, זייט געפיהרט געוואָרן ווייטער פון איין איבערטריבענער פאָדערונג צו אַ צווייטער, ביז די לאַסט איז געוואָרן צו שווער צו דערטראָגען. איהר באַשטימט די צאָהל פון אונזערע לעהרלינגען, און אָפטמאָל אַפילו די צאָהל פון אונזערע געזעלען. איהר זאָגט־אָפּ געוויסע טיילען פון אונזערע הענט, און דערלויבט ניט קיין אַנדערע אריינצוקומען אויף זייער אָרט. איהר שטעלט אָפּ אַלע וואַלץ־מאַשינען, און געהט אַפילו אַזוי ווייט ווי צו צעשטערן די וואַלצען פאַר אונזערע אויגען. איהר באַשרענקט די ציליגדער־מאַשינען, און דיקטירט אַפילו וואָסערע אוזאָרן מען זאָל דרוקען. איהר ענטזאָגט זיך, בעת עס איז דוקא נויטיג, צו אַרבייטען פאַר ליכט, און צווינגט אַפילו אונזערע לעהרלינגען צו טאָן דאָס אייגענע. איהר ווייזט צוריק אונזערע אויפזעהער, ווען זיי געפעלען אייך ניט; און שלעפּט אריין אָפּשטויסענדע פועלים צו אַרבייטען פאַר אונז. צו־לעצט, איהר געהט צו־להכעיס יעדע געהאָרכזאַמקייט און גוטע אָרדנונג, און אַנשטאָט צו צייגען אַכטונג און רעספּעקט צו אייערע בעלי־בתים, באַהאַנדעלט איהר זיי מיט פּערזענליכע באַליידיגונגען און פאַראַכטונג". ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלץ, איז קיין סיסטעמאַטישער פאַרזוך קענטיג ניט געמאַכט געוואָרן צו אונטערדריקען דעם קאַרטון־דרוקערס' פאַראיין, און מען קאָן בלויז געפינען צוויי איזאָלירטע פאַלען פון פאַרפאָלגונג. אויך אין דובלין זיינען די מעבעלמאַכער אין די ערשטע יאָהרען פון נייגצעהנטען יאָהר־

הונדערט געווען פאראייניגט אין א שטארקער יוניאן, אונטער דעם נאמען „סאמאריטאן סאסייעטי", דורכאוים פאר טרייד־צוועקען; „אבער, הגם זי איז געווען ניט־געזעצליך, האבען ווי עס שיינט די בעלי־בתים אויף איהר געקוקט ניט מיט קיין שטארקער אומ־צופרידענקייט; און ווען דער הויפט פון דער פאליציי האט איינ־מאל ארעסטירט די ארבייטער, וואס זיינען געקומען צו א פארזאמ־לונג, זיינען די בעלי־בתים געקומען ארויסנעהמען זיי אויף ערבות. אין דער ווירקליכקייט, האבען זיי ערקלערט, הגם זייער ציעל איז קודם צו פארטיידיגען זייערע אייגענע אינטערעסען, איז ער אויך צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטסגעבער קעגען געוויסענלאזע ארבייטער. ביי פיעלע מייסטערם איז געווען איינגעפיהרט, אז ווען זיי פלעגען באקומען דעם חשבון פון אן ארבייטער, פלעגען זיי איהם אריבערשיקען צום קאמיטעט פון דער טרייד־סאסייעטי, נאכצוזעהן אויב ער איז ריכטיג, און דערנאך ארויפשטעמפלען דאס ווארט „קאממיטטע". איין פאל איז דערמאנט געווארן, ווען דער טרייד־קאמיטעט האט ארונטערגעשלאגען פון צוויי ביז דריי פונט פון א חשבון, וואס האט בערך באטראפען אכט פונט".* און אין לאנדאן אזוי גוט ווי אין עדינבורג האבען די ארבייטער פריי ארויסגעגעבען, ניט מורא האבענדיג פאר פארפאל־גונגען, אויספיהרליכע געדרוקטע ליסטען פון שטיקארבייט פרייזען, וואס זיינען צונויפגעשטעלט געווארן אמאל פון א קאמיטעט פון דער טרייד־יוניאן פון די ארבייטער און אמאל פון א געמיינשאפט־ליכען קאמיטעט פון ארבייטער און בעלי־בתים.** „דער פרייזען־

---

* אויסזאגונגען פאר'ן „קאמיטעט וועגען האנטווערקער און מא־שינערי", 1824, ווי עס ווערט איבערגעגעבען בקיצור אין דעם „רעפארט אן טרייד סאסייעטים (1860) פון דער „סאשעל סייענס אסאסיאיישאן."

** „דהי עדינבורג בוק אוו פרייסעס פאר מאנופעקטשורינג קע־בינעט ווארק", (עדינבורג, 1805, 126 ז.), „ווי עס האבען זיך אויף דעם געמיינשאפטליך געאייניגט די מייסטערס און די ארבייטער." אין 1825 האבען די ארבייטער צוגעגריט א „ביילאגע", וועלכע איז, נאכדעם ווי די מייסטערס האבען צוגעשטימט דערצו, פארעפענטליכט גע־ווארן פון די ארבייטער. ביידע געפינען זיך אין פראפעסאר פאקס־וועל'ס ביבליאטעק.

בוך פון דער לאָנדאָנער מעבעלמאַכערס' יוניאָן", פון וועלכען אויס־
גאבען זיינען געדרוקט געוואָרן אין 1811 און 1824, איז געווען א
קאסטבארע און גרינטליכע ארבייט, מיט א סך פלאטען, ארויסגע־
געבען פון א קאָמיטעט פון מייסערס און ארבייטער... צו פארמיי־
דען די סכסוכים, וואָס זיינען צו־אָפט פאָרגעקומען אין טרייד".
פארשיידענע ביילאגעס און „אָנצייג שליסלען" זיינען ארויסגעגע־
בען געוואָרן צו אָט דעם ווערק; און אנדערע ליסטען עקזיסטירן.
די דורכפיהרונג פון דעם געזעץ איז געווען אזוי שוואך, אז
דזשאָרדזש וואָלט, דער ענערגישער שרייבער פון דעם „היום'ס
קאָמיטעט", האָט באהויפטעט, אז דער געזעץ פון 1800 איז „בכלל
געווען א טויטער בוכשטאב פאר די בעלי־מלאכות, אויף וועמען
ער האט געזאלט האבען א ווירקונג — נעמליך, די שוסטערס, דרו־
קערס, פאפירמאכערס, שיפבויערס, שניידערס א. אז. וו., וועלכע
האבען געהאט זייערע באשטענדיגע געזעלשאפטען און „רוף־הייז־
זער", אזוי ווי עס וואלט גאר אזא געזעץ ניט עקזיסטירט: און
עס וואלט גאר פאקטיש ניט מעגליך געווען פאר א סך פון אָט די
טריידס אנצוגעהן אהן אזעלכע געזעלשאפטען, וועלכע זיינען בכלל
קראנקען־ און רייזע־ אונטערשטיצונגס־געזעלשאפטען. די וועגען
און די קירכען־געמיינדעס וואלטען שטארק באלעסטיגט געוואָרן
פון די דאזיגע ארומוואנדערנדע ארבייטער, וועלכע וואנדערן ארום
זוכענדיג ארבייט, ווען זיי זאלען ניט האבען זייערע געזעלשאפ־
טען, וואס העלפען ארויס די אזויגערופענע ארומטרייבערס".

אבער — הגם מען האט געמעגט ערלויבען די ארבייטער־קלו־
בען, אזוי ווי די לאָנדאָנער בוכבינדערס, צו נעהמען „א געזעלשאפט־
ליך גלאז ביער צוזאמען", און אין צייטען פון אינדוסטריעלען פרי־
דען צו באזארגען זייערע וואנדערער און טאן די איבעריגע ארבייט
פון א טרייד־יוניאן, האבען די ארבייטסגעבער שטענדיג געהאט
די מאכט צו באגעגנען יעדע פאָדערונג מיט א געזעצליכער פאר־
פאלגונג. אפילו אין יענע טריידס, אין וועלכע מיר האבען געפונען
באווייזען, אז מען האט די פאראיינען ניט געשטערט, זיינען דא
ביישפיעלען פון דער שטרענגער אנווענדונג פון דעם געזעץ. אין
1819 לייענען מיר וועגען צאהלרייכע פארפאלגונגען פון מעבעל־
מאכערס, הוטמאכערס, אייזענגיסערס און אנדערע ארבייטער,

כלומרשט פאַר איבערלאָזען זייער ארבייט ניט־געענדיגט, אין דער אמת'ן אָבער פאַר דעם פאַרברעכען פון פאַראייניגונג. אין 1798 זיינען פינף דרוקער־געזעלען פאַרקלאָגט געוואָרן אין דעם „אָלד בעילי" פאַר פאַרשווערונג. דער פאַקט איז געווען, אַז די בעלי־בתים האָבען געהאַט געשיקט נאָך די פיהרער פון די אַרבייטער זיך דורכצוריידען וועגען זייערע פאַרשלאָגען, בעת אין דער אָנקלאַגע האָט עס געהייסען, אַז „עס זיינען געקומען די פינף אָנגעקלאָגטע, פאַרטרויט אַלס דעלעגאַטען, פאַרשטעלענדיג זיך אַלס די פיהרער פון אַ פאַרלאַמענט, ווי מען קאָן עס רופען". די אַרבייטער זיינען באמת געווען מיטגלידער פון אַ פאַכאָווער אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט פון דרוקערס, וואָס האָט זיך „אויפגעהאַלטען אין דער „קראָון", לעבען סט. דונסטאַנ'ס קירך, פליט סטריט", וועלכע האָט, ווי דער אַדוואָקאַט פון דער אָנקלאַגע האָט ערקלערט, „פון איהר אויסערליכקייט זיכער קיין סימן פון טאַדעל אויף זיך ניט געטראָגען. זי האָט זיך גערופען אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט, אָבער צוליעב געוויסע שלעכטע מענשען אונטער זיי איז די געזעלשאַפט אַרונטערגעזונקען צו אַ העכסט אָפשייליכען פאַראיין מיט קאָנספּיראַטיווע צוועקען; די וואָס האָבען זיך ניט אָנגעשלאָסען אָן זייער געזעלשאַפט האָט מען דערצו אויפגעפאָדערט, און אַפילו די לעהרלינגען, און מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלען זיך ניט צופאַסען צו די פיהרונגען פון אָט די אַרבייטער, ווען זיי וועלען אַפזיין זייער צייט, וועלען זיי קיין ארבייט ניט קריגען". ניט קוקענדיג אויף דעם פאַקט, וואָס די אַרבייטסגעבער אַליין האָבען די געזעלשאַפט אָנערקענט און מיט איהר פאַרהאַנדעלט, האָט דער שטאָדט־ריכטער אַלע אָנגעקלאָגטע פאַראורטיילט צו צוויי יאָהר געפענגניש.

עס איז געווען די ברוטאַליטעט פון דער פאַרפאָלגונג פון די שריפטזעצערס, וואָס האָט מיט צוועלף יאָהר שפּעטער איבערציינגט פראַנסיס פּליים אין דער נויטוועגדיגקייט צו ענדערן דעם געזעץ. „די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען", שרייבט ער, „פון די דרוקער געזעלען וואָס האָבען געאַרבייט ביי דער צייטונג „טיימס" אין 1810, זיינען דערפיהרט געוואָרן צו דער אומגלויבליכסטער מדרגה. דער ריכטער, וועלכער האָט גע'משפּט און פאַראורטיילט מאַנכע

פון זיי, איז געווען דער לאָנדאָנער פּראָסטער אונטעראָפיציר סער דזשאָהן סילוועסטער, געוועהנליך באַקאַנט אונטער דעם צונאָמען „בלוטיגער שוואַרצער דזשעק". ... קיין ריכטער האָט זיך ניט גע־געבען אַזוי פיעל מיה, ווי דאָס האָט געטאָן דער דאָזיגער ריכטער איבער די אומגליקליכע דרוקערס, צו מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זייער פאַרברעכען איז שרעקליך גרויס, צו דערשלאָגען און אָנצו־שרעקען די ווירקליך אָנגעזעהענע מענשען, וועלכע זיינען אַריינ־געפאַלען אין זיינע נעגעל און וועמען ער האָט אַרויסגעגעבען סקאַנדאַלעזע שטרענגע אורטיילען". די פאַרפאָלגונג איז אויך ניט שטענדיג אָפּגעהאַנגען אָן דעם קאַפּריז פון אַן אַרבייטסגעבער. אין דעצעמבער 1817, דערוויסענדיג זיך צופעליג אַז צעהן דעלעגאַ־טען פון די קאַרטון־דרוקערס פון פאַרשיידענע געגענדען אין לאַנד האָבען זיך געזאַמעלט צונויפקומען אין דעם ניי־יאָהרס־טאָג, האָט די באָלטאָנער פּאָליציי באַשלאָסען זיי אַלעמען צו אַרעסטירען און פאַרכאַפּען אַלע זייערע פּאַפּירען. די צעהן דעלעגאַטען האָבען אָפּ־געשמאַכט דריי חדשים אין געפענגניש, הגם קיין סכסוך מיט זייערע בעלי־בתים איז ניט פאַרגעקומען. אָבער דער הויפּט־נוצען פון דעם געזעץ פאַר די אַרבייטסגעבער איז געווען, צו צעשטערען סטרייקס און זיך אַרויסצודרעהען פון די פאָדערונגען פאַר בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען. שוין אין 1786 איז דער געזעץ וועגען פאַרשווערונגען אויסגענוצט געוואָרען צו פאַראורטיילען און באַשטראָ־פען מיט צוויי יאָהר געפענגניש די פינף לאָנדאָנער בוכבינדערס, וועלכע האָבען געפיהרט אַ סטרייק פאַר דעם פאַרקירצען די אַר־בייטס־שטונדען פון צוועלף אויף עלף. ווען די „אַבערדין מאַסטער טיילאָרס' גילד" האָט אין 1797 דערשפּירט, אַז „זייערע אַרבייטער זיינען אַריינגעטראָטען אין אַ ניט־געזעצליכען פאַראיין, מיט דעם צוועק צו העכערן זייער לוין", האָבען די מייסטערס „איינשטימיג באַשלאָסען ניט צו געבען זייערע פּועלים קיין העכערן לוין". און זיי האָבען דעם באַשלוס פון זייער אייגענעם פאַראיין באַקרעפטיגט דערמיט, וואָס זיי האָבען פאַרקלאָגט און באַשטראָפט צוועלף אַר־בייטער פאַר דעם פאַרברעכען פון פאַראייניגען זיך. דער ערפאָלג פון די לאָנדאָנער שוסטערס אין 1799 מיט זייער פּיקעטען פאַר־האַסטע אַרבייטסגעבער, האָט געפיהרט דערצו, אַז צוויי פון זיי

זיינען פֿאַרקלאָגט געוואָרן, און דאָס איז דערנאָך באַנוצט געוואָרן אַלס אַ מיטעל צו באַוועגען די אַרבייטער זיי זאָלען איינשטימען אויפֿצולייזען זייער געזעלשאַפֿט, וועלכע איז דאַן אַלט געווען זיבען יאָהר, און זיך באַלד אומקעהרן צו דער אַרבייט. צוויי אַנדערע שוסטערס פֿון יאָרק זיינען אין דעמזעלבען יאָהר פֿאַראורטיילט געוואָרן פֿאַר דעם פֿאַרברעכען פֿון „פֿאַראייניגען זיך צו העכערן דעם פּרייז פֿאַר מאַכען שיך, און פֿאַר'ן ענטזאַגען זיך צו מאַכען שיך אונטער אַ געוויסען פּרייז.“ און דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט, אַז „אין יעדער גרויסער שטאָדט אין צפֿון עקזיסטירן אַזעלכע סאָרטען פֿאַראיינען.“ אויף אַן ענגליכען אופֿן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער סטרייק פֿון די קאַרעטען־מאַכערס אין 1819, און די „בענעוואָלענט סאָסייעטי אָוו קאָוטשמייקערס“ איז אויפֿגעלייזט געוואָרן דורך דער פֿאַראורטיילונג פֿון דעם גענעראַל סעקרעטער און צוואַנציג אַנדערע מיטגלידער, וועלכע מען האָט אויף אָט דעם תּנאַי פֿריי געלאָזט אויף זייער אייגענער פֿאַראַנטוואָרטליכקייט. אין 1819 האָבען איניגע קאַרטון־גראַווירערס, וועלכע האָבען געאַרבייט פֿאַר אַ פֿירמע אין מאַנטשעסטער, פּראָטעסטירט קעגען דעם וואָס זייערע בעלי־בתּים האָבען אָנגעשטעלט מעהר לעהרלינגען, וויפֿיעל זיי זיינען געווען באַרעכטיגט, און זיי האָבען זייער פּראָטעסט פֿאַרשטאַרקט מיט זייער ענטזאַגען זיך צו אַרבייטען. פֿאַר דער דאָזיגער „קאָנספּיראַציע“ האָט מען זיי באַשטראָפֿט מיט געלד און איינגעזעצט אין געפֿענגניש. און הגם מען האָט אומבאַשטראָפֿט דערלאָזט די מעסערשמידען־מייסטערס זיך אָנשליסען אָן דער „שעפֿיעלד מערקאַנטיל ענד מאַנופֿעקטשורינג יוניאָן“, וועלכע האָט באַשטימט די לוין־ראַטעס און געלאָזט פֿיהלען איהר דרוק אויף ווידערשפּעניגע אַרבייטסגעבער, האָט מען אָבער ניט צורוהגעלאָזט די צאָהלרייכע טרייד־קלובען פֿון די אַרבייטער. אין 1816 זיינען זיבען שערען־שלייפֿערס פֿאַראורטיילט געוואָרן צו דריי חדשים געפֿענגניש פֿאַר'ן באַלאַנגען, ווי זיי האָבען דאָס גערופֿען, צום „אומגליק־קלוב“, וועלכער האָט געצאָהלט אויסער־אַרבייט־געלד און האָט געזוכט אויפֿצוהאַלטען די אָנגענומענע פּרייזען.*

* „שעפֿיעלד איריס“, דעצעמבער 17, 1816. די אַרבייטער־קלובען

עס זיינען אָבער געווען די נייע טעקסטיל אינדוסטריען, וואו דאָס געוויכט פון די געזעצען קעגען פאַראייניגונג האָט זיך דערהויפּט געלאָזט פיהלען. ווהייט און הענסאָן שילדערן, ווי דער געזעץ פון 1800 איז אין יענע פאַכען געווען „אַ מוראַ'דיגער מילשטיין אויפ'ן האַלז פון דעם לאָקאַלען האַנטווערקער, וואָס האָט איהם געדריקט און געשלעפּט צו דר'ערד: אַלץ וואָס ער האָט פּרובירט טאָן, יעדען פּלאַן וואָס ער האָט צוגעקלערט אָנצוהאַלטען אָדער העכערן זיין לוין, האָט מען איהם געזאָגט, איז ניט געזעצליך: די גאַנצע קראַפט פון דער ציווילער מאַכט און איינפלוס פון זיין באַצירק איז געווען געווענדעט קעגען איהם, ווייל ער האָט געהאַנדעלט אומגעזעצליך: די מאַגיסטראַטען, האַנדלענדיג, ווי זיי האָבען געגלויבט, אין איינקלאַנג מיט די אָנזיכטען פון די געזעצגעבערס, ניט צו דערלאָזען קיין העכערונג אין לוין און צו אונטערדריקען פאַראיינען, האָבען כמעט אין אַלע פאַלען באַטראַכט יעדען פאַרזוך פון דעם בעל־מלאכה צו פאַרגרינגערן זיין לאַגע אָדער אויפצוהאַלטען זיין מדרגה אין דער געזעלשאַפט אַלס אַ מין רעוואָלט אָדער ווידערשטאַנד קעגען דער רעגירונג. יעדער קאָמיטעט זייערער אָדער אַקטיווער מענש איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ רוה־שטערנדער, געפעהרליכער אויפהעצער, וועמען עס איז נויטיג געווען צו באַוואַכען און דערדריקען, אויב מעגליך". מיר ברענגען דאָ נאָר איינעם פון די ביישפּיעלען.

האָבען אָפט עקזיסטירט אונטער דעם מאַנטעל פון אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען. אין דעם באַריכט פון דעם אויפזעהער איבער קראַנקען־קלובען, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צום פּאַרלאַמענט אין 1815, זיינען אַריינגערעכענט די פאָלגענדע פאַכאָווע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען, פון וועלכע אַ סך זיינען יעדענפאַלס בעצם געווען טרייד־יוניאָנס: —

שניידערס — — — — — — —	מיט	360	מיטגלידער	און	704 £
קופּערשמידען — — — — — —	"	664	"	"	1768
מויערער — — — — — — —	"	693	"	"	1852
שער־שמידען — — — — — —	"	550	"	"	1309
פייל־שמידען — — — — — —	"	260	"	"	600
פאַראייניגטע זילבערשמידען —	"	240	"	"	299
מעסערשמידען — — — — — —	"	65	"	"	450
שלייפערס — — — — — — —	"	283	"	"	

—„שעפיעלד איריס", 1815.

עס איז אַנגעגעבען געוואָרן אין די אויסזאָגונגען פאַר „היומ׳ס קאָ־מיטעט“, אַז אין 1818 האָבען געוויסע מיל־אייגענטימער אין באָל־טאָן פאַרגעשלאָגען די וועבער־אַרבייטער, אַז זיי זאָלען אָפּמאַכען צווישען זיך מעהר ניט צו אַרבייטען פאַר יענע, וואָס צאָהלען אונטער דעם אומגאַנגס־פּרייז. פאַרלאָזענדיג זיך אויף דער דאָזיגער אַנצוהערעניש איז פאַרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון פערציג דעלע־גאַטען, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסען געוואָרן צו פאַרלאַנגען די העכערונג, צו וועלכער די גוטע בעלי־בתים האָבען צוגעשטימט. צוויי וואָכען שפּעטער זיינען דער פּרעזידענט אוןביידע סעקרעטערן אַרעסטירט געוואָרן, מען האָט זיי פאַר׳משפּט פאַר קאָנספּיראַציע און אריינגעזעצט אין געפענגניש, דעם ערשטען אויף איין יאָהר און די אַנדערע אויף צוויי יאָהר, כאָטש די בעלי־בתים האָבען עדות־געזאָגט פאַר די אַרעסטירטע, אַז זיי אַליין האָבען די אַרביי־טער אויפגעפאָדערט צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג און האָבען צוגעשטימט צו די אָנגענומענע רעזאָלוציעס. אין דעם פאָלגענדען יאָהר זיינען פופצעהן באַוועל־שפּינערס, וועלכע זיינען זיך צונויפ־געקומען „אויפצונעהמען ביימרעגע צו באַערדיגען זייערע טויטע“, אונטער „פּונקטען“ וואָס זיינען גוטגעהייסען געוואָרן פון דער „קוואָרטער סעשאָנס“ אין 1795, פאַרנומען געוואָרן פון דער פּאָלי־ציי אין דעם קאָמיטעט־צימער און געשטעלט געוואָרן צום משפּט פאַר קאָנספּיראַציע, ניט אַרויסלאָזענדיג זיי אויף ערבות. נאָכדעם ווי מען האָט זיי אָפּגעהאַלטען דריי אָדער פיער חדשים פאַרשפּאַרט, האָט מען זיי געבראַכט צום פּראָצעס, צו וועלכען די גאַנצע לאָקאַלע אַדוואָקאַטען־געזעלשאַפט — זיבען אין צאָהל — איז געווען אַנגע־שטעלט קעגען זיי. געלד־זאַמלונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין לאָנדאָן און אַנדערע שטעדט (די שטאָדט לינן אין נאָרפאָלק אריינ־גערעכענט) פאַר זייער פאַרטיידיגונג. דאָס וואָס זייער קלוב איז געווען רעגיסטרירט אַלס אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט האָט ווע־ניג געהאָלפען. דאָס געריכט איז באַשטאַנען דערויף, אַז „אַלע געזעלשאַפטען, סיי אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען אָדער אַנדערע, זיינען ניט מעהר ווי אַ מאַנטעל פאַר דעם ענגלישען פאָלק צו קאָנ־ספּירירן קעגען דעם שטאַאַט“, און די מייסטע פון די אָנגעקלאָגטע זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן צו פאַרשיידענע געפענגניש־טערמינען.

אָבער דער וועבער־סטרייק אין שאָטלאַנד אין 1812, באַשריבען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, איז דער מערקווירדיגסטער פאַל פון אַלע. מיט אַ יאָהר פריהער זיינען געוויסע באַוול־שפּינערס פאַראורטיילט געוואָרן צוליעב פאַראייניגונג און מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין געפענגניש. דער ריכטער האָט באַהויפּטעט, אַז אַזוי ווי די מאַגיסטראַטען האָבען פולע מאַכט און אויטאָריטעט צו באַשטימען לוין־ראַטעס און שליכטען סכסוכים, איז פאַראַן אַ קלאָרע געזעצליכער מיטעל. אין 1812 האָבען זיך אַ סך ארבייטסגעבער ענטזאַגט אָנצונעהמן די ראַטעס פאַר די וועבערס, וועלכע די ריכטער האָבען ערקלערט אַלס גערעכט; און אַלע וועבערס ביי די פערציג טויזענד וועבשטוהלען פון אַבערדין ביז קאַרלייל האָבען געוואָרפען די אַרבייט, כדי צו ברענגען אין קראַפט די ראַטעס וואָס די ריכטער האָבען באַשטימט. די בעלי־בתים האָבען שוין געהאַלטען אין פיהרן פאַרהאַנדלונגען דורך דעם באַצירק־שעריף ווענען אַ צופריעדענשטעלענדען אויסגלייך, ווען די רעגירונג האָט אַרעסטירט דעם צענטראַלען פינפער־קאָמיטעט, וועלכער האָט געפיהרט די פאַרהאַנדלונגען. די פינף מענשען זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו פאַרשיידענע געפענגניש־טערמינען פון פיער ביז אַכצעהן חדשים; דער סטרייק איז פאַרלאָרן געגאַנגען און דער פאַראיין האָט זיך אויפגעלייזט. דער וואָס שטודירט די ציימונגען צווישען די יאָהרען 1800 און 1824 וועט געפינען גענוג געשיכטעס פון געריכטליכע גרויזאַמקייטען, פון וועלכע די פאַלען וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט קאָנען גענומען ווערן אַלס ביישפּיעלען. עס זיינען ניטאָ קיין סטאַטיסטיקס ווענען דער אָפטקייט פון די געזעצליכע פאַרפאָלגונגען אָדער די שטרענגקייט פון די אורטיילען; אָבער פון די באַריכטען וואָס זיינען דאָ קאָן מען זיך לייכט מאַכען אַ באַגריף מיט וואָס פאַר אַ טרויעריגע געקרענקטע געפיהלען דער אַרבייטער־קלאַס האָט געליטען אונטער די דאָזיגע געזעצען. די פאָלשטענדיגע צורוקרופונג פון די דאָזיגע געזעצען איז געווען אַ נויטווענדיגער פאַרבאַדינג פאַר די מעהר אונטערדריקטע אַרבייטער, כדי עס זאָל קאָנען ביי זיי אַרויסוואַקסען אַ וועלכע עס איז ממשות'דיגע קראַפט זיך צו שיצען, דורך טרייד־יוניאָניסטישע אָנשטרענגונגען, קעגען דעם אַרונטערזינקען פון זייער לעבענס־מדרגה.

דאָס וואָס די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“ האָט זיך ניט איינגעגעבען צו אונטערדריקען דעם ביז צו אַ געוויסען גראַד דיקטירנדען טרייד־יוניאָניזם פון די געלערנטע בעלי־מלאכות, און עס איז זיי געלונגען צו שטערן דעם וואוקס פון באַשטענדיגע יוניאָנס אונטער אַנדערע טיילען פון די אַרבייטער, ווערט ערקלערט דורך די קלאַסען־אונטערשיידען, וואָס זיינען איצט פאַרשוואונדען אָדער שטאַרק מאָדיפיצירט, וועלכע האָבען געהערשט ביי דעם אָנפאַנג פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט. היינט, ווען מיר ריידען פון דער „אַריסטאָקראַטיע פון אַרבייט“, נעהמען מיר אריין אונטער דעם דאָזיגען טיטעל די אָרגאַניזירטע מינען־ און פאַבריק־אַרבייטער פון צפון אויף דערזעלבער הויכער מדרגה ווי די געלערנטע בעלי־מלאכות. אין 1800 זיינען זיי געשטאַנען אין קעגענגעזעצטע עקסטרעמען אויף דעם סאָציאַלען לייטער פון לוין־אַרבייטער־קלאַס; דער פאַבריק־אַרבייטער און דער קויהלענגרעבער זיינען דעמאָלט געשטאַנען אַ סך ווייטער פון דעם האַנטוועירקער, איידער דער האַפען־אַרבייטער אָדער דער אַגריקולטור־אַרבייטער שטעהט היינט פון דעם באַוועל־שפּינער אין לאַנקאַשייר, אָדער שטיינהאַקער אין נאָרטהומבערלאַנד. די געלערנטע בעלי־מלאכות האָבען צונויפגעשטעלט, יעדענפאַלס אין לאָנדאָן, אַ מיטעלקלאַס צווישען דעם קרעמער און דער גרויסער מאַסע ניט־אָרגאַניזירטע טאָג־לוינער אָדער פאַבריק־אַרבייטער אין די נייע מאַשין־אינדוסטריען. די באַדייטענדע לערנגעלד, וואָס מען האָט אין פאַרלויף פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט געפאָדערט פאַר אויסלערנען אַ „האַנטוועירק“, האָט געזיכערט פאַר די מיטגלידער און זייערע עלטערע זיהן אַ ווירקליכען מאָנאָפּאָל.*

* אין פאַרלויף פון דעם יאָהרהונדערט, ווייזט אויס, איז אין די מייסטע האַרטוועירקען געווען איינגעפיהרט, אַז אַ בעל־מלאכה האָט געהאַט די פּריווילעגיע אויסצולערנען דעם פאַך איין זוהן, געוועהנליך דעם עלטסטען, אָהן געצאָהלט. פאַר אַנדערע זיהן, איבערהויפּט פאַר קינדער פון עלטערן וואָס האָבען צום טרייד ניט באַלאַנגט, פלעגט דער בעל־הבית אָרויספּרעסען לערנגעלד פון 5 ביז 20 פונט. דער איצטיגער סעקרעטער פון דער „אָלד אַמיקייבל סאָסייעטי אָוו וואולסטייפּלערס“ ערקלערט, אַז אַזוי ווי זיין ברודער איז שוין געווען אַריינגענומען אין טרייד, האָט זיין פאָטער געמוזט באַצאָהלען 100 פונט פאַר זיין לערן־קאָנטראַקט.

אפילו נאָך דער צוריקרופונג פון די געזעצען, וועלכע האָבען גע־פאָדערט אַ פאָרמעלע לערנצייט, האָט נאָך געמוזט אַריבערגעהן אַ היבשע צייט איידער דער אָנבאָט פון אַט דעם קלאַס בעלי־מלאכות האָט זיך אויסגעגליכען מיט דער נאָכפראַגע. אַזוי דער־געהען מיר פון די געבליבענע פּראָטאָקאָלען, אַז די דאָזיגע פאַכען זיינען אין לאָנדאָן קיינמאָל ניט געווען פאָלשטענדיגער אָרגאַניזירט, ווי צווישען די יאָהרען 1810 און 1820.* מיר געפינען, אַז די לאָנדאָנער הוטמאַכערס, פעסעלמאַכערס, גאַרבערס, שריפטזעצערס און שיפבויערס פלעגען פאַרדינען אַזעלכע פאַרהעלטניסמעסיג הויכע שכירות, וואָס האָבען באַטראָפען, ווי זיי אַליין האָבען אָנגעגעבען, פון דרייסיג ביז פופציג שילינג אַ וואָך. אין דערזעלבער פעריאָדע האָט דער וועבער פון לאַנקאַשייר אָדער שטרומף־אַרבייטער פון לעי־סעסטער, אין פולער קאָנקורענץ מיט דער דאַמף־קראַפט און איהר באַגלייטענדע פרויען־ און קינדער־אַרבייט, אפילו ווען ער האָט גע־אַרבייט פולע צייט, קוים פאַרדיענט צעהן שילינג. דעם אונטער־שייד אין דער לעבענס־מדרגה זעהען מיר אָפּשפּיגלען זיך אין די כאַראַקטערס פון די פאַראיינען, וואָס דיביידע קלאַסען האָבען פאָרמירט.

אין די געלערנטע מלאכות, וואו מען איז פון לאַנג צוגעוועהנט געווען צו געמיינשאַפטליכער פאַרוואַלטונג, געפינען מיר ניט, אפילו

---

* נעהמען מיר, צום ביישפּיעל, די מעבעל־מאַכערס און די מיל־בויערס. ווען לאָוועט איז געקומען אין לאָנדאָן, אין 1819, האָט ער אויסגעפונען, אַז ער וועט ניט קאָנען געפינען קיין באַשעפטיגונג, ניט אָנשליסענדיג זיך אין דער יוניאָן. עס איז אָבער אַ ספק, אויב פאַר די לעצטע פופציג יאָהר איז איין־פינפטעל פון די לאָנדאָנער טישלער אָדער מעבעל־מאַכערס צו וועלכער עס איז צייט געווען אין די טרייד־יוניאָ־ניסטישע רייהען. („ליַיף אָוו וויללִיאַם לאָוועטט“, פון איהם אַליין.) די מיל־בויערס זיינען אין אָנפאַנג פון דעם יאָהרהונדערט געווען אַזוי שטאַרק אָרגאַניזירט, אַז ווען פעירבעירן (נאָכדעם ווי ער איז שוין פאַק־טיש געווען אָנגעשטעלט אויף רענני'ס פאַבריק) איז צוריקגעוויזען געוואָרען פון אויפגענומען ווערן אין זייער געזעלשאַפט, איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען לאָנדאָן צופוס, צו געהן זוכען אַרבייט אין אַ ניט־יוניאָן געגענד. („לייף אָוו סער וויללִיאַם פעירבעירן“, פון איהם אַליין. לאָנדאָן, 1877, ז. 89, 92.)

אונטער רעפרעסיווע געזעצען, קיין אומגעזעצליכע שבועות, רעבעלישע עמלעמען, אדער אנדערע געוועהנליכע צערעמאניעם פון געהיימע געזעלשאפטען. די לאנדאנער ברעשטעלמאכערס, וועמעס יוניאן דאטירט קענטיג פון דעם ערשטען טייל פון אכצעהנטען יאהרהונדערט, זיינען אויסדריקליך באשטאנען דערויף, אז „קיין פערזאן זאל ניט צוגעלאזט ווערן אלס מיטגליד, וואס איז ניט ריכטיג צוגעבונדען צו זיין איצטיגער מאיעסטעט און דער פראטעסטאנישער נאכפאלגערשאפט, און איז אין גוטען געזונט און פון רעספעקטאבעלען כאראקטער“. אבער די דאזיגע לאיאליטעט איז ניט געווען אין ווידערשפרוך מיט זייער ביישטראגען צו די אגיטאציאנס־פאנדען פון 1831 פאר דעם „רעפארם ביל“. דער הערשענדער טאן ביי דעם העכערן קלאס ארבייטער, ביז ארונטער צו 1848, איז פאקטיש געווען שטארק ראדיקאל; און זייערע פיהרערס האבען גענומען א פראמינענטען אנטייל אין יעדער ארבייטער־קלאס פאליטיק פון דער צייט. פון זייערע רייהען זיינען ארויסגעקומען אזעלכע ארגאניזאטארן ווי פלייס, לאוועט און גאסט.* אבער או־

---

* דזשאהן גאסט, א שיפבויער פון דעפטפארד, איז קענטיג געווען איינער פון די פעהיגסטע טרייד־יוניאניסטען פון זיין צייט. צום ערשטען מאל הערען מיר פון איהם אין 1802, אלס דער פארפאסער פון א מערקווירדיגען פאמפלעט, מיט דעם טיטעל: „א פארטיידיגונג פאר דעם אויפפיהר פון די שיפבויערס אין דער צייט פון זייער לעצטען שטרייט מיט זייערע ארביטסגעבער“ (לאנדאן, 1802, 38 ז.). אין 1818 האט ער ארויסגעבראכט דעם ערשטען פארצייכענטען פלאן פאר אן אלגעמיינער ארבייטער־ארגאניזאציע, אין געגענזאץ צו די באזונדערע טרייד־קלובען; און זיין „ארטיקעלס אוו דהי פילאנטראפיק הערקולעס פאר דהי מיוטשואל סופארט אוו דהי לייבארינג מעקעניקס“, וואס איז געווען געדרוקט אין „גארגאן“, האבען צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון פראנסיס פלייס, וועלכער האט איהם געשילדערט (פלייס מאנוס. 23־2719), אז ער איז „לאנג געווען דער סעקרעטער פון דעם שיפבויער׳ס קלוב: ער איז געווען א געזעצטער, בכבוד׳ער מענש. ער האט געגרינדעט פארשיידענע ארביטער־ארגאניזאציעס, ער איז אבער ניט געווען בכח אויפצוהאלטען קיין איינע פון זיי.“ ער איז געווארן איינער פון פלייס׳עס ניצליכע מיטהעלפער אין דער אגיטאציע פאר דער צוריקרופונג פון די „געזעצען געגען פאראייניגונג“ און אין 1825, בעת עס איז געווען א געפאהר אז מען וועט זיי צוריק־איינפיהרען, אין זיין קאמיטעט פון

מעטום, וואו נאָר מיר האָבען זיך געקאָנט שאַפען אַ באַגריף וועגען זייערע פיהרונגען, זיינען זייערע טרייד־קלובען געווען פריי פון אַלץ, וואָס קאָן איצט באַטראַכט ווערן אַלס פּאָליטישער אויפשטאַנד. עס זיינען געווען אָט די קלובען פון די בעלי־מלאכות, וואָס האָבען געשאַפען דעם רוקענביין פון די פאַרשיידענע „צענטראַלע קאָמי־טעטען“, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט די הויפּט־פראַגען פון טרייד־יוניאָניזם אין פאַרלויף פון די נעקסטע דרייסיג יאָהר. דאָס זיינען געווען זיי, וועלכע האָבען צוגעשטעלט יענע הילף, וואָס די אַרבייטער האָבען געגעבען דער באַוועגונג פאַר דער צוריקרופונג פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“. און זייער איינפלוס האָט געגעבען אַ געוויסע ווירדיגקייט און שטאַנדהאַפטיגקייט דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, אָהן וועלכע זי וואָלט, אונטער פיינדליכע רע־גירונגען, קיינמאָל ניט געקאָנט אַרויסקריכען פון די רויהע אויפ־שטאַנדען פון הונגער־סטרייקס און מאַשין־ברעכענישען.

די הויפּט ווירקונג פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“ אויף אָט די גוט־אָרגאַניזירטע מלאכות אין לאָנדאָן, ליווערפּול, דובלין, און פילייכט אַנדערע שטעדט, איז געווען, וואָס זיי האָבען געמאַכט די אינוועניגסטע דיסציפּלין שטרענגער און די באַהאַנדלונג פון ניט־יוניאָנלייט דעספּאָטישער. פּלייס באַשרייבט ווי „אין די דאָזיגע געזעלשאַפטען געפינען זיך עטליכע פּערזאָן, וועלכע האָבען דעם צוטרוי פון זייערע חברים, און ווען וועלכע עס איז אָנגעלעגענהייט וואָס איז נוגע דעם טרייד איז אַרומגערעדט געוואָרן, צי אין קלוב

טריידס׳ דעלעגאַטען“ געווען פּלייס׳עס שטאַרקסטע שטיצע. גאַסט איז געווען דער לייטענדער גייסט אין דער גרינדונג פון דעם „טריידס ניוס־פּייפּער“, אין יולי 1825, און ער איז געוואָרען דער פאָרזיצענדער פון דעם פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט, ווי אויך אַן אָפטער מיטאַרבייטער. אין דעמזעלבען יאָהר איז ער געווען שטאַרק טעטיג אין דעם קאַמף פון די שיפבויערס פאַר אַ „בוך פון ראַטעס“, אָדער אַ באַשטימטען ליסט פון שטיקאַרבייט־פּרייזען; און די ענערגיע, מיט וועלכער ער האָט גע־אַרבייט קעגען דעם פּלאַן פון דעם „באָארד אָוו אַדמיראַליטי“, אַז מען זאָל ערלויבען די לאָנדאָנער שיפען־בויערס זיך אויסצובאָרגען מענשען פון דעם „פּאָרטסמוטה נייווי יאַרד“, האָט הויפּטזעכליך בייגעטראָגען צום ערפאָלג פון דעם קאַמף.

אָדער אין אַ באַזונדער צימער, צי אין ווערקשאַפּ אָדער אין אַ הויף, און די אָנגעלעגענהייט איז געוואָרן אַלגעמיין באַוואוסט, ערוואַרטעט מען פון זיי, אַז זיי זאָלען אָנווייזען וואָס צו טאָן, און זיי טוען דאָס — מיט אַן איינפאַכען וואונק. און ווי זיי הייסען אַזוי טוט מען; און אַלע צוזאַמען שטיצען זיי די, וואָס ווערען אַרויסגעוואָרפען פון דער אַרבייט אָדער מען מאַכט ענג אויף אַן אַנדער אופן. ווען זיי זאָלען באַשפרעכען זייערע אָנגעלעגענהייטען, ווי מענשען שטעלען זיך פאָר אַז מען דאַרף טאָן, וואָלטען זיי קיינמאָל צו קיין באַשלוס ניט געקומען. דער איינפלוס פון די דערמאָנטע פערזאָנען וואָלט גיך אויפגעהערט, ווען די געזעצע זאָלען צוריקגערופען ווערען. עס איז דער געזעץ, און ניט מעהר ווי דער געזעץ, וואָס מאַכט די אַרבייטער צו שענקען זייער צוטרוי צו זייערע פיהרער. דער פאַראיין ווייס ניט ווער די פיהרער זיינען, און עס איז אפשר ניטאָ איינער צווישען צוואַנציג, וואָס זאָל פערזענליך קענען וועלכען עס איז פיהרער. פאַראַן ביי זיי אַ כלל, ניט צו פרעגען קיין פראַגעס; און די וואָס ווייסען האָבען אַ צווייטען כלל: אָדער ניט ענטפערן ווען מען פרעגט, אָדער געבען אַ ניט־ריכטיגען ענטפער".

אין די נייע מאַשין־אינדוסטריען, פון דער אַנדער האַנט, האָט די אָפטע פאַרקלענערונג פון לוין, די פלוצלינגדיגע ענדערונגען אין די אַרבייטס־מעטאָדען, און דאָס אויספילען די פלעצער פון דערוואַקסענע מענער מיט פרויען און קינדער, שטופּענווייז געבראַכט די אַרבייטער צו אַ צושטאַנד פון שרעקליכער אָרימקייט. די באַריכטען פון די פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיטעטען פון 1800 און ווייטער ענטהאַלטען אַ טרויעריגע געשיכטע פון דעם אומאויפהערליכען זינקען פון דער לעבענס־מדרגה אין די טעקסטיל אינדוסטריען. „די ליידען פון די וואָס זיינען באַשעפטיגט געווען אין דער באַוועל פאַבריקאַציע", שרייבט פליים וועגען דער דאָזיגער פעריאָדע, „זיינען אומגלויבליך: זיי זיינען אַריינגעצויגען געוואָרן אין פאַראיינען, מען האָט זיי פאַרראַטען, פאַרקלאָגט, גע'משפט, פאַראורטיילט און באַשטראָפט מיט שרעקליך שטרענגע שטראָפען. זיי זיינען דערבראַכט געוואָרן און מען האָט זיי געהאַלטען אין אַ צושטאַנד פון דער קלעגליכסטער עקזיסטענץ". זייערע בעלי־בתים,

אנשטאָט צו זיין, ווי אין די עלטערע מלאכות, ניט מעהר ווי מייסטער־ארבייטער, וועלכע אָנערקענען די אָנגענומענע לעבענס־מדרגה פון זייערע פועלים, זיינען אָפט געווען קאַפּיטאַליסטישע „אונטערנעהמער“, וואָס האָבען אָפּגעגעבען זייער גאַנצע ענערגיע אויף דער קאָמערציעלער זייט פון געשעפט, און האָבען געלאָזט זייערע פאַרוואַלטער קויפען ארבייט אויפ׳ן מארק פאַר דעם מעג־ליכסט ביליגסטען פּרייז. די דאָזיגע ארבייט איז רעקרוטירט גע־וואָרן פון אַלע געגענדען און פון אַ סך פאַרשיידענע באַשעפטיגונ־גען. זי איז קאָמאַנדירט און קאָנטראָלירט געוואָרן פון דעספּאָ־טישע געזעצען, וואָס זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן דורך אַ סך געלד־שטראָפען און אַרונטערציהען פון לוין. פאַלען פון ברוטאַלער טיראַניי און האַרצלאָזער גרויזאַמקייט האָבען ניט געפעהלט. אָהן אַן אַלגעמיינעם סטאַנדאַרד, אָהן אַ געמיינשאַפטליכער טראַדיציע אָדער געגענזייטיגען צוטרוי, זיינען די ארבייטער אין די נייע פאַב־ריקען געווען הילפלאָז קעגען זייערע מייסטערס. זייערע צייטווייליגע פאַראיינען און אָפטע סטרייקס זיינען בכלל געווען ניט מעהר ווי ליידענשאַפטליכע קאַמפען אויפצוהאַלטען דעם לוין, אַז מען זאָל ווי עס איז קאָנען מאַכען אַ לעבען. אַנשטאָט דעם שטאַנדהאַפּ־טען אָרגאַניזירטען ווידערשטאַנד קעגען אָנגריף, וואָס די בעלי־מלאכות האָבען געפיהרט, זעהען מיר אין די מאַשין־אינדוסטריען אויסברוכען פון מאַשינען־ברעכערייען און גוואַלטטאַטען, וואָס געהען פון צייט צו צייט אריבער אין נידעריגער אונטערוואָרפענקייט און ריקזיכטלאָזער קאָנקורענץ פון איינעם מיט דעם אנדערן פאַר אר־בייט. אין דער פיהרונג פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי עס האָ־בען דעמאָלט געהאַט די פאַבריק־ארבייטער אַזוי גוט ווי די לאָנ־דאָנער בעלי־מלאכות, האָבען די אונטערדריקונגס־געזעצען געמוזט פיהרן דערצו, אַז אַ גרויסע מאַכט זאָל איבערגעגעבען ווערן אין די הענט פון עטליכע מענשען. אין צייטען פון אינדוסטריעלע סכסוכים האָט מען די דאָזיגע פיהרערס אויסגעפאָלגט בלינד; אָבער די אָפטע נידערלאַגעס, וואָס זיי זיינען ניט געווען ביכולת צו פאַרמיידען, האָבען געשטערט דעם וואוקס פון דעם צוטרויען, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיג פאַר שטאַנדהאַפטע אָרגאַניזאַציעס. די פיהרערס, און אויך די פּראָסטע מיטגלידער, זיינען מייסטענס

געווען פארמישט אין פּאָליטישע אומרוהען און זיינען געווען די קרבנות פון שפּיאָנען און רעגירונגס־אַגענטען פון אַלע מינים. אַט די אַלע אומשטענדען האָבען געבראַכט צו דער איינפיהרונג פון מורא׳דיגע שבועות, מיסטישע איינטריטס־צערעמאָניעס און אַנדערע סענסאַציאָנעלע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע זיינען אָפטמאָל געווען קינדיש און אָפטמאָל קרימינעל.

די קויהלענגרעבערס זיינען אין אַ סך הינזיכטען געווען נאָך אין אַן ערגערער לאַגע ווי די טעקסטיל־אַרבייטער. אין שאָטלאַנד זיינען זיי נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון בוכשטעבליכער שקלאַפעריי, — דער לעצטער באַפרייאונגס־געזעץ איז ניט אָנגענומען געוואָרן ביז 1799. אין צפון־ענגלאַנד האָבען די „יעהרליכע פאַרפליכטונג“, דער טרוק־סיסטעם און די דעספּאָטישע געלד־שטראָפען פאַר אַ קאַרגער מאָס, געהאַלטען די אונטערערדישע אַרבייטער אין פולשטענדיגער אונטערטעניגקייט. דעם רעזולטאַט דערפון איז צו זעהן אין די טומלען פון זייערע אָפטע „סטיקס“ (אַרבייטס־אָפּשטעלונגען) אָדער סטרייקס, אין דער צייט פון וועלכע סאָלדאַטען זיינען אָפט אַרויסגערופען געוואָרן איינצושטילען זייערע גוואַלדטאַטען. דער גרויסער סטרייק פון 1810 איז אָנגעפיהרט געוואָרן פון אַ „דורך אַ שבועה־געבונדענער קאָנפעדעראַציע“, וואָס איז רעקרוטירט געוואָרן דורך פּראַקטיצירן „ברודערשאַפט“, וועלכער „מען האָט אַזוי גערופען דערפאַר, ווייל די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען זיך פאַרפליכטעט דורך אַ העכסט פייערליכער שבועה, אויסצופאָלגען די פאַראָרדענונגען פון דער ברודערשאַפט אונטער דער שטראָף פון געשטאָכען ווערן אין הארצען אָדער קריגען אַן אויפגעשניטענעם בויך“.*

ניט קוקענדיג אויף אַט די אונטערשיידען צווישען פאַרשיידענע קלאַסען אַרבייטער, האָט זיך דער וואַקסענדער אחדות־געפיהל ביי דער גאַנצער לוין־אַרבייטער אַרמעע באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזען אין אַט דער פעריאָדע פון טיראַניי און אונטערדריקונג. די טריידס, אין וועלכע די אַרבייטער זיינען געוועהנט געווען צו

---

* אַזוי האָט עדות געזאָגט אַ קויהלענגרעבער אינזשעניר אין ניו־קאַסטלער דיסטריקט פאַר דער „קאָממיטטע אָן קאָמבינייישאָן לאָאס“, 1825.

וואנדערן פון איין פלאץ צו א צווייטען זוכענדיג ארבייט, האבען שוין פון לאנג געהאט, ווי מיר האבען עס געזעהן, א געוויסען מין פרייע פעדעראטיווע ארגאניזאציע, וואס איז געווען פארשפרייט איבער'ן לאנד. אומגעאכטעט אויף דעם געזעץ פון 1797, וועלכער האט פארבאטען די עקזיסטענץ פון „קארעספאנדירנדע געזעלשאפטען", האבען די פארשיידענע פעדעראטיווע ארגאניזאציעס פון גארבערס, הוטמאכערס, קארטון־דרוקערס, וואלקעמערס, וואלסארטירערס און אנדערע בעלי־מלאכות אנגעהאלטען א שטענדיגע קארעספאנדענץ וועגען טרייד־אנגעלעגענהייטען און האבען געזאמעלט געלד פאר געמיינשאפטליכע פאד־צוועקען. אין מאנכע פאלען האט עקזיסטירט א פאלקאם נאציאנאלע ארגאניזאציע, מיט געאגראפישע באצירקען און יעהרליכע דעלעגאטען־פארזאמלונגען, ווי די פון די קארטון־דרוקערס, וועלכע זיינען ארעסירט געווארן פון דער באלטאנער פאליציי אין 1818. די תקנות פון די פאפירמאכערס, וועלכע דאטירן זיכער פון 1803, שרייבען פאר די איינטיילונג פון ענגלאנד אין פינף באצירקען, מיט אויספיהרליכע באשטימונגען פון פארטרעטערשאפט און קאלעקטיווער טעטיגקייט. די דאזיגע נאציאנאלע ארגאניזאציע איז צייטענווייז, ניט אכטענדיג אויף די אונטערדריקונגס־געזעצען, געווען גאנץ ווירקזאם. מיר דארפען דא נאר ברענגען איין איינציגען ביישפיעל וואס עס גיבען אונז די ליווערפולער שטריקמאכערס אין 1823. בעת א געוויסע פירמע האט פרובירט אנשטעלען פראסטע ארבייטער צו דער ארבייט, האט די לאקאלע געזעלשאפט פון שטריק־שפינערס איהר געלאזט וויסען, אז דאס איז „אין געגענזאץ צו די טרייד־תקנות" און האט צוריקגעצויגען אלע איהרע מיטגלידער. די בעלי־בתים, ניט קאנענדיג קריגען קיין מענשען אין ליווערפול, האבען געשיקט נאך ארבייטער אין הול און ניוקאסטעל; זיי האבען אבער אויסגעפונען, אז די שטריק־שפינערס' געזעלשאפט האט שוין וועגען דעם מודיע געווען די לאקאלע טרייד־קלובען אין יענע שטעדט. די פירמע האט דאן אריבערגעבראכט „סטרייקברעכערס" פון גלאזגאו, וועמען די לאקאלע יוניאניסטען האבען באגעגענט ביי זייער אנקומען, האבען זיי פארנארט אין א „טרייד־קלוב הויז", וואו מען האט ביי זיי מיט סטראשונקעס און גוטע רייד גע'פועל'ט, זיי זאלען

ברעכען זייער אָפּמאַך. צולעצט איז דער הויפּט פון דער פירמע אוועק נאָך לאָנדאָן אייקויפען גארן; אָבער די לאָנדאָנער ארבייטער, אויסגעפינענדיג אז די גארן געהט פאַר א „סטרייקענדען שאָפּ", האָבען זיך ענטזאָגט צו פאַרפאַרטיגען די באַשטעלונג. דער לעצטער מיטעל איז פאַר די בעלי־בתים געבליבען, צו פאַרקלאָגען די ארבייטער אין געריכט פאַר פאַראייניגען זיך; אָבער א ליווערפולער געריכט פון געשוואָרענע (דזשורי), ניט אַכטענדיג אויף די עדות און די אויפפאָדערונג פון ריכטער, האָט ארויסגעגעבען אַן אורטייל זיי צו באַפרייען.

דער דאָזיגער אחדות־געפיהל האָט זיך ארויסגעוויזען ניט נאָר צווישען די מיטגלידער פון א געוויסען פאַך. די מייסטערס באַקלאָגען זיך שטענדיג, אז איין פאַך שטיצט דעם אנדערן, און די אַלטע קאָנטאָ־ביכער פון טרייד־יוניאָנס אין יענער פעריאָדע זיינען פול מיט איינשרייבונגען פון סומען, וואָס זיינען בייגעשטייערט געוואָרן צו שטיצען די ארבייטער אין זייערע סכסוכים אין אנדערע טריידס, סיי אין דער אייגענער שטאָדט, סיי אין אנדערע שטעדט. אזוי האָט די קליינע געזעלשאַפט פון די לאָנדאָנער גאָלדשלעגערס, אין די דריי יאָהר פון 1810 ביז 1813, אויסגעליהען אָדער אוועקגעגעבען באַדייטענדע סומען, וועלכע האָבען צוזאַמען באַטראָפען £200, צו ניט וועניגער ווי פערצעהן אנדערע טריידס.*

* די איינשרייבונגען אין איינעם פון אָט די קאָנטאָ־ביכער זיינען געוויסער מאָסען אינטערעסאַנט:

		£	s.	d.
מאַי 29, 1810	אויסגעצאָהלט די בערשטער	15	00	00
	אויסגעליהען די בערשטער	10	10	00
	אויסגעצאָהלט די פריזירער	20	00	00
יוני 26, 1810	אויסגעצאָהלט די זילבערשמידען	10	00	00
	אויסגאָבען צו די שפּילקעמאַכערס		4	00
יולי 24, 1810	אויסגעצאָהלט די קופּערשמידען	10	10	00
	אויסגעצאָהלט די בוכבינדער	10	00	00
	אויסגעצאָהלט די גאַרבערס	10	00	00
אויג. 21, 1810	אויסגעליהען צוים און שפּאָרענמאַכערס	5	00	00
	אויסגעליהען די וואָגשאָלמאַכערס	5	00	00
	אויסגעצאָהלט די לעדער־ארבייטער	5	00	00

אַ בילדררייכע אילוסטראַציע פון דער דאָזיגער ברודערליכער הילף אין נויט געפינט זיך אין אַ באַריכט (אין דעם „מאַנטשעסטער עקסטשיינדזש העראַלד“ פון 1818) וועגן אַן אַפּעלאַציע צו דער „פּאָנטעפראַקט קוואָרטער סעשאָנס“ פון געוויסע שעפיעלדער מעסערשמידען אַנטקעגען זייער פאַראורטיילונג פאַר פאַראייניגונג: „די אַפּעלאַנטען זיינען געוועזן אין געריכט, אָבער עס איז אַריבער אַ שעה נאָך אַ שעה, און קיין אַדוואָקאַט האָט די אַפּעלאַציע ניט אויפגענומען. די אורזאַך איז געווען אַ פּשוט'ע: עס איז קיין געלד ניט געווען פאַר דעם צוועק. ענדליך, וואַרטענדיג אַזוי אין געריכט, איז אָנגעקומען אַ געלד־אָנווייזונג פון די קלובען אין מאַנטשעסטער אויף דער סומע פון הונדערט פונט. מען האָט באַצאָהלט דעם אַדוואָקאַט, און די אַפּעלאַציע, וועלכע, ווען עס זאָל ניט געווען אָנקומען דאָס געלד פון יענער שטאָדט, וואָלט געמוזט אויפגעגעבען ווערן אין מיטען, איז פאָרגענומען געוואָרן“. און הגם דער טאָג פון „טריידס קאָונסילס“ איז נאָך ניט געווען געקומען, איז עס געווען אַ געוועהנליכע זאַך פאַר טרייד־געזעלשאַפטען פון אַ געוויסער שטאָדט זיך צו פאַראייניגען, בעת מען האָט געדאַרפט שיקען עדות צו די פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיטעטען, צוגרייטען פּעטיציעס צו דער האָוז אָוו קאָממאָנס און באַצאָהלען אַן אַדוואָקאַט פאַר צו־העלפען אין דעם; ווי אויך אָנצושטעלען אַדוואָקאַטען צו פאַרקלאָגען שולדיגע בעלי־בתים און צו זאַמלען בייטרעגע פאַר סטרייקס.

די דאָזיגע טענדענץ צו פאָרמירען געמיינשאַפטליכע קאָמיטעטען פון לאָקאַלע פאַכען איז, ווי מיר וועלען זעהן, פיעל פאַרשטאַרקט געוואָרן בעת דער אַגיטאַציע קעגען די „געזעצען קעגען

		£	s.	d.
אָקט. 26, 1810	אויסגעצאָהלט די בלעך־אַרבייטער —	30	00	00
דעצ. 11, 1810	אויסגעצאָהלט די שטריק־מאַכערס —	10	00	00
מאַי 30, 1811	באַקומען פון וואָגשאָל בעזמענמאַכערס	5	00	00
יוני 25, 1811	אויסגאָבען מיט די פּאַפּירמאַכערס —		12	00
יולי 20, 1812	אויסגעליהען די זאָטעלמאַכערס — —	10	00	00
אָקט. 12, 1812	אויסגעצאָהלט די מילבויערס — — —	50	00	00
דעצ. 7, 1812	געבאָרגט פון די מוזיק־אינסטרומענטען מאַכערס — — — — — — —	2	00	00

פאראייניגונג" אין די יאהרן פון 1823 ביז 1825. דורך דער לעצטער אויפגעבונג פון יעדען געזעצגעבענדען שוץ פון דער לעבענס־מדרגה, און דורך דעם וואס דער ארבייטער איז געווארן אינגאנצען אויס בעל־הבית איבער די פראדוקציאנס־אינסטרומענטען, זיינען די לוין־ארבייטער אין די פארשיידענע אינדוסטריע־צענטערס פאקטיש געווארן אלץ מעהר באוואוסטזיניג וועגען דער אויסברייטונג פון די אלטע אפגעזונדערטע טרייד־סכסוכים אין דעם „קלאסען־קריעג", וועלכער כאראקטעריזירט דעם לעצטען יאהרהונדערט.

עס איז היינט שווער צו באגרייפען די נאאיווע איבערראשונג, מיט וועלכער די ארבייטסגעבער פון יענער צייט האבען באטראכט די פראקטישע ענטוויקלונג פון דעם אחדות־געפיהל ביי דעם ארבייטער־קלאס. די מייסטערס, וועלכע האבען עדות־געזאגט פאר די פארלאמענטארישע קאמיטעטען, און די ריכטער ווען זיי האבען פאראורטיילט ארבייטער פאר פאראייניגען זיך, האבען געהאלטען אין איין דערצעהלען וועגען פאלען פון גגענזייטיגער הילף, כדי צו באווייזען, אז עס עקזיסטירט א ווייט־פארשפרייטע „פארשווערונג" קעגען די הערשענדע קלאסען. אז די לאנדאנער שניידערס זאלען שיקען געלד צו די גלאזגאווער וועבערס, אדער די גאלדשלעגערס צו די שטריק־שפינערס, האט ביי די מיטעלע און העכערע קלאסען אויסגעזעהן ווי א פארברעכען.

די באוועגונג פאר דעם צוריקרוף פון די „געזעצען קעגען פאראייניגונג" האט זיך אנגעהויבען אין א פעריאדע פון אינדוסטריעלער אומארדענונג און שטרענגע פאליטישע פארפאלגונגען. די עקאנאמישע רעזולטאטען פון דער לאנגער מלחמה, דערגרייכענדיג זייער העכסטען פונקט אין די פארהעלטניסמעסיג ביליגע פרייזען פון נאך דעם שלום, האבען אין 1816 געפיהרט צו א כמעט אלגעמיינער פארקלענערונג פון לוין איבערן גאנצען לאנד. אפען ארויסטרעטענדיג קעגען געזעץ, האבען די מייסטערס אין א סך פאלען אבזיכטליך זיך פאראייניגט, מיט דער איינפארשטענדיגונג צו צאהלען נידעריגערע ראטעס. די דאזיגע איינפארשטענדיגונג איז ניט געבליבען שטעהן ביי די בעלי־בתים פון א געוויסען טרייד, קעגען וועמען די ארגאניזירטע ארבייטער־קערפערשאפטען וואלטען זיך גע־

קאָנט אַנטקעגנשטעלן, נאָר האָט אין זיך אַריינגענומען אַלע אַר־בייטסגעבער פון אַ געוויסען געגענד.

די לאַנדאייגענטימער און פערמער פון טיווערטאָן, צום ביי־שפּיעל, האָבען אויף אַ „גוט־באַזוכטער און אָנגעזעהענער פאַרזאַמלונג אין דעם שטאָדט־זאַל“, אין 1816, באַשלאָסען, אַז „צוליעב דעם ני־דעריגען פּרייז אויף עסענוואַרג“ זאָל מען די שמידען, בוי־טישלערס, מויערערס, דאַכדעקערס און מויערער־געהילפען ניט צאָהלען מעהר ווי אַ געוויסען באַשטימטען לוין. די שריפטזעצערס, פּעסעלמאַ־כערס, שוסטערס, און די אַרבייטער פון אַ סך אַנדערע טריידס האָ־בען צו דערצעהלען פון ערנסטע פאַרקלענערונגען פון לוין אין יענער פּעריאָדע. די מייסטערס האָבען אין אָט די אַלע פאַלען באַרעכ־טיגט זייער האַנדלונג אויף דעם גרונט, וואָס צוליעב דעם פאַלען פון די פּרייזען וועט די לעבענס־מדרגה פון די אַרבייטער ניט אַרונטערגעדריקט ווערן. אָבער אין די גרויסע האַנדעלס־אינדוסט־ריען האָט זיך אָנגעהויבען אַ שניידענדע קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטסגעבער צוליעב קריגען באַשטעלונגען אויף דעם פאַלענדען מאַרק. זיי האָבען זיך גענומען צו דער מעטאָדע פון וואַרפען די פּרייזען און שניידען דעם לוין, דערבערענגענדיג דערצו, אַז דער לוין איז ניט געווען גענוג אויף חיונה. די דאָזיגע פּראַקטיק איז אָפט פאַרהאָלפען געוואָרן דורך דעם, וואָס די אַרבייטער פלעגען קריגען דערלעגט צו זייערע מאָגערע פאַרדיענסטען, וואָס איז דע־מאָלט געווען אַ געוועהנליכע זאַך, פון די צדקה־שטייערן. דאָס האָט אַרויסגערופען אַזעלכע רואינירנדע פאָלגען, אַז עס האָבען זיך באַלד געלאָזט הערן לאָקאַלע פּראָטעסטען. אין לעיסעסטער האָבען די שטאָדט־באַאַמטע באַשלאָסען אָנצוהאַלטען די „אָנערקענטע אַרבייטס־פּרייזען“ דורך דעם, וואָס זיי האָבען איינגעשטימט איינ־גאַנצען אויסצוהאַלטען אויף פּריוואַטע פאָנדען יענע אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט געקאָנט קריגען קיין אַרבייט אויף דעם פולען פּרייז. דאָס האָט אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט די אַרומיגע אַר־בייטסגעבער, אַז זיי האָבען זיך גאַנץ ערנסט געקליבען צו פאַר־קלאָגען דעם לאָרד־לייטענאַנט, דעם מעיאָר, די מיטגלידער פון שטאָדט־ראָט, די גייסטליכע און די איבעריגע וואָס האָבען ביי־געשטייערט דערצו אין אַ קרימינעלער קאָנספּיראַציע אָנצוהאַלטען

הויכע שכירות. און אין 1820 האָט אין שעפּיעלד אַן עפּענטליכע פֿאַרזאַמלונג פֿון די שטייערן־צאָהלערס פּראָטעסטירט קעגען דעם, וואָס די קירכען־געמיינדע „דערצאָהלט צו די פֿאַרדיענסטען“ און האָט רעקאָמענדירט די אַרבייטסגעבער, זיי זאָלען זיך צוריק אומ־קעהרן צו דעם גלייכמעסיגען פּרייז־ליסט, וואָס די אַרבייטער האָ־בען געוואונען אין 1810.

ענדליך האָבען די אַרבייטסגעבער אַליין אָנגעהויבען עפּענט־ליך פֿאַרדאַמען דעם צושטאַנד צו וועלכען די לוין־שניידעניש איז דערגאַנגען. אַן ערקלערונג, וועלכע טראָגט דעם דאַטום פֿון 16טען יוני, 1819, און איז אונטערגעשריבען פֿון פֿערצעהן לאַנקשיירער פֿאַבריקאַנטען, באַדויערט, וואָס זיי זיינען געצוואונגען געווען דורך דער האַנדלונג פֿון עטליכע קאָנקורענטען צו פֿאַרקלענערן דעם לוין צו דעם איצטיגען צושטאַנד, און פֿאַרדאַמט שטאַרק וועלכע ניט איז וויטערדיגע פֿאַרקלענערונג; בעת פֿינף־און־צוואַנציג קאַרטון־דרוקער־פֿירמעס גיבען־צו זייער אויסדריקליכע הסכמה צו דעם פּראָ־טעסט און ערקלערן, „אַז דער סיסטעם פֿון צאָהלען אַזעלכע אוי־סערגעוועהנליך נידעריגע פּרייזען פֿאַר פֿאַבריק־אַרבייט איז שעדליך פֿאַר דעם טרייד בכלל“. אין קאָווענטרי האָבען די פֿאַבריקאַנטען פֿון סטענגעס זיך פֿאַראייניגט מיט דער „וויווערס׳ פּראָווידענט יוניאָן“, כדי געמיינשאַפֿטליך אָנצוהאַלטען די אַנערקענטע פּרייז־ליסטען, און אין 1819 האָבען זיי צוזאַמען בייגעטראָגען ניט ווע־ניגער ווי £16,000 צו אַ פֿאָנד, צו דעקען די הוצאות אויף דער דורכפֿיהרונג פֿון אָט דעם צוועק. דער דאָזיגער פֿאַרבאַנד האָט אויף זיך אַרויפֿגעצויגען אַ פּראָצעס פֿאַר דעם געריכט פֿון גע־שוואָרענע (וואָרוויק אַסייזעס), וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם פֿאַראיין; דאָס געלד, וואָס איז געבליבען פֿון פֿאָנד, האָט מען איבערגעגעבען צו די לאָקאַלע „גאַסען קאָמיסאַרן“, זיי זאָלען אויס־ברוקירן די שטאָדט.

די דאָזיגע פּראָטעסטען און קאַמפֿען פֿון די בעסערע אַרבייטס־געבער זיינען געווען אומזיסט. דער לוין איז פֿאַרקלענערט געוואָרן און סטרייקס זיינען פֿאָרגעקומען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. און באַגעגענט האָט מען די סטרייקס ניט מיט פֿאַרבעסערן די לאַגע אָדער מיט סימפּאַטיע, נאָר דערמיט וואָס מען האָט נאָך מעהר

פאַרשטאַרקט די גרויזאַמע געזעצליכע פאַרפאָלגונגען און פאַראור־טיילונגען. דער ניט־געשריבענער געזעץ און די אַלטע סטאַטוטען זיינען גרויזאַם באַנוצט געוואָרן אַלס אַ צוגאָב צו די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“, און גאַנץ אָפט דורך פאַלשע אויסטייטשונ־גען. באַזונדערס האָבען זיך אויסגעצייכענט די ריכטער אין שאָט־לאַנד פון 1813 ביז 1819, ווי עס האָט ערקלערט אַן אָנגעזעהענער שאָטלענדישער יוריסט פאַר דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט אין 1824, מיט זייער אָנווענדען די קרימינעלע פּראָצעדורע אין פאַלען פון איינפאַכער פאַראייניגונג אויף אַזאַ אופן, אַז ער, ווען ער איז געווען אויבער־פּראָקוראָר, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו העלפען אין דעם. ווען די אַרבייטער האָבען געמאַכט אַ קאָנוואולסיווע אָנשטרענגונג צוצוגרייטען אַן אָרגאַניזירטע פּאָליטישע אַגיטאַציע, זיינען זיי אין 1819 נאָך ווייטער צוריקגעשטויסען געוואָרן דורך די שענדליכע „זעקס געזעצען“, וועלכע האָבען מיט איין קלאַפּ פאַקטיש אונטערדריקט אַלע עפענטליכע פאַרזאַמלונגען, געגעבען די מאַגיסטראַטען אַ מעגליכקייט צו זוכען וואַפען, אונטערוואָר־פען אַלע אַרבייטער־צייטשריפטען אונטער דעם פאַרניכטענדען „שטעמפּעל־שטייער“ און נאָך שטרענגער געמאַכט דעם געזעץ ווע־גען „אויפהעצענדע פּאַסקווילען“. דער גאַנצער אונטערדריקונגס־סיסטעם, וועלכער האָט כאַראַקטעריזירט די שטאַאַטסמאַנשאַפט פון דער רעגענטען־רעגירונג, האָט אין אָט דער פּעריאָדע דערגרייכט צו אַזאַ טיראַנישער מדרגה, אַז קיינער פון די מאָנאַרכען אין דער „הייליגער אַליאַנץ“ האָט איהם ניט אַריבערגעשטיגען. די פאָלגע פון אָט דער טיראַניי איז פאַקטיש געווען, אַז די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“ זיינען געבליבען געשיצט דורך דעם, וואָס די מעהר ענערגישע און אויפגעקלערטע פיהרערס פון אַרבייטער־קלאַס האָבען אויפגעגעבען די אַלע ספּעציעלע רעפאָרמס און זיינען אַריבער צו דער גרינטליכער רעוואָלוציאָנירונג פון דעם גאַנצען סיסטעם פון פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטערשאַפט. עס איז דעריבער קיין שום פאָלקס־באַוועגונג ניט געווען פאַר דער צוריקרופונג פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“. ווען מיר וואָלטען געשריבען די געשיכטע פון דעם ענגלישען אַרבייטער־קלאַס, אַנשטאָט די געשיכ־טע פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג, וואָלטען מיר געפונען

אין וויליאם קאבבעטט אדער „אראטאר“ הונט, אין סאמועל באמ־פארד אדער וויליאים לאוועטט א בעסערען פארטרעטער פון די אלגעמיינע שטרעבונגען פון דעם ענגלישען בעל־מלאכה צו יענער צייט, איידער אין דעם מאן, וואס איז אומגעריכט ערשינען אויף דער סצענע צו פלאנעווען און פארווירקליכען די טרייד־יוניאניס־טישע באפרייאונג פון 1824.

פראנסיס פליים איז געווען א שניידער־מייסטער, וועלכער האט ארויפגעארבייט אן ערפאלגרייכען געשעפט אין א שאפ אויף טשארינג קראס. איידער ער איז געווארן בעל־הבית פאר־זיך האט ער געארבייט אלס הויזענמאכער־געזעל און האט ארגאניזירט פאר־איינען אין זיין אייגענעם פאך און אין אנדערע פאכען. נאך 1818 האט ער איבערגעלאזט די פיהרונג פון דעם געשעפט צו זיין זוהן און האט געווידמעט זיין שארפען פראקטישען אינטעלעקט און אויסערגעוועהנליכע אויסדויער־קראפט, קודם אויף דער צוריק־רופונג פון די „געזעצען קעגען פאראייניגונג“ און דערנאך אויף דעם רעפארם־באוועגונג. אין סאציאלע טעאריעס איז ער געווען א תלמיד פון בענטהאם און דזשיימס מילל; זיין אידעאל קאן מען רעזומירען אלס פאליטישע דעמאקראטיע מיט אינדוסטריעלער פריי־הייט, אדער ווי מיר וואלטען דאס היינט גערופען, פאלשטענדיגער „ראדיקאלער אינדיווידואליזם“. קיינער פון די וואס האבען געגוי שטודירט זיין לעבען און ארבייט וועט ניט צווייפלען, אז אין דעם ענגען קרייז, אין וועלכען זיין ניט־אפווייכענדע פראקטישקייט איז געווען איינגעשרענקט, איז ער געווען דער מערקווירדיגסטער פא־ליטיקער פון זיין צייט. זיין הויפט־מעלה איז געלעגען אין דעם, וואס ער האט גרינטליך פארשטאנען די קונסט, ווי אזוי מיט זאכען פארטיג צו ווערען. אין באוועגליכקייט, דורכדרינגליכקייט, דרא־מען־ציהעריי, קולוארן־פאליטיק, פארפאסען רעזאלוציעס, פעטיציעס און געזעצפראיעקטען, — קורץ, אין די אלע קונצען מיט וועלכע א פאלקס־באוועגונג ווערט צוערשט געשאפען און דערנאך וווירק־זאם געמאכט אויף דעם פארלאמענטארישען שטייגער, — איז ער געווען אן ערפינדער און טאקטיקער פון ערשטען קלאס. מעהר פון אלץ איז ער ביז צו פאלקאמענהייט באזעסען די זעלטענע איינענשאפט, צו לאזען אנדערע מענשען אוועקטראגען דעם קרעדיט

פאַר זיין אַרבייט. און אויף דעם אופן האָט ער פאַר זיינע פלענער געקראָגען פּריוואַליגע מיטהעלפער און אונטערשטיצער מאַנכע פון די לייטענדע פּאַרלאַמענטאַרישע פּערזענליכקייטען פון דער צייט, וועלכע האָבען געהאַט צו פאַרדאַנקען אַלע זייערע ידיעות וועגען זיינע פראַגען די קורצע נאָטיצען, מיט וועלכע ער האָט זיי באַזאָרגט. די אומשאַצבאַרע זאַמלונג פון געשריבענע באַריכטען, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט — זי געפינט זיך איצט אין בריטיש מוזעאום — באַווייזט, אַז זיין שטאַלצע גרייטקייט איבערצולאָזען די טראָפּעען פון זיינע פאַר זיינע פּראָסטע סאָלדאַטען, כל זמן זיין ציעל איז געוועזען דערגרייכט, האָט גאָר קיין שייכות ניט געהאַט מיט באַשיידענקייט. בעת די פּאַרלאַמענטאַרישע שטופּע פון אַ פּראָגרעסיווער באַוועגונג איז דערגרייכט געוואָרן, איז ער געוועזען גאַנץ גוט באַוואוסטזיניג וועגען דעם פאַקט, אַז זיין שאַפּ אין טשאַרינג קראָס איז געוועזען דער אמת'ער קראַפט-צענטער פון יעדער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. פון 1807 ביז 1834 איז זי געבליבען דער אַנערקענטער פאַרזאַמלונגס-פּלאַץ פאַר אַלע אַגיטאַטאָרן פון דער צייט.

געקומען צו דער איבערציייגונג, אַז די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג" מוזען צוריקגערופען ווערן, איז ער דורך דעם קוקען מיט אָפענע אויגען אויף זייער ווירקונג אין זיין אייגענעם פאַך. די ספּעציעלע געזעצען פון 1720 און 1767, וועלכע האָבען באַשטימט דעם לוין פון די שניידער-פועלים, אַזוי גוט ווי דעם אַלגעמיינעם געזעץ קעגען יעדער פאַראייניגונג פון 1800, האָט זיך ניט איינגעגעבען צו פאַרמיידען סטרייקס, אָדער צו שטערן יענע בעלי-בתים, וועלכע האָבען עס געוואָלט, בעת זיי האָבען זיך גענויטיגט אין געלערנטע בעלי-מלאכות, אָנצובאָטען העכערע פּרייזען פאַר שטיק-אַרבייט, אָדער אפילו צייט-אַרבייט, ווי דער געזעץ האָט באַשטימט. פּלייס איז געוועזען אַן עדות אַלס אַ שניידער-מייסטער פאַר דעם ספּעציעלען קאָמיטעט פון האָוז אָוו קאָממאָנס, וועלכער האָט דעם דאָזיגען ענין אונטערזוכט אין 1810; און עס זיינען געוועזען הויפּט-זעכליך זיינע וויכטיגע אויסזאָגונגען צו גונסטען דעם פרייען קאָנטראַקט, וואָס האָבען ניט דערלאָזט די פרישע געזעצליכע באַשרענקונגען, פאַר וועלכע אַ פאַראיין פון אַרבייטסגעבער האָט דאַן עפענטליך געאַרבייט. די דאָזיגע ערפאַהרונג וועגען דער פּראַק-

טישער פרייהייט פון די אַרבייטסגעבער זיך צו פאַראייניגען, האָט ביי פּליים'ן פאַרגרעסערט דעם באוואוסטזיין וועגען דער אומגע־רעכטיגקייט פון פאַרלייקענען דיזעלבע פרייהייט די אַרבייטער; בעת די ברוטאַלע פאַרפאָלגונג פון די שריפטזעצערס פון דער „טיימס" אין דעמזעלבען יאָהר האָט איהם אינגאַנצען איבערצייגט אין דער גרויזאַמקייט פון דעם געזעץ. מיט פיער יאָהר שפּעטער (אין 1814), ווי ער אַליין דערצעהלט אונז, האָט ער „אָנגעהויבען אַרבייטען ערנסט פאַר דער צוריקרופונג פון די געזעצען קעגען פאַראייניגונגען פון אַרבייטער, אָבער אַ לאַנגע צייט האָט זיך קיין פּראָגרעס ניט געמערקט". די אַרבייטסגעבער זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז ווען די לוין־אַרבייטער וועלען זיין פאַראייניגט וועט זיך זיי איינגעבען צו קריגען אַ גרויסע העכערונג אין לוין, און דאָס וועט שטאַרק שעדיגען זייערע פּראָפיטען. די פּאָליטיקער זיינען געווען פונקט אַזוי זיכער, אַז אַ טרייד־יוניאָניסטישע טע־טיגקייט וועט העכערן די פּרייזען, און וועט אויף אַזאַ אופן אונ־טערגראָבען דעם מסחר מיט אויסלאַנד, אָן וועלכען עס איז אָפּהענ־גיג דער וואוילזיין און דער אינטערנאַציאָנאַלער איינפלוס פון ענגלאַנד. פון די אַרבייטער גופא האָט מען די ערשטע צייט קיין שטיצע ניט געקאָנט ערוואַרטען. די וואָס האָבען געליטען פון גע־זעצליכער פאַרפאָלגונג, האָבען קיין האָפענונג ניט געהאַט אויף דער הילף פון אַ ניט־רעפאָרמירטען פּאַרלאַמענט, און זיי האָבען איהם ניט געשטיצט. איין טרייד, די זיידענוועבערס פון ספּי־טאַלפיעלדס, האָט געשטיצט די רעגירונג, ווייל זיי האָבען גענאָסען, ווי זיי האָבען עס בעטראַכט, די נוצען פון דעם געזעצליכען שוץ קעגען דער פאַרקלענערונג פון לוין דורך פאַראייניגונג.* אַנדערע

---

* ווען פּליים האָט אין 1824 זיך געבעטען ביים „קאָמיטעט פון מאַשין־זיידענוועבערס אין ספּיטאַלפיעלדס, זיי זאָלען פאָדערען דורך אַ פּעטיציע, אַז מען זאָל צוריקרופען די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג". האָט די פאַרזאַמלונג „באַשלאָסען, אַז אַזוי ווי מיר זיינען פאַר יאָהרען געווען געשיצט אונטער די היילזאַמע געזעצען און דער קלוגקייט פון דער געזעצגעבונג, און אַזוי ווי מיר האָבען פון אונזער זייט לחלוטין ניט וואָס זיך צו שרעקען פאַר וועלכער עס איז פאַראייניגונג, קאָנען מיר דעריבער קיין שום אויפמערקזאַמקייט ניט שענקען מר. פּליים'עס

האָבען קיין צוטרוי ניט געהאַט צו דער פערמיטלונג פון איינעם וואָס איז אַליין געווען אַן אַרבייטסגעבער און האָט זיך נאָך ניט ערוואָרבען וועלכע עס איז אָנערקענונג אַלס אַרבייטער־פריינד. אָבער פּלייס האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר געגנערישקייט און גלייכגילטיגקייט. וויסענדיג, אַז מיט אַן ענגלישען עולם וועט די שטאַרקייט פון זיין זאַך ליגען, ניט אין וועלכע עס אַז אַבסט־ראַקטע אַרגומענטען אָדער אין אַפּעלירן צו נאַטירליכע רעכט, נאָר אין אויסרעכענען די ווירקליכע פאַלען פון אומגערעכטיגקייט, האָט ער עס געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע צו קריגען די איינצעלהייטען פון יעדען טרייד־סכסוך. אין יעדען סטרייק, ווי ער דערצעהלט, האָט ער זיך אַריינגעמישט, אָפּטמאָל אַלס פאַרמיטלער, צייטענ־וויין אַלס פריינד פון די אַרבייטער. ער האָט געעפענט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט טרייד־יוניאָנס איבער דעם גאַנצען לאַנד, און האָט געשריבען אומצעהליגע בריעף צו די צייטונגען. אין 1818 האָט ער צוגעקראָגען אַ ניצליכען מיטהעלפער אין דעם „גאָרגאָן“, אַ קליינע פּאָליטישע אַרבייטער־צייטונג, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרן פון אַ געוויסען וואָלקעמער ווייד, וועלכע איז געווען גע־שטיצט פון בענטהאַמ'ען און פון פּלייס'ן אַליין. דאָס האָט פאַר איהם געוואונען זיינע צוויי וויכטיגסטע נאָכפאָלגער, וועלכע זיינען באַלד געוואָרן די הויפּט־מיטהעלפער אין זיין אַרבייט, דזש. ר. מק'קולאָך און דזשאָזעף היום. מק'קולאָך, וועלכער איז שפּעטער באַריהמט געוואָרן אַלס עקאָנאָמיסט, איז צו יענער צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם „סקאָטסמען“, די וויכטיגסטע פּראָווינ־ציעלע צייטונג. אַ קרעפּטיגער אַרטיקעל, באַזירט אויף פּלייס'עס פאַקטען, וועלכען ער האָט פאַרעפענטליכט אין דער „עדינבורג ריוויו“, אין 1823, האָט צוגעקראָגען אַ סך אָנהענגער; און זיינע אָפטע אַרויסטריטען האָבען געגעבען פּלייס'עס אידעע אַ געוויכט און אַ נאָמען, וואָס איהר האָט ביז אַהער געפעהלט. דזשאָזעף

אַיינלאַדונג“. ווען די דאָזיגע רעזאָלוציע איז פאָרגעלעגט געוואָרען פון פּאָרזיצענדען, איז ער „באַגלייט געוואָרען מיט אַן אַיינשטימיגען אויס־ברוך פון אַפּלאָדיסמענטען און אַ מאַסע קולות האָבען אויסגערופען: „דאָס געזעץ, האַלט זיך ביים געזעץ, ער וועט אונז באַשיצען!“. — פּלייס מאַנוסקריפּטען 52—27800; „מאָרנינג קראָניקל“, פעברואַר 9, 1824.

היום איז געווען נאך א וויכטיגערער בונדגענאסע. זיין אנערקענטע פאזיציע אין האוז אוו קאממאנס אלס איינער פון די פיהרער פון דער וואקסענדער פארטיי פון „פילאזאפישען ראדיקאליזם“, האט געוואונען ביי די פארטגעשריטענע מיטגלידער פון פארלאמענט אלץ מעהר און מעהר אונטערשטיצער פאר דער באוועגונג צוריקצורופען די „געזעצען קעגען פאראייניגונג“. ביי א געוויסער סעקציע אין „הויז“ האט מען אנגעהויבען דיסקוטירן וועגען דער ראטזאמקייט פון פרייען קאנטראקט; באלד איז דאס באטראכט געווארן אלס דורכפיהרבאר; און איניגיכען האבען פיעלע אנגעהויבען עס צו באטראכטען אלס אומפארמיידליכע פאלגע פון זייער פאליטישען אני־מאמין. אין 1822 האט פלייס געדענקט, אז די צייט איז רייף צו האנדלען; און היום האט דעריבער געלאזט וויסען, אז ער האט בדעה אריינצוברענגען א געזעצפראיעקט צוריקצורופען אלע געזעצען קעגען פאראייניגונג.

פלייס׳עס מאנוסקריפטען און בריעף ענטהאלטען א בילדעררייכע באשרייבונג פון אלע הכנות און הינטער־קוליסען ארבייט פון די נעקסטע צוויי יאהר. אין די דאזיגע צייטבילדער פון דער אינוועניגסטער ארבייט פון פארלאמענטארישען סיסטעם זעהען מיר ווי היום חנפ׳עט ארום ביי הוסקיססאן און פיל א צוזאג צו באוויליגען א „ספעציעלען קאמיטעט“, צעקלאפט די וועניגער טאקטפולע פלענער פון א קאנקורירנדען פארלאמענטס־מיטגליד,*

---

* אין 1823 האט דזשארדזש ווהייט, א „שרייבער פאר קאמיטעטען“ פון דער האוז אוו קאממאנס, זיך פארבונדען מיט גרייוונער הענסאן, א נעץ־שפיצענמאכער פון נאטינגהאם, וועלכער איז א לאנגע צייט געווען דער פיהרער פון די זאקען־שטריקער פאראיינען. צוזאמען האבען זיי פארפארטיגט א פולשטענדיגען געזעצפראיעקט, וואס האט צוריקגערופען אלע „געזעצען קעגען פאראייניגונג“ און אנשטאט דעם אויפגעשטעלט א קאמפליצירטען מעכאניזם צו רעגולירן שטיקארבייט און אויסגלייכען אינדוסטריעלע סכסוכים. א טייל פון די דאזיגע פארשלאגען זיינען געווען אויסגעצייכענטע פארלויפער פון דער שפעטערדיגער פאבריק־געזעצגעבונג; אבער די צייט איז נאך ניט רייף געווען פאר אזעלכע מאסרעגלען. דער דאזיגער געזעצפראיעקט, וועלכער איז גערן אריינגעטראגען געווארען פון פעטער מור, א מיטגליד פון קאווענטרי, האט

און צולעצט, אין פעברואר 1824, פילט ער אַז מיט אייגענע מענשען דעם „אונטערזוכונגס־קאָמיטעט“, וואָס ווערט ענדליך באשטימט. היום האָט, מיט אַ געוויסע געשיקטקייט, ארומגענומען אין זיין פאָרשלאַג דריי באַזונדערע פונקטען — די אויסוואַנדערונג פון בעלי־מלאכות, דעם עקספּאָרט פון מאַשינען און די פאַראייניגונגען פון ארבייטער, — וועלכע זיינען אַלע געווען פאַרבאָטען פון געזעץ. פּליים׳עס און היום׳ס הויפּט־צוועק איז געווען דער צוריקרוף פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“; הוסקיססאָן און זיינע קאָלעגען אָבער האָבען אויף דעם קאָמיטעט געקוקט, ווי ער וואָלט קודם געהאַט די אויפגאַבע צו אונטערזוכען די מעגליכקייט פון ערמוטיגען די וואַקסענדע פאַבריקאַציע פון מאַשינען, וועלכע איז געווען שטאַרק געשטערט דורך דעם פאַרבאָט אויף זייער פאַרקויף צו פרעמדע לענדער. הוסקיססאָן האָט געזוכט צו פּועל׳ן ביי היום׳ען, ער זאָל איינגאַנצען אויסמיידען צו דערמאָנען אין די רעקאָמענדאַציעס פון קאָמיטעט די געזעצען קעגען פאַראייניגונג, באַטראַכטענדיג זיי, ווי עס ווייזט אויס, אַלס אַ קלענערן און ניט־וויכטיגען טייל פון דער אונטערזוכונג. אָבער פּליים און היום זיינען איצט געווען די בעלי־בתים פון דער לאַגע; און פאַר די נעקסטע עטליכע חדשים האָבען זיי אָפּגעגעבען זייער גאַנצע צייט אויף דער פיהרונג פון דעם קאָמיטעט. צוערשט האָט גאָר קיינער, ווי עס ווייזט אויס, קיין אידעע ניט געהאַט, אַז די פאַרהאַנדלונגען פון דעם קאָמיטעט וועלען זיין פון וועלכער עס איז באַדייטונג;

געהאַט אַן אָפּשרעקענדע ווירקונג אויף מאַנכע שרעקעדיגע געזעצגעבער, און האָט דערהויפּט אויפגערודערט „די ערשטע באַנק“. היום האָט זיך פאַרלאָרן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן; אָבער פּליים האָט איהם געראַטען, אין אַ בריעף וואָס האָט אַרויסגעוויזען גרויסען פּאָליטישען שאַרפזין, צו באַזייטיגען דעם געגנערישען געזעצפּראָיעקט דורך אַריינזעצען זיין מחבר אין דעם „אונטערזוכונגס־קאָמיטעט“, ערקלערנדיג, אַז „מור איז ניט אַ מענש וואָס מען קאָן פאַרשטופּען אָן אַ זייט. דער איינציגער וועג ווי פּטור צו ווערען פון איהם איז, איהם לאָזען ריידען זיינע נאַרישקייטען אין קאָמיטעט, וואו, נאָכדעם ווי מען וועט איהם נידערשטימען, ער וועט ווערן אַ קלענערע אָנשיקעניש אין ,הויז׳.“ זעה פּליים׳עס מאַנוס. 12—27798.

און דאָס מיניסטעריום האָט זיך גאַרנישט געקימערט וועגען זיין צוזאַמענשטעלונג. „ניט גרינג איז עס אָנגעקומען היום׳ען“, שרייבט פֿליים, „ביז ער האָט געקאָנט קריגען די נעמען פֿון איין־און־צוואַנציג מיטגלידער צונויפֿצושטעלען דעם קאָמיטעט; אָבער ווען דער קאָמיטעט איז אָפּגעזעסען דריי טעג, און ער איז געוואָרן אַ פּאָפּולער אַ אַמוזאַנט, האָבען מיטגלידער געזוכט פֿעלנער ווי דאָרט אַריינצוקומען; און צום סוף איז ער באַשטאַנען פֿון אַכט־און־פֿערציג מיטגלידער“. היום, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס פֿאָרזיצענדער, האָט, ווי עס שיינט, אַריינגענומען אין זיינע אייגענע הענט די גאַנצע פֿיהרונג פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען. אַ צירקולאַר, אין וועלכען עס איז געווען ערקלערט די צוועקען פֿון דער אונטערזוכונג, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די בירגער־מייסטערס אָדער אַנדערע רעגירונגס־באַאַמטע פֿון פֿערציג פּראָווינציעלע שטעדט, און איז געווען אָפּגעדרוקט אין די וויכטיגסטע לאָקאַלע צייטונגען. דערווייל האָט פֿליים, וועלכער האָט ביי דער צייט זיך ערוואָרבען דעם פֿולען צוטרוי פֿון די הויפּט־פֿיהרער פֿון אַרבייטער־קלאַס, זיך באַוואָרנט אַז עס זאָלען ערשיינען אַלס עדות בעלי־מלאכות פֿון אַלע טיילען פֿון לאַנד. לייענט מען די פֿאַרהאַנדלונגען פֿון דעם „קאָמיטעט וועגען בעלי־מלאכות און מאַשינערי“ אין דעם ליכט פֿון פֿליים׳עס פּריוואַט־נאָטיצען און טעגליכער קאָרעספּאָנדענץ מיט היום׳ען, האָט מען פֿאַר זיך כמעט אַ פֿאָלשטענדיגען מוסטער פֿון פּאָליטישע מאַניפּולאַציעס. הגם מען האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט אויסצוהערען געגנערישע עדות, פֿונדעסטוועגען איז עס קענטיג געווען אַראַנזשירט, אַז די אַרבייטסגעבער וואָס זיינען געווען צו גונסטען דער צוריקרופֿונג זאָלען אויסגעהערט ווערען צוערשט, און אַז די איבערוועגענדע באַווייזען זאָלען זיין אויף זייער זייט. און בעת יענע אינטערעסען, וועלכע וואָלטען געווען קעגען דער צוריקרופֿונג פֿון די געזעצען, זיינען געווען ניט פּראָפֿעסיאָנעל פֿאַרטראָטען און פֿאַרזיכטיג אָרגאַניזירט, איז די זאַך פֿון די אַרבייטער געווען צוגעגרייט פֿון פֿליים׳ן מיט וואונדערליכער געשיקטקייט און איז פֿאָלשטענדיג אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך היום׳ס פֿאַרהער. אויף אַזאַ אופֿן האָט איינער געהאַנדעלט אַלס דער טרייד־

יוניאָניסטישער שתדלן און דער צווייטער אַלס ניט־באַצאַהלטער אַדוואָקאַט.*

פליים אליין דערצעהלט אונז ווי אַזוי ער איז זיך באַגאַנגען:
„די דעלעגאַטען פון די אַרבייטער האָבען געהאַט רעקאָמענדאַציעס צו מיר, און איך האָב געעפענט פאַר זיי מיין הויז. איך האָב אויף אַזאַ אופן געהאַט אַלע דעלעגאַטען פון שטאָדט און פון אויפ׳ן לאַנד אונטער מיין אויפזיכט. איך האָב אויסגעהערט די געשיכטעס וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט צו דערצעהלען; איך האָב זיי גענומען אויף אַ פאַרהער און קרייץ־פאַרהער, האָב פאַרצייכענט די וויכטיגסטע איינצעלהייטען פון יעדען פאַל און האָב דאַן די זאַך אַראַנזשירט אין קורצע נאָטיצען (בריעפס) פאַר מר. היום, און געוועהנליך, כדי די עדות זאָלען וויסען ווי זיך צו האַלטען, האָט יעדער פון זיי געקראָגען אַ קאָפּיע דערפון. ... יעדער נאָטיץ האָט ענטהאַלטען די וויכטיגסטע פראַגען און ענטפערס. ... היום׳ס קאָפּיעס האָבען געוועהנליך געהאַט אַ צוזאַץ פון דאָקומענטען, אַראַנזשירט נאָך אַ סדר, מיט אַ קורצען איבערבליק איבער די פאַרהאַנדלונגען, אויף וויפיעל עס איז נויטיג געווען באַקאַנט־צו־מאַכען היום׳ען מיט דעם גאַנצען פאַל. אויף אַזאַ אופן איז ער געווען ביכולת פאַרצוגעהן מיט באַדייטענדער גרינגקייט, און צו באַגעגענען אָדער צוריקצוואַרפען אויסזעצונגען".

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטען זיינע זיצונגען פּריוואַט; אָבער היום׳ס צאָהלרייכע בריעף צו פליים׳ן ווייזען, ווי גענוי דער לעצטער איז געווען אינפאָרמירט וועגען אַלץ וואָס דאָרט איז פאַרהאַנדעלט געוואָרן: „אַזוי ווי די פאַרהאַנדלונגען פון דעם קאָמיטעט זיינען פון טאָג צו טאָג געדרוקט געוואָרן פאַר דעם געברויך פון די מיטגלידער — דערצעהלט פליים אין זיינע מאַנוסקריפּטען — פלעגט היום מיר צושיקען אַ קאָפּיע, פון וועלכער איך

* פליים האָט זיך אָנגענומען צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ היום׳ס „געהילף"; אָבער די מיטגלידער פון קאָמיטעט, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען עפּעס פאַרדעכטיגען, האָבען איהם ניט ערלויבט צו בלייבען אין קאָמיטעט־צימער אויף דעם צווייפאַכען גרונד, וואָס ער איז ניט קיין מיטגליד פון „הויז", און אפילו ניט קיין „דזשענטעלמען"!

האָב פאַרצייכענט דעם אינהאַלט אויף אַ פּאַפּיר, וואָס איז געווען איינגעטיילט דורך ליניעס אין אַ סך רובריקען. יעדע רובריק האָט געהאַט אַ פּאַסיגען טיטעל אָדער אַ ציפער. איך האָב אויך אָנגע־שריבען באַמערקונגען אויף די ברעגעס פון די געדרוקטע אויס־זאַגונגען; אָט די באַמערקונגען פלעגט היום'ס סעקרעטער יעדען טאָג קאָפּירן, און דערנאָך צוריקשיקען צו מיר. די דאָזיגע ארבייט האָט אוועקגענומען אַ סך צייט, אָבער דאָס האָט מעגליך געמאַכט, אַז היום זאָל די גאַנצע מאַסע אויסזאָגונגען שטענדיג האָבען פאַר זיין אויג; און עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז ווען ניט די מיה און אָנשטרענגונג וואָלט אוממעגליך געווען די זאַך דורכצו־פיהרן".

אָט די פּריוואַטע נאָטיצען פאַר היום'ס געברויך, וועלכע גע־פינען זיך איצט אַלע אין בריטיש מוזעאום, פיהרן אונז אריבער פון וועסטמינסטער האָל אין דעם הינטער־צימער פון דעם שאַפּ אין טשאַרינג קראָס, וואו די לאָנדאָנער און פּראָווינציעלע עדות פון די בעלי־מלאכות זיינען געקומען נאָך זייערע אינסטרוקציעס. „ניט גרינג איז עס אָנגעקומען — ווי פּלייס דערצעהלט אונז — די ארבייטער צו קאָנטראָלירען. עס האָט זיך געפאָדערט גרויס מיה און פאָרזיכט, ניט אָנגרייפענדיג זייערע פאָראורטיילען, צו פּועל'ן ביי זיי ניט צו טאָן זייער פליכט פאַר דעם קאָמיטעט. זיי זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט פאַלשע באַגריפען, זיי האָבען אַלע צוגעשריבען זייער עלענד צו פאַלשע אורזאַכען, וועלכע איך, אין דעם צושטאַנד פון דער אָנגעלעגענהייט, האָב ניט געוואַגט צו פּרובירן באַזייטיגען. שטייערן, מאַשינערי, געזעצען קעגען פאַראייניגען, דער ווילען פון די מייסטערס, די אויפפיהרונג פון די מאַגיסטראַטען — דאָס זיינען געווען די פונדאַמענטאַלע אורזאַ־כען פון זייער גאַנצען עלענד און נויט. ... יעדע זאַך האָב איך געמוזט דיסקוטירן מיט זיי מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט, איך האָב געמוזט אָראַנזשירן און צוגרייטען יעדע קלייניגקייט; און אָט די אַלע זאַכען האָבען איינגאַנצען אַזוי אוועקגענומען מיין צייט, אַז פאַר אַריבער דריי חדשים האָב איך כמעט קיין רוה ניט געהאַט."

דער רעזולטאַט פון דער אונטערזוכונג איז געווען, ווי היום

און פּליים האָבען באַשטימט. אַ רייה רעזאָלוציעס צו גונסטען דער פאָלשטענדיגער פרייהייט פון פאַראייניגונג און פרייער עמי־גראַציע איז אָנגענומען געוואָרען פון קאָמיטעט, קענטיג אָהן געגנער־שאַפט.* אַ געזעצפּראָיעקט צוריקצורופען די אַלע געזעצען קעגען פאַראייניגונג און לעגאַליזירען פּראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפטען איז געשווינט דורכגעגאַנגען ביידע „הייזער", אָהן דעבאַטען און ניט שטימענדיג די פּונקטען באַזונדער. פּליים און היום האָבען גע־נומען אויף זיך פּריוואַט איבערצורעדען און איינצושטילען די עטליכע מיטגלידער וואָס האָבען די לאַגע באַגריפען; און דער מאָסרעגעל איז דורכגעגאַנגען, ווי פּליים באַמערקט, „כמעט אומ־באַמערקט פון די מיטגלידער אינווענדיג און די צייטונגען דרויסען." אַזוי שטיל איז דער געזעצפּראָיעקט דורכגעשמוגעלט געוואָרען דורך דעם פּאַרלאַמענט, אַז די מאַגיסטראַטען אין אַ שטאָדט אין לאַנק־שייר האָבען ניט-וויסענדיג פאַראורטיילט, מיט עטליכע וואָכען שפּעטער, געוויסע באַוועל-וועבערס צו געפענגניש פאַר פאַראייני־גונג, נאָכדעם ווי די געזעצען קעגען דעם האָזיגען פאַרברעכען זיינען שוין געוועזען צוריקגערופען.

פּליים און היום זיינען אָבער געווען אַביסעל צו קלוג. בעת די רעגירענדע קלאַסען זיינען געווען גאַנץ אומבאַוואוסט אַז וועלכע עס איז וויכטיגע ענדערונג אין דעם געזעץ אָדער פּאָליטיק איז פאָרגעקומען, האָט דער אומדערוואַרטער ערפאָלג פון פּליים'עס אַגי־טאַציע אַרויסגערופען, ווי דער עלטערער נאַססאו באַשרייבט, „אַ גרויסע מאָראַלישע ווירקונג" אין אַלע אינדוסטריעלע צענטערס. „עס האָט באַפעסטיגט אין די מוחות פון די אַרבייטער די איבער־צייגונג אין דער גערעכטיגקייט פון זייער זאַך, וואָס איז, לאַנגזאַם און ניט-גערן, אָבער לסוף דאָך נאָכגעגעבען געוואָרען פון דער געזעצ־געבונג. דאָס וואָס איז געוואָרען מאָראַליש גערעכט אין 1824, האָבען זיי אַרגומענטירט, האָט דאָך אויך געמוזט זיין מיט פופציג יאָהר פריהער. ... זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי האָבען אַרויס־געריסען ביי דער געזעצגעבונג אַ צושטימונג, אַז זייערע אַרבייטס־

---

* די פראַגע וועגען דעם עקספּאָרט פון מאַשינען איז אָפּגעלעגט גע־וואָרען ביז דער נעקסטער זיצונג.

געבער מוזען שטענדיג זיין זייערע געגנער, אַז זיי זיינען ביז אַהער געווען זייערע אונטערדריקער, און אַז פאַראייניגונגען צו העכערן דעם לוין און פאַרקירצען די צייט, אָדער פאַרלייכטערן די שווערקייט פון דער אַרבייט, זיינען ניט נאָר קיין פאַרברעכען ניט געווען, נאָר אַ לויבענסווירדיגע זאַך.“ עס האָבען דעריבער באַלד גענומען אַרויסשפּרינגען פאַר־געזעלשאַפטען פון אַלע זייטען. אַ פּעריאָדע פון אויפגעבלאָזענעם מסחר, צוזאַמען מיט דעם געשווינטען שטייגען פון די פּרייזען אויף עסענוואַרג, איז געווען גינסטיג פאַר אַן אַלגעמיינער העכערונג פון לוין. פאַר די נעקסטע זעקס חדשים זיינען די צייטונגען געווען פול מיט סטרייקס און קלאַנגען וועגען סטרייקס. אין גלאַזגאָו, וואו די באַוועל־אַרבייטער האָבען באַגאַנגען עטליכע גוואַלט־טאַטען און עס איז אָנגעגאַנגען אַן אַלגעמיינע אויסשליסונג פון דער אַרבייט (לאָק־אָוט), זיינען פאָרגעקומען ערנסטע אומרוהען. דער טראַנספּאָרט־טרייד אויפ׳ן צפון־מזרח׳דיגען ים־ברעג איז צייטווייליג געווען פאַראַליזירט דורך אַ שטאַרקען מאַטראָזען־פאַרבאַנד אויף די טייכען קלאַיד און וועיר, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט צו זעגלען מיט קיין ניט־יוניאָניסטישע מאַטראָזען און ניט־יוניאָניסטישע אָפיצירן. די דובלינער טריידס, צו יענער צייט די בעסט אָרגאַניזירטע אין דער מלוכה, האָבען אויף אַ גרויזאַמען אופן אַרויפגעצוואונגען זייערע תקנות וועגען דער רעגולירונג פון זייערע רעספּעקטיווע אינדוסטריען, און האָבען פאָרמירט אַ געמיינשאַפטליכען קאָמיטעט, דעם אַזויגערופענעם „באָארד אָוו גרין קלאָטה“ (קאָמיטעט פון גרינעם טוך), וועמעס באַפעהלען זיינען געווען דער שרעק פון די אַרבייטסגעבער. די שעפיעלדער אַרבייטער האָבען געמוזט געוואָרנט ווערן, אַז אויב זיי וועלען ניט־אַנדערש פאָדערן צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי זיי האָבען פריהער פאַרדיענט פאַר אַרבייטען בלויז דריי טעג אין וואָך, וועט די גאַנצע אינדוסטריע פון דער שטאָדט זיין רואינירט. די לאָנדאָנער שיפּענבויערס זיינען ניט־אַנדערש באַשטאַנען, וואָס זייערע בעלי־בתים האָבען באַטראַכט פאַר אַן אומזיניגע פאָדערונג, אויף אַ „בוך פון ראַטעס“ פאַר שטיקאַרבייט. די באַנדאַרעס אין לאָנדאָן האָבען געפאָדערט אַ רעווידירונג פון זייער לוין, וואָס האָט געפיהרט צו אַ לאַנג־אָנהאַלטענדען סכסוך. עס איז טאַטזעכליך געווען, ווי

א פראָווינציעלע צייטונג האָט אביסעל שפּעטער באַמערקט, „ניט מעהר א געוויסער קלאַס ארבייטער אין ערגעץ אַן איינצעלנעם פלאַץ, וואָס איז ערמוטיגט געוואָרן ארויסצוגעהן אין סטרייק פאר א העכערונג פון לוין, נאָר כמעט די גאַנצע מאַסע בעלי־מלאכות אין לאַנד זיינען פאראייניגט אין דעם אלגעמיינעם באשלוס ארויפצודריגנען באדינגונגען אויף זייערע בעלי־בתים.“

די עפענונג פון דער פּארלאַמענט־סעסיע אין 1825 האָט געטראָפען די ארבייטסגעבער איבער'ן גאַנצען לאַנד שטאַרק אויפגעבראַכט. היום און פּליים האָבען אומזיסט געפּרעדיגט מעסיגקייט און געוואָרנט די יוניאָנס וועגען דער געפאַהר פון א רעאַקציע. די אינטערעסען פון די גרויסע שיפּאייגענטימער און שיפּבויער, וועלכע האָבען דורך דעם גאַנצען יאָהרהונדערט אויפגעהאַלטען אומבאַריהרט זייער רעפּוטאַציע פון ניט־אָפּווייכענדער פיינדליכקייט צום טרייד־יוניאָניזם, זיינען דערגאַנגען צו די אויערן פון הוסקיססאָן, צו יענער צייט דער פּרעזידענט פון דער האַנדעלסקאַמער און מיטגליד פאר ליווערפּול. באלד אין אָנהויב פון דער סעסיע האָט ער פאָרגעשלאָגען, אַז אַ קאָמיטעט זאָל אונטערזוכען די אויפפיהרונג פון די ארבייטער און די ווירקונג פון דעם לעצטען געזעץ, וועלכער איז, ווי ער האָט זיך באַקלאָגט, דורכגעשמוגעלט געוואָרען דורכ'ן „הויז“, ניט ארויסרופענדיג זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פאַקט, אַז ער איז אַוועק א סך ווייטער ווי די איינפאַכע צוריקרופונג פון די ספּעציעלע סטאַטוטען קעגען פאראייניגונג.* דאָס מאָל איז די צוזאַמענשטעלונג פון דעם קאָמיטעט ניט איבערגעלאָזט געוואָרען צום צופאַל, אָדער צו היום'ס מאַניפּולאַציעס. די מיטגלידער זיינען, ווי פּליים באַקלאָגט זיך, אויסגעקליבען געוואָרען כמעט אויסשליסליך פון די מיניסטעריעלע בענק. צוועלף פון די דרייסיג זיינען געווען רעגירונגס־באַאַמטע

* שפּעטער אין יאָהר האָבען לאָרד ליווערפּול, דער פּרעמיער־מיניסטער, און לאָרד עלדאָן, דער לאָרד־קאַנצלער, פּראָטעסטירט אין א דעבאַטע, אַז זיי האָבען לחלוטין גאָרנישט געוואוסט וועגען דער אָננעהמונג פון דעם געזעץ, און אַז זיי וואָלטען דערצו קיינמאָל ניט צוגעשטימט.

און א סך זיינען געווען פארטרעטער פון די אפגעפאלענע באצירקען („ראטטען בארויס").* הוסקיססאן, פיל און דער שטאאטס־פראקוראר אליין האבען אנטייל גענומען אין זיינע פארהאנדלונ־גען; וואללאס, דער מינץ־מיניסטער איז געווען דער פארזיצענדער; און היום איז געווען דער איינציגער וואס האט פארטראטען די ארבייטער. הוסקיססאן האט דעם קאמיטעט באטראכט ניט מעהר ווי א פארמעלע הכנה אריינצוברענגען דעם געזעצפראיעקט, וואס די שיף־אינטערעסען האבען פראיעקטירט,* אונטער וועלכען טרייד־יוניאנס, און אפילו אונטערשטיצונגס־געזעלשאפטען, וואלטען גע־ווען אוממעגליך. וועגען דער אינוועניגסטער געשיכטע פון דעם דאזיגען קאמיטעט מוזען מיר זיך פארלאזען אויף פלייס'עס אויס־פיהרליכע באריכטען און היום'ס קירצע נאטיצען צו איהם. וועד־ליג זיי קומט אויס, אז פון אנהויב האט מען בדעה געהאט צו פאררופען בלויז עטליכע ארבייטסגעבער אלס עדות, ניט צוצולאזען קיין עדות פון דעם צווייטען צד און באלד אריינברענגען א באַ־ריכט צו גונסטען פון דעם שוין צוגעגרייטען רעפרעסיווען פראיעקט. פלייס, וועלכער איז אליין געווען אן עקספערט אין אזעלכע מעטא־דען, האט זיי באגעגענט דערמיט, וואס ער האט ווידער יעדען טאג צוגעשטעלט היום'ען אויספיהרליכע ידיעות, דורך וועלכע ער איז געווען ביכולת צו נעהמען די ארבייטסגעבער אויף א קרייץ־פאר־הער און אויפדעקען זייערע איבערטרייבונגען. און, אויב דאס וואס פלייס דערצעהלט וועגען דער פארביסענקייט פון דעם קא־מיטעט און די מיניסטארן קעגען איהם זאל אין א געוויסער מאס זיין שטארק צוגעפארבט, גיט עס אונז אבער גאנץ גענוגענדע בא־

* „ראטטען בארויס" — באצירקען, אין וועלכע די באפעלקע־רונג איז קלענער געווארען און האט פארלארען דאס רעכט צו זיין פאר־טראטען אין פארלאמענט, און דאך זיינען זיי געווען פארטראטען אויפ'ן גרונט פון אלטען רעכט. — איב.

* דער דאזיגער פראיעקט האט אין זיך ענטהאלטען א פונקט, וואס האט פארבאטען בייצושטייערן געלד פאר א פאגד פון א טרייד־פאראיין אדער אן אנדערן, סיידען א געוויסער מאגיסטראט האט איינגעשטימט מיט זיין צוועק און איז געווארן דער קאסירער.

ווייזען וועגען דעם ערפאָלג, מיט וועלכען ער האָט געפיהרט די צעשראָקענע טרייד־יוניאָנס צו נעהמען אַ ווירקזאַמע שטעלונג אין זייער אייגענער פאַרטיידיגונג. זיין פריינד דזשאָהן גאַסט, דער סעקרעטער פון די לאָנדאָנער שיפבויערס, האָט צונויפגערופען צו צוויי דעלעגאַטען פון יעדען פאַך אין דער הויפטשטאָדט און האָט פאָרמירט אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנגעפיהרט אַן עקשנות׳דיגע אַגיטאַציע קעגען דער ווידער־אויפלעבונג פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“. עהנליכע קאָמיטעטען זיינען פאָרמירט געוואָרן פון די באַוועל־אַרבייטער אין מאַנטשעסטער און גלאַזגאָו, פון די מעסער־שמידען אין שעפיעלד און די שיפבויערס אין ניוקאַסטל. פעטי־ציעס, פון וועלכע די קאָפּיעס געפינען זיך אין פּליים׳עס מאַנו־סקריפּטען, האָבען געשטראָמט צום „ספּעציעלען קאָמיטעט“ און צוביידע „הייזער“. ווען מיר זאָלען גלויבען פּליים׳ן, זיינען די קאָרידאָרן וואָס האָבען געפיהרט צום קאָמיטעט־צימער שטענדיג געווען געפּאַקט מיט מאַסען אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט־אַנדערש געפאָדערט מען זאָל זיי אויספרעגען, כדי צו באַשטרייטען די באַ־שולדיגונגען פון די אַרבייטסגעבער; און זיי האָבען ניט דורכגע־לאָזט קיין איינציגען פון די מיטגלידער, פאַר וועלכע זיי האָבען ערקלערט זייערע קריוודעס. אָט די גאַנצע ענערגיע, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן מצד די יוניאָנס, איז געווען, ווי פּליים באַ־מערקט, אַ בולט׳ער קאָנטראַסט צו זייער גלייכגילטיגקייט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר. די אַרבייטער, הגם זיי האָבען גאָרנישט געטאָן צו געווינען זייער פרייהייט זיך צו פאַראייניגען, זיינען געווען ענטשלאָסען איהר ניט צו פאַרלירן. דאָהערטי, דער פיהרער פון די לאַנקאַשיירער באַוועל־שפּינערס, שרייבענדיג צו פּליים׳ן אין רעכטען ברען פון דער אַגיטאַציע, האָט ערקלערט, אַז יעדער פּאַר־זוך פון דאָס ניי איינצופיהרן די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“ וועט זיך ענדיגען מיט אַ ווייט־פאַרשפּרייטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער ריינער רעזולטאַט פון דער אונטערזוכונג איז, אין גאַנצען גענומען, געווען צופרידענשטעלענד. דער „ספּעציעלער קאָ־מיטעט“ האָט זיך געפונען געצוואונגען אויסצוהערן אַ געוויסע צאָהל אַרבייטער־עדות, וועלכע האָבען עדות־געזאָגט וועגען די גוטע פאָל־גען פון דעם געזעץ פון לעצטען יאָהר. דעם געזעצפּראָיעקט פון די

שיפּאײַגענטימער האָט מען פאַרוואָרפן, און די „האָוז אָוו קאָמ־מאָנס“ איז רעקאָמענדירט געוואָרן אָנצונעהמען אַ געזעץ, וועלכער האָט כּלומרשט צוריק־אײַנגעפירט דעם אַלגעמיינעם „קאָממאָן־לאָא“־פאַרבאָט פון פאַראײַנען, האָט אָבער ספּעציעל אויסגעשלאָ־סען פון פאַרפאָלגונג פאַראײַנען מיט דעם צוועק צו רעגולירן דעם לוין און די אַרבייטס־שטונדען. די מייסטערס־שיפּבויערס זײַנען געווען ווילד פון דעם דאָזיגן ווירקליכן דורכפאַל. עס לעבט נאָך דער צירקולאַר, וועלכן זיי האָבן פאַנאַנדערגעטיילט בײַ די טירען פון „האָוז אָוו קאָממאָנס“ אין דעם טאָג ווען דער אָפּגעשוואַכטער געזעצפּראָיעקט איז פאָרגעלייענט געוואָרן צום צווייטן מאָל. זיי האָבן ערקלערט, אַז זייערע פאַראָרדענונגען זײַנען צו־שוואַך צו ראַטעווען זייער אינדוסטריע פון אונטערגאַנג. אויב מען זאָל שוין יאָ דערלאָזן טרייד־יוניאָנס עקזיסטירן, האָבן זיי געפאָדערט, אַז די דאָזיגע געזעלשאַפטן זאָלן זײַן געצוואונגען אָפּצוגעבן אַ גענויעם חשבון פון זייערע אויסגאַבן פאַר די ריכטער פון „קוואָרטער סעשאָנס“, און אַז יעדע ניט־ריכטיגע פאַרווענדונג פון געזאַמעלטע געלדער פאַר אונטערשטיצונגס־צוועקן זאָל שטרענג באַשטראָפט ווערן. אַחוץ דעם, האָבן זיי זיך געבעטן, אַז מען זאָל לפּחות פאַרבאָטן יעדע פּעדעראַטיווע אָדער פאַראייניגטע אַקציע צווישן די טרייד־קלובען. פּליים און היום, פון דער אַנ־דער האַנט, האָבן מורא געהאַט, — און די שפּעטערדיגע פּאַסירונ־גען האָבן באַוויזען, אַז זיי האָבן געהאַט אַ גוטן גרונט דערצו, — אַז די ענגע גרעניצען פון די פאַך־פאַראײַנען וואָס דער געזעצפּראָ־יעקט האָט ערלויבט, און דערצו נאָך די אומקלאָרע אויסדרוקען „באַאומרוהיגען“ („מאָלעסט“) און „שטערן“ („אָבסטרוקט“), וועל־כע ער האָט ענטהאַלטען, וועלען באַנוצט ווערן אַלס וואָפען קעגען טרייד־יוניאָניזם. די רעגירונג האָט זיך אָבער געהאַלטען בײַ דעם וואָס דער קאָמיטעט האָט אָנגעשריבען. די שיפּבויערס האָבן גאָר־נישט ניט אויסגעפירט. היום האָט געזוכט צו פּועל'ן בײַ מיני־סטאָרן נאָכצוגעבן אין מאַנכע ווערטערליכע פּונקטען און האָט גענומען דרײַ אָפּשטימונגען, פּראָטעסטירנדיג אומזיסט קעגען דעם געזעץ. פּליים האָט די אַגיטאַציע דערפירט ביז צו דער „האָוז אָוו לאָרדס“ (לאָרדען־הויז) און האָט אַרויסגעריסען די קאָנצעסיע

פון דעם רעכט צו אַפּעלירן צו דער „קוואָרטער סעשאַנס", וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פון געוויסען פּראַקטישען ווערט.

דער געזעץ פון 1825 (6 דזש. 4, ק. 129), הגם ער איז געווען ווייט פון דעם געזעץ וואָס פּליס און היום האָבען אַזוי געשיקט דורכגעפיהרט דורכ'ן פּאַרלאַמענט דעם פאָרגאַנגענעם יאָהר, האָט געבראַכט אַן אמת'ע עמאַנציפּאַציע. דאָס רעכט פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָט אין זיך ענטהאַלטען די קראַפט צוריק־צוהאַלטען אַרבייט פון מאַרק דורך געמיינשאַפטליכע אַקציע, איז צום ערשטען מאָל געווען פעסטגעשטעלט. און הגם עס זיינען נאָך געבליבען גענוג קאַמפען צו קעמפען איידער די געזעצליכע פרייהייט פון טרייד־יוניאָניזם איז געווען אינגאַנצען געזיכערט, איז אָבער זינט דעמאָלט קיין עפענטליכע פּראָבע ניט געמאַכט געוואָרן צו מאַכען אומגעזעצליך אָט דעם ערשטען באַדינג פון טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט.

עס איז אַ געדאַנקענרייכער שטריך פון דער דאַזיגער רעפאָרם, ווי פון אַלע גרויסע רעפאָרמען, וואָס די מענשען, וועמעס גלויבען אין איהרע פּרינציפּען און וועמעס אומערמידליכע אַרבייטזאַמקייט און ענטשלאָסענקייט עס האָבען זי דורכגעפיהרט, זיינען געווען די איינציגע וואָס האָבען לחלוטין זיך אַרויסגעשטעלט צו האָבען אַ טעות אין איהרע פּראַקטישע פאָלגען. אויב מיר לייענען ריכטיג די לעקציע פון דעם יאָהרהונדערט, איז דער פאַבריקאַנט ניט אינ־גאַנצען אומגערעכט געווען בעת ער האָט גע'טענה'ט, אַז די פריי־הייט צו פאַראייניגען זיך מוז מאַכען די אַרבייטער פאַר דעם לעצ־טען בעל־הבית אין דער אינדוסטריע, הגם זיין קליינליכע מורא, אַז עס וועט פאַרטרייבען קאַפּיטאַל און קאָמערציעלע קענטעניש און ברענגען די נאַציע צום טויטען־פּונקט פון אַנאַרכישען פּאָופּע־ריזם, איז לחלוטין באַשטריטען געוואָרן פון דער שפּעטערדיגער ענט־וויקלונג. און דער אַרבייטער, פאַר וועמען די פרייהייט צו פאַראיי־ניגען זיך האָט געעפענט אויסזיכטען פון אומענדליכען פאָרטשריט פאַר זיין קלאַס אויף דעם חשבון פון זיינע אונטערדריקער, האָט דאָס ריכטיג פאַראויסגעזעהן, ווי מיר זעהען היינט, הגם אויך ער האָט פאַלש אויסגערעכענט דעם מהלך פאַר זיך, און איבערגעקוקט אַ סך שווערע עטאַפּען אויף זיין רייזע. וואָס זאָל מען אָבער

זאגן וועגן די פאראויסזאגונגען פון פליים און די פילאזאפישע ראדיקאלען? „פאראיינען" — שרייבט פליים צו סער פראנסיס בוירדעטט אין 1825 — „וועלען אינגיכען אויפהערן עקזיסטירן. מענשען זיינען צוזאמענגעהאלטען געווארן בלויז דורך דער אונטערדריקונג פון געזעצען; שאפט מען די געזעצען אפ, וועלען די פאראיינען פארלירן דעם שטאף וואס האט זיי צעמענטירט אין מאסען און זיי וועלען צעפאלען אויף שטיקער. אלץ וועט ווערן אזוי רעגעלמעסיג, ווי דאס וואלט אפילו א „קוויקער" געקאנט ווינשען. ... דער וואס קאן זיך פארשטעלען, אז די ארבייטער, ווען מען וועט זיי לאזען האנדלען פריי פאר זיך, ניט ווערנדיג געטריבען צו פאראייניגונג דורך דער אונטערדריקונג פון געזעצען, וועלען ווייטער געבען געלד אויף ווייטע און צווייפעלהאפטע עקספערימענטען, אויף צווייפעלהאפטע און ניט־זיכערע נוצען — יענער פארשטעהט ניט די ארבייטער. ווען מען וועט זיי לאזען צורוה, וועלען די פאראיינען — סיידען ווען־ניט־ווען און פאר ספעציעלע צוועקען אונטער אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען — אויפהערן צו עקזיסטירן."

עס איז אנגענעהם צו פיהלען, אז פליים איז געווען גערעכט, בעת ער האט באטראכט די אפשאפונג פון די געזעצען פאר ניצליך און ווערט זיינע בעסטע אנשטרענגונגען צו העלפען אין דעם; אבער אין אלע אנדערע וועניגער אלגעמיינע הינזיכטען איז ער און זיינע חברים געווען אזוי אומגערעכט, ווי זיי האבען געקאנט זיין. די ערשטע ענטוישונג אבער איז געקומען פאר די ארבייטער. איין מאל נאך דעם אנדערן האבען זיך זייערע בעלי־בתים ארויסגעדרעהט פון זייערע פאדערונגען פאר העכערן לוין בלויז דורכדעם, וואס זיי האבען זיך געווענדט צום געזעץ; איצט האבען זיי פאר זיך דערזעהן א פרייען וועג פאר אן ארגאניזירטען אנגריף אויף די פראפיטען פון זייערע מייסטערס. פאכען, וועלכע האבען נאך ביז אהער ניט געהאט קיין באשטענדיגע פאראיינען, האבען זיך אנגעהויבען ארגאניזירן, אין דער ערווארטונג צו העכערן זייערע לוינען צו דער שטופע פון זייערע מעהר גליקליכע ברידער. די שעפיעלדער קראם־געהילפען האבען זיך פאראייניגט פאר א פעטיציע צו שליסען פריה די געשעפטען. די באוועל־וועבערס פון

לאַנקאַשייר זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַ דעלעגאַטען פאַר־זאַמלונג אין מאַנטשעסטער, אין אויגוסט 1824, צו גרינדען אַ באַ־שטענדיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַרמיידען די פאַרקלענערונג פון די פרייזען און אויסקעמפען אַ גלייכמעסיגען לוין. די איינ־לאַדונג צו דער פאַרזאַמלונג האָט ערקלערט, אַז דאָס וואָס די שניי־דערס, טישלערס און שפינערס איז געלונגען אויפצוהאַלטען זייערע לוינען, איז געווען צו פאַרדאַנקען זייערע געהיימע פאַראייניגען. אין דעמזעלבען מאָנאַט זיינען די טוך־פאַרבערס אין מאַנטשעסטער אַרויס אין אַ סטרייק פאַר אַ לוין־העכערונג, און זיי האָבען מאַר־שירט אין די גאַסען, וועלכע זיינען געווען אויסגעקלעפט מיט די אַפּישען פון זייערע פאָדערונגען. די גלאַזגאָוער טוך־פּרעסערס האָ־בען געסטרייקט פאַר אַ רעגעלמעסיגען צוועלף־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, און זיי האָבען זייער ציעל דערגרייכט. דער ערפאָלג פון די שיפבויערס אויף׳ן צפון־מזרח׳דיגען ים־ברעג האָט באַוועגט די לאָנ־דאָנער שיפבויערס צו פאַרוואַנדלען זייער „קאָמיטעט צו פאַרוואַל־טען זייערע עסקים אין צפון“ („קאָממיטטעע פאָר קאָנדאַקטינג דהי ביזנעס אין דהי נאָרטה“) אין דער „שיפּרייטס׳ פּראָווידענט יוניאָן אָוו דהי פּאָרט אָוו לאָנדאָן,“ וועלכע עקזיסטירט נאָך.*

„די באַגייסטערונג פאַר יוניאָן־געזעלשאַפטען איז אַזעלכע“— מעלדעט די „שעפיעלד אירים“ פון 12טען יולי, 1825 — „אַז די ים־לעהרלינגען אין סונדערלאַנד האָבען די לעצטע וואָך פּאַקטיש יעדען טאָג אָפּגעהאַלטען רעגעלמעסיגע פאַרזאַמלונגען אויף׳ן מור, און זיי האָבען באַשלאָסען ניט אַרויפצוגעהן אויף זייערע שיפען, סיידען די אייגענטימער וועלען זיי באַוויליגען טהעע און צוקער“. לאָקאַלע טרייד־קלובען, ווי די „מאַנטשעסטער סטים־אינדזשין סאָ־סייעטי“, האָבען זיך אויסגעברייטערט אין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַ־ציעס. אין אַנדערע פאַלען האָבען זיך קאָרעספּאָנדיר־קלובען ענט־וויקעלט אין פעדעראַטיווע קערפּערשאַפטען. דער צוועק אין אַט די אַלע פאַלען איז געווען דערזעלבער. די איינלייטונג צו די ערש־

*) דאָס ווערט אויסדריקליך ערקלעהרט אין דער הקדמה צו די תקנות, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער פאַרזאַמלונג פון 16טען אויגוסט, 1824, און איז פאַרשריבען אין דעם ערשטען פּראָטאָקאָל־בוך.

טע תּקנות פון דער „פרענדלי סאָסייעטי אָוו אָפּערייטיווס האָוז קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס אָוו גרייט בריטיין“, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אויף אַ דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן, אין 1827, ערקלערט, אַז „צוליעב דער אויסבעסערונג פון די איבלען וואָס קומען פאָר אין אונזער טרייד און צוליעב דעם פאָרטשריט פון די רעכטען און פּריווילעגיעס פון ארבייט“, ווערט עס באַטראַכט פאַר „אַבסאָלוט נויטיג, אַז אַ פעסטע פאַראייניגונג זאָל עקזיסטירן צווישען אַלע טישלערס און סטאָלערס איבער דער גאַנצער פאַראיי־ניגטער גרויס בריטישער מלוכה“.*

און ניט נאָר אין דער פאָרמעהרונג פון טרייד געזעלשאַפטען האָט זיך די פאַרשפּרייטונג פון טרייד־יוניאָניזם ארויסגעוויזען. אַ קאָמיטעט פון דעלעגאַטען פון די לאָנדאָנער טריידס, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין דעם זומער פון 1825, האָט אָנגעהויבען ארויס־געבען דעם „טריידס ניוספּייפּער ענד מעקעניקס' וויקלי דזשוער־נאַל“, אַ צייטונג וואָס האָט אויף זיך געטראָגען אַ 7־פּעניגע מאַרקע, מיט דער מאָטאָ: „יעדער איינער פון זיי האָט זיין שכן געהאָלפען, און יעדער איינער האָט צו זיין ברודער געזאָגט: זיי ביי זיך ניט געפאַלען“.** אַן ענערגישער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן צו העלפען די אָרגאַניזירונג פון טרייד־יוניאָנס אין אַלע אינדוסטריען, און אויסצואיבען דעם איינפלוס פון אַן אויפגעקלער־טער עפענטליכער מיינונג פון ארבייטער־קלאַס אויף דער פּאָליטי־שער לאַגע פון טאָג.***

---

* די דאָזיגע געזעלשאַפט האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט אין דער עקזיסטירנדער „דזשענעראַל יוניאָן אָוו קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס אָוו גרייט בריטיין“.

** עס זיינען אויך אָנגעפאַנגען געוואָרען נאָך צוויי קאָנקורענץ־זשורנאַלען: „דהי דזשורנעמען'ס ענד אַרטיזאַנ'ס לאָנדאָן ענד פּראָווינ־סיאַל קראָניקל“ און „דהי מעקעניקס ניוספּייפּער ענד טרייד דזשורנאַל“, אָבער זיי זיינען אינגיכען אונטערגעגאַנגען.

* דער „טריידס ניוספּייפּער“ איז פאַרוואַלטעט געוואָרען פון אַ קאָמיטעט פון עלף דעלעגאַטען פון פאַרשיידענע טריידס, פון וועלכען דזשאָהן גאַסט איז געווען דער פאָרזיצענדער, און איז רעדאַקטירט גע־וואָרען צוערשט פון מר. בעינס, אַ זוהן פון דעם אייגענטימער פון דער

די גרויסע האפענונגען, פון וועלכע אט די טריאומפירנדע טעטיגקייט איז געווען דער סימפטאם, זיינען אינגיכען גרויזאם צעשלאגען געווארן. דער יאהר 1825 האט זיך געשלאסען מיט א פינאנציעלער פאניק און וויט-פארשפרייטער קאמערציעלער קא־טאסטראפע. די פיער יאהר, וואס האבען דערנאך געפאלגט, זיי־נען געווען יאהרען פון צרות און עלענד. טויזענדער ארבייטער אין אלע טריידס האבען פארלארען זייער באשעפטיגונג און דער לוין איז אומעטום געפאלען. אין א סך פאבריק-געגענדען זיינען די ארבייטער געראטעוועט געווארן פון אויסגעהן מיט הונגער בלויז דורך עפענטליכע געלד-זאמלונגען.* סטרייקס, אונטער די דאזיגע אומשטענדען, האבען זיך אומפארמיידליך געענדיגט מיט דורכ־פאלען. דער מערקווירדיגער ווידערשטאנד, וואס עס האבען גע־מאכט די בראדפארדער וואלקעמערס און וועבערס אין 1825, האט זיך געענדיגט מיט א פולשטענדיגער נידערלאגע און דעם אויפ־שטענדיגען צוזאמענברוך פון זייער יוניאן. אין קידדערמינסטער, מיט דריי יאהר שפעטער, איז פאקטיש דער גאנצער טרייד פון שטאדט געבראכט געווארן צו א שטילשטאנד, דורך דעם זעקס־מאנאטדיגען ווידערשטאנד פון די טעפיך-וועבערס קעגען א פאר־קלענערונג פון זייער לוין אויף 17 פראצענט — א ווידערשטאנד, אין וועלכען די ארבייטער האבען געקראגען די סימפאטיע און שטיצע פון פיעלע וואס האבען ניט באלאנגט צו זייער קלאס. די באפרייטע פאראיינען זיינען פונקט אזוי ניט געווען בכח צו ווי־דערשטעהן די פארקלענערונג פון לוין, ווי די געהיימע פאראיינען

„לידז מערקורי״, און דערנאך פון מר. אנדערסאן. „די געזעצען און תקנות פון דעם טריידס ניוספייפער״ (לאנדאן, 1825, 12 זייטען), געפינט זיך אין די פליים מאנוסקריפטען 414—27893. די אויסגאבען פון 17טען יולי, 1825, ביז צו דער פארשמעלצונג מיט „דהי טריידס פרי פרעס״, אין 1828, געפינען זיך אין בריטיש מוזעאום.

* איין קאמיטעט בלויז, צווישען 1826 און 1829, האט געזאמעלט די סומע פון £232,000. זעה דעם „רעפארט פון דעם קאמיטעט וואס איז ערוועהלט געווארען אויף אן עפענטליכער פארזאמלונג אין דער סיטי און לאנדאן טאווערן, 2טען מאי, 1826, צו העלפען די פאבריקאנטען״, פון וו. ה. היעט (לאנדאן, 1829).

זיינען עם געווען, און אין מאנכע פאַלען האָבען זיך די ארבייטער ווידער גענומען צו גוואַלט־טאַטען און ברעכען מאַשינען.*

פאַר אַ ווײַלע האָט עס אויסגעזעהן, אַז די אָפּשאַפונג פון די געזעצען האָט נאָכאַלעמען גאָרנישט ניט אויפגעטהאָן, אחוץ דעם וואָס ער האָט באַוויזען די נוצלאָזיגקייט פון ריין־פאַכאָווע פאַראייניגונגען ; און די אַרבייטער האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט פון טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט צו די גרעסערע ציעלען און דעם ברייטערן כאַראַקטער פון דער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטי־שער אַגיטאַציע פון דער צייט. מיט וועלכער די טרייד־יוניאָניסטישע באַוועגונג, פון 1829 ביז 1848, איז געוואָרן ענג פאַרוויקעלט. דאָס איז די פאַזע פון דער באַוועגונג, וועלכע גיט אונז די טעמא פאַר דעם פאָלגענדען קאַפּיטעל.

---

* אין אַפּריל, 1826, האָבען די וועבערס אין בלאַקבורן אָנגעפאַנ־גען אַן ערנסטען אויפשטאַנד, וועלכער איז אויף אַריבער אין מאַנטשעס־טער, און איז ערשט אונטערדריקט געוואָרן פון סאָלדאַטען נאָכדעם ווי מעהר פון טויזענד קראַפט־וועבשטוהלען זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. („אַניואַל רעדזשיסטער“, 1826, זייטען 63, 70, 111, 128 ; וואַלפּאָל׳ס „היסטאָרי אָוו איגגלאַנד“, ב. 2, ז. 2—141.)

דריטער קאפיטעל.

די רעוואלוציאנערע פעריאדע.

(1829 — 1842)

ביז אהער האבען מיר זיך איבערהויפט אפגעגעבען מיט די געזעלשאפטען, וועלכע האבען זיך פארמירט אין באשטימטע טריידס און זיינען באקאנט אלס אינסטיטוציעס, אסאציאציעס, טרייד־קלובען, פאך פאראיינען, יוניאנס און יוניאן סאסייעטים. מיר האבען זיי פון פאראויס באצייכענט אלס טרייד־יוניאנס אין זייער מאדערנעם זין; מיר האבען אבער אין קיין פאל ניט געפונען, אז זיי אליין זאלען זיך האבען גערופען טרייד־יוניאנס. ערשט אין די לייטארטיקלען אין די צייטונגען פון די יאהרן 1830 — 1834 געפינען מיר אנדייטונגען אויף עפעס א גרויסער שווארצער מאכט, וועלכע ווערט אויף אן אומקלארן אופן באצייכענט אלס „די טריידס־יוניאן.“ מיר געפינען אויך, אז שוין דעמאלט, ווי אין די שפעטערדיגע יאהרן, איז געווען אן „אלטער יוניאניזם“ און א „נייער יוניאניזם“; און אז „די טריידס־יוניאן“ האט רעפרעזענטירט דעם נייעם יוניאניזם, און דער טרייד־קלוב אדער טרייד־יוניאן, ווי מיר האבען עס גערופען — דעם אלטען. דער אונטערשייד צווישען א „טרייד־יוניאן“ און א „טריידס־יוניאן“ איז פונקט דער, וואס זייערע נעמען באדייטען. א „טרייד־יוניאן“ איז א פאראייניגונג פון ארבייטער פון איין פאך; א „טריידס־יוניאן“ איז א פאראייניגונג פון פארשיידענע פאכען. „די טריידס־יוניאן“, די סטראשידלע פון דער „טיימס“ אין 1834, באצייכענט דעם אידעאל צו וועלכען די טריידס־יוניאניסטען האבען געשטרעבט: דאס הייסט, א פאלשטענדיגע פאראייניגונג פון אלע ארבייטער פון לאנד אין איין־איינציגער נאציאנאלער טריידס־יוניאן. לייענענדיג אט

דעם גאַנצען קאַפּיטעל מוז מען פאַרזיכטיג האַלטען אין זינען די וויכטיגע באַדייטונג פון דעם נאָמען „טריידס־יוניאָן“, אויף וויפיעל ער איז אין געגענזאַץ צו „טרייד־יוניאָן“, ווייל מען האָט איהם אויפגעהערט צו באַנוצען און מען באַגעגענט איהם בלויז אַלס אַ ליטעראַרישען טעות. אונזערע היינטיגע אַרבייטער־יוניאָנס אין פאַרשיידענע פאַכען, כאָטש זיי האָבען אַ שייכות איינע צו די אַנדערע, ווערן אָנגערופען „אַמאַלגאַמאַציעס“; און אונזערע פאַרבאַנדען פון פאַרשיידענע יוניאָנס רופט מען „פעדעראַציעס“. אָבער סיי די אַמאַלגאַמאַציעס און סיי די פעדעראַציעס, זייענדיג אויף אַ באַשטימטען אופן באַשרענקט אין זייער טעטיגקייט אויף די פאַכען וואָס האָבען אַ שייכות איינע צו די אַנדערע, זיינען בעצם „טרייד“־יוניאָנס. די באַזונדערע באַטאָנונג פון דעם נאָמען „ט ר י י ד ס“־יוניאָן איז געווען דער אידעאַל פון אַ פולשטענדיגער סאָלידאַרישער פאַראייניגונג פון אַלע לוין־אַרבייטער אין איין „אַלוועלטליכער“ אָרגאַניזאַציע. און אָט די פראָבע פון די טרייד־יוניאָן־פיהרערס צו גרינדען ניט נאָר נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון באַשטימטע פאַכען, נאָר צו פאַראייניגען אַלע וואָס אַרבייטען מיט די הענט אין איין גרויסער אומפאַסענדער אָרגאַניזאַציע, האָט דאָס מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם נייעם יוניאָניזם פון 1829—34.*

די פּיאָנירן פון דער נייער באַוועגונג זיינען געווען די טעקסטיל־

---

* אין אַ מאַנוסקריפּט פון אַן אָפּהאַנדלונג וועגען די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען, אונטער דעם נאָמען: „טריידס־יוניאָנס פאַרדאַמט, טרייד־קלובען באַרעכטיגט“, גיט אונז פּליים דעם אונטערשייד צווישען די ביידע אָרגאַניזאַציעס. „אַ פאַך־געזעלשאַפט“, זאָגט ער, „דאָס הייסט, אַ קלוב וואָס באַשטעהט פון אַרבייטער פון וועלכען עס איז פאַך, וועלכער איז ניט קיין צווייג פון אַ יוניאָן פון פאַרשיידענע פאַכען, וואָס וועהלט ניט קיין דעלעגאַטען צונויפצוקומען זיך מיט אַנדערע דעלעגאַטען, איז עטוואָס גאַנץ אַנדערש פון אַ „טריידס־יוניאָן“, אומגעאַכטעט אויף דעם וואָס עס רופט זיך אפילו יוניאָן. טריידס־יוניאָנס זיינען יענע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע די אַרביטער פון פאַרשיידענע פאַכען, אָדער פון טיילען פון פאַכען וואָס האָבען אַ שייכות איינע צו די אַנדערע, אָדער פון באַזונדערע באַשעפטיגונגען, זיינען פעדערירט דורך דעלעגאַטען.“ פּליים דערמאָנט אָפט דעם אונטערשייד צווישען די „פאַך־קלובען“, וועלכע זיינען לויט זיין מיינונג געווען „גאַנץ ניצליכע

און בוי־אַרבייטער פון לאַנקאַשייר און יאָרקשייר. דער יאָהר 1829, אין וועלכען עס האָט זיך געענדיגט דער לאַנגער האַנדעלס־קריזיס וואָס האָט אָנגעהאַלטען זינט דעם הערבסט פון 1825, נאָכדעם ווי די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג" זיינען צוריקגערופען געוואָרן, האָט צוגעזעהן די גרינדונג פון וויכטיגע נאַציאָנאַלע יוניאָנס אין ביידע אינדוסטריען, אָבער די באַוועל־שפּינערס נעהמען זיך איבער דערמיט, וואָס זייער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשווינטער ענטוויקעלט.

די טרייד־קלובען פון די באַוועל־שפּינערס אין לאַנקאַשייר האָבען עקזיסטירט זינט 1792. אין די ערשטע יאָהרן פון דעם נייינצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די גלאַזגאָוער שפּינערס אייניגע מאָל פּרובירט צו פאַראייניגען די אָרגאַניזאַציעס פון די שפּינערס אין לאַנקאַשייר און שאָטלאַנד אין איין נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד; אָבער פון די דאָזיגע פּראָבען איז אַרויסגעקומען ניט מעהר ווי צייטווייליגע פאַראייניגונגען אין ספּעציעלע נויט־פאַלען. די שנעלע אויסבעסערונג פון דער שפּין־מאַשין און די אונטערנעהמונגען פון די לאַנקאַשיירער מיל־אייגענטימער האָבען, בעת דער צוריקרופונג פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג", אַריבערגעטראָגען דעם צענטער פון פאַך פון גלאַזגאָו נאָך מאַנטשעסטער; און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די שפּינערס פון לאַנקאַשייר זאָלען איצט איבערנעהמען די פיהרערשאַפט אין פאַך־אָנגעלעגענהייטען. דער דורכפאַל פון דעם אומגליקליכען זעקס־חדשים'דיגען סטרייק אין הייד, לעבען מאַנטשעסטער, האָט די אַרבייטער איבערצייגט, אַז קיין לאָקאַלע יוניאָן קאָן ניט האָבען קיין ערפאָלג אין אַ קאַמף מיט אַ פאַרבאַנד פון אַרבייטסגעבער; און די שפּינערס' געזעלשאַפטען פון ענגלאַנד, שאָטלאַנד און אירלאַנד זיינען דעריבער איינגעלאַדען געוואָרן צו שיקען דעלעגאַטען צו אַ קאָנפערענץ, וואָס

אינסטיטוציעס", און די „טריידס־יוניאָנס", אָדער „אַסאָציאַציעס פון אויניגע אָדער אַ סך פאַכען אין איין פאַרבאַנד", וועלכע ער באַטראַכט אַלס „גאַנץ געפעהרליכע געזעלשאַפטען". אויך וויליאַם לאָוועט מאַכט דעמזעלבען אונטערשייד צווישען די ביידע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען, אין אַ בריעף וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם „פּור מענ'ס גאַרדיאַן" פון 30טען אָקטאָבער, 1834.

האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטען ווערן אין ראַמזעי, אויף דער „איל אָוו מען“, אין דעצעמבער 1829.

די דאָזיגע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג, פון וועלכער עס איז געבליבען אַן אויסגעצייכענטער באַריכט, האָט אָנגעהאַלטען כמעט אַ וואָך צייט. די פאַרהאַנדלונגען האָבען געטראָגען אַ זעלטענעם מעסיגען כאַראַקטער. די דיסקוסיעס האָבען זיך הויפּטזעכליך געדרעהט אַרום דער פראַגע: צי איז מעהר ראַטזאַם אויסצוקלייבען איין העכסטע עקזעקוטיווע, וואָס זאָל האָבען איהר זיץ אין מאַנטשעסטער, אָדער דריי גלייכבאַרעכטיגטע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווען פאַר ענגלאַנד, שאָטלאַנד און אירלאַנד. דזשאָן דאָהערטי,*

* דזשאָהן דאָהערטי, ווי פּלייס שילדערט איהם, איז געוועזען אַ היצקעפּיגער קאַטאָליק. ער איז געבאָרען געוואָרען אין אירלאַנד אין 1799, און איז אַריין אַרבייטען אין אַ באַוועל־פאַבריק אין אַנטרים, אין לאַרן באַצירק, ווען ער איז אַלט געוועזען צעהן יאָהר. אין 1816 איז ער אַוועק נאָך מאַנטשעסטער, וואו ער איז אינגיכען געוואָרען איינער פון די אָנגעזעהענסטע טרייד־יוניאָניסטען און דער סעקרעטער פון דער לאָקאַלער באַוועל־שפּינערס׳ געזעלשאַפט. מיר געפינען, צום ביישפּיעל, אַז ער האָט גענומען אַן אָנגעזעהענעם אַנטייל אין דער אַגיטאַציע קעגען דעם פּראָיעקט, אין 1825, איינצופיהרן צוריק די געזעצען קעגען פאַראייניגונג. אין 1829 האָט ער אָרגאַניזירט דעם גרויסען סטרייק פון די שפּינערס אין הייד קעגען אַ לוין־פאַרקלענערונג און איז געוואָרען, ווי אויבען באַמערקט, דער גענעראַל־סעקרעטער פון דער „פעדעראַציע פון די שפּינער׳ס געזעלשאַפטען“. שפּעטער איז ער געוואָרען דער סעקרעטער פון דער „נאַציאָנאַלער אַרבייטער־שוץ געזעלשאַפט“. די אַרטיקלען אין דעם „וואָיס אָוו דהי פּיפּעל“ („די שטימע פון פאָלק“) און אין דעם „פּור מענ׳ס אַדוואָקייט“ („דער פאַרטיידיגער פון דעם אָרימאַן“), וועלכע געהערען, ווי עס ווייזט אויס, זיין פעדער, צייגען, אַז ער איז געוועזען אַ מענש מיט אַ ברייטען וויסען, גרויסע נאַטירליכע פעהיגקייטען און ווייטגרייכענדע שטרעבונגען. אין 1832, אין דער צייט פון דעם רעפאָרם־קריזיס, דערצעהלט פּלייס, האָט דאָהערטי געראָטען די אַרבייטער, אויסצונוצען די געלעגענהייט פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. שפּעטער איז ער געוואָרען דער סעקרעטער פון אַ געזעלשאַפט פון אַרבייטער און בעלי־בתים, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען מיט דעם צוועק דורכצופיהרן די פאַבריק־געזעצען, און ער איז געוועזען איינער פון לאָרד שאַפטסבורי׳ס באַגייסטערטע אָנהענגער. אין 1838, בעת ער איז געוואָרען אַ דרוקער און בוך־הענדלער אין מאַנטשעסטער,

דער סעקרעטער און פיהרער פון די באוועל־שפינערס, איז ארויס־געטראָטען פאַר איין גענעראַל־עקזעקוטיווע; בעת טאָמאס פאָס־טער (אַ פאַרמעגליכער מענש, וועלכער איז געפאָהרען צו דער קאָנ־פערענץ אויף זיינע אייגענע הוצאות) האָט פאַרטיידיגט אַ פּלאַן פון זעלבסטפאַרוואַלטונג. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז עס איז גע־גרינדעט געוואָרן אַ „גרויסע אַלגעמיינע יוניאָן פאַר דער פאַראייניג־טער מלוכה", וועלכע איז קאָנטראָלירט געוואָרן פון אַ יעהרליכער דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג און פון דריי נאַציאָנאַלע קאָמיטעטען. די יוניאָן האָט געזאָלט אריינגעהמען אין זיך אַלע מענער וואָס האָבען געאַרבייט אַלס שפּינערס און וועבערס; פאַר די פרויען און מייד־לעך האָט מען געראָטען צו גרינדען באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. די הכנסה פון דער יוניאָן איז באַשטאַנען פון אַ פּעני פון מיטגליד וועכענטליך, וואָס יעדער האָט געדאַרפט צאָהלען, אַחוץ דעם גע־וועהנליכען בייטראַג צו דער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע. דאָהערטי איז געוואָרן דער גענעראַל סעקרעטער, און פאָסטער מיט אַ גע־וויסען מק'גאָווען זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס די אָרגאַניזאַטאָרן פון די שפּינערס אין דער גאַנצער מלוכה.

צי די דאָזיגע „באַוועל־שפינערס' פעדעראַציע", ווי מיר וואָל־טען זי גערופען, איז טאַקע געוואָרן די פאַרשטעהעריו פון אַלע דריי לענדער, איז ניט באַקאַנט. אַ צווייטע אַלגעמיינע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין מאַנטשעסטער אין דע־צעמבער 1830, וועלכע האָט גענומען אַ שטעלונג אין דעם גרויסען שפּינערס'־סטרייק, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין אשטאָן־אָנדער־לאַין. אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז די קאָנסטיטוציע פון 1829 ווידער־אָנגענומען געוואָרן מיט אייניגע ענדערונגען. אַנשטאָט די דריי נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוועס איז, ווי עס ווייזט אויס, גע־גרינדעט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע פון דריי מיטגלידער, ערוועהלט פון דעם מאַנטשעסטער פאַראיין, צו וועלכער עס פלעגען אויף די מאַנאַטליכע פאַרזאַמלונגען קאָאָפּטירט ווערן, לויט אַ באַשטימטען

איז ער געוועזען אַן עדות פאַר דעם „ספּעציעלען קאָמיטעט וועגען אַרביי־טער־פאַראיינען", פאַר וועלכען ער האָט געשילדערט די אָרגאַניזאַציעס און די סטרייקס פון די שפּינערס.

סדר, צו צוויי דעלעגאַטען פון די אַרומיגע באַצירקען. פאָסטער איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס גענעראַל סעקרעטער; און אַ קאָמיטעט איז באַאויפטראַגט געוואָרן אויסצואַרבייטען אַן אַלגעמיינע ליסט פון פרייזען, צו וועלכען צוועק איין מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע אין יעדער פאַבריק איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צוצושטעלען אַ קאָפּיע פון דער ליסט, לויט וועלכער מען האָט די אַרבייטער באַצאָהלט זייער לוין. ניט קוקענדיג דערויף וואָס אַ וויכטעדיגע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון דער „גרויסער אַלגעמיינער יוניאָן" איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם פפינגסטען מאָנטאָג (ווהיט מאָנדעי) פון 1831, אין ליווערפול, קאָן מען מעהר קיין שפור ניט געפינען פון איהר עקזיסטענץ. וואַהרשיינליך האָט זיך די פּראָבע, אַריינצונעהמען אין זיך שאָטלאַנד און אירלאַנד, ניט איינגעגעבען, און די יוניאָן איז מיט דער צייט געוואָרן בלויז אַ פעדעראַציע פון די פאַראיינען אין לאַנקאַשייר, וועלכע האָט זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט דער אַגיטאַציע פאַר אַ געזעץ צו באַשרענקען די אַרבייטס־שטונדען.*

אָבער די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון באַוועל־שפּינערס" האָט צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דעם מעהר אַמביציעזען פּראָיעקט פון דער „טריידס־יוניאָן". דאָהערטי, וועלכער האָט קענטיג אויפגעגעבען זיין אָפּיציעלע פאַרבינדונג מיט דער באַוועל־שפּינערס' יוניאָן, איז געקומען צום געדאַנק פון אַ נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע, ניט בלויז פון איין טרייד, נאָר פון אַלע קלאַסען לוין־אַרבייטער. שוין אין

* פאָסטער איז אין 1831 געשטאָרבען, און מק'גאָווען האָט זיך באַזעצט אין גלאַזגאָו. „כמעט יעדער שפּינעריי באַצירק פון וועלכער עס איז באַדייטונג", שרייבט דער „פּור מענ'ס אַדוואָקייט", פון 23טען יוני, 1832, „איז געווען אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן. די מאַכט פון דער יוניאָן, פאַרשטעהט זיך, איז געוואַקסען מיט דער מיטגלידשאַפט און אַ גרויסע צאָהל בעלי־בתים, וועלכע האָבען געצאָהלט דעם נידעריגסטען לוין, זיינען געצוואונגען געוואָרען צו העכערן דעם לוין פון די שפּינערס ביז כמעט צו דער אָנגענומענער ראַטע... אָבער די יוניאָן, צו דעם וואוקס פון וועלכער מק'גאָווען האָט הויפּטזעכליך פיעל בייגעטראָגען, האָט זינט דעמאָלט, צוליעב מיסטרויען אָדער מודקייט, כמעט אינגאַנצען פאַרלאָרן איהר באַדייטונג".

מאַי פון 1829 געפינען מיר, אַז נאָך אַלס סעקרעטער פון די באַוועל־
שפּינערס פון מאַנטשעסטער, האָט ער, אין אַ בריעף צו די ליוּוער־
פּולער זעגעלמאַכערס, וועמען ער דאַנקט פאַר אַ בייטראַג פון צעהן
פונט, אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז „אונזערע געמיינשאַפטליכע
אָנשטרענגונגען וועלען ענדליך פיהרען צו אַ „גראַנדיעזער אַלגע־
מיינער יוניאָן“ פון די אַרבייטער פון אַלע טריידס אין דער פאַר־
איינינגטער מלוכה“. אויף זיין איניציאַטיווע איז אַ דעלעגאַטען־
פאַרזאַמלונג פון צוואַנציג אָרגאַניזירטע טריידס אָפּגעהאַלטען גע־
וואָרן אין מאַנטשעסטער, אין פעברואַר, 1830, וועלכע האָט מיט
פינף חדשים שפּעטער געפיהרט צו דער גרינדונג פון דער „נאַציאָ־
נאַלער אַרבייטער־שוץ געזעלשאַפט“.* דער אויסדריקליכער צוועק

* די ערשטע אָנדייטונג וועגען אַן אַלוועלטליכער טריידס־יוניאָן
האָבען מיר געפונען אין די „אַרטיקלען פון דעם פילאַנטראָפּישען הער־
קולעס, פאַר דער געגענזייטיגער אונטערשטיצונג פון די אַרבייטענדע
בעלי מלאכות“. די דאָזיגע „אַרטיקלען“ ענטהאַלטען דעם פּלאַן פון דעם
ענערגישען שיפבויער דזשאהן גאסט, וועלכער איז געוואָרען דער פריינד
און חבר פון פראַנסיס פּלייס. דער איינלייטונג־אַדרעס, וועלכער שלאָגט
פאָר, אַז יעדער מיטגליד זאָל צאָהלען אַ פּעני אַ וואָך, עס זאָל אָרגאַניזירט
ווערען אַן אַלגעמיינער דעלעגאַטען־קאָמיטעט פון יעדען פאַך און דאָס
געלד זאָל געהאַלטען ווערען אין אַ צענטראַלער קאַסע, איז אָפּגעדרוקט
געוואָרען אין „גאָרגאָן“ פון 5טען דעצעמבער, 1818. אין דער אויסגאַבע
פון דעם 29 יאַנואַר, 1819, ווערט געמאָלדען, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט
זיך געגרינדעט. די קאָנסטיטוציע, וועלכע איז אונטערגעשריבען פון
דזשאָהן גאסט אַלס פּרעזידענט, און איז דאַטירט דעם 24טען דעצעמבער,
1818, געפינט זיך אין פּלייס'עס מאַנוסקריפּטען. מעהר געפינען מיר
די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע ניט דערמאָנט, וועלכע איז קענטיג געבאָרן גע־
וואָרן אַ טויטע זאַך. אַ וויכטיגערע פּראָבע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן
מיט אַכט יאָהר שפּעטער, האָט קיין בעסערן ערפאָלג ניט געהאַט. „אין
1826 — דערוויסען מיר זיך צופעליג פון דעם „הערלד אָוו דהי רייטס אָוו
אינדוסטרי“ (מאַנטשעסטער, אַפּריל 5, 1834) — איז אַ טריידס־יוניאָן גע־
גרינדעט געוואָרן אין מאַנטשעסטער, וועלכע האָט זיך ניט שטאַרק פער־
שפּרייט אין מאַנכע אַרומיגע באַצירקען און האָט אַריינגענומען עטלי־
כע פאַכען אין יעדען באַצירק; זי איז אָבער אונטערגעגאַנגען, נאָך איי־
דער זי האָט צייט געהאַט באַקאַנט צו ווערן צווישען דער גרויסער
מאַיאָריטעט אַרבייטער פון דעם אומגעגענד.“

פון אָט דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו שטעלען זיך געגען יעדען פּארזוך צו רעדוצירן דעם ארבייטס־לוין, אָבער ניט צו סטרייקען פאר לוין־העכערונגען. איהר קאָנסטיטוציע האָט די געזעלשאַפט צום גרעסטען טייל געבאָרגט ביי דער באַוועל־שפּינערס' יוניאָן, וועלכע האָט דאַן עקזיסטירט און צו וועלכע זי איז געווען שטאַרק עהנליך דערמיט, וואָס זי איז אויך געווען אַ פארבאַנד פון באַזונדער עקזיסטירנדע פּאַראיינען און ניט קיין אָרגאַניזאַציע פון איינצעלנע מיטגלידער. יעדער אַנגעשלאָסענער פּאַראיין האָט געצאָהלט איין פונט איינטריטס־געלד, אַ שילינג פאר יעדען מיטגליד, און אַ פּעני פער קאָפּ וועכענטליכען ביוטראַג. דאָהערטי איז געווען דער ערש־טער סעקרעטער, און דער פאַרבאַנד האָט קענטיג גאָר אין גיכען זיך ערוואָרבען אַ מיטגלידערשאַפט פון 150 באַזונדערע יוניאָנס, מעהרסטענס פון לאַנקאַשייר, טשעשייר, דערבי, נאָטינגהאַם און לעסטער. די פּאַכען וואָס האָבען זיך אַנגעשלאָסען, זיינען מיים־טענטיילס געווען פארבונדען מיט די פארשיידענע טעקסטיל־אינ־דוסטריען, ווי די באַוועל־שפּינערס, די זאַקען־מאַכערס, די קאַרטון־דרוקערס און די זייד־וועבערס, וועלכע האָבען געשפּילט אַ פיהרענדע ראָלע. צו דער געזעלשאַפט האָבען אויך געהערט מעהרערע פּאַר־איינען פון מעכאַניקער, אייזען־ארבייטער, שמידען און פארשיידענע אַנדערע פּאַכען. די בוי־פּאַכען זיינען געווען שוואַך פּארטראָטען, — אַ פּאַקט וואָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט דער בוי־ארבייטער פּאַרבאַנד, וועלכען מיר וועלען שפּעטער שילדערן. דער חשבון פון דער געזעלשאַפטס' הכנסה פאַר די ערשטע ניין חדשים פון איהר עקזיסטענץ ווייזט, אַז די איינצאָהלונגען האָבען באַטראָפען £1,866. לויט דער סומע האָט די אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ מיטגלידשאַפט פון 10,000 ביז 20,000, וואָס איז געווען פּאַרשפּרייט אין די דערמאָנטע פינף באַ־צירקען.

אַ לעבהאַפטע פּראָפּאַגאַנדאַ איז אַנגעפיהרט געוואָרן אין די צפון'דיגע און מיטעלענדישע באַצירקען פון איהרע באַאַמטע, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבען צו גרינדען אַ וואָכענבלאַט, דעם „יונייטעד טריידס קאָאָפּערייטיוו דזשורנאַל", וועלכער האָט גע־מוזט איינגיכען אונטערגעהן צוליעב דעם דרוק פון די „סטעמפּ־

קאָמיסיאָנערן" פון דער רעגירונג, וועלכע האָבען ניט־אַנדערש געפאָדערט, אַז אויף יעדען נומער זאָל אַרויפגעקלעפּט ווערן אַ מאַרקע פון 4 פּענים.* ניט פּאַרלירענדיג דעם מוט דורך דעם דורכפאַל, האָט דער קאָמיטעט אונטערגענומען די ערנסטערע אונטערנעהמונג אַרויסצוגעבען אַ וואָכענשריפט מיט אַ 7־פּענידיגער מאַרקע און האָט איינגעלאַדען פראַנסים פּלייס צו ווערן דער קאַסיר פון אַ פאָנד, וואָס מען האָט געזאַמעלט פאַר דעם צוועק. „די ביישטייערונגען" — שרייבט פּלייס צו דזשאָהן קאַם האָבהאוז, דעם 5טען דעצעמבער, 1830 — „קומען אַריין פון בירמינגהאַם ביז צום קלייד; דער קאָמיטעט געפינט זיך אין מאַנטשעסטער; די געזאַמעלטע סומע באַטרעפט אַרום £3,000, און זי וועט, ווי זיי זאָגען מיר, אינגיכען פאַרגרעסערט ווערן ביז £5,000, מיט וועלכער סומע, ווען זי וועט געזאַמעלט ווערן, זיי פּלאַנעווען אַרויסצוגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג אונטער'ן נאָמען „דהי וואָיס אָוו דהי פּיפּעל" („די שטימע פון פאָלק"). און אין יאַנואַר 1831 איז טאַקע ערשינען דער ערשטער נומער פון אַן אויסגעצייכענטען וועכענטליכען זשורנאַל, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע „צו פאַראייניגען די פּראָדוצירנדע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט אין איין געמיינשאַפטליכען בונד פון אַחדות". אַחוץ די אויספיהרליכע וועכענטליכע באַריכטען פון די פאַרזאַמלונגען פון דעם קאָמיטעט פון דער „נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט אין מאַנטשעסטער און נאָטינהאַם", האָט די דאָזיגע צייטונג, וועלכע איז געוועזען אויסגעצייכענט רעדאַקטירט פון דזשאהן דאָהערטי, געווידמעט פיעל פּלאַץ פאַר ראַדיקאַלער פּאָליטיק, איינשליסענדיג די אַגיטאַציע פאַר דער צוריקרופונג פון דעם פאַראייניגונגס־געזעץ מיט אירלאַנד, און דעם פּאָרטשריט פון דער רעוואָלוציע אין די אייראָפּעאישע לענדער.**

---

* 31 נומערן, פון דעם 6טען מערץ ביז דעם 2טען אָקטאָבער, 1830, געפינען זיך אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאַנטשעסטער.

** די נומערן פון יאַנואַר ביז סעפּטעמבער, 1831, געפינען זיך אין בריטיש מוזעאום. זעה פּלייס'עס בריעף אין „וועסטמינסטער ריוויו", 1831, ז. 243.

פון די באַריכטען וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער „שטימע פון פאָלק“ זעהן מיר, אַז די ערשטע וויכטיגע האַנדלונג פון דער געזעלשאַפט איז געווען, צו שטיצען דעם גרויסען סטרייק פון די באַוועל־שפּינערס אין אַשטאָן־אַנדער־לאַין, אין דעם ווינטער פון 1830־1831. באַדייטענדע סומען זיינען געזאַמעלט געוואָרן פון אַ שטייער וואָס איז אַרויפגעלעגט געוואָרן צו שטיצען דעם סטרייק. די נאָטינגהאַמער פאַכען האָבען בייגעשטייערט היבשע סומען. אָבער דער פאַרבאַנד האָט גאָר איינגיכען באַגעגענט אַ שטערונג. אין פעברואַר 1831, איז אַ נייער סעקרעטער אַנטלאָפען מיט £100. דאָס האָט באַוואויגען אַ דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אין נאָטינגהאַם, אין אַפּריל 1831, אָנצונעהמען אַ באַשלוס, אַז יעדע יוניאָן זאָל ביי זיך האַלטען דאָס געלד וואָס איהרע מיטגלידער האָבען בייגעטראָגען. אָבער די געוועהנליכע שוואַכקייטען פון די יוניאָנס פון די פאַרשיידענע פאַכען האָבען זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזען. דאָס וואָס די לאַנקאַשיירער צווייגען פון דער אָרגאַניזאַציע האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצען דעם גרויסען נאָטינגהאַמער סטרייק, וועלכער איז אַביסעל שפּעטער אַרויסגערופען געוואָרן, האָט געפיהרט דערצו, אַז די נאָטינגהאַמער מיטגלידער זאָלען פאַרלאָזען די אָרגאַניזאַציע. די געזעלשאַפט האָט זיך פונדעסטוועגען פאַרשפּרייט אין נייע געגענדען. אַרום סוף אַפּריל פון דעמזעלבען יאָהר איז פאָרגעקומען אַ דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אין באָלטאָן פון פאַרשטעהער פון 9,000 קויהלענגרעבער פון סטאַפאָרדשייר, יאָרקשייר, טשעשייר און וויילס, וועלכע האָבען באַשלאָסען זיך אָנצושליסען אָן דעם פאַרבאַנד. די בעלפאַסטער אַרבייטער פון פאַרשיידענע פאַכען האָבען זיך געווענדט מיט אַ פאַרלאַנג מען זאָל זיי אויפנעהמען. אין לידז זיינען אויפגענומען געוואָרן 9,000 מיטגלידער, מייסטענטיילס פון די וואָל־אַרבייטער. אַגיטאַטאָרן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די טעפּערס פון סטאַפאָרדשייר; און אַ „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון טעפּערס“ איבער'ן גאַנצען לאַנד איז אָרגאַניזירט און אָנגעשלאָסען געוואָרן אָן פאַרבאַנד. די דאָזיגע טעטיגקייט באַרעכטיגט ביז צו אַ געוויסען גראַד די באַהויפּטונג, וואָס איז אין פאַרשיידענע פּלעצער געמאַכט געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד האָט געהאַט הונדערט טויזענד מיטגלידער, און אַז „די

שטימע פון פאָלק", וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרן וועכענטליך און האָט געקאָסט 7 פּענים אַ נומער, האָט געהאַט אַ לעזער קרייז פון דרייסיג טויזענד, וואָס איז פאַר יענער צייט געווען אַן אומ־געהייער גרויסע זאַך.

דאָ ענדליך געפינען מיר די פאַרקערפּערונג פון דעם גרויסען געדאַנק פון דער „טריידס־יוניאָן". אינגיכען האָבען די צייטונגען אויפגעהויבען אַזאַ גרויסען טומעל וועגען דער באַוועגונג, אַז די אַרבייטסגעבער האָבען זיך דערשראָקען, די פאַנטאַזיע פון דעם מיטעלקלאַס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּיעלט, און די רעגירונג איז געווען געצוואונגען איהר צו שענקען איהר אויפמערקזאַמקייט. עס איז אָבער קיין גרונד ניט געווען פאַר וואָס זיך צו שרעקען. דער מאַנגעל אין געלד־מיטלען האָט געפּירט דערצו, אַז דער פאַר־באַנד איז געווען ניט מעהר ווי אַ נאָמען. אין די נומערן פון איהר אָרגאַן, וואָס זיינען געבליבען, געפינט זיך פּאַקטיש ניט קיין באַריכט וועגען וועלכער עס איז באַדייטענדער פאַך־טעטיגקייט. די טעטיגקייט פון דעם מאַנטשעסטער קאָמיטעט, ווי עס זעהט אויס, איז געווען באַשרענקט אויף דעם אָנפיהרען די אַגיטאַציע פאַר דעם געזעצפּראָיעקט וועגען „פאַרקירצען די אַרבייטס־צייט". דעם 23טען אַפּריל, 1831, אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם פאַרבאַנד, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גערופען די „לאַנקשייר טריידס־יוניאָן", איז באַשלאָסען געוואָרן צוצוגרייטען פּעטיציעס צו גונסטען פון דעם, אַז דער פּראָיעקט זאָל אויסגעברייטערט ווערן אויף אַלע פאַכען און אַלע קלאַסען אַרבייטער. צו דערזעלבער צייט האָט מען אַקטיוו געשטיצט מר. סעדלער'ס פאַבריק־געזעץ פּראָיעקט. ביים סוף פון יאָהר פאַרלירן מיר פלוצלינג יעדען שפּור פון דער „נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פאַר אַרבייטער־שוץ", אַזוי ווייט ווי עס באַריהרט מאַנטשעסטער. „נאָכדעם ווי דער פאַרבאַנד האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַן ערך 100 מייל אַרום דער שטאָדט", שרייבט אַן אַרבייטער־צייטונג אין 1832, „האָט פּאַסירט אַן אומ־גליק, וועלכער האָט די אָרגאַניזאַציע שיעור ניט פאַרניכטעט... נאָר ניט קוקענדיג דערויף וואָס די אָרגאַניזאַציע איז צוריקגע־פאַלען אין מאַנטשעסטער, האָט זי זיך פאַרשפּרייט און געבליהט אין אַנדערע פּלעצער; און עס פרעהט אונז צו מעלדען, אַז דער

מוטיגער ביישפיעל פון יאָרקשייר און אַנדערע ערטער וועט וואַר־שיינליך ווידער אַריינגעבען נייעם לעבען אין יענע אָפּגעשוואַכטע פּאַכען, וועלכע האָבען געהאַט דעם כבוד צו גרינדען און אויפצו־בויען דעם פאַרבאַנד״.

אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער אומגליק, וועלכער האָט געמאַכט אַ תל פון דעם פאַרבאַנד אין מאַנטשעסטער, ווערט ניט דערצעהלט; עס איז אָבער קענטיג, אַז דאָהערטי, וועמעס אָר־גאַניזאַציאָנס־פעהיגקייט דער פאַרבאַנד האָט געהאַט צו פאַרדאַנ־קען זיין גרינדונג, האָט זיך צעקריעגט מיט דער עקזעקוטיווע און די „וואָס אָוו דהי פיפעל״ האָט אויפגעהערט צו ערשיינען. אַנשטאָט איהר, געפינען מיר, האָט דאָהערטי, אין יאַנואַר 1832, אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען דעם „פּור מענ׳ס אַדוואָקייט״, און האָט זיך אומזיסט געמיהט, ניט אַכטענדיג אויף דעם „גייסט״ פון „קנאה און פאַרטייאישקייט״, אויפצובויען די צווייגען פון דעם פאַרבאַנד אין יאָרקשייר אין אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל האָבען איהר הויפט־קוואַרטיר אין לאָנדאָן. פון מיטען יאָהר 1832 הערן מיר מעהר ניט, ניט וועגען דעם פאַרבאַנד גופא און ניט וועגען דאָהערטי׳ס מעהר אַמביציעזע פלענער וועגען איהם.*

דער פּלאַץ פון דעם „נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד״ איז אינגיכען פאַרנומען געוואָרן פון אַנדערע גלייכצייטיגע אַלגעמיינע פאַד־געזעלשאַפטען, פון וועלכע די ערשטע און וויכטיגסטע איז געווען די „בילדערס׳ יוניאָן״, אָדער די „דזשענעראַל טריידס־יוניאָן״, ווי מען האָט זי צייטענווייז גערופען. זי איז געווען צוזאַמענגעשטעלט

* אין דערזעלבער צייט האָבען די קויהלענגרעבער פון נאָרטהומ־בערלאַנד און דורהעם, אונטער דער פיהרערשאַפט פון „טאָמי העפּבאָירן״, אַן אויסערגעוועהנליך פעהיגער אָרגאַניזאַטאָר, געגרינדעט זייער ערשטע שטאַרקע יוניאָן, אין 1830, וועלכע האָט צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד אַרויס־גערופען גרויס אויפרעגונג אין די צוויי באַצירקען. סטרייקס און אומרוהען אין 1831 און 1832 האָבען געפיהרט דערצו, אַז מען זאָל אַרויסרופען סאָלדאַטען. מאַרין־סאָלדאַטען זיינען געשיקט געוואָרען פון פּאָרטסמוט, און סקאַדראָנען קאַוואַלעריע האָבען גערייניגט די געגענד. נאָך אַ קאַמף פון 6 חדשים, אין 1832, איז די יוניאָן צוזאַמענגעבראָכען און די אַרבייטער האָבען זיך אונטערגעגעבען.

פון זיבען בוי־פאַכען, נעמליך: סטאָלערס, מויערער, ציגעל־לעגערס, מולערס, פלאָמבערס (רעהרן־לעגערס), פאַרבערס און פראָסטע בוי־אַרבייטער, און אַזוי ווייט ווי מיר ווייסען איז דאָס געווען דער איינציגער פאַל אין דער געשיכטע פון אַט די פאַכען, וואָס אַ פעדעראַטיווע יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרן, וועלכע האָט אַריינגענומען אין זיך אַלע קלאַסען בוי־אַרבייטער און האָט זיך פאַרגענומען אויסצוברייטען איהר טעטיגקייט איבער'ן גאַנצען לאַנד.*

* עס איז ניט קלאָהר, צי דער פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע שטאַמט פון די סטאָלערס אָדער פון די מויערערס. די סטאָלערס און טישלערס זיינען באַריהמט אונטער די בוי־פאַכען צוליב דער אַלטקייט פון זייערע לאָקאַלע טרייד־קלובען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין לאָנדאָן נאָך אין יאָהר 1799. אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען אין לאָנדאָן אין יולי 1827, אונטער דעם נאָמען „דהי פרענדלי סאָסייעטי אָוו אָפּערייטיוו קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס", וועלכע עקזיסטירט נאָך היינט אונטער'ן נאָמען „דזשענעראַל יוניאָן". מאַנוסקריפּט־פּראָטאָקאָלען, וועלכע געפינען זיך אין דער ביוראָ פון דער לעצטער, ווייזען אַז די דאָזיגע פעדעראַציע האָט געצעהלט 938 מיטגלידער אין 1832, איז געוואַקסען צו 3,691 מיטגלידער אין 1833, און אויף 6,774 אין 1834, אַ צאָהל וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט ביז 1865. דער שנעלער וואוקס פון דער מיטגלידער־צאָהל איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַלגעמיינער אומרוהיגקייט פון יענע יאָהרען. אָבער די דאָזיגע געזעלשאַפט האָט ניט פערבונדען איהר שיקזאַל מיט דער „בילדערס' יוניאָן" ביז 1833. פון דער אַנדער זייט אָבער געפינען מיר, אַז די עקזיסטירנדע „אָפּערייטיוו סטאָונמייסאָנס' פרענדלי סאָסייעטי", וועלכע רעכענט איהר זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ זינט 1834, אָבער וועלכע האָט זיכער אין אַ געוויסער פאָרם עקזיסטירט זינט 1832, האָט אין איהרע אַרכיוועז אַן אָריגינעלען מאַנוסקריפּט פון די תקנות און איינפיהר־צערעמאָניעס, וואָס שטאַמט קענטיג פון דער „בילדערס' יוניאָן". און אין אָט די דאָקומענטען פיגורירען די מויערער אַלס די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער. נאָך מעהר, די תקנות און צערעמאָניעס זיינען זעהר עהנליך צו די פון די דאַמאָלסדיגע יוניאָנס פון וואָל־אַרבייטער אין יאָרקשייר; און לויט אַ געוויסער טראַדיציע איז די עלטסטע לאָדזש פון דער „מייסאָנס סאָסייעטי", טאַקע געגרינדעט געוואָרן אין דעם וואָל־צענטער פון האַדערספיעלד, בעת די „פרענדלי סאָסייעטי אָוו קאַרפּענטערס ענד דזשאָי־

די „גרויסע תקנות“ פון דער „בילדערס׳ יוניאָן“ זיינען אַרויס־געבראַכט אין אַן אויספיהרליכער קאָנסטיטוציע, אין וועלכער עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאָרזוך צו פאַראייניגען אַ לאָקאַלע־ און פאַך־אויטאָנאָמיע פון באַזונדערע לאָדזשעס מיט אַ צענטראַלי־זירטער אויטאָריטעט צוליעב זעלבסט־שוץ און אָנגריף. די תקנות ערקלערן אונז, אַז „דער צוועק פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין אויפצוהעבען און אויסצוגלייכען דעם אַרבייטס־פּרייז אין יעדען צווייג פון דעם פאַך וואָס ווערט אַריינגענומען אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט“. יעדער לאָדזש זאָל „רעגירט ווערן דורך זיין אייגענעם פאַסיר־וואָרט און צייכען, מויערער באַזונדער, און סטאָלערס באַזונדער, און אַזוי ווייטער“; און עס איז באַשטימט, אַז „קיין לאָדזש קען ניט געגרינדעט ווערן פון מיטגלידער פון אַ לאָדזש וואָס געהערט ניט צו דעמזעלבען פאַך; מויערער זאָלען אָרגאַניזירן מויערער, סטאָלערס זאָלען אָרגאַניזירן סטאָ־לערס און אַזוי ווייטער“; נאָך מעהר, „קיין מיטגליד דאַרף ניט באַזוכען אַ לאָדזש וואָס איז ניט פון זיין פאַך, סיידען ער ווערט ספּעציעל געלאַדען“. יעדער פאַך האָט געהאַט זיינע איי־גענע נעבען־געזעצען; אָבער זיי זיינען אַלע געווען אונטערוואָר־פען די אַלגעמיינע תקנות וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף אַ יעהרליכער דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג. די דאָזיגע יעהרליכע קאָנ־פערענץ פון די „גרויס־לאָדזש דעלעגאַטען“, בעסער באַקאַנט אַלס דער „בילדערס׳ פּאַרלאַמענט“ („פּאַרלאַמענט פון בוי־אַרבייטער“), איז באַשטאַנען פון איין פאָרשטעהער פון יעדען לאָדזש, און איז געווען די העכסטע געזעצגעבענדע אויטאָריטעט אין ענדערן געזעצען, ענטשיידען אַלגעמיינע פראַגען פון טאַקטיק און אויסקלייבען

נערס“, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן, האָט געהאַט איהר הויפּט־קוואַרטיר אין לעסטער. אָבער ווי דער פאַל זאָל ניט זיין, די קאָנסטיטוציע און די צערעמאָניעס וואָס ווערען באַשריבען אין די דאָ־זיגע דאָקומענטען זיינען נאָר אויף אַזויפיעל וויכטיג, אויף וויפיעל זיי זיינען ענהליך צו די תקנות פון אַ סך נאַציאָנאַלע יוניאָנס, וואָס האָבען עקזיסטירט אין יענער צייט, און וועלכע זיינען מיוסטענטיילס אָנגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער „אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער קאָנסאָ־לידירטער טריידס־יוניאָן“, פון 1834.

דעם פּרעזידענט און אַנדערע באַאַמטע. די לאָקאַלע לאָדזשעז, הגם זיי זיינען געווען דירעקט פאַרטראָטען אויף דער יעהרליכער פאַרזאַמלונג, האָבען זיי אָבער אין דער צווישען־צייט קענטיג געהאַט ווענינ פאַרבינדונג מיט דער הויפּט־פאַרוואַלטונג. די געזעלשאַפט איז געווען איינגעטיילט אין געאָגראַפישע באַצירקען, די לאָדזשעז אין יעדען באַצירק פלעגען שיקען דעלעגאַטען צו די פערטעל־יעהרליכע באַצירקס־פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגען וועהלען אַ „גרענד־מייסטער“, אַ וויצע „גרענד־מייסטער“ און אַ קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטער פאַר דעם באַצירק און באַשליסען וועלכער לאָדזש זאָל זיין דער „דיוויזיאָנעל לאָדזש“ פון דעם באַצירק, אָדער דער עקזעקוטיווער צענטער פון באַצירק. די דאָזיגע דיוויזיאָנעלע לאָדזשען, אָדער פּראָווינציאָנעלע צענטערס, האָבען לויט די תקנות באַדאַרפט דיענען נאָך דער רייהע נאָך פאַר אַ געוויסער צייט אַלס הויפּט־לאָדזש, אָדער עקזעקוטיווער צענטער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. צי די מיטגלידער פון דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט פלעגען אויסגעקליבען ווערן פון דעם הויפּט־לאָדזש אָדער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט איז ניט קלאָר; זיי האָבען אָבער, צוזאַמען מיט דעם פּרעזידענט און הויפּט קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטער, צונויפגעשטעלט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע. די הוצאות פון דער דאָזיגער עקזעקוטיווע און פון די יעהרליכע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונגען זיינען אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט; יעדער פאַראיין האָט אַריינגעשיקט אַ מאָנאַטליכען באַריכט פון דער מיטגלידערשאַפט און אַ פינאַנץ־באַריכט צום גענעראַל־סעקרעטער. די הויפּט־אַרבייט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע איז באַשטאַנען אין באַשטימען די פּאַד־טאַקטיק פון דער געזעלשאַפט, און צוריקהאַלטען אָדער געבען זייער הסכמה אויף סטרייקס. אַזוי ווי עס ווערט ניט דערמאָנט וועגען גענענזייטיגער אונטערשטיצונג („בענעפיטס“), מעגען מיר דערפון שליסען, אַז די „בילדערס' יוניאָן“, ווי די מייסטע נאַציאָנאַלע אָדער אַלגעמיינע „יוניאָנס“ פון יענער שטורמדיגער צייט, האָט זיך אויסשליסליך אָפּגעגעבען מיט פאַרטיידיגען די מיטגלידער געגען זייערע בעלי־בתים.

די בוי־אַרבייטער האָבען זיך ניט באַגנוגענט מיט אַן אויספיהרליכער קאָנסטיטוציע און אַ קאָדעקס. זיי האָבען אויך געהאַט אַ

ריטואַל. די „סטאָונמייסאָנס סאָסייעטי“ האָט אויפגעהאַלטען אין
איהרע פּראָטאָקאָלען אַ געשריבענע קאָפּיע פון אַ „צערעמאָניען-
פאָרם“, וואָס אַלע לאָדזשען פון דער „בילדערס׳ יוניאָן“ האָבען
געמוזט באַנוצען ביים אויפנעהמען נייע מיטגלידער. אונטער די
„געזעצען קעגען פאַראייניגונג“ איז געווען איינגעפיהרט, אַז יעדער
מיטגליד זאָל שווערן, אַז ער וועט זיין געהאָרכזאַם און האַלטען
אַלץ געהיים, איבערהויפּט אין די מעהר געהיימע און אומרוהיגע
טרייד-יוניאָנס, ווי פון די באַוועל-שפּינערס אין גלאַזגאָו און די
קויהלענגרעבערס פון נאָרטהומבערלאַנד. דער דאָזיגער מנהג איז
געבליבען נאָכדעם ווי די געזעצען זיינען צוריקגערופען געוואָרען;
און דער איינטריט אין דער „בילדערס׳ יוניאָן“ איז געווען פאַר-
בונדען מיט אַ לאַנגער צערעמאָניע, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען
פון די באַאַמטע פון לאָדזש — די „אינוועניגסטע און דרויסענדיגע
וואַך“, דער „טיר-היטער“, דער „פּרעזידענט“, „סעקרעטער“ און
„הויפּט פיהרער“ — מיט דער באַטייליגונג פון די קאַנדידאַטען
און די מיטגלידער פון לאָדזש. אחוץ דער ערעפענונגס-תפלה און
די רעליגיעזע הימנעס, וואָס זיינען צייטענווייז געזונגען גע-
וואָרען, איז די „איינפיהרס-צערעמאָניע“ באַשטאַנען אין פראַגען און
ענטפערס פון די „דראַמאַטישע פּערזאָנען“ אין אַלטפרענקישע פוס-
טע גראַמען, וועלכע האָבען זיך געענדיגט דערמיט, וואָס די נייע
מיטגלידער פלעגען שווערן צו זיין טריי דער געזעלשאַפט און היטען
איהרע סודות. די ווייסע קיטלען, אין וועלכע די באַאַמטע זיינען
געווען אָנגעטאָן, דער אינוועניגסטער צימער, וואו מען האָט די
קאַנדידאַטען אַריינגעפיהרט מיט פאַרבונדענע אויגען, אַ סקעלעט,
אַ בלויזער שווערד, שלאַכט-העק און אַנדערע מיסטישע מכשירים
פלעגען פאַרגרעסערן דעם סענזאַציאָנעלען ערנסט פון דער פאַנ-
טאַסטישער צערעמאָניע.* עהנליכע צערעמאָניעס זיינען געווען אָנ-

* אַן עהנליכער ריטואַל איז געדרוקט אין „קאַראַקטער, אָבדזשעקטס
ענד עפעקטס אָוו טריידס-יוניאָנס“ (לאָנדאָן, 1834), ווי ער איז באַנוצט
געוואָרען פון דער „וואָלקעמערס יוניאָן“. עס איז מעגליך, אַז די „ביל-
דערס׳ יוניאָן“ האָט קאָפּירט איהר ריטואַל פון עפּעס אַ יוניאָן פון וואָל-
אַרבייטער. דער מאַנוסקריפּט פון די „סטאָונמייסאָנס“ איז עהנליך צו
דעם וואָס איז אָבגעדרוקט אין דער דערמאָנטער בראָשורע. „קעניג

גענומען ביי אלע נאציאנאלע און אלגעמיינע יוניאנס פון יענער צייט; און מיר געפינען אין די ביכער פון פארשיידענע לאדזשעז פון דעמאלסטדיגע געזעלשאפטען פארשריבען הוצאות אויף „וואשען די קיטלען“, וואס די באאמטע פלעגען טראגען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס אין די מייסטע פאלען זיינען די צערעמאניעס בלי ספק געווען אומשעדליך, ווי די פון די „פריימויערער“ אדער „אדדפעללאום“, האט דאך די אויפרעגונג און סענסאציע פון די צערעמאניעס געקאנט מאכען א טיעפען איינדרוק אויף די גרינג־קעפיגע פאנאטישע מיטגלידער, אז אין צייטען פון אינדוסטריעלע אומרוהען זאלען זיי באגעהן גוואלטטאטען אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט. יעדענפאלס, די אנדייטונגען אויף דעם כלומרשטען טערור פון די צערעמאניעס, אין דער קאפיטאליסטישער פרעסע, האבען ווי עס ווייזט אוים ווירקליך איבערגעשראקען די הערשענדע קלאסען.

עדווארד דער דריטער“ ווערט אין איהם דערמאנט מיט גרויס דרך־ארץ, אלס דער וואוילטעטער פון דער ענגלישער וואל־אינדוסטריע, אבער זיין שייכות מיט די בוי־פאבען איז ניט קענטיג. אין א שפעטער געדרוקטער אויסגאבע פון „דהי איינישיאייטינג פארטס או דהי פרענדלי סאסייעטי או אפעריטיוו מייסאנס“, דאטירט בירמינגהאם, 1834, ווערט דעם קעניג׳ס נאמען ניט דערמאנט. אנשטאט איהם ווערט דערמאנט שלמה המלך. ווי עס ווייזט אוים, האבען זיי עס איבערגענומען פון די פריימויערער, וועלכע באהויפטען, אז זייער ארדען האט זיך געגרינדעט ביים בויען פון דעם בית־המקדש אין ירושלים. די אמת׳ע אבשטאמונג פון די דאזיגע איינפיהר־צערעמאניעס איז אויף זיכער ניט באקאנט. דזשאהן טעסטער, וועלכער איז געווען א פיהרער פון די בראדפארדער וואלקעמערס אין 1825, איז שפעטער ארויסגעטראטען קעגען די יוניאנס און האט געדרוקט א סעריע בריעף אין דער „לידז מערקורי“ פון יוני און יולי, 1834, אין וועלכע ער האט אנגעגריפען די לידזער קליידער־ארבייטער׳ס יוניאן. אין די בריף דערצעהלט ער, אז „די ארט און ווייזע פון אויפנעהמען נייע מיטגלידער איז געווען דיזעלבע, וואס איז פראקטיצירט געווארן מיט יאהרן צוריק ביי די פלאנעל־וועבער פון ראטשדייל. א גרויסער טייל פון דער צערעמאניע, ספעציעל די טויט־סצענע, איז גענומען געווארן פון די צערעמאניעס פון אן אפטיילונג פון די „אדדפעללאוס“... וועלכע זיינען געווען פלאנעל־ווע־

די ערשטע יאָהרן פון דער „בילדערס'יוניאָן“ זיינען קענטיג
געווען פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַציע. אין פאַרלויף פון 1832 האָט
זי זיך געשווינט פאַרשפּרייט איבער לאַנקאַשייר און די מיטענלענ־
דישע שטעדט; און אין אָנהויב פון דעם נעקסטען יאָהר איז אַ
פאַראייניגטער אָנגריף געמאַכט געוואָרן אויף די ליווערפּולער אַר־
בייטסגעבער. די אָנגעגעבענע קריוודע פון די אַרבייטער איז באַ־
שטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט זיך באַוויזען דער „קאָנטראַקטאָר“,
וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרוואַלטען די גאַנצע בוי־
אַרבייט. אַ פּלאַקאַט פון די ליווערפּולער פאַרבערס מאַכט באַקאַנט,
אַז זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער „דזשענעראַל יוניאָן אָוו
אַרטיזאַנס עמפּלאָיד אין דהי פּראָסעס אָוו בילדינג“ (אַלגעמיינער
פאַרבאַנד פון בעלי־מלאכות וואָס זיינע באַשעפטיגט ביי בוי־אַר־
בייט), אום צו באַקעמפען „דעם שעדליכען, אומגערעכטען און רו־
אינירענדען סיסטעם פון מאָנאָפּאָליזירן די שווער־פאַרדיענטע פּראָ־
פיטען דורך פרעמדע מענשען, וואָס מען רופט „קאָנטראַקטאָריי“.“
נאַטירליך, די קליינע בעלי־בתים זיינען ניט געווען פריינדליך צו

בערס אין ראָטשדייל און לאַנקאַשייר; און אַלץ וואָס מען האָט געקענט
ליכט אַריבערטראָגען פון די תקנות און לעקציעס פון איין געזעלשאַפט
אין דער צווייטער, איז אַריבערגעטראָגען געוואָרן מיט אַן אומבאַדיי־
טענדער ווערטערליכער ענדערונג“. אין אַן אַנדער בריעף זאָגט ער, אַז
דער פּערפּאַסער פון דעם „לעקציע בוך“ איז געווען איינער אַ מאַרק
וואָרד. מען דאַרף זיך אויף טעסטער'ן אינגאַנצען ניט פאַרלאָזען. עס
שיינט אָבער, אַז די רעגאַליע, די גראַמען און די מיסטישע צערעמאָ־
ניעס פון די יוניאָנס פון יענער צייט, זיינען טאַקע קאָפּירט געוואָרן
פון אַן „אָדדפעללאָוס“ לאָדזש, מיט אַ געוויסער צומישונג פון „פריוו־
מויערערטום“. אין זיין „מיוטשואַל טריפט“ (לאָנדאָן, 1891), באַ־
שרייבט רעוורענד דזש. פראָם ווילקינסאָן (ז. 14), די איינפיהר־צערע־
מאָניע פון די „פּאַטריאָטישע אָדדפעללאָוס“, אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט
זיך צונויפגעשמאָלצען מיט דעם איצטיגען „גרענד יונייטעד אָרדער אָוו
אָדדפעללאָוס“ פאַר'ן סוף פון דעם יאָהרהונדערט. די צערעמאָניע, ווי
זי ווערט געשילדערט, שטימט אין פיעלע כאַראַקטעריסטישע פּרטים מיט
די צערעמאָניעס פון די טריידס־יוניאָנס. אַלע אַלטע געגענזייטיגע אונ־
טערשטיצונגס געזעלשאַפטען אָדער „אָרדענס“ האָבען אַרויפגעצוואונגען אַ
שבועה, און זיי זיינען דעריבער געווען אומגעזעצליך.

דעם קאָנטראַקט־סיסטעם; און די מייסטע פון זיי האָבען איינגע־שטימט מיט דער פאָדערונג פון זייערע אַרבייטער, אַז מען זאָל ניט דערלאָזען קיין קאָנטראַקטאָרס. ערמוטיגט פון דער דאָזיגער שטי־צע, האָבען די פאַרשיידענע צווייגען פון דעם בוי־פאַך אין לי־ווערפּול גלייכצייטיג אַריינגעשיקט איין־און־דיזעלבע פאָדערונגען: אַ גלייכען לוין פאַר יעדען קלאַס אַרבייטער, אַ באַשרענקונג פון לעהרלינגען, אַ פאַרבאָט אויף מאַשין־ און שטיק־אַרבייט, און אַנ־דערע פאָדערונגען וואָס האָבען געהאַט אַ ספּעציעלע שייכות צו יעדען צווייג פון טרייד. די דאָזיגע פאָדערונגען זיינען איבער־געגעבען געוואָרן צו די בעלי־בתים אין בריעף, וואָס זיינען געווען געשריבען אין אַ דיקטירנדען און זאָגאַר באַליידיגענדען טאָן, וואָס איז געווען באַגלייט מיט דער פאָדערונג, צו קריגען באַצאָהלט פאַר דער צייט, וואָס זיי וועלען פאַרלירען דורך דעם סטרייק פאַר זייערע אַלגעמיינע פאָדערונגען. „מיר באַטראַכטען“, ווערט געזאָגט אין איינעם פון די בריעף, „אַז איהר האָט זיך ניט באַצווינגען צו אונזערע תקנות מיט דעם געהעריגען דרך־ארץ, און מיר רעכענען, אַז איהר האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיגט און איהר פאַרדיענט אַ שטרענגע שטראָף“. און „ווייטער“, זאָגט זיך אין אַן אַנדער בריעף, „פאַר־לאַנגען מיר, אַז יעדער איינער פון אונז זאָל קריגען באַצאָהלט צו פיער שילינג אַ טאָג פאַר דער צייט פון סטרייק, פאַר יעדען טאָג וואָס איהר ענטזאָגט זיך נאָכצוגעבען“.

דער דאָזיגער מין שפּראַך האָט צונויפגעבראַכט די בעלי־בתים פון אַלע קלאַסען אין איין ליניע. אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין יוני, 1833, האָבען זיי באַשלאָסען, ניט נאָר צוריקצואווייזען אַלע פאָדערונגען פון די אַרבייטער, נאָר צו מאַכען אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג צו פאַרניכטען די יוניאָן. כדי צו דערגרייכען דעם דאָזיגען צוועק, האָבען זיי עפענטליך באַקאַנט געמאַכט, אַז זיי וועלען ניט באַשעפטיגען קיין איינציגען אַרבייטער וואָס וועט זיך ניט פאָרמעל אָפּזאָגען פון דער טריידס־יוניאָן און פון איהר גאַנצער טעטיגקייט. דאָס באַשטעהן אויף דעם פאָרמעלען אָב־זאָגען זיך, וואָס איז זינט דעמאָלט באַקאַנט אין דער טרייד־יוניאָן־געשיכטע אַלס „דערלאַנגען דעם דאָקומענט“, האָט שטאַרק אויפגע־בראַכט דער בוי־אַרבייטערס׳ יוניאָן. די ליווערפּולער פאָדערונגען זיי־

נען ווידערהאַלט געוואָרן אין מאַנטשעסטער, וואו די בעלי־בתים האָבען אַנגענומען דיזעלבע טאַקטיק ווי אין ליווערפּול.

אין רעכטען ברען פון קאַמף (אין סעפּטעמבער, 1833), האָט די „בילדערס׳ יוניאָן" אַפּגעהאַלטען איהר יעהרליכע דעלעגאַטען־פאַר־זאַמלונג אין מאַנטשעסטער. די פאַרזאַמלונג האָט געדויערט זעקס טעג; האָט אָפּגעקאָסט, ווי עס ווערט באַהויפּטעט, 3000£; און עס האָבען זיך באַטייליגט אין איהר צוויי הונדערט און זיבעציג דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען דרייסיג טויזענד אַרבייטער. די זיצונגען פון דעם „בילדערס׳ פּאַרלאַמענט" האָבען צוגעצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. ראָבערט אָווען האָט אַדרעסירט די קאָנפערענץ, און אין אַ לאַנגער רעדע האָט ער די דעלעגאַטען דער־צעהלט זיין „גרויסען סוד", אַז „אַרבייט איז דער קוואַל פון אַלע רייכטימער", און אַז דאָס רייכטום קען בלייבען אין די הענט פון די פּראָדוצירער דורך אַן אַלוועלטליכען בונד פון אַלע פּראָדוצירנדע קלאַסען. עס איז דאַן באַשלאָסען געוואָרן, ווי עס שיינט אונטער זיין איינפלוס, אויסצובויען אַ צענטראַלע ביוראָ אין בירמינגהאַם, וועלכע זאָל אויך דיענען אַלס ערציהונגס־אינסטיטוט. דער פּלאַן פאַר דער דאָזיגער „בילדערס׳ גילד האָלל", ווי מען האָט זי גערופען, איז געמאַכט געוואָרן פון אַן אַרכיטעקט, וועלכער איז געווען אָווענ׳ס אַ תלמיד. דער פּלאַן אויפ׳ן פּאַפּיר, האָט ענטהאַלטען אַ זאַל פאַר לעקציעס און קלאַס־צימערן פאַר די קינדער פון די מיטגלידער. דער ווינקעל־שטיין איז געלעגט געוואָרן מיט גרויס צערעמאָניע דעם 5טען דעצעמבער, 1833, בעת די אַרבייטער פון בירמינגהאַם האָבען מאַרשירט אין אַ פּראָצעסיע צו דעם פּלאַץ, און עס זיינען געהאַלטען געוואָרן רעדעס.

אין דעם „פּיאָנער, אָדער טריידס־יוניאָן זשורנאַל" (אַ וועכענט־ליכע צייטונג אָהן אַ מאַרקע, וואָס האָט געקאָסט 1 פּעני און איז אַרויסגעגעבען געוואָרן צוערשט אין בירמינגהאַם, צו יענער צייט דער אָרגאַן פון דער „בילדערס׳ יוניאָן"), ווערן מיר באַקאַנט מיט דעם פייערדיגען גלויבען און די גרויסע פּלענער פון אָט די „נייע יוניאָניסטען". „אַ יוניאָן באַגרינדעט אויף יושר׳דיגע און גערעכטע פּרינציפּען", שרייבט דער רעדאַקטאָר אין דעם ערשטען נומער, „איז אַלץ וואָס איז איצט נויטיג צו מאַכען אויף אייביג אַ סוף

צו דער אָרימקייט און צו דער מורא פאַר איהר אין דער געזעל־שאַפט". „די שטאַרק רעקלאַמירטע מאַכט פון קאַפּיטאַל וועט איצט ענדליך געשטעלט ווערן צו פּראָבע: מיר וועלען באַלד אויסגעפינען איהר ווערטלאָזיגקייט, ווען זי וועט ניט האָבען אייער אַרבייט. די אַרבייטער, וואָס פּראָדוצירן רייכטום, וועלען גאָר גרינג קענען קויפען די ערד, און גאָר איינציכען וועלען מיר געפינען, אַז דער פּוסט־און־פּאַסטניק, דער אייגענטימער, וועט זיין געצוואונגען צו בעטען ביי אייך, אַז איהר זאָלט איהם באַפרייען פון זיין ווערט־לאָזען אייגענטום". גרויסע פּלענער זיינען פאַרגעלעגט געוואָרן אי־בערצונעהמען אַלע געביידעס פון לאַנד דורך דער „גרויסער נאַציאָ־נאַלער גילדע פון בוי־אַרבייטער": יעדער לאַדזש זאָל ערוועהלען אַן אויפזעהער; און די אויפזעהער זאָלען אויסקלייבען אַן אַלגעמיי־נעם פאַרוואַלטער. די ענטווישונג אין די דאָזיגע גרויסע האָפנונ־גען איז געקומען גיך און גרויזאַם. די לאַנקאַשיירער פאַראיינען זיי־נען אַרויסגעטראָטען אַנטקעגען דער צענטראַליזאַציע, וואָס איז אָנ־גענומען געוואָרן אויף דער דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אין סעפּטעמ־בער, אויף דעם פאַרלאַנג פון די מיטעלענדישע פאַראיינען. צוויי גרויסע סטרייקס אין ליווערפּול און מאַנטשעסטער האָבען זיך צום סוף יאָהר געענדיגט מיט אַ פולשטענדיגען דורכפאַל. דער פּלאַן פון דער „גילד האָלל" איז אויפגעגעבען געוואָרן* און דער „פּיאָנער" איז אַריבערגעטראָגען געוואָרן נאָך לאָנדאָן, וואו ער איז געוואָרן דער אָרגאַן פון אַן אַנדער קערפּערשאַפט, „דהי גראַנד קאָנסאָלי־דייטעד טריידס־יוניאָן", מיט וועלכער די פאַרשיידענע צווייגען פון די בוי־פאַכען אין די דרום־געגענדען און אין דער הויפּט־שטאָדט האָבען שוין געהאַט באַשלאָסען זיך צו פאַראייניגען. פונדעסטוועגען האָט די „בילדערס' יוניאָן" אָנגעהאַלטען איהר עקזיסטענץ אין די צפון־באַצירקען אין די ערשטע חדשים פון 1834, און האָט אָפּ־געהאַלטען אַ צווייטען „פּאַרלאַמענט" אין בירמינגהאַם, אין אַפּריל, אין וועלכען עס זיינען געווען פאַרטראָטען פאַרשטעהער פון שאָט־לאַנד און אירלאַנד.

* שפּעטער איז די געביידע געענדיגט געוואָרען פון אַ לענדלאָרד, און זי עקזיסטירט נאָך אַלס אַ מעטאַל־מאַגאַזין אין שאַדוועל סטריט.

די אַגרעסיווע טעטיגקייט און דער גיכער וואוקס פון דער „בילדערס' יוניאָן" אין 1832 און 1833, זיינען געווען בלויז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אומרוהיגקייט אין די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. די באַוועל־שפּינערס זיינען געקומען צו זיך פון דעם דורכגעפאַלענעם סטרייק אין אַשטאָן (1830 און 1831), און הערבסט פון 1833, ווען מיר געפינען דאָהערטי'ן פּאַרטזעצענדיג מיט זיין געוועהנליכער ענערגיע די אַגיטאַציע פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, וועלכע איז אָנגעהויבען געוואָרן פון דער „געזעלשאַפט פאַר נאַציאָנאַלער ווידער־אויפלעבונג". „דער פּלאַן איז", שרייבט דזש. פיעלדען צו וויליאַם קאָבעט, „אַז אַרום דעם קומענדען ערשטען מערץ, דער טאָג ווען דער פּראָיעקט (איצט אַ געזעץ) וועט באַגרענציגען די אַרבייטס־צייט פון קינדער אונטער עלף יאָהר צו אַכט שעה אַ טאָג, זאָלען אַלע וואָס זיינען איבער דעם עלטער, די דערוואַקסענע און האַלב־דערוואַקסענע, אויך פאָדערן, אַז אַכט שעה אַ טאָג זאָל זיין די לענגסטע אַרבייטס־צייט; און זייער איצטיגער וועכענטליכער לוין פאַר ניין־און־זעכציג שעה, זאָל זיין זייער מינימום לוין פאַר אַ וואָך פון אַכט־און־פערציג שעה". און ווייטער ערקלערט ער, אַז די באַוועלשפּינערס האָבען אָנגענומען זיין פּלאַן בעסער צו פאַרקירצען זייער אַרבייטס־צייט דורך סטרייקס, איידער דורך געזעצגעבונג, לויט לאָרד אַלטהאָרפּ'ס פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלען אַליין „צוגרייטען אַ געזעצפּראָיעקט צו פאַרקירצען זייער אַרבייטס־צייט". די לאַנקאַשייערער טעקסטיל־פאַכען האָבען נאָכגעפאָלגט די באַוועל־שפּינערס און האָבען זיך צוגעגרייט פאַר אַן אַלגעמיינעם סטרייק. אין דער צייט האָבען שוין זייערע ברידער אין יאָרקשייר געפיהרט אַ פאַרביטערטען קאַמף מיט זייערע בעלי־בתים. די לידזער „קלאָדהיערס' יוניאָן", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אַרום 1831 און וועלכע איז קענטיג געווען איינע פון די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען צוזאַמענגעשטעלט די „נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט פאַר אַרבייטער־שוץ", האָט געטראָגען אַ מערקווירדיגע עהנליכקייט צו דער „בילדערס' יוניאָן", ניט נאָר מיט איהרע צערעמאָניעס און קאָנסטיטוציע, נאָר אויך מיט איהר טאַקטיק און געשיכטע. אין פריהלינג פון יאָהר 1833 האָט זי געמאַכט אָנגריפען אויף געוויסע געשעפטס־הייזער מיט דעם צווייפאַכען ציעל, צו צווינגען

אַלע אַרבייטער זיך אַנצושליסען אַן דער יוניאָן, און איינצופיהרען גלייכמעסיגע אַרבייטס־פּרייזען. די פאָדערונגען זיינען באַקעמפט געוואָרן מיט די געוועהנליכע וואַפען. די בעלי־בתים האָבען גע־שלאָסען צווישען זיך, ווי מען האָט דאָס דאַן גערופען, אַ „בונד פון פאַבריקאַנטען", דורך וועלכען זיי האָבען זיך פאַרפּליכטעט, אונ־טער אַ שטראַף, ניט צו באַשעפטיגען קיין מיטגלידער פון דער יוניאָן. די אַרבייטער האָבען זיך ענטשידען ענטזאַגט אויפצוגעבען זייער אָרגאַניזאַציע; און די בעלי־בתים האָבען געמאַכט אַ „לאָק־אויט", וועלכער האָט אַנגעהאַלטען עטליכע חדשים און האָט געגע־בען דער „טיימס" אַ געלעגענהייט צו שרייבען אַפטע לייטאַר־טיקלען.

די טעפּערס' יוניאָן (אויך געגרינדעט פון דאָהערטי'ן אין 1830) האָט אין הערבסט פון 1833 געצעהלט אַכט טויזענד מיט־גלידער, פון וועלכע זעקס טויזענד האָבען באַלאַנגט צו סטאַפפאָרד־שייר און די איבעריגע צו לאָדזשען פון ניוקאַסטעל־אָן־טיין, דוירבי, בריסטאָל און סווינטאָן, — נאָך אַ ביישפּיעל פון דעם אויסערגעוועהנליכען וואוקס פון טרייד־יוניאָנס אין יענע יאָהרען.

ווי ווייט די דאָזיגע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַראייניגט אין איין פעדעראַטיווער קערפּערשאַפט, איז ניט קלאָר. די פון פּאַניק אָנגעגריפענע אַנדייטונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע אויף דער „טריידס־יוניאָן", און די אומקלאָרע באַריכטען אין די אַרבייטער־צייטונגען וועגען דער אַנשליסונג פון געוויסע פאַראיינען אַן די גרעסערע אָרגאַניזאַציעס פיהרען צו דער איבער־צייגונג, אַז אין פאַרלויף פון דעם יאָהר 1833 איז מעהר ווי איין פאַרזוך געמאַכט געוואָרן צו גרינדען „אַן אַלגעמיינע יוניאָן פון אַלע פאַכען". די אָוועניסטישע צייטונגען, אַרום דעם סוף פון 1833, זיינען פול מיט באַריכטען וועגען דער גרינדונג פון אַן „אַלגעמיינער יוניאָן פון די פּראָדוקטיווע קלאַסען". וואָס פאַר אַ מין געזעלשאַפט אָוועןן אַליין האָט געפּלאַנט צו גרינדען, קען מען זיך דערוויסען פון זיין רעדע אויף דעם קאָנגרעס פון די אָוועניסטישע געזעלשאַפטען אין לאָנדאָן, דעם 6טען אָקטאָבער. „איך וועל פאַר אייך איצט פאַר־לעגען", האָט ער געזאָגט, „אַ קורץ געפאַסטען פּלאַן פון די גרויסע ענדערונגען, וועלכע ווערן געפּלאַנט און וועלכע וועלען פּלוצלינג

באַפאַלען דער געזעלשאַפט ווי אַ גנב אין מיטען דער נאַכט. ... עס ווערט באַאַבזיכטיגט צו פאָרמירן אַזעלכע נאַציאָנאַלע איינריכטונגען, וואָס זאָלען אַריינגעהמען אַלע קלאַסען אַרבייטער אין איין גרויסער אָרגאַניזאַציע, און אַז יעדער אָפּטיילונג זאָל וויסען אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין די אַנדערע אָפּטיילונגען; אַז יעדע אינדיווידועלע קאָנקורענץ זאָל אויפהערן; אַז די גאַנצע פאַבריקאַציע זאָל אָנגעפיהרט ווערן פון נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען. ... אַלע פאַכען זאָלען קודם פאָרמירן אַסאָציאַציעס אָדער לאָדזשען, וואָס זאָלען באַשטעהן פון אַזעלכע צאָהלען וואָס זיינען באַקוועם פאַר געשעפטס־פיהרונג: ... אַלע אַרבייטער פון די ספּעציפישע מלאכות זאָלען ווערן מיטגלידער".* באַלד דערנאָך דערוויסען מיר זיך פון דער עקזיסטענץ פון אַ „גרענד נעשאָנעל קאָנסאָלידייטעד טריידס־יוניאָן", וועלכע איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער געפּלאַנטער „טריידס־יוניאָן", און וועלכע איז געוואַקסען אויסערגעוועהנליך שנעל. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע איז קענטיג פאַקטיש געגרינדעט געוואָרן אין יאַנואַר 1834. אָווען איז געווען איהר הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט. אין פאַרלויף פון די נעקסטע עטליכע חדשים איז ער געווען אומערמידליך טעטיג, און פאַראייניגען איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען זיך אָן איהר אָנגעשלאָסען. אומצעהליגע לאָקאַלע טרייד־קלובען זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם

---

* באַריכט פון 12טען אָקטאָבער 1822. מיט דער געשיכטע פון די „אַלגעמיינע טריידס־יוניאָנס" פון 1832 ביז 1833 קען מען זיך באַקענען, ווען מען לעזט די אָוועניסטישע פּרעסע, דעם „קריזיס", דעם „פּיאָנער" און דעם „העראָלד אָוו דהי רייטס אָוו אינדאָסטרי". אין „פּור מענ'ס גאַרדיען" און „מאַן", געפינט מען אויך פון צייט צו צייט געשיכטליכע אָנדייטונגען. די „אָפישיעל גאַזעטט" גופא, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער „גראַנד נעשיאָנאַל קאָנסאָלידייטעד טריידס־יוניאָן", אין יוני 1834, קאָן מען לײדער מעהר ניט קריגען. מיר האָבען אויך ניט געקאָנט געפינען קיין קאָפּיע פון די גלאַזגאָוער אָוועניסטישע צייטשריפטען: „טריידסמען", „טריידס אַדוואָקייט", „ליבערייטאָר" און אַנדערע, וועלכע זיינען מייסטענס רעדאַקטירט אָדער געשריבען געוואָרען פון אָוועג'ס תלמיד, אַלעקסאַנדער קאַמפּבעל, דער סעקרעטער פון דער לאָקאַלער סטאָלערס טרייד־יוניאָן.

פאַרבאַנד. אין די ערשטע טעג פון פעברואַר 1834, איז אַ ספּעציעלע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין אָווען׳ס לאָנ־דאָנער אינסטיטוט, אין שאַרלאָט סטריט, פיטצראָי סקווער, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסען געוואָרן, אַז די נייע קערפּערשאַפט זאָל אָננעהמען די פאָרם פון אַ פעדעראַציע פון באַזונדערע טרייד־לאָדזשען. יעדער לאָדזש זאָל געוועהנליך באַשטעהן פון אַרביי־טער פון איין פאַך, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז אין אַזעלכע פּלע־צער, וואו עס זיינען ניטאָ גענוג אַרבייטער פון באַשטימטע פאַכען פאַר באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, זאָלען זיין „געמישטע לאָדזשען“. עס איז אַפילו אויך געזאָרגט געוואָרן פאַר „געמישטע פּרויען־לאָדזשען“. יעדער לאָדזש זאָל אָנהאַלטען אַן אייגענע קאַסע, באַשטייערונגען אויף די מיטגלידער פון דעם גאַנצען פאַרבאַנד זאָלען אַרויפגעלעגט ווערן פאַר סטרייק צוועקען. די קאָנפערענץ האָט אויפגעפאָדערט יעדען לאָדזש איינצופיהרען פאַר די אייגענע מיטגלידער קראַנקען־אונטערשטיצונג, באַערדיגונגס־קאַסען, און אונ־טערשטיצונג פאַר אַלטע מיטגלידער. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן פאָרשלאַגען צו דינגען לאַנד, וואו מען זאָל באַשעפטיגען „אַרויסגע־וואָרפענע“, און צו גרינדען קאָאָפּעראַטיווע ווערקשטעפער. די איינ־טריטס־צערעמאָניעס און שבועות פון אַלע יוניאָנס פון יענער צייט זיינען קענטיג אויך אָנגענומען געוואָרן.

קיינמאָל אין דער געשיכטע פון יוניאָניזם אין דעם לאַנד איז אַן אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע געוואַקסען מיט אַזאַ געשווינדקייט.*

---

* עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען די גענויע עהנליכקייט פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע און איהרע טרייד־יוניאָניסטישע שטרי־בען צו דער גוט־באַקאַנטער „ניימס אָוו לייבאָר“ (ריטער דער אַרבייט) פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1869, און איז נאָך איצט איינע פון די מעכטיגסטע אַרבייטער־אָרגאַני־זאַציעס אין דער וועלט. („היסטאָריקאל סקעטש אָוו דהי ניימס אָוו לייבאָר“, פון קאַרל ד. רייט, „קוואָרטערלי דזשורנאַל אָוו עקאָנאָמיקס“, יאַנואַר, 1887).

(זינט די דאָזיגע ציילען זיינען געשריבען געוואָרן, האָט זיך די לאַגע אין דער אַרבייטער־באַוועגונג פון אַמעריקא באַדייטענד געביטען. די „ניימס אָוו לייבאָר“ איז איצט כמעט ווי פאַרשוואונדען פון דער

אין פאַרלויף פון עטליכע וואָכען האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער
יוניאָן וועניגסטענס אַ האַלבער מיליאָן מיטגלידער, צווישען וועלכע
עס זיינען געווען צעהנדליגער טויזענדער פאַרם־אַרבייטער און
פרויען. דאָס לאָזט זיך ביז אַ געוויסען גראַד ערקלערן פּילייכט
דערמיט, וואָס ביז איצט האָבען מיר ניט געקאָנט אויסגעפינען אָז
די מיטגלידער זאָלען האָבען באַדאַרפט צאָהלען רעגעלמעסיגע ביי־
טרעגע אָדער העלפען דעקען די הוצאות פונ׳ם צענטראַלען פאַר־
באַנד, און דעריבער האָט ער לייכט געקאָנט אַריינציהען די עקזיס־
טירנדע אָרגאַניזאַציעס. דאָך איז די פאַרשפּרייטונג פון נייע
לאָדזשען אין ביז אַהער ניט־אָרגאַניזירטע פאַכען און באַצירקען
געווען אומגעהויער גרויס. פיעלע אַגיטאַטאָרן, באַזאָרגט מיט די
נויטיגע מכשירים דורכצופיהרן די מיסטישע אייניטריטס־צערעמאָ־
ניעס, האָבען באַרייזט דאָס לאַנד, און אַז אמת׳ע מאַניאַ פאַר טרייד־
יוניאָניזם איז אַריינגעטראָטען. אין דעצעמבער 1833, דערצעהלט
מען אונז, „אַז עס איז שווער צו געפינען אַן אָפּטיילונג פון
אַ פאַך אין מערב־שאָטלאַנד, וואָס זאָל ניט זיין אין אַ יוניאָן־צו־
שטאַנד". די „טיימז" באַריכטעט, אַז צוויי דעלעגאַטען, וועלכע
זיינען אַוועק נאָך הול, האָבען איין אווענד אַריינגענומען טוי־
זענד אַרבייטער פון פאַרשיידענע פאַכען. אין עקסעטער האָט די
פּאָליציי פאַרכאַפּט צוויי דעלעגאַטען און געפונען ביי זיי „צוויי היל־
צערנע העק, צוויי לאַנגע מעסערס, צוויי מאַסקעס, צוויי ווייסע קיט־
לען אָדער מאַנטלען, אַ גרויסע טויטען־פיגור מיט אַ קורצען שווערד
און אַ זאַמד־זייגער, אַ ביבעל און אַ טעסטאַמענט". קאָמיען פון
איין זייט, און קוימענקעהרערס געזעלען פון דער אַנדער זייט, זיינען
אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם ווירבעל־שטראָם. די מעבעל־מאַ־
כערס פון בעלפאַסט האָבען דורכאויס געוואָלט זיך אָנשליסען אָן דער
„טריידס־יוניאָן, אָדער פריינדליכע געזעלשאַפט, וועלכע האָט גע־
האַט פאַר איהר צוועק די פאַראייניגונג פון אַלע מעבעלמאַכערס

סצענע, און איהר אָרט פאַרנעהמט די „אַמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייב־
באָר", וועלכע איז באַגרינדעט אויף דעם פעדעראַטיווען אָרגאַניזאַציאָנס־
פּרינציפּ, בעת די עלטערע אָרגאַניזאַציע איז געווען זעהר צענטראַליס־
טיש. — איבערזעצער.)

אין די דריי לענדער". מיר הערן פון אַ „אַקערלייטס' יוניאָן" אַזוי ווייט ווי אין פּערטשייר, און פון אַ „טוד-שערערס' יוניאָן" אין דאַנדי. און דער דעמאָלסטדיגער דאָרפישער כאַראַקטער פון די גרויסשטאָדטישע פאַרשטעדט ווייזט זיך מערקווירדיג אַרויס פון דער אַנאָנסע וועגען אַ יוניאָן פון די „אַגריקולטורעלע און אַנדערע טאָג-לוינער" פון קענזינגטאָן, וואָלהאַם גרין, פולהאַם און האַמער-סמיטה, (פאַרשטעדט פון לאָנדאָן). אויך די פרויען זיינען ניט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן. דער „גראַנד לאָדזש און אָפּעריטיוו באַנ-נעט מייקערס" האָט קאָנקוריר'ט אין טעטיגקייט מיט דעם געמיש-טען „גראַנד לאָדזש און דהי ווימען און גרייט בריטיין ענד אייר-לאַנד". און דער „לאָדזש און פימייל טיילאָר וואָרקערס" פרעגט מיט כעס, צי דער „שניידערס' אָרדען" רעכענט ווירקליך צו פאַר-באָטען פרויען נייהען וועסטען. צי די „גרענד נעשאָנאַל קאָנסאָ-לידייטעד טריידס-יוניאָן" איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די לאָדזשען פון „פרויען-גערטנערינס" און „אַלטע בתולות", וועלכע האָבען שפּעטער זיך אויסגעצייכענט אין די אומרוהען אין פאַרבינ-דונג מיט דער פאָדערונג פאַר אַן אַכט-שטונדיגען אַרבייטס-טאָג אין אָלדהאַם, איז ניט באַקאַנט.

ווי אַזוי די געשעפטען פון דער דאָזיגער קאָלאָסאַלער פעדע-ראַציע זיינען אָנגעפיהרט געוואָרן, ווייסען מיר ניט.* עפּעס אַ מין עקזעקוטיווער קאָמיטעט איז געזעסען אין לאָנדאָן מיט פיער באַ-צאָהלטע באַאמטע. די נויט אין שטאַאטמענישער פאַרוואַלטונג איז זיכער געווען זעהר גרויס. די אויסגעשפּראָכענע טאַקטיק פון דער פעדעראַציע איז געווען, אַרויסצורופען אַ גענעראַל-סטרייק פון אַלע לוין-אַרבייטער איבער'ן גאַנצען לאַנד. אָבער באַלד פון סאַמע אָנהויב פון איהר קאַריערע איז זי כסדר געווען פאַרמישט אין לאָקאַלע סכסוכים. שוין דאָס אָנשליסען זיך אַליין אַן „דער טריידס-יוניאָן", איז אָפט געווען אַ גענינגענדע אורזאַך, אַז די אַרבייטסגעבער זאָלען אָפּזאָגען פון דער אַרבייט אַלע די, וואָס האָבען ניט געוואָלט אונטערשרייבען דעם „דאָ-

* קיינע פּראָטאָקאָלען פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע זיינען ניט געבליבען.

קומענט“, אַז זיי זאָגען זיך אָפּ פון יעדער אָרגאַניזאַציע. אַזוי האָט די אָנשליסונג פון די זאָקען־מאַכער פון לעסטער, אין נאָוועמ־בער 1833, געפיהרט צו דעם אומגליקליכען סטרייק, אין וועלכען איבער דרייצעהן הונדערט ארבייטער האָבען געמוזט אונטערשטיצט ווערן. אין גלאַזגאָו איז אויסגעבראָכען אַן ערנסטער קאַמף אין די בוי־פאַכען אין דער צייט וואָס די קאַרטון־דרוקערס, מאַשיניסטען און מעבעל־ארבייטער זיינען שוין געוועזן אין קאַמף מיט זייערע אַרבייטסגעבער. אָבער דער שווערסטער שטרייט, וואָס דער גרוי־סער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד האָט געמוזט אָנפיהרן יענעם ווינטער, איז אָנגעגאַנגען אין דערבי, וואו פופצעהן הונדערט מענער, פרויען און קינדער, זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרן פון דער ארבייט דער־פאַר, וואָס זיי האָבען זיך ענטזאָגט צו פאַרלאָזען די יוניאָן. די „אויסגעשלאָסענע פון דערבי“ זיינען צוערשט אונטערשטיצט גע־וואָרן, ווי זייערע ליידענדע חברים פון אַנדערע פלעצער, פון די בייטראַגען וואָס זיינען אַריינגעקומען פון די טרייד־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשיידענע טיילען פון דער מדינה; עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזען, אַז אָהן אַ סיסטעמאַטישער הילף וועלען זיי זיין געצוואונגען זיך צו אונטערגעבען. אַ שטייער פון אַ שילינג פון מיטגליד איז דעריבער אַרויפגעלייגט געוואָרן פון דער „גרויסער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע“ אין פעברואַר, 1834. פאַרבאַרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן צו קריגען געביידעס און מאַשינען, כדי צו קאָנען שאַפען ארבייט פאַר אַ טייל סטרייקערס אויף זייער אייגענעם חשבון. דער קאַמף האָט זיך געענדיגט אין פיער חדשים אַרום מיט אַ פולשטענדיגען זיעג פאַר די בעלי־בתים און מיט דעם אומקעהרן זיך פון די אַרבייטער צו דער אַרבייט.

די „אויסשליסונג פון דערבי“ איז געוואָרן ברייט באַקאַנט דורך די צייטונגען און האָט שטאַרק דיסקרעדיטירט דעם „גרויסען נאַ־ציאָנאַל“. אָבער די אָנפאַלען אויף „די טריידס־יוניאָן“ זיינען באַ־דייטענד פאַרגרעסערט געוואָרן בעת אַ טייל פון דער שטאָדט לאָנ־דאָן איז געבליבען אין דער פינסטער, דורך דעם סטרייק פון די גאַז־אַרבייטער. די אַרבייטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט פון די פאַרשיידענע גאַז־קאָמפּאַניעס אין דער הויפּטשטאָדט, האָבען זיך אין פאַרלויף פון ווינטער אין דער שטיל אָרגאַניזירט, כדי

גלייכצייטיג אָפּצושטעלען די אַרבייט, אויב מען וועט ניט נאָכ־געבען זייערע פאָדערונגען. די „פאַרשווערונג" איז ענטדעקט גע־וואָרן און עס האָט זיך די קאָמפּאַניעס איינגעגעבען אויסצופּילען די פלעצער פון זייערע יוניאָן־אַרבייטער מיט אַנדערע. עס האָט אָבער געדויערט וואָכען איידער די נייע אַרבייטער האָבען געקאָנט טאָן די אַרבייט ווי געהעריג, און אין אָנהויב מערץ, 1834, איז וועסט־מינסטער עטליכע טעג געבליבען טיילווייז אָהן ליכט. אין מיטען פון דעם שטורעם פון זידלערייען און אָנפאַלען, וואָס זיינען פאַר־אורזאַכט געוואָרן פון די סטרייקס, האָט דער „גרויסער נאַציאָנאַל" זיך פלוצלינג געפונען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט'ן געזעץ. די פאַראורטיילונג פון זעקס אַרבייטער אין דאָרטשעסטער, אין מערץ, 1834, פאַר בלויז נעהמען די שבועה, און דאָס צו'משפּט'ען זיי צו ווערן פאַרשיקט אויף זיבען יאָהר, האָט ווי אַ דונער געטראָפען די טרייד־יוניאָניסטישע וועלט.

כדי צו פאַרשטעהן דעם באַרבאַרישען אורטייל מוז מען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט געהאַט אויף די מוחות פון די רעגירער און די אייגענטימער־קלאַסען דער מורא'דיגער אי־דעאַל פון „די טריידס־יוניאָן", מיט וועלכען זיי זיינען באַקאַנט גע־וואָרן דורך דער אַגרעסיווער טאַקטיק פון די יוניאָנס אין די לעצטע פיער יאָהר. שוין אין 1830 האָט די גרינדונג פון נאַציאָנאַלע און אַלגעמיינע יוניאָנס אַרויסגערופען די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג. „בעת מיר האָבען איבערגענומען אונזער אַמט דעם לעצ־טען נאָוועמבער", שרייבט לאָרד מעלבאָורן, דער ליבעראַלער אינ־לענדישער מיניסטער, צו סער הערבערט טעילאָר, „האָט סער ראָבערט פּיל (דער קאָנסערוואַטיווער מיניסטער, וואָס האָט פאַר־לאָזען זיין אַמט), געצוויגען מיין אויפמערקזאַמקייט אויף די טרייד־יוניאָנס פון צפון־ענגלאַנד און פון אַנדערע טיילען פון לאַנד, וועלכע האָבען געציעלט צו העכערן דעם אַרבייטס־לוין, א. א. וו., און אויף דער „אַלגעמיינער יוניאָן" מיט דיזעלבע ציעלען, אַלס די גרעסטע געפאַהר, מיט וועלכער מיר מוזען זיך רעכענען. און אונטער דעם איינדרוק בין איך געבליבען צוזאַמען מיט די אַנדערע דיענער פון זיין מאַיעסטעט".

כדי אַרויסצוהעלפען דעם קאַבינעט פון דער דאָזיגער שווערער

לאגע, האט לארד מעלבאורן אײנגעלאדען דעם עלטערן נאסאו, װעלכער האט נאר־װאס פארענדיגט זײן ערשטען פינף־יאהריגען טערמין אלס פראפעסאר פון פאליטישע עקאנאמיע אין אקספארד, און האט איהם באאויפטראגט צוצוגרײטען, מיט דער הילף פון א געזעץ־עקספערט, א באריכט װעגען דער לאגע, און א פראיעקט פאר א געזעץ װאס זאל די לאגע פארבעסערן. דער צוגעשטעלטער דאקומענט באלײכט דעם גײסטיגען צושטאנד און די פראקטישע אנזיכטען פון דעם פארטרויטען עקאנאם. די צװײ קאמיסיאנערן האבען, װי עס װײזט אויס, ניט געמאכט קײן אויספארשונגען צװישען די ארבײטער, און האבען אנגענומען פאר ריכטיג אלץ װאס מען האט זײ דערצעהלט, ארײנגערעכנט אפילו די רכילות, װאס די בעלי־בתים האבען איבערגעגעבען. די באװײזען, װאס זײ האבען אויף אזא אופן צונויפגעקליבען, האבען נאטירליך געפיהרט צו א גאנץ אומגינסטיגען שלוס. װי די קאמיסיאנערן דערצעהלען, האט עס זײ געפיהרט צו דער איבערצײגונג, אז אויב דער נאאיװער און פלײסיגער ארבײטער מיט זײן פאמיליע זאלען איבערגעלאזט װערן אהן שוץ געגען דעם װילדען שרעק פון װעלכען ער װערט איצט באפאלען; אויב דער פאבריקאנט זאל ארײנלעגען זײן קאפיטאל, און דער מאשיניסט אדער כעמיקער זײן שכל, בלויז אונטער דער דיקטאטור פון זײנע קורצזיכטיגע און רויבערישע ארבײטער, אדער די פונקט אזוי אומװיסענדע און האבזיכטיגע קאנקורענטען; אויב מען זאל דערלאזען עטליכע אגיטאטארן רופען סטרײקס, װעלכע פאראליזירן צוערשט די אינדוסטריען פון דעם ספעציעלען קלאס ארבײטער, װעלכען זײ באהערשען טיראניש, און פארשפרײטען זיך דערנאך איבער אלץ א גרעסערן קרײז פון פיעלע טויזענטער און צעהנדליגע טויזענטער ארבײטער, װעלכע זײנען אפהענגיג אין זײער ארבײט אן דער ארבײט פון דעם ספעציעלען קלאס; — אויב דאס אלץ זאל בלײבען אומבאשטראפט, און זאל נאך כמעט װי גוטגעהײסען װערן דורך דעם צוריקרוף פון די געזעצען, אונטער װעלכע זײ פלעגען פריהער קאנען באשטראפט װערן; — דאן איז קײן האפענונג ניטא, אז מיר זאלען לענגער קאנען אנהאלטען די ארבײטזאמקײט, די געשיקטקײט, אדער דעם קאפיטאל, אן װעלכע די הויכקײט פון אונזער פאבריקאציע, און צו־

זאַמען מיט דעם אונזער אויבערמאַכט און כמעט אונזער עקזיסטענץ אַלס נאַציאָן, איז אָפּהענגיג". זיי האָבען דעריבער פאַרענדיגט דעם באַריכט מיט אַ רייהע פון ערשטוינענדע פּראָיעקטען וועגען אויס־בעסערן דעם געזעץ. צוריקציהען דעם געזעץ פון 1825 עפּענטליך, איז ניט געווען בעקוועם; מען האָט אָבער געמוזט באַקעמפּען זיינע שעדליכע רעזולטאַטען דורך גיך־ווירקענדע געגען־געזעצען. זיי האָבען רעקאָמענדירט אָנצונעהמען אַ געזעץ, וועלכער זאָל קלאָר אויסטייטשען די ניט־געשריבענע געזעצען, וואָס פאַרבאָטען פאַר־שווערונגען און באַשרענקונגען פון האַנדעל. דער געזעץ זאָל ווייטער פאַרבאָטען, אונטער שווערע שטראָפען, „יעדען פאַרזוך אָדער צורייד צו פאַראייניגען זיך, צו זאַמלען געלד און אָנריידען פאַר־איינען" צו סטראַשען מייסטערס, אָפּריידען סטרייק־ברעכער, אָדער אָפּילו פּשוט בעטען אַרבייטער זיך אָנצושליסען אָן דער יוניאָן.* פּיקעטען, ווי פרידליך דאָס זאָל ניט זיין, האָט געזאָלט זיין דורכ־אויס פאַרבאָטען און ווערן אום'רחמנות'דיג באַשטראָפט. אַרבייטס־געבער אָדער זייערע געהילפען האָבען געזאָלט אַליין האָבען די מאַכט צו אַרעסטירן מענשען, אָהן אַ געריכטליכער אויפפאָדערונג אָדער באַפעהל, און זיי ברענגען פאַר וועלכען עס איז פרידענס־ריכטער. בעלי־בתים, וועלכע ערמוטיגען אַרבייטער זיך צו פאַר־איייניגען, האָבען געזאָלט באַשטראָפט ווערן מיט שווערע געלד־שטראָפען, וואָס זאָל אויסגעגעבען ווערן אויף פראָסטע מוסרים. „אָט דאָס", זאָגען די קאָמיסיאָנערן, „איז וואָס מיר קאָנען דערווייל רעקאָמענדירן אַלס אַן אָנהויב. אויב עס זאָל זיך אָבער אַרויס־צייגען, אַז דער איבעל פון דעם פאַראייניגונגס־סיסטעם קאָן ניט אונטערדריקט ווערן אויף אַ מילדען אופן, ... ד אַ ן מ ו ז ע ן מ י ר ר ע ק אָ מ ע נ ד י ר ן ד ע ם מ י ט ע ל פ ו ן ק אָ נ פ י ס ק אַ ־ צ י ע", — קאָנפיסקירן, דאָס מיינט צונעהמען „די פאָנדען וואָס

* „מיר רעקאָמענדירען, אַז דאָס צורידען וועלכע־עס־איז פּערזאָן זיך אָנצושליסען אָן אַ פאַראיין, אָדער בייצוטראָגען פאַר אַן עהנליכען צוועק, זאָל באַשטראָפט ווערען, ווען געפונען שולדיג, מיט אַ קורצען געפענגניש־טערמין, לאָמיר זאָגען, ניט מעהר ווי צוויי חדשים".

ווערן געזאַמעלט פאַר פאַראייניגונגס־צוועקען און דעפּאָנירט אין שפּאָר באַנקען אָדער אַנדערשוואו".*

---

* דער באַריכט איז קיינמאָל ניט פאַרעפענטליכט געוואָרן און געפינט זיך אין מאַנוסקריפּט אין דער ביבליאָטעק פון אינערן־מיניסטעריום („האָום אָפיס לייבראַרי"). צעהן יאָהר שפּעטער, בעת דער עלטערער נאַסאַו האָט געדיענט אַלס אַ קאָמיסיאָנער צו באַריכטען וועגען דער לאַגע פון די האַנד־וועבשטוהל־וועבערס, האָט ער אָפּגעפּרישט אַ היבשען טייל פון זיין באַריכט אין 1830; ער האָט אָבער ניט באַנייט זיינע ערשטוינענדע פּלענער, וואָס מיר האָבען ציטירט אין טעקסט. דער טייל וואָס ער האָט אויף אַזאַ אופן אָפּגעפּרישט, איז אָפּגעדרוקט אין זיינע „היסטאָרישע און פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען", (לאָנדאָן, 1865), באַנד 2.

נאָכדעם ווי דאָס אויבענגעזאָגטע איז געווען אָנגעשריבען, האָבען מיר אַריינגעקראָגען, דורך דער געפעליגקייט פון פרוי סימפּסאָן, די טאָכטער פון דעם עלטערן נאַסאַו, די אָריגינעלע ענטפערס און בריעף, אויף וועלכע זיין באַריכט איז געווען באַזירט. די דאָזיגע קאָרעספּאָנדענץ ווייזט, אַז די אָנגעזעהענע פאַבריקאַנטען פון מאַנטשעסטער זיינען ניט איניג געווען וועגען דער ראַטזאַמקייט פון ווידער־אַיינפיהרען די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג", הגם זיי האָבען איינשטימיג געפאָדערט, אַז די באַוואַכונג פון סטרייקענדע פּלעצער („פּיקעטינג") זאָל שטרענג באַשטראָפט ווערן. זיי האָבען אויך ניט קלאָר געמאַכט, אַז פאַראיינען זאָלען בכלל האָבען געשטערט די אַיינפיהרונג פון נייע מאַשינען; איין אַרבייטסגעבער האָט אפילו באַהויפּטעט, אַז די יוניאָנס האָבען אויף אַן אינדירעקטען אופן געהאָלפען זיי אַריינברענגען. אָבער דער אינטערעסאַנטסטער שטריך פון דער קאָרעספּאָנדענץ איז דער אופן, אין וועלכען די אַרבייטסגעבער האָבען זיך שטאַרק געקלאָגט אויף זייערע קאָנקורענטען, וועלכע האָבען געהעצט און זאָגאַר געשטיצט סטרייקס געגען פּראָבען צו פאַרקלענערען דעם אַרבייטס־לוין. די פאַבריקאַנטען, וועמעס בעסערע אַרבייטס־מעטאָדען האָבען זיי געגעבען אַ פאָרצוג אויף'ן מאַרק, פלעגען זיין צופרידען דערמיט וואָס זייערע אַרבייטער, צוזאַמען מיט די אַרבייטער פון די איבעריגע פאַבריקאַנטען אין דעם באַצירק, האָבען זיך פאַראייניגט געגען דער פאַרקלענערונג פון לוין, און איניגע פון זיי זיינען אָפּטמאָל אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו פאַרעפענטליכען געמיינשאַפטליכע ערקלערונגען, אַז יעדע לוין־פאַרקלענערונג איז „העכסט אומפּראַקטיש". די דאָזיגע אויסזאָגונגען האָבען, פון נאַסאַו'ס שטאַנדפּונקט, באַרעכטיגט זיין מערקווירדיגען פאָרשלאַג צו באַשטראָפען אַרבייטס־געבער פאַר ערמוטיגען אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס.

די ליבעראַלע רעגירונג האָט ניט געוואַגט פאַרצולעגען ניט דעם באַריכט און ניט די פאָרשלאַגען פאַר'ן פאַרלאַמענט, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אָן די טעאָריעס פון פילאָזאָפישען ראַדיקאַליזם. „מיר האָבען אַליין אַ סך נאָכגעדענקט", שרייבט לאָרד מעלבאָורן,* „און מיר האָבען זיך באַראַטען מיט אַנדערע וועגען דער מעגליכקייט צו דערגרייכען אָדער שטערן די יוניאָנס, זייערע פאַרזאַמלונגען, זייער קאָרעספּאָנדענץ, אָדער זייערע געלד־זאַמלונגען דורך וועלכע עס איז געזעצליכע מאָסרעגלען; עס האָט זיך אָבער בכלל אַרויס־געוויזן אַז עס איז אוממעגליך צו טאָן עטוואָס ווירקזאַמעס, סיידען מען זאָל אָננעהמען אַזעלכע מיטלען וואָס וואָלטען שטאַרק באַגרעניצט די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטען פון לאַנד, און אויף דעם וואָלט געווען אוממעגליך צו קריגען די צושטימונג פון פאַרלאַמענט".

דער קעניג איז אָבער געווען שטאַרק באַאומרוהיגט וועגען דער

* „לאָרד מעלבאָורן, צו סער ראָבערט טיילאָר, סעפּטעמבער 26, 1831" („שריפטען", קאַפּ. 15, ז. 131). די אַרבייטער־פאַראיינען האָבען צו יענער צייט אָנגעהויבען צוציהען אַ מעהר ערנסטע אויפמערקזאַמקייט פון פעהיגע פאָרשער, ווי זיי האָבען עס ביז אַהער געטאָן. צוויי גוט־געשריבענע בראָשורען, פאַרעפענטליכט אַנאָנים: „אָן קאָמבינייזשאָנס אָוו טריידס" (1830), און „קאַראַקטער, אָבדזשעקטס ענד עפעקטס אָוו טריידס־יוניאָנס" (1834), באַהאַנדלען דעם געבוי און די פיהרונגען פון די נייע יוניאָנס און קריטיקירען זייערע טענות אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט צו זיך דעמאָלט קיין גלייכען ניט געהאַט. די צווייטע בראָשורע איז געווען געשריבען פון עדוואַרד קאַרלטאָן טופנעל, איינער פון די פאַבריק־קאָמיסיאָנערען, און זי בלייבט נאָך ביז היינט פיליכט די בעסטע ערקלערונג פאַר דעם צד וואָס איז געגען טרייד־יוניאָניזם. טופּנעל האָט אויך געשריבען אַ בראָשורע אונטער דעם נאָמען „טריידס־יוניאָנס און סטרייקס" (לאָנדאָן, 1834); און העריעט מאַרטינאָ האָט איינע געשריבען „אָן דהי טענדענסי אָוו סטרייקס ענד סטיקס טו רעדיוס וויידזשעס" (דורהעם, 1834).ביידע בראָשורען האָבען מיר ניט געזעהן. אַ גוט־אינפאָרמירטער אָבער פיינדליכער אַרטיקעל, באַזירט אויף די דאָזיגע מאַטעריאַלען, איז ערשינען אין דעם „עדינבורג ריוויו" פאַר יולי, 1834. טשאַרלס נייט האָט פאַרעפענטליכט דעמזעלבען יאָהר אַ זעקס־פעניגע בראָשורע וועגען „טריידס־יוניאָנס און סטרייקס" (לאָנדאָן, 1834, 99 זייטען), וועלכע האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ ביטערער מסירה אויף דער גאַנצער בעוועגונג.

פאַרזאַמלונג פון דעם „בוי־אַרבייטערס' פּאַרלאַמענט" און האָט געטריבען דעם קאַבינעט אַנצונעהמען שטרענגע מיטלען.* מר. ראָטש, דער מיטגליד פאַר קנאַריסבאָראָ, האָט געלאָזט וויסען אין אַפּריל, 1834, אַז ער האָט בדעה אַריינצוברענגען אַ פּראָיעקט וואָס זאָל מאַכען אוממעגליך פאַר־אָרגאַניזאַציעס, — אַ מאַסרעגעל, וואָס וואָלט דאַן שטאַרק געשטיצט געוואָרן פון די פאַבריקאַנטען.**

אָבער הגם לאָרד מעלבאָורנ'ס קלוגע אויסגערעכענטקייט האָט געראַטעוועט די יוניאָנס פון שטרענגע פאַרבאָטענדע געזעצען, האָט די רעגירונג פונדעסטוועגען ניט דורכגעלאָזען קיין געלעגענהייט ארויסצואווייזען איהר געגנערשאַפט צו אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. אין אויגוסט 1833, בעת די פאַבריקאַנטען פון יאָרקשייר האָבען דערלאַנגט דער רעגירונג אַ מעמאָראַנדום וועגען דער פראַגע פון „דער טריידס־יוניאָן", האָט לאָרד מעלבאָורן געהייסען ענטפערן, אַז „ער באַטראַכט פאַר איבעריג נאָכאַמאָל צו ווידערהאָלען די שטאַרקע מיינונג, וואָס די מיניסטאָרן פון זיין מאַיעסטעט האָבען וועגען דעם פאַרברעכערישען כאַראַקטער און די שלעכטע ווירקונגען פון די יוניאָנס, וועלכע ווערן געשילדערט אין דעם מעמאָראַנדום", און האָט צוגעגעבען, אַז „עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז די פאַראייניגונגען פאַר די אַנגעגעבענע צוועקען זיינען אומגעזעצליכע קאָנספּיראַציעס און זיי קענען אַלס אַזעלכע פאַרפאָלגט ווערן אונטער דעם ניט־געשריבענעם געזעץ". די אַרבייטסגעבער האָבען מעהר ווי דעם דאָזיגען וואונק ניט באַדאַרפט. ניט קוקענדיג דערויף וואָס די פאַראיינען, וועלכע האָבען געהאַט אַלס זייער איינציגען צוועק צו באַשטימען אַרבייטס־שטונדען אָדער לוין, האָבען אויפגעהערט צו זיין אומגעזעצליך, האָט מען אָבער דאָך געקאָנט פאַרפאָלגען די אַרבייטער אונטער פאַרשיידענע אַנדערע אויסריידען.

---

* זעה זיין בריעף פון 30טען מערץ, 1834, אין „לאָרד מעלבאָורנ'ס פּייפּערס", קאַפּ. 5.

** „לידז מערקורי", אַפּריל 26, 1834. דזשאָזעף היום האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט „די גרעסטע שוועריקייטען צו באַוועגען די מיניסטאָרען ניט אַריינצוברענגען קיין געזעץ־פּראָיעקט צו אונטערדריקען די טריידס־יוניאָנס". („פּור מענ'ס גאַרדיען", מערץ 29, 1834).

צייטענווייס, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט איניגע מינענאַרביי־טער אין לאַנקאַשייר אין 1832, זיינען טרייד־יוניאָניסטען פאַר־קלאָגט געוואָרן פאַר אומגעזעצליכער פאַראייניגונג בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבען געשריבען צו זייערע בעלי־בתים, אַז אַ סטרייק וועט פאָרקומען.* אָפטמאָל איז דער געזעץ פון 1825, וועלכער האָט פאַרבאָטען „שטערונגען און אָבסטרוקציעס“, אַזוי אויסגע־טייטשט געוואָרן, אַז די קלענסטע אָנצוהערעניש פון אַרבייטער, אַז זיי האָבען בדעה צו סטרייקען אין פאַל נישט־יוניאָנלייט וועלען צו־גענומען ווערן צו דער אַרבייט, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ פאַר־ברעכען. אַ מערקווירדיגער פאַל איז פאָרגעקומען אין וואָלווער־העמפּטאָן, אין אויגוסט 1835. פיער טעפּער זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין געפענגניש פאַר „אָפּשרעקען“ (אינטימידיישאָן) אויף דער איינציגער עדות פון אַרבייטסגעבער, אַז זיי האָבען „געהעכערט זייערע פּרייזען צוליעב דעם, וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבען זיך אַריינגעמישט אַלס פאָרשטעהער פון די אַרבייטער“, און נישט קו־קענדיג דאַרויף וואָס די בעלי־בתים האָבען צוגעגעבען, אַז די אַר־בייטער האָבען זיך נישט באַנוצט אַפילו מיט דעם קלענסטען סטראַ־שונאָק. פאַרריידען צו סטרייק־ברעכער, אַפילו ווען דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף דעם פרידליכסטען אופן, האָט מען גאַנץ אָפט שווער באַשטראָפט אויפ׳ן גרונד פון דעמזעלבען „אָפּשרעקונגס“ געזעץ, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט פיער שוסטערס פון סאַוטה־וואָרק, אין 1832. מעהר פון אַלץ אָבער פלעגען סטרייקענדע אַר־בייטער פאַרקלאָגט ווערן אונטער די געזעצען וואָס זיינען נוגע די באַציהונגען צווישען מייסטער און דיענער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט זיבעצעהן גאַרבערס פון בערמאָנדסעי, אין פעברואַר 1834, וועלכע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו געפענגניש פאַר דעם

---

* באַריכט פון אַ פּראָצעס אין לאַנקעסטער, 1832. אַ בריעף איז געשריבען געוואָרן צו געוויסע קויהלענמינען־אייגענטימער „אין אויפ־טראַג פון די דירעקטאָרען פון אַ קערפּערשאַפט פון קויהלענגרעבער“, אין וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז אין פאַל געוויסע אַרבייטער ווע־לען נישט אָפּגעזאָגט ווערן, וועלען די מינענאַרבייטער סטרייקען. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ נישט־געזעצליכע פאַראייניגונג. (זעה „לידז מערקורי“, מאַי 24, 1834.)

פאַרברעכען, וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזט זייער ארבייט ניט־געענדיגט.

מיט דער דאָזיגער שטימונג פון די רעגירונגס־באאַמטע, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען ווי גרויס עס איז געוועזן זייער שרעק פאַר דעם וואוקס פון דער „גרענד נעשאָנאַל קאָנסאָלידייטעד טריידס־יוניאָן". אַ נייער געזעצליכער וואפען איז אינגיכען ענט־דעקט געוואָרן. אין דער צייט פון דעם אויפשטאנד אין נאָר, אין 1779, איז דורכגעפיהרט געוואָרן אַ געזעץ (37 דזש. 3, ק. 123) שטרענג צו באַשטראָפען פאַר דעם נעהמען אַ שבועה אין אַן אומ־געזעצליכער געזעלשאַפט. אין 1819, ווען דאָס לאַנד איז געווען פול מיט פאָליטישען פאַרראַט, איז אַ פראָיעקט צו פאַרבאָטען אומ־געזעצליכע שבועות געוועזן איינער פון די באַוואוסטע „זעקס געזע־צען". אין קיינעם פון די דערמאָנטע געזעצען איז ניט געוועזן גע־ציעלט קעגען פאַך פאַראייגען, ניט קוקענדיג דארויף וואָס לאָרד עלענבאָראָ איז אין אַן איזאָלירטער קלאַגע, אין 1802, געווען מיט דער מיינונג, אַז אַ שבועה דורכגעפיהרט פון אַ קאָמיטעט פון טוך־שערער אין וועלטשייר איז יאָ איינגעשלאָסען אין די ערשטע סטאַ־טוטען. ווי עס ווייזט אויס איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען אָנצואווענדען דעם דערמאָנטען געזעץ קעגען טרייד־יוניאָנס, ביז די דורך אַ שבועה פאַרפליכטעטע קאָנפעדעראַציע פון דער „גרענד נעשאָנאַל קאָנסאָלידייטעד טריידס־יוניאָן", האָט אָנגעהויבען מאַכען פראָגרעס אַפילו אין די דערפער פון דרום־ענגלאַנד.

די געשיכטע פון דעם פראָצעס און די פאַרשיקונג פון די אַרבייטער פון דאָרטשעסטער, איז דער באַקאַנטסטער עפּיזאָד פון דער ערשטער טרייד־יוניאָניסטישער געשיכטע.* די אַגריקולטור־

* לאַנגע באַריכטען זיינען געווען געדרוקט אין די צייטונגען אין מערץ און אַפּריל, 1834. די אָנקלאַגע איז אינגאַנצען איבערגעגעבען געוואָרען אין דעם „האָוז אָוו קאָממאָנס רעטוירן", נומ. 250, פון 1835 (1טען יוני). די „טיימס" גיט איבער אַ לענגערן אויסצוג פון דעם ריכטער'ס רעדע דעם 18טען מערץ, 1834. דעם 20טען מערץ, 1834, ווערען איבערגעגעבען די תקנות פון דער יוניאָן. אַ גוט־געשריבענער אַרטיקעל אין דעם „לאָא מעגעזין", ב. 9, ז. 460-72, באַשפּרעכט די גע־זעצליכע זייט פון דעם פראָצעס. די אָנגעקלאָגטע האָבען שפּעטער פאַר־

אַרבייטער פון די דרום־פּראָווינצען, וועלכע זיינען געוואָרן אונטער־דריקט פון די שטילע פּאַראייניגען פון די לאַנד־אייגענטימער און די „קאָרן־געזעצען" פּונקט אַזוי ווי אויסערגעוועהנליך דעמאָראַליזירט. פון דעם אַלטען „אָרעמען־געזעץ", זיינען שוין לאַנג געוועזן אין אַ צושטאַנד פון טרויעריגער פאַרצווייפלונג. די ספּעציעל שווערע צייטען פון 1829 האָבען זיך געענדיגט מיט אויסברוכען פון מאַשין־ברעכערייען, שייערן־אונטערצינדונגען, און הונגער־אויפשטאַנדען, וועלכע זיינען אין 1830 אונטערדריקט געוואָרן דורך דעם אָראָפּ־ברענגען סאָלדאַטען אין די אומרוהיגע באַצירקען און דורך דער באַשטימונג פון אַ ספּעציעלער געריכטס־קאָמיסיע, צו משפּט'ן מעהר ווי טויזענד געפאַנגענע. אַזוי שנעל ווי דער האַנדעל האָט זיך אָנגעהויבען בעסערן, האָט זיך קענטיג אָנגעפאַנגען אַן אַלגע־מיינע באַוועגונג פאַר אַ העכערן אַרבייטס־לוין. אין 1832, גע־פינען מיר, אַז דער דיוק אָוו וועלינגטאָן, אַלס לאָרד־לייטענאַנט פון העמפּשייר, האָט באַריכטעט צו לאָרד מעלבאָורן, אַז מעהר ווי אַ העלפט פון די אַרבייטער פון זיין באַצירק צאָהלען אַ פּעני אַ וואָך צו אַ נעץ פון לאָקאַלע געזעלשאַפטען וועלכע זיינען פאַרבונדען, ווי ער דענקט, מיט אַ געוויסער נאַציאָנאַלער יוניאָן. „די אַרבייטער זאָגען, אַז זיי זיינען פאַראָרדענט געוואָרן פון דער יוניאָן, ניט צו אַרבייטען פאַר ווייניגער ווי צעהן שילינג, און אַז די יוניאָן וועט שטעהן מיט זיי".** די דאָזיגע געזעלשאַפטען, וואָס זייער איינ־

עפענטליכט צוויי ערקלערונגען, וועלכע האָבען געזאָלט צירקולירען צווי־שען פאָלק; איינע פון זיי איז געוועזן „די קרבנות פון ליבעראַליזם, אַן ערקלערונג וועגען די פאַרפאָלגונגען, וואָס די אַרבייטער פון דאָר־טשעסטער זיינען אויסגעשטאַנען", פון דזשאָרדזש לאָוולעס, (לאָנדאָן, 1837), און די צווייטע „אַן ערצעהלונג וועגען די ליידען פון דזשיימס לאָוולעס און אַנדערע", (לאָנדאָן, 1838). ביידע געפינען זיך אין בריטישען מוזעאום. זעה אויך ספּענסער וואַלפּאָל'ס „היסטאָרי אָוו אינג־לאַנד", ב. 3, קאַפּ. 8, ז. 229-31, און האַנסאַרד'ס „פּאַרלאַמענטאַרי דע־בייטס", ב. 12 און 13.

** לאָרד מעלבאָורנ'ס פּייפּערס", ז. 147-150, בריעף דאַטירט נאָ־וועמבער 3 און 7, 1832. לאָרד מעלבאָורן האָט קענטיג געדענקט, אַז אַט די דאָרפישע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרבונדען מיט דער פּאָליטישער

האַלט זאָל ניט געווען זיין, האָבען קענטיג געהאַט אַ ווירקונג אויף דער העכערונג פון לוין, ניט נאָר אין העמפּשייר, נאָר אויך אין די אַרומיגע באַצירקען. אין דעם דאָרף טאָלפּודעל, אין דאָר־סעטשייר, ווי דזשאָרדזש לאָוולעס דערצעהלט אונז, האָבען די פּערמער און די אַרבייטער געשלאָסען אַן אָפּמאַך, אין דער אָנ־וועזענהייט פון דעם דאָרפס־גלח, אַז זיי זאָלען קריגען דעמזעלבען לוין, ווי מען צאָהלט אין אַנדערע באַצירקען. דאָס האָט געמיינט, אַז זיי זאָלען קריגען געהעכערט ביז צעהן שילינג אַ וואָך. אויפ'ן צווייטען יאָהר האָבען די פּערמער חרטה געהאַט אויף זייער באַ־שלוס און האָבען אָנגעהויבען אַרונטערנעהמען אַ שילינג נאָך אַ שילינג, ביז זיי האָבען געצאָהלט ניט מעהר ווי זיבען שילינג אַ וואָך. אין דער דאָזיגער פאַרלעגענהייט האָבען די אַרבייטער זיך גענומען פאַנאַדערפרעגען וועגען „דער טריידס־יוניאָן", און צוויי דעלעגאַטען פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַל" האָבען באַזוכט דעם דאָרף. אויף זייערע עצות האָבען די לאָוולעסעס געגרינדעט „דהי פרענדלי סאָסייעטי אָוו אַגריקולטשוראַל לייבאָרערס", וועל־כע האָט געהאַט איהר „גרויס לאָדזש" אין טאָלפּודעל. דער דאָזיגער דאָרפס־קלוב האָט אָנגענומען דעם אויסגעאַרבייטען ריטואַל, גע־זעצען און תקנות פון איינעם פון די נאַציאָנאַלע אָרדענס פון דער „גרענד נעשאָנאַל קאָנסאָלידייטעד טריידס יוניאָן". ווי עס ווייזט אויס האָבען זיי דערפון קיין געהיימנים ניט געמאַכט, וואָ־רים דזשאָהן לאָוולעס האָט גאַנץ אָפען ביים פאָרבער פון דאָרף באַשטעלט ער זאָל אויסמאָלען אַ „טויטען־פיגור, זעקס פוס הויך, פאַר זיין אייגענער געזעלשאַפט", מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט ביי די איינפיהרס־צערעמאָניעס. די פּערמער האָבען זיך דער־שראָקען, און האָבען גע'פועל'ט ביי די אָרטיגע ריכטער, דעם 21־טען פעברואַר, 1834, אַרויסצולאָזען פּלאַקאַטען, וואָרנענדיג די אַרביי־טער, אַז יעדער איינער וואָס וועט זיך אָנשליסען אַן דער „יוניאָן" וועט פאַר'משפט ווערן צו זיבען יאָהר פאַרשיקונג. און דאָס איז

אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך גערופען די „נעשאָנאַל יוניאָן אָוו דהי וואָרקינג קלעסעס", געגרינדעט פון וויליאַם לאָוועט, אין 1831, צו שטיי־צען דעם „רעפאָרם פּראָיעקט".

ניט געווען קיין פוסטער סטראַשונאַק. דריי טאָג נאָך דער פאַרעפענטליכונג פון דער דאָזיגער באַקאַנטמאַכונג האָט מען די לאָורלעסעס און פיער אַנדערע מיטגליעדער אַרעסטירט און איינגעשפּאַרט אין געפענגניש.

דער פּראָצעס פון אָט די אומגליקליכע אַרבייטער איז געווען אַ סקאַנדאַליעזע פאַרקריפּלונג פון דעם געזעץ. די לאָוולעסעס און זייערע פריינד זיינען קענטיג געווען פּשוט'ע מעטאָדיסטען, צוויי פון זיי זיינען געווען וואַנדערנדע פּרעדיגער. עס איז קיין קלאַגע און קיין עדות ניט געווען קעגען זיי, אַז זיי זאָלען האָבען געטאָן עפּעס ערגערס, ווי שפּילען זיך אין שבועה'ס, וועלכע, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, זיינען געווען אַ טייל פון די איינטריטס־צערעמאָניעס פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַל". ניט נאָר זיינען זיי אומשולדיג געווען אין „שרעקען" אימיצען אָדער אין באַגעהן גוואַלטטאַטען, נאָר זיי האָבען אַפילו ניט געסטרייקט און ניט געפּאָדערט קיין העכערן לוין. פונדעסטוועגען האָט דער ריכטער, וועלכער האָט ערשט מיט אַ קורצער צייט פריהער געקראָגען זיין שטעלע, געהאַלטען פאַר די געשוואָרענע אַ לאַנגע אויסגעצויגענע רעדע, אַזוי ווי די אָנגעקלאָגטע וואָלטען באַגאַנגען אַ מאָרד אָדער פאַרראַט, און האָט זיי באַשטראָפט, נאָך דעם קורצסטען פּראָצעס, מיט דער גרויזאַמער שטראָף פון פאַרשיקט ווערן אויף זיבען יאָהר.

די האַלטונג פון דער רעגירונג קען מען אַרויסזעהן פון דעם, ווי דער מיניסטער פון אינערן האָט אָנגענומען דעם טעות פון אַן אומערפאַהרענעם ריכטער אַלס אַ טייל פון זיין אונטערדריקונגס־טאַקטיק. לאָרד מעלבאָורן האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז „דער געזעץ איז אין דעם דאָזיגען פאַל גאַנץ ריכטיג אָנגעווענדט געוואָרן"; און די שטראָף האָט ניט נאָר ניט אַרויסגערופען קיין קריטיק פון דעם ליבעראַלען קאַבינעט, נאָר זי איז דורכגעפיהרט געוואָרן אין גרויס איילעניש. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען דעם 18טען מערץ, 1834; נאָך פאַר דעם 30טען זיינען שוין די געפאַנגענע געווען פאַרפאַקט אויף אַן אַרעסטאַנטען־שיף; און אַרום דעם 15טען אַפּריל האָט לאָרד האָוויק שוין

געקענט מעלדען אין פּאַרלאַמענט, אַז זייער שיף געפינט זיך אויפ'ן וועג נאָך באָטאַני בעי.

„די גרויסע נאַציאָנאַלע פאַראייניגטע טריידס יוניאָן“ האָט זיך אַרויסגעוויזען צו האָבען אַ סך אַ גרעסערן איינפלוס, איידער די רעגירונג האָט ערוואַרט. די גאַנצע מאַשינעריע פון דער אָרגאַניזאַציע איז אָנגעווענדט געוואָרן צוצוגרייטען פּעטיציעס און אָפּצוהאַלטען עפענטליכע פאַרזאַמלונגען, און אַ כוואַליע פון סימפּאַטיע האָט פאַר עטליכע וואָכען ווידער אויפגעלעבט די אָפּגעשוואַכטע ענערגיע פון די מיטגלידער. עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פריינדליכע באַציהונגען מיט די פינף גרויסע יוניאָנס, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען אָנגעשלאָסען, ווייל די צפון־פּראָווינצען זיינען הויפּטזעכליך געווען אָרגאַניזירט פון דער „בוי־ארבייטערס' יוניאָן“ — די „לידז, האָדדערספיעלד ענד בראַדפאָרד דיסטריקט יוניאָן“, די „קלאָדהיערס' יוניאָן“, די „קאָטטאָן־שפּינערס' יוניאָן“ און די „פּאָטטערס' יונאָן“, וועלכע האָבען ביי דער געלעגענהייט געשיקט דעלעגאַטען נאָך לאָנדאָן צו העלפען דער עקזעקוטיווע פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַל“. די אַגיטאַציע האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ ריזיגער פּראָצעסיע פון טרייד־יוניאָניסטען צום אינערן־מיניסטעריום, איבערצוגעבען אַ פּעטיציע צו לאָרד מעלבאָורן, — די ערשטע פון די גרויסע „דעמאָנסטראַציעס“, וועלכע זיינען זינט דעמאָלט געוואָרן אַ רעגעלמעסיגער טייל פון דער מאַשינעריע פון לאָנדאָנער פּאָליטיק. דער פּלאַן דורכצופיהרען די דאָזיגע פּראָצעסיע האָט אַרויסגערופען די גרעסטע אומרוהיגקייט, סיי ביי פריינד און סיי ביי שונאים. די „טיימס“, ביי וועלכער די פּאַריזער פּאַסירונגען פון 1830 זיינען נאָך געלעגען אין זכרון, האָט געדרוקט איין לייטאַרטיקעל נאָכ'ן צווייטען, פאַרדאַמענדיג דעם פּראָיעקט, און לאָרד מעלבאָורן האָט געלאָזט וויסען, אַז ער וועט זיך ענטזאַגען אויפצונעהמען וועלכע עס איז דעפּוטאַציע אָדער פּעטיציע פון אַ פּראָצעסיע. מען האָט איינגעשוואָרן ספּעציעלע פּאָליציסטען, און מען האָט געבראַכט אין לאָנדאָן סאָלדאַטען, כדי צו פאַרמיידען אַן אויפשטאַנד. ענדליך איז דער גרויסער טאָג געקומען (אַפּריל 21, 1834). אָווען און זיינע פריינד האָבען געפיהרט די פּראָצעסיע מיט גרויס פעהיגקייט. כדי צו

פאַרמיידען, אַז די נייע פּאָליציי זאָל זיך ניט אריינמישען, האָט מען פאַרמעל אָפּגעדונגען פון דעם אייגענטימער דעם ליידיגען פּלאַץ ביי „קאָפּענהאַגען פיעלדס", וואו די פּראָצעסירער האָבען זיך פאַרזאַמעלט. די טריידס זיינען מיט אַ סדר אויסגעשטעלט געוואָרען הינטער דריי־און־דרייסיג פאָהנען, און יעדער איינער האָט געטראָגען אַ רויטען בענדעל. אין שפּיץ פון דער פּראָצעסיע איז געריטען, אין זיין פולער פּריסטערליכער פאָרם און דער רויטער מיץ פון אַ „דאָקטאָר אָוו דיווינעטי", דער שווערער „פּריסטער פון די הויפּטשטאָדטיגע טריידס־יוניאָנס", דר. אַרטור ס. וויד.*
די דעמאָנסטראַציע, לויט דער צאָהל, איז בלי ספק געווען אַן ער־פאָלג. מיר געפינען אויס, למשל, אַז פון די שניידערס אַליין האָבען פאַראַדירט פון פינף ביז זיבען טויזענד מענשען, און די בוי־אונ־טערנעהמער האָבען זיך שפּעטער באַקלאָגט, אַז זייער אַרבייט איז איינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען צוליב דער באַטייליגונג פון זייערע אַרבייטער. מעהר ווי אַ פערטעל מיליאָן אונטערשריפטען זיינען אַריינגעקומען פאַר דער פּעטיציע און, אפילו לויט די אָנגאַבען פון דער „טיימס", דרייסיג טויזענד מענשען האָבען זיך באַטייליגט אין דער פּראָצעסיע, וואָס האָט לויט דער דעמאָלסטדיגער באַפעל־קערונג מיט זיך פאַרגעשטעלט אַזאַ טייל פון לאָנדאָן, ווי הונדערט טויזענד היינט צו טאָג.**

דערווייל האָבען די ראַדיקאַלען פון אַלע שאַטירונגען זיך גע־איילט צו קומען צו הילף. אַן עפענטליכע פאַרזאַמלונג איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרען אין דער „קראַון און ענקאָר טאַווערן", אויף וועלכער ראָעבוק, קאָלאָנעל פּערראָנעט טאָמפּסאָן און דעניעל

* אַ פּראָמינענטער אָוועניסטישער אַגיטאַטאָר פון יענער צייט, אַ פּריסטער אין דער סט. ניקאָלאַס קירך, וואָרוויק, וועמען, ווי מען זאָגט, דער בישאָף האָט געהאַט פאַרבאָטען צו פּרעדיגען.

** „טיימס", אַפּריל 22 ; „קאָמפּעניאָן טו דהי ניוספּייפּער", מאַי און יוני, 1834. אָנגאַבען פון טרייד־יוניאָנס ערקלערען, אַז פון 100,000 ביז 200,000 פּערזאָנען זיינען אָנוועזענד געווען. אַן אויספיהרליכע באַשרייבונג פון דעם טאָג געפינט זיך אין סעמערוויל'ס „אויטאָביאָ־גראַפיע פון אַן אַרבייטער" (לאָנדאָן 1848), געוועהנליך ניט קיין צו־פאַרלעסיג ווערק.

אָ'קאָננעל האָבען גערעדט; אַ דעבאַטע איז פאָרגעקומען אין האַוז אָוו קאָממאָנס, אין וועלכער דזשאָזעף היום האָט שטאַרק אָנגעגריפען דעם ברוטאַלען אורטייל.* אָבער די רעגירונג האָט ניט נאָר ניט מבטל געוועזן די שטראָף, נאָר זי האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען, אַז די שטראָף איז צו־שטרענג; זי האָט געלאָזט די אומגליקליכע ארבייטער אָפּקומען זייער טערמין.

דער דאָרטשעסטער־אורטייל האָט געווירקט, אַז די שבועה זאָל אויגענשיינליך ארויסגעוואָרפען ווערן פון די טרייד־יוניאָן צערעמאָניעס, הגם אין געוויסע טריידס און באַצירקען האָט מען זי נאָך אָנגעהאַלטען פאַר איניגע יאָהר.** אין אַפריל 1834 האָט

* די אַגיטאַציע פאַר זייער באַפרייאונג איז אָנגעהאַלטען געוואָרן, אין פאַרלאַמענט אַזוי גוט ווי אויסערן פאַרלאַמענט, פון דעם „לאָנדאָן־דאָרטשעסטער קאָמיטעט"; און אין 1836 האָט מען זיי די איבעריגע צייט פון דער שטראָף מוחל געווען. דורך פאָרמעלע פאַרשלעפּענישען האָט עס גענומען צוויי יאָהר (ביז אַפריל 1838) איידער פינף פון די זעקס געפאַנגענע זיינען צוריקגעבראַכט געוואָרן אַהיים. דער זעקסטער, ווי מיר דערוויסען זיך פון אַ צירקולאַר פון דעם קאָמיטעט, דאַטירט אויגוסט 20, 1838, איז נאָך אפילו דאַן ניט געווען צוריקגעקומען. „אַ גרויסען און אויביגען כבוד", שרייבט אַ גוט־אינפאָרמירטער צייטגענאָסע, „האָט זיך פאַרדיענט יענע גרופּע אַרבייטער (דער לאָנדאָן־דאָרטשעסטער קאָמיטעט), אַן ערך זעכצעהן אין צאָהל, דורך וועמעס אומערמיעדליכער מיה פאַר אַ צייט פון פולע פינף יאָהר, מיט דער שאַצבאַרער הילף פון טהאָמאַס וואַקלעי (פאַרלאַמענט־מיטגליד פאַר פינסבורי), די אייגענע רעגירונג, וועלכע האָט די אַרבייטער פאַרשיקט, איז געווען געצוואונגען זיי צו באַגנאַדיגען און ברענגען אַהיים אויף איהרע הוצאות. פון דאָס געלד, וואָס די אַרבייטער האָבען דורך דער צייט געזאַמעלט, אַ סומע פון אַן ערך £1,300, איז דער קאָמיטעט געווען ביכולת, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, צו באַזעצען פינף פון זיי מיט זייערע פאַמיליעס אויף קליינע פערמעס אין עססעקס. דער זעקסטער האָט פאָרגעצויגען (מיט זיין חלק פון דער פאָנד) זיך צוריקצוקעהרן אין זיין געבורטספּלאַץ". (פון אַן אַרטיקעל אין דעם „בריטיש סטייטסמען", אַפּריל 9, 1842, אויפגעהאַלטען אין „פּלייס'עס מאַנוסקריפּטען", 320—27820). זעה אויך „האַוז אָוו קאָממאָנס רעטורן", נומ. 191 פון 1837 (אַפּריל 12); און „האַנסאַרד'ס פאַרלאַמענטאַרי דעבייטס", ב. 22, ז. 253.

** די סעריע פון „איינפיהר־צערעמאָניעס", אָדער פאָרמען וואָס דאַרפען אָפּגעהיט ווערען ביים אויפנעהמען נייע מיטגלידער, וואָס זיי־

דער „פּאַרלאַמענט“ פון דער „בילדערס׳ יוניאָן“ פאָרמעל די שבועה אָפּגעשאַפט. אינגיכען האָט דער „גרויסער נאַציאָנאַל“ אָנגענומען דעמזעלבען באַשלוס; און די לידזער און אַנדערע יוניאָנס האָבען זיי נאָכגעפאָלגט. אָבער דעם ריכטער׳ס אורטייל האָט באַין אופן ניט אָפּגעשטעלט די אַגרעסיווע טאַקטיק פון די יוניאָנס. אַזוי גיך ווי די אויפרעגונג פון דער פּראָצעסיע איז אַריבער, האָט איינע פון די וויכטיגסטע אָפּטיילונגען פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַל“ אויפגענומען אַן ערנסטען קאַמף מיט איהרע אַרבייטסגעבער. די לאָנדאָנער שניידערס, וועלכע זיינען ביז אַהער ניט איינינ געוועזען צווישען זיך, האָבען אין דעצעמבער, 1833, געגרינדעט די „פּוירסט גרענד לאָדזש אָוו אָפּערייטיוו טיילאָרס“ (ערשטער גרויס-לאָדזש פון שניידער-אַרבייטער), און באַשלאָסען צו פאָדערן אַ פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס-צייט. דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די אַרבייטער קאָן מען אַמבעסטען אַרויסזעהן פון דער פעסטער שפּראַך, מיט וועלכער זיי האָבען זיך געווענדט צו זייערע בעלי־בתים. „כדי אָפּצושטעלען די רואינירנדע ווירקונג, וואָס די פאַרניכטענדע קאָ־

נען אויפגעהאַלטען געוואָרן אין די אַרכיוועז פון דער „סטאָונמייסאָנ׳ס סאָסיועטי“, דעקען פאַר אונז אויף די שטענדיגע נייגונג צו פעראייני־ פאַכען די צערעמאָניעס. מיר האָבען דאָרט דעם אַלטען „פּוסטע־גראַמען“־ מאַנוסקריפּט, וואָס איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען, וועלכער דאַ־ טירט קענטיג פון 1832. אין דער ערשטער אָפּגעדרוקטער קאָפּיע פון 1834, הגם זי ענטהאַלט אַ גוטען טייל פון די צערעמאָניעס, זיינען שוין אָבער די גראַמען פאַרוואַנדעלט אין פּראָזאַ און די שבועה איז כמעט דאָס אייגענע ווי אַ „דערקלערונג“, אַז אין פאַל פון פאַרראַט, וועט דאָס ברענגען די „שרעקליכע אומצופרידענקייט“ פון דער געזעלשאַפט. דער צווייטער אָפּדרוק, וואָס טראָגט ניט קיין דאַטום, איז אַ סך קירצער; און די „דער־ קלערונג“ פאַרוואַנדעלט זיך איינפאַך אין אַ באַשטעטיגונג פון אָנהענ־ גיגקייט. אין די צירקולאַרן פון דער געזעלשאַפט אין 1838, ווערט גע־ זאָגט, אַז דורך אַן אָפּשטימונג פון די מיטגלידער זיינען אַלע איינפיהר־ צערעמאָניעס אָפּגעשאַפט געוואָרן, צוליעב דער פּאַרלאַמענטאַרישער אונ־ טערזוכונג וועגען טרייד־יוניאָניזם, וואָס דאַרף פאָרקומען. אָבער אפילו אין דער פאַראייכפאַכטער פאָרם פון 1838 רעדט זיך נאָך אַלץ פון די אַרבייטער ווי פון „די אמת׳ע פּראָדוצירער פון אַ ל ע רייכטימער“ און עס זיינען נאָך קענטיג די אומצוויפעלהאַפטע שפּורן פון דעם אָוועניס־ טישען גייסט אין דער „בילדערס׳ יוניאָן“ פון 1832.

מערציעלע קאָנקורענץ האָט אַזוי לאַנג אויסגעאיבט אויפ'ן טרייד", שרייבען זיי, „האָבען מיר באַשלאָסען איינצופיהרן געוויסע נייע אַרבייטס־רעגולאַציעס אין פאַך, וועלכע זאָלען אריין אין קראַפט דעם קומענדען מאָנטאָג". עס איז דערפון ארויסגעקומען אַן אַל־געמיינער סטרייק, אין וועלכען, ווי עס ווערט אָנגעגעבען, צוואַנציג טויזענד אַרבייטער זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרן פון דער אַר־בייט, און די גאַנצע לאַסט פון אויסהאַלטען זיי איז געפאַלען אויף די פאָנדען פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַל". אַ באַשטייערונג פון אַכצעהן פענים איז אָרויפגעלעגט געוואָרן אויף יעדען מיטגליד איבער'ן לאַנד אין מאַי 1834, וועלכע האָט ארויסגערופען אַ געוויסע אומצופרידענקייט, און עס איז ניט ארייגעקומען גענוג געלד אָנ־צוהאַלטען די סטרייק־צאָהלונגען פאַר די שניידער, וועלכע זיינען געפאַלען ביז פיער שילינג אַ וואָך. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די אַרבייטער האָבען זיך ביסלעכווייז אומגעקעהרט צו דער אַרבייט אויף די באַדינגונגען פון די בעלי־בתים.

די דאָזיגע אומגעריכטע צרות, צוזאַמען מיט די אומצעהליגע קלענערע סטרייקס אין פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד, וועלכע זיי־נען געווען ניט ערפאָלגרייך, האָבען צעטרייסעלט דעם איינפלוס פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַל". די עקזעקוטיווע האָט אומזיסט פּרובירט אָפּצוהאַלטען די כוואַליע פון סטרייקס דורך פאַרעפענט־ליכען אַ „דעקלאַראַציע וועגען די אָנזיכטען און ציעלען פון טריידס־יוניאָנס", אין וועלכער זיי האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען סטרייקס און אָגיטירט פאַר קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע. די דאָזיגע דעק־לאַראַציע איז באַקרעפטיגט געוואָרן דורך זייער ענטזאָגען זיך צוצושטימען צו דער פאָדערונג פון די לאָנדאָנער שוסטער פאַר אַ לויין־העכערונג, אויף דעם גרונט, וואָס אַ סטרייק באַלד נאָך דעם דורכפאַל פון די שניידער איז ניט צייטמעסיג. דאָס האָט זיך אָבער בלויז געענדיגט דערמיט, וואָס די לאָנדאָנער שוסטער האָ־בען אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, מיט 782 שטימען קעגען 506, באַשלאָסען אָפּצורייסען זיך פון דער פעדעראַציע, און זיינען אַרוים אין סטרייק אויף זייער אייגענעם חשבון.

אַ נאָך שווערערער קלאַפּ איז געווען די „אויסשליסונג" אין די לאָנדאָנער בוי־פאַכען אין יולי 1834. די דאָזיגע לאָנדאָנער

פאַכען האָבען זיך בעסער אַנגעשלאָסען אָן דער „גרויסער פּאַראייניגונג“ איידער אָן דער „בילדערס' יוניאָן“; און אין זומער פון 1834 האָט אַ דעספּאָטיש־קליינליכער אַקט פון אַן איינצעלנער פירמע אַרויסגערופען אַן אַלגעמיינעם קאַמף. די אַרבייטער ביי די הערן קוביט האָבען געהאַט באַשלאָסען ניט צו טרינקען קיין ביער פון דער פירמע „קאַמבי, דעלאַפיעלד און קאָ.“, אַלס פּראָטעסט קעגען זייער ענטזאָגען זיך צו באַשעפטיגען טרייד־יוניאָניסטען. דערויף האָבען די הערן קוביט פאַרבאָטען צו טרינקען וועלכען עס איז אַנדערן ביער אין זייערע געביידעס און האָבען אויסגעשלאָסען זייערע אַרבייטער. די אַרבייטסגעבער פון גאַנץ לאָנדאָן, וועלכע זיינען אין כעס געווען אויף די יוניאָנס פאַר זייער געגנערשאַפט צו אונטער־קאָנטראַקטאָריי און שטיק־אַרבייט, האָבען זיך אַנגעכאַפּט אָן דער דאָזיגער געלעגענהייט צו צווינגען זייערע אַרבייטער אונטערצושרייבען דעם פאַרהאַסטען „דאָקומענט“. די קעפּ פון די רעגירונגס־דעפּאַרטאַמענטען, אין וועלכע בוי־אַרבייטער זיינען באַשעפטיגט געווען, האָבען זיך געשטעלט אין איין רייה מיט די פּריוואַטע אַרבייטסגעבער דערמיט, וואָס זיי האָבען געשטעלט דיזעלבע פאָדערונג. דער קאַמף האָט זיך געצויגען ביז נאָוועמבער 1835, ווען דער „דאָקומענט“ איז, ווייזט אויס, שטילערהייט צוריקגעצויגען געוואָרן און די אַרבייטער האָבען זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבייט, אָננעהמענדיג די באַדינגונגען פון די בעלי־בתים אין די איבעריגע שטרייט־פּונקטען. פון דער קאָרעספּאָנדענץ פון דער „סטאָונמייסאָנס' סאָסייעטי“ דערגעהען מיר, אַז די דאָזיגע נידערלאַגע — און אַ נידערלאַגע איז דאָס ווירקליך געווען — האָט אינגאַנצען צעבראָכען די אָרגאַניזאַציע אין די לאָנדאָנער בוי־פאַכען. וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דער „בילדערס' יוניאָן“ אין יענע חדשים, איז ניט קלאָר. די פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציע איז קענטיג צוזאַמענגעפאַלען אומגעפעהר אין דער אייגענער צייט; און די פאַרשיידענע פאַכען האָבען זיך צוריקגעקערט צו זייערע לאָקאַלע קלובען און נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען.

בעת די לאָנדאָנער בוי־אַרבייטער זיינען געווען פאַרנומען מיט זייער קאַמף, זיינען עהנליכע שטרייטען פאָרגעקומען אין די אַנדערע הויפּט אינדוסטריען. אין לידז, למשל, האָבען די בעלי־

בתים, אין מאַי 1834, ווידער אַרויסגעשטעלט דעם „דאָקומענט״; און נאָך אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד און בייזער פאַרדאַמונג זיינען די אַרבייטער געווען געצוואונגען אויפצוגעבען די „קלאָדהיערס' יוניאָן״. די באַוועל־שפּינערס, וועלכע מיר האָבען איבערגעלאָזט צוגרייטענדיג זיך דורכצופיהרן פּיעלדען׳ס פּלאַן פון אַ גענעראַל סטרייק פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג מיט ניט־פאַרקלע־נערטען לוין פאַר אַלע באַוועל־אַרבייטער, האָבען באַשלאָסען צו פאָדערן, אַז די פאַרקירצונג פון זייער אַרבייטס־צייט זאָל זיך אָנ־הויבען דעם ערשטען מערץ 1834, דער טאָג וואָס איז געווען באַ־שטימט פאַר דער איינפיהרונג פון דעם נייעם פאַבריק־געזעץ פון 1833, וועלכער האָט באַגרעניצט די אַרבייטס־צייט פאַר קינדער צו אַכט שעה אַ טאָג. די אַרבייטער פון פיעלע פאַבריקען האָבען געלאָזט וויסען וועגען דעם זייערע בעלי־בתים, וועלכע האָבען זיי פּשוט איגנאָרירט. קענטיג, אַז זיי האָבען ריכטיג אָפּגעשאַצט די שוואַכקייט פון זייערע אַרבייטער, וואָרים דער ערוואַרטעטער גענעראַל־סטרייק איז פון אַ דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אָפּגעלעגט גע־וואָרן ביז דעם 2טען יוני. אין יענעם טאָג זיינען די אַרבייטער נאָך אַלץ ניט געווען גרייט צו האַנדלען, און דער סטרייק איז ווידער אָפּגעלעגט געוואָרן ביז דעם 1טען סעפּטעמבער. מעהר האָבען מיר וועגען איהם ניט געהערט.

די אָלדהאַמער אַרבייטער האָבען, אין אַפּריל 1834, ווירקליך געמאַכט אַ ניט־צוגעגרייטען פאַרזוך צו קריגען אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. פאַרגעקומען איז דאָס נאָכדעם ווי די לאָקאַלע פּאָליציי האָט צעטריבען אַ טרייד־יוניאָניסטישע פאַרזאַמלונג. די אַרבייטער האָבען זיך פאַרטיידיגט, עס איז געקומען צו אַן אָנגריף אויף אַ פאַרהאַסטער פאַבריק, אין וועלכען איינער פון די אָנפאַלער איז דערשאָסען געוואָרן פון אַ „סטרייק־ברעכער״. דער צוזאַמענ־שטויס האָט אויפגערעגט דעם אָלדהאַמער אַרבייטער קלאַס ביז צו אַן אויפשטאַנד. די אַרבייטער פון אַלע טריידס, מענער און פרויען, האָבען געוואָרפען די אַרבייט און אָפּגעהאַלטען ריעזיגע פאַרזאַמ־לונגען אויף׳ן „מור״, וואו זיי זיינען אַדרעסירט געוואָרן פון דאָ־הערטי און אַנדערע רעדנער פון מאַנטשעסטער, און זיי האָבען געפאָדערט דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. אין פאַרלויף פון

אַ וואָך איז די אויפרעגונג אַריבער און די אַרבייטער האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער אַרבייט.*

סוף זומער איז קלאָר געוואָרן, אַז די אַמביציעזע פּראָיעקטען פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד“ און אַנדערע „טריידס־יוניאָנס“ האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט אַן אומפערמיידליכען און פולשטענדיגען דורכפאַל. אומגעאַכטעט אויף דעם וואַקסענדען וואוילשטאַנד פון טרייד, זיינען די סטרייקס פאַר בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען אומעטום געווען ניט־ערפאָלגרייך. אין יולי, 1834, האָבען די פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס איבער'ן גאַנצען לאַנד געהאַלטען ביים צוזאַמענברעכען. דער גרויסער פאַרבאַנד פון אַ האַלבען מיליאָן מיטגלידער איז פולשטענדיג געשלאָגען געוואָרן פון די אַרבייטסגעבער, דורך זייער ענערגישען אַרויסשטעלען דעם „דאָקומענט“. מיר געפינען ניט קיין פאַרשריבענעם באַריכט וועגען דער פאַקטישער אויפלייזונג פון דער אָרגאַניזאַציע אין יענער צייט, אָבער דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף די מעהר ניכטערע טרייד־יוניאָניסטען קאָן מען אַרויסנעהמען פון דער פאָלגענדער שילדערונג, וואָס איז ערשינען אין אַן אַרבייטער־זשורנאַל מיט זיבען יאָהר שפּעטער. „מיר האָבען בייגעוואוינט“, שרייבט דער רעדאַקטאָר פון דעם „טריידס דזשורנאַל“, „אַ סך פאַרזאַמלונגען פון דער „גרענד נעשאָנאַל קאָנסאָלידייטעד טריידס־יוניאָן“ און מיר געדענקען גאַנץ גוט די אויפרעגונג וואָס האָט אויף זיי געהערשט — די אומצווייפעלהאַפטע ענטשלאָסענקייט דורכצופיהרען איהרע פּרינציפּען ניט קוקענדיג אויף אַלע שטערונגען — די באַגייסטערונג וואָס מאַנכע רעדנער האָבען אַרויסגעוויזען — די ליאַרעמדיגע צושטימונג פון די פאַרזאַמעלטע — די הויכע אויסרופען: „היער, היער“, „בראַוואָ“, „הורראַ“, „עס לעבע די יוניאָן“

---

* די „טיימס“ האָט די דאָזיגע פּאַסירונגען באַעהרט מיט לאַנגע, אויספיהרליכע באַריכטען פון איהר „אייגענעם קאָרעספּאָנדענט“, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אויסערגעוועהנליכע זאַך. זעה די אויסגאַבען פון דעם 17טען ביז דעם 27טען אַפּריל, 1834. אַ גוטען באַריכט קאָן מען אויך געפינען אין דעם „לידז מערקורי“ פון דעם 19טען און 26־טען אַפּריל, 1834. זעה אויך די „היסטאָרי אָוו דהי מאַרקראָפט פאַמילי“ (1889), ז. 6—103.

א. אז. וו. פיעלע, פיעלע זיינען נאך דעמאלט געווען מיט דער מיינונג, אז פון דער דאזיגער יוניאן וועט ווענינ אמת'ע נוצען ארויסקומען, ווייל איהרע פארהאנדלונגען האבען ניט ארויסגעוויזען א קאלטע, געלאסענע אונטערזוכונג פון די אורזאכען פון די עקזיסטירנדע איבלען, נאר א שטענדיג־אויפגערעגטען גייסטיגען צושטאנד, וועלכער וועט גאר גיך אריבערגעהן און זיי איבערלאזען אין דעמזעלבען פריהערדיגען צושטאנד. די פאסירונגען האבען באוויזען, אז די דאזיגע מיינונג איז ניט געווען אומבאגרינדעט. א קראט־בערגעל האט זיי פארשפארט דעם וועג צו ווייטערדיגען פראגרעס; און אנשטאט זיך צו נעהמען פאר דער ארבייט פון אוועקראמען אזא נישטיגע שטערונג, האבען זיי בעסער אויסגעקליבען זיך אומצוקעהרן צוריק, יעדער איינער אויף זיין אייגענעם וועג, ניט קימערנדיג זיך וועגען דער זיכערקייט אדער די אינטערעסען פון זיין שכן. עס איז געווען פיינליך צוצוזעהן די דערשלאגענקייט פון די גענעראלען און פיהרער פון דער דאזיגער אויף גיך צונויפגעלאפענער ארמעע, בעת זיי זיינע געבליבען פארלאזען אליין אויפ'ן פעלד".*

א פעריאדע פון אלגעמיינער אפהענטיגקייט איז איינגעטראטען אין דער טרייד־יוניאן וועלט. דער „לאנדאן־דארטשעסטער קאמיטעט" האט נאך אלץ מיט אן אומערמידליכען אויסדויער אנגעהאלטען די זאמלונג פון געלד און פעטיציעס וועגען דער באפרייאונג פון די זעקס פארשיקטע ארבייטער; אבער „די טריידס־יוניאן", צוזאמען מיט דעם אידעאל פון וועלכען זי איז ארויסגעשפרונגען, איז פארשוואונדען א דיסקרעדיטירטע. די הונדערטער טויזענטער רעקרוטען פון די נייע אינדוסטריען אדער פראסטע ארבייטען זיינען ווידער אריינגעפאלען אין א צושטאנד פון ניט־ארגאניזירטקייט. די נאציאנאלע „ארדענס" פון שניידערס און שוסטערס, די פארצווייגטע ארגאניזאציעס פון באוועלשפינערס און וואלענס־ארבייטער, זיינען זיך פאנאנדערגעפאלען

---

* „טריידס דזשורנאל", מערץ 1, 1841, קענטיג געשריבען פון אלעקסאנדער האטשינסאן, גענעראל־סעקרעטער פון דער „פרענדלי יוניי־טעד סמיטהס אוו גרייט בריטיין ענד איירלאנד".

אין אָפּגעריסענע געזעלשאַפטען. איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען זיך די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט דעם „גרויסען נאַציאָנאַל", צוריק אומגעקעהרט צו זייערע לאָקאַלע טרייד־קלובען.

די געשיכטע פון דעם שטייגען און פאַלען פון דעם „נייעם יוניאָניזם" פון 1830 ביז 1834, איבערצייגט אונז אין דעם גרויסען פּראָגרעס וואָס די אַרבייטער האָבען געמאַכט אין זייערע אידעען, ניט ענדערנדיג צוגלייכער צייט זייערע קאַמף־מעטאָדען. אין דער באַראַטונג זיינען זיי געווען אידעאַליסטען, וועלכע טרוימען פון אַ נייעם הימעל און אַ נייער ערד, הומאַניטאַריער, אויפקלערער, סאָציאַליסטען, מאָראַליסטען; אין שלאַכט זיינען נאָך אַלץ די קעמפּענדע, האַלב־באַפרייטע לייבאייגענע פון 1825, באַוואָפענט בלויז מיט די פּראָסטע וואָפען פון סטרייק און באָיקאָט. צייטענווייס שרעקען זיך די באַזיצענדע קלאַסען פאַר זיי און האַסען זיי; אָפטמאָל ווערן זיי בלויז פאַראַכט; שטענדיג זיינען זיי אונטערדריקט אין מיזעראַבעל אָרים. מיר געפינען אויך, אַז זיי זיינען פּאַקטיש ווענינער ערפאָלגרייך געווען מיט די אַלטע וואָפען דאַן, ווען זיי האָבען זיי באַנוצט מיט נייע און ברייטערע אידעען. זיי זיינען געשלאָגען געוואָרן אין אַ צייט ווען דער מסחר איז געשטאַנע הויך, בעת פריהער פלעגען זיי נאָר געשלאָגען ווערן אין שלעכטע צייטען. און מיר וועלן באַלד זעהן, אַז זיי האָבען ניט צוריקגעוואונען זייערע פאַרלאָרענע פּאָזיציעס, ביז זיי האָבען ווידער קאָנצענטרירט זייערע אָנשטרענגונגען אויף קלענערע און מעהר דערגרייכבאַרע ציעלען. מיר מוזען אָבער פריהער אונטערזוכען ווי אַזוי זיי זיינען געקומען צו די נייע אידעען.

אין די שלעכטע צייטען וואָס זיינען געקומען נאָך דעם שלום פון 1815, האָבען די שריפטען פון קאָבעט דערגרייכט אַז אויסערגעוועהנליכען איינפלוס און אויטאָריטעט איבער אַלע אַרבייטער פון יענעם דור. זיין בייסענדע פאַרדאַמונג פון די הערשענדע קלאַסען, זיינע אומאויפהערליכע אויפרופען צו די לוין־אַרבייטער זיי זאָלען פאַרטיידיגען זייער רעכט צו ווערן די בעלי־בתים איבער אַלץ, זיינען געווען אינספּירירט פון דער פּאָליטישער טיראַניי פון דער אַנטי־יאַקאָבינשער רעאַקציע, פון די הויכע פרייזען און שווערע

שטייערן, און פון דער אָנזעהעוודיגער באַשאַפונג דורך דעם „פונדאַנציאָנס־סיסטעם"* אַן אויפקומענדען קלאַס ניט־פּראָדוצירער, וועלכער האָט געלעבט אויף די פּראָצענטען פון דעם גרויסען חוב וואָס די נאַציע האָט אויף זיך ארויפגעצויגען אין פאַרלויף פון דער מלחמה — אַזעלכע איבלען, וואָס אַפילו דער קלענסטער פון זיי איז גענוג געווען צו באַגייסטערן אַזאַ פייערדיגען פּאָליטיקער ווי קאָבעט אויסצונוצען אויף דעם העכסטען אופן זיין אומפאַרגלייכליכע אָנגרייפענדע קראַפט. אָבער די אַרבייטער־קלאַסען האָבען נאָך דערצו געליטען פון אַן אומגליק, וואָס קיין געוועהנליכער פּאָליטיקער פון יענער צייט האָט ניט באַגריפען; דאָס איז געווען די ווירקונג פון די נייע מאַשינען און די נייע מעטאָדען פון פאַבריקאַציע, וועלכע האָבען פאַרניכטעט די אַלטע מעטאָדען מיט דער איינפאַכער ברוטאַלער קראַפט פון קאָנקורענץ, אַנשטאָט צו פאַרנעהמען זייער אָרט שטופּענווייז און זיי איינאָרדענען און צופּאַסען אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסען פון די מענשען, וואָס זיי האָבען באַריהרט. די קרבנות פון דער דאָזיגער ערשיינונג האָבען עס ניט געקאָנט באַגרייפען. יעדער איינער האָט בלויז געוואוסט דאָס וואָס איז פאָרגעקומען מיט איהם אַלס יחיד; איין מאַן בלויז — אַ פאַבריקאַנט — האָט פאַרשטאַנען וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דער גאַנצער אינדוסטריע פון לאַנד. דער דאָזיגער מאַן איז געווען ראָבערט אָווען. און דערפאַר איז פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, וואָס איז פאַר קאָבעט'ן און זיינע לעזער געווען אַלעס־און־אַלץ, פאַר איהם ערשינען אַלס ניט מעהר ווי אַ בייזאַך צו אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע, אָדער קאָאָפּעראַטיוו־אייגענטום און קאָנטראָל פון אינדוסטריע, וועלכע קאָן זיין דער ענטפער אויף דער עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציע אין אַלע אינדוסטריען, וואָס איז ארויסגעבראַכט געוואָרן דורך דער מאַשינעריע און דער פאַבריק־אָרגאַניזאַציע און וועלכע האָט אויף שטענדיג ארויסגענומען

---

* דער סיסטעם פון מאַכען הלואות אויף אָבליגאַציאָנס־פּאַפּירן („באָנדס"), פאַר אַ באַשטימטער צייט, וועלכע ברענגען אַריין געוויסע פּראָצענטען, ווי דאָס ווערט געטאָן פון רעגירונגען און פּריוואַטע אונטערנעהמונגען. — איב.

די מאַנופאַקטור פון די באַזונדערע היימען פון אומאָפּהענגיגע אינ־דיווידועלע פּראָדוצירערס. פאַר קאָבעט'ן און זיינע נאָכפאָלגער איז די ערשטע זאַך, וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן, געווען די דורכ־פיהרונג פון אַ גרויסען רעפאָרם געזעץ, הינטער וועלכען עס איז, אין זייערע געדאַנקען, געלעגען דער נעבעלהאַפטער באַגריעף פון סאָציאַלער ענדערונג. אָוועןּ און זיינע מעהר בעגייסטערטע נאָכ־פאָלגער, פון דער צווייטער זייט, זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַן אַלוועלטליכע פרייוויליגע פאַראייניגונג פון די ארבייטער פאַר פּראָדוקטיווע צוועקען, לויט זיינע פּרינציפּען, וואָלט געמאַכט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט פאַר אַ פאַרהעלט־ניסמעסיג אומוויכטיגע זאַך.

די ענטוישונג פון די נאַר־וואָס באַפרייטע טרייד־קלובען אין דעם צוזאַמענברוך פון 1825, האָט איבערגעלאָזט די אָרגאַניזאַציעס פון ארבייטער־קלאַס צוגעגרייט פאַר דער דאָזיגער ברייטער לעהרע. סאָציאַלע רעפאָרמען האָבען געשוועבט אין דער לופט. „וואָס איז שייך דעם עלענד און דער געזונקענקייט פון די מאַסען פון ענג־לישען פאָלק", שרייבט אַ דעמאָלסטדיגער באָאָבאַכטער, „אייניגען זיך מענשען פון אַלע שיכטען, אַזוי גוט ווי פון אַלע פּאַרטייען און האַלטען אין איין ריידען; פּערמער, באַצירק־באַאַמטע, גייסט־ליכע, מאַגיסטראַטען, נידעריגע און העכערע ריכטער, מיטגלידער אויףביידע זייטען פון ביידע הייזער אין פּאַרלאַמענט, דער קעניג אין זיינע אַדרעסען צו דער נאַציע, מאָראַליסטען, שטאַאַטסמענער פילאָזאָפען; און ענדליך די אָרימע באַשעפּענישען גופא, וועמעס קלאַגען עס הערן זיך הויך און אומאויפהערליך".* קאָבעט און די רעפאָרמערס האָבען געהאַט די ערשטע געלעגענהייט. די הויפּט פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די ארבייטער־קלאַסען אין דער צייט פון דער אַגיטאַציע פאַר דעם „רעפאָרם פּראָיעקט", האָט זיך אָנ־געהויבען אַלס אַ טרייד־קלוב. אין 1831 האָבען עטליכע סטאָ־לערס זיך פאַרזאַמעלט אין זייער „רוף־הויז", אין אַרגייל סטריט, אָקספאָרד סטריט, צו גרינדען אַ „מעטראָפּאָליטאַן טריידס יוניאָן"

---

* „ענגלאַנד און אַמעריקאַ: אַ פאַרגלייך פון דעם סאָציאַלען און פּאָליטישען צושטאַנד פון ביידע נאַציעס". (לאָנדאָן, 1833, 2 ב.)

(אַ טריידס יוניאָן פון דער הויפּטשטאָדט), וועלכע האָט געזאָלט
אריינגעהמען אין זיך אַלע פאַכען און אונטערנעהמען, אחוץ איהרע
טרייד־יוניאָניסטישע פונקציעס, אַ נעבעלהאַפטען פּלאַן פון קאָ־
אָפּעראַטיווער פּראָדוקציע און אַ פּאָליטישע אַגיטאַציע פאַר שטימ־
רעכט. אָבער אונטער דעם איינפלוס פון וויליאַם לאָוועט, האָט
דער לעצטער ציעל אינגיכען פארשטופּט אַלע איבעריגע אָן אַ זייט.
די ריין טרייד־יוניאָניסטישע ציעלען זיינען פאַרוואָרפען געוואָרן;
די אָוועניסטישע שטרעבונגען זיינען צוריקגעפאַלען אין הינטער־
גרונט; און אונטער דעם נאָמען „די נאַציאָנאַלע יוניאָן פון די
אַרבייטער־קלאַסען“ („נעשאָנאַל יוניאָן אָוו די וואָרקינג קלעסעס“)
האָט זיך די בעשיידענע געזעלשאַפט פון סטאָלערס אויסגעברייטערט
אין אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע צו קריגען „מענהוד סאַפריידזש“
(שטים־רעכט פאַר אַלע ערוואַקסענע מענער). אַלס אַזעלכע האָט
זי אין פאַרלויף פון דעם פּאָליטישען שטורם פון 1831 און 1832
פאַרנומען דעם וויכטיגסטען אָרט אין דער געשיכטע פון אַר־
בייטער־קלאַס־אָרגאַניזאַציעס, און איז צום גרעסטען טייל געווען
פאַרוויקעלט אין דער אַגיטאַציע און די אומרוהען וואָס זיינען
פאַרבונדען מיט דעם „רעפאָרם פּראָיעקט“.

דער „רעפאָרם פּראָיעקט“ איז געקומען און איז דורכגעגאַנגען,
אָבער ניט „אַלגעמיינע שטימרעכט“. די ווירקונג פון דער דאָזיגער
ענטוישונג דורך די הענט פון דער פאָרטגעשריטענסטער פּאָלי־
טישער פּאַרטיי אין לאַנד, ווערט באַשריבען פון פראַנסיס פּלייס,
וועלכער איז דאַן געוואָרן אַ זייטיגער באָאָבאַכטער פון דער טרייד־
יוניאָניסטישער באַוועגונג, אַזוי: „דער יאָהר (1833) האָט זיך
געענדיגט, איבערלאָזענדיג די (נאַציאָנאַלע) יוניאָן (פון די אַר־
בייטער־קלאַסען) אין אַ שטאַרק געדריקטער שטימונג. די אומ־
זיניגע לעהרן וואָס זיינען געפּרעדיגט געוואָרן פון ראָבערט אָוועז
און אנדערע וועגען געמיינשאַפטען און געמיינשאַפטליך אייגענ־
טום; וועגען אַ שפע אין אַלץ וואָס אַ מענש קאָן נאָר ווינשען, —
און דאָס בלויז פאַר פיער שעה אַרבייט אין מעת־לעת; וועגען
דאָס רעכט פון יעדען מענשען צו אַ חלק פון דער געמיינשאַפט־
ליכער ערד, און זיין רעכט אויף אַלץ צו וואָס ער האָט נאָר צו־
געלעגט זיינע הענט; וועגען דער מאַכט פון די בעלי־בתים אונ־

טער דעם איצטיגען סיסטעם צו צאָהלען אזא לוין ווי זיי ווילען; וועגען דאָס רעכט פון דעם אַרבייטער אויף אזא לוין וואָס זאָל געבען איהם און די זייניגע אַלע בעקוועמליכקייטען פאַר אַכט אָדער צעהן שעה אַרבייט; וועגען דאָס רעכט פון יעדען אַר־בייטסלאָזען צו באַשעפטיגונג און צו אַזאַ לוין, ווי עס איז אָנ־געוויזען געוואָרן — און אַנדערע עהנליכע זאַכען, וואָס זיינען כסדר איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן פון די פּאָליטישע אַרבייטער־יוניאָנס, פון אַ סך קליינע גרופּען און זיינען געווען געדרוקט אין קליינע פּאַמ־פלעטען און פלוג־שריפטען, וועלכע פלעגען פאַרקויפט ווערן צוועלף פאַר אַ פּעני און פאַרשפּרייט ווערן אין די מאַסען — האָבען אָפּגערוקט פּאָליטיק אָן אַ זייט... ביי די אַרבייטער. די דאָזיגע פּאַמפלעטען זיינען כמעט אַלע געשריבען געוואָרן פון באַ־גאַבטע מענשען וועלכע האָבען פאַרנומען אַ געוויסע שטעלונג אין דער וועלט: פּראָפעסיאָנאַלען, אַדעליגע, פאַבריקאַנטען, סוחרים און מענשען וואָס מען האָט גערופען ליטעראַטען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַ גאַנץ גרויסער טייל פון די אַרבייטער אין ענג־לאַנד און שאָטלאַנד זיינען געקומען צו דער איבערציינונג, ווי מען האָט זיך עס געקאָנט לייכט פאָרשטעלען, אַז עס איז בלויז נויטיג זיי זאָלען זיך פאַראייניגען כדי צו קריגען, ניט נאָר אַן אַלגעמיינע פאַרהעלטניסמעסיגע לוין־העכערונג, נאָר אויך אַרבייט פאַר יעדען איינעם, מאַן און פרוי, וואָס נויטיגט זיך אין דעם, מיט קורצע אַרבייטס־שטונדען. די דאָזיגע אידעע האָט זיי באַ־וועגט צו אָרגאַניזירן זיך אין טריידס־יוניאָנס אויף אַזאַ אופן און צו אַזאַ גראַד, וואָס מען האָט ביז אַהער קיינמאָל געוואוסט״.*

* פּליים מאַנוס. 27797—290. אַן עהנליכע שילדערונג געפינט זיך אין „לייף אָוו וויליאַם לאָוועט״, פון איהם אַליין, ז. 86. דזשיימס מיל שרייבט צו לאָרד בראָוהאַם, 3טען סעפּטעמבער, 1832, פאָלגענדעס: „מען קען זיך גאָרניט פאָרשטעלען עטוואָס שעדליכערעס, ווי די טעאָריעס וואָס זיינען געפּרעדיגט געוואָרן צום פּראָסטען פאָלק... דער אומזין, אויף וועלכען אַייער לאָרדשאַפט דייטעט אָן, וועגען דעם רעכט פון די אַרבייטער אויף אַלע פּראָדוקטען פון לאַנד, לוין, פּראָפיט, און אַלץ מיט אַנאַנדער, איז דער נאַרישער אומזין פון אונזער פריינד האָדזשקין, וועלכען ער האָט פאַרעפענטליכט אַלס אַ סיסטעם און פּראָפּאַגאַנדירט מיט

•

אַט דער געמיש פון געוועהנליכע טרייד־יוניאָניסטישע ציעלען און קאָמוניסטישע שטרעבונגען, געשילדערט פון דעם גענגערישען שטאַנדפּונקט פון אַ פאַנאַטישען מאַלטוזיאַנער און אַ שטאַרקען מאמין אין דער „לוין־קאַסע“,* איז אפשר אַ ניט־איבערטריבענע פאַרשטעלונג פון דעם כאַראַקטער פון דער אָוועניסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ. זי האָט געמאַכט אַן אומגלויבליכען איינדרוק אויף די פיהרערס פון אַרבייטער־קלאַס אין יענעם דור און האָט אַרויסגערופען יענע גרויסע כוואַליע פון סאָלידאַריטעט, וועלכע האָט מעגליך געמאַכט דעם ריעזיגען וואוקס פון דעם „גרויסען נאַציאָנאַל“ און זיינע אומפאַרגלייכליכע אַרמעען פון אַגריקולטורעלע אַרבייטער און פרויען. דאָס וואָס זי האָט פאַרגרעסערט דעם באַוואוסטזיין פון דעם אַרבייטער־קלאַס, איז בלי ספק געווען אַ גוטע זאַך אַן־און־פאַר־זיך, וואָס קיינער פון די פעהלערן אין דער פּראַקטישער טאַקטיק קאָן ניט אָפּשוואַכען. אָבער אָוועןן האָט געבראַכט שאָדען אַזוי גוט ווי נוצען; און אַזוי ווי ביידע, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, לעבען נאָך איהם, — ווייל קיין זאַך וואָס אָוועןן האָט געטאָן קאָן מען ניט זאָגען, אַז עס איז אַוועק אין קבר צוזאַמען מיט איהם, — איז נויטיג זיך צו באַקענען מיט זיין טרייד־יוניאָניסטישער לעהרע אַביסעל אויספיהרליכער. אַמ־בעסטען האָט ער זיך אויסגעצייכענט בעת ער האָט אַלס דער ערפאַהרענער קאַפּיטאַן פון אינדוסטריע, מיט קרעפטיגער באַטאָנונג פאַרדאַמט יענע אַרונטערדריקונג פון דער לעבענס־מדרגה, וועלכע איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם שטאַרקען גלויבען אין אוניווערזאַלער קאָנקורענץ. און כדי אַט דעם גלויבען צו באַקעמפען

דעם פייער פון פולשטענדיגען פאַנאַטיזם. די פאַרבאָטענע ביליגע אויסגאַבען, אין וועלכע די טעאָריע וועגען רעכט פון די אַרבייטער, וועלכע זיי רופען די איינציגע פּראָדוצירער, אויף אַלץ וואָס ווערט פּראָדוצירט, ווערט זעהר שטאַרק געפּרעדיגט... פאַרנעהמען דעם אָרט פון די זונטאָג־צייטונגען און אַלע אַנדערע קוואַלען, דורך וועלכע דאָס פאָלק וואָלט עקאָנט בעסער אויפגעקלערט ווערן“. (בעין’ס „דזשיימס מיל“, זייט 363, לאָנדאָן 1882.)

* די באַשטימונג פון אַ געוויסען טייל פון קאַפּיטאַל פאַר די פּראָדוצירער, וואָס אַרבייטען פאַר לוין. — איב.

איז ער דאָס ארויסגעטראָטען פאַר פאַבריק־געזעצגעבונג און האָט געגרינדעט פאַרבאַנדען „צו באַשטימען אַ מאַקסימום ארבייטס־צייט און אַ מינימום־לוין“; און צוליעב אָט די פּראָבען צו פאַרזיכערן די לעבענס־מדרגה פון די ארבייטער דורך געזעצגעבונג און טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט, האָט ער דאָס געוואונען די איינפלוס־רייכע שטיצע, ניט נאָר פון פילאַנטראָפּען, נאָר אויך פון געוויסע גרויסמוטיגע פאַבריקאַנטען, מיט וועמעס הילף ער האָט, אין דעצעמבער 1833, געגרינדעט די „געזעלשאַפט פאַר נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט“.* דער דעפיניטיווסטער פאַרשלאַג פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט, די פאַרקירצונג פון דער ארבייטס־צייט אויף אַכט שעה אַ טאָג, האָט דאָס געפיהרט צו דעם פאַרשלאַג פון פיעלדען, אויף וועלכען די באַוועל־ארבייטער פון לאַנקאַשייר זיינען ארוים אין זייער ניט־געלונגענעם גענעראַל־סטרייק פאַר אַן אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. דאָס האָט אויך ארויסגערופען די לאַנגע רייהע פון „קורצע ארבייטס־צייט קאָמיטעטען“ אין די טעקסטיל שטעדט, וועמעס אומערמידליכע אגיטאַציע עס האָט ענדליך געפיהרט צו דער אָננעהמונג פון דעם „10 שטונדען געזעץ“, וועלכער איז בלויז געווען דער אָנהויב פון אונזער גרויסער פאַבריק־געזעצגעבונג. די געשיכטע האָט קלאָר באַוויזען, אַז אָווען איז גערעכט געווען אין אָט דעם טייל פון זיין ארבייטס־פּאָליטיק.

אָבער זיין ארבייטס־פּאָליטיק האָט אויך געהאַט אַן אוטאָפּיסטישע זייט, וועלכע האָט געהאַט אַ צווייפעלהאַפטע ווירקונג. אונטער זיין איינפלוס איז די ארבייטער־וועלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַן אומצייטיגען באַגריף און איז אריינגעפאַלען אין אַ ניט־דורכפיהרבאַרן פּלאַן פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך

* דער פּראָספּעקט פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט געפינט זיך ביי אונז. אַ קאָפּיע איז פאַרעפענטליכט געוואָרן אין דעם „מאָרנינג קראָניקל“, דעצעמבער 7, 1833. ווי עס שיינט האָט זי געהאַט אַלס איהר אָרגאַן אַ פּעניגע וואָכענשריפט מיט דעם נאָמען „דהי העראָלד אָוו דהי רייטס אָוו אינדוסטרי“, פון וועלכער עטליכע נומערען געפינען זיך אין בריטיש מוזעאום. פּראָפעסאָר פאָקסוועל איז געווען אַזוי פריינדליך צו ציהען אונזער אויפמערקזאַמקייט וועגען מעהר אויספיהרליכעס וועגען אָט דער געזעלשאַפט אין „לייף אָוו דזשוימס דיקאָן היום“, ז. 55.

אַרויסגעוויזען אַלס אַ באַגאַבטער דענקער און נביא בעת ער האָט אָנגעוויזען, אַז די שוידערליכע אָרימקייט פון דער צייט איז אַ נייע עקאָנאָמישע ערשיינונג, דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט פון ניט־געצוימטער קאָנקורענץ און אומפאַראַנטוואָרטליכען אינדיווידו־עלען באַזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, בעת די דאָזיגע מיטלען זיינען געוואָרן אומגעהייער טייער און דאָך קאָמפּאַקט גענוג צו באַשעפטיגען הונדערטער מענשען אונטער דער אויפזיכט פון אייניגע, וועלכע זיינען נאָך דערצו אַזוי וואונדערליך טיכטיג, צו קאָנען פאַרטרייבען די עלטערע מעטאָדען אינגאַנצען פון מאַרק. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ פּראַק־טישען שטאַאַטסמאַן האָט ער זיך אויך אַרויסגעוויזען אַביסעל נאַ־איוו, ווען ער האָט געדענקט, אָדער לפּחות זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען קאָן אָפּשאַפען קאָנקורענץ און פאַרגעזעלשאַפטליכען אייגענטום דורך דער אָרגאַניזירונג פון פרייוויליגע אַסאָציאַציעס, וואָס זאָלען פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון די פאַבריק־אייגענטימער און דעם שטאַאַט. ער האָט דעם עקספּערימענט אויסגעפּרובירט אין אַמע־ריקאַ מיט דער באַריהמטער געמיינדע „ניו האַרמאָניע“, און דער דורכפאַל האָט איהם פאַר אַ געוויסע צייט איבערדריסיג געמאַכט פאַר די געמיינדעס. אָבער זיין ענטוישונג האָט איהם פון דער אילוזיע ניט באַפרייט, וואָרים דער איינציגער פּראַקטישער רעזול־טאַט דערפון איז געוועזן, וואָס ער האָט זיך גענומען איבער'חזר'ן דעם עקספּערימענט מיט די טרייד־יוניאָנס.

אונטער זיין לעהרע האָבען די טרייד־יוניאָניסטען גענומען גלוי־בען, אַז עס איז מעגליך, דורך אַן אַלגעמיינעם ניט־פּאָליטישען בונד פון די לוין־אַרבייטער, צו העכערן דעם לוין און פאַרקירצען די אַרבייטס־צייט „צו אַ מדרגה“, ווי פּליים דריקט זיך אויס, „וואָס וואָלט, אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום, זיי געגעבען די גאַנצע הכנסה פון זייער אַרבייט“. די פונקציע פון דעם קאָפּ־אַרבייטער, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון אינדוסטריען, איז ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט, מעגליך דערפאַר, ווייל אין דער באַוועל אינדוסטריע (אין וועלכער אָווען האָט געמאַכט אַ פאַרמעגען), שפּיעלט זי בלויז אַן אומבאַדייטענדע ראָלע אין די ווירקליכע פּראָדוקטיווע פּראָ־צעסען און גיט זיך הויפּטזעכליך אָפּ מיט יענעם יאָגען זיך נאָך

ביליגע אײַנקויפס־מערק און טײַערע פֿאַרקויפס־מערק, וואָס וואָלט קיין ראָלע ניט געשפּיעלט אין דער אוטאָפּיסטישער רעפּובליק, צו וועלכער „די טריידס־יוניאָן" האָט געשטרעבט. די עקזיסטירנדע קאַפּיטאַליסטען און פֿאַרוואַלטער זײַנען דעריבער באַטראַכט געוואָרן אַלס פֿאַרכאַפּערס, וועמעס פּלאַץ עס דאַרף אַזוי גיך ווי מעגליך פֿאַרנומען ווערן פֿון די ערוועהלטע פֿאַרטרעטער פֿון פּריוויליגע לאָקאַלע אַסאָציאַציעס פֿון פּראָדוצירער. דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער פּלאַן צו פֿאַרנעהמען די פּלעצער פֿון די באַאַמטע פֿון דער מוניציפּאַליטעט אָדער שטאַאַט, איז געווען אומדענקבאַר אין אַ פּעריאָדע ווען אַלע לאָקאַלע רעגירענדע קערפּערשאַפֿטען זײַנען עפֿענטליך געווען באַוואוסט אַלס אומפֿעהיג און קאָרופּטירט, און דער פּאַרלאַמענט איז פּאַקטיש געווען אַן אָליגאַרכיע. אונטער דעם סיסטעם וואָס אָווען האָט פֿאָרגעשלאָגען, האָבען די פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען געזאָלט ווערן דאָס אײַגענטום, ניט פֿון דער גאַנצער געמיינדע, נאָר פֿון דער באַשטימטער גרופּע אַרבײַטער, וואָס האָט זיי באַנוצט. די טרייד־יוניאָנס האָבען געזאָלט פֿאַרוואַנדעלט ווערן אין „נאַציאָנאַלע קאָמפּאַניעס", צו באַטרײַבען די גאַנצע פֿאַבריקאַציע. די „אַגריקולטור יוניאָן" האָט געזאָלט נעהמען אין באַזיץ דאָס לאַנד, די יוניאָן פֿון די מינענאַרבײַטער — די מינען, די טעקסטיל יוניאָנס — די פֿאַבריקען. יעדער טרייד האָט געזאָלט אָנגעפֿיהרט ווערן פֿון זײַן באַשטימטער טרייד־יוניאָן, צענטראַליזירט אין איין „גרויס לאָדזש".

פֿון אַלע אָווענ'ס פּראָבעם אַרײַנצוברענגען דעם סאָציאַליזם אין דער פּראַקטיק, איז די פּראָבע זיכער געווען די ערגסטע. פֿאַר זײַנע געמיינדעס, וועלכע האָבען ניט לאַנג געלעבט איז ווייניגסטענס געווען די ענטשולדיגונג: וואָס אין זייערע אייגענע גרעניצען האָבען זיי געזאָלט זײַן פֿולשטענדיג גלײַכפֿאָרמדיגע קליינע סאָציאַליסטישע שטאַאַטען. עס האָט אין זיי ניט געזאָלט זײַן קיין קעגענגעזעצטע צדדים; און פּראָפֿיט־מאַכעריי און קאָנקורענץ האָבען געזאָלט אינגאַנצען באַזײַטיגט ווערן. אָבער אין דער „טריידס־יוניאָן", ווי ער האָט זי אויפֿגעפּאַסט, האָט די בלויזע פֿאַראייניגונג פֿון אַלע אַרבײַטער אין אַ טרייד, אַלס קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוצירער, פּונקט אַזוי ניט אָפּגעשאַפֿט קאָמערציעלע קאָנקורענץ, ווי אַ פּאַר־

איינציגונג פון אַרבייטסגעבער פון אַ טרייד וואָלט דאָס ניט געטאָן, אַלס אַ „פאַראייניגט אַקציען־געזעלשאַפט". פאַקטיש וואָלט זיין „גרויס־לאָדזש" געווען ניט מעהר ווי אַן איינפאַכע הויפט־ביוראָ פון ריעזיגע „פאַראייניגטע אַקציען־געזעלשאַפטען", וואָס באַזיצען אַלע פראָדוקציאָנס־מיטלען אין זייער אינדוסטריע, און זיינען ניט אונטערוואָרפען אונטער קיין קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט אַלס גאַנצע. זיי וואָלטען דעריבער געווען אין אַ לאַגע צו שליסען צו יעדער צייט זייערע רייהען און אריינצונעהמען די אַרבייטער פון די נייע דורות בלויז אַלס אָנגעשטעלטע פאַר אַ קאָנקורירנדען לוין, אָנשטאָט אַלס אַקציען־האַלטער, באַשאַפענדיג אויף אַזאַ אופן מיט איין שטריך אַ נייעם קאַפיטאַליסטישען קלאַס און אַ נייעם פראָלעטאַריאַט. און נאָך עפּעס, די ניט־שפּאַרזאַמע אַקציען־האַלטערס וואָלטען איינגיכען אָנגעהויבען פערקויפען זייערע אַקציעס, כדי צו קענען פערשווענדען זייער קאַפיטאַל, און אויף אַזאַ אופן איינ־איינעם מיט זייערע קינדער אריינפאַלען אין דעם נייעם פראָלעטאַריאַט; בעת די אונטערנעהמערישע און פעהיגערע אַקציאָנערען וואָלטען פונקט אַזוי פערקויפט זייערע אייגענע אַקציעס, כדי צו קויפען אַנדערע, פון מאָמענטאַן מעהר איינטרעגליכע טריידס. אָט אַזוי וואָלטען מיר געהאַט ניט נאָר אַ קאַפיטאַליסטישען קלאַס און אַ פראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אַ ספעקולירנדע בערזע. ענדליך וואָלט עס אויך געקומען צו אַ קאָנקורענץ־קאַמף צווישען די „פאַראייניגטע אַקציען־יוניאָנס", וועלכע וואָלטען געזוכט ארויסצושטופען איינע די אַנדערע פון פאַרשיידענע אינדוסטריע־אָפּטיילונגען. אַזוי וואָלטען די שיף־בויער, וועלכע מאַכען הילצערנע שיפען, געפונען, אַז די קעסעל־מאַכער קאָנקורירן מיט זיי אין געשעפט דורך דעם וואָס זיי מאַכען אייזערנע שיפען, און זיי וואָלטען אָדער געמוזט אונטערגעהן, אָדער פאַרוואַנדלען זייער האָלץ־שיפען־קאַפיטאַל אין אייזען־שיפען־קאַפיטאַל און זיך אַריינלאָזען אין אַ קאָנקורענץ מיט די קעסעל־מאַכערס אַלס קאָמערציעלע קאָנקורענטען אין דעמזעלבען טרייד. אויף דער דאָזיגער שווערקייט האָט זיך אָווען אָנגעשטויסען בעת ער איז אַריינגעטראָטען אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג; ווייל די פאַכען, דעמאָלט אַזוי ווי היינט, האָבען זיך געפונען אין אַ שטענדיגער פאַרלעגענהייט בנוגע דער פּינקטליכ־

קייט פון די גרעניצען צווישען זיך. אזוי, למשל, ווייזען די פּראָ־טאָקאָל־ביכער פון דער ניי־געגרינדעטער „דזשאָינערס׳ סאָסייעטי״ אין גלאַזגאָו (וועמעס סעקרעטער איז געווען אַן אַנגעזעהענער אָוועניסט), אַז עס איז זיי אָנגעקומען זעהר שווער אָפּצוגרעניצען זייער פאַך קעגען די מעבעלאַרבייטער און אינזשעניר־מאָדעלען־מאַכער, וועלכע האָבען באַהויפּטעט, אַז געוויסע טעכנישע אַרבייטען באַלאַנגען ניט־אַנדערש צו זיי. קורץ, אָוועג׳ס סאָציאַליזם האָט איהם געפיהרט פאַרצושלאָגען אַ פּראַקטישען פּלאַן, וועלכער איז געווען ווייט פון סאָציאַליסטיש און, ווען עס וואָלט מעגליך געווען איהם דורכצופיהרן, וואָלט ער אין דער ווירקליכקייט פּשוט צוריק־פאַנאַנדערגעטיילט דאָס קאַפּיטאַל פון לאַנד, לחלוטין ניט ענדערנדיג אָדער אָפּשאַפענדיג דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם.

דאָס אַלץ וועט זיין אַזוי קלאָר פאַר די וואָס באַגרייפען אונזער קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, אַז עס וועט זיך זיי ניט וועלען גלויבען, אַז אַזאַ קלוגער, ערפאַהרענער און ערפאָלגרייכער קאַפּיטאַליסט ווי אָווען, זאָל דאָס גאָרנישט האָבען באַמערקט. אויף ווי ווייט ער איז נעגאַנגען מיט זיין כלל, אַבזיכטליך צו פאַרמאַכען די אויגען אויף שווערקייטען וואָס ער האָט באַגעגנט, זייענדיג פעסט איבער־צייגט, אַז די קלענסטע ענדערונג איז בעסער איידער לאָזען זאַכען ווי זיי זיינען, קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלען; עס איז אָבער גאַנץ זיכער, אַז צום גרעסטען טייל האָט ער געהאַנדעלט מיט אַ פולשטענדיגער גוטער כונה, פּשוט ניט וויסענדיג גענוי וואָס ער טוט. ער האָט געהאַט אַן אומבאַגרעניצטען גלויבען אין דער קראַפט פון ערציהונג אויף דער פאָרמירונג פון כאַראַקטער; און אויב וועלכער עס איז פּלאַן האָט נאָר פאַרשפּראָכען אַן אָפּרוה פון אָרימקייט און עלענד אויף אַ צייט וואָס זאָל זיין גענוג צו געבען איהם און זיינע נאָכפאָלגער אַ מעגליכקייט צו ערציהען איין דור פון די קינדער פון לאַנד, איז ער געווען גרייט איבערצולאָזען די לייזונג פון אַלע עקאָנאָמישע פּאָלגען פאַר דער „נייער מאָראַלער וועלט״, וואָס אָט דער דור פון אָוועניסטישער ערציהונג וואָלט באַשאַפען. ער האָט בלי ספק געדנקט, אַז אַזוי פיעל פאַרשפּרעכט איהם „די טריידס־יוניאָן״; און דערצו האָט ער ניט פאָראויס־געזעהן איהרע עקאָנאָמישע רעזולטאַטען. ער האָט געליטען פון

יענער אויבערפליכליכער זיבערקייט און פאַראורטייל, וועלכע האָ־בען געפיהרט דורות פון סאָציאַליסטען צו באָרגען ביי אַדאַם סמיטה און די „קלאַסישע" עקאָנאָמיסטען די פאַלשע טעאָריע, אַז אַרבייט איז דער איינציגער באַשאַפער פון ווערט, ניט געהענדיג ווייטער אין בייקומען יענעם אומבאַזיעגליכען און שווערערן עקאָנאָמישען רענט־געזעץ, וועלכער איז דער סאַמע ווינקעלשטיין פון קאָלעק־טיווער עקאָנאָמיע.

זיין פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט ער גענומען ביי זיין פריינד וויליאַם טהאָמפּסאָן,* וועלכער האָט, פּונקט אַזוי ווי האָדזשסקין און האָדזשסקינ'ס גרויסער תלמיד, קאַרל מאַרקס, פאַר־זעהן דעם רענט־געזעץ אין אַלע זיינע חשבונות, און האָט געדענקט, אַז אַלע טויש־ווערטען קאָנען געמאָסטען ווערן נאָר מיט דער „אַר־בייטס־צייט". אַ טייל פון דער אָוועניסטישער טעטיגקייט צו יע־נער צייט האָט זיך פּאַקטיש אויסגעלאָזט מיט דער עפענונג פון אַר־בייטס־באַזאַרען, וואו די פּרייזען זיינען באַשטימט געוואָרן אין מי־נוטען. דער פאַקט, אַז די צייט וואָס מען מוז פאַרווענדען אויף דעם ברענגען פון עהנליכע געווינשטע אַרטיקלען אויפ'ן מאַרק איז ניט אין ערך פאַרשיידען לויט דעם נאַטירליכען אונטערשייד אין דער פּרוכטבאַרקייט פון דעם באָדען, אין דער שטרעקע וואָס מען דאַרף זיי פיהרן צום מאַרק, די נאָהנטקייט צו גוטע לאַנד־ אָדער וואַסער־וועגען, אָדער האַפענס; לויט די מעגליכקייטען צו באַ־נוצען וואַסער־קראַפט, אָדער הייצמאַטעריאַל פאַר דאַמף־קראַפט און אַ הונדערט אַנדערע אומשטאַנדען, אַריינגערעכענט די פעהיגקייט צו אָרגאַניזירן און די געשיקטקייט צום פאַרוואַלטען פון דעם פּראָ־דוצירער — דאָס אַלץ איז אינגאַנצען ניט גענומען געוואָרן אין אַנבעטראַכט. אָווען האָט זיך משער געווען, אַז די אַרבייט פון דעם מינענאַרבייטער און דעם אַגריקולטור־אַרבייטער וועלען גאַנץ יושר'דיג אויסגעטוישט ווערן אויף דעם באַזיס פון שטונדען און מינוטען, ווען די מינענאַרבייטער זאָלען קריגען דעם מאָנאָפּאָל

---

* „אַן אונטערזוכונג פון די פּרינציפּען פון דער פאַרטיילונג פון רייכטום, וואָס פיהרט אַמבעסטען צום מענשליכען גליק", פון וויליאַם טהאָמפּסאָן (לאָנדאָן, 1824.)

איבער די אינגעווייט (די מינען) פון לאנד און די אגריקולטור־אר־בייטער—איבער איהר פעל (דעם באדען). ער האט אפילו ניט פאר־אויסגעזעהן די מעגליכקייט, אז די „מיינערס' יוניאן" קאן איינ־פאלען צו שליסען איהרע רייהען פאר נייע אנקומערס פון די לאנד־ארבייטער, אדער אז די „אגריקולטורעלע יוניאן" קאן זיך אפ־זאגען אפצוטרעטען פלאץ פאר דער „בילדערס' יוניאן", וואו אויפ־צושטעלען הייזער. קורץ, דער שווערער עקאנאמישער פראבלעם, ווי אזוי יושר'דיג איינצוטיילען די פארצוגען פון בעסערע פלעצער און געלעגענהייטען, האט פאר די ענטוזיאסטישע אוועניסטישע עקא־נאמיסטען פון יענער צייט כמעט גארנישט עקזיסטירט.

איין פראגע, און די דירעקט וויכטיגסטע פון אלע, איז קיינ־מאל ערנסט ניט אויפגענומען געווארן: ווי אזוי וועלען די יוני־אנס קאנען איבערנעהמען די אינדוסטריען פון די קאפיטאליסטען, ווען זיי האבען קעגען זיך א פיינדליכע און גוט־באוואפענטע רע־גירונג? דער ענטפער איז מן הסתם געווען, אז די איבערוועל־גענדע צאהל פון דער „טריידס־יוניאן" וועט אוממעגליך מאכען א קאמף געגען זיי. יעדענפאלס, אווען, פונקט ווי די ערשטע קריסטען, איז געוועהנט געווען צו ריידען, אזוי ווי דער יום־הדין פון דער עקזיסטירנדער ארדנונג וואלט שוין געווען זעהר נאהענט. איהם האט זיך כסדר געדוכט, אז אין זעקס חדשים ארום וועט „די נייע מאראלע וועלט" ווירקליך איינגעארדענט ווערן. די אומ־ענדערונג פון דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם אויף א פאלקאמענער ארגאניזאציע פון אינדוסטריע אונטער פרייוויליגע אסאציאציעס פון פראדוצירער, האט געזאלט „קומען אויף דער געזעלשאפט פלוצ־לינג, ווי א גנב ביינאכט". „אין איין יאהר", קאמענטירט זיינער א תלמיד, „קאן דער גאנצער געוועב פון דער אלטער וועלט צעשטערט ווערן, און מיט איין פלוצלינגען שפרונג קאן די גאנצע פאליטישע רעגירונג פון לאנד אריבערגעהן פון דעם האר צו דעם קנעכט".* עס איז ווירקליך צום באדויערן, וואס די ערשטע באקאנטשאפט פון דעם ענגלישען טרייד־יוניאניסט מיט דעם סאציאליזם איז גע־קומען דורך א פון פאראויס פאראורטיילטען פלאן, וועלכער האט

* ליטארטיקעל אין „קרייזיס", אקטאבער 12, 1833.

פֿאַרלעצט יעדען עקאָנאָמישען פּרינציפּ פֿון קאָלעקטיוויזם, און האָט איבערגעלאָזען די אומפֿאַרמיידליכע פּאָליטישע צוגרייטונגס־ארבייט צום איינפּאַכען צופֿאַל.

אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די דאָזיגע גרויסע פּלענער און זיכערע האָפֿענונגען זיינען דאָס די טרייד־יוניאָניסטען ערמוטיגט געוואָרען אָנצונעהמען די העזה'דיגע שטעלונג און באַנוצען אַ פֿאַרעכטליכע שפּראַך צו די בעלי־בתים, וועלכע האָבען פּראָוואָצירט די ארבייטסגעבער פֿון מאַנטשעסטער און ליווערפּול צו באַגעגענען די ארויספֿאָדערונג פֿון דער בוי־ארבייטערס' יוניאָן מיט דעם „דאָקומענט". די „אומדערטרעגליכע טיראַניי" פֿון די יוניאָנס, וועלכע די דעמאָלסטדיגע שרייבער האָבען אַזוי שטאַרק צעפּויקט, איז מייסטענטיילס באַשטאַנען ניט מעהר ווי אין די אביסעל אָנגעבלאָזענע און איבערטריבענע אויסדרוקען פֿון די טרייד־יוניאָניסטען, וועלכע האָבען זיך באַטראַכט אַלס די ריכטיגע פֿיהרער פֿון דער אינדוסטריע, וואָס זיינען באַרעכטיגט צו באַשטימען די מעטאָדען פֿון דער ארבייט און זאָגען אַ דעה, ווער עס זאָלען זיין זייערע ארבייטס־חברים, און אַפֿילו זייערע אויפֿזעהער. און מען דאַרף געדענקען, אַז פֿאַרגעקומען איז דאָס אין אַ צייט ווען די קלאַסען־פֿאָראורטיילען זיינען געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז יעדער פֿאַרזוך פֿון די ארבייטער צו פֿיהרען פֿאַרהאַנדלונגען, אַפֿילו ווען זיי האָבען זיך באַצויגען מיט דעם גרעסטען דרך־ארץ, איז באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ העזה און אַ חוצפּה. דער ארבייטער־קלאַס האָט דעריבער שטענדיג געהאַט צופֿיעל גרונט צו גלויבען, אַז העפֿליכקייט פֿון זיין זייט וועט זיין ארויסגעוואָרפֿען. עס איז זיכער, אַז אין דער צייט פֿון דער אָוועניסטישער באַרוישונג איז די אומפּראַקטישע ערוואַרטונג פֿון די ארבייטער צו באַהערשען דאָס לאַנד, באַגעגענט געוואָרען מיט אַ עהנליך אומזיניגער ענטשלאָסענקייט פֿון די הערשענדע קלאַסען צו האַלטען די ארבייטער ניט נאָר אין אַ צושטאַנד פֿון אונטערוואָרפֿענקייט, נאָר פּשוט אין שקלאַפֿעריי. דער שטענדיגער אויסשליסען די ארבייטער פֿון שטימרעכט, האָט ביי זיי צוגענומען די מעגליכקייט אָנצופֿיהרען זייער טעטיגקייט אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלען אופֿן. די בעלי־בתים, פֿון זייער זייט, האָבען אויסגענוצט זייער פּאָליטישע און געריכטליכע מאַכט געגען די ארבייטער אָהן

וועלכער עס איז איינזעהעניש, אויפהעצענדיג די רעגירונג, וועלכע איז געווען גרייט אָנצוגרייפען די ארבייטער-פאראיינען מיט יעדען געזעצליכען מיטעל און האנדלען פּארטייאיש געגען זיי. באטראכ־טענדיג דעם פולשטענדיגען קאָנטראָל איבער דער הנהגה פון זייערע ארבייטער פאַר אַן אומבאַדינגט נויטווענדיגע זאַך פון דער אינ־דוסטריעלער אָרגאַניזאַציע, זיינען אפילו די אמת'ע פילאַנטראָפּען צווישען די בעלי-בתים באַשטאַנען אויף זייער דעספּאָטישער אוי־טאָריטעט אין דער פאבריק און אין ווערקשאָפּ. קעגען מיסברויך פון דער דאָזיגער אויטאָריטעט איז פאַקטיש קיין גאַראַנטי ניט געווען. פון דער אַנדער זייט קאָן עס באַווייזען ווערן, אַז גרויסע טיילען פון די לוין-ארבייטער זיינען ניט נאָר געווען מעסיג אין זייערע פאָדערונגען, נאָר אויך געהאָרכזאם אין זייער אויפפיהרונג. אלס אַ כלל געפינען מיר, אַז וואו נאָר די ארבייטער זיינען געווען אַגרעסיוו און גוואַלטטעטיג, איז דאָס געווען דער רעזולטאַט פון דער אויסערגעוועהנליכער טיראַניי פון זייערע בעלי-בתים. אַזוי, למשל, האָבען מיר די שטענדיגע גוואַלטטאַטען, וואָס מאַכען צו שאַנד די געשיכטע פון דעם גלאָזגאָוער טרייד-יוניאָניזם אין די ערשטע פערציג יאָהר פון דעם לעצטען יאָהרהונדערט, וועלכע די פאַרשיידענע פּאַרלאַמענטאַרישע אונטערזוכונגען פיהרען צוריק צו די גלאָזגאָוער פאַבריק-אייגענטימער, וועלכע זיינען געווען אויסער־געוועהנליך אויטאָקראַטיש אין זייערע אַנזיכטען און טיראַניש אין זייער אויפפיהרונג. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער אַגרעסיווער אויפפיהרונג פון געוויסע אָפּטיילונגען פון די בוי-פאַכען, וועגען וועלכע מען קלאָגט זיך אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע צווישען די יאָהרען 1830 און 1840. די אָפּמאַכען, וואָס די גרויסע קאָנט־ראַקטאָרן אין יענער צייט האָבען געפאָדערט, אַז די „וואָס קומען צו זיי ארבייטען זאָלען אונטערשרייבען", פון וועלכע עס זיינען נאָך היינט דאָ געדרוקטע קאָפּיעס, באַווייזען אַז די פאָדערונגען פון די ארבייטסגעבער זיינען געווען אומדערטרעגליך טיראַניש.* דאָז

* אַ קאָפּיע דאַטירט 1837, געפינט זיך ביי דער סטאָונמייסאָנס סאָסייעטי, לויט וועלכער אַ ליווערפּולער קאָנטראַקטאָר האָט פאַרפליכ־טעט אַלע זיינע ארבייטער צו דיענען ביי איהם פאַר אַ געוויסען לוין אַ לאַנג-יאָהריגען טערמין; פאַר דער צייט וואָס זיי וועלען פאַרלירן

קומט דער פאַל מיט די מינענאַרבייטער פון גרויס־בריטאַניע, וועל־כע האָבען געהאַט אַ זעהר שלעכטען נאָמען אַלס טומעל־מאַכער פון 1837 ביז 1844. ווי מען האָט זיי פּראָוואָצירט קאָן מען ארויס־זעהן פון אַ מאַניפעסט, וואָס לאָרד לאָנדאָנדערי, אין זיין צוויי־פאַכער ראָלע אַלס מינען־אייגענטימער און אַלס לאָרד־לייטענאַנט פון דעם דאַרהאַמער באַצירק, האָט ארויסגעגעבען אין דער צייט פון דעם גרויסען סטרייק פון די מינענאַרבייטער אין 1844 פאַר מעהר יושר׳דיגע באַדינגונגען ביים פאַרדינגען־זיך. ניט נאָר האָט מען אונטער זיין השגחה, אַלס לאָרד־לייטענאַנט, ארויסגעוואָרפען די סטרייקערס פון זייערע היימען מאַסענווייז און פאַרנומען זייערע פּלעצער מיט אירלענדער, וואָס זיינען ספּעציעל אימפּאָרטירט געוואָרן פון זיינע גיטער אין אירלאַנד, נאָר ער האָט נאָך אויך שטרענג באַפוילען די אָרטיגע הענדלער פון „זיין שטאָדט סיעהאַם“, אונטער דער שטראָף פון פאַרלירן זיין קונדשאַפט און שוץ, זיי זאָלען זיך ענטזאַגען צו פאַרקויפען שפּייז צו די אַרבייטער, וועלכע פיהרן אָן, לויט זיין מיינונג, „אַן אומגערעכטען און זינלאָזען קריעג קעגען ז י י ע ר ע א י י ג ע נ ט י מ ע ר א ו ן ב ע ל י ־ ב ת י ם“.*

דורך קראַנקהייט אָדער אויף אַן אַנדער אופן זאָלען זיי ניט קריגען באַצאָהלט, און דאָס זאָל זיי צוגערעכענט ווערן צום טערמין; זיי זאָלען אויספאָלגען אַלע „געזעצליכע באַפעהלען“; זיי זאָלען זיך ניט אַנשליסען אַן קיין איצטיגען אָדער צוקינפטיגען קלוב אָדער געזעלשאַפט אָהן דער צושטימונג פון דעם בעל־הבית.

* זעה זיינע מאַניפעסטען וואָס זיינען איבערגעדרוקט געוואָרען אין „נאָרטהערן סטאַר“, 6טען און 27טען יולי, 1844. „לאָרד לאָנדאָנדערי וואָרנט ווידער אַלע קרעמער און הענדלער אין זיין שטאָדט סיעהאַם, אויב זיי גיבען נאָך אַלץ אויף קרעדיט די מינענאַרביטער וואָס אַרביי־טען ניט און געהערען צו דער יוניאָן, אַז די דאָזיגע אַרביטער וועלען פאַרצייכענט ווערן פון זיינע אַגענטען און אויפזעהער און זיי וועלען שוין קיינמאָל מעהר קיין אַרביט ניט קריגען אין זיינע קויהלענגרובען; און די קרעמער מעגען זיכער זיין, אַז זיי וועלען מעהר קיין מסחר און קיין לייזונג ניט קריגען פון לאָרד לאָנדאָנדערי׳ס גרויסע פירמעס, וואָס ער וועט נאָר קענען שטערן.

„לאָרד לאָנדאָנדערי לאָזט וויטער וויסען די הענדלער און קרעמער, וועלכע האָבען אַ דאַנק איהם פאַרגרעסערט זייער לייזונג אין סיעהאַם

דיזעלבע אומטאָלעראַנץ כאַראַקטעריזירט אויך ד י ז ש ו ר נ אַ ל ע ן און צ ײ ט ו נ ג ע ן פון יענער צייט. עס איז קענטיג געווען אַ רגילות אַנצונעהמען אַלס אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז דער אַרבייטער דאַרף ניט נאָר דערפילען זיין דיענסט־קאָנטראַקט, נאָר ער מוז אויך זיין אינגאַנצען אונטערוואָרפען אונטער דעם ווילען פון זיין בעל־הבית אין אַלע קלייניגקייטען וואָס האָבען אַ שייכות צו זיין לעבען אַלס אַרבייטער. פאַראייִנען און סטרייקס פון די „נידעריגערע שיכטען", זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס נוצלאָזע און אומגעזעצליכע פאַרזוכען זיך אַרויסצודרעהען פון זייער נאַטירליכער לאַגע פון סאָציאַלער אונטערוואָרפענקייט. קורץ, די גרעסטע צאָהל אַרבייטסגעבער, אַפילו אין דער צייט פון נעגער־באַפרייאונג, האָבען ווי עס ווייזט אויס אומבאַוואוסטזיניג געהאַלטען זיך אָן דעם שפרוך, וואָס מען האָט שפּעטער צוגעשריבען צו הענרי קלעי, דעם אַמעריקאַנער פאַרטיידיגער פון שקלאַפעריי, אַז „די אמת'ע לייזונג פון דעם אייביגען קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט איז, אַז קאַפּיטאַל זאָל ווערן דער אייגענטימער פון דעם אַרבייטער, צי ער איז ווייס אָדער שוואַרץ".

די שלום־סצענע פון אָווענ'ס ערשטער און לעצטער פּראָבע מיט „דער טריידס־יוניאָן" ווייזט, ווי ווייניג עס האָט אָנגעהאַלטען זיין אַנטייל אין דעם אמת'ען לעבען פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. אין אויגוסט 1834, האָט ער פאַררופען איינעם פון זיינע געוועהנליכע געמישטע קאָנגרעסען, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון דעלעגאַטען פון אַלערליי אָוועניסטיש געזעלשאַפטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אייניגע טרייד יוניאָנס. אויף דעם

לעצטען יאָהר, אַז אויב זיי וועלען זיין אַזוי נאַריש און שלעכט צו געבען קרעדיט זיינע אומזיניגע קויהלען־גרעבער, און אויף אַזאַ אופן פאַרלענגערן דעם שעדליכען סטרייק, איז ער פעסט ענטשלאָסען צוריקצוציהען אַלע איינקויפען פון זיינע פירמעס אַפילו קיין ניוקאַסטל.

„ווייל עס איז ניט יושר'דיג, ניט ריכטיג און ניט גערעכט, אַז די סוחרים פון ז י י ן שטאָדט זאָלען זיך פאַראייניגען און העלפען די פאַרבלענדטע אַרבייטער און קויהלענגרעבער צו פאַרלענגערן זייער אייגענעם עלענד דורך אָנהאַלטען אן אומזיניגען סטרייק און אַן אומגערעכטען און זינלאָזען קריעג געגען זייערע אייגענטימער און בעלי־בתים".

דאָזיגען קאָנגרעס איז די „גרויסע נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידירטע טריידס־יוניאָן", וועלכע האָט געזאָלט ברענגען אויף די קניע די רעגירונג, די לאַנד־אייגענטימער און אַרבייטסגעבער, פאָרמעל פאַר־וואַנדעלט געוואָרן אין דער „בריטישע און אויסלענדישע קאָנסאָלי־דירטע אַסאָציאַציע פאַר אינדוסטריע, הומאַניטעט און וויסענ־שאַפט", שטעלענדיג פאַר זיך אַלס ציעל די גרינדונג פון „אַ נייע מאָראַלע וועלט", דורך אַן אויסגלייך פון אַלע קלאַסען. ווייטער פון איינעם אָדער צוויי קליינע און פרוכטלאָזע עקספּערימענטען אין קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע איז די געזעלשאַפט ניט געגאַנגען אין איהרע פּראָבען צו פאַרווירקליכען אָווען'ס אוטאָפּיע. איהר גאַנצע קראַפט האָט זי פאַרשוועגדט, קענטיג מיט זיין צושטימונג און ערמוטיגונג, אויף אַ רייהע אַגרעסיווע סטרייקס. פונדעסט־וועגען האָט אָווען'ס מעטעאָרישע ערשיינונג אין דער טרייד־יוניאָן וועלט איבערגעלאָזען אַ טיפען איינדרוק אויף דער באַוועגונג. די פּראָטאָקאָל־ביכער און אַנדערע דאָקומענטען פון די טרייד־יוניאָנס פון זיין צייט און פון דעם נאָכקומענדען יאָהרצעהנדליג זיינען פול מיט דער אָווענישטישער פראַזעאָלאָגיע, ווי די איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין די קלאַסען פון „ליידיגגעהער" און „האָרעפּאָס־ניקעס", פאַרשטעהענדיג, קענטיג, אונטער דעם לעצטען קלאַס — און אַזוי איז דאָס זיכער פאַרשטאַנען געוואָרן — נאָר די פיזישע אַרבייטער. וויכטיגער איז אָבער וואָס עס איז געבליבען די אידעע, אַז די טרייד־יוניאָנס, אַלס אַסאָציאַציעס פון פּראָדוצירער, זאָלען צוריק־קריגען די קאָנטראָל פון די פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען. פון יענער צייט אָן זיינען אומצעהליגע פּראָבען געמאַכט געוואָרן פון דער אָדער יענער טרייד־יוניאָן צו באַשעפטיגען זייערע אייגענע מיטגלידער אין פּראָדוקטיווע קאָאָפּעראַציעס. די לאַנגע רייהע פון אינדוסטריעלע אומגליקען, וועלכע האָבען זיך פאַרענדיגט מיט די גרויסע פאַרלוסטען פון 1874, האָבען נאָך אַפילו היינט ניט אויס־געוואָרצעלט די לעצטע איבערבלייבאָכצען פון דעם דאָזיגען „גע־מיינשאַפטליכען אָקציען־אינדיווידואַליזם" ביי די אידעאַליסטען פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. אַחוץ די אָרגאַניזירטע רייהען איז זיין ווירקונג אויף דער אַלגעמיינער מיינונג פון אַרבייטער־קלאַס געוועזן, ווי פּליים באַמערקט, זעהר גרויס, ווי מיר וואָלטען דאָס

אויספיהרליך געקאָנט באווייזען, ווען מיר וואָלטען זיך אָפּגעגעבען מיט די „יוניאָן־שאָפּס“, „אָרענטליכע ארבייטס־בערזען“, און אינדוסטריעלע געמיינדעס, וועלכע מען קאָן באטראכטען אַלס די דירעקטסטע רעזולטאַטען פון דער אָוועניסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, אָדער מיט די שיקזאַלען פון די אומצעהליגע קאָאָפּעראַטיווע אַסאָציאַציעס פון פּראָדוצירער, וועמעס דעלעגאַטען עס האָבען געשאַפען דעם רוקען־ביין פון די אָוועניסטישע קאָנגרעסען אין יענע יאָהרען.*

די טרייד־יוניאָניסטישע באוועגונג איז ניט געבליבען אינגאַנצען טויט, בעת אָווען האָט פאַרלאָזען דעם פעלד. די געלערנטע בעלי־מלאכות פון די דרוקער און מעכאַניקער פאַכען האָבען זיך געהאַלטען, ווי מיר וועלען באַלד זעהן, פון ווייטען פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג, און זייערע טרייד־קלובען זיינען ניט באַריהרט געוואָרן, ניט פון דער אָוועניסטישער טומעלדיגער אַגיטאַציע און ניט פון דעם שפּעטערדיגען צוזאַמענבורך. אין מאַנכע אַנדערע פאַכען האָט דער אויפגעבלאָזענער ערפאָלג פון די יאָהרען פון 1830 ביז 1834 אָנגעהאַלטען עטליכע יאָהר לענגער. די טעפּערס' יוניאָן איז געוואַקסען אין שטאַרקייט און אין 1835 האָט זי אָפּגעהאַלטען אַ באַדייטענדען זיעג איבער די ארבייטסגעבער, בעת עס איז אָנגענומען געוואָרן דער „גרינער פּרייז־בוך“, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געבליבען באַריהמט אין טרייד. נייע פאָדערונגען האָבען געפיהרט צו דער גרינדונג פון אַ „האַנדעלס־קאַמער“ („טשיימבער אָוו קאָממערס“) פון די ארבייטסגעבער צו ווידערשטעהן דעם אָנגריף פון די אַרבייטער. די „יעהרליכע פאַרפליכטונג“ איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, און אַ גרויסער סטרייק איז אויסגעבראָכען, וועלכער האָט זיך געענדיגט אין 1837 מיט דעם פולשטענדיגען צוזאַמענברוך פון דער יוניאָן.

אין 1836 האָבען די שאָטלענדער שריפטזעצער געגרינדעט די „דזשענעראַל טיפּאָגראַפיקאַל אַסאָסיאיישאָן אָוו סקאָטלאַנד“, וועלכער האָט עטליכע יאָהר אויסגעאיבט אַ ווירקזאַמען קאָנטראָל איבער'ן טרייד. דעמזעלבען יאָהר איז פאָרגעקומען אַ באַדייטענדער

* פאַר מעהר אויסקונפט איבער דעם ענין, זעה „די קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג אין גרויס־בריטאַניע“, פון ביטריס פּאָטער (מרס. סידנעי וועב.)

סטרייק ביי די באַוועל־שפּינערס פון פּרעסטאָן, פון ווען אָן עס דאַטירט די אַלגעמיינע איינפיהרונג פון דער זעלבסט־רעגולירנדער „מולע“ שפּין־מאַשין. אָבער די דויערהאַפטסטע ווירקונג איז צו זעהן אין די בוי־פאַכען. די פעדעראַלע יוניאָנס פון רעהרנלעגערס, מויערערס און סטאָלערס האָבען אָנגעהאַלטען אַ ניט־אינטערבראָכענע עקזיסטענץ ביז צום הייגטיגען טאָג,* בעת די „פריינדליכע געזעלשאַפט פון שטיין־מויערער“ איז פאַרבליבען דורך דעם גאַנצען יאָהרהונדערט איינע פון די מעכטיגסטע ענגלישע יוניאָנס. די צירקולאַרן, וואָס די ענגלישע שטיין־מויערער האָבען אַרויסגעגעבען אַלע צוויי וואָכען, באַווייזען, אַז ניט נאָר האָט זייער יוניאָן געפיהרט אַ קרעפטיגען לעבען און איז שנעל געוואַקסען, נאָר אַז זי האָט דורכגעפיהרט אַ סך ערפאָלגרייכע קורצע סטרייקס איינצופיהרן „אַרבייטס־תקנות“ און אָנצוהאַלטען „צייט־לוין“. וועגען די שאָטישע שטיין־מויערער ווערט דערצעהלט, אַז זיי זיינען געווען נאָך אַקטיווער און איינפלוסרייכער אין רעגולירן זייער פאַך, און זיי האָבען געהאַט אין זייער יוניאָן כמעט אַלע מויערער פון שאָטלאַנד. עס זיינען אויך פאַראַן באַווייזען פאַר ניט־פאָרמעלע פעדעראַטיווע פאַרבינדונגען צווישען די נאַציאָנאַלע יוניאָנס פון שטיינמויערערס, סטאָלערס און ציגעל־לעגערס. די צרה איז געווען, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט אַזאַ מאָדערנעם אָרגאַניזאַציאָנס־מעכאַניזם, ווי פון די „טרייד קאָונסילס“, טרייד־יוניאָן קאָנגרעסען, און שטענדיגע פאַראייניגטע קאָמיטעטען, און דאָס האָט געשטערט די צעוואָרפענע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין דער פאָרמירונג פון אַן אַלגעמיינער באַוועגונג. דער דאָזיגער צושטאַנד איז אונטערבראָכען געוואָרן אין

---

* די „יונייטעד סאָסייעטי אָוו אָפּעריטיוו פּלאָמבערס“ (רעאָרגאַניזירט אין 1848) קאָנטראָלירט נאָך אַלץ איהר צווייג פון טרייד און האַלט נאָך אָן די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע פון דער „בילדערס׳ יוניאָן“. די שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס פון סטאָלערס און ציגעל־לעגערס (איצט באַקאַנט אַלס די „דזשענעראַל יוניאָן אָוו קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס“ און די „יונייטעד אָפּעריטיוו בריקלייערס׳ טרייד עקסידענט סאָסייעטי“) זיינען אַריבערגעיאָגט געוואָרען און טיילווייז געשטעלט געוואָרען אין שאָטען פון דער „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס“ און דער „אָפּעריטיוו בריקלייער׳ס סאָסייעטי“.

יאָהר 1837, דורך די סענסאַציאָנעלע סטרייקס אין גלאַזגאָו, די פאַרצויגענע געזעצליכע פאַרפאָלגונגען און די שווערע באַשטראָפונ־גען פון זייערע פיהרער, און דורך דער באַשטימונג פון אַ פּאַרלאַ־מענטאַרישען קאָמיטעט צו אונטערזוכען די פאָלגען פון דער צוריק־רופונג פון די „געזעצען קעגען פאַראייניגונג“.

מיר האָבען דאָ ניט בדעה זיך צו פאַרנעהמען מיט די פּרטים פון דעם באַריהמטען פּראָצעס פון די פינף גלאַזגאָוער באַוועל־שפּינער, וועלכע זיינען געוועזען פאַרקלאָגט אין פאַרשווערונג, גוואַלטזאַמע אָפּשרעקונגען און פאַר דער ערמאָרדונג פון זייערע ארבייטס־חברים. דאָס איז אָבער געוועזען איינער פון יענע „הויפּט פּראָצעסען“ אין דער געשיכטע פון טרייד־יוניאָנס, און דער אויסדרוק פון גע־פיהלען וואָס דער פּראָצעס האָט דאָן ארויסגערופען ווייזט קלאָר און דייטליך דעם גייסטיגען צושטאַנד, אין וועלכען די ארבייטער־קלאַסען האָבען זיך געפונען.* די אויסזאָגונגען וואָס זיינען גע־מאַכט געוואָרן אין געריכט און איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן פאַר דעם ספּעציעלען קאָמיטעט פון 1838, לאָזען קיין גרונד ניט איבער צו צווייפלען, אַז די באַוועל־שפּינערס׳ יוניאָן, אַלס אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, האָט איינגעפיהרט אַ הערשאַפט פון טעראָר, און אַז מאַנכע פון די פאַרקלאָגטע מיטגלידער זיינען פּערזענליך שולדיג געוועזען ניט נאָר אין אויפהעצען, נאָר טאַקע אין באַגעהן גוואַלט־

---

* דער טרייד־יוניאָן קאָמיטעט, וועלכער האָט געפיהרט דעם פּראָ־צעס, אַחוץ וואָס ער האָט געקראָגען פולע באַריכטען אין די צייטונגען, האָט אויך אָפּגעדרוקט פאַר אַ קליינעם פּרייז אַ באַריכט פון דעם פּראָצעס אין טיילען, וועלכער איז אין ערגעץ ניט פאַרבליבען. צוויי אַנדערע אויספיהרליכע באַריכטען זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרן, וועלכע מען קאָן נאָך נאָכזעהן: „אַ באַריכט פון דעם פּראָצעס פון טאָמאַס האָנטער און אַנדערע באַוועל־שפּינערס אין גלאַזגאָו אין 1838“, פון אַרטשיבאַלד סווינטאָן (עדינבורג, 1838), און „דער פּראָצעס פון טאָמאַס האָנטער און אַנדערע, — די גלאַזגאָוער באַוועל־שפּינערס“, פון דזשיימס מאַר־שאַל (גלאַזגאָו, 1838). זעה אויך די „אויטאָביאָגראַפּיע פון סער אַר־טשיבאַלד עליסאָן“, (לאָנדאָן, 1883); דעם „נאָרטהערן סטאַר“ פון 1837—1838; דעם „אַניואַל רעדזשיסטער“ פאַר 1838, ז. 206 און 207; און די אויסזאָגונגען פאַר דעם ספּעציעלען קאָמיטעט וועגען פאַראיינען, 1838.

טאַטען, אויב ניט אין מאָרד. ניט קוקענדיג דאַרויף, איז די גאַנצע עפענטליכע מיינונג פון דעם ארבייטער־קלאַס אינגאַנצען געווען אויף זייער זייט, און דער אורטייל צו פאַרשיקען זיי אויף זיבען יאָהר איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזוי פיעל ענטריסטונג, ווי דער אורטייל איבער די אַרבייטער פון דאָרטשעסטער מיט פיער יאָהר צוריק. דאָס איז געווען איינער פון די נאַטירליכע רעזולטאַטען פון דעם קלאַסען־דעספּאָטיזם און דעם כמעט אָפענעם אויפשטאַנד, וועלכען מיר האָבען שוין באַשריבען. דאָס באַנוצען זיך מיט גוואַלט־מיטלען פון אַרבייטער, סיי קעגען אַ פאַרהאַסטען אַרבייטסגעבער און סיי קעגען אַ פאַררעטער אין זייערע אייגענע רייהען, איז באַטראַכט געוואָרן פונקט אויף דעמזעלבען אופן ווי די פּאָליטישע פאַרברעכענס פון אַ ראַסע, וואָס איז אונטערדריקט אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט. אַזעלכע טאַטען זיינען פאַקטיש גאָר קיין באַוויז ניט געווען, אַז די וואָס זיינען זיי באַגאַנגען זיינען געווען מאָראַליש פאַרדאָרבען. קיינער האָט ניט באַשולדיגט די פינף גלאַזגאָוער באַוועל־שפּינערס אין פּערזענליכען שלעכטען כאַראַקטער און אויפפיהרונג, און וועניגסטענס פיער פון די פינף זיינען געווען אַלגעמיין באַקאַנט פאַר זייער עהרליכקייט און איבערגעבענקייט.*
די שלעכטע באַהאַנדלונג וואָס זיי האָבען געקראָגען וואַרטענדיג אויף'ן פּראָצעס, און נאָך מעהר דער אורטייל זיי צו פאַרשיקען, האָט פאַר זיי געוואונען די סימפּאַטיע פון די פּאַרלאַמענטאַרישע ראַדיקאַלען, און וועיקלי, דער פאַרשטעהער פאַר פינסבורי, האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטען פאַרצוברענגען זייער פאַל אין האָוז אָוו קאָממאָנס, אַלס אַ פאַל פון געזעצליכער פאַרפאָלגונג און אומגערעכטיגקייט.

אַרום אָט דער צייט האָבען די טריידס־סאָסייעטיס פון דובלין און קאָרק אַרויסגערופען ערנסטע קלאַגעס מיט זייערע פּראָבען דורכצופיהרען, און ניט אָהן גוואַלט־מיטלען, אַ פאַקטישען מאָנאָפּאָל

* די פינף געפאַנגענע זיינען אין 1840 באַגנאַדיגט געוואָרן, צוליעב זייער מוסטערהאַפטער אויפפיהרונג. אין דעם „טריידס דזשורנאַל“ פון אויגוסט, 1840, איז פאַרעפענטליכט אַ געמיינשאַפטליכער בריף פון זיי וועגען דאָס געלט וואָס איז פאַר זיי געזאַמעלט געוואָרן פון אַ לאָנדאָנער קאָמיטעט.

אין געוויסע געלערנטע אינדוסטריען. זייערע האַנדלונגען זיינען גע־טאַדעלט געוואָרן פון דעניעל אָ׳קאָנעל, וועמען זיי האָבען דערפאַר אַרונטערגעריסען און פאַרדאַמט. אָ׳קאָנעל האָט צעשלאָגען וועיק־לי׳ס פריינדליכען פאָרשלאַג וועגען אונטערזוכען דעם פאַל פון די באַוועל־שפּינערס דורך אַן ערנסטער אָנקלאַגע געגען טרייד־יוני־אָניזם. אַנאַליזירנדיג מייסטערהאַפט די תקנות פון די אירישע פאַראיינען, וועלכע, מען מוז מודה זיין, זיינען געווען שרעקליך עגאָאיסטיש, האָט ער אין אַ שטאַרקער רעדע פאַרדאַמט יעדע פּראָבע מצד די פאַך־פאַראיינען צו רעגולירן די אַרבייטס־באַדינ־גונגען. די גוט־איינגעפונדעוועטע מעטאָדען פון מאָדערנעם טרייד־יוניאָניזם, אַזוי ווי די אויפהאַלטונג פון אַ מינימום־לוין, זיינען פון איהם פּונקט אַזוי פאַרדאַמט געוואָרן ווי די ניט־געזעלשאַפטליכע און אונטערדריקענדע מאָנאָפּאָלען, מיט וועלכע די אירלענדישע טריידס האָבען זיך אַ לאַנגע צייט אויסגעצייכענט. די רעגירונג האָט די דאָזיגע רעדע אויפגענומען מיט דעם באַוויליגען אַ ספּעציעלען קאָ־מיטעט, וואָס זאָל אונטערזוכען די גאַנצע פראַגע; און דער טרייד־יוניאָניזם האָט זיך ווידער אַמאָל געפונען אין דער לאַגע, צו דאַר־פען זיך פאַרטיידיגען אַלס אַ באַשטעהענדער עלעמענט אין דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע. דער פּראָצעס פון די גלאַזגאָוער באַוועל־שפּינערס און די באַשטימונג פון אָט דעם פּאַרלאַמענטאַרי־שען קאָמיטעט, האָבען פאַר אַ צייט ווידער אויפגעלעבט דעם געפיהל פון סאָלידאַריטעט אין דער טרייד־יוניאָניסטישער וועלט. אַ גע־מיינשאַפטלכער קאָמיטעט פון די גלאַזגאָוער פאַכען איז געגרינדעט געוואָרן צו זאַמלען אַ פאָנד פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די אָנ־געקלאָגטע; און בריעף זיינען פאַר דעם דאָזיגן צוועק פאַנאַנדער־געשיקט געוואָרן צו אַלע באַקאַנטע טרייד־יוניאָנס. באַדייטענדע סומען זיינען געזאַמעלט געוואָרן, בעת דער פּראָצעס איז כסדר אָפּגעלעגט געוואָרן, אויף די שווערע קאָסטען פון די אַרעסטירטע; און אין יאַנואַר 1838, ווען מען האָט זיי ענדליך געפונען שולדיג און פאַראורטיילט, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פאַראייניגטע אַגיטאַציע פאַר אַ טיילווייזער פאַרלייכטערונג פון זייער שטראָף. אַרום אָט דער צייט איז שוין געווען באַוואוסט, אַז עס ווערט געפּלאַנעוועט עפּעס אַ פּאַרלאַמענטאַרישע אונטערזוכונג וועגען טרייד־יוניאָניזם.

די יוניאָנס האָבען זיך גלייך גענומען מאַכען אָרדענונג ביי זיך אין הויז. די שטיינמויערער, וועלכע האָבען שוין דאָס איינשוועדן געהאַט אויפגעגעבען, כדי זיך מעהר צו באוואָרנען קעגען אומגע־זעצליכע געוועהנהייטען, האָבען באשלאָסען, „אַז אַלע רעגאַלען־פאָרמען, איינפיהר־צערעמאָניעס און פאַסיר־ווערטער זאָלען באזיי־טיגט און אינגאַנצען אָפגעשאַפט ווערן". די דובלינער טינקעווערס האָבען פאָרמעל פאַרוואָרפען זייערע אויסשליסליכע תקנות און האָ־בען אָפגעלעגט די אַרויסגאַבע פון אַ נייער אויפלאַגע ביז נאָך דער אונטערזוכונג. אין גלאַזגאָו, דער הויפּט־פּלאַץ פון די אומרוהען, האָבען אַ סך אָרגאַניזאַציעס — צווישען זיי די לאָקאַלע טישלערס — אבזיכטליך פאַרברענט זייערע פּראָטאָקאָל־ביכער און אַרכיוועו פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר. די לאָנדאָנער פאַראיינען האָבען באַ־שטימט אַ קאָמיטעט — „דהי לאָנדאָן טרייד קאָמביניישאָן קאָמ־מיטטעע" — וואָס זאָל פיהרן דעם יוניאָניסטישען צד אין דער פאַרלאַמענטאַרישער אונטערזוכונג. לאָוועט, וועלכער איז דאַן גע־ווען באַקאַנט אַלס ראַדיקאַלער פּאָליטיקער, איז געוואָרן סעקרעטער און האָט אַרויסגעגעבען אַ ריהרנדען אַדרעס צו די טרייד־יוניאָנס פון לאַנד, בעטענדיג זיי צו שיקען געלט און עדות.* אָבער דער פאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט האָט זיין אַרבייט געטאָן אויבער־פלעכליך און ניט־איבערצייגענד. די רעגירונג, וועלכע האָט איהם דערלאָזט בלויז אום פּטור צו ווערן פון דער צודרינגליכקייט פון וועיקלי'ן פון איין זייט און פון אָ'קאָנעל'ן פון דער צווייטער, האָט קענטיג גאָר בדעה ניט געהאַט צו נעהמען וועלכע עס איז שטעלונג אין דעם ענין; און דער קאָמיטעט, וועלכער איז שטענדיג געווען שוואַך באַזוכט, האָט אפילו ניט פּרובירט צו מאַכען אַן אַל־געמיינע אונטערזוכונג, און האָט זיך פּאַקטיש באַשרענקט אויף דובלין און גלאַזגאָו. אָ'קאָנעל האָט געקראָגען די געלעגענהייט וואָס ער האָט געזוכט, צו באַווייזען, דורך אויסגעקליבענע עדות,

---

* אַ צירקולאַר, דאַטירט מערץ, 1838, אין אַרכיוו פון די שטיינ־מויערערס; און „אַן אַדרעס פון דעם לאָנדאָנער טריידס קאָמיטעט באַשטימט נאָכצופאָלגען די פאַרלאַמענטאַרישע אונטערזוכונג וועגען פאַראיינען", (לאָנדאָן, 1838).

דעם גוואַלטזאַמען און אויסשליסענדען גייסט וואָס באַלעבט די
אירלענדישע יוניאָנס. וואָס אַנבאַטרעפט גלאַזגאָו, איז דער הויפט
עדות געווען שעריף — שפּעטער סער אַרטשיבאָלד — עליסאָן, וועל־
כער האָט מיט זיין מוטיגער האַנדלונג איינגעשטילט די באַוועל־
שפּינערס פון יענער שטאָדט. עס איז קוים נויטיג געווען צו רופען
עדות פאַר די יוניאָנס; אָבער דזשאָהן דאָהערטי, וועלכער איז
שוין דאַן געווען אַ דרוקער און בוך־הענדלער, איז צוגעלאָזט געוואָרן
צו געבען אַ שילדערונג פון דער שפּינערס' אָרגאַניזאַציע אין מאַנ־
טשעסטער און די שלים־מזל'דיגע אַסאָציאַציעס פון 1831—1829.
די אונטערזוכונג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, אחוץ וואָס
אין „הויז“ זיינען אַריינגעגעבען געוואָרן צוויי ביכער מיט אויס־
זאָגונגען, אָפּילו אָהן אַ שטיקעל באַריכט. ווי עס ווייזט אויס
האָט מען זיך גערעכט, אַז דער קאָמיטעט וועט פון דאָס ניי באַשטימט
ווערן צו פאַרענדיגען זיין אַרבייט; אָבער ווען די נעקסטע זיצונג
איז געקומען האָט מען דעם עסק שטילערהייט פאַרוואָרפען.

דער צייטווייליגער שטוים, וואָס איז געקומען דורך דעם באַ־
וועל־שפּינערס' פּראָצעס און דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט,
האָט ניט אָפּגעהאַלטען דעם ווייטערדיגען צוריקפאַל פון טרייד־יוני־
אָניזם איבער'ן גאַנצען לאַנד. דער מסחר, וועלכער האָט זיך גע־
האַלטען אין אָפּשטעלען זינט 1836, האָט זיך פּלוצלינג פאַרערגערט.
דער יאָהרצעהנדליג האָט זיך געענדיגט מיט די מאָגערסטע דריי
יאָהר אין דער געשיכטע; און אַ ווייט־פאַרשפּרייטע נויט האָט
געהערשט. די מיטגלידערשאַפט פון די לעבען־געבליבענע יוניאָנס
האָט זיך גיך פאַרקלענערט. די ענגלישע שטיינמויערער, אפשר די
שטאַרקסטע פון די דעמאָלסטדיגע אָרגאַניזאַציעס, זיינען אין 1841
דערגאַנגען צו אַבסאָלוטען באַנקראָט דורך זייער אומגליקליכען
סטרייק נעגען אַ פאַרהאַסטען אויפזעהער ביי דער איבערבויאונג
פון די פּאַרלאַמענט־הייזער. די שאָטלענדישע שטיינמויערער גע־
זעלשאַפט, וועלכע איז געווען פּונקט אַזוי שטאַרק, איז צוזאַמענ־
געבראָכען, דורך אורזאַכען וואָס זיינען אונז אומבאַקאַנט. די גלאַז־
גאָוער פאַכען זיינען געווען פאָלשטענדיג דיסאָרגאַניזירט דורך די
מפּלות פון 1837. די טעקסטיל אַרבייטער פון לאַנקאַשייר האָבען
ניט אַרויסגעוויזען קיין סימן פון לעבען; בעת אַזעלכע וואַקסענדע

געזעלשאַפטען, ווי פון די אייזענגיסערס, די דאַמף־מאַשין־אַרביי־טער, די מילענבויערס און קעסעלמאַכערס, זיינען געווען פאַרקרי־פּעלט דורך די אויסצאָהלונגען וואָס זיי האָבען געמוזט מאַכען פון זייערע קאַסעס צו אַרבייטסלאָזע מיטגלידער. דער געמיטס־צושטאַנד פון די אַרבייטער־קלאַסען איז ניט געווען פיעל גינסטיגער ווי דער האַנדעלס־צושטאַנד. מורא׳דיגע אומצופרידענקייט און אָנ־געכמורעטע בייזקייט זיינען די כאַראַקטעריסטיקס פון יענער פּע־ריאָדע. אַ האַס צו דעם „נייעם קבצנים־געזעץ" (דאָס געזעץ וועגען צדקה פאַר אָרימעלייט), צו די אומגערעכטע אָפּצאָהלונגען אויף שפּייז, צו דעם אַלגעמיינעם דרוק פון די הערשענדע קלאַסען, פלאַמט אַרויס פון די טרייד־יוניאָניסטישע דאָקומענטען פון דער צייט. די אַגיטאַציע פאַר די „זעקס פּונקטען", וואָס איז אָנגע־הויבען געוואָרן פון לאָוועט און אַנדערע אין דער „אַרבייטערס׳ אַסאָציאַציע" פון 1836, איז געוואָרן דער מיטעלפּונקט פון די שטרע־בונגען פון אַרבייטער־קלאַס. דער „נאָרטהערן סטאַר", וועלכער האָט אָנגעהויבען ערשיינען ביים סוף פון 1837, האָט געשווינט אַריבערגעיאָגט אין צירקולאַציע אַלע אַנדערע פּראָווינציעלע זשור־נאַלען. די לעקציעס פון דער „אַנטי־קאָרן לאָא ליגע" האָבען פאַר־גרעסערט די אַלגעמיינע אומצופרידענקייט, אָפּילו ווען זייער ספּעצי־עלע תרופה האָט ניט געפונען קיין אָנהענגער. אַן אַלגעמיינער יאוש אין קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען האָט געפיהרט צו דער וואַקסענ־דער אויבערמאַכט פון דער „פיזישע קראַפט" סעקציע פון די טשאַר־טיסטען, און צו דער בונטאָוושטשינע פון 1839—1842.

די פּאָליטישע ענטוויקלונגען פון די דאָזיגע יאָהרען געהען ניט אַריין אין דעם רוים פון אָט דעם ווערק. די טשאַרטיסטען באַוועג־גונג שפּיעלט די וויכטיגסטע ראָלע אין דער געשיכטע פון דעם אַרבייטער־קלאַס פון 1837 ביז 1842 און זי געהט ניט אַרונטער פון דער ביהנע ביז 1848. אַרויסרופענדיג צו זיך רעספּעקט דורך דער ערנסטקייט, איבערגעבענקייט און זאַגאַר העלדישקייט פון די מאַ־סען, איז זי דיסקרעדיטירט געוואָרן דורך דער באָמבאַסטיק פון איה־רע אָראַטאָרען און די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַבסקע תרופות פון איהרע פאַלשע און אומפעהיגע פיהרער, וועמעס קנאה־שנאה און אינטריגעס האָבען איהר ענדליך געמאַכט צו גאָרנישט. דאָס

איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, אַז אַן אויספיהרליכע געשיכטע וועגען דעם וואָלט געווען פון גרויס נוצען פאַר אונזער יונגער דעמאָקראַטיע. דאָ איז בלויז נויטיג צו זאָגען, אַז עס איז ניטאָ קיין גרונד צו גלויבען, אַז די טרייד־יוניאָנס זיינען ווען עס איז געוואָרן אַ וויכטיגער טייל פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג, ווי זיי זיינען דאָס געווען אין דער אָ:וועניסטישער אַגיטאַציע פון 1833—34, הגם זייערע מיטגלידער האָבען צוגעשטעלט מאַנכע פון די שטאַרק־סטע אונטערשטיצער פון דעם „טשאַרטער".* איינציגע פאַכען, אַזוי ווי די שוסטערס, זיינען קענטיג געווען אינגאַנצען דורכגע־דרונגען מיט טשאַרטיזם און האָבען שטענדיג געזוכט צו־צוציהען אויך אַנדערע פאַך־פאַראיינען צו דער באַוועגונג. די בייזע סטרייקס פון 1842 אין לאַנקאַשייר און אין די מיטענלענדישע געגענדען, וועלכע, ווי עס ווערט באַהויפּטעט, זיינען ארויסגערופען געוואָרן פון דער „אַנטי־קאָרן לאָאָ ליעג", זיינען „פאַרכאַפּט גע־וואָרן" פון די טשאַרטיסטען און שיעור ניט פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין פּאָליטישע אויפשטאַנדען. די דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון די טרייד־קלובען אין לאַנקאַשייר און אין יאָרקשייר, וועלכע האָט געפיהרט דעם „גענעראַל סטרייק", וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען „פאַר דעם לוין פון 1840", האָט אין אויגוסט 1842 באַשלאָסען, צו רעקאָ־מענדירען אַלע לוין־אַרבייטער „אָפּצושטעלען די אַרבייט, ביז דער טשאַרטער וועט ווערן דאָס געזעץ פון לאַנד". פאַר אַ צייט פון עטליכע וואָכען האָט עס ווירקליך אויסגעזעהן, אַזוי ווי די טרייד־יוניאָניסטישע באַוועגונג, אויף וויפיעל זי האָט דאַן עקזיסטירט, וועט זיך צונויפגיסען מיט דעם פּאָליטישען שטראָם. אָבער די אָפענבאַרע לעבערליכקייט פון איינריידען הונגעריגע מענשען צו בלייבען סטרייקען ביז די גאַנצע פּאָליטישע מאַשינעריע פון לאַנד

* „פיפעל'ס טשאַרטער" איז געווען דער נאָמען פון אַ דאָקומענט, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי — די טשאַרטיסטען — אין 1838, אין וועלכען די הויפּט־פאָדערונגען זיינען געווען: אַלגעמיינע וואַהלרעכט, שטימען דורך צעטלען, יעהרליכע פּאַרלאַמענטען, געהאַלט פאַר די מיטגלידער און די אָפּשאַפונג פון אייז־גענטומס־קוואַליפיקאַציע פאַר מיטגלידער. — איב.

•

וועט איבערגעאַנדערשט ווערן, איז קענטיג גאָר גיך קלאָר געוואָרן
פאַר די שכל׳דיגערע טרייד־יוניאָניסטען. בעת טשאַרטיסטישע פאַר־
זאַמלונגען אין שעפּיעלד האָבען גערופען צו אַ „גענעראַל סטרייק“
אַרויסצוקריגען דעם טשאַרטער, האָבען די סעקרעטערן פון זיבען
לאָקאַלע יוניאָנס געשריבען אין די צייטונגען און ערקלערט, אַז
זייערע טריידס האָבען גאָרנישט ניט צו טאָן מיט די פאַרזאַמלונגען
אָדער די רעזאָלוציעס. און עס קאָן טאָקע זיין אַ ספק, צי די טרייד־
יוניאָנס גופא, אין געגענזאַץ צו געוויסע מיטגלידער וועלכע זיינען
גראָד געווען דעלעגאַטען, האָבען זיך ווען פאָרמעל אַרויסגעזאָגט אַלס
אָנהענגער פון טשאַרטיזם. אין די פּראָטאָקאָלען פון די דעמאָלסט־
דיגע טרייד־יוניאָנס, וועלכע עקזיסטירן נאָך היינט, ווי פון די בוכ־
בינדערס, שריפטזעצערס, אייזענגיסערס, באַוועל־שפּינערס, דאַמף־
מאַשין־אַרבייטער און שטיינמויערער, איז קיין שפּור ניטאָ פון
טשאַרטיסטישע רעזאָלוציעס; הגם דער „פּאָרטנייטלי סירקו־
לאַר“ (צוויי־וועכענטליכער צירקולאַר) פון די שטיינמויערער איז
פול מיט פאַרדאַמונגען אויף די „נאָטאָרישע אונטערדריקונגען פון
דעם נייעם צדקה געזעץ“; אין דער צייט וואָס די אייזענגיסערס,
שריפטזעצערס און באַוועל־שפּינערס נעהמען אָן רעזאָלוציעס צו
גונסטען פון פריי־האַנדעל. אַ טיילווייזע ערקלערונג פאַר דעם
דאָזיגען פאַרשווייגען פון דער מעהר אויפרעגענדער פראַגע פון
טשאַרטער, קאָן מען בלי ספק געפינען אין דער אַלגעמיין אָנגע־
נומענער תקנה, וואָס האָט אויסגעשלאָסען פּאָליטיק און רעליגיע
פון טרייד־יוניאָן דיסקוסיעס — אַ תקנה געגען וועלכער אָן
ענטוזיאַסטישער טשאַרטיסטישער דעלעגאַט פון די בוכבינדער האָט
שטאַרק פּראָטעסטירט אויף דער קאָנפערענץ אין מאַנטשעסטער,
אין 1842. עס האָט אָבער געמוזט זיין עפּעס מעהר ווי אַן איינ־
פאַכער אָפּהיטען די תקנה, וואָס האָט אָפּגעהאַלטען די פאַך־גע־
זעלשאַפטען צו זיין פאַרמישט מיט דער טשאַרטיסטישער אַגיטאַ־
ציע. די תקנה האָט ניט געשטערט די אָרגאַניזירטע טריידס פון
1831—32 אין נעהמען אַ פּראָמינענטען אָנטייל אין דער באַוועגונג
פאַר דעם „רעפאָרם פּראָיעקט“. די פאָהנען פון די עדינבורגער
טרייד־קלובען האָבען זיך שטאַרק אָנגעזעהן אין דער עפענטליכער
דעמאָנסטראַציע, בעת דער פּראָיעקט איז צוריקגעוויזען געוואָרן אין

1831. און בעת די לאָרדען־הויז האָט נאָכגעגעבען, האָבען די בירמינגהאַמער טרייד־יוניאָנס אַליין אָרגאַניזירט אַ טריאומף־פּראָצעסיע, מיט וועלכער דער מיטעלקלאַס איז געווען שטאַרק אומצופרידען. די פּראָטאָקאָלען פון די לאָנדאָנער בערשטער ווייזען, אַז זיי האָבען אַפילו בייגעשטייערט פון דער יוניאָן־קאַסע צו די „רעפאָרם“־אַסאָציאַציעס. מיר געפינען אָבער לחלוטין ניט, אַז די פאַך־געזעלשאַפטען פון 1831 ביז 1842 זאָלען האָבען בייגעשטייערט צו די טשאַרטיסטישע פאָנדען, אָדער זאָלען אַפילו זאַמלען געלד פאַר די טשאַרטיסטישע קרבנות. די פּראָצעסען פון פראָסט, וויליאַמס און דזשאָונס, די רעבעלען פון ניופּאָרט אין 1839, האָבען זיכער פאַרדינט די סימפּאַטיע פון אַרבייטער־קלאַס, ניט ווייניגער ווי די גלאַזגאָוער באַוועל־שפּינערס. אָבער די טרייד־יוניאָנס האָבען קיין נייגונג ניט אַרויסגעוויזען זיי צו שטיצען מיט געלט אָדער מיט פּעטיציעס. „קיינמאָל“, שרייבט פערגוס אָ׳קאָנאָר אין 1846, „איז ניט געווען אַזאַ פאַרברעכערישע גלייכגילטיגקייט, ווי די וואָס די אָרגאַניזירטע פאַכען אין גרויס בריטאַניע האָבען אַרויסגעצייגט צו די ליידען פון די דאָזיגע מענער“; און ער גיט צו: „ווען אַ העלפט פון דעם, וואָס איז געטאָן געוואָרן פאַר די אַרבייטער פון דאָרטשעסטער אָדער די באַוועל־שפּינערס פון גלאַזגאָו, וואָלט געטאָן געוואָרן פאַר פראָסט, וויליאַמס און דזשאָונס, וואָלטען זיי שוין לאַנג געווען באַפרייט“.

דער רעוואָלוציאָנעריזם, אָוועניסטישער אָדער טשאַרטיסטישער, האָט פאַקטיש געהאַלטען אין פאַרלירן זיין אָנציהונג פאַר דעם געדאַנק פון אַרבייטער־קלאַס. ראָבערט אָוועג׳ס עקאָנאָמישע אַקסיאָמען וועגען אָפּשאַפען פּראָפיט און באַזייטיגען דעם פּראָפיטמאַכער, זיינען אין דיזעלבע יאָהרן אַריבער אין דער נייער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, וואָס איז אין 1844 אָנגעפאַנגען געוואָרן פון די „ראָטשדיילער פּיאָנערן“. די מאמינים אין אַ „נייעם געזעלשאַפטליכען סיסטעם“, וועלכער האָט געזאָלט דערגרייכט ווערן דורך אַלגעמיינער איינפאַרשטענדיגונג, האָט מען פון יענער צייט אָן שוין גיכער געדאַרפט זוכען אין די רייהען פון די קאָמערציעל־געזאָנענע קאָאָפּעראַטאָרן, איידער אין די רייהען פון די קעמפענדע טרייד־יוניאָניסטען. טשאַרטיזם איז אונטער דער צייט אַרונטער־

געזונקען פון לאָוועט'ס הויכען אידעאַל פון אַ פולשטענדיגער פּאָ־ליטישער דעמאָקראַטיע צו אַ נידעריגער יאַגעניש נאָך דעם באַזיץ פון קליינע שטיקלעך לאַנד. דערביישפּיעל פון דער פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1848, האָט אויף עטליכע וואָכען פאַנאַדערגעבלאָזען די אָפּשטאַרבענדע פונקען אין אַ נייעם פלאַם; און אַ סך לאָנ־דאָנער טריידס האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אין דעם מעהר אָדער ווייניגער טעאַטראַלישען פאַראַד פון 10טען אַפּריל 1848, גרויס מאַכענדיג די פּראָצעסיע, געגען וועלכער דער דיוק אָוו וועלינגטאָן האָט צונויפגעבראַכט דעם לאָנדאָנער מיטעלקלאַס. אָבער די רע־וואָלוציאָנס־געפאַהר איז אַריבער. עס איז געוואַקסען אַ נייער דור פון אַרבייטער, וועלכע האָבען פון דאָס ערגסטע פון דער אַלטער אונטערדריקונג ניט געוואוסט, און וועלכע האָבען איינגעזויגען אין זיך די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פילאָזאָפיע פון די בירגער־ליכע רעפאָרמערס. בענטהאַם, ריקאַרדאָ און גראָט זיינען געלעזען געוואָרען בלויז פון אַ קליינער צאָהל; אָבער די טעטיגקייט פון אַזעלכע פּאָפּולערע בילדונג־פאַרשפּרייטער, ווי לאָרד בראָהאַם און טשאַרלס נייט, האָט פאַרשפּרייט „נוצליכע וויסענשאַפט" צווישען אַלע מיטגלידער פון די „מעכאַניקערס' אינסטיטוטען" און די לע־זערס פון דעם „פּעני מעגעזין". די בירגערליכע אידעען פון „פריי־ער אונטערנעהמונג" און „אומבאַשרענקטער קאָנקורענץ", וועל־כע זיינען אויף אַזאַ אופן ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפען געוואָרן, האָ־בען געקראָגען אַ גרויסען שטויס דורך דער אויסערגעוועהנליכער פּראָפּאַגאַנדאַ פון דער „אַנטי־קאָרן לאָאַ ליעג" און דעם אַלגעמיי־נעם פאָרטשריט פון „פריי־האַנדעל". פערגוס אָ'קאָננאָר און בראָנ־טערע אָ'ברייען האָבען אומזיסט געקעמפט געגען דעם וואַקסענדען איינפלוס פון קאָבדען און ברייט אַלס די פיהרערס פון דער מיינונג פון אַרבייטער־קלאַס. און אַזוי געפינען מיר אין די טרייד־יוניאָן פּראָטאָקאָלען פון 1847—48, אַז אַן ענערגישער ווידערשטאַנד האָט אָנגעהויבען געמאַכט ווערן קעגען יעדער באַוועגונג צו שטיצען די אַלטע אידעאַלען. די „סטים־אינדזשין מייקערס' סאָסייעטי" האָט סוספּענדירט איינינע פון איהרע צווייגען, דערפאַר וואָס זיי האָבען דעפּאָנירט זייערע פאָנדען אין פערגוס אָ'קאָננאָר'ס לאַנד־באַנק. ווען צוויי צווייגען פון דער „סטאָונמייסאָנס' סאָסייעטי" האָבען

פאַרגעשלאָגען צו דעפּאָנירן זייער געלט אין דערזועלבער באַנק, האָ־
בען די איבעריגע שטאַרק פּראָטעסטירט קעגען דעם, אלס א לעַ־
כערליכע פּאָליטישע ספּעקולאַציע. און מערקווירדיג איז, אז די
דאָזיגע פּראָטעסטען זיינען געקומען ניט פון די פאָרזיכטיגע על־
טערע מיטגלידער, וועמעס ענטוזיאזם האָט אריבערגעלעבט א סך
מפּלות, נאָר פון יענע וואָס האָבען קיינמאָל קיין חלק ניט געהאַט
אין דעם אַלטען גלויבען. ווען די „יאָרקשיירער וואָלסאָרטירערס"
האָבען אין 1848 פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל נעהמען א פערמע,
אויף וועלכער זייערע ארבייטסלאָזע זאָלען ארבייטען, זיינען עס
געוועזען די אינגערע מיטגלידער, ווי מען גיט אונז געגוי איבער,
וועלכע האָבען עקשנות'דיג אבער אומזיסט זיך געשטעלט קעגען
דעם פּלאַן, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָזט מיט א חורבן פאַר דער
געזעלשאַפט.

אַט דאָס אַליץ שטעלט צונויף דעם שלום פון דער „רעוואָלו־
ציאָנערער" פּעריאָדע פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג.
פאַר דעם נעקסטען פערטעל־יאָהרהונדערט וועלען מיר בייוואַיינען
די ענטוויקלונג פון די נייע אידעען און דעם שטופּענווייזען וואוקס
פון די גרויסע „אמאַלגאַמירטע" געזעלשאַפטען פון געלערנטע בעלי־
מלאכות, מיט זייער צענטראַליזירטער פאַרוואַלטונג, מיט זייער
געגענזייטיגער אונטערשטיצונג, און מיט דעם פאַרבייטען, וואו נאָר
מעגליך, די אינדוסטריעלע דיפּלאָמאַטיע אויף די גרעבערע מעטאָ־
דען פון קלאַסען־קריעג.

פערטער קאַפּיטעל.

דער נייער גייסט און דער נייער מאָדעל.

(1843—1860)

מיר האָבען געזעהן ווי די פּרעכטיגע האָפענונגען פון 1829—42 האָבען זיך געענדיגט מיט ביטערער ענטוישונג; איצט ווע̇לען מיר זעהן ווי די טרייד־יוניאָניסטען פון דעם נאָכפאָלגענדען דור זיינען מייסטענס געווען ערפאָלגרייך אין דערגרייכען זייערע פיעל באַשרענקטערע ציעלען. אוועקלעגענדיג אָן אַ זייט אַלע פּראָיעקטען פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, נעהמען זיי זיך מיט ענטשלאָסענקייט באַקעמפען די ערגסטע געזעצליכע און אינדוסטריעלע אונטערדריקונגען, פון וועלכע זיי ליידען, און לאַנגזאַם בויען זיי אויף פאַר דעם דאָזיגען צוועק אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געוואָרן ערגענצענדע טיילען אין דעם געבוי פון אַ מאָדערנעם אינדוסטריעלען שטאַאט. דעם דאָזיגען ערפאָלג שרייבען מיר צו הויפּטזעכליך צו דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג אונטער די מאַסען, און צו די מעהר־פּראַקטישע אָנזיכטען, וועלכע האָבען נאָך אין 1842 אָנגעהויבען באַאיינפלוסען די טרייד־יוניאָניסטישע וועלט. מיר טאָרן אָבער ניט אַריבערקוקען די ווירקונג פון די עקאָנאָמישע ענדערונגען. די פּעריאָדע צווישען 1825 און 1848 האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער אָפטקייט און שאַרפקייט פון איהרע קאָמערציעלע קריזיסען. פון 1850 אָן איז די אויסברייטונג פון קאָמערץ פאַר מעהרערע יאָהרן געווען גרעסער און באַשטענדיגער איידער אין וועלכער עס איז פריהערדיגער פּעריאָדע.* עס איז ניט קיין בלויזער צוזאַ־

* צווישען 1850 און 1874 (מיט דער אויסנאַהם, אפשר, פון דער צייט פון דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריעג) איז ניט פאָרגעקומען קיין

מענפאל, וואס גראד אין יענע יאהרן פון וואוילשטאנד האט די טרייד־יוניאניסטישע וועלט אנגענומען א „נייעם מאדעל“ פון אר־גאניזאציע, אונטער וועלכען די טרייד־יוניאנס באקומען א פינאנ־ציעלע קראפט, א געניטען שטאב פון באצאהלטע באאמטע און א באשטענדיגע מיטגלידערשאפט, פון וועלכע מען האט פריהער ניט געוואוסט.

די אויבערמאכט פון טשארטיזם איבער'ן טרייד־יוניאניזם, האט זיך געהאלטען אויף די שלעכטע צייטען פון 42—1837. אונ־טער דעם איינפלוס פון די שנעלע פארבעסערונגען און דעם פאר־העלטניסמעסיגען וואוילשטאנד וואס האט נאכגעפאלגט, איז די טשארטיסטישע אגיטאציע פארשוואונדען; און א קענטיגע אויפ־לעבונג אין טרייד־יוניאניזם איז פארגעקומען, ארום 1843, מיט די אויף־ס'ניי געגרינדעטע „טעפערס' יוניאן“ און אן אקטיווער „באַ־וועל־שפינערס' אסאציאציע“, און אין 1844 מיט דער אמאלגאמי־רונג פון די הויפטשטאדטיגע און פראווינציעלע שריפטזעצער גע־זעלשאפטען אין דער „נעשאנאל טיפאגראפיקאל סאסייעטי“. די מעכטיגע „יונייטעד פלינט גלעס מייקערס' סאסייעטי“ (רעארגא־ניזירט אין 1849 אלס די „פלינט גלעס מייקערס' פרענדלי סא־סייעטי אוו גרייט בריטיין ענד איירלאנד“) דאטירט אויך פון דעמזעלבען יאהר. עס זיינען אפגעהאלטען געווארן דעלעגאטען־פארזאמלונגען פון אנדערע פאכען; און נאציאנאלע ארגאניזאציעס פון שניידערס און שוסטערס זיינען געגרינדעט געווארן. א נא־ציאנאלע קאנפערענץ פון גארבערס האט אין 1845 געגרינדעט א פעדעראטיווע יוניאן פון אלע לאקאלע קלובען אין דעם פאך.

צוריקפאל אין דעם ווערט פון אונזער עקספארט־מסחר, וואס זאל זיין עהנליך צו די ערנסטע צוריקפאלען אין די יאהרען 1826, 1829, 1837, 1842 און 1848. מיר נעהמען זיך דא ניט אונטער צו געבען אן ערקלע־רונג פאר דער דאזיגער ערשיינונג, מיר מעגען אבער אויפמערקזאם מא־כען דעם לעזער אויף דער גלייכצייטיגער פארגרעסערונג פון דער גאלד־פראדוקציע, דעם איינפלוס פון פריי־האנדעל און אייזענבאהנען אין, ווי די בי־מעטאליסטען (די אנהענגער פון א צווייפאכען געלט־סיסטעם — גאלד און זילבער — איב.) וואלטען אונז געזאגט, די אראנזשירונגען פון די קורסען, וועלכע זיינען געבראכט געווארן צו אן ענד אין 1873.

אָבער די וויכטיגסטע פון די נייע קערפּערשאַפטען איז געווען די „מיינערס' אַסאָסיאיישאָן אָוו גרייט בריטיין ענד אײרלאַנד", געגרינדעט אין וויקפיעלד, אין 1841. ביז צו דער צייט זיינען די מינענאַרבייטער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פּאַקטישער קנעכטשאַפט, דורך דעם טרוק־סיסטעם און דורך דעם מנהג צו פאַרדינגען זיך אויפ'ן יאָהר, ניט אַוועק ווייטער פון צייט־ווייליגע סטרייק־אָרגאַניזאַציעס. איצט זיינען אויסגעוואַקסען שטאַרקע באַצירק־יוניאָנס אין נאָרטהומבערלאַנד און דורהעם פון איין זייט, און אין לאַנקאַשייר און יאָרקשייר פון דער צווייטער זייט; און די נייע קערפּערשאַפט איז געשאַפען געוואָרן דורך זייער פעדערירונג. אונטער דער פיהרערשאַפט פון מאַרטין דזשוד, האָט די אַסאָציאַציע ענטוויקעלט אַן אויסערגעוועהנליכע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיגקייט, אָנהאַלטענדיג אין איין צייט ניט ווייניגער ווי דריי־און־פופציג באַצאָהלטע פּראָפּאַגאַנדיסטען, וועלכע האָבען באַזוכט יעדע קויהלענגרוב אין דער מלוכה. די דעלעגאַטען פאַרזאַמלונגען פון 1844 האָבען גאָר גיך גענומען פאַרטרעטען מיט זיך אַלע מינען־דיסטריקטען פון גרויס בריטאַניע; און די צאָהל פון דער מיטגלידערשאַפט, זאָגט מען, האָט דערגרייכט ווייניגסטענס ביז 100,000.

אַ וויכטיגער שטריך פון דער דאָזיגער טרייד־יוניאָניסטישער ווידער־אויפלעבונג איז געווען אַ האַרטנעקיגער ווידערשטאַנד צו געזעצליכער אונטערדריקונג. הגם די מעהר סענסאַציאָנעלע פאַרפאָלגונגען פון טרייד־יוניאָן פיהרער האָבען אויפגעהערט מיט דעם אויפגעבען די אומגעזעצליכע שבועות, איז נאָך אַלץ אין פאַרשיידענע טיילען פון דער מלוכה פאָרגעקומען אַן אומאויפהערליכע פאַרפאָלגונג פון די געוועהנליכע מיטגלידער, דורך דער ריכטערשער אויסטייטשונג פון דעם געזעץ בנוגע צו מייסטער און דיענער. איבערהויפּט זיינען די מינענאַרבייטער געשטערט געוואָרן דורך די לאַנגע טערמינען, אין דער צייט פון וועלכע זיי זיינען געצוואונגען געווען צו אַרבייטען, ווען מען האָט זיי געדאַרפט, אָבער זיי זיינען ניט געווען פאַרזיכערט מיט באַשעפטיגונג. זייענדיג ניט באַהאַוועט אין די געזעצליכע דריידלעך, און ניט האָבענדיג נאָך קיין ערפאַהרענעם קלאַס טרייד־יוניאָן סעקרעטערן, זיינען זיי

געוועזן די קרבנות פון הונדערטער וואָרט־שפּיעלערייען און טעכנישע אויסדרוקען. די „נאָרטהומבערלאַנד ענד דורהעם מיינערס' יוניאָן“ האָט זיך געראַנגעלט מיט דער שווערקייט אויף אַ גאַנץ פּראַקטישען אופן. זיי האָבען אָנגעשטעלט וו. פּ. ראָבערטס,* אַ פעהיגער און ענערגישער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט די אַרבייטער, צו פיהרן פאַר זיי אַלע פּראָצעסען אין די לאָקאַלע געריכטען. אין 1844 האָט די „מיינערס' אַסאָציאַציע פון גרויס בריטאַניע און אירלאַנד“ נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיגען אויסגעצייכנעטן ביישפּיעל פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס מיט דעם אָנשטעלען ראָבערטס'ן אַלס זייער שטענדיגען געזעצליכען ראַטגעבער, מיט אַ געהאַלט פון £1,000 אַ יאָהר. דער „גענעראַל־פּראָקוראָר פון די מינענאַרבייטער“, ווי מען האָט איהם גערופען, האָט אַרויסגעוויזען אַן אומערמידליכע טעטיגקייט אין דער פאַרטיידיגונג פון זיינע קליענטען, און ער איז אין גיכען געוואָרן דער אַד־

* וויליאַם פּראָוטינג ראָבערטס, דער אינגסטער זוהן פון רעװ. טהאָמאַס ראָבערטס, פון טשעלמספאָרד, איז געבאָרן געוואָרן אין 1806, און איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט אין מאַנטשעסטער. ער איז געוועזן אַן ענטוזיאַסטישער טשאַרטיסט און אַ פריינד פון פערגוס אָ'קאָננאָר, פאַר וועמעס לאַנד־באַנק ער האָט געדינט אַלס געזעצליכער בעל־יועץ. פון 1843 און ווייטער ערשיינט זיין נאָמען אין כמעט אַלע געזעצליכע עסקים פון די טרייד יוניאָנס. דער צוזאַמענברוך אין 1848 האָט מעהר אָדער ווייניגער געשעדיגט זיין רעפּוטאַציע, אָבער פאַר אַ לאַנגער צייט פלעגט מען איהם נאָך אַלץ גאַנץ אָפט אָנשטעלען אַלס פאַרטיידיגער. אין 1867 האָט ער אָרגאַניזירט די פאַרטיידיגונג פון אַללען, לאַרקינג און אָ'בריען, די אירישע „מאַנטשעסטער מאַרטירער“, וועלכע זיינען גע־געהאַנגען געוואָרן פאַר ארויסראַטעווען פיניער געפאַנגענע און דער ערמאָרדונג פון אַ פּאָליציסט. אין שפּעטערע יאָהרן האָט זיך ראָבערטס צוריקגעצויגען פון אַקטיווען לעבען און האָט זיך באַזעצט אויפ'ן לאַנד, אין דער נאַכבאַרשאַפט פון אָ'קאָננאָרוויל“, לעבען ריקמאַנסוואָרט, וואו עס האָט זיך געפונען איינע פון אָ'קאָננאָר'ס קאָלאָניעס. ער איז דאָרטען געשטאָרבען דעם 7טען סעפּטעמבער, 1871. אַ בראָשורע וועגען דעם „טרייד־יוניאָן געזעץ־פּראָיעקט פון 1871“, (לאָנדאָן, 1871) איז די איינציגע שריפט זיינע וואָס מיר האָבען געפונען. עס שיינט אָבער, אַז ער האָט אויך רעדאַקטירט אַ באַריכט פון דעם אינזשינירן־פּראָצעס אין 1847 און אַנדערע געזעץ־פּראָצעסען.

וואָקאַט פון אַלע טרייד־יוניאָן פּראָצעסען. די ריכטער איבער׳ן גאַנצען לאַנד האָבען צום ערשטען מאָל פאַר זיך געהאַט אַ האַרט־נעקיגען געזעץ־עקספּערט, וועלכער, הגם ער איז געווען אַ סך אויפ־ריכטיגער ווי די פון די בעלי־בתים, האָט זיך פונדעסטוועגען ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך און באַנוצען זיך מיט יעדען בוכשטאַב פון געזעץ.

אין אַ בריעף, וואָס ער האָט געשריבען צו דער „פלינט גלעס מייקערס׳ פּרענדלי סאָסייעטי" אין 1851, גיט ראָבערטס אַליין אַ לעבהאַפטען בילד פון די שווערקייטען, געגען וועלכע די יוניאָנס האָבען געהאַט צו קעמפען. נאָכדעם ווי ער ערקלעהרט דעם געזעץ, ווי ער פאַרשטעהט איהם, זאָגט ער פאָלגענדעס: „אָבער עס איז אומגעהייער שווער צו פועל׳ן ביי יענע פון אייער געגנערישען קלאַס זיי זאָלען אָננעהמען דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט. איך זאָג דאָס ניט סאַרקאַסטיש, נאָר אַלס פאַקט, וואָס איך האָב געלערנט פון אַ לאַנגער באָאָבאַכטונג און ערפאַהרונג. עס זיינען טאָקע דאָ מענשען אויפ׳ן ריכטער־שטוהל, וועלכע זיינען עהרליך גענוג און ווילען טאָן זייער פליכט. אָבער אַלע זייערע טענדענצען און אומ־שטאַנדען זיינען געגען אייך. זיי הערן אויס אייערע געגנער ניט נאָר אָפּט, נאָר מיט פאַרגעניגען — דעריבער זיינען זיי מעהר באַ־קאַנט מיט דעם צד וואָס איז געגען אייך איידער מיט דעם וואָס איז פאַר אייך. צו אייך הערן זיי זיך צו — אָבער דאָס ווערט שוין געטאָן אין דעם גייסט וואָס מען זאָגט צום אָנגעקלאָגטען: „איהר זייט בארעכטיגט צו מאַכען יעדע ערקלערונג וואָס איהר געפינט פאַר נויטיג, און דאָס געריכט איז מחויב אייך אויסצו־הערן; אָבער געדענקט, וואָס איהר זאָגט" א. אז. וו. אין דעם ערשטען פאַל באַמערקט איהר דעם האַרציגען שמייכעל פון פריינד־שאַפט; אין דעם צווייטען — אַ שפּאָטיגען חוזק, הגם אָפטמאָל מיט אַ מין צעשראָקענער ליעבליכקייט אין דעם. דערצו קומט דאָס באַוואוסטזיין פון אייער איבערוועלטיגענדער מאַכט, בעת איהר זייט פאַראייניגט, און דאָס רופט נאַטירליך ארויס אַן עהנ־ליכען וואונש צו שטעלען זיך געגען אייך אום יעדען פּרייז. און עס זיינען פאַראַן הונדערטער אַנדערע אויסרעכענונגען, וואָס וויר־

קען אויף דעמזעלבען אופן — באַגעגענישען, פּאָליטישע באַציהונ־גען, שדוכים, האָפּענונגען אויף ירושות און אַזוי ווייטער. איך זאָג ניט, אַז אַלע וואָס זיצען אויפ׳ן ריכטער־שטוהל ווערן אַזוי באַ־איינפלוסט, און אויך ניט אויף דעמזעלבען גראַד; אָבער אונטער די בעסטע אומשטאַנדען איז דאָס זיכער אַ שווערער באַרג־אַרויף צו קעמפען אין געריכט פאַר אַן ארבייטער אין אַ פאַל, וואו עס איז נאָר דאָ וועלכער עס איז צווייפעל קעגען איהם. עס איז מיר נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו באַגעגנען אַ ריכטער, וועלכער זאָל דענקען, אַז אַן אָפּמאַך צווישען בעלי־בתים ניט צו באַשעפטיגען וועלכען עס איז „חברה־מאַן וואָס טוט אַן צרות“ איז אַן אומגע־זעצליכער אַקט; זאָל אָבער זיין דער פאַל פאַרקעהרט, און עס ווערט באַלד דערפון אַ שרעקליכע קאָנספּיראַציע, וועלכע מוז אונ־טערדריקט ווערן פון דער שטאַרקער האַנט פון געזעץ, א. אז. וו.

.... בעת איך האָב פאַרטיידיגט די קויהלענגרעבערס׳ יוניאָן אין צפון, האָבען מיר געקעמפט געגען יעדען אינדיווידועלען אונטער־דריקונגס־אַקט, אפילו אין פאַלען וואָס מיר זיינען זיכער געווען צו פאַרליר׳ן; און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין אַ קורצער צייט איז ניט געווען קיין אונטערדריקונג צו באַקעמפען. וואָרים עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז דער סאָרט אונטערדריקונג פון וועלכען מיר ריידען — וואָס איז נאָך אַלעמען ניט מעהר ווי אַן איידעלערע און פייגערע פאָרם פון גנבה — ווערט פאַרשוואונדען אַזוי גיך ווי מען שטעלט זיך פעסט און ענטשלאָסען אַנטקעגען דעם. אין צפון וואָלטען מיר דעם דאָזיגען פּראָצעס געפיהרט צו־ערשט אין באַצירקס־געריכט, דאַן אין דעם העכערן געריכט, און נאָכדעם אפשר אין העכסטען „קעניגינ׳ס געריכט“.*

---

* „פלינט גלעס מייקערס׳ מעגעזין“, אָקטאָבער, 1851. אין די יאָהרן 1847—48 זיינען פאָרגעקומען אַ סך אויסערגעוועהנליכע נקמה׳דיגע פאַרפאָלגונגען פון טרייד־יוניאָניסטען. אַחוץ דעם פּראָצעס פון די אינזשינירן, צו וועלכע מיר וועלען זיך נאָך אומקעהרן, זיי־נען 21 לאָנדאָנער שטיינמויערערס, אין 1848, אָנגעקלאָגט געוואָרן אין קאָנספּיראַציע, אָבער נאָכדעם ווי זייער פּראָצעס איז כסדר אָפּגעלעגט געוואָרן, האָט דער אַרבייטסגעבער אָנקלאָגער אויפגעהערט צו פּרעסען

אײן רעזולטאַט פון ראָבערטס׳ ערפאָלגרייכער פאַרטיידיגונג קאָן מען אפשר זעהן דערפון, וואָס אין דער פּאַרלאַמענט־סעיע פון 1844 איז אַרייגעטראָגען געוואָרען אַ געזעצפּראָיעקט „צו פאַרגרעסערן די מאַכט פון די ריכטער צו ענטשיידען סכסוכים צווישען בעלי־בתים, דיענער און בעלי־מלאכות“. דער פאָרגעשלאָגענער געזעץ האָט ניט נאָר געגעבען די פרידענס־ריכטער די מאַכט ארויסצוגעבען באַפעהלען צו אַרעסטירן יעדען אַרבייטער אויף אַ קלאַגע פון זיין בעל־הבית, נאָר „יעדע שלעכטע אויפפיהרונג פון אַ דיענער אָדער אַן אַרבייטער“ האָט געקאָנט באַשטראָפט ווערן מיט צוויי חדשים געפענגניש פון אַן איינציגען ריכטער. עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ ברייטע אויסטייטשונג אַ סך פריי־

די קלאַגע. די שעפיעלדער בריטוווע־שלייפער זיינען געשטאַנען אין אַ פיעל גרעסערער געפאַהר. דזשאָהן דרורי און דריי אַנדערע מיטגלידער פון זייער אָרגאַניזאַציע, זיינען געמשפּט און פאַראורטיילט געוואָרען צו צעהן יאָהר פאַרשיקונג, אויף דער קלאַגע פון דער „שעפיעלד מאַנופעקטשורערס׳ אַסאָסיאיישאָן“, אויף דער איינפאַכער באַשולדיגונג פון צוויי אַרעסטאַנטען אויסוואורפען, אַז די אָנגעקלאָגטע האַבען זיי אויפגעהעצט צו פאַרניכטען מאַשינען. אָט די שרעקליכע אומגערעכטיגקייט האָט אַרויסגערופען די גרעסטע אויפרעגונג. פראָטעסט־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרן פון דער „נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע פון פאַראייניגטע טריידס“. דער באַשולדיגונגס־אַקט איז אויף אַ טעכנישען גרונד צוריקגעוויזען געוואָרן, מען האָט אָבער באַלד צוגעגרייט אַ נייע קלאַגע קעגען די אָנגעקלאָגטע. די לאָקאַלע געפיהלען זיינען אָבער געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז נאָכדעם ווי די קלאַגע איז געהאַנגען איבער זייערע קעפּ אַ יאָהר צייט, זיינען זיי באַפרייט געוואָרן אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט (דעם 12טען יולי, 1849). אַ שעפיעלדער טרייד־יוניאָניסט האָט ערקלערט, אַז „די טיראַניי פון די אַרבייטסגעבער איז געוועזען אַזוי גרויס“ ביים אומוואַרפען דעם אורטייל פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, „אַז די אַרבייטער האָבען זיך באַקלאָגט פאַר דער רעגירונג. סער דזשאָרדזש גרעי האָט געגעבען אַ באַפעהל צו מאַכען אַן אונטערזוכונג. ... צוואַנציג פאַלען פון אַרבייטער וואָס זיינען פון די ריכטער פאַראורטיילט געוואָרן זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרן פאַר אַן אונטערזוכונגס קאָמיטעט, פון וועלכע זיבעצעהן זיינען צוריקגעוויזען געוואָרן“ (שטיינמויערערס׳ „פאָרטנייטלי סירקולאַר“, נאָוועמבער 23, 1848).

דענס־ריכטער וואָלטען געגעבען דער דאָזיגער אומקלאָרער פראַזע; און ראָבערטס האָט טאַקע ניט פארפעהלט אָנצואווייזען אויף דער געפאהר פאַר זיינע קליענטען. אויף זיין אויפפאָדערונג האָט די דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון די קויהלענגרעבער אין שעפּיעלד אָנ־געהויבען אַ לעבהאַפטע אגיטאַציע געגען דעם פראָיעקט, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט דורכגעגליטשט דורך דער צווייטער פאָרלעזונג אין דעם קאָמיטעט, ניט שטימענדיג די פונקטען באַזונדער. די טעפּערס' יוניאָן האָט די זאַך אויפגענומען מיט ספּעציעלער ענער־גיע און האָט געזאַמעלט אונטערשריפטען אויף פּעטיציעס געגען דעם פּראָיעקט אין די מיטענלענדישע געגענדען. אַ פריינדליכער פּאַרלאַמענט־מיטגליד, טאָמאַס סלינגסבי דונקאָמב, האָט גע־שטערט זיין וויטערדיגען פּראָגרעס און האָט אויסגעפיהרט, אַז מען זאָל איהם אָפּלעגען ביז נאָך דעם אָסטער־יום־טוב. דערוויל איז דער פּאַרלאַמענט פארפלייצט געוואָרן מיט פּעטיציעס, וועלכע, ווי מען זאָגט, האָבען זיך געצעהלט ביז צוויי הונדערט און האָבען רעפּרעזענטירט צוויי מיליאָן אַרבייטער. ווען דער פּראָיעקט איז נאָכאַמאָל פאָרגעבראַכט געוואָרן, זיינען אַלע ראַדי־קאַלען און די „יונג ענגלאַנד" קאָנסערוואַטיווען אַרויסגעטראָטען געגען איהם. עס האָט ניט געהאָלפען דער פּראָטעסט פון סער דזשיימס גרעהעם, אַז די רעגירונג איז נאָר אויסען צו באַפעסטיגען דעם געזעץ וואָס איז שוין אין קראַפט, און ער האָט צונויפגעבראַכט אין די קולואַרן אַלע זיינע קאָלעגען וואָס זיינען אַנוועזענד געווען, שוין אַריינגערעכענט מר. גלאַדסטאָן. די פאַראייניגונג פון דונ־קאָמב, וועיקלי, היום און פאַראַנד אויף דער אַנדער זייט, מיט אַזעלכע קאָנסערוואַטאָרן, ווי לאָרד דזשאָהן מאַננערס, און אייניגע אויפגעקלעהרטע ליבעראַלען ווי ס. פּ. וויליערס האָבען ענטשיי־דען דעם גורל פון דעם דאָזיגען פאַרזוך מצד די אַרבייטסגעבער צו פאַרשאַרפען די טעמפּ געוואָרענע וואָפען פון געזעץ קעגען די פאַרהאַסטע טרייד יוניאָנס.

די מינענאַרבייטער האָבען געהאַט וועניגער ערפאָלג אין זיי־ערע סטרייקס, ווי אין זייערע געזעצליכע און פּאָליטישע עסקים. זייער נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ אין 1844 אין גלאַזגאָו, אין וועלכער

עס זיינען געווען פאַרטראָטען 70,000 אַרבייטער, האָט געשטימט, מיט 28,042 געגען 23,357, פאַר אַ סטרייק געגען זייערע קריוודעס און די קריוודעס פון די אַן ערך 30,000 אַרבייטער אין נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם, וועלכע האָבען געפיהרט אַ לאַנגען קאַמף פאַר בעסערע אַרביטס־באַדינגונגען און לוין קענגען לאָרד לאָנדאָנדערי און אַנדערע בעלי־בתים, וועגען וועלכען מיר האָבען שוין פריהער גערעדט. נאָך אַ פאַרביטערטען קאַמף פון לאַנגע חדשים האָט זיך דער סטרייק געענדיגט מיט אַ שוידערליכען דורכ־פאַל; און די גרויסע אָרגאַניזאַציע פון די מיינערס, וועלכע האָט פאַרנומען אַזאַ אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין „נאָרטהערן סטאַר“ אין די יאָהרען 1844 און 1845, הויבט אָן שטופּענווייז צו פאַרשווינדען פון די שפּאַלטען פון דער צייטונג, און אַרום 1848 הערט זי אויף אינגאַנצען צו עקזיסטירען.

אָבער דער העכסטער פּונקט אין דער דאָזיגער אויפלעבונג פון טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט איז געווען די גרינדונג, אין אָסטער פון 1845, פון דער „נאַציאָנאַלער אַסאָסיאַציע פון פאַראיי־ניגטע טריידס פאַר דעם שוץ פון אַרבייט“, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויפגעלעבט און פאַראייניגט אין זיך געוויסע אידעען פון אָווען און דאָהערטי׳ן. די אַסאָסיאַציע איז אויסדריקליך געווען באַ־גרינדעט, ווי איהרע תקנות דערצעהלען אונז, „אויף צוויי גרויסע פאַקטען: ערשטענס, אַז די אַרבייטענדע קלאַסען קריגען ניט קיין יושר׳דיגען לוין פאַר אַן עהרליכען טאָג אַרבייט; און צווייטענס, אַז אין די פאַרגאַנגענע יאָהרען זיינען זייערע אָנשטרענגונגען דאָס צו באַקומען, מיט ווייניג אויסנאַהמען, געווען ניט־ערפאָלגרייך. די הויפּט אורזאַכען פאַר דעם דאָזיגען צושטאַנד קאָן מען געפינען אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון די פאַרשיידענע אַרבייטער סעקציעס און אין דעם וואָס עס פעהלט זיי אַן אַלגעמיין אָנערקענטע און אָנגענומענע אויטאָריטעט פון די טריידס גופא“. אין געגענזאַץ צו דער אָוועניסטישער באַוועגונג פון 1833—34, האָט זיך אָבער די „נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פון די פאַראייניגטע טריידס“ פון אָנ־הויב אָן אויסגעצייכענט מיט דער מעסיגקייט פון איהרע ציעלען און דער פאָרזיכטיגקייט פון איהר פאַרוואַלטונג — אייגענשאַפטען,

צו וועלכע מיר מעגען צושרייבען איהר פאַרהעלטניסמעסיג לאַנגע עקזיסטענץ פאַר פופצעהן יאָהר. קיין פאַרזוך איז ניט געמאַכט געוואָרן צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון עקזיסטירנדע אָרגאַניזאַציעס אין באַזונדערע פאַכען דורך אַן „אַלגעמיינער טריידס יוניאָן". „די איינגעגאַרטיגע לאָקאַלע, אינערליכע און טעכנישע אומשטאַנדען פון יעדען פאַך", זאָגען די תקנות, „מאַכען עס פאַר נויטיג, אַז צוליעב די צוועקען פון קאָמפּעטענטער אינערליכער פאַרוואַלטונג זאָלען זייערע געשעפטען פאַרוואַלטעט ווערן פון מענשען, וועלכע האָבען אַ פּראַקטישען באַגריף וועגען דעם. צוליעב דעם דאָזיגען גרונט ווערט עס ניט באַאַבזיכטיגט צו מישען זיך אין דער אָרגאַניזאַציע פון די עקזיסטירנדע טרייד יוניאָנס". נאָך מעהר, די גרינדער האָבען קענטיג געוואָלט, אַז די אַסאָציאַציע זאָל ווערן מעהר אַ פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט איידער אַ פעדעראַציע פאַר טרייד צוועקען. איהר אויפגאַבע און פליכט, איז ערקלעהרט געוואָרן, וועט זיין „צו שיצען די אינטערעסען און העלפען דעם וואוילזיין פון די פאַראייניגטע פאַכען", דורך פאַרמיטלען, אויסגלייכען און גזעצליכע פאַרהאַנדלונגען, און דורך העלפען „אַלע מאָסרעגעלען, פּאָליטשע, סאָציאַלע און אויפקלערנדע, וואָס באַצוועקען צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבייטענדע קלאַסען".*

דער דאָזיגער נייער פאַרזוך צו גרינדען אַ נאַציאָנאַלע פעדעראַציע, איז אַרויסגעקומען פון אַ פאָרשלאַג פון די „פאַראייניגטע פאַכען" פון שעפיעלד, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין אַ גוט אָנגעשריבענעם בריעף צו דונקאָמב'ן** פון זייער סעקרעטער

---

* „רולס ענד רעגוליישאָנס אָוו דהי אַסאָסיאיישאָן אָוו יונייטעד טריידס פאָר דהי פּראָטעקשאָן אָוו אינדוסטרי", (לאָנדאָן, אוגוסט 2, 1845). אַזוי ווייט ווי מיר ווייסען, איז בלויז פאַרבליבען איין קאָפּיע פון די דאָזיגע תקנות, אָבער פולע איינצעלהייטען וועגען דער גרינדונג און דער טעטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע קאָן מען געפינען אין דעם „נאָרטהערן סטאַר", וועלכען זי האָט אַ געוויסע צייט באַנוצט אַלס איהר אָפיציעלען אָרגאַן.

** טאָמאַס סלינגסבי דונקאָמב איז געווען דער אַריסטאָקראַטישער דעמאַגאָג פון יענער פּעריאָדע. אַ געבילדעטער וועלט-מענש, מיט די

דזשאָהן דרורי. דונקאָמב איז געוואָרן גוט באַקאַנט ביי די טרייד־
יוניאָניסטען, ניט נאָר דורך זיין פריינדשאַפט מיט פערגוס אָ'קאָנ־
נאָר און מיט זיין אויסגעשפּראָכענעם שטיצען דעם טשאַרטיזם אין
פּאַרלאַמענט, נאָר אויך דורך זיין ערפאָלגרייכער אָבסטרוקציע און
באַזיעגען דעם „מייסטער ענד סערוואַנט ביל“ פון דער פריהער־
דיגער סעסיע. ווי עס ווייזט אויס האָט ער דרורי'ס פאָרשלאַג
פאָרגעלעגט פאַר די פיהרער פון די לאָנדאָנער טרייד יוניאָנס,
וועלכע האָבען איינגעשטימט צו פאָרמירן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל
אויסאַרבייטען אַ באַריכט וועגען דעם פּלאַן און פאַררופען אַ קאָנ־
פערענץ פון טרייד־יוניאָן דעלעגאַטען פון אַלע טיילען פון לאַנד.
אין אָסטער פון 1845 זיינען זיך אין לאָנדאָן צונויפגעקומען 110 דע־
לעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען ניט נאָר די לאָנדאָנער פאַ־
כען, נאָר אויך די מינען־ און טעקסטיל־אַרבייטער פון לאַנקאַשייר,
די שטרומף־ און וואָלענס־אַרבייטער פון יאָרקשייר און מיטענ־
לאַנד, ווי אויך די „פאַראייניגטע טריידס“ פון מאַנטשעסטער,
שעפיעלד, נאָרוויטש, הול, בריסטאָל, ראָטשדייל און יאַרמוט.

דער דערווייליגער באַריכט, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו
דער קאָנפערענץ פון דעם לאָנדאָנער קאָמיטעט פון טרייד דעלע־
גאַטען, איז פאַקטיש געווען דער ערשטער אויסדרוק פון יענעם
גייסט פון פאָרזיכטיגער שטאַאַטסמאַנשאַפט, אויב ער איז אפילו
געווען עטוואָס באַגרעניצט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די טרייד־
יוניאָניסטישע פיהרער פון די קומענדע דרייסיג יאָהר.* דער קאָ־

זיטען פון אַ פראַנט, האָט ער זיך פונדעסטוועגען אָפּגעגעבען מיט
מערקווירדיגען פלייס, ניט נאָר מיט די פּאַרלאַמענטאַרישע עסקים פון
די טשאַרטיסטען און די טרייד־יוניאָניסטען, נאָר אויך מיט די טרו־
קענע פרטים פון קאָמיטעט אַרבייטען פון דער אַסאָציאַציע, פון וועל־
כער ער איז געוואָרן דער פּרעזידענט. די „ביאָגראַפיע און קאָרעס־
פּאָנדענץ“ פון דונקאָמב, וואָס זיין זוהן האָט אַרויסגעגעבען אין 1868,
שילדערט איהם כמעט אויסשליסליך אַלס אַ וועלטליכען מאָדע־מענש און
פּאָליטיקער אין פּאַרלאַמענט, און איגנאָרירט אינגאַנצען זיין וויכטיגע
אַרבייט פאַר'ן טרייד־יוניאָניזם אין די יאָהרן 1845—48.

* אין דעם דאָזיגען דאָקומענט קאָנען מיר אפשר דערקענען די
האַנט פון ט. דזש. דאָנבינג, איינער פון די פעהיגסטע טרייד־יוניאָ־
ניסטען פון זיין צייט. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1799, איז געוואָרן

מיטעט, בעת ער האט רעקאמענדירט די באלדיגע גרינדונג פון א נאציאנאלער ארגאניזאציע „צו קעמפען פאר די רעכט פון ארבייט" און „צו שטעלען זיך געגען דער טיראניי פון יעדער געזעצגעבונג צו אונטערדריקען פאך־געזעלשאפטען אדער פון א כאראקטער וואס איז עהנליך צו דעם „מייסטער און דיענער פראיעקט" פון דער לעצטער סעסיע, איז געווען שטארק איבערצייגט פון דער וויכטיגקייט, און די ניצליכע טענדענץ וואס קאן ארויסקומען, פון א גוטער פארשטענדיגונג צווישען די בעלי־בתים און די ארבייטער; איינזעהענדיג אז זייערע אינטערעסען זיינען געגענזייטיגע, און אז איינער קאן ניט שעדיגען דעם צווייטען, ניט ברענגענדיג שאדען צו זיך גופא. זיי וואלטען דעריבער געראטען, אז איינע פון די הויפט אויפגאבען פון דער קאנפערענץ זאל זיין, צו ענט־

סעקרעטער פון דער „קאנסאלידייטעד סאסייעטי אוו בוקביינדערס" אין 1843. אין 1845 האט ער זיך אנגעשלאסען אן דער „נעשאנאל אסאסיאיישאן אוו יונייטעד טריידס", אבער אין עטליכע יאהר ארום האט ער די דאזיגע קערפערשאפט פארלאזען. דער „בוקביינדערס' סירקולאר", וועלכען ער האט אנגעהויבען ארויסגעבען אין 1850, איז כמעט פון איהם אליין אויסגעפילט געווארן אזוי לאנג ווי ער האט געלעבט, און ער האט דארטען געדרוקט א סך גוט־דורכגעטראכטע ארטיקלען וועגען טרייד־יוניאן ענינים. אין 1858 האט זיך דאנבינג אנגעשלאסען אן דעם באריהמען „קאמיטעט צו אונטערזוכען טרייד סאסייעטיס", וועלכער איז באשטימט געווארן פון דער געזעלשאפט פאר סאציאלע וויסענשאפטען. ער האט אנגעשריבען די געשיכטע פון זיין אייגענער געזעלשאפט פאר דעם באריכט, און האט זיך אפט באטייליגט אין די שפעטערדיגע יעהרליכע קאנגרעסען. זיין וויכטיגסטע ליטערארישע שאפונג איז די אפהאנדלונג אונטער דעם נאמען „טרייד יוניאנס ענד סטרייקס; דהעיר פילאסאפי ענד אינטענשאן", (לאנדאן, 1860, 50 ז.), וואס ער האט אנגעשריבען צו געווינען דעם פרייז וואס זיין יוניאן האט אנגעבאטען פאר דער בעסטער פארטיידיגונג פון ארבייטער־ארגאניזאציעס. די דאזיגע אפהאנדלונג, וועלכע קיין פארלעגער האט ניט געוואלט אויפנעהמען, און וועלכע איז געדרוקט געווארן אויף די הוצאות פון זיין געזעלשאפט, בלייבט אפשר די בעסטע פארטיידיגונג פון טרייד־יוניאניזם, וואס איז ווען עס איז געשאפען געווארן פון אן ארבייטער. ער איז געשטארבען אין מיטען פון זיין טעטיגקייט, דעם 23טען דעצעמבער, 1873.

וויקלען אַ גוטע פאַרשטענדעניש מיט דעם אַרבייטסגעבער און דורך דעם באַזייטיגען יענע פאָראורטיילען, וועלכע עקזיסטירן קע־גען פאַך־פאַראייניגונגען, דורך אַרויסווייזען ביי אַלע געלעגענהיי־טען, אַז דער איינציגער צוועק פון אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס איז צו שטעלען זיך אין אַ גלייכער לאַגע, אַלס די פאַרקויפער פון זיי־ער אַרבייט, מיט יענע וואָס קויפען עס; צו פאַרזיכערן זיך אַז מען זאָל זיי ניט שעדיגען, אָבער באין אופן ניט צו שעדיגען אַנ־דערע. הגם דעם קאָמיטעט וואָלט זיך זעהר געוואָלט, אַז אַט די דאָזיגע געווינשטע און וויכטיגע אָרגאַניזאַציע זאָל דורכגעפיהרט ווערט אויף דעם העכסט מעגליכען אופן, פיהלט ער אָבער, אַז מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט דער אויסאַרבייטונג פון די תקנות און רעגולאַציעס, כדי אַז די איבלען, וועלכע האָבען עקזיסטירט און האָבען לסוף געפיהרט צו דער פאַרניכטונג פון דער „קאָנסאָ־לידייטעד יוניאָן“ פון 1833, זאָלען פאָרזיכטיג אויסגעמיטען ווערן. דער קאָמיטעט געפינט פאַר נויטיג צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַכען, וועלכע זיינען פאַרהעלטניסמעסיג אומאָרגאַניזירט, און אין וועלכע די אַרבייטער אַרבייטען פאַר פאַרשיידענע לוין־ראַטעס, ווי שטאַרק נויטיג עס איז, אַז די יעניגע וועלכע קריגען דעם העכסטען לוין זאָלען אָנשטרענגען אַלע זייערע כחות צו קריגען אויך פאַר זייערע ברידער־אַרבייטער אַ יושר'דיגע באַ־לוינונג פאַר זייער אַרבייט; און אַז אַלע עקזיסטירנדע פאַך־געזעלשאַפטען זאָלען אויף אַלע אופנים ערמוטיגען זייערע אומ־אָרגאַניזירטע ברידער אָנצושליסען זיך אָן זיי, כדי זיי זאָלען זיין ביכולת בעסער צו קעמפען מיט פאַראייניגטע כחות קעגען אונ־טערדריקונג; און דאָס וועט פיהרן דערצו, אַז אין יעדער פאַך זאָל עקזיסטירן אַ גוט־רעגולירטע געזעלשאַפט, וואָס זאָל באַשיצען זייערע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען... און, צום סוף, וואָלט דער קאָמיטעט ערנסט רעקאָמענדירט דער דאָזיגער קאָנפערעץ, אַז כדי די דאָזיגע וויכטיגע פונקטען זאָלען קאָנען רוהיג באַטראַכט און דיסקוטירט ווערן, זאָל מען ניט אַריינברענגען און שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו קיין פאָרשלאַג פון אַ פאָליטישען כאַראַק־טער, אויסער די וואָס זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן; וויל זיי:

זיינען איבערצייגט, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר דערגרייכען אונזערע געווינשטע ציעלען. מיר דאַרפען אויך געדענקען, אַז די בעסטע אינטערעסען פון אַלע באַטייליגטע פּאַרטיען, אַז מיר זאָלען באַטראַכטען און ערלעדיגען יעדער פראַגע באַזונדער; און נאָך מעהר, אַז מען דאַרף האַלטען פאַך־ענינים און פּאָליטיק אַזוי אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט, ווי די אומשטאַנדען וועלען עס באַרעכטיגען".*

די פּראָטאָקאָלען פון דער קאָנפערענץ ווייזען, אַז דאָס ביי־טען דעם פראָנט מצד די טרייד־יוניאָן פיהרער, האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער האַלטונג פון די מאַסאָווע מיטגלידער. דעם איבערגעבליבענעם איינפלוס פון דעם אָווענייזם קאָן מען מערקען אין דער אָפּטער אויפלעבונג פון דער אידעע וועגען קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע, אין דעם וואונש צו גרינדען אַגריקולטורעלע געמיינדעס און אין דעם פּלאַן פאַר אַ געזעצליכער פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט. אָבער פון דער אַגרעסיווער טאַקטיק און די אַמביציעזע ציעלען פון 1830—34, איז כמעט קיין שפּור ניט געבליבען. סטרייקס זיינען אויסגעמיטען געוואָרן, און די אידעע פון אַן אַלגעמיינער אָפּשטעלונג פון דער אַרבייט איז אינגאַנצען אויפגעגעבען געוואָרן. די פּראָיעקטען פון קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע האָבען געהאַט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי אָווענ'ס גראַנדיעזע פּלענער. די טרייד־יוניאָניסטען פון דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין 1845 האָבען קענטיג קיין השגה ניט געהאַט וועגען דעם, אַז די אַלגעמיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען אַריבערגעהן פון די קאַפּיטאַליסטען צו די טרייד־יוניאָנס; קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציע האָבען זיי איינפאַך באַטראַכט אַלס אַ הילף צו דער טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט, ווייל דער יוניאָן שאַפט האָט צוגעשטעלט אַ ביליגערן מיטעל איידער די ניט־פּראָדוקטיווע סטרייק־געצאָהלט. אַחוץ וואָס די קאָנפערענץ האָט אויף אַזאַ אופן אויפ־

---

* „באַריכט פון דעם לאָנדאָנער קאָמיטעט פון טרייד דעלעגאַטען צו דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון פאַך דעלעגאַטען, אָקטאָבער, 1845", געפינט זיך אין די אַרכיוועו פון דער „פריינדליכער געזעלשאַפט פון שטיינמויערער".

געגעבען די מעטאָדען און די פּרעטענזיעס פון 1834, האָט זי אויך ערקלערט איהר טרייקייט צו דער נייער מעטאָדע פון טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט, — די טאַקטיק פון פאַרמיטלונג און אויסגלייכונג. אין דער פאָדערונג פון „לאָקאַל באָארדס אָוו טרייד" (לאָקאַלע פאַך־קאָמיטעטען), אַ פראַזע וועלכע איז קענטיג געבאָרגט געוואָרן פון די זיידענוועבערס, זעהען מיר דעם אָנהויב פון יענעם סיסטעם פון באַפולמעכטיגטע געגענזייטיגע פאַרהאַנדלונגען צווישען פאָרשטעהער פון קאַפּיטאַל און ארבייט, וואָס איז געוואָרן אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם ענגלישען טרייד־יוניאָניזם אין דער לעצטער העלפט פון דעם יאָהרהונדערט.

אָבער דער שאָטען פון דעם דורכפאַל פון 1834 איז נאָך געהאנגען איבער די פלענער פון אַלגעמיינע טריידס־יוניאָנס. הגם כמעט אַלע פאַכען זיינען געוועזען פאַרטראָטען אויף דער ערשטער קאָנפערענץ, האָבען די מייסטע גרעסערע אָרגאַניזאַציעס, נאָך אַ באַטראַכטונג, באַשלאָסען, ניט אָנצושליסען זיך אָן דער נייער קערפּערשאַפט. מיר געפינען, למשל, אַז דער מאַנטשעסטער לאָדזש פון דער שטיינמויערערס' סאָסייעטי האָט באַלד פּראָטעסטירט קעגען דער צושטימונג פון איהר דעלעגאַט, און האָט ענטשידען ערקלערט, „אַז די ערפאַהרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט אונז געלערנט, אַז מיר האָבען שוין געהאַט גענוג אַלגעמיינע יוניאָנס". דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט איז אונטערשטיצט געוואָרן פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט, וועלכער האָט באַמערקט, ביים איבערגעבען די פראַגע צו אַן אָפּשטימונג פון די מיטגלידער, אַז „עס זיינען פאַראַן מעהרערע פאַך־געזעלשאַפטען אין ענגלאַנד, וועלכע זיינען אַזוי גוט אָרגאַניזירט ווי מיר, הגם זייער אַרבייטס־סיסטעם מעג זיין אַביסעל פאַרשיידען; און מיר הערען ניט פון קיינער פון די דאָזיגע געזעלשאַפטען, אַז זיי זאָלען זיך וועלען אָנשליסען אָן דער דאָזיגער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ... עס מעג זיין אַ גוטע זאַך פאַר פאַכען, וועלכע זיינען צעטיילט אין סעקציעס און האָבען ניט קיין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס צווישען זיך, אָנצושליסען זיך אָן אַזאַ געזעלשאַפט, — זיי האָבען סיי ווי גאָרנישט צו פאַרלירן; עס איז אָבער אַ פראַגע וואָס פאַרדיענט אַן ערנסטע באַטראַכטונג,

צי אַן אַלגעמיינע יוניאָן פון יעדען פאַך באַזונדער וואָלט ניט גע־ווען אַ סך ווירקזאַמער איידער די דאָזיגע געמישטע אַסאָציאַציע". אַן ענליכען שטאַנדפּונקט האָבען ווי עס שיינט גענומען די קויה־לענגרעבער, וועמעס נאַציאָנאַלע פעדעראַציע עס האָט נאָך דאַן עקזיסטירט. אַ דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון דער ניי־פאָרמירטער „נעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקאַל אַסאָסיאיישאָן" האָט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט באַשלאָסען צו בלייבען פון דרויסען. די לאַנקאַשיי־רער באַוועל־שפּינערס האָבען געשיקט אַ דעלעגאַט צו דער אָפּגע־לעגטער קאָנפערענץ און האָבען אפילו פאָרגעשלאָגען, אַז רייזענדע אַגיטאַטאָרן זאָלען אַרויסגעשיקט ווערן צו ערקלערן די מעלות פון דער נייער אָרגאַניזאַציע, אָבער זיי אַליין האָבען קיינמאָל ניט באַשלאָסען זיך אָנצושליסען אָן איהר.*

די קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעלעגט געוואָרן אויף דעם 28טען יולי, 1845, איז דריבער הויפּטזעכליך באַשטאַנען פון דע־לעגאַטען פון די קלענערע אָדער ווענינ אָרגאַניזירטע פאַכען. אַן ערך פופציג דעלעגאַטען האָבען אַנטייל גענומען אין די פאַרהאַנד־לונגען, וועלכע האָבען זיך געצויגען מעהר ווי זעקס טעג. עס איז ענדליך באַשלאָסען געוואָרן פאַנאַנדערצוטיילען די טרייד־יוניאָ־ניסטישע ציעלען פון די קאָאָפּעראַטיווע, און צו גרינדען צוויי באַזונדערע אַסאָציאַציעס, וועלכע זאָלען זיך שטיצען איינע די אַנדערע. די „נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פון די פאַראייניגטע פאַכען פאַר אַרבייטער־שוץ" האָט אויף זיך גענומען צו האַנדלען מיט די סכסוכים צווישען מייסטערס און אַרבייטער און אויפצופּאַסען אויף די אַרבייטער־אינטערעסען אין דער האַוז אָוו קאָממאָנס. די „נאַציאָנאַלע פאַראייניגטע פאַכען־אַסאָציאַציע צו באַשעפטיגען אַרבייטער", האָט זיך פאָרגענומען צו זאַמלען געלד, כדי מען זאָל קאָנען באַשעפטיגען סטרייקענדע אַרבייטער, אונטער אומשטענדען

---

* פּראָטאָקאָלען פון דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונגען פון די „אָפּעריי־טיוו קאָטטאָן־שפּינערס, סעלף־אַקטינג מיינדערס, טוויינערס ענד ראָ־ווערס", וועלכע פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערן יעדען צווייטען זונטאָג. זעה די פּראָטאָקאָלען פון 20טען יולי, 3טען אויגוסט, און 14טען דע־צעמבער, 1845.

וואס וועלען האבען די צושטימונג פון דער שוועסטער ארגאניזאציע. אויף דער צווייטער קאנפערעץ, וואס איז אפגעהאלטען געווארן אין מאנטשעסטער, אין יוני, 1846, אויף וועלכער עס זיינען אנוועזענד געווען 126 דעלעגאטען, וועלכע, ווי עס ווערט באהויפטעט, האבען פארטראטען 40,000 מיטגלידער, איז באשטימט געווארן, אז די מיטגלידער זאלען צאהלען צו דער „טרייד אסאציאציע" צוויי פענים פון יעדען פונט פון זייערע וועכענטליכע פארדיענסטען; און עס איז באשלאסען געווארן, אז סטרייקשטיצע זאל מען צאהלען פון ניין ביז פערצעהן שילינג א וואך,—די לעצטע סומע איז געווען דער לוין, וואס מען האט געזאלט צאהלען די וואס האבען געארבייט אין די שעפער פון דער אסאציאציע. ביז צו דער צייט איז קיין סטרייק ניט געשטיצט געווארן, ווייל די ארגאניזאציע האט געוואלט פארמיידען די איבעראיילטע שריט, וועלכע האבען, ווי מען האט געדענקט, פארניכטעט די „גראנד נעשאנאל קאנסאלידייטעד יוניאן". א צאהל באצאהלטע ארגאניזאטארן זיינען אנגעשטעלט געווארן. די אסאציאציע, וועלכע איז ביז אהער באשטאנען פון וואלענס- און שטרומף-ארבייטער און פון די מיטענלאנדער מעטאל-ארבייט טריידס, האט זיך אויסגעשפרייט אין פארשיידענע נייע ריכטונגען. די עקזעקוטיווע פון דער „פרענדלי סאסייעטי אוו אפערייטיוו קארפענטערס ענד דזשאינערס", — די אסאציאציע וואס האט געשפיעלט אזא וויכטיגע ראלע אין דער באוועגונג פון 1830, — האט ארויסגעלאזען א מאניפעסט צו איהרע מיטגלידער, צו גונסטען פון אנשליסען זיך, און דער גענעראל סעקרעטער איז געווארן א טעטיגער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער נאציאנאלער אסאציאציע. די מאנטשעסטער סעקציע פון דער „נעשאנאל קארדוועינערס' סאסייעטי", האט אויפגעפאדערט אלע איהרע מיטגלידער און געזעלשאפטען פון שטיוועל- און שיך-מאכערס, זיי זאלען זיך אנשליסען. די טעפערס פון ספאטארדשייר, די מינענארבייטער פון שאטלאנד, די ניי-געבארענע „נאציאנאלע אסאציאציע פון שניידערס", ווי אויך די לאנדאנער צווייגען פון די קעסעלמאכער און מויערער געזעלשאפטען האבען זיך אנגעשלאסען. די אסאציאציע איז פאקטיש אנערקענט געווארן אלס א מאכט אין לאנד און האט

אַרויפגעצויגענע אויף זיך די באַליידיגענדע קריטיק פון דער „טיימס“. אָבער אויך להכעיס די קלוגע אויסרעכענונגען פון איהרע גרינדער, האָט זי איינגיכען אָנגעהויבען ליידען פון די כאַ־ראַקטעריסטישע איבלען פון אַלגעמיינע יוניאָנס. דער האַנדעלס־קריזיס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אין 1845, האָט מיט זיך געבראַכט אין די נעקסטע צוויי יאָהר די פאַרקלענערונג פון לויז, וואָס איז באַגלייט געוואָרן פון סטרייקס און אויסשליסונגען אין כמעט אַלע צווייגען פון אינדוסטריע. די לאָקאַלע קאָמיטעטען פון דער נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע, וועלכע זיינען אָפט באַשטאַנען פון די באַאַמטע פון די באַריהרטע טריידס, האָבען צוגעזאָגט זיי־ערע מיטגלידער די שטיצע פון דער נאַציאָנאַלער קאַסע, און זיי האָבען זיך געפיהלט באַליידיגט, ווען די עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן האָט צוריקגעוויזען זייערע ענטשיידונגען. יעדער אָנגעהעריגער פאַך האָט געפיהלט, אַז זיינע אינטערעסען ווערן מיספאַרשטאַנען, אָדער זיינע קריוודעס ווערן פאַרנאַכלעסיגט. אַ פאַרלענגערטער סטרייק פון די מאַנטשעסטער בוי־פאַכען אין 1846, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרן אָהן גוטהייסונג, איז געווען אַ מיאוס'ער דורכפאַל. דער לאָקאַלער קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער אַסאָ־ציאַציע האָט ערקלערט, אַז דער דורכפאַל איז געקומען דורך דעם, וואָס זיי האָבען ניט געקראָגען די פינאַנציעלע שטיצע, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט אין נאָמען פון דער צענטראַלער קערפערשאַפט. די קויהלען־ און אייזען־גרעבערס פון האַליטאַון אין לאַנקאַשייר, האָבען אָנגעפיהרט אַ קאַמף געגען זייערע בעלי־בתים, וואָס האָט אַרויסגערופען די סימפּאַטיע פון דער טרייד־יוניאָניסטישער וועלט, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ דורכפאַל. אַן ענליכער ערנסטער קאַמף פון די קאַרטון־דרוקערס פון קרעיפאָרד אין קענט, האָט אויך ניט געהאַט קיין בעסערן ערפאָלג. די שאַטלענדישע מינענאַרבייטער האָבען זיך באַקלאָגט, אַז זיי האָבען ניט געקראָגען גענוג שטיצע פון דער אַסאָציאַציע, און די מינענאַרבייטער פון לאַנקאַשייר האָבען זיך דערמיט באַנוצט פאַר אַן אויסרייד פאַר זייער ווייטערדיגען ניט אָנשליסען זיך.

הנם דונקאָמב'ס אַסאָציאַציע האָט ענטמוטיגט סטרייקס און האָט הויפּטזעכליך געשפּיעלט די ראָלע פון אַ פאַרמיטלונגס־קער־

פערשאַפט, האָבען די בעלי־בתים איבער'ן גאַנצען לאַנד אַלע גלייך ארויסגעוויזען זייער געגנערשאַפט צו איהר. דער „דאָקומענט", וועלכער האָט געשפּיעלט אַזאַ פּראָמינענטע ראָלע אין 1833—34, האָט זיך ווידער באַוויזען, אין אַן עטוואָס פאַרענדערטער פאָרם. די בעלי־בתים האָבען אַרויסגעוויזען זייער טאָלעראַנץ, אויב ניט זייער צושטימונג, צו די לאָקאַלע טרייד־קלובען; זיי האָבען אָבער פאַרדאַמט מיט דערזעלבער פאַרביסענקייט די נאַציאָנאַלע יוניאָנס פון באַשטימטע טריידס, אָדער אַלגעמיינע יוניאָנס פון אַלע טריידס. מאַכענדיג אַ פלוצלינגען אָנשטעל אַז זיי נעהמען זיך אָן פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון דעם כאַראַקטער פון זייערע אַרבייטער, האָבען זיי גע'טענה'ט, אַז די עקזיסטענץ פון אַ וועלכען ניט איז צענטראַלען קאָמיטעט, ווי גוט ער זאָל ניט פאַרטרעטען די אַרבייטער, שטערט ער זיי אָבער פון האַנדלען פריי און צווינגט אויף זיי אַרויף די פאַקטישע באַפעהלען פון אַן אומפאַראַנטוואָרטליכער קערפּערשאַפט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָבען די באַמיהונגען פון דער נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע איינצופיהרען פריינדליכע אויסגלייכונגען נאָר זעלטען געקאָנט זיין ערפאָלגרייך. די לאָנדאָנער עקזעקוטיווע, ניט זייענדיג ביכולת צופרידענצושטעלן די הילף־פאָדערונגען, וואָס זיינען טאָג־טעגליך אַריינגעקומען פון אַלע טיילען פון לאַנד, האָט אַרויסגעגעבען אַ שטרענגע וואָרנונג קעגען ניט־אויטאָריזירטע סטרייקס; אָבער סוף כל סוף איז זי געווען געצוואונגען צו געבען אָדער צוריקהאַלטען שטיצע, ניט זייענדיג געגוי באַקאַנט מיט די לאָקאַלע אומשטענדען. דונקאָמב האָט זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט צוגרייטען און אַריינגעבען פּעטיציעס פאַר דער געזעצליכער פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט; און אין דער ריכטונג האָט ער געבראַכט ווערטפולע הילף דער „שאָרט טיים קאָממיטטעע" (אַרבייטס־צייט פאַרקירצונג קאָמיטעט) פון די לאַנקאַשיירער באַוועל־שפּינערס, וועלכע האָט אויסגעווירקט דעם „צעהן שטונדען געזעץ" פון 1847. די צענטראַלע עקזעקוטיווע איז אין יענע יאָהרען פאַקטיש געווען מעהר אַ פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט פאַר דער גאַנצער באַוועגונג, איידער אַ פעדעראַציע פון טרייד־יוניאָנס. דער פּלאַן פאַר קאָאָפּעראַטיווע ווערקשעפּער, פון וועלכע מען האָט אַזוי פיעל

ערווארט, האט זיך ארויסגעוויזען אלס אן הילפלאזע זאך אין די פארלענגערטע קאמפען פון די הויפט־טריידס. אן ערפאלגרייכער ווערקשאפ פון שיך איז געעפענט געווארן; און די קאנפערענץ פון 1847 האט געפונען, אז בסך־הכל זיינען געווען באשעפטיגט הונדערט און דריי און צוואנציג ארבייטער, און אז די אונטערנעהמונגען האבען נאר געקאנט אנגעהן אין אזעלכע פאכען, וואס ווערן אנגעפיהרט דורך האנטארבייט אויף א קליינעם אופן. אין 1848 איז באשלאסען געווארן צו פארשמעלצען ביידע אסאציאציעס אין איינער, און מען זאל זיך נעהמען זאמלען א קאפיטאל פון £50,000, כדי אנצופיהרען די ארבייט אויף א גרויסען מאסשטאב. אבער איידער מען האט זיך געקאנט נעהמען צו דער ארבייט, איז אין דער אסאציאציע פארגעקומען א צווייפאכע איבערקעהרניש, פון וועלכער זי איז שוין מעהר צוריק צו זיך ניט געקומען. דונקאמב איז אין 1848 געווען געצוואונגען, צוליעב קראנקהייט, אויפצוגעבען זיין טעטיגע ארבייט אין דער ארגאניזאציע; און ביים סוף פון דעם פאלגענדען יאהר האט א סטרייק פון די בלעך־ארבייטער אין וואלווערהעמפטאן אריינגעשלעפט די נאציאנאלע אסאציאציע אין א קאמף מיט די ארבייטסגעבער און מיט דעם געזעץ, וועלכער האט אויסגעטריקענט איהר קאסע און פארניכטעט איהר קרעדיט.*

---

* די בלעך־ארביטער פון וואלווערהעמפטאן, זינט זיי האבען זיך אנגעשלאסען אן דער אסאציאציע אין 1845, האבען געשטרעבט ארויסצוקריגען א גלייכמעסיגע ליסט פון פרייזען פאר שטיק־ארבייט. דורך דעם איינפלוס פון דער נאציאנאלער אסאציאציע האבען אלע בעלי־בתים צוגעשטימט צו אזא פרייז־ליסט אין 1849, מיט דער אויסנאהם פון צוויי. איינער פון זיי האט אפגענארט די ארביטער אויף אן אויסערגעוועהנליכען אופן. דענקענדיג, אז ער איז שוין גוט צוגעריכט, האט ער אין יולי 1850, ארונטערגעווארפען פון זיך די מאסקע און האט זיך פשוט אפגעזאגט צו פיהרן מיט זיי ווייטערע אונטערהאנדלונגען. דער שרעקליכער אינדוסטריעלער און געזעצליכער קאמף וואס איז דערפון ארויסגעקומען, האט צוגעצויגען די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. א סך פון די סטרייקערס זיינען אריינגעזעצט געווארן אין געפענגניש פאר ברעכען זייער קאנטראקט; און דער קאמף האט דערגרייכט זיין העכסטען פונקט דערמיט, וואס דריי מיטגלידער פון דעם קאמיטעט פון

די שפּעטערדיגע געשיכטע פון דער אַסאָציאַציע איז אומבאַקאַנט.* זי האָט אָנגעהאַלטען איהר עקזיסטענץ אַ סך יאָהרען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, און די באַצאָהלטע באַאַמטע איהרע האָבען געדיענט אַלס ראַטגעבער און פאָרשטעהער פון אַ צאָהל קלענערע טרייד־יוניאָנס. איהר הויפּט־אַרבייט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז באַשטאַנען אין העלפען און שטיצען געזעצפּראָיעקטען פאַר דער גרינדונג פון אויסגלייכס קאָמיטעס, און איהרע אומערמידליכע באַמיהונגען האָבען זיכער אויסגעטראָטען דעם וועג פאַר די „דזשאָינט באָארדס“ (געמיינשאַפטליכע קאָמיטעטען), וועלכע זיינען שפּעטער איינגעפיהרט געוואָרען. אָבער נאָך 1851 הערט זי אויף צו האָבען וועלכען עס איז איינפלוס אָדער שפּילען

דער נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע לאָקאַלע טרייד־יוניאָניסטען, זיינען פאַרקלאָגט געוואָרען אין אַ קאָנספּיראַציע צו באַאומרוהיגען און אָנשרעקען דעם אַרבייטסגעבער דורך צוריידען די אַרבייטער זיי זאָלען ביי איהם ניט אַרבייטען. צוליעב די געזעצליכע דריידלעך, וואָס זיינען צוערשט אַרויסגעשטעלט געוואָרען פון דער קרוין און דערנאָך פון די פאַרקלאָגטע, איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען ניט וועניגער ווי דריי מאָל, און דער לעצטער אורטייל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען ניט פריהער ווי אין נאָוועמבער 1851, ווען פינף פון די פאַרקלאָגטע זיינען פאַר׳משפּט געוואָרען צו דריי חדשים און איינער צו איין חודש געפענגניש.

* דונקאָמב האָט פאָרמעל רעזיגנירט פון דער פּרעזידענטשאַפט אין 1852. אין 1856 איז דער סעקרעטער, טהאָמאַס ווינטערס, אַרויסגעטראָטען אַלס פאַרטיידיגער פון פרידליכע פאַרהאַנדלונגען, פאַר דעם „ספּעציעלען קאָמיטעט וועגען מייסטערס און אַרבייטער“. ער האָט ערקלערט, אַז די מיטגלידערשאַפט צעהלט זיך פון פינף ביז זעקס טויזענד, און אַז דער צענטראַלער קאָמיטעט באַשטעהט פון דריי באַצאָהלטע מיטגלידער, וועלכע גיבען אָפּ זייער גאַנצע צייט פאַר דער אַרבייט. אַ שפּעטערדיגער סעקרעטאַר (ע. הומפּריס) איז ערשינען פאַר אַן עהנליכען קאָמיטעט מיט פיער יאָהר שפּעטער. זיינע אויסזאָגונגען האָבען באַוויזען, אַז די אַסאָציאַציע, הגם זי האָט נאָך עקזיסטירט, האָט קיין אַנטייל ניט גענומען אין וועלכען עס איז פון די וויכטיגע אַרבייטערקאַמפען פאַר די לעצטע זיבען אָדער אַכט יאָהר. מר. דזשאָרדזש האָועל דערמאָנט פאַרבייגעהענדיג, אַז איהר אויפלייזונג איז פאָרגעקומען אין 1860.

וועלכע עס איז באַדייטענדע ראָלע אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

די „נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פון פאַראייניגטע פאַכען", לויט איהר קאָנסטיטוציע און איהרע ציעלען, שטעהט אויפ'ן מיטען וועג צווישען דעם רעוואָלוציאָנערן וואָלונטאַריזם פון 1830—34, און דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַקציע פון 1863—75. זי קאָן פּאַקטיש באַטראַכט ווערן ענטוועדער אַלס אַ פאַרשפּעטיגטע „אַלגעמיינע טריידס־יוניאָן" פון אַ פאַרבעסערטען טיפּ, אָדער אַלס אַ פריהצייטיגער און אומפאָלקאָמענער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט פון דער טרייד־יוניאָן וועלט. און הגם די גרויסע נאַציאָנאַלע יוניאָנס פון דער צייט האָבען קיין אַנטייל ניט גענומען אין איהרע פאַרהאַנדלונגען, איז איהר מעסיגע און ניט־אַגרעסיווע טאַקטיק געוועזן ניט מעהר ווי אַן אויסדרוק פון דעם נייעם גייסט, וואָס האָט איצט גענומען הערשען אין די טרייד־יוניאָן קאָונסילס. מיר זעהן ווי אין די יוניאָנס פון די בעסער־באַצאָהלטע בעלי־מלאכות וואַקסט אויס אַ שטאַרקער וואונש צו דערגעהן די פאַקטען פון זייער אינדוסטריעלער און סאָציאַלער לאַגע. דער דאָזיגער נייער געפיהל פאַר געניועם וויסען קאָן, ביז אַ געוויסען גראַד, צוגעשריבען ווערן צו דעם וואַקסענדען אַנטייל וואָס די דרוק־פאַכען האָבען אָנגעהויבען נעהמען אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. דער וואָס שטודירט די באַריכטען פון די גרעסערע שריפטזעצער געזעלשאַפטען פון סאַמע אָנהויב פון נייינצעהנטען יאָהרהונדערט, וועט פאַרוואונדערט ווערן, ניט נאָר פון דער מעסיגקייט, נאָר אויך פון דער פאָלקאָמער פּאַרלאַמענטאַרישער פאָרמאַליטעט, — מען קאָן כמעט זאָגען העפליכקייט, — פון זייערע פאַרהאַנדלונגען. אַנשטאָט מיט פראַזען צו באַליידיגען אַלע ארבייטסגעבער אַלס „ניט פּראָדוקטיווע קלאַסען" און זיך איינגאַנצען אָפּזאָגען פון אונטערזוכען די איינצעלהייטען פון סכסוכים, געפינען מיר, אַז די שריפטזעצער גיבען זיך אָפּ בלויז מיט קאָנקרעטע דריקענדע פאַלען און גיבען־איבער יעדע וויכטיגע פראַגע צו אַ „ספּעציעלען קאָמיטעט", ער זאָל זי אונטערזוכען און אַריינברענגען אַ באַריכט. די „לאָנדאָן קאָנסאָלידייטעד סאָסייעטי אָוו בוקביינדערס", געגרינדעט אין 1786, האָט אין 1848 באַנוצט אַ טייל פון איהר קאַסע

צו גרינדען אַ ביבליאָטעק פאַר דעם נוצען פון איהרע מיט־גלידער. אַרום 1851 איז געעפענט געוואָרן אַ לעז־צימער, וואָס איז געווען באַזאָרגט מיט טעגליכע און וועכענטליכע צייטונגען. פיער יאָהר שפּעטער איז אַן עהנליכע ביבליאָטעק געגרינדעט געוואָרן פון דער לאָנדאָנער שריפטזעצער געזעלשאַפט. אין 1842 האָט די „דאַמף־מאַשין אַרבייטער און מאַשינענמאַכערס' פריינדליכע גע־זעלשאַפט" געעפענט אַ „קלאַס פאַר געגענזייטיגער ענטוויקלונג" אין מאַנטשעסטער. אפילו די שטיינמויערער, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען אַ רויהע און מעהר־וועניגער טומעלדיגע גרופּע, זיי־נען דערגרייכט געוואָרן פון דעם נייעם פאַרלאַנג צו זעלבסט־פאַרבעסערונג. דער גלאַזגאָוער צווייג פון דער שאָטישער „פאַר־איינינגטע מויערער אַרבייטער" באַריכטעט מיט שטאָלץ, אין 1845, אַז זיי האָבען „געגרינדעט אַ קלאַס פאַר געגענזייטיגען אונטער־ריכט... אַ געזעלשאַפט פאַר מאָראַלער, פיזישער און גייסטיגער ענטוויקלונג", וואָס האָט אויף זיך גענומען צו אונטערזוכען די פראַגע, — „צי איז דער איצטיגער פאַרבעסערטער צושטאַנד פון מאַשינעריע ניצליך פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס, אָדער איז ער שעדליך?". אָבער דער ווירקזאַמסטער רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען דראַנג צו לערנען, איז געווען דאָס וואָס די יוניאָנס האָבען גע־גרינדעט ספּעציעלע טרייד־זשורנאַלען. די פאַראייניגטע צווייגען פון די טעפּער אַרבייטער האָבען אין 1843 אָנגעהויבען אַרויס־געבען דעם „פּאָטערס' עקזאַמינער", אַ וועכענטליכע צייטונג, וועלכע האָט זיך אָפּגעגעבען מיט די אינטערעסען פון פאַך און די טעכנישע פּראָצעסען פון זייער אינדוסטריע.* די „דאַמף־מאַשין אַרבייטער און מאַשינענמאַכערס' פריינדליכע געזעלשאַפט" האָט צווישען 1841 און 1847 אַרויסגעגעבען דעם „מעקעניקס' מעגעזין". אין נאָוועמבער 1850 האָט דאַנינג גע'פּועל'ט ביי דער לאָנדאָנער

* דער „פּאָטערס' עקזאַמינער", געגרינדעט אין דעצעמבער, 1843, איז אין יולי, 1848, פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין דעם „פּאָטערס' עקזאַ־מינער ענד עמיגרענטס' אַדוואָקייט", וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרן אין ליווערפּול און האָט זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט עמיגראַציע. ער האָט אויפגעהערט ערשיינען באַלד נאָך 1851.

„קאָנסאָלידייטעד סאָסייעטי און בוקביינדערס" ארויסצוגעבען דעם „בוקביינדערס' טרייד סוירקולאַר", אין וועלכען ער האָט פאָרעפּענטליכט אַ טעאָריע פון טרייד־יוניאָניזם, קעגען וועלכער מק'קולאָך אַליין וואָלט קוים געהאַט וואָס אויסצוזעצען.* און ער האָט דעם דאָזיגען באַשיידענעם אָרגאַן פון זיין געזעלשאַפט פאַרוואַנדעלט אין אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל פון ניצליכער אינפאָר־מאַציע וועגען אַלע ענינים וואָס האָבען אַ שייכות מיט ביכער און זייער פאַבריצירונג. אָבער די בעסטע פון די דאָזיגע פאַר־אויס־גאַבען, און די איינציגע וואָס האָט געגאָסען אַ ניט־אונטערבראָ־כענע עקזיסטענץ ביז היינטיגען טאָג, איז דער „פלינט גלעס מיי־קערס' מעגעזין", אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל פון 96 זייטען, אָק־טאַוואָ פאָרמאַט, געגרינדעט אין בירמינגהאַם, אין 1850, פון דער „פלינט גלעס מייקערס' סאָסייעטי",** וועלכער האָט געפּרע־דיגט די „אויסבילדונג פון יעדען מאַן אין אונזער פאַך, אָנהויבענדיג מיט דעם עלטסטען און ענדיגענדיג מיט דעם איינגסטען... אויב איהר ווילט ניט בלייבען שטעהן אויף איין אָרט און ליידען מעהר אונטערדריקונג". ער האָט געוואָרנט זיינע לעזער, „מיר זאָגען

---

* זעה ספּעציעל די אַרטיקלען וועגען „אַרבייטס־לוין און טרייד געזעלשאַפטען", אין צווייטען, דריטען און פערטען נומער (דעצעמבער, 1850, ביז פעברואַר 1851), אין וועלכע ער נעהמט אָן, אַז די אַלגעמיינע מדרגה פון לוין ווערט דורכאויס באַשטימט פון אָנבאָט און נאָכפראַגע, נאָר אַז טרייד־יוניאָניזם, דורך צאָהלען אויסער־אַרבייט־געלד, גיט דעם איינציגען אַרבייטער די מעגליכקייט צו ווידערשטעהן אויסערגעוועהנ־ליכע טיראַניי, אָדער אויספּרעסונג.

** דער דאָזיגער זשורנאַל ענטהאַלט אַ מאַסע ניצליכע אינפאָרמאַ־ציע בנוגע דעם פאַך, ספּעציעלע באַריכטען פון די טרייד יוניאָן קאָנג־רעסען און גוט־געשריבענע אַרטיקלען וועגען אינדוסטריעלע און עקאָ־נאָמישע פּראָבלעמען. ער צייכענט זיך אויס מיט אַן אויסגעהאַלטענער מעסיגקייט אין טאָן און אַן אומפּאַרטייאישער אַרגומענטאַציע. צום באַדויערן, אַזוי ווייט ווי מיר ווייסען, איז ער ניט בנמצא אין קיין עפענטליכער ביבליאָטעק, און מיר האָבען צו פאַרדאַנקען מר. האַדעל־טאָן, סעקרעטער פון בירמינגהאַמער טריידס קאָונסיל, ביי וועמען עס געפינט זיך אַ פאָלשטענדיגע זאַמלונג, פאַר אונזער באַקענען זיך מיט זיין אינהאַלט.

איך איהר זאָלט קריגען מעהר וויסען, און באַקומענדיג וויסען וועט איהר קריגען מאַכט... לאָמיר איך ערנסט ראָטען צו בילדען זיך; קריגט אינטעליגענץ אַנשטאַט אַלקאָהאָל, — עס איז זיסער און מעהר דויערהאַפט".*

מיט דעם ווערן מעהר באַקאַנט מיט די אינדוסטריעלע באַדינגונגען, איז געקומען אַ רעאַקציע קעגען דער ריקזיכטלאָזער אַגרעסיווער טאַקטיק, וועלכע האָט כאַראַקטעריזירט די אָוועניסטישע באַמבאַסטיק. און אויך דאָ געפינען מיר די דרוק־פּאַכען געהענדיג פאָראויס. שוין אין 1835, בעת די לאָנדאָנער שריפטזעצער האָבען רעאָרגאַניזירט זייער געזעלשאַפט, האָט דער קאָמיטעט פאַר איין גאַנג גענומען אָנגרייפען די גרויסע אַלגעמיינע יוניאָנס. „צום באַדויערן האָבען זיך כמעט אַלע יוניאָנס, וואָס זיינען ביז איצט געגרינדעט געוואָרן", באַריכטעט דער קאָמיטעט צו זיינע מיטגלידער, „פאַרלאָזען מיט זייער ערפאָלג אויף אַרויסגעפּרעסטע שבועה'ס און פיזישער מאַכט... דער פעהלער און דער אונטערגאַנג פון אַלע טריידס־יוניאָנס איז ביז אָהער אויך געלעגען אין דעם, וואָס זיי האָבען נאָכגעטאָן די שלעכטע זאַכען, וועלכע זיי האָבען געזאָלט פאַרדאַמען. בעת זיי זיינען געוועזן ניט־פאַראייניגט און מאַכטלאָז, האָבען זיי געבראַנדמאַרקט זייערע אַרבייטסגעבער אַלס האַבזיכטיגע שקלאַפּענטרייבער; אָבער אַזוי גיך ווי זיי (די אַרבייטער) זיינען געוועזן פאַראייניגט און מעכטיג, זיינען זיי אַליין געוואָרן טיראַנען און האָבען אָהן אויסרעכענונג געזוכט אַרויסצוקריגען מעהר איידער דער כאַראַקטער פון זייער אַרבייט האָט ערלויבט, אָדער די אַרבייטסגעבער האָבען זיי געקאָנט געבען. זייער דורכפאַל איז דעריבער געוועזן אומפאַרמיידליך... זאָלען די לאָנדאָנער שריפטזעצער ווייזען די בעלי־מלאכות פון ענגלאַנד אַ שעהנערן און בעסערן ביישפּיעל; און פאַרוואַרפענדיג אָן אַ זייט די הילף וואָס מען קאָן האָבען פון ביטערקייט און ברוטאַלער קראַפט, לאָמיר אין קאַמף מיט אונזערע געגנער זיך באַנוצען

---

* „ערעפענונגס־אַדרעס צו די גלאָז־מאַכערס פון ענגלאַנד, אירלאַנד און שאָטלאַנד", נומער 1.

נאר מיט די אומווידערשטעהליכע וואפען פון אמת און שכל".* די דורכפאלען פון 1837—42 האבען געהאלפען דעם דאזיגען גייסט זיך פארשפרייטען אין אנדערע פאכען. פון דער צייט אן און ווייטער זיינען די פראטאקאלען און צירקולארן פון די גרעסערע יוניאנס פול מיט איינדרוקספולע ווארנונגען קעגען אגרעסיווע האנדלונגען. „סטרייקס זיינען פרוכטבאר", זאגען די דעלעגאטען פון די אייזענגיסער, וואס זיינען זיך צונויפגעקומען אויף א באראטונג; „אין געוויסע פאלען באפרוכטען זיי אנדערע... ווי אפט זיינען סכסוכים פארמיטען געווארן דורך עטליכע צייטליכע ווערטער מיט ארבייטסגעבער! עס איז זיכער קיין אומ'כבוד ניט צו ערקלערן אייער בעל־הבית דעם כאראקטער און דעם גראד פון אייער קריוודע".** דער צענטראלער קאמיטעט פון די שטיינמויערער ווארנט כסדר די מיטגלידער פון זייער ארגאניזאציע „קעגען דער געפעהרליכער פראקטיק פון סטרייקען... היט זיך אויס דערפון", טענה'ען זיי, „ווי איהר וואלט זיך אויסגעהיט פון א ווילדער חיה, וואס איהר ווייסט, אז זי וויל אייך פארניכטען... געדענקט וואס עס האט אונז געמאכט אזוי אומבאדייטענד אין 1842... מיר בעטען אייך, ברידער, ווי עס איז טייער אייער אייגענע עקזיסטענץ, איהר זאלט אויסמיידען, אויף וויפיעל עס איז נאר מעגליך, יענע נוצלאזע סטרייקס. לאמיר פארברענגען נאך א יאהר אין ערנסטען און אויפמערקזאמען ארגאניזירן־זיך; און אויב אין דער צייט וועלען מיר זיך ניט פארפאלקאמענען, וועלען מיר מוזען האבען נאך א יאהר; ווארים עס איז דער באוואוסטזיין וועגען דעם ניט־ארגאניזירטען צושטאנד פון די ארבייטער בכלל וואס גיט־צו חשק דעם טיראן און שקלאפענטרייבער זיי צו אונטערדריקען".*** עטליכע יאהר שפעטער ווענדט זיך

---

* „באריכט פון לאנדאנער שריפטזעצער קאמיטעט וועגען אמאלגאמיישאן", 1834; „יעהרליכער באריכט", פעברואר 2, 1835.

** „אדרעס פון דער דעלעגאטען פארזאמלונג צו די מיטגלידער פון דער פריינדליכער געזעלשאפט פון אייזענגיסערס פון ענגלאנד, אירלאנד און וועילס", סעפטעמבער 26, 1846.

*** „פארטנייטלי סירקולאר", דעצעמבער 25, 1845.

דער ליווערפולער לאָדזש צו אַלע מיטגלידער, זיי זאָלען אונטער־שטיצען דעם פאָרשלאַג, „אַז אונזער געזעלשאַפט זאָל מעהר ניט אַנערקענען קיין סטרייקס, סיי אַלס אַ מיטעל וואָס זאָל באַנוצט ווערן צו פאַרבעסערן אונזער לאַגע, און סיי אַלס פּלאַן צו באַ־קעמפען די עולות, וואָס ווערן געגען אונז באַגאַנגען", און אַנשטאַט דעם שלאָגט ער פאָר, אַז מען זאָל גרינדען אַן עמיגראַציאָנס־פאָנד. דער פאַרטסמוטער לאָדזש ברייטערט אויס דעם דאָזיגען פאָרשלאַג דערמיט, וואָס ער באַשטעהט דאַרויף, אַז ניט נאָר זאָל מען מעהר ניט סטרייקען, נאָר אויך אַז דער וואָרט „סטרייק" זאָל אָפּגעשאַפט ווערן! דער „פלינט גלעס מייקערס' מעגעזין". צוויי־שען 1850 און 1855 איז פול מיט עהנליכע אַנגריפען. „מיר גלויבען", שרייבט דער רעדאַקטאָר „אַז סטרייקס זיינען געווען דער סם־המות פון טרייד־יוניאָנס". אין 1854 האָבען די קריסטאַל־גלאָז אַרבייטער, אויף דעם פאָרשלאַג פון זייער צענטראַלען קאָמיטעט, אָפּגעשאַפט די אויסצאָהלונג פון „סטרייק־געלד", דורך אַן אָפּ־שטימונג פון אַלע מיטגלידער. אַנשטאָט צו סטרייקען איז אָפט פאָרגעשלאָגען געוואָרן, אַז אַ שלעכטער בעל־הבית זאָל באַקעמפט ווערן דורך צונעהמען שטילערהייט פון איהם די אַרבייטער איינ־ציגווייז, אַזוי גיך ווי מען וועט פאַר זיי קריגען אַרבייט אַנדערש־וואו. „אַזוי ווי איין אַרבייטער נאָך דעם צווייטען וועלען אוועק־געהן, און קיינער וועט ניט קומען פאַרנעהמען זייער אָרט, וועט דער גאוה'דיגער און שטאָלצער גייסט פון דעם אונטערדריקער גע־בראָכען ווערן און ער וועט דערפיהלען די מאַכט, וועלכע ער קאָן ניט זעהן".*

עס איז געווען אַ טייל פון דער אייגענער טאַקטיק פון באַ־שרענקען דאָס באַנוצען די וואָפע פון סטרייק, וואָס די מאַכט צו ערקלערן קריעג געגען די בעלי־בתים איז אין יענע יאָהרן אוועק־גענומען געוואָרן פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. אין די צוויי גרויסע געזעלשאַפטען, פון וועלכע מיר האָבען פאַלשטענדיגע פּראָ־טאָקאָלען,—די אייזענגיסערס און די שטיינמויערערס,—זעהען מיר,

---

* בריעף וועגען „די שלעכטע פאָלגען פון סטרייקס", אין „פלינט גלעס מייקערס' מעגעזין", יולי 1850.

ווי עס באַפעסטיגט זיך שטופּענווייז דער קאָנטראָל פון דער צענט־ראַל עקזעקוטיווע. די דעלעגאַטען פאַרזאַמלונג פון די אייזענגי־סערס אין 1846 האָט איבערגעגעבען די פולע מאַכט צום עקזעקו־טיווען קאָמיטעט. „דער סיסטעם, וואָס ערלויבט, אַז סכסוכים זאָלען גוטגעהייסען ווערן דורך פאַרזאַמלונגען פון אונזערע מיט־גלידער", זאָגט דער באַריכט, „וועלכע ווערן געוועהנליך אויפגע־רעגט צוליעב איין אורזאַך אָדער אַ צווייטער, אָדער ווערן פאַר־פיהרט דורך אַ פאַרטרויענסווערטען בריעף, וואָס קומט אָן פון דעם פּלאַץ וואו דער סכסוך קומט פאָר, איז זיכער אַ שלעכטער. אונ־זערע מיטגלידער פיהלען ניט יענע פאַראַנטוואָרטליכקייט, ביי אַזעלכע געלעגענהייטען, וואָס זיי האָבען געדאַרפט פיהלען. זיי קאָנען אָפט פאַרפיהרט ווערן. אַ קלוגע רעדע, פּאַרטיי געפיהלען, אַ מיסרעפּרעזענטאַציע, אָדער אַ שעהנער בריעף — אַלץ צוזאַמען אָדער יעדע באַזונדער — קאָנען אריינשלעפּען אַ שאָפּ אָדער אַ גאַנצען צווייג אין אַ קאַמף, וועלכער איז אומגערעכט און מעגליך אַהן וועלכע עס איז אויסזיכטען צו דערגרייכען זייער ציעל . . . זייענדיג איבערצייגט אין דעם אמת פון אַט די מיינונגען, האָבען מיר פאַר דער צוקונפט איבערגעגעבען די פולע מאַכט גוטצוהיי־סען סכסוכים צו דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט אַליין".* דער צענטראַלער קאָמיטעט פון די שטיינמויערער האָט נאָך אין 1843 ענטשידען פאַרבאָטען די לאָדזשען אַרויסצורופען סטרייקס אין שעפּער, אפילו ווען זיי ווענדען זיך ניט צו דער קאַסע פון דער געזעלשאַפט נאָך סטרייק־שטיצע. און הגם אין דער דאָזיגער יוניאָן איז די מאַכט צו באַשליסען וועגען סטרייקען אָדער ניט־סטרייקען ניט איבערגעגעבען געוואָרן צו דער עקזעקוטיווע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי די אייזענגיסערס, האָט יעדער לאָדזש געמוזט פאַרלעגען זיינע פאָדערונגען, דורך דעם „צוויי־וועכענט־ליכען צירקולאַר", צו אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג פון אַלע מיט־גלידער איבער'ן גאַנצען לאַנד, — אַ פּראָצעדורע, וועלכע האָט פאַרנומען אַ היבשע צייט און האָט געגעבען אַ געלעגענהייט דעם

* „אַדרעס פון דער דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג צו די מיטגלידער פון דער אייזענגיסערס' פריינדליכע געזעלשאַפט", 1846.

צענטראַלען קאָמיטעט צו באַנוצען זיין איינפלוס פאַר פרידען.

דער פאַקט, וואָס די מייסטע עקזעקוטיוו־קאָמיטעטען, פון 1845 און שפּעטער, זיינען געווען ענטשידען געגען סטרייקס, מיינט נאָך ניט צו זאָגען, אַז מען האָט אינגאַנצען אויפגעגעבען יעדע ענערגישע פאַר־טאַקטיק. די פיהרער פון די בעסער ערצויגענע פאַכען האָבען אָנגענומען דעם עקאָנאָמישען גרונדזאַץ, אַז לוין מוז אומבאַדינגט זיין אָפּהענגיג אָן דער פאַרהעלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפראַגע אין יעדען באַזונדערן קלאַס אַרבייט. עס האָט גע־שיינט צו זיין אַ לאָגישער שלוס, אַז דער איינציגער מיטעל אין זייער מאַכט אויפצוהאַלטען אָדער פאַרבעסערן זייער לאַגע, איז געווען צו פאַרקלענערן דעם אָנבאָט פון אַרבייט. „אַלע מענשען מיט ערפאַהרונג שטימען איין", באַשטעטיגט די דעלעגאַטען־פאַר־זאַמלונג פון די אייזענגיסערס אין 1847, „אַז דער אַרבייטס־לוין קאָן אַמבעסטען געהעכערט ווערן דורך דער נאָכפראַגע אויף אַרבייט". דעריבער געפינען מיר, אַז דער קאַמף קעגען סטרייקס ווערט באַ־גלייט פון דער פאָדערונג צו באַשרענקען די צאָהל פון לעהרלינגען, אָפּשאַפען דאָס אַרבייטען מעהר ווי די געוועהנליכע צייט, און די שאַפונג פון אַן עמיגראַציאָנס־פאָנד. די קריסטאָל־גלאָז מאַכערס האָבען ערקלעהרט, אַז „דער מאַנגעל אין אַרבייטער איז געווען איינער פון די פונדאַמענטאַלע פרינציפען, וואָס זיינען פעסטגע־שטעלט געוואָרן אויף אונזער ערשטער קאָנפערענץ אין מאַנטשעס־טער, אין 1849". „עס איז פשוט אַ פראַגע פון אָנבאָט און נאָכ־פראַגע; און מיר אַלע ווייסען, אַז אויב דער אָנבאָט פון אַ גע־וויסען אַרטיקעל איז גרעסער איידער די נאָכפראַגע, ווערט די בי־ליגקייט פון דעם דאָזיגען אַרטיקעל, סיי דאָס איז אַרבייט אָדער אַן אַנדער סחורה, אַ נאַטירליכער רעזולטאַט".* אין דער דאָזיגער

---

* „אויב אין אַ שלעכטער צייט האָט איהר פופציג מענשען אויסער אַרבייט, וועלען זיי קריגען £1,015 אַ יאָהר, און אין דערזעלבער צייט וועלען זיי באַנוצט ווערן פון בעלי־בתים אַלס אַ בייטש, אַרונטערצו־ריקען אייער לוין; דורך שיקען זיי נאָך אויסטראַליען פאַר צוואַנציג ־ינגט פער קאָפּ, שפּאָרט איהר פופצעהן פונט, און איהר שיקט זיי אין אַן אָרט פון פרנסה אָנשטאָט צו בלייבען הונגערן אין דער היים; איהר האַלט אויף אייער אייגענעם לוין אויף אַ גוטען שטאַנד דורך דעם

אָנווענדונג פון דער לעהרע ווענען אָנבאָט און נאָכפראַגע זיינען די קריסטאָל־גלאָז אַרבייטער געווען איינינ מיט די שריפטזעצער, בוכבינדער, אייזענגיסער, טעפער און, ווי מיר וועלען באַלד זעהן, די מאַשיניסטען.* פאַר די נעקסטע צעהן יאָהר זיינען אויסוואַנדערונגס־פאָנדען איינגעפיהרט געוואָרן אין אַ סך גרויסע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז מיט די פאַר טויזענד פונט וואָס מען האָט געקאָנט אָפּשפּאָרן פאַר דעם צוועק, קאָן מען זעהר ווייניג וואָס אויפטאָן צו פאַרקלענערן דעם איבערפלוס פון אַרבייטער. דערצו נאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס זיינען געווען די קרעפטיגע און ענערגישע מיטגלידער וואָס פלעגען זיך ווענדען נאָך אויסוואַנדערונג־שטיצע, בעת דער כראָנישער אַרבייטסלאָזער, אויב מען האָט שוין ביי איהם יאָ גע'פועל'ט, אַז ער זאָל אַוועקפאָהרן, פלעגט ער זיך שטענדיג צוריק אומקעהרן אין קלוב נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט אַ קורצע רייזע אויפ'ן חשבון פון דער אָרגאַניזאַציע.**

פשוט'ן פאַקט, וואָס איהר באַזייטיגט דעם איבערפלוס פון אַרבייט פון מאַרק". (געזעגענונגס־רעדע פון דעם סעקרעטער, „פלינט גלעם מייקערס' מעגעזין", אויגוסט, 1854.) „שאַפט אָפּ דעם איבערפלוס פון אַרבייט און אונטערדריקונג וועט גאָר אינגיכען זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט" (איביד.).

* „עמיגראַציע אַלס אַ מיטעל צו אַ ציעל", „פלינט גלעם מייקערס' מעגעזין", אויגוסט, 1854; אַן אַדרעס פון דער עקזעקוטיווע, סעפּטעמבער, 1857.

** אויסוואַנדערונגס־פאָנדען הויבען זיך אָן באַווייזען אין די טרייד־יוניאָן באַריכטען, אַרום 1843 (זעה דעם „פּאָטערס' עקזאַמינער"). אין פאַרלויף פון דרייסיג יאָהר געפינען זיך אין די חשבונות פון די גרעסערע אָרגאַניזאַציעס, פון צייט צו צייט, באַווילליגונגען פון באַדייטענדע סומען צו שטיצען עמיגרירנדע מיטגלידער. אַזוי, צום ביישפּיעל, צייגט די טאַבעלע פון אויסגאַבען, געדרוקט אין דעם יעהרליכען באַריכט פון די אייזענגיסערס, אַז £4,712 איז אויסגעגעבען געוואָרן פאַר דעם צוועק צווישען 1855 און 1874. ביי דער „אַמאַלגאַמייטעד קאַרפּענטערס" האָט דער אויסוואַנדערונגס־פאָנד אָנגעהאַלטען ביז 1886, ווען ער איז ענדליך אָפּגעשאַפט געוואָרן פון דעם גענעראַל

דער אומשעדליכער אָבער ניט־ווירקזאַמער מיטעל פון אויסוואַנדערן איז געווען באַגלייט פון דעם נאָך מעהר צווייפעלהאַפטען פּלאַן ניט צוצולאָזען צום פאַך נייע אַרבייטער. די קריסטאַל־גלאָז אַרבייטער, ווי די אַנדערע סעקציעס פון גלאָז פאַך, זיינען שטענדיג געווען באַקאַנט מיט זייער שטרענגען באַשרענקען די צאָהל פון לעהרלינגען. דער שטענדיגער צוזינג פון זייער פאַך־אָרגאַן איז: „היט־אָפּ די תקנה און האַלט די אינגלאַד צוריק; וואָרים דאָס איז דער יסוד פון דעם איבעל, דער סוד פון אונזער ערפאָלג, דער קאָמפּאָס פון אונזער אָרגאַניזאַציע און די האָפענונג פון די צוקונפטיגע דורות".* די דרוק־פאַכען זיינען געווען פונקט אזוי אַקטיוו. ספּעציעלע קאָמיטעטען פון דער „לאָנדאָן סאָסייעטי אָוו קאָמפּאָזיטאָרס" האָבען שטענדיג געהאַלטען אין איין זוכען דעם ווירקזאַמסטען וועג ווי אָפּצושטעלען קינדער־אַרבייט און רעגולירן די „איבערגעהער" לעהרלינגען. און די אינזשיניר־פאַכען, וועלכע זיינען צו יענער צייט אַריינגעטראָטען אין דער טרייד־יוניאָן וועלט, האָבען באַגרינדעט זייער גאַנצע טאַקטיק אויף דער פאָראויסזעצונג, אַז דער ריכטיגער געלערנטער בעל־מלאכה, ווי דער דאָקטאָר אָדער דער אַדוואָקאַט, האָט אַ רעכט אויסצושליסען „אומגעזעצליכע מענשען" פון זיין פאַך.

אָט דאָס איז געווען דער „נייער גייסט", וועלכער האָט אַרום 1850 באַהערשט דער טרייד־יוניאָניסטישער וועלט. דערווייל האָט

ראַט; די מיטגלידער וועלכע האָבען געוואוינט אין די פּאַראייניגטע שטאַאַטען און אין די קאָלאָניעס האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט קעגען באַנוצען דעם דאָזיגען פאָנד. אָבער צווישען 1850 און 1860 איז דער אויסוואַנדערונגס־פאָנד באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ גינסטיגער וויכטיגער טייל פון דער טרייד־יוניאָניסטישער טאַקטיק. די טרייד־יוניאָנס פון די פּאַראייניגטע שטאַאַטען און די אויסטראַלישע קאָלאָניעס האָבען צוגעשיקט שאַרפע פּראָטעסטען צו די באַאַמטע פון די ענגלישע אָרגאַניזאַציעס (זעה, למשל, דעם „צוויי־וועכענטליכען צירקולאַר" פון די שטיינמויערער, פון יוני 1856), אַ פאַקט וועלכער האָט מיטגעווירקט מיט דעם אָבשטאַרבען פון דער „גאָלד־יאַגד" און די ענדערונג אין די אָנזיכטען פון די טרייד־יוניאָנס, אַז די טאַקטיק זאָל אויפגעגעבען ווערן.

* „פלינט גלעס מייקערס' מעגעזין", סעפּטעמבער, 1857.

דער שטענדיגער וואוקס פון די נאציאנאלע יוניאנס, יעדע מיט דריי ביז פינף טויזענד מיטגלידער, די כסדר־וואקסענדע געגענזייטיגע שטיצע און די וועכענטליכע בייטראגען, וואס האבען צייטענווייז באטראפען מעהר ווי א שילינג פער מיטגליד, מיט זיך געבראכט א באדייטענדע ענטוויקלונג אין ד'ן געבוי פון דער טרייד־יוניאן. די קליינע קלובען און ארטיגע געזעלשאפטען זיינען מייסטענטייל פארוואלטעט געווארן פון מענשען, וועלכע האבען געארבייט ביי זייערע פאכען און האבען באזארגט זייערע פליכטען אלס סעקרעטערן אין די אווענטען. מיט דעם וואוקס פון אזעלכע נאציאנאלע ארגאניזאציעס, ווי די שטיינמויערער, די אייזענגיסערס, די דאמף־מאשין מאכער, איז צוליעב דער גרויסקייט פון די געשעפטען אליין נויטיג געווארן, אז מען זאל באשטימען איינעם פון די מיטגלידער, וועלכער זאל אפגעבען זיין גאנצע צייט אויף דער קארעספאנדענץ און בוך־פיהרונג. אבער דער נייער באאמטער, ווי פלייסיג און אויפריכטיג ער איז ניט געווען, האט געטראפען פאר זיך אז ארבייט, צו וועלכער ער איז ניט געווען צוגעפאסט, ניט לויט זיין בילדונג און ניט לויט זיין טעמפעראמענט. די ארכיווען פון די דאזיגע געזעלשאפטען דעקען אויף די פאטעטישע אנשטרענגונגען פון די אומערפאהרענע ארבייטער בייצוקומען די שוועריגקייטען, אויף וועלכע זיי האבען זיך אנגעשטויסען אין פארבינדונג פון דער לאקאלער פארוואלטונג און צענטראליזירטע פינאנצען. די אויסצאהלונג פון געגענזייטיגע שטיצע אויף די לאקאלע פארזאמלונגען, דאס פאנאנדערטיילען די פאנדען וואס מען דארף איבערלאזען און אוועקשיקען, די חשבונות פאר לאקאלע אויסגאבען, (איינגעשלאסען „שנאפס פאר קאמיטעם“),* די סודות פון בוך־פיהרונג, און דער פלאנטער פון רעווי־

* די עקזעקוטיווע קאמיטעטען פון די גרעסערע געזעלשאפטען האבען אין יענע יאהרען געפיהרט א קאמף קעגען די „שנאפס הוצאות“. אין די באריכטען און פינאנץ־באריכטען פון די יוניאנס פאר דער ערשטער העלפט פון דעם נייצעהנטען יאהרהונדערט, איז די הוצאה אויף געטראנקען געווען צווישען די גרעסטע אויסגאבען. עס זיינען געווען ספעציעלע פארשריפטען אין די תקנות וועגען געטראנקען פאר באאמטע און מיטגלידער ביי אלע פארזאמלונגען. די תקנות פון דער

דירן ביבער, — דאָס אַלץ האָט האָט געפאָדערט אַ נייע גרופּע באַאמטע, וועלכע זאָלען ווערן ספּעציעל אויסגעקליבען און זאָלען זיך אויסשליסליך אָפּגעבען מיט דער אַרבייט. אין יענע יאָהרן מערקען מיר, ווי די פיהרערשאַפט אין דער טרייד־יוניאָן וועלט געהט אַריבער פון דעם צופעליגען ענטוזיאַסט און אומפּאַראַנטוואָרטליכען אַגיטאַטאָר צו אַ קלאַס שטענדיג באַצאָהלטע באַאמטע, וואָס ווערן ספּעציעל אויסגעקליבען פון די טרייד־יוניאָניסטישע רייהען צוליעב זייערע העכערע געשעפטס־פעהיגקייטען. אָבער אַחוץ דער טעגליכער אַרבייט פון פאַרוואַלטונג, האָט די אויסברייטונג פון אָרטיגע געזעלשאַפטען אין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, און די פאַרוואַנדלונג פון לויזע פעדעראַציעס אין פעסט פאַראייניגטע יוניאָנס, מיטגעבראַכט מיט זיך דעם שווערן פּראָצעס פון אויסאַרבייטען קאָנסטיטוציעס. די פּראָטאָקאָלען פון די אייזענגיסער און די שטיינמויערער וויזען, מיט וואָס פאַר אַ שווערקייטען איין דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג נאָך דער צווייטער האָט זיך געמיהט אויסצואַרבייטען אַ רייהע תקנות, וועלכע זאָלען אַרבייטען

לאָנדאָנער געזעלשאַפט פון וואָלסאָרטירער (1813) לויטעט, אַז „דער פּרעזידענט זאָל באַזאָרגט ווערן מיט ליקער, וואָס ער וועט אויסקלייבען, אַחוץ ווייז". די „פרענדלי סאָסייעטי אָוו אַייראַנמאָולדערס" (1809) פאַראָרדענט, אַז דער מאַרשאַל זאָל אויסטיילען דאָס ביער צו אַלע אָנוועזענדע אומפּאַרטייאיש. עס איז פאַרבאָטען פאַר די מיטגלידער צו טרינקען איידער עס קומט זייער רייה, „אַחוץ די באַאמטע ביים טיש, אָדער אַ מיטגליד וואָס קומט ערשט אָן אין שטאָדט". אַפילו אַזוי שפּעט ווי אין 1837 באַשטימען די תקנות פון דער „לאָקאָמאָטיווען־מאַכערס' געזעלשאַפט", אַז אַ דריטעל פון די וועכענטליכע בייטראַגען זאָלען אויסגעגעבען ווערן אויף אָפּפרישונג פאַר די מיטגלידער, אַ תקנה וואָס איז אויסגעלאָזט געוואָרן אין דער אויסגעבעסערטער אויפלאַגע פון 1846. אין יענעם יאָהר האָט די דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון די אַייזענגיסערס פאַרבאָטען צו טרינקען און רויכערן אויף איהרע זיצונגען, און האָט אויסגעברייטערט די דאָזיגע אָפּפערווויליגע פאַראָרדענונג דורך ענדערן די תקנות פון דער געזעלשאַפט אַזוי, אַז די סומע וואָס די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס פלעגען אויסגעבען אויף ביער ביי זייערע פאַרזאַמלונגען זאָל זיי אויסגעצאָהלט ווערן אין געלד. „מיר גלויבען", באַמערקען זיי אין זייער אַדרעס צו די מיטגלידער, „אַז די געשעפטען פון דער געזעלשאַפט וועלען בעסער אָנ־

ריכטיג און גלאַט. און יוניאָן אַבער, „די לאָקאָמאָטיוועז־ און מאַשינען־מאַכער און מילענבויערס׳ פריינדליכע געזעלשאַפט“ („דזשוירנעמען סטים־אינדזשין ענד מאַשין מייקערס ענד מילרייטס פרענדלי סאָסייעטי“), האָט געלייזט די פּראָבלעמען פון אינערליכער אָרגאַניזאַציע מיט אייגענטימליכער פעהיגקייט און האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעבראַכט אין דער „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו אינדזשינירס“, אַ „נייעם מאָדעל“, וואָס איז געווען העכסט וויכטיג פאַר דער טרייד־יוניאָן געשיכטע.

אום צו פאַרשטעהן דעם וואוקס פון דער דאָזיגער מערקווירדיגער געזעלשאַפט, מוזען מיר זיך אומקעהרן צו דער פריהעריגער געשיכטע פון אַרבייטער פאַראיינען, וועלכער מיר האָבען ביז אַהער געשאַנקען זעהר וועניג אויפמערקזאַמקייט אין אונזער באַשרייבונג פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג. דער אורשפּרונג פון טרייד־יוניאָניזם אין די אינזשיניר פאַכען איז ניט באַוואוסט. מיר געפינען, אַז ביים סוף פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט דער דעמאָלט הערשענדער קלאַס פון מילענבויערס פאַרמאָגט שטאַרקע,

געפיהרט ווערן ווען מען וועט ניט אויסגעבען קיין געלט אויף געטראַנקען. אונטערברעכונגען, טומלען, גוואַלטטאַטען און אומאָרדנונגס־סצענעס, זיינען אָפּטמאָל דער אויסדרוק פון פאַרזאַמלונגען, וואו עס דאַרף הערשען אָרדענונג, רוהיגקייט און אומפּאַרטייאישקייט“. אַרום 1860 האָבען די מייסטע גרעסערע געזעלשאַפטען שוין געהאַט אָפּגעשאַפט אַלע אויסגאַבען אויף געטראַנקען, און מאַנכע האָבען אַפילו אינגאַנצען פאַרבאָטען צו טרינקען אויף די געשעפטס־פאַרזאַמלונגען. מען דאַרף געדענקען, אַז די יוניאָנס האָבען אין אָנהויב קיין אַנדערע פאַרזאַמלונגס־פּלעצער ניט געהאַט, ווי די קלוב־צימערן פון די שענקען, וועלכע מען פלעגט זיי ערלויבען צו באַנוצען פריי, און צאָהלענדיג פאַר זייערע געטראַנקען, האָבען זיי דאָס געצאָהלט אַ מין רענט. אונטער דער צייט האָבען די שריפטזעצער און בוכבינדער אַריבערגעטראָגען זייערע הויפּט־קוואַרטירן פון די שענקען אין אייגענע ביוראָס, און די לאָקאָמאָטיוועז מאַכערס האָבען ערלויבט לאָקאַלע געזעלשאַפטען צו דינגען פאַרזאַמלונגס־צימערן, כדי ניט צו דאַרפען אויסשטעהן דעם נסיון. אין 1850, באַריכטען די אייזענגיסערס, אַז געוויסע שענקערס ענטזאַגען זיך צו פאַרדינגען זיי צימערן פאַר פאַרזאַמלונגען, דערפאַר וואָס די מיטגלידער טרינקען וועניג.

אפּגעשלאָסענע, און זאָגאָר טיראַנישע, פאַך־געזעלשאַפטען.* די
מילענבויער, וועלכע זיינען אורשפּרינגליך געווען בויערס פון
אַלערליי סאָרטען מיל־ווערק, סיי פון האָלץ סיי פון אייזען, זיינען
שטופענווייז באַזייטיגט געוואָרן, בעת דער איינפיהרונג פון דער
דאַמף־מאַשין, דורך די ספּעציאַליזירטע אַרבייטער אין די באַזונ־
דערע טיילען פון זייער פאַך. די איינפיהרונג פון דאָס וואָס מען
האָט גערופען „דעם אינזשענירס עקאָנאָמיע", דאָס הייסט, די צע־
טיילונג פון דעם מילענבויער פאַך אונטער באַזונדערע קלאַסען
אַרבייטער, וועלכע מען האָט „געצאָהלט לויט זייער פאַרדיענסט"
אַנשטאָט דעם „באַשטימטען לוין", וואָס מען פלעגט צאָהלען די
מילענבויערס, האָט אינגאַנצען צעשטערט די אָרגאַניזאַציע פון די
געלערנטע מעכאַניקער אין דעם אינזשיניר פאַך. דער דאָזיגער
צושטאַנד איז באַדייטענד ניט פאַרבעסערט געוואָרן דורך דעם,
וואָס פון 1822 און ווייטער האָבען זיך אָרגאַניזירט פיעלע צווישען
זיך קאָנקורירנדע פריינדליכע פאַך־געזעלשאַפטען. בלויז די איי־
זענגיסערס האָבען קאָנצענטרירט זייערע כחות אויף דער אויפ־
האַלטונג פון איין נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. די מילענבויערס,
די שמידען, מאָדעלען־מאַכערס און אַנדערע געלערנטע מעכאַניקער
אין די מאַשין פאַכען האָבען געהאַט באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס
אין לאָנדאָן, מאַנטשעסטער, ניוקאַסטל, בראַדפאָרד, דערבי און
אַנדערע אינזשענירערייי צענטערס. פון זיי זיינען די „סטים־
אינדזשין מייקערס" (געגרינדעט אין 1824) ; די „דזשוירנעמען
סטים־אינדזשין ענד מאַשין מייקערס ענד מיללרייטס" (געגרינדעט
אין 1826); די „אַסאָסיאייטעד פראַטוירניטי אָוו אייראָן פאָרד־

---

* זעה די אויסזאָגונגען, וואָס גאַללאָוועי און אַנדערע בעלי־בתים האָ־
בען געמאַכט פאַר דעם „ספּעציעלען קאָמיטעט וועגען בעלי־מלאכות און
מאַשינעריע", אין 1824 ; אויך די זייטיגע באַמערקונגען אין „לייף
אָוו סער וויליאַם פעירבוירן" (לאָנדאָן, 1877) און אַנדערע ווערק.
מיר האָבען ניט געקאָנט געפינען וועלכע עס איז דאָקומענטען וועגען
אינזשינירן געזעלשאַפטען פריהער ווי 1822. סער וויליאַם פעירבוירן,
אין דער פאָררעדע צו זיין „מיללס ענד מילל־וואָרק" (לאָנדאָן, 1861),
שרייבט־צו די באַזייטיגונג פון דעם מיל־בויער צו דעם איינפיהר פון
דער דאַמף־מאַשין.

זשערס", געוועהנליך באקאנט אלס די „אלטע שמידען" „געגרינ־דעט אין 1830) ; און די „באילערמייקערס" (געגרינדעט אין 1832), — זיינען ווי באקאנט געווען ארגאניזירט אויף א נאציא־נאלען מאסשטאב, מיט צווייגען אין אלע טיילען פון לאנד, וועלכע האבען קאנקורירט ניט נאר איינע מיט די אנדערע, נאר אויך מיט די הויפטשטאדטיגע און אנדערע לאקאלע געזעלשאפטען פון מילענבויערס, שמידען, מאדעלען־מאכער און אלגעמיינע אינזשי־נירן. די דאזיגע ניט־אויסגערעכנטע קאנקורענץ האט געשטערט יעדער ווירקזאמער פאר־טעטיגקייט און האט אונטערגעגעבען חשק די ארבייטסגעבער צו קריגען זייער ארבייט געמאכט פאר'ן בי־ליגסטען פרייז און איינצופיהרן די ערגסטע פארמען פון דער קאנ־קורירנדער שטיק־ארבייט און אונטער־קאנטראקטאריי.

מיר זיינען דעריבער ניט איבערראשט צו געפינען, אז די אינ־זשינירן ארגאניזאציעס האבען גענומען א קליינעם אנטייל אין דער גרויסער איבערקערניש פון 1830—34. אבער די כוואליע פון סאלידאריטעט, וואס האט זיך דאן פארשפרייט איבער דער אר־בייטער־וועלט, האט קענטיג געהאט א באדייטענדע, הגם לאנגזאמע, ווירקונג אפילו אויף דעם דאזיגען פאך. די הויפט באצירקען, וואס זיינען באריהרט געווארן, זיינען געווען לאנדאן און לאנ־קאשייר. אין 1836 האט א לאנדאנער געמיינשאפטליכער קא־מיטעט פון אייניגע אונטערגעארדענטע געזעלשאפטען פאר אכט חדשים אנגעפיהרט אן ערפאלגרייכען סטרייק, פאדערנדיג די פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט אויף זעכציג שעה א וואך און מעהר געצאהלט פאר ארבייטען נאך דער געוועהנליכער אר־בייטס־צייט. אין 1844 האט ווידער א געמיינשאפטליכער קאמי־טעט ארויסגעקראגען פון די לאנדאנער בעלי־בתים א ווייטערדיגע פארקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען. ערמוטיגט פון די דאזיגע ערפאלגען, האבען די מיטגלידער פון די לאנדאנער געזעלשאפטען און אפטהיילונגען אנגעהויבען דיסקוטירן די מעגליכקייט פון א נאציאנאלער אמאלגאמירונג. די אנגעזעהנסטע פערזענליכקייט אין דער דאזיגער באוועגונג איז געווען וויליאם ניוטאן,* אז אנ־

* וויליאם ניוטאן איז געבארן געווארן אין קאנגעלטאן, אין 1822. זיין פאטער, וועלכער האט אמאל פארנומען אן אנגעזעהענעם פלאץ,

געזעהענער מיטגליד פון דער „דזשוירנעמען סטים-אינדזשין מייקערס ענד מילרייטס' פרענדלי סאָסייעטי“, די אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן, ווי מיר וועלען זעהן, די מוטער פון דער אַמאַלגאַמאַציע.

וויליאַם ניוטאָן האָט גראָד געהאַט די נויטיגע אייגענשאַפטען פאַר דער דאָזיגער אויפגאַבע. באַשאַנקען מיט אַן אויסגעצייכענטער רעדנערקראַפט, מיט שאַרפזיניגע און פּשרה'דיגע מעטאָדען, איז ער געווען פּונקט אַזוי ערפאָלגרייך אין באַגייסטערן

האָט דעמאָלט געאַרבייט אַלס אַ מאַשיניסט. אַלס אינגעל איז ער אַוועק אַרבייטען אין אַ מאַשין-שאַפּ בעת ער איז אַלט געווען פערצעהן יאָהר, און איז געקומען אין לאָנדאָן אין 1840 (וואו ער האָט געאַרבייט אין איין שאַפּ מיט סער הענרי דזשיימס, וועלכער איז דאַן געווען אַן אינזשיניר לעהרלינג), וואו ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פאָרמאַן. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין שטעלע, האָט ער געעפענט אַ שענק אין ראַדקליף און האָט זיך מייסטענטיילס אָפּגעגעבען מיט דער גרינדונג פון דער אַמאַלגאַמאַציע פון די אינזשענירן געזעלשאַפטען. אין 1825 איז ער פאַר אַ קורצער צייט געוואָרן דער סעקרעטער פון אַ קליינער פאַרזיכערונגס געזעלשאַפט. אין די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1852, איז ער געוואָרן אַ קאַנדידאַט פאַר דער פעסטונג-געגענד (טאַוער האַמלעטס). ביידע גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען געווען פיינדליך צו איהם, אָבער די וואָס האָבען געהויבען די הענט ביי די וואַהל-פאַרזאַמלונגען זיינען געווען פאַר איהם. ביים שטים-קאַסטען איז ער דורכגעפאַלען, ער האָט אָבער געצויגען 1,095 שטימען. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז ער געוואָרן דער אייגענטימער פון אַן ערפאָלגרייכער לאָקאַלער צייטונג, און איז ערוועהלט געוואָרן פון דער מייל ענד קירכען-געמיינדע אַלס איהר פאָרשטעהער אין דער לאָנדאָנער אַרבייטס-קאַמער (באָאָרד אָוו וואָרקס). ער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעהנסטע מיטגלידער פון דער דאָזיגער קערפּערשאַפט, אין וועלכער ער האָט געדיענט פון 1862 ביז 1876, פאַרנעהמענדיג דעם וויכטיגען אַמט פון געהילף-פאָרזיצענדען אין דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט, אין דער פייער-בריגאַדע און אַנדערע וויכטיגע קאָמיטעטען. אין 1868 איז ער ווידער אַרויסגעטראָטען אַלס קאַנדידאַט אין פעסטונג-געגענד, געגען די ליבעראַלען און קאָנסערוואַטיווען, קריגענדיג 2,890 שטימען; און אין 1875 האָט ער געקעמפט אין אַ שטיך-וואַהל אין איפּסוויטש, אָבער אָהן ערפאָלג. ער איז געשטאָרבען דעם 9טען מערץ 1876.

די אַרבייטער־מאַסען פאַר אַ גרויסער אידעע, ווי אין איבעררײדען די פאַרשטעהער און באַאַמטע פון קאָנקורירענדע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלען איינשטימען מיט די איינצעלהייטען פון זיין פּלאַן. זיין איינפלוס איז נאָך מעהר פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך זיין אויס־געפּרובירטער איבערגעבענקייט צו דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. אין 1848 האָט מען איהם אָפּגעזאָגט פון אַן ערשט־קלאַסיגער שטעלע אַלס אויפזעהער אין אַ גרויסען געשעפט צוליעב זיין טעטיגקייט אין פאַך־אָנגעלעגענהייטען, און אין די שפּעטערע יאָהרען איז זיין געשעפט אַלס שענקער שטאַרק אונטערגעגראָבען געוואָרן צוליעב דעם וואָס ער איז שטענדיג געווען פאַרנומען מיט די עסקים פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער הגם ער איז פון דעם ערשטען טאָג אַן געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון זיין יוניאָן, איז ער קיינמאָל, אַזוי ווייט ווי מיר ווייסען, ניט געווען קיין באַצאָהלטער באַאַמטער. ער שטעהט דעריבער אויפ'ן מיטען וועג צווישען די צופעליגע דילעטאַנטישע פיהרער פון דעם אַלטען טרייד יוניאָניזם און דעם נייעם קלאַס שטענדיגע באַצאָהלטע באַאַמטע, וועלכע בלייבען ענג פאַרבונדען מיט דער אַרבייט פון דער ביוראָ און קריגען אַ גענויע ערפאַהרונג אין די אַלע אייצנעלהייטען פון דער טרייד־יוניאָניסטישער אָרגאַניזאַציע.

בעת ניוטאָן האָט געהאַלטען אין צונויפברענגען אין איין רייה די לאָנדאָנער געזעלשאַפטען, האָבען די לאַנקאַשיירער אינ־זשינירען זיך באַוועגט אין דערזעלבער ריכטונג. נאָך אין 1839 האָט אַ „קאָמיטעט פון די אינזשיניר פאַכען" אין באָלטאָן אַגי־טירט צווישען די פאַך־גענאָסען פאַר דער גרינדונג פון „איין קאָנצענטרירטער יוניאָן"; און אין דעם פאָלגענדען יאָהר, אַ דאַנק דער ענערגיע פון אַלעקסאַנדער האַטשינסאָן, דער סעק־רעטער פון דער „פרענדלי יונייטעד סמיטהס אָוו גרייט בריטיין ענד איירלאַנד", איז אַ „פאַראייניגטע טריידס אַסאָציאַציע" גע־גרינדעט געוואָרן אין לאַנקאַשייר, וועלכע האָט אין זיך אריינ־גענומען די „פינף מעכאַניזם טריידס, דאָס הייסט, מעכאַניקער, שמידען, אייזענגיסער, אינזשינירען און מילענבויער". די ציעלען פון דער דאָזיגער אַסאָציאַציע זיינען מיט פעהיגקייט פאַרטיידיגט געוואָרן אין איהר אָרגאַן דעם „טריידס־דזשורנאַל", וועלכער איז

אַרויסגעגעבען געוואָרן, כדי אויסצוברייטען און „פאַרגרעסערן די טריידס־יוניאָנס בכלל אין גרויס בריטאַניע און אירלאַנד“.* דער פאַרזוך האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פריהצייטיג, און ערשט אין 1844 איז די באַלטאַנער אַרבייטער געלונגען צו גרינדען אַ פערמאַנענטע „שוץ־געזעלשאַפט“ („פראָטעקשאָן סאָסייעטי“), וועלכע איז באַשטאַנען פון דעלעגאַטען פון די געזעלשאַפטען פון שמידען, מילענבויער, אייזענגיסער, אינזשינירן און קעסעלמאַכער. באַגייסטערט דורך דעם ערפאָלג פון דער באַלטאַנער געזעלשאַפט אין איהר ווידערשטאַנד אַנטקעגען די פאַרשיידענע אונטערדריקונגען פון די בעלי־בתים, זיינען געמיינשאַפטליכע קאָמיטעטען פון אינזשינירן אַרבייטער געגרינדעט געוואָרן, צווישען 1844 און 1850, אין אַלע וויכטיגע צענטערס פון לאַנקאַשייר, און דער באַדען איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַ סיסטעמאַטישען פאַרזוך צו גרינדען אַ נאַציאָנאַלע אַמאַלגאַמאַציע.

די פיהרנדע ראָלע אין דער אַמאַלגאַמאַציע האָט געשפּיעלט די געזעלשאַפט, צו וועלכער ניוטאָן האָט געהערט. די „לאָקאָמאָטיווען אַרבייטער און מאַשינענמאַכער און מילענבויערס' פריינדליכע געזעלשאַפט“, מיט איהר הויפטקוואַרטיר אין מאַנטשעסטער, האָט דאָן אַריבערגעשטיגען די אַנדערע פאַך־געזעלשאַפטען מיט איהר מיטגלידערשאַפט און פאַרמעגען. געגרינדעט אין 1826, אַלס די „פריינדליכע יוניאָן פון מעכאַניקער“, האָט זי אין 1837 פאַרשלונגען אַ שטאַרקע יאָרקשיירער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט עקזיסטירט זינט 1822, און אַרום 1848 האָט זי געצעהלט זיבען טויזענד מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין אָפּטיילונגען איבער'ן לאַנד, און האָט פאַרמאָגט אַ רעזערוו פאָנד פון £27,000. דער שטילער וואוקס פון אַט דער יוניאָן, די לאַנגזאַמע פאַרפאָלקאָמונג פון איהר קאָנסטיטוציע דורך אָפטע דעלעגאַטען־פאַרזאַמ־

* דער דאָזיגער זשורנאַל געפינט זיך אין דער מאַנטשעסטער פאָלקס־ביבליאָטעק. דאָס איז געוועזען אַ גוט־געשריבענע צייט־שריפט פון זעכצעהן זייטען אָקטאַוואָ פאָרמאַט, וועלכע איז צוערשט ערשינען אַלע צוויי וואָכען און דערנאָך מאָנאַטליך און האָט געקאָסט צוויי פעניס. דער ערשטער נומער איז דאַטירט יולי 4, 1840.

לונגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען פון צייט צו צייט אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציג יאָהר, שטעהען אין א בולט'ן קאָנטראַסט מיט דער דראַמאַטישער ענטשטעהונג פון די צייטווייליגע אָרגאַניזאַציעס פון 1830—34. אָבער אַט די ארבייט פון אינערליכער אָרגאַניזאַציע, מיט דער שטופּענווייזער אויסאַרבייטונג פון דעם גרינטליכען פינאַנציעלען און אדמיניסט־ראַטיווען סיסטעם, וועלכער האָט שפּעטער געקראָגען זיין אָנער־קענונג אין דער קאָנסטיטוציע פון די אַמאַלגאַמירטע אינזשינירן, האָט קענטיג פאַרשלונגען די גאַנצע ענערגיע פון איהרע מיטגלי־דער אין די ערשטע פופצעהן יאָהר פון איהר עקזיסטענץ. אין די אַלע ארבייטער־קלאַס באַוועגונגען פון יענער פּעריאָדע האָט די געזעלשאַפט ניט געשפּיעלט וועלכע עס איז ראָלע, און מיר געפינען אויך ניט, אז זי זאָל זיך האָבען אָפּגעגעבען מיט וועלכע עס איז וויכטיגע קאַמפּען מיט די בעלי־בתים פון איהרע מיטגלידער. ענד־ליך, אין 1843, האָט א דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אויפגעפאָדערט די מיטגלידער אָרויסצוטרעטען קעגען דעם סיסטעמאַטישען איינ־פיהר צו אַרבייטען מעהר ווי די געוועהנליכע ארבייטס־צייט, און אין 1844 האָט די געזעלשאַפט, ווי מיר האָבען געזעהן, אַנטייל גענומען אין דער לאָנדאָנער באַוועגונג צו פאַרקירצען די אַר־בייטס־צייט. אין 1845 האָט זי זיך קענטיג געפיהלט שטאַרק גע־נוג אונטערצונעהמען אַ אַגרעסיווען קאַמף, און אַ דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אין יענעם יאָהר איז אַרויסגעטראָטען קעגען דער אָנשטעלונג פון פּראָסטע אַרבייטער ביי מאַשינען, קעגען דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט און דעם סיסטעמאַטישען אַרבייטען מעהר ווי די געוועהנליכע צייט. עס זיינען אָנגענומען געוואָרען שטרענגע רעזאָלוציעס, לויט וועלכע דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט אין מאַנטשעסטער איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו נעהמען א גיכע שטעלונג.* אין איינקלאַנג מיט דעם האָבען אין פאַרלויף פון

* פּראָטאָקאָלען פון דער דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אין מאַנטשעסטער, מאַי 12, 1844. אַן אויסגעצייכענטע באַשרייבונג פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, באַגרינדעט אויף דאָקומענטען, וועלכע זיינען מעהר ניט בנמצא, געפינט זיך אין אַן אַרטיקעל פון פּראָפעסאָר ברענטאַנאָ, אין

דעם פאָלגענדען יאָהר, ווי עס ווייזט אויס, פיעלע אָפּטיילונגען גלייכצייטיג געמאַכט אַ פאַרזוך איינצופיהרען די דאָזיגע תקנות. דאָס האָט געפיהרט צו געזעץ־פּראָצעסען מצד די בעלי־בתים אין בעלפאַסט, ראָטשדייל און ניוטאָן־לע־ווילאָוס, און די באַאַמטע פון דער געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט מעהר ווי אַ פּאָר צעהנדליג מיטגלידער, זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרען אין קאָנספּיראַציע און אומגעזעצליכער פאַראייניגונג.* דער פּראָצעס פון די זעקס־און־צוואַנציג אינזשינירען פון ניוטאָן־לע־ווילאָוס און די פאַראורטיילונג פון ניין פון זיי, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען סעלסבי, דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער גרויסער מעכאַניקערס׳ יוניאָן, האָט אָנגעמאַכט אַ סענסאַציע אין דער טרייד־יוניאָן וועלט און האָט בייגעטראָגען דערצו, אַז די קאָנקורירנדע געזעלשאַפטען אין אינזשינירינג טרייד זאָלען זיך דערנעהנטערן איינע צו די אַנדערע.

די פּראָגרעסיווע פּאַד־טאַקטיק פון דער „לאָקאָמאָטיווען אר־

דעם „נאָרטה בריטיש רעוויו“, אָקטאָבער, 1870, אונטער דעם נאָמען „דער וואוקס פון אַ טריידס־יוניאָן“.

* עקזעקוטיווער צירקולאַר, 1846, ציטירט אין די פאַרהאַנדלונגען פון „סעלסבי׳ס פּראָצעס“. צוויי אויספיהרליכע באַריכטען פון דעם פּראָצעס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען: „אַ ווערטערליכער באַריכט פון דעם פּראָצעס פאַר קאָנספּיראַציע פון סעלסבי און אַנדערע“ (ליווערפּול, 1847, 66 זייטען), אַרויסגעגעבען אויף דעם „אויפטראַג פון דער עקזעקוטיווע פון דער סטים־אינדזשין מייקערס׳ סאָסייעטי“! און אַ „דערצעהלונג א. אַז. וו. פון סעלסבי׳ס פּראָצעס“, (לאָנדאָן, 1847, 66 ז.).ביידע געפינען זיך אין דער מאַנטשעסטער פּאָבליק לייבראַרי, פּ. 2198. דער געזעצליכער באַריכט איז געדרוקט אין קאָקס׳ „קרוין פּראָצעסען“, ב. 5, ז. 496 א. וו. דער דאָזיגער פּראָצעס ווערט פיעל מאָל דערמאָנט אין די טריד־יוניאָן באַריכטען פון יענער צייט. אַלס אַ ביישפּיעל פון דער בייזוויליגקייט פון די קלעגער איז אָנגעמערקט געוואָרען, אַז די אָנקלאַגע האָט ענטהאַלט 4,914 פּונקטען, און האָט פאַרנומען זיבען־און־פופציג אַרשין אין לענג. וו. פּ. ראָבערטס האָט אָרגאַניזירט די פאַרטיידיגונג, וועלכע האָט דער יוניאָן געקאָסט £1,800. די פירמע, אין וועמעס פאַבריק דער שטרייט איז ענטשטאַנען, האָט אין אַ פּאָר יאָהר אַרום באַנקראָטירט.

בייטער און מאשינענמאכערס' געזעלשאפט", האט שטארק פארגרעסערט דעם איינפלוס, וואס איהר הויכער שטאנד אין פארמעגען און מיטגלידער האט איהר געגעבען איבער די פיעלע אנדערע פריינדליכע געזעלשאפטען אין די אינזשינירעריי פאכען. וויליאם אללען, א יונגער שאטלענדער, האט איבערגענומען סעלסבי'ס אמט אלס באצאהלטער גענעראל סעקרעטער. א נאהנטער פריינד און איבערגעבענער נאכפאלגער פון וויליאם ניוטאן, האט ער גיך ארויסגעוויזען אין דער פארוואלטונג פון זיין ארגאניזאציע די פעהיגקייט און די ענערגיע, וועלכע האט איהם אין די שפעטערדיגע יאהרען געגעבען די מעגליכקייט צו שפילען אזא וויכטיגע ראלע אין דער אלגעמיינער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג. די אומערמידליכע ארבייט פון די צוויי פיאנערן האט זעהר פיעל בייגעטראגען צו דעם פראצעס פון אמאלגאמירונג. די יעהרליכע מיטאגען און די פריינדליכע געזעלשאפטליכע פארזאמלונגען פון די געמיינשאפטליכע קאמיטעטען פון די לאנקאשירער אייזענפאכען ארגאניזאציעס זיינען געווען, ווי מיר דערוויסען זיך פון די ארכיוועז פון יענער צייט, געלעגענהייטען פאר פראפאגאנדיסטישע רעדעס, און זיי זיינען אויך בלי ספק אויסגענוצט געווארן פון את די פראקטישע ארגאניזאטארן צו געווינען די אנדערע ארבייטערפיהרער פאר זייערע פלענער. דער נאטיליכער מיסטרויען וואס דער גרויסער פראווינציעלער צענטער פון טרייד־יוניאניזם האט געפיהלט צו דער הויפטשטאדט, וועלכע האט זיך געמישט אין זיינע עסקים, איז באזייטיגט געווארן דורך אללען'ס פארשלאג, אז די געזעלשאפטען פון לאנקאשייר זאלען פאררופען א קאנפערענץ פון דעלעגאטען אין וואררינגטאן, אין מערץ 1850, בלויז פאר באראטונגען און דיסקוסיעס. אויף דער דאזיגער פארזאמלונג, אויף וועלכער עס זיינען געקומען די פארטרעטער פון דריי אדער פיער פון די גרעסערע געזעלשאפטען, האט זיך ניוטאנ'ען און אללענ'ען איינגעגעבען דורכצופיהרען די אלגעמיינע שטריכען פון זייער פלאן פון אמאלגאמאציע. אין פארלויף פון די נעקסטע זעקס חדשים זיינען די דאזיגע פארשלאגען געווארן די טעמא פאר גרינדליכע דיסקוסיעס אויף די פארזאמלונגען פון די געמיינשאפטליכע קאמיטעטען און די לאקאלע ארגאניזאציעס. אין דער אייגענער

צייט האבען די פיהרער געגרינדעט אין מאַנטשעסטער א וועכענטליכען זשורנאַל, מיט דעם אויסדריקליכען צוועק צו ארבייטען פאַר אמאַלגאַמירונג, אַנשטעלענדיג אַלס רעדאַקטאָר, אונטער א געשריבענעם קאָנטראַקט, דר. דזשאָהן וואַטטס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן גוט באַקאַנט אַלס איינער פון די פעהיגסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען פון קאָאָפּעראַציע. דער דאָזיגער זשורנאַל, דער „טריידס אדוואָקייט ענד העראַלד אָוו פּראָגרעס“, וועלכער, ווי עס איז באַהויפּטעט געוואָרן, איז געווען „געגרינדעט פון די אייזען־פאַכען“, האָט דיסקוטירט די מעלות פון פאַראייניגונג, און פאַר איין וועג געפּרעדיגט די לעהרען פון „פריי־האַנדעל“ און „קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע“.*

לאַנקאַשייר האָט באַקעהרט און שלום־געמאַכט, לאָנדאָן האָט איצט געקאָנט געהן ווייטער. אונטער ניוטאָנ'ס איינפלוס האָט דער לאָנדאָנער געמיינשאַפטליכער קאָמיטעט פאַררופען א צווייטע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג אין בירמינגהאַם, אין סעפּטעמבער 1850, וועלכע איז באַזוכט געוואָרן פון פאַרטרעטער פון זיבען אינזשינירן געזעלשאַפטען. אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז דער פּלאַן פון אמאַלגאַמאַציע ענדגילטיג אָנגענומען געוואָרן; און דער „צענטראַלער קאָמיטעט“ פון דער הויפּטשטאָדט איז באַאויפטראַגט געוואָרן, אַלס „צייטווייליגער קאָמיטעט“, אויסצואַרבייטען די פּרטים פון דעם איבערגאַנג פון דער אַלטער אָרגאַניזאַציע אין דער נייער קערפּערשאַפט. די טאַקטישקייט און די געשיקטקייט, מיט וועלכע אַללען און ניוטאָן האָבען דורכגעפיהרט זייער פּראָיעקט, קאָן מען בולט ארויסזעהן פון דעם אופן, ווי די פאַראייניגונג איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלע באַטייליגטע. עס איז ניטאָ קיין שפּור

---

* „דהי טריידס אַדוואָקייט ענד העראַלד אָוו פּראָגרעס“ איז געווען אַן אַכט זייטיגע וואָכענשריפט אין קוואַרטאָ פאָרמאַט, וועלכע האָט געקאָסט איין פּעני. דער ערשטער נומער טראָגט דעם דאַטום פון יוני, 1850. דער באַנד פון יוני ביז דעצעמבער, 1850, געפינט זיך אין דער מאַנטשעסטער פאָלקס־ביבליאָטעק (401 „אי“, 18). אַן אויסגעצייכענטער אַרטיקעל פון מר. דזשאָהן בוירנעט אין דער „ניוקאַסטל וויקלי קראָניקעל“, יולי 3, 1875, גיט אַ לעבהאַפטען בילד פון דעם קאַמף פאַר אַמאַלגאַמירונג.

פון פאַרדאַכט מצד די קלענערע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי וועלן ניט אַריינגענומען אין דער אַמאַלגאַמאַציע אויף גלייכע באַדינגונגען. די גאַנצע טרייד־יוניאָן וועלט, איינגעשלאָסען די „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו אינדזשינירס" גופא, איז געבליבען מיט דער טראַדיציע, אַז די דאָזיגע גרויסע אָרגאַניזאַציע איז געווען דער רעזולטאַט פון אַן עכטער אַמאַלגאַמירונג פון געזעלשאַפטען, וואָס שטעהען אויף אַ מעהר אָדער ווייניגער גלייכען שטאַנד. אין דער ווירקליכקייט איז אָבער פאָרגעקומען, אַז די געזעלשאַפט, וועלכע איז געפיהרט געוואָרן פון אַללען און ניוטאָן, האָט פאַרשלונגען איהרע קאָנקורענטען.* די נייע קערפּערשאַפט האָט אינגאַנצען איבערגענומען די אויספיהרליכע קאָנסטיטוציע, דעם פּלאַן פון געגענזייטיגער שטיצע, די פּאַר־טאַקטיק און אפילו דעם שטאַב פון באַאַמטע פון דער „דזשווירנעמען סטים־אינדזשין ענד מאַשין מייקערס ענד מיללרייטס' סאָסייעטי", וואָס האָט בייגעטראַגען מעהר ווי דריי־פערטעל פון דער מיטגלידערשאַפט, מיט וועלכע די אַמאַלגאַמאַציע איז געגרינדעט געוואָרען און האָט ווייטער עקזיסטירט, ביז צו די קלענסטע פּרטים אין די תקנות און רעגולאַציעס פון דער נייער אָרגאַניזאַציע.

די באַשלוסען פון די בירמינגהאַמער דעלעגאַטען זיינען ניט אָנגענומען געוואָרען אָהן פּראָטעסטען. אַ סך אָפּטיילונגען אין לאַנקאַשייר און אַנדערע ערטער זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען דער פּאָזיציע וואָס דער לאָנדאָנער קאָמיטעט האָט פאַרנומען, און זיינען צוריקגעשטאַנען פון דער אַמאַלגאַמאַציע. דער מאַנטשעסטער קאָמיטעט האָט אַרויסגעוויזען סמנים פון קנאה קעגען דעם אַריבערטראַגען דעם פּלאַץ פון דער פאַרוואַלטונג אין דער הויפּטשטאָדט. אָבער דער וויכטיגסטער חסרון איז געווען, וואָס די מאַסען פון דער „סטים־אינדזשין מייקערס' סאָסייעטי", אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז לויט דער מיטגלידער־צאָהל און פאָנדען געשטאַנען בלויז אַלס די צווייטע צו דער „דזשווירנעמען סטים־אינדזשין מייקערס' ענד מאַשין מייקערס' סאָסייעטי", האָבען ניט

* פּראָפעסאָר ברענטאַנאָ ווייזט אויף דעם אָן אין זיין אַרטיקעל אין דער „נאָרטה בריטיש רעוויו", וועלכען מיר האָבען שוין ציטירט.

געוואָלט צושטעהן. ניוטאָן און אַללע האָבען געהאַט ערפאָלג אין איבעררייִדען דער גאַנצער עקזעקוטיווע אַריינצוטרעטען אין דער אַמאַלגאַמאַציע, אָבער דער גרעסטער טייל פון די מיטגלידער האָבען רעבעלירט, און די אָרגאַניזאַציע האָלט נאָך אָן ביז איצט איהר באַזונדערע עקזיסטענץ. אַפילו אין ניוטאָנ'ס אייגענער געזעלשאַפט, אין וועלכע די הויפּט־פּרינציפּען פון דער אַמאַלגאַמאַציע זיינען אָנגענומען געוואָרן מיט גרויסע מאַיאָריטעטען, איז אַ גרויסע צאָהל פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען געבליבען געגנעריש געשטימט. דעם 6טען יאַנואַר, 1851, בעת דער צייטווייליגער קאָמיטעט האָט פאָרמעל איבערגענומען דעם אַמט אַלס „עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון דער פאַראייניגטער געזעלשאַפט", האָבען קוים 5,000 מיטגלידער פון די 10,500 וואָס זיינען געוועזען פאָרטראָטען אויף דער בירמינגהאַמער קאָנפערענץ, געצאָהלט צו דעם פאָנד פון דער אַמאַלגאַמאַציע.* פאַר אַ צייט פון עטליכע חדשים האָט דער ערפאָלג פון ניוטאָנ'ס אַמביציעזען פּלאַן אויסגעזעהן צווייפעלהאַפט. הגם לאָנדאָן איז איהם געקומען צו הילף, — בלויז איין קליינע אָרגאַניזאַציע איז געבליבען פון ווייטען, — זיינען די פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען אַריינגעקומען זעהר לאַנגזאַם. גאַנצע דריי חדשים זיינען פאַרבראַכט געוואָרן אין איבעררייִדונגען, איידער עס זיינען אַריינגעקומען אַזוי פיעל מיטגלידער אין דער אַמאַלגאַמאַציע, וויפיעל עס האָבען זיך געפונען אין דער גרינדונגס־געזעלשאַפט. דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונגען פון די לאָקאַמאָטיווען מאַכערס און שמידען געזעלשאַפטען האָבען באַשלאָסען געגען אַמאַלגאַמאַציע, הגם אַ סך פון זייערע אָפּטיילונגען האָבען

---

* דער אָרגאַן פון דעם „עקזעקוטיוו ראַט" איז געוועזען דער „אָפּערייטיוו" („פאַבריק־אַרבייטער"), אַ גוט געשריבענער וועכענטליכער זשורנאַל, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון ניוטאָנ'ען אין יאַנואַר, 1851. דער פּרייז איז צוערשט געוועזען 1½ פּענים, און שפּעטער 1 פּעני אַ נומער. די נומערן, וואָס זינען אַרויסגעגעבען געוואָרן ביז יולי 1852, וואַרשיינליך אַלע וואָס זיינען ערשינען, געפינען זיך אין בריטיש מוזעאום. ניוטאָן איז געוועזען דער רעדאַקטאָר און ער האָט געשריבען כמעט אַלע אַרטיקלען וועגען די אינזשינירן און וועגען טרייד־יוניאָנס אין אַלגעמיין.

זיך פון זיי אפגעריסען און אנגעשלאסען אן דער נייער געזעלשאפט. אבער ארום דעם סוף פון מאנאט מאי האט זיך די לאגע געענדערט. די איבערגעבליבענע אפטיילונגען פון דער „לאקאמאטיווען ארבייטער און מאשינען מאכערס און מילענבויערס' געזעלשאפט" האבען אפגעהאלטען א דעלעגאטען־פארזאמלונג, אויף וועלכער עס איז באשלאסען געווארן אויפצוגעבען די אפאזיציע צו אמאלגאמירונג; און ארום אקטאבער זיינען ניוטאן און אללען געשטאנען אין שפיץ פון א פאראייניגטער געזעלשאפט פון עלף טויזענד מיטגלידער, וועלכע האבען געצאהלט א שילינג א וואך בייטראג, די גרעסטע און מעכטיגסטע יוניאן וואס האט ווען ביז דאן עקזיסטירט אין די אינזשינירעריי פאכען, און האט ווייט אריבערגעשטיגען מיט איהר צאהל מיטגלידער, און נאך מעהר מיט איהר יעהרליכער הכנסה, אלע אנדערע פאך־געזעלשאפטען פון יענער צייט.*

די ערפאלגרייכע פארווירקליכונג פון דער אמאלגאמאציע איז באגלייט געווארן פון א קאמף מיט די ארבייטסגעבער, וועלכער האט צוגעשמידט די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער טרייד־יוניאניסטישער וועלט אויף דער נייער קערפערשאפט. די אגרעסיווע פאך־טאקטיק, וואס סעלסבי און אללען האבען איינגעפיהרט אין לאנקאשייר און ניוטאן אין לאנדאן, איז כסדר גוט־

* די גרעסטע און מעכטיגסטע צווישען די אנדערע יוניאנס פון 1851 זיינען געווען די פון די אייזענגיסערס און שטיינמויערערס, וועלכע האבען געצאהלט צו פיער ביז פינף טויזענד מיטגלידער. מען דארף געדענקען, אז די פריהערדיגע צייטווייליגע אסאציאציעס פון די באוועל־שפינערס און מינענארבייטער, וועלכע האבען אפט פאר א צייט געצאהלט זייערע מיטגלידער אין די צעהנדליגע טויזענדער, זיינען געווען אויסשליסליכע סטרייק־ארגאניזאציעס, מיט א בייטראג פון ניט מעהר ווי 1 פעני אדער 2 פענים א וואך. די ריזיגע ארגאניזאציעס פון 1830—34 האבען געוועהנליך אינגאנצען ניט געהאט קיין רעגעלמעסיגע בייטראגען; און זיי זיינען געווען אפהענגיג פון די ניט־רעגעלמעסיגע באשטייערונגען. א פאך־געזעלשאפט, וועלכע זאל, ווי די „אמאלגאמירטער אינזשינירס", זיין זיכער מיט א רעגעלמעסיגער הכנסה פון £500 א וואך, איז געווען א זאך וואס האט נאך ניט פאסירט.

געהייסען געווארן פון די דעלעגאטען־פארזאמלונגען פון דער געזעלשאפט און איז פארמעל אריינגענומען געווארן אין דעם באזיס פון דער גרעסערער ארגאניזאציע.* די מעהר ענערגישע אפטיילונגען האבען באלד זיך גענומען באנוצען מיט דער דאזיגער טאקטיק. אין 1851 האבען די ארבייטער אויף היבבערט און פלאט'ס גרויסער פאבריק אין אלדהאם ארויסגעשטעלט א רייהע פאדערונגען, ניט נאר פאר דער אפשאפונג פון ארבייט נאך דער געוועהנליכער צייט, נאר אויך וועגען ניט צולאזען „פראסטע ארבייטער און אנדערע ,ניט־געזעצליכע' מענשען" צו מאשינען. די פירמע היבבערט און פלאט און אנדערע בעלי־בתים האבען די דאזיגע פאדערונגען געמוזט נאכגעבען. די געהיימע פראטאקאלען פון דער לאנדאנער עקזעקוטיווע ווייזען קלאר, אז דער דאזיגער פארזוך צו פארטרייבען פראסטע ארבייטער פון מאשינען איז ניט גוטגעהייסען געווארן פון דער צענטראלער געזעלשאפט;** נאר אזוי ווי וויליאם ניוטאן, שוין א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, האט פארטראטען די אלדהאמער ארבייטער ביים איבערגעבען די דאזיגע פאדערונגען צו היבבערט און פלאטט, האבען די בעלי־בתים נאטירליך פארשטאנען, אז זיין האנדלונג איז געווען א דירעקטער רעזולטאט פון דער אמאלגאמאציע, און אין דעצעמבער 1851 האבען זיי פארמירט די „צענטראלע אסאציאציע פון ארבייטסגעבער פון פאבריק אינזשינירן" צו באקעמפען די יוניאן פון די ארבייטער.

אונטער דער צייט האט די לאנדאנער עקזעקוטיווע פארגעלעגט פאר דער גאנצער מיטגלידערשאפט א פארשלאג וועגען אפשאפען [illegible]ט סיסטעמאטישע ארבייטען נאך דער געוועהנליכער

---

* זעה די רעזאלוציעס פון דער בירמינגהאמער דעלעגאטען־פארזאמלונג פון די אייזען־פאכען, סעפטעמבער 28, 1850, אין דעם „טרייד־יוניאן אדוואקייט", נאוועמבער, 1850.

** דער באשלוס איז געווען: „אז די עקזעקוטיווע איז גרייט צו העלפען די אלדהאמער מיטגלידער מיט אלע איהרע כחות אפצושאפען די ארבייט נאך דער געוועהנליכער צייט, זי קאן אבער ניט צושטימען צו העלפען זיי אין באזייטיגען די ניט־געלערנטע ארבייטער פון די אויטאמאטישע מאשינען".

צייט און שטיק ארבייט, און האָט געקראַגען אַ כמעט איינשטי־מיגע צושטימונג פאַר אַ באַלדיגער דורכפיהרונג. אַ מאַניפעסט איז ארויסגעלאָזט געוואָרן צו די אַרבייטסגעבער, אין וועלכען די עקזעקוטיווע מאַכט באַקאַנט, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט בדעה אָפּ־צושאַפען, נאָך דעם 21טען דעצעמבער, 1851, שטיק־ארבייט און דאָס סיסטעמאַטישע ארבייטען מעהר ווי די געוועהנליכע צייט. די אַרבייטסגעבער האָבען געענטפערט מיט אַ חוצפּה'דיגער דע־קלאַראַציע אין דער „טיימס", אַז אַ סטרייק אין אירגענד וועלכער פאַבריק וועט באַגעגענט ווערן, אין זיבען טאָג ארום, מיט אַן אַלגע־מיינער אויסשליסונג אין דעם גאַנצען אינזשינירן טרייד. אויף דעם האָבען די אַרבייטער פאָרגעשלאָגען, אַז די פראַגע זאָל אי־בערגעגעבען ווערן צו אַ שיעדס־געריכט, און די בעלי־בתים האָ־בען דעם פאָרשלאָג איגנאָרירט. דעם 1טען יאַנואַר, 1852, האָבען די מיטגלידער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי" זיך ענט־זאָגט צו אַרבייטען נאָך דער געוועהנליכער צייט, און דעם 10טען האָבען די בעלי־בתים, ווי זיי האָבען געסטראַשעט, געשלאָסען יע־דע וויכטיגע מאַשין פאַבריק אין לאַנקאַשייר און אין לאָנדאָן.

דער קאַמף, וועלכער האָט געדויערט דריי חדשים, האָט מעהר פאַראינטערעסירט דעם אַלגעמיינעם עולם, ווי וועלכער עס איז פריהערדיגער קאַמף. די איינצעלהייטען פון דעם סטרייק זיינען באַשריבען געוואָרן, און די האַנדלונג פון די בעלי־בתים און די טאַקטיק פון דער יוניאָן זיינען באַשפּראָכען געוואָרן אין אַלע צייטונגען. די אַרבייטער האָבען געפונען אומגעריכטע פריינד אין דער קליינער גרופּע „קריסטליכע סאָציאַליסטען", וועלכע האָ־בען זיך מיט'ן גאַנצען הארצען אריינגעוואָרפען אין דעם קאַמף און האָבען אויף אַ גלענצענדען אופן געהאָלפען, ניט נאָר מיט באַדייטענדע געלד שטיצע,* נאָר אויך מיט בריעף אין די ציי־

* לאָרד גאָדריטש, ישפּעטער מאַרקיז אָוו ריפּאָן, האָט געשיקט דער עקזעקוטיווע אַן אָנווייזונג אויף פינף הונדערט פונט, כדי צו געבען איהר די מעגליכקייט אָנצוהאַלטען די סטרייק־שטיצע אין אַ קריטישען מאָמענט.

טונגען, מיט עפענטליכע פּאָרטראָגען און אַנדערע ערקלערונגען וועגען דער פּאָזיציע פון די אַרבייטער. די בעלי־בתים זיינען געבליבען איינגע׳עקשנ׳ט, באַשטעהענדיג ניט נאָר אויף דעם, אַז די אַרבייטער זאָלען אָהן באַדינגונגען צוריקציהען זייערע פאָדערונגען, נאָר אַז זיי זאָלען אויך אונטערשרייבען דעם גוט באַקאַנטען „דאָקומענט“, אָפּזאָגענדיג זיך פון זייער מיטגלידשאַפט אין דער יוניאָן. די קאַפּיטאַליסטען האָבען זיך פאַקטיש געשטעלט אויף דעם אַלטען שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטער הערשאַפט אין זייערע פאַבריקען און האָבען אויסדריקליך באַשטריטען דאָס רעכט פון די אַרבייטער צו נעהמען וועלכע עס איז קאָלעקטיווע שטעלונג.

אומגעאַכטעט אויף די £5,000 וואָס זיינען אריינגעקומען פון עפענטליכע בייטרעגע און די £5,000 פון אַנדערע פאַד־געזעלשאַפטען, איז די קאַסע וואָס די יוניאָן האָט געהאַט גאָר גיך אויסגעלעדיגט געוואָרן. די עקזעקוטיווע האָט זיך געהאַט אונטערגענומען צו שטיצען ניט נאָר איהרע אייגענע 3,500 מיטגלידער און די 1,500 מעכאַניקער, וואָס זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרן, נאָר אויך די 10,000 פּראָסטע אַרבייטער, וועלכע זיינען געבליבען אַרבייטסלאָז. אין אַנהויב פעברואר האָבען די בעלי־בתים געעפענט זייערע שעפער. אַרום מיטען מערץ איז דער אויסגאַנג פון קאַמף שוין געווען קלאָר; און אין פאַרלויף פון אַפּריל האָבען זיך די אַרבייטער אומגעקעהרט צו דער אַרבייט אויף די באַדינגונגען פון די בעלי־בתים. כמעט אַלע בעלי־בתים זיינען באַשטאַנען דאַרויף, אַז זייערע אַרבייטער זאָלען אונטערשרייבען דעם „דאָקומענט“, און די מייסטע פון זיי, אונטער דעם דרוק פון הונגער, האָבען זיך ניט־ווילענדיג אונטערגעגעבען; זיי האָבען אָבער ניט געהאַלטען זייער צוזאָג און האָבען די יוניאָן ניט פאַרלאָזען. ריכטער היוז, שרייבענדיג אין 1860 וועגען דעם דאָזיגען פאַל, באַצייכענט די האַנדלונג פון די אַרבייטער אַלס אומעהרליך און „אומפאַרגעבליך“; אָבער פיעלעס קאָן געזאָגט ווערן צו גונסטען פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס די עקזעקוטיווע פון דער אַמאַלגאַמאַציע האָט גענומען, ערקלערנדיג, אַז זיי און „יעדער אַרבייטער, וואָס האָט צוגעלעגט זיין האַנט צו דעם פאַרעכטליכען דאָקומענט, וואָס איז

אויף איהם אַרויפגעצוואונגען געוואָרן, זיינען געווען פּונקט אַזוי הילפלאָז, ניט האָבענדיג די ברירה, וואָס יעדער צד מוז האָבען ביים שליסען אַ קאָנטראַקט, ווי ווען מען וואָלט געשטאַנען איבער זיי מיט אַ רעוואָלווער און זיי געהייסען זיך אויסקלייבען צווישען טויט און ערנידערונג".*

אַ צוזאָג, וואָס ווערט אַרויסגעקראָגען אונטער אַזאַ מין „דרוק", טראָגט מיט זיך ווייניג געזעצליכע און נאָך ווייניגער מאָראַלע פאַרפליכטונג; און אויב אימיצען קומט צו בלאַמירן פאַר ניט האַלטען אַזאַ צוזאָג, דאַן מוזען ניט ווייניגער בלאַמירט ווערן די בעלי־בתים, וואָס האָבען געשטעלט די דאָזיגע פאָדערונג צו די אומגליקליכע קרבנות פון דעם אַרבייטער קאַמף, וועלכע זיינען געצוואונגען געווען איהר אָנצונעהמען.*

די דראַמאַטישע פּאַסירונגען פון 1852 האָבען געמאַכט די גרינ־

* עקזעקוטיווער צירקולאַר פון אַפּריל 26, 1852, געדרוקט אין „אַרבייטער", מאַי 1, 1852. אַ געוויסע צאָהל אַרבייטער האָבען זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבען דעם דאָקומענט, און פיעלע פון זיי האָבען אויסגעוואַנדערט. ע. וואַנסיטאַרט ניעל, האָט אויסגעליהען £1,030 פאַר דעם דאָזיגען צוועק צו מיטגלידער, וועלכע האָבען אַלע צוריקגעצאָהלט זייער חוב.

** פון דער רייכער ליטעראַטור וועגען יענעם גרויסען קאַמף איז ווערט צו דערמאַנען דעם „באַריכט פון מר. טאָמאַס (שפּעטער ריכטער) היוז, אין דער „רעפּאָרט אָן טרייד סאָסייעטיס" פון דער „סאָשעל סייענס אַסאָסיאיישאָן", 1860; מר. דזשיי מ. לודלאָו'ס לעקציעס, אונטער'ן נאָמען „די אינזשינירן־מייסטערס און זייערע אַרבייטער" (לאָנדאָן, 1852); אַ פּאַמפלעט „טאָר איך ניט טאָן וואָס איך וויל מיט מיין אייגענטום?", פון ע. וואַנסטיטאַרט ניעל; און די אויסזאָגונגען פון וויליאַם ניוטאָן (פאַר די אַרבייטער) און סידני סמיטה (פאַר די בעלי־בתים) פאַר דעם ספּעציעלען קאָמיטעט וועגען אַרבייטער און בעלי־בתים („עקוויטייבל קאָונסילס" א. אַז. וו.), אין 1856. די מאַניפעסטען פון די בעלי־בתים קאָן מען געפינען אין דער „טיימס" פון דעצעמבער 1851 ביז אַפּריל 1852; די אַרבייטער־דאָקומענטען און די באַריכטען פון זייערע פאַרזאַמלונגען — אין דעם „אַרבייטער", (רעדאַקטירט פון ניוטאָן), און אין נאָרטהערן סטאַר", וועלכער האָט דאַן געהאַלטען ביי זיין אונטערגאַנג.

דונג פון דער „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו אינזשענירס“ פאַר אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג. דער פאָלשטענדיגער זיעג, וואָס די בעלי־בתים האָבען געוואונען, האָט ניט פאַרניכטעט די אינזשינירן יוניאָן, ווי זיי האָבען געהאָפט. די אָרגאַניזאַציע איז פּאַקטיש קיינמאָל ניט שטאַרק צעטרייסעלט געוואָרן.* פאַרקעהרט, די עפענטליכקייט וואָס זי האָט געקראָגען דורך דעם קאַמף, האָט איהר אויפגעשטעלט אויף דער אָנגעזעהענסטער פּאָזיציע אין דער טרייד־יוניאָן וועלט. פון 1852 ביז 1889 האָט די פאָלקאָם אויסגעאַרבייטע קאָנסטיטוציע פון דער „אַמאַלגאַמירטער געזעלשאַפט פון אינזשינרן“ געדיענט אַלס מאָדעל פאַר אַלע נייע נאַציאָנאַלע פאַך אָרגאַניזאַציעס, בעת די אַלטע אָרגאַניזאַציעס האָבען שטופענווייז איבערגענומען איהרע הויפּט שטריכען. דעם אַרט, וואָס די באַוועל־שפּינערס און בוי־אַרבייטער האָבען פאַרנומען אין 1830—34, האָבען איצט פּאַקטיש פאַרנומען די אייזען־פאַכען.

דער „נייער מאָדעל“ וואָס איז אויף אַזאַ אופן אַריינגעבראַכט געוואָרן האָט זיך אונטערשיידט, סיי מיט זיינע מעלות סיי מיט זיינע חסרונות, פון דעם טיפּישען טרייד־יוניאָניזם פון דעם פריהער־דיגען דור. די מאַשיניסטען אָרגאַניזאַציעס האָבען ביז צו אַ געוויסען גראַד איבערגענומען בירושה די אויסשליסענדע טאַקטיק פון די אָרגאַניזאַציעס פון געלערנטע בעלי־מלאכות אין אָנהויב פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט. אין געגענזאַץ צו די „אַלגעמיינע טריידס־יוניאָנס“ פון 1830—34 האָבען זיי אַריינגענומען אַלס מיט־

* ביים סוף פון 1852 איז איהר מיטגלידערשאַפט געפאַלען פון 11,829 אויף 9,737 ; אָבער אַפילו דעמאָלט האָט זי געהאַט אַ באַלאַנס פון £5,382, און אין פאַרלויף פון דריי יאָהר איז די מיטגלידערשאַפט געשטיגען ביז 12,553, און דער אַלגעמיינער פאָנד האָט באַטראָפען £35,695, אַ סומע וואָס קיין אָרגאַניזאַציע האָט ביז דעמאָלט ניט פאַרמאָגט. און אַנדערש ווי די פריהערדיגע געזעלשאַפטען, איז איהר געשיכטע פון 1852 ביז צום היינטיגען טאָג געווען אַ געשיכטע פון כסדר'דיגען וואַקסען און ערפאָלג. ביים סוף פון 1892, נאָך אַן איין־און־פערציג יאָהריגער עקזיסטענץ, האָט זי געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון 71,000, מיט אַ פאַרמעגען פון £214,000.

גלידער בלויז אַזעלכע ארבייטער וואָס האָבען דורכגעמאַכט אַ גע־זעצליכע לערנצייט. זייערע פּראַקטאַקאַלען טראָגען מעהר די סמנים פון דעם אַלטען באַגריף וועגען דער געזעצליכער אײנקאָרפּאָרירונג פון באַזונדערע פאַכען, איידער פון וועלכער עס איז אַלגעמיינער יוניאָן פון „די פּראָדוקטיווע קלאַסען". דער ברייטהאַרציגער, אָבער אומפּראַקטישער „אוניווערסאַליזם" פון די אָוועניסטישע און טשאַרטיסטישע אָרגאַניזאַציעס איז פאַרביטען געוואָרן אויף דעם פּרינציפּ פון באַשיצען די ספּעציעלע אינטערעסען פון דעם בעל־מלאכה אין זיין פאַך. די איינלייטונג צו די תקנות פון דער מו־טער־געזעלשאַפט דריקט אויס דעם דאָזיגען הערשענדען געדאַנק דורך אַ קרעפטיגער אַנאַלאָגיע:

„דער יונגער מענש, וועלכער האָט דעם גוטען מזל און די נייגונג צוצוגרייטען זיך אַלס אַ ניצליכער מיטגליד פון דער גע־זעלשאַפט דורך שטודירען דאָקטאָריע, און וועלכער שטודירט די פּראָפעסיע מיט ערפאָלג, אַזוי אַז ער קריגט זיין דיפּלאָם פון דער מעדיצינישער שול אָדער מעדיצינישען אוניווערזיטעט, ערוואַרט נאַטירליך, אַז ער זאָל, ביז צו אַ געוויסען גראַד, זיין באַרעכטיגט צו פּריווילעגיעס, אויף וועלכע דער כלומר'שטער רופא קאָן ניט האָבען קיין צוטריט; און אויב אין זיין פּראַקטיצירען די דאָזיגע ניצליכע פּראָפעסיע געפינט ער זיך געשעדיגט פון אַזאַ כלומר'־שטען רופא, האָט ער די מאַכט צו פאַרפיהרען אַ פּראָצעס קעגען איהם. דאָס זיינען די מעלות וואָס זיינען פאַרבונדען מיט גע־לערנטע פּראָפעסיעס. אָבער דער מעכאַניקער, מעג ער אָפילו אויסגעבען כמעט אַזאַ פאַרמעגען און אָפּפערן אַזאַ טייל פון זיין לעבען ביים באַקענען זיך מיט די באַזונדערע צווייגען פון אַ ניצ־ליכען מעכאַניזם, ער האָט ניט קיין געזעץ וואָס זאָל באַשיצען זיינע פּריווילעגיעס".* ער ווערט דעריבער געטריבען זיך אָנצו־שליסען אַן דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטרעבט צו געווינען פאַר

---

* איינלייטונג צו די תקנות פון דער „דזשורנעמען סטים־אינדזשען, מאַשין מייקערס' ענד מיללרייטס' פרענדלי סאָסייעטי", אויפ־לאַגע פון 1845.

איהם דיזעלבע פראָטעקציע געגען די אַריינדרינגער אין זיין פאַך, ווי עס געניסען די מענשען פון די געלערנטע פראָפעסיעס.

דער דאָזיגער גייסט פון אָפּגעשלאָסענקייט האָט, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, געהאַט אַ צווייזייטיגע ווירקונג, ניט נאָר אויף דער געשיכטע פון דער אָרגאַניזאַציע אַליין, נאָר אויך אויף דער געשיכטע פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. אָבער די פאַך־באַוועגונגען פון יענער צייט האָבען ענטוועדער ניט באַמערקט, אָדער זיי האָבען ניט געקאָנט באַגרייפען די טענדענץ פון דעם דאָזיגען פאַרזוך אויפצוהאַלטען אָדער ווידער־אויפבויען אַן אַריסטאָקראַטיע פון געלערנטע בעלי־מלאכות. אויף די אַרבייטער האָט געמאַכט אַן איינדרוק ניט די פאַך־טאַקטיק, וועלכע האָט געבראַכט די נידערלאַגע פון 1852, נאָר דער אויסגעצייכענטער אויסגערעכענטער פינאַנציעלער און אַדמיניסטראַטיווער סיסטעם, וועלכער האָט מעגליך געמאַכט פאַר דער יוניאָן צו פאַראייניגען די פונקציעס פון אַ פאַך שוץ־געזעלשאַפט מיט די פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, און אויף אַזאַ אופן אַוועקשטעלען זיך אויף אַ פינאַנציעלען שטאַנד, פון וועלכען מען האָט ביז דאַן אַפילו ניט געחלום'ט. די צייט האָט באַוויזען, אַז די דאָזיגע קאָנסטיטוציע האָט געהאַט איהרע אייגענטימליכע חסרונות. אָבער פאַר מעהר ווי צוואַנציג יאָהר האָט קיין טרייד־יוניאָניסט ניט געצווייפעלט אין איהר גוטסקייט. און די שאַרפע קריטיק און היציגע זידלערייען וואָס זי האָט אַרויסגערופען פון בעלי־בתים און זייערע פאַרטיידיגער האָבען קענטיג נאָר געדיענט אַלס באַשטעטיגונג פון איהר ווירקזאַמקייט. מיר רעכענען דעריבער, אַז עס איז ווערט, כאָטש מיר ריזיקירן מיט אַריינברענגען לאַנגווייליגע איינצעלהייטען, צו שילדערן די הויפּט־שטריכען פון אָט דעם „נייעם מאָדעל“.

אין מערקווירדיגען געגענזאַץ צו די באַוועל־שפּינערס' און בוי־אַרבייטערס' יוניאָנס פון 1830—34, מיט זייערע אויסשליסליכע פאַך־ציעלען, זיינען די געזעלשאַפטען אין די מאַשין־פאַכען, פונקט ווי די פאַך־אָרגאַניזאַציעס פון די בעלי־מלאכות פון 18טען יאָהרהונדערט, ענטשטאַנען אַלס לאָקאַלע אונטערשטיצונגס־קלובען. די „דזשורנעמען סטים־אינדזשין מייקערס' סאָסייעטי“, צום ביישפּיעל, האָט פון אָנהויב פאַרזאָרגט איהרע מיטגלידער מיט אַר־

בייטלאָז־שטיצע, רייזע־הוצאות, באערדיגונגס־קאָסטען, און מיט אַ סומע געלד אויסגעצאָהלט אויף אַמאָל, אין פאַל איינער איז פאַראומגליקט געוואָרן און געבליבען אומפעהיג צו ארבייטען. אין 1846 האָט די אָרגאַניזאַציע נאָך איינגעפיהרט קראַנקען־אונטערשטיצונג און אביסעל שפּעטער אַ פּענסיע פאַר אַלטע מיטגלידער. די פאַרוואַלטונג פון די דאָזיגע אונטערשטיצונגס־געלדער איז פון אָנהויב געווען דער הויפּט־ציעל פון דער אָרגאַניזאַציע. מיט דער אויסברייטונג פון דעם לאָקאַלען אונטערשטיצונגס־קלוב אין אַ נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט, דורך דער וואַנדערונג פון זיינע מיטגלידער פון שטאָדט צו שטאָדט, האָט זיך אָנגעהויבען ארויסווייזען די גרויסע שווערקייט צו פאַראייניגען די לאָקאַלע אויטאָנאָמיע מיט אַ פּינקטליכער און עקאָנאָמישער פאַרוואַלטונג פון די גרויסע אונטערשטיצונגס פאָנדען. וואָרים די געזעלשאַפט, מוז מען געדענקען, איז ניט געווען קיין פעדעראַציע פון זעלבסטשטענדיגע קערפּערשאַפטען וועלכע האָבען געהאַט זייער באַזונדערן קאַסירער און האָבען בייגעטראָגען צו דעם צענטראַלען פאָנד זייער באַשטימטען חלק פון די הוצאות פון דער צענטראַלער ביוראָ: זי איז פון אָנהויב געווען אַן איינציגע אָרגאַניזאַציע מיט אַ געמיינשאַפטליכער קאַסע, אין וועלכער עס זיינען אריינגעקומען אַלע בייטראָגען און פון וועלכער עס זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרן אַלע הוצאות, ביז צו דער שרייב־פּאַפּיער און טינט, וואָס די סעקרעטערן פון די אָפּטיילונגען האָבען באַנוצט. די דאָזיגע קאָנצענטרירונג פון די פאָנדען האָט געהאַט די פּראַקטישע מעלה וואָס דאָס האָט געשאַפען אַ באַדייטענדען רעזערוו־פאָנד אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דער עקזעקוטיווע. אָבער כל זמן דאָס איז געווען פאַרבונדען מיט לאָקאַלער אויטאָנאָמיע, איז נאָך אַלץ מעגליך געווען, אַז איין אָפּטיילונג זאָל מיט אַ צו־פרייער האַנד אויסטיילען אונטערשטיצונג צו איהרע מיטגלידער, און אויף אַזאַ אופן פאַרטאָן אַ גרעסערע סומע, ווי זי איז על פּי יושר געווען בארעכטיגט, פון דעם געלד פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. און דעריבער געפינען מיר, אַז אין 1838, איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו צענטראַליזירן די פאַרוואַלטונג, דורך פאַרוואַנדלען די לאָקאַלע באַאַמטע פון אַנגעשטעלטע ביי די אָפּטיילונגען אין אַגענטען פון דער צענטראַלער

אויטאָריטעט. די איינגעבאָרענע ליעבע פון דעם ענגלישען בעל־מלאכה צו זעלבסט־פאַרוואַלטונג האָט באַזיעגט דעם דאָזיגען פּלאַן, וועלכער וואָלט אומפאַרמיידליך געפיהרט צו לאָקאַלער אַפּאַטיע און פאַרדאַכט, אויב ניט צו גרעסערע איבלען. עפּעס אַן אַנדערע מעטאָדע האָט געמוזט אויסגעפונען ווערן, ווי אַזוי צונויפצופּאָרן לאָקאַלע אויטאָנאָמיע מיט צענטראַליזירטער פינאַנץ.

אונטער דער קאָנסטיטוציע,* וואָס די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט“ האָט איבערגענומען פון די „לאָקאָמאָטיווען אַרבייטער, מאַשינען מאַכערס און מילענבויערס“, געפינען מיר דעם דאָזיגען פּראָבלעם געלייזט מיט באַדייטענדען שאַרפזין. די אָפּטיילונג ערוועהלט און קאָנטראָלירט איהרע אייגענע לאָקאַלע באַאַמטע, אָבער זי האַנדעלט אין אַלע פאַלען לויט די תקנות, וועלכע שרייבען אויספיהרליך פאָר ווי צו האַנדלען אין יעדען פאַל. די פינאַנציעלע אויטאָנאָמיע פון דער אָפּטיילונג איז אָבער געווען מעהר לפנים, ווי אין דער ווירקליכקייט. קיין פּעני האָט ניט געטאָרט אויסגעגעבען ווערן, סיידען עס איז אין איינקלאַנג מיט די פּינקטליכע תקנות. די אָפּטיילונג האַלט ביי זיך איהר אייגען געלד. עס איז אָבער דאָס אייגענטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און

* אָט דער „אויסגלייכונגס“־פּלאַן איז, אַזוי ווייט ווי מיר ווייסען, אייגענטימליך פאַר טריידיוניאָנס, הגם לעצטענס, ווי מיר זעהען אַרוים פון דר. בערנרייטער'ס „ענגלישע אַסאָציאַציעס פון אַרבייטס־מענער“, זייטען 284—283, האָבען אייניגע אָפּטיילונגען פון געוויסע אונטערשטיצונגס געזעלשאַפטען אייגעפיהרט ביי זיך אַן עהנליכען סיסטעם. דער אורשפּרונג פון דער דאָזיגער פאַרוואַלטונגס־מעטאָדע איז אונז אומבאַקאַנט, אָבער לויט דער טראַדיציע ווערט זי צוגעשריבען צו דער „דזשוירנעמען סטים־אינדזשען ענד מאַשין מייקערס' ענד מיללרייט סאָסייעטי“, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1826. זי איז אויך פריהער באַנוצט געוואָרן פון דער „סטים־אינדזשין מייקערס' סאָסייעטי“, געגרינדעט אין 1824. ביז דעם „טריידיוניאָן אַקט“ פון 1871, האָט זי געהאַט אַ פּאָזיטיווען געברויך. אַזוי ווי די טריידיוניאָנס זיינען געווען אָפּהענגיג אָן דער עהרליכקייט פון זייערע באַאַמטע, איז עס געווען אַ גרויסע מעלה וואָס די געלדער זיינען געווען צעטיילט און די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער זיכערקייט פון זייער טייל פון דער קאַסע.

צום סוף פון יעדען יאהר ווערן די באַלאַנסען „אויסגעגליכען" דורך אַ קאָמפּליצירטען סיסטעם פון אריבערשיקען געלד פון איין צווייג צו אַ צווייטען, לויט דער פאַראָרדנונג פון דער צענטראַלער עקזעקוטיווע, אַזוי אַז יעדע אָפּטיילונג פאַנגט אַן דעם יאָהר מיט אַ גלייכער סומע פאַר יעדען מיטגליד. דער אומגעלומפּערטער פּלאַן פון יעהרליכען אויסגלייך איז געווען אַן ערפינדונג וואָס מען האָט אָנגענומען כדי אויפצוהאַלטען דאָס געפיהל פון לאָקאַלער זעלבסט-פאַרוואַלטונג אונטער אַ שטרענג צענטראַליזירטען פי־נאַנץ-סיסטעם. יעדער מיטגליד האָט געקאָנט אַפּעלירן צום צענטראַלען עקזעקוטיוו ראַט קעגען דער ענטשיידונג פון דער אָפּ־טיילונג. די ענטשיידונג פון דעם ראַט, אין אַלע פראַגען בנוגע געגענזייטיגער שטיצע, זיינען אָבער געווען שטרענג באַגרענעצט אויף דער אויסטייטשונג פון די עקזיסטירנדע געזעצען פון דער גע־זעלשאַפט. די דאָזיגע תקנות, וועלכע האָבען איין זיך ענטהאַלטען די קאָנסטיטוציאָנעלע פּונקט ווי די פינאַנציעלע געזעצען, האָבען ניט געקאָנט געענדערט ווערן, סיידען פון אַ ספּעציעל איינ־באַרופענער פאַרזאַמלונג פון דעלעגאַטען פון יעדען באַצירק. דערצו איז נאָך אַ ספּעציעלע באַוואָרעניש געמאַכט געוואָרן קעגען דער געפאַהר פון איבעראייליטער אָדער שלעכט-באַרעכענטער געזעצ־געבונג אַפילו פון אָט דער העכסטער אויטאָריטעט. קיין אויסבעסע־רונג טאָר אַפילו ניט באַטראַכט ווערן, אויב זי איז ניט פאָרגעלעגט געוואָרן פאַר אַלע אָפּטיילונגען מיט זעקס וואָכען איידער די דע־לעגאַטען פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען און איז דערנאָך אויספיהר־ליך דיסקוטירט געוואָרן פון די מיטגלידער ביי צוויי גענעראַל־פאַרזאַמלונגען, ספּעציעל איינבאַרופען פאַר דעם דאָזיגען צוועק. יעדער דעלעגאַט איז אויף אַזאַ אופן געקומען ערפילען זיינע גע־זעצגעבערישע פליכטען מיט אַ דירעקטען און זאָגאַר דעטאַלירטען מאַנדאַט פון זיינע וועהלער. נאָך מעהר, עס איז אויסדריקליך פאַרזאָרגט געוואָרן, אַז קיין אונטערשטיצונג זאָל ניט אָפּגעשאַפט ווערן, סיידען די ענטשיידונג פון דער דעלעגאַטען-פאַרזאַמלונג וועגען דעם איז גוטגעהייסען געוואָרן דורך אַ מאַיאָריטעט פון צוויי־דריטעל ביי אַן אָפּשטימונג פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעל־שאַפט. אַלס אַן אונטערשטיצונגס-געזעלשאַפט איז די אַסאָציאַציע

דעריבער באַשטאַנען פון אַ צאָהל־זעלבסט־פּאַרוואַלטענדע אָפּטיילונגען, וועלכע פיהרן זיך לויט די פאָרשריפטען פון אַ דעטאַלירטען קאָדעקס און זיינען אונטערוואָרפען, אין זיין אויסטייטשונג, אונטער אַ צענטראַלער עקזעקוטיווע.

אַלס אַ טרייד־יוניאָן, אין געגענטייל, איז די אַסאָציאַציע פון אָנהויב אָן געווען אַ העכסט צענטראַליזירטע קערפּערשאַפט. דער גרויסער ציעל פון דער אַמאַלגאַמירונג איז געווען, איינצופיהרן איינפאָרמיגקייט אין פאַך־טאַקטיק און צו העלפען די אויסגלייכונג פון דעם, וואָס די עקאָנאָמיסטען רופען „רעאַל־לוין" * איבער'ן גאַנצען לאַנד. האַבענדיג דאָס אין אויג, האָט די צענטראַלע עקזעקוטיווע שטענדיג געהאַלטען די אַבסאָלוטע מאַכט צו באַוויליגען אָדער צוריקהאַלטען סטרייק־געצאָהלט. קיין מיטגליד האָט ניט געקאָנט קריגען קיין סטרייק־שטיצע פון זיין אָפּטיילונג, סיידען אויף דער אויסדריקליכער פאָראָרדנונג פון דער עקזעקוטיווע. אַזוי ווי עס איז אָבער נויטיג געווען צו זיין באַקאַנט מיט די לאָקאַלע באַדינגונגען ביי דער ענטשיידונג פון פאַך־פראַגען, זיינען צוזאַמען מיט דער אַמאַלגאַמאַציע איינגעפיהרט געוואָרן „דיסטריקט"־קאָמיטעטען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פאָרשטעהער פון די אָרומיגע אָפּטיילונגען אין דער נאָכבאַרשאַפט. די דאָזיגע קאָמיטעטען האָבען גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן מיט דער פאַרוואַלטונג פון געגענזייטיגער שטיצע, וואָס איז געווען, ווי מיר האָבען געזעהן, די אויפגאַבע פון יעדער אָפּטיילונג. זייער פונקציע איז געווען אויפצופּאַסען אויף די אָרטיגע אינטערעסען פון פאַך, אַכטונג צו געבען, אַז די אַרבייטער זאָלען ניט געקריוודעט ווערן און צו ראַטען דער עקזעקוטיווע ביים אויסטיילען סטרייק־שטיצע. אין געגענזאַץ צו די אָפּטיילונגען האָבען זיי ניט געהאַט קיין זעלבסטשטענדיגע אויטאָריטעט, און מען האָט פון זיי ערוואַרט, אַז זיי זאָלען שטרענג דורכפיהרן די פאָראָרדנונגען פון דער הויפּט־פאַר־

* דאָס מיינט צו זאָגען, די לאָקאַלע אונטערשיידען אין די קאָסטען פון לעבענסמיטעל זיינען שטענדיג גענומען געוואָרן אין באַטראַכט.

וואַלטונג, צו וועלכער זיי האָבן געדאַרפט רעגעלמעסיג צושיקן זייערע פּראָטאָקאָלן פאַר באַשטעטיגונג.

ניט ווינציגער איינדרוקספול ווי די דאָזיגע אויספיהרליכע קאָנסטיטוציע, מיט איהר סיסטעם פון קאָנטראָל און געגען־קאָנטראָל, איז אויך געווען די גרויסקייט פון דער פינאַנץ־פיהרונג פון דער נייער געזעלשאַפט. דער הויכער בייטראַג פון אַ שילינג אַ וואָך, וואָס איז געצאָהלט געוואָרן מיט אַן אומפאַרגלייכליכער רע־געלמעסיגקייט פון אַ וואַקסענדער מיטגלידערשאַפט, האָט אַריינגע־בראַכט אַ הכנסה, וואָס האָט איבערגעשטיגען די ווילדסטע חלומות פון פריהעריגע טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס און האָט מעג־ליך געמאַכט פאַר דער געזעלשאַפט צו באַגעגענען יעדען לאָקאַלען נויט־פאַל אָהן גרויס אַנשטרענגונג. אַ גרויסער טייל פון דער הכנסה איז פאַרשלונגען געוואָרן פון די הוצאות אויף געגענזייטי־גע אונטערשטיצונגען, וועלכע זיינען צו יענער צייט געצאָהלט גע־וואָרן אין אַזעלכע סומען, וואָס די געזעלשאַפטען אין אַנדערע פאַכען האָבען גאָרניט געוואוסט. און ווען עס איז געוואָרן באַ־וואוסט, אַז דער בייטראַג פון אַ שילינג אַ וואָך האָט געדעקט ניט נאָר די אַלע נויטיגע הוצאות, נאָר האָט אויך איבערגעלאָזט אַ וואַקסענדען באַלאַנס, וואָס האָט געקאָנט באַנוצט ווערן פאַר סטרייק־שטיצע, איז די אויפרעגונג פון די בעלי־בתים אַריבערגע־שטיגען אַלע גרעניצען. פאַר אַ לאַנגער צייט איז די פאַראייניגונג פון געגענזייטיגער שטיצע מיט די פאָנדס פאַר טרייד־פּראָטעקציע, וואָס ווערט איצט באַטראַכט אַלס גאַרנטיע פאַר אַ פרידליכער טרייד־יוניאָניסטישער טאַקטיק, ערקלערט געוואָרן אַלס אַ ניט־עהרליכער פאַרזוך צו סובסידירען סטרייקס אויף דעם חשבון פון דעם אומשולדיגען, וואָס צאָהלט זיינע בייטראַגען צו דער געזעל־שאַפט זיך צו פאַרזיכערן אין פאַל פון קראַנקהייט, פון אומגליק און אויף דער עלטער.*

* אַזעלכע פּראָטעסטען געפינען זיך אָפט אין די אויסזאָגונגען פאַר דער „קעניגליכער קאָמיסיע“ פון 1867—68, און זיי שטעלען מיט זיך פאַר דעם הויפּט־פּונקט אין די אומצעהלבאַרע קריטיקען אויפ'ן טרייד־יוניאָניזם צווישען 1852 און 1879. אַ גוטע פאַרטיידיגונג פאַר

און ניט קיין קלענערן אַנגעזועהענעם קאָנטראַסט צו דער אַלגעמיין אַנגענומענער טראַדיציע פון טרייד־יוניאָניזם איז געווען די עפענטליכקייט, וואָס די „אַמאַלגאַמייטעד אינדזשענירס" האָט פון אָנהויב אָן געזוכט. מעכטיגע געזעלשאַפטען, ווי די עקזיסטירענדע „יוניאָן פון שטיינמויערער", האָבען צווישען 1834 און 1850 געהאַט אויסגעאַרבייט אַ קאָנסטיטוציע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַזוי דויערהאַפט ווי די פון די „אַמאַלגאַמירטע אינזשינירען", הגם זי איז געווען עטוואָס פאַרשיידען אין איהר כאַראַקטער. אָבער דער אַלטער געפיהל פון געהיימניספולקייט האָט נאָך אַלץ באַהערשט סיי די פיהרער און סיי די געוועהנליכע מיטגלידער. דעם „צווייוועכענטליכען צירקולאַר" * פון די שטיינמויערער, וועלכער, ערשייענדיג רעגעלמעסיג ווי ער איז ערשינען זינט 1834, שטעלט מיט זיך אפשר פאַר דעם ווערטפולסטען איינצעלנעם אַרכיוו פון טרייד־יוניאָן באַוועגונג, האָט מען קיינמאָל אין ערגעץ ניט געזעהן, אַ חוץ אויף דעם פּלאַץ פון די פאַרזאַמלונגען פון די אָפּטיילונגען. ביי דער קעניגליכער קאָמיסיע פון 1867—68 האָבען די עדות פון די בעלי־בתים זיך ביטער געקלאָגט אויף דעם, וואָס עס איז זיי אוממעגליך געווען צו קריגען קאָפּיעס פון דער דאָזיגער אויסגאַבע און פון אַ עהנליכען פּעריאָדישען צירקולאַר פון דער „בריקלייערס' סאָסייעטי".** אַזוי שפּעט ווי אין 1871, געפינען מיר, אַז געוויסע יוניאָנס באַנוצען עס אַלס אַרגומענט קעגען דעם זוכען געזעצליכע אַנערקענונג, ווייל דאָס וועט זיי אונטערוואַרפען צו עפענטליכקייט.

דער טרייד־יוניאָניסטישער פּאָזיציע געפינט זיך אין פּראָפעסאָר ביסלי'ס אַרטיקעל אין דעם „פאָרטנייטלי ריוויו", 1867, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אַלס אַ בראָשורע, „דהי אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס" (לאָנדאָן, 1867, 20 זייטען).

* די זעלטענע זאַמלונג פון אַט די צירקולאַרן, וועלכע ענטהאַלט ניט נאָר סטאַטיסטישע און אַנדערע אינפאָרמאַציעס פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויך אָפטע אָנדייטונגען אויף די בוי־פאַכען אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג איז אונז גרויסמוטיג אָנגעטרויט געוואָרן פאַר דעם דאָזיגען ווערק, און מיר האָבען זי געפונען פאַר העכסט וויכטיג.

** זעהט, למשל, די אויסזאָגונגען פון מאַולט, פראַגען 3980 אין דעם צווייטען באַריכט, און 4086 אין דעם דריטען באַריכט.

די פיהרערס פון די אינזשינירען האבען, פארקערט, געגלויבט אין דער קראפט פון רעקלאמע. מיר האבען שוין אָנגעמערקט אויף די צוויי צייטונגען, וועלכע ניוטאן און אללען האבען אַ קורצע צייט ארויסגעגעבען אין 1850 און 1851—52 מיט דעם אויסדריקליכען צוועק פון באַקאַנט מאכען די געזעלשאפט און איהרע ציעלען. אַ סך יאהרען נאך דער אמאלגאמירונג איז עס געווען אַ רעגעלמעסי־גער איינפיהר צוצושיקען צו דער פּרעסע, צום פּערפענטליכען אַדען געבען אַ קריטישען איבערבליק, אַלע מאָנאַטליכע, פּערטעל־יעהרליכע און יעהרליכע באריכטען, ווי אויך די מעהר וויכטיגע צירקולארען וואָס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען פאר די מיטגלי־דער. פּארטרעטער זיינען געשיקט געוואָרען צו דער „קאָנפערענץ וועגען קאפּיטאל און ארבייט“, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען פון דער „סאציאַלע וויסענשאפט אסאציאציע“ פון 1859 און ווייטער. ניוטאן און אללען האבען, ווי עס ווייזט אויס, זיך פאַקטיש אָנגע־כאַפּט אָן יעדער געלעגענהייט צו שרייבען בריעף צו די צייטונ־גען, לייענען רעפעראטען און געבען לעקציעס וועגען דער אָרגאַ־ניזאציע, וואָס זיי האבען געגרינדעט.

עס איז גרינג צו פארשטעהן דעם גרויסען איינפלוס וואָס אַט דער „נייער מאָדעל“ האט אויסגעאיבט אויף דער טרייד־יוניאָן וועלט אין די נעקסטע צוואנציג יאהר. זיין וויכטיגסטע נאכאה־מונג איז געווען די „אמאלגאמייטעד סאָייעטי אָוו קארפּענטערס“, וועלכע, ווי מיר וועלען זעהן, איז ענטשטאנען פון דעם גרויסען לאָנדאָנער סטרייק אין 1859—60. אין 1866 האבען זיך די שניידערס צונויפגעגאסען אין אַן „אמאלגאמירטער געזעלשאפט“, וועלכע האט אָנגענומען, כמעט אָהן ענדערונגען, דעם גאַנצען קאָדעקס פון די אינזשינירן, און אין 1869 האט די לאָנדאָנער שריפטזעצער גע־זעלשאפט באשטימט אַ ספּעציעלען קאָמיטעט, וואָס זאָל צושטעלען אַ באריכט וועגען „דער קאָנסטיטוציע און טעטיגקייט פון די אמאלגאמירטע טריידס“, מיט דער כונה נאָכצוטאָן דאָס אייגענע אין דער דרוק־אינדוסטריע, — אַ כונה וועלכע איז ניט דורכגע־פיהרט געוואָרן, ניט אכטענדיג אויף דעם גינסטיגען כאראקטער פון דעם באריכט. עס איז כמעט ניט געוועזן קיין איין פאך, וואָס האט ניט, צווישען 1852 און 1875, פּרובירט ענטוועדער נאָכמאכען

די קאָנסטיטוציע פון דער „אמאַלגאַמייטעד אינזשענירס“ אָדער אריינגעהמען איינעם אָדער מעהרערע פון איהרע כאַראַקטעריס־טישע שטריכען.

די פינף אָדער זעקס יאָהר נאָך דעם צוזאַמענבראָך פון דעם גרויסען „לאָק־אוט“ פון 1852, הגם זיי שטעלען מיט זיך פאָר אַ פעריאָדע פון שטילען פראָגרעס אין געוויסע געזעלשאַפטען, דער־צעהלען דעם היסטאָריקער פון דער אַלגעמיינער טרייד־יוניאָן באַ־וועגונג כמעט גאָרנישט. נאָך די שווערע קאָמערציעלע קריזיסען פון 1846—49 זייען געקומען זיבען יאָהר, אין וועלכע מסחר האָט זיך געהאַלטען אין פאַרשפּרייטען, און עס זיינען ניט געווען קיין געלעגענהייטען פאַר אַלגעמיינע לוין־פאַרקלענערונגען. די רעאַק־ציע קעגען די געוואַגטע פּראָיעקטען פון די טרייד־יוניאָנס פון 1834 האָט נאָך אַלץ ענטמוטיגט אפילו פעדעראַטיווע אַרויסטרעטונגען.*
בעת דער פּאָלשטענדיגער דורכפאַל פון דעם קאַמף פון די אינזשי־נערן, — וועלכער איז באַגלייט געוואָרן אין 1853 פון דעם אומגליק־ליכען סטרייק פון די פרעסטאָנער באַוועל־שפּינער פאַר אַ צעהן־פּראָצענטיגער לוין־העכערונג, פון דעם ניט־געלונגענעם קאַמף פון די קידערמינסטער טעפּיד־וועבער און פון דעם שרעקליכען און פרוכטלאָזען קאַמף פון די דאָולעיסער אייזענאַרבייטער, — האָט פאַרגרעסערט דעם ווידערווילען פון די יוניאָנס צו אַגרעסיווע פאָך־קאַמפען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. די שלעכטע רעפּוטאַציע וואָס סטרייקס האָבען געקראָגען איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דער פאַרשפּרייטונג פון די פּרינציפּען פון אינדוסטריעלער קאָאָפּע־ראַציע אונטער די מעהר־אויפגעקלערטע אַרבייטער. אָט די נייע ענטוויקלונג פון אָוועג׳ס לעהרען האָט אָנגענומען צוויי פאָרמען; און ביידע, פאַרשפּאָרען מיר כמעט צו זאָגען, זיינען געווען פונ־דאַמענטאַל פאַרשיידען פון דעם אָוועניזם פון 1834. אין לאַנקאַ־

---

* די „נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פון פאַראייניגטע פאַכען“ האָט נאָך, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, עקזיסטירט אין נאָמען ביז 1860, אָבער נאָך 1852 איז זי אַרונטערגעזונקען צו אַ מיטגלידשאַפט פון עט־ליכע טויזענד, און האָט פאַקטיש קיין ראָלע ניט געשפּיעלט אין דער טרייד־יוניאָן וועלט.

שייר האָט דער ערפאָלג פון די „ראָטשדיילער פיאָנערן“, געגרינדעט אין 1844, געפיהרט צו דער שנעלער אויסשפּרייטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער קראַם פון דער געזעלשאַפט פון געברויכער פאַר דער באַזאָרגונג פון זייערע אייגענע באַדערפעינישען. ביז צו אַ געוויסען גראַד האָבען די מוטיגע פיהרער פון די לאַנקאַשיירער און יאָרקשיירער ארבייטער אויפגעגעבען די אָרגאַניזירונג פון פאַך־אָרגאַניזאַציעס און האָבען געגרינדעט קאָאָפּעראַטיווע שעפּער און קאָרן־מילען. אין דער אייגענער צייט האָבען די „קריסטליכע סאָציאַליסטען“ פון לאָנדאָן אויפגענומען די אידעע פון בושעז און די פּאַריזער פּראָיעקטען פון 1848, און האָבען מיט אַ כמעט אַפּאָסטאָלישער באַגייסטערונג געפּרעדיגט די גרינדונג פון פּראָדוצירער־געזעלשאַפטען, אין וועלכע אַרבייטער־גרופּען האָבען געזאָלט ווערן זייערע אייגענע בעלי־בתים.*

דער גרויסמוטיגער ענטוזיאַזם, מיט וועלכען די „קריסטליכע סאָציאַליסטען“ האָבען זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם קאַמף פון די אינזשינירען, זייער אויפריכטיגע איבערגעבענהייט צו די אַרבייטער־אינטערעסען, האָט געמאַכט זייערע פּלענער פון זעלבסט־פאַרוואַלטענדע ווערק־שעפּער שטאַרק באַליעבט. אומצעהליגע קליינע אונטערנעמונגען זיינען אָנגעפאַנגען געוואָרען פון אינזשינירען אַרבייטער, מעבעלמאַכער, שניידער, שוסטער און הוטמאַכער, אין דער הויפּטשטאָדט און אין אַנדערע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן; און עטליכע יאָהר צייט האָבען די עקזעקוטיווס און קאָמיטעטען פון די פאַרשיידענע יוניאָנס געזוכט אַריבערצוויאָגען איינע די אַנדערע מיט זייער רעקאָמענדירען צו די מיטגלידער קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציע. עס איז אָבער גיך קלאָר געוואָרען, אַז די דאָזיגע נייע פאָרם פון קאָאָפּעראַציע איז ניט געווען צוגעפּאַסט אַלס אַ הילף אָדער ענטוויקלונג פון דער טרייד־יוניאָן, נאָר אַלס אַ נייע פאָרם פון אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע. וואָרים די קריסטליכע סאָציאַליסטען, אין געגענזאַץ צו די אָווענניסטען פון 1834, האָבען

---

* אַ מעהר אויספיהרליכע אָפּהאַנדלונג וועט מען געפינען אין „די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין גרויס בריטאַניע“ (לאָנדאָן, 1891, צווייטע אויפלאַגע, 1893), פון ביטריס׳ פּאָטער.

זיך גאַר ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז די גאַנצע סומע לוין־פאַר־דינער, אָרגאַניזירט אין אַן אָפּגעשלאָסענער געמיינדע, אָדער פּאָל־שטענדיגער טרייד־יוניאָן, זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם פּראָפיט־מאַכענדען אונטערנעהמער. זיי האָבען בלויז געזוכט צו פאַרבייטען דעם פּלאַץ פון דעם אינדיווידועלען קאַפּיטאַליסט דורך זעלבסט־פאַרוואַלטענדע קערפּערשאַפטען פון פּראָפיט־מאַכענדע אַרבייטער. אַ געוויסע צאָהל היציגע גייסטער צווישען די אַרבייטער אין לאָנדאָן און אין דער צפון־געגענד זיינען געוואָרן די פאַרוואַלטער און סעקרעטערן פון די דאָזיגע אונטערנעהמונגען און האָבען אויפגעגעבען זייער ענערגישע טעטיגקייט אַלס מיטגלידער פון זייערע באַזונדערע יוניאָנס. „מיר האָבען אויסגעפונען“, זאָגט די עקזעקוטיווע פון די אינזשינירן אין איהר יעהרליכען באַריכט פון 1855, „אַז ווען עטליכע פון אונזערע אייגענע מיטגלידער זיינען אַריינגעטראָטען אין געשעפט, האָבען זיי באַלד פאַרלאָזען די אָרגאַניזאַציע און האָבען געפיהרט זייערע ווערקשעפער נאָך ערגער ווי אַנדערע בעלי־בתים“. צום גליק פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג איז דער קאָמערציעלער דורכפאַל פון די דאָזיגע עקספּערימענטען, וועניגסטענס כל זמן זיי האָבען אָנגעהאַלטען זייערע אָריגינעלע פאָרמען פון זעלבסט־פאַרוואַלטענדע ווערקשעפער, איינגיכען געוואָרן קלאָר פאַר אַלע וואָס האָבען זיך מיט זיי אינטערעסירט. דער געדאַנק וועגען „קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע“ ערשיינט כסדר פון דאַס ניי אין די פּראָטאָקאָלען פון די טרייד־יוניאָנס אין יענער צייט; אָבער נאָך דעם דורכפאַל פון די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פון 1848—52 הערט ער אויף, פאַר גענויע 20 יאָהר, צו זיין אַ פראַגע פון דער פּראַקטישער פּאָליטיק אין דער טרייד־יוניאָן וועלט.

אומגעאַכטעט אויף דעם דאָזיגען אינטעלעקטועלען צייטפאַרטרייב, איז די אַרבייט פון קאָנסאָלידירן די טרייד־יוניאָנס ווייטער געפיהרט געוואָרן מיט ענטשלאָסענקייט. די אַמאַלגאַמירטע אינזשינירן האָבען אין די צעהן יאָהר נאָך זייער סטרייק פאַרטאָפּעלט די צאָהל פון זייערע מיטגלידער, און אַרום 1861 האָט זייער יוניאָן צונויפגעקליבען דעם אומפאַרגלייכליכען פאַרמעגען פון £73,398. די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען פון אייזענגיסער און שטיינמויערער

זיינען געוואַקסען אין אַן ענליכער פּראָפּאָרציע. אַ ווידעראויפ־לעבונג פון טרייד־יוניאָניזם איז פאָרגעקומען ביי די טעקסטיל אַר־בייטער. די איצטיגע אַסאָציאַציע פון די לאַנקאַשיירער באַוועל־שפּינערס האָט אָנגעהויבען איהר קאַריערע אין 1853, בעת די באַ־וועל־וועבערס האָבען אין דעמזעלבען יאָהר אַרויסגעקראָגען דעם „בלאַקבוירן ליסט" פון פּרייזען פאַר שטיקאַרבייט, וואָס מען האָט מיט רעכט גערופען זייער „מאַגנאַ טשאַרטאַ".* אָבער מיט דער אויסנאַהם פון די בוי־פאַכען, האָט דער טרייד־יוניאָניזם אין יענע יאָהרען אָנגענומען אַ פרידליכע שטעלונג. די פיהרער האָבען מעהר ניט געטומעלט קעגען „די לײדיגגעהער קלאַסען", נאָר האָבען גע־זוכט צו באַרעכטיגען די טרייד־יוניאָניסטישע פּאָזיציע מיט אַרגו־מענטען, וואָס זיינען געווען באַגרינדעט אויף דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון מיטעלקלאַס. די בייטראָגע פון די אַמאַלגאַמירטע אינזשינירן ווערן באַצייכענט „אַלס אַלגעמיינער פּריווילעגער שטייער אַרויסצוהעלפען דעם שטייער פאַר אָרימע לייט".** דעם עק־זעקוטיווען ראַט קאָן גאָר ניט איינפאַלען, אַז די אַרבייטסגעבער וועלען „באַטראַכטען אַזאַ געזעלשאַפט ווי אונזערע מיט אומצופרי־דענקייט. זיי וועלען אָנהויבען פאַרשטעהן, אַז ניט זי באַצוועקט און ניט זי איז צוגעפּאַסט צו שעדיגען זייערע אינטערעסען, נאָר זי וועט זיי גיכער ברענגען נוצען דורך אויפהויבען דעם כאַראַק־טער פון זייערע אַרבייטער, און פּראָפּאָרציאָנעל פאַרקלענערן זיי־ערע אייגענע פאַראַנטוואָרטליכקייטען". דער פּלאַן אַז „פּאַרמיט־לונגס ראַטען" זאָלען פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון סטרייקס און לאָק־אויטס איז אַלץ מעהר געפעלען געוואָרן די טרייד־יוניאָניסטישע פיהרערס. הונדערטער פּעטיציעס צו גונסטען פון זייער איינפיהרונג זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון דער „נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע פון די פאַראייניגטע פאַכען", וועלכע האָט זיך דאַן קוים געהאַלטען

---

* גרויסע כאַרטאַ — דער דאָקומענט, וואָס דיענט אַלס באַזיס פון דער ענגלישער פרייהייט, באַשרענקט די רעכט און מאַכט פון קעניג און גאַראַנטירט די פּערזענליכע רעכט און פרייהייט פון די בירגער, וואָס איז אונטערגעשריבען געוואָרן פון קעניג דזשאָהן אין 1215.— איב.

** „אַדרעס פון עקזעקוטיוו ראַט פון דער אַמאַלגאַמירטער געזעל־שאַפט פון אינזשינירן צו זייערע חברים אַרבייטער" (לאָנדאָן, 1855).

אויף די פּים. די קאָמיטעטען פון האוז אָוו קאָמאָנס אין 1856 און 1860 האָבע געפונען, אַז די אַרבייטער אין אַלע פאַכען זיינען געוועזן שטאַרק געניינט צו שטיצען דעם פּרינציפּ פון פּריוויליגען אונטערוואַרפען זיך צו אַ בוררים־געריכט. פאַר אַ קורצער צייט האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פון איצט אָן און ווייטער, וועט פרידען הערשען איבער דער אינדוסטריעלער וועלט.

די עפּאָכע פון סטרייקס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער אויסברייטונג פון האַנדעל אין 1857 האָט באַוויזען, ווי פאַלש עס זיינען געוועזן יענע האָפנונגען. די בוי־פאַכען ספּעציעל זיינען וועניגער פון די מאַשיניסטען אָדער באַוועל־אַרבייטער באַריהרט געוואָרן פון דער ענדערונג אין טאָן. די לאָקאַלע אָפּטיילונגען פון די שטיינמויערער, ציגעל־לעגער און אַנדערע בוי־פאַכען האָבען אָפּט קעגען דעם ווילען פון זייערע צענטראַלע קאָמיטעטען, צווישען די יאָהרען 1853 און 1859, כמעט שטענדיג אָנגעפיהרט קליינע סטרייקס קעגען באַזונדערע פירמעס, אין וועלכע די אַרבייטער זיינען כמעט שטענדיג געוועזן ערפאָלגרייך און האָבען געוואונען פילע לויז־העכערונגען.*

* זעה „די סטרייקס, זייער אומפאַנג, איבלען, און רפואה, — אַ שילדערונג פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג פון די בוי־אַרבייטער מאַסען איבער דער גאַנצער פאַראייניגטער מלוכה", פון ווינדעקס (לאָנדאָן, 1853, 56 ז.). איין רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען באַנייטען אויסברוך פון סטרייקס איז געוועזן דאָס, וואָס די ניי־געגרינדעטע נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פאַר דער ענטוויקלונג פון סאָציאַלע וויסענשאַפטען", האָט אין 1858 באַשטימט אַ קאָמיטעט צו אונטערזוכען די פאַך־געזעלשאַפטען און סכסוכים. די דאָזיגע אונטערזוכונג, געפיהרט פון פעהיגע און איבערגעבענע פאַרשער, האָט זיך אין 1860 געענדיגט מיט דער פאַרעפענטליכונג פון אַ בוך, וועלכער ענטהאַלט די בעסטע זאַמלונג פון טרייד־יוניאָן מאַטעריאַלען און די אומפּאַרטייאישסטע שילדערונג פון טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט, וואָס איז ווען עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרן. אַלס אַ קוואַל פון געשיכטע און עקאָנאָמישע אילוסטראַציעס שטעהט דער דאָזיגער „באַריכט וועגען פאַך־געזעלשאַפטען און סטרייקס", (לאָנדאָן, 1860, 651 ז.) אַ סך העכער אידער די פּאַרלאַמענטאַרישע „בלויע ביכער", פון 1824, 1825, 1838, 1867 און 1868. צווישען די מיטאַרבייטער זיינען געוועזן מר. גאָדפרעי לושינגטאָן, (שפּעטער גע־

יענע יאָהרען האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס מען האָט אין די בוי־פאַכען אויף דער פּראָווינץ אַנערקענט „די אַר־בייטס־תקנות“ אָדער די אונטערגעשריבענע אָפּמאַכען צווישען בעלי־בתים און אַרבייטער (געוועהנליך צווישען די אָרטיגע מייס־טערס׳ אַסאָציאַציעס און די טרייד־יוניאָנס), אין וועלכע עס פלע־גען אָנגעגעבען ווערן די קלענסטע פּרטים פון די באַדינגונגען פון דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַד. בלי ספק איז די אָנערקענונג פון די דאָזיגע תקנות געווען אַ טריט פאָרווערטס אין דער ריכטונג פון אינדוסטריעלען פרידען; אָבער, פּונקט ווי אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטען, זיינען זיי אָפטמאָל געקומען נאָך פאַרביטערטע קאַמ־פען, אין וועלכעביידע צדדים האָבען אויסגעשעפּט זייערע מיט־לען און האָבען זיך אויסגעלערנט צו רעספּעקטירען די קראַפט פון דעם צווייטען צד. מיט דעם שטילשטאַנד אין מסחר זיינען געקו־מען וויכטיגערע סכסוכים. אין פאַרלויף פון 1858 זיינען ענט־שטאַנען שוידערליכע קאַמפען צווישען די מייסטערס און אַרביי־טער אין דער קריסטאָל־גלאָז אינדוסטריע און אין די קויהלענ־פעלדער פון מערב יאָרקשייר. די איינפיהרונג פון דער נעה־מאַשין אין דער שטיוועל און שיד־מאַכעריי אין די דערפער פון נאָרטה־אַמפטאָנשייר, האָט געפיהרט צו אַ רייהע פאַרביטערטע צוזאַ־מענשטויסען. אָבער פון די גרויסע סכסוכים פון 1858 ביז 1861, איז דער סטרייק פון די בוי־אַרבייטער אין לאָנדאָן אין 60—1858 געווען דער באַדייטענדסטער לויט זיין ווירקונג אויף דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

דער שטרייט פון 1859 איז אַרויסגעקומען פון דער וואַקסענ־

הילפס־מיניסטער פון אינערן), מר. דזשיי. מ. לודלאָוו, (שפּעטער רע־גיסטראַטאָר פון געגענזייטיגע אונטערשטיצונגס געזעלשאַפטען), מר. טאָמאַס (שפּעטער ריכטער) היוז, פּאַרלאַמענטס־מיטגליד דזש. שאָו־לע־פעווער, מר. פ. ד. לאָנגע און מר. פרענק היל. דער פּאָרזיצענדער פון דעם קאָמיטעט איז געווען דער פאַרשטאָרבענער סער דזשיימס קעי שאַטעלוואָרטה; און פון די אַנדערע מיטגלידער זיינען ווערט דערמאָנט צו ווערן וו. ע. פאָסטער, הענרי פאָוסעט, מר. ר. ה. הוטאָן, רעוו. פ. מאָורים, דר. וויליאַם פאַרה און איין טרייד־יוניאָן סעקרעטער ט. דזש. דאָנינג, פון די לאָנדאָנער בוכבינדערס.

דער באוועגונג צו פארקירצען די ארבייטס־שטונדען. די פאָדערונג
פון א נייו שטונדיגען ארבייטס־טאָג אין די בוי־פאכען איז צום ער־
שטען מאָל ארויסגעשטעלט געוואָרן פון די ליווערפולער שטיינ־
מויערער אין 1846 און איז באַנייט געוואָרן פון די לאָנדאָנער מויע־
רער אין 1853. אין ביידע פאַלען אָבער זיינען די ארבייטער ניט
באַשטאַנען אויף דער פאָדערונג. מיט פיער יאָהר שפּעטער איז
די באוועגונג ווידער אויפגעלעבט געוואָרן פון די לאָנדאָנער סטאָ־
לערס, וועמעס פאָדערונג עס איז נאָך א געמיינשאפטליכער קאָנ־
פערענץ ענטשידען צוריקגעוויזען געוואָרן. אין דער אייגענער צייט
האָבען די שטיינמויערער געזוכט אויסצו־ווירקען, זיי זאָלען שבת
ארבייטען ניט מעהר ווי א האַלבען טאָג, פון וואָס די בעלי־בתים
האָבען זיך אויף דעמזעלבען אופן ענטזאָגט. דאָס האָט געפיהרט
אין הערבסט פון 1858, צו דער גרינדונג פון א געמיינשאפטליכען
קאָמיטעט פון סטאָלערס, שטיינמויערערס און ציגעללעגער, וועלכער
האָט דעם 18טען נאָוועמבער 1855 געשיקט צו די בעלי־בתים א
ווירדיגען בריעף, אין וועלכען זיי האָבען פארלאַנגט, אז די אר־
בייטס־שטונדען זאָלען פארקירצט ווערן מיט א שטונדע יעדען טאָג,
און אז בוי־קאָנטראַקטען אין דער צוקונפט זאָלען אָנגענומען ווערן
אויף דעם דאָזיגען באַזיס. צוערשט האָבען די בעלי־בתים זיך ניט
וויסענדיג געמאַכט וועגען דעם פארלאַנג, שפּעטער אָבער האָבען
זיי די פאָדערונג צוריקגעוויזען מיט דערזעלבער ענטשלאָסענקייט
ווי אין 1853 און 1857. באַלד נאָכדעם האָט דער געמיינשאַפטלי־
כער קאָמיטעט געמאַכט א נייעם פארזוך, שטעלענדיג דיזעלבע פאָ־
דערונג צו פיער פירמעס, וועלכע זיי האָבען אויסגעקליבען דורך א
גורל. צווישען די פיער בעלי־בתים זיינען געווען די פירמע טראָל־
לאָפּ, וועלכע האָט באַלד אָפּגעזאָגט איינעם פון די ארבייטער, וואָס
האָבען די פאָדערונג איבערגעגעבען. די דאָזיגע האַנדלונג האָט
געפיהרט צו א באַלדיגען סטרייק געגען דער פירמע טראָללאָפּ. אין
צייט פון צוויי וואָכען האָבען אַלע בוי־מייסטערס אין לאָנדאָן, וואָס
האָבען באַשעפטיגט יעדערער מעהר ווי 50 ארבייטער, געשלאָסען
זייערע געשעפטען און פיער־און־צוואַנציג טויזענד ארבייטער האָ־
בען פארלאָרן זייער באַשעפטיגונג. דער שטרייט, וואָס האָט גע־
שטורעמט אין די דעמאָלסטדיגע צייטונגען אין דער צייט פון דער

גרויסער מלחמה צווישען קאפיטאל און ארבייט, האט שטארק בולט ארויסגעבראכט אין דער עפענטליכקייט דעם גייסטיגען צושטאנד פון די בעלי־בתים אין דער הויפטשטאדט. ניט באאיינפלוסט פון דעם פראגרעס פון דער עפענטליכער מיינונג, אדער פון דעם נייעם טאן פון רעספעקט, וואס די טרייד־יוניאן פיהרער האבען אנגענו־מען, האבען די לאנדאנער ארבייטסגעבער גענומען דיזעלבע שטע־לונג ווי זייערע פארגענגער אין 1834. זיי האבען זיך אבסאלוט ענטזאגט אנצוערקענען דאס רעכט פון די ארבייטער־פארטרעטער צו דיסקוטירען מיט זיי וועגען די ארבייטס־באדינגונגען. צו דער דאזיגער שטעלונג איז נאך צוגעקומען די ענטשלאסענקייט צו פרו־בירען פארניכטען יעדע פאראייניגונג, און אלס מיטעל האבען זיי אנגענומען דעם גוט־אויספּראָבירטען „דאקומענט". די „צענטראלע אסאציאציע פון בוי־מייסטערס" האט אנגענומען א באשלוס, כמעט אינגאנצען מיט דיזעלבע ווערטער פון זייערע פארגעהער אין 1834, אז „קיין מיטגליד פון דער דאזיגער אסאציאציע זאל ניט אנשטע־לען אדער באשעפטיגען אן ארבייטער, וועלכער טראגט ביי צו די פאנדען פון וועלכער עס איז טרייד־יוניאן אדער פאר־געזעלשאפט, וואס מישט זיך אין דער רעגולירונג פון אירגענד וועלכען געשעפט, אין באשטימען די ארבייטס־שטונדען און ארבייטס־באדינגונגען, אין די קאנטראקטען צווישען ארבייטער און בעלי־בתים אדער אין די קוואליפיקאציעס אדער אין דעם דיענסט־טערמין".

די דאזיגע קריעגס־ערקלערונג קעגען טרייד־יוניאניזם האט פאר די סטרייקענדע ארבייטער געוואונען די שטיצע פון דער גאנ־צער טרייד־יוניאן וועלט. דער צענטראלער קאמיטעט פון דער גרויסער שטיינמויערער געזעלשאפט, וועלכער האט ביז אהער ענט־מוטיגט די לאנדאנער נייך־שטונדען־באוועגונג אלס פריהצייטיג, האט אויפגענומען דעם קאמף געגען דעם „דאקומענט" אלס איי־נעם פון די לעבענס־וויכטיגע. פארזאמלונגען פון דעלעגאטען פון די ארגאניזירטע פאכען פון דער הויפטשטאדט זיינען אפגעהאלטען געווארען, כדי צו פאראייניגען די טרייד־יוניאניסטישע כחות געגען די בעלי־בתים פון די בוי־פאכען. די ביטראגען וואס זיינען אריינ־געקומען פון אלע טיילען פון דער מלוכה האבען באוויזען, אז די פאר־געזעלשאפטען פארמאגען א גרעסערן פינאנציעלען רעזערוו

און אַ גרעסערע געלד־מאַכט, ווי מען האָט זיי חושד געווען. די לאָנדאָנער פּאָרטעפּיאַנאָ־מאַכערס האָבען בייגעטראָגען £300. די קריסטאַל־גלאָזאַרבייטער, וועלכע זיינען נאָר־וואָס אָרויסגעקראָכען פון אַן איינענעם פאַרלענגערטען קאַמף, האָבען צוגעשיקט אַן עהנ־ליכע סומע. „פּאַד־קאָמיטעטען" זיינען פאָרמירט געוואָרן אין אַלע אינדוסטריעלע צענטערן און האָבען צוגעשיקט גרויסע סומען. גלאַזגאָו און מאַנטשעסטער האָבען צוגעשיקט צו £800 און ליווער־פּול האָט בייגעטראָגען העכער £500. די ניי־געגרינדעטע „יאָרק־שייר מיינערס' אַססיאָציישאַן" האָט צוגעשיקט £230. די קעסעל־מאַכערס, באַנדאַרעס און קאַרעטענמאַכערס' געזעלשאַפטען זיינען געווען באַזונדערס פריינעביג. אָבער די סענזאַציע פון דער זאַמעל־ליסטע איז געווען די ביישטייערונג פון דער „אַמאַלגאַמייטעד אינ־זשינירס", וועלכער האָט דריי וואָכען נאָכאַנאַנד בייגעטראָגען צו £1,000 אַ וואָך, — אַ פּאַסירונג וואָס ווערט נאָך איצט דערמאָנט מיט גרויס באַגייסטערונג פון די, וואָס האָבען מיטגעמאַכט יענעם קאַמף. בסך־הכל איז געזאַמעלט געוואָרן £23,000 (אַ חוץ די אויסצאָהלונגען פון די געזעלשאַפטען, וואָס האָבען זיך דירעקט באַטייליגט), אַ סומע וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגען אירגענד וועלכע פריהערדיגע שטיצע אין אַ סטרייק.

די דאָזיגע רייכע שטיצע האָט מעגליך געמאַכט פאַר די אַר־בייטער צו שטערן די ציעלען פון די אַרבייטסגעבער, הגם עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען דורכצופיהרן זייערע אייגענע פאָ־דערונגען. די „צענטראַלע אַסאָציאַציע פון די בוי־מייסטערס" האָט זיך פאַרצווייפעלט געהאַלטען אַן דעם „דאָקומענט", עס האָט זיך איהר אָבער ניט איינגעגעבען צו קריגען גענוג אַרבייטער, וואָס זאָ־לען זיין גרייט איהם צו אונטערשרייבען. אין דעצעמבער 1859 האָט לאָרד סט. לעאָנאַרד געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז דער „דאָקו־מענט" זאָל צוריקגעצויגען ווערן, און אַ לאַנגע ערקלערונג פון דעם געזעץ וועגען פּאַד־פאַראיינען זאָל אַנשטאָט דעם אויסגעהאַנגען ווערן אין אַלע געביידעס. די איינגעשפּאַרטקייט פון די בעלי־בתים האָט נאָך אַנגעהאַלטען צוויי חדשים, אָבער ענדליך, אין פעברואַר 1860, איז לאָרד סט. לעאָנאַרד'ס פּלאַטאָנישער פאָרשלאַג אַנגענו־מען געוואָרן און דער פאַרביטערטער קאַמף האָט זיך געענדיגט.

אט דער פאַרצווייגענער קאַמף צווישען די כחות פון קאַפּיטאַל און אַרבייט ווערט פאַררעכענט אַלס אַ וויכטיגע פּאַסירונג אין דער געשיכטע פון טרייד־יוניאַניזם, ניט נאָר דערפאַר וואָס ער האָט פון דאָס ניי אויפגעלעבט די אחדות־געפיהלען צווישען די פאַרשיידענע פאַכען, נאָר אויך צוליעב דער וויכטיגער קאָנסאָלידירונג פון צוויי אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ער האָט געבראַכט אין לעבען. פון דעם סטרייק אין די בוי־פאַכען פון 1859—60 איז אַרויסגעוואַקסען דער „לאָנדאָנער טריידס קאָונסיל“ (וועלכען מיר וועלען באַשרייבען אין דעם פאָלגענדען קאַפּיטעל), און די „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו קאַרפּענטערס“, די אָנגעזעהענסטע אָרגאַניזאַציע פון אַ צווייטען פאַך, וואָס האָט אָנגענומען דעם „נייעם מאָדעל“ וואָס ניוטאָן און אַללען האָבען אַרויסגעבראַכט.

דער סטרייק האָט אויפגעדעקט פאַר די לאָנדאָנער טישלערס דעם פאַלשטענדיג דעזאָרגאַניזירטען צושטאַנד אין וועלכען זייער אינדוסטריע איז אַריינגעפאַלען. עס איז טאַקע אמת, אַז זיי זיינען דאָס געווען די וואָס האָבען גענומען די איניציאַטיווע פאַר דער נייןַ־שטונדען באַוועגונג אין דער הויפּטשטאָדט, אָבער דער קאָמי־טעט, וועלכער האָט אַריינגעגעבען די פאָדערונג צו די בעלי־בתים, האָט ניט פאָרטראָטען קיין קערפּערשאַפט פון אָרגאַניזירטע אַר־בייטער. דזשאָרדזש פּאָטטער, וועלכער איז געווען דער אָנפיהרער פון דער דאָזיגער באַוועגונג, האָט בלויז געקאָנט צוציהען צו זיך אַ גרופּע דעלעגאַטען, וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרן פון די אַר־בייטער אין יעדען שאָפּ. עס זיינען פאַקטיש געווען ניט מעהר ווי אַן ערך טויזענד טישלער אין לאָנדאָן, וועלכע זיינען געווען מיט־גלידער פון וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע, און די זיינען געווען צע־וואָרפען אין אַ גרויסער צאָהל קליינינקע אונטערשטיצונגס־קלובס. די „פריינדליכע געזעלשאַפט פון טישלער אַרבייטער“, וועלכע, ווי מיר האָבען געזעהן, איז געווען אַ קעמפּפענדע אָפּטיילונג פון דער „בילדערס' יוניאָן“ פון 1830—34, האָט, פּונקט ווי די שטיינ־מויערערס' געזעלשאַפט, אָנגעהאַלטען אַ ניט־אונטערבראָכענע עק־זיסטענץ, אָבער אין געגענזאַץ צו יענער געזעלשאַפט האָט זי אָנ־געהאַלטען דעם כאַראַקטער פון אַ לויזער פעדעראַציע בלויז פאַר פאַך־צוועקען, און איז געווען אָפּהענגיג מיט איהרע פינאַנצען פון

צופעליגע באשטייערונגען. מעגליך, אז צוליעב דעם האָט זי פאַר־לאָרן איהר אויסשליסליכען אנהאַלט אויף דער פּראָווינץ און האָט ניט געוואונען קיין באָדען אין לאָנדאָן. ווי אַ קאָמפּעטענטער באַ־אָבאַכטער באַמערקט: „אין דער צייט פון די סטרייקס אין 1859—60, זיינען די מויערערס געווען די איינציגע, וואָס זיינען גע־ווען אָרגאַניזירט אין איין אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען פאַר־שפּרייט איבער גאַנץ ענגלאַנד און האָט געזאָרגט ניט בלויז פאַר פאַר־צוועקען, נאָר אויך פאַר די געוועהנליכע אונטערשטיצונגען. ... די לאָנדאָנער אויסגעשלאָסענע מויערער זיינען רעגעלמעסיג און פּינקטליך אונטערשטיצט געוואָרן פון זייער געזעלשאַפט און וואָלטען געקאָנט אנהאַלטען זייער קאַמף אַ אומבאַשטימטע צייט; אָבער די אַנדערע פאַכען, וועלכע זיינען געווען צעשפּלי־טערט אין אַ גרויסער צאָהל לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, זיינען באַלד געבליבען אין אַ געדריקטער לאַגע.* דער קאָמיטעט פון די טישלער האָט מיט קנאה צוגעזעהן, ווי די שטיינמויערערס' געזעלשאַפט איז ביכולת צו באַזאָרגען איהרע מיטגלידער מיט סטרייק־אונטערשטי־צונג די גאַנצע צייט פון דעם לאַנג פאַרצויגענעם סטרייק; און די בייטראַגען פון £1,000 אַ וואָך פון די אַמאַלגאַמירטע אינזשינירן האָט אויף זיי געמאַכט אַ טיפען איינדרוק. באַלד ווי דער סטרייק האָט זיך געענדיגט, זיינען די אַנגעזעהענע מיטגלידער פון די קליינע אונטערשטיצונגס־קלובס זיך צונויפגעקומען צו באַשפּרעכען די גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע נאָך דעם מאָדעל פון די אינזשינירן. וויליאַם אַללען האָט זיי געגעבען זיין פולע הילף אין צופּאַסען די תקנות פון זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע צו דעם טיש־לער פאַך; ער האָט אויך אויפגעפּאַסט אויף זייער צוגרייטונגס־אַרבייט. די נייע געזעלשאַפט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 4טען יוני, 1860, מיט עטליכע הונדערט מיטגלידער. די ערשטע צוויי יאָהר איז איהר פּראָגרעס געווען אַ לאַנגזאַמער; אָבער אין אָקטאָבער 1862, האָט זי געהאַט דעם גוטען מזל צו ערוועהלען אַלס גענעראַל־סעקרעטער אַ מענשען, וועמענס פעהיגקייט, פאַרזיכטיג־קייט און קלוגשאַפט האָט איהר באַלד דערהויבען צו אַן איינפלוס־

* זעה פּראָפעסאָר ע. ס. ביסלי, „פאָרטנייטלי ריוויו“, 1867.

רייכער פּאָזיציע אין דער טרייד־יוניאָן וועלט. ראָבערט אַפּעלגאַרט, דער סעקרעטער פון דער לאָקאַלער טישלעס' יוניאָן אין שעפּיעלד, האָט גאָר גיך באַגריפען די מעלות פון אַמאַלגאַמאַציע, און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיין געזעלשאַפט. אונטער זיין אַדמיניסטראַציע האָט די יוניאָן געמאַכט פּראָגרעס מיט ריזען־שריט און אין אַ פּאָר יאָהר איז זי געשטאַנען, אין איהר גרויסקייט פון דער צאָהל מיט־גלידער און אין איהר פאַרמעגען, אַלס די צווייטע נאָך דער „אַמאַל־גאַמייטעד סאָסייעטי אָוו אינדזשינירס" אַליין. דערצו האָבען אַפּעלגאַרט'ס פעהיגקייטען איהם באַלד אַריינגעפיהרט אין דעם קליינעם קרייז פון די טרייד־יוניאָן פיהרער, וועמענס טעטיגקייט איז געווען דער צענטראַל־פּונקט פון דער טרייד־יוניאָן געשיכטע אין די נעקסטע צעהן יאָהר.

פינפטער קאפיטעל.

די יונטא און זייערע פארבינדעטע

א סך אורזאכען האבען מיטגעווירקט אין די פריהעריגע יאהרען צו באשאפען וואס עס קאן באצייכענט ווערן אלס א קאבינעט (מיניסטעריום) פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג. די גרינדונג פון אזעלכע גרויסע פאד אונטערשטיצונגס־געזעלשאפטען, ווי דער מא־שיניסטען פארבאנד, האט געשאפען, ביז צו א געוויסען זין, א נייע שולע פון טרייד־יוניאן באאמטע, וועלכע זיינען געשטאנען פנים אל פנים מיט די פארפלאנטערטע פראבלעמען פון אדמיני־סטראציע און פינאנץ. דער אומשטאנד, וואס די הויפט קווארטיר פון די געזעלשאפטען איז געווען אין לאנדאן, האט געבראכט די באצאהלטע באאמטע אין נאהענטע פערזענליכע באציהונגען איינע מיט די אנדערע. און גראד האט פאסירט, אז אין פארלויף פון יענע יאהרען האבען זיך אין דעם קליינעם קרייז פון יוניאן סעקרע־טערע געפונען מענשען מיט כאראקטער און גרויסע פעהיגקייטען, וועלכע זיינען געווען פארטרעפליך צוגעפאסט סיי דורך זייער ער־פאהרונג, סיי לויט זייער טעמפעראמענט, דורכצופיהרן די באווע־גונג דורך דעם קריזיס, וועלכען מיר וועלען באלד באשרייבען.

די אנגעזעהענסטע מענשען אין אט דער קליינער גרופע — וועלכע מיר וועלען פון איצט אן רופען די יונטא — זיינען געווען די גענעראל סעקרעטערע פון די צוויי פארבאנדען פון די מאשי־ניסטען און סטאלערס, וויליאם אללאן און ראבערט אפעלגארט, וועלכע האבען באקומען א גרויסען איינפלוס אין די טרייד־יוניאן באראטונגען צוליעב זייער ערפאלג אין אויפבויען די דאזיגע מעכ־טיגע ארגאניזאציעס. ענג פארבונדען מיט זיי אין פערזענליכער פריינדשאפט, זיינען געווען, דעניעל גאיל, דער גענעראל סעקרע־

טער פון דער עלטער און וויכטיגער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון די אײַזענגיסער, עדווין קאָולסאָן, גענעראַל סעקרעטער פון דעם „לאָנדאָנער אָרדען“ פון מויערער, און דזשאָרדזש אָדגער, אַ פּראָמינענטער מיטגליד פון אַ קליינער יוניאָן פון ספּעציאַליסטען דאַמען־שיך מאַכער און אַן איינפלוסרייכער פיהרער פון דעם לאָנדאָנער אַרבייטער־קלאַס ראַדיקאַליזם.

וויליאַם אַללאַן, איז געוועזן דער ערפינדער פון דעם „נייעם יוניאָניזם“ פון זיין צייט.* מיר האָבען שוין דערצעהלט, ווי ער האָט, מיט דער הילף פון וויליאַם ניוטאָן, פאַראייניגט די צובראָכענע מאַשיניסטען אָרגאַניזאַציעס, און האָט צוגעפּאַסט די שווער־פעליגע קאָנסטיטוציע און פינאַנץ סיסטעם פון אַן אַלט־עטאַבלירטער אָרגאַניזאַציע, צו די נויטען פון אַ גרויסען נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד. אין די לאַנגע שטונדען פון זיין געדולדיגער אַרבייט אין דער ביוראָ פון פאַרבאַנד, האָט ער אויפגעבויט אַ זעהר מעטאָדישען, ווען אפילו אַ ביסעל אַ האַמעטנעם סיסטעם פון פינאַנציעלע חשבונות און פּאַד באַריכטען, לויט וועלכען מען האָט אין זיינע

---

* וויליאַם אַלאַן, איז געבאָרן געוואָרן פון שאָטלענדישע עלטערן אין קאַריקפערגוס, אָלסטער, אירלאַנד, אין 1813. זיין פאָטער, וועלכער איז געוועזן אַ פאַרוואַלטער פון אַ באַוועל־שפּינעריי, האָט זיך אַריבערגעקליבען אין אַ פאַבריק לעבען גלאַזגאָו, און וויליאַם איז געוואָרן אַן אַרבייטער אין אַ באַוועל־פאַבריק אין געיטסייד, אין 1825. דריי יאָהר שפּעטער האָט ער זיך פאַרדונגען אַלס לעהרלינג אין דער גרויסער מאַשין־פאַבריק פון די הערן האָלדסוואָירט און אָנדערסטאָן, ביי גלאַזגאָו. אין עלטער פון 19 יאָהר, איידער ער האָט פאַרענדיגט זיין לעהר־טערמין, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פּלימעניצע פון איינעם פון די בעלי־בתים. אין 1835 איז ער אַוועק אַרבייטען אַלס מאַשיניסט אין ליווערפּול, און האָט זיך איבערגעקליבען, מיט די באַהן־ווערקשטאַטען אין זייער נייעם צענטער אין קרוו, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן. ווען סעלסבי איז אַרויסגעזעצט געוואָרן אין געפענגניש, אין 1847, איז ער געוואָרן דער גענעראַל סעקרעטער פון דער יוניאָן און האָט געהאַלטען דעם אַמט אויך נאָכדעם, ווען זיין אָרגאַניזאַציע איז אין 1851 געוואָרן אַ טייל פון דעם מאַשיניסטען פאַרבאַנד. איבער צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד איז ער יעדען יאָהר ווידער ערוועהלט געוואָרן אַלס סעקרעטער פון אָט דער ריזיגער אָרגאַניזאַציע, ביז זיין טויט, אין 1874.

אַפּיציעלע שרייב־טיש־קעסטלאַך געקאָנט אויסגעפינען צו יעדער צייט דעם באַשטאַנד פון יעדן איינציגן פון די צעהנדליגער טויזענדער מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. די דויערהאַפטיגקייט פון זיין סיסטעם איז דער בעסטער באַוויז פון זיין ווערטה. אַפילו ביז היינטיגן טאָג קאָן מען נאָך אין דער הויפּט ביוראָ פון דעם מאַשיניסטן פאַרבאַנד, אין סטאַמפאָרד סטריט, געפינען די שפּורן פון אַלאַנ׳ס אומערמידליכער און מעטאָדישער אַרבייט. אַן אייבערטריבענע פּאָרזיכטיגקייט, קאַנצעלאַרסקע פּינקטליכקייט און כמעט קמצנ׳ישע באַזאָרגטקייט צו פאַרגרעסערן דעם פאַרמעגן פון דער אָרגאַניזאַציע, זיינען געווען איינציגע פון אַלאַנ׳ס חסרונות. אָבער אין אַ צייט, ווען אַרבייטער „אַגיטאַטאָרס" זיינען געווען אַלגעמיין באַקאַנט אַלס זעהר ניט־פּאָרזיכטיג אין געלד־זאַכען, און מענשען, וואָס זיינען ניט בכח צו קאָנצענטרירן פאַר אַ לאַנגער צייט זייער ענערגיע אויף איין גייסטיגער אויפגאַבע, האָבען אָט די חסרונות, ווי צווייפעלהאַפט עס האָט געמעגט זיין זייער שפּעטערע ווירקונג אויף דעם מאַשיניסטן פאַרבאַנד, געשאַפן אַ גינסטיגן איינדרוק אויפ׳ן פּובליקום. נאָך מעהר, כאָטש אַלאַן איז ניט געווען קיין גלענצענדער רעדנער, אָדער אַ מענש מיט ברייטע אינטערעסן, איז ער דאָך געווען אַ געשייטער אַרבייטער־פּאָליטיקער, אויף וועמעס טעמפּעראַמענט און אורטיילס־קראַפט מען האָט זיך שטענדיג געקאָנט פאַרלאָזען. און ער האָט געלאָזען נאָך זיך אַ טראַדיציע, אַז ער איז ניט נאָר געווען הויפּט אָרענטליך און אויסערגעוועהנליך אַרבייטסזאַם, נאָר אַז ער איז געווען פריי פון פּערזענליכען שטאָלץ אָדער אייגענע אַמביציעס.

אין דער צייט וואָס אַלאַן האָט געציעלט צו פאַרוואַנדלען דעם „באַצאָהלטען אַגיטאַטאָר" אין אַ פאַרטרויטען באַאַמטען פון אַ גרויסער פינאַנציעלער קאָרפּאָראַציע, האָט ראָבערט אַפּעלגאַרט געשטרעבט צו געווינען פאַר די טרייד־יוניאָנס אַן אָנגעזעהענע געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע שטעלונג. אַזוי ווי ער איז געווען אַ געשייטער מענש מיט אַ טעמפּעראַמענט פון אַן אַדוואָקאַט, האָט ער זיך אינסטינקטיוו באַנוצט מיט די ריכטיגע אַרגומענטען, וואָס האָבען אַמבעסטען געקאָנט בייקומען און ענטוואַפענען די קריטיקען פון די געגנער פון דעם מיטעלקלאַס. ער האָט זיך אויך ניט באַגנוגענט

נאָר מיט פאַרטיידיגען די טרייד־יוניאָן מעטאָדען פאַר דער אויסע־רער וועלט. ער האָט אָהן אַז אויפהער געזוכט אויסצובורייטען דעם האָריזאָנט פון די טרייד־יוניאָן מיטגלידער, און האָט אויפגעעפענט פאַר די, וועלכע האָבען ביז דאַן מעהר ניט געקאָנט זעהן ווי דעם סטרייק און דעם שענק, גרויסע אויסזיכטען פון געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען זיי דירעקט נוגע געוועזן אַלס אַרבייטער. אַזוי געפינען מיר, אַז אין דער צייט, וואָס ער איז געוועזן דער גענעראַל סעקרעטער פון זיין פאַרבאַנד, איז ער אויך געוועזן איינער פון די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דעם „אינטער־נאַציאָנאַל",* און אַן ענערגישער אַגיטאַטאָר פאַר דער „אַרבייטער

---

* די באַריהמטע „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציע", וועלכע האָט אויפגעריסען די אויגען פון רעגירונגען און רעגירענדע קלאַסען אין 1869 און 1870, איז ענטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דעם באַזוך פון צוויי פראַנצויזישע דעלעגאַטען, וועלכע זיינען געקומען אין לאָנדאָן אין 1863, אויפצוהויבען אַ געמיינשאַפטליכע באַוועגונג אין די אינטערעסען פון פּוילען. די אָרגאַניזאַציע איז פאָרמעל געגרינדעט געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן, דעם 28טען סעפּטעמבער, 1864, וואו קאַרל מאַרקס האָט געהאַלטען אַ רעדע. די הויפּט אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז געוועזן די פאַראייניגונג פון די אַרבייטער פון אַלע לענדער פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבייטער־קלאַס; און אין איהר פּרינציפּען ערקלערונג איז געזאָגט געוואָרן: „די פאַרשקלאַפונג פון דעם אַרבייטסמאַן צום קאַפּיטאַליסט, איז די הויפּט אורזאַך פון יעדער שקלאַפעריי, פון דעם גאַנצען סאָציאַלען עלענד און פון יעדער פּאָליטישער אָפּהענגיגקייט". צווישען 1864 און 1870 זיינען געגרינ־דעט געוואָרן אָפּטיילונגען פון דער אָרגאַניזאַציע כמעט אין אַלע איי־ראָפּעאישע לענדער ווי אויך אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, און די מעהרסטע פאַך געזעלשאַפטען אין איניגע אייראָפּעאישע לענדער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן איהר אַלס גאַנצע קערפּערשאַפטען. די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו אַ גענעראַל ראַט פון פינף און־פופציג מיטגלידער, וואָס זיינען געזעסען אין לאָנדאָן און האָבען פאַרטראָטען די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען צו וועלכע זיי האָבען גע־הערט. דער גענעראַל ראַט האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום לעגיסלאַטיווע מאַכט אָדער וועלכען עס איז קאָנטראָל איבער די אָפּטיילונגען, און פאַקטיש האָבען זיי געדיענט ווינציג־וואָס מעהר ווי אַ פאַרבינדונגס־מיטעל צווישען זיי, בעת יעדעס לאַנד האָט אָנגעפיהרט זיינע געשעפטען אויף זיין אייגענעם שטייגער. די פּרינציפּען און דער פּראָגראַם פון

פאַרטרעטערשאַפט ליגע", דער „נאַציאָנאַלער ערציהונגס ליגע", און פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע און פּאָליטישע געזעלשאַפטען. פּאָ־ליטישע רעפאָרמערס האָבען זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו געווינען

דער אַסאָציאַציע האָבען זיך בסדר ענטוויקעלט ביי די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, צו וועלכע עס פלעגען קומען דעלעגאַטען פון די פאַרשיי־דענע סעקציעס. אויף וויפיעל די ענגלישע אַרבייטער האָבען ווירקליך גענומען אַן אַנטייל אין איהרע גרונט־אויפגאַבען איז ניט קלאָר. אין 1870 איז אָדגער געווען דער פּרעזידענט, און אַפּעלגאַרט דער פּאָרזי־צענדער פון גענעראַל ראַט, צו וועלכען עס האָבען געהערט בענדזשאַמין לוקראַפט, וועלכער איז שפּעטער געווען אַ מיטגליד פון לאָנדאָנער שול־ראַט, ווי אויך אַנדערע גוט באַקאַנטע אַרבייטער פּאָליטיקער. בלויז איניגע ענגלישע טרייד־ יוניאָנס (צווישען וועלכע עס זיינען געווען די שוסטער און די גאַרבער) האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אַסאָציאַציע אַלס גאַנצע אָרגאַניזאַציעס; און ווען דער גענעראַל ראַט האָט אין אָקטאָבער 1866 איינגעלאַדען דעם לאָנדאָנער אַרבייטער ראַט (טריידס קאָונסיל) אַנצושליסען זיך אָן דעם „אינטערנאַציאָנאַל", אָדער וועניגס־טענס צוצולאָזען פאָרשטעהער פון דער אַסאָציאַציע צו זיינע זיצונגען, כדי זיי זאָלען קאָנען באַצייטענס באַריכטען וועגען אַלע אייראָפּעאישע סטרייקס, זיינען ביידע פאָדערונגען צוריקגעוויזען געוואָרן, ווי די פּראָטאָקאָלען פון דעם לאָנדאָנער אַרבייטער ראַט באַווייזען. דער לאָנ־דאָנער טריידס־קאָונסיל האָט זיך אַפילו ענטזאַגט צו אַנערקענען די אַסאָציאַציע אַלס אויטאָראָזירטען מיטעל פון קאָמוניקאַציע מיט די אויסלענדישע פאַך־אָרגאַניזאַציעס, און האָט באַשלאָסען צו קאָמוניקירען זיך מיט זי דירעקט. אַפּעלגאַרט האָט בייגעוואוינט מעהרערע קאָנגרעסען פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", אַלס דעלעגאַט פון ענגלאַנד, און אין אַן אינטערוויו, וואָס איז ערשינען אין דער „ניו יאָרק וואָרלד", דעם 21טען מאַי 1870, האָט ער געגעבען אַן אויספיהרליכע ערקלערונג וועגען די פּרינציפּען און ציעלען פון דער אַסאָציאַציע. נאָך דעם ווי די פּאַרי־זער קאָמונע איז אונטערדריקט געוואָרן זיינען די פראַנצויזישע סעקציעס דערשטיקט געוואָרן; און די מיטגלידערשאַפט אין ענגלאַנד און אַנ־דערע לענדער איז אָפּגעפאַלען. דער יעהרליכער קאָנגרעס, וואָס איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרן אין האַאַג, אין 1872, האָט באַשלאָסען אַריבערצו־טראָגען דעם גענעראַל ראַט נאָך ניו יאָרק, און דער „אינטערנאַציאָנאַל" האָט אויפגעהערט צו שפּילען אַ ראָלע אין דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג. אָבוואויל אין אַמעריקאַ, איז די אָרגאַניזאַציע נאָמינעל געהאַלטען געוואָרן, האָט זי אָבער קיינמאָל ניט פאַרבונדען קיין וויכטיגע אינטערנאַציאָנאַלע באַציהונגען. אַן אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון

איהם אַלס אַנהענגער פון זייערע פּראָיעקטען: אַזוי, למשל, איז ער ספּעציעל איינגעלאַדען געוואָרען צו די וויכטיגע קאָנפערענצען פון דער נאַציאָנאַלער ערציהונגס ליגע אין בירמינגהאַם אַלס דער ספּעציעלער פאַרשטעהער פון די אַרבייטענדע קלאַסען; און אַ דאַנק זיין רעפּוטאַציע אַלס סאָציאַלער רעפאָרמער איז ער אויסגעקליבען געוואָרען אין 1870 אַלס מיטגליד פון דער קעניגליכער קאָמיסיע וועגען די אַנשטעקיגע קראַנקהייטס־געזעצען און ער איז געוועזען דער ערשטער אַרבייטער, וועלכען אַן ענגלישער קעניג האָט באַצייכענט אַלס „אונזער אַנפאַרטרויטער און זעהר באַליעבטער“. אַלס מענש אָהן פּאַראָורטיילען, מיט אַ פלינקען קאָפּ און גרייט צו קומען צו אַ פאַרשטענדניס מיט די געגנער, איז ער געוועזען אַן אידעאַלער פאַרשטעהער פון דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג אין דער פּאָליטישער וועלט.*

איהר טרייד־יוניאָניסטישער טעטיגקייט, פון פּראָפעסאָר ע. ס. ביסלי, איז ערשינען אין „פאָרטנייטלי ריוויו“, פון נאָוועמבער 1870.

* ראָבערט אַפּעלגאַרט איז געווען דער זוהן פון אַ קוואַרטיר־מייסטער (שפּייז און קליידער פאַרוואַלטער) אין דער קעניגליכער פלאָטע. ער איז געבאָרען געוואָרן אין הול, דעם 23טען יאַנואַר, 1833. צו עלף יאָהר איז ער געגאַנגען אַרבייטען אַלס שיק־איינגעל. שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין אַ ווערקשטאַט פון אַ סטאָלער און מעבעל־מאַכער, וואו ער האָט זיך אַביסעל אויסגעלערנט די אַרבייט, ניט דורכמאַכענדיג דעם נויטיגען לעהר־טערמין. אין 1852 האָט ער זיך אַריבערגעקליבען אין שעפיעלד; נאָר אין 1855, נאָך דעם ווי זיינע עלטערן זיינען געשטאָרבען, האָט ער אויסגעוואַנדערט נאָך אַמעריקאַ און איז צוריקגעקומען מיט אַ יאָהר שפּעטער, ווייל זיין ווייבס געזונד־צושטאַנד האָט איהם געשטערט צו בלייבען אין דעם גליקליכען לאַנד. ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אַן דער אָרטיגער סטאָלער־יוניאָן, און איז באַלד געוואָרען איהר אַנגעזעהענסטער מיטגליד און ווען דער פאַרבאַנד פון די סטאָלער איז אָרגאַניזירט געוואָרען האָט ער זיין יוניאָן אַריינגעבראַכט אין פאַרבאַנד, וועלכער האָט געעפענט בעסערע מעגליכקייטען פאַר אַן ערפאָלגרייכער טרייד־יוניאָן טעטיגקייט. אין 1862 איז ער ערוועהלט געוואָרן אַלס גענעראַל סעקרעטער פון דעם פאַרבאַנד און האָט געהאַלטען דעם אַמט ביז 1871, ווען ער האָט, צוליעב פאַרשידענע קריגערייען אין דער אָרגאַניזאַציע, פרייוויליג רעזיגנירט. אין 1870, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען די לאָנדאָנער שוהל־קאָמיסיע, האָט ער אַרויסגעשטעלט

די שטענדיגע באאמטע פון די אייזענגיסער און די לאנדאנער מויערער זיינען ניט געוועזן אזעלכע אריגינעלע מענשען ווי אלאן אדער אפעלגארט. גאיל איז געוועזן פערזענליך זעהר אנציהענד און באגאבט מיט א געוויסער, ניט איבעריגס פאלירטער, רעדנער קראפט. קאולסאן ווערט פון א געגנער באצייכענט אלס א „שוועדער און איינגעשפארטער מענש“, ווי אויך אלס „ציגעלדיג און ליימיג“; אבער דער פאקט, וואס אונטער זיין איינפלוס האט זיך די קליינע ארגאניזאציע פון די לאנדאנער מויערער פאנאנדערגעוואקסען און איז געווארן א גרויסע נאציאנאלע יוניאן, איז א באווייז, אז ער האט פארמאגט באדייטענדע פעהיגקייטען. ספעציעל האבען זיך די פיער אויסגעצייכענט מיט זייערע געשעפטס פעהיגקייטען, ווי מען קאן זעהן פון דעם ערפאלג, וואס יעדערער פון זיי האט געמאכט אין זיין פאך, און פון דער פאליטיק, וואס ניוטאן און אלאן האבען אנגענומען צו ארגאניזירן די טרייד־יוניאנס אויף דעם באזיס פון נאציאנאלער פארזיכערונגס געזעלשאפטען. דזשארזדש אדגער האט אריינגעבראכט אין דער יונטא גאר אנדערע מעלות איידער די פארזיכטיגע פלייסיגקייטען פון אלאנ׳ען און די

זיין קאנדידאטור אין דעם לאמבערט דיסטריקט און איז דורכגעפאלען, כאטש ער האט געצויגען 7,600 שטימען. דעמזעלביגען יאהר האט מען איהם געבעטען זיין א קאנדידאט פאר׳ן פארלאמענט אין מיידסטאון בארא, אבער ער האט זיך צוריקגעצויגען צו גונסטען פון סער דזשאהן לובאק. אין 1871 איז ער באשטימט געווארן אלס מיטגליד פון דער קעניגליכער קאמיסיע איבער דעם אנשטעקיגע־קראנקהייטס געזעץ. רעזיגנירענדיג פון זיין שטעלע אלס סעקרעטער, האט ער א שטיקעל צייט זיך אפגעגעבען מיט זשורנאליזם, ער איז געוועזן אין פראנקרייך א קריעגס־קארעספאנדענט פאר אן אמעריקאנער צייטונג. שפעטער איז ער געווארען אן אויפזעהער אין א מאשין־פאבריק, און איז מיט דער צייט געווארען דער בעל־הבית פון דעם גוט־געהענדען געשעפט. מר. אפעלגראט, וועלכער איז דער איינציגער מיטגליד פון דער „יונטא“ פון 1867 ביז 1871, וואס האט נאך געלעבט אין 1894, האט אנגעהאלטען זיין מיטגלידערשאפט אין דעם פארבאנד פון די סטאלערס, ער איז נאך אלץ געוועזן שטארק פאראינטערעסירט אין דער טרייד־יוניאן באוועגונג, וועגען וועלכער ער האט אונז איבערגעגעבען פיעלע ווערטפולע דאקומענטען און פערזענליכע זכרונות.

אדוואקאטען־פעהיגקייטען פון אפעלגארט. פון די פינף מענשען, וואס מיר האבען דערמאנט, איז ער געווען דער איינציגער, וועלכער איז געבליבען ארבייטען ביי זיין פאך, און וועלכער האט ביז צו דער לעצטער מינוט אנגעהאלטען זיין גלאנץ אלס ארבייטער פיהרער. אלס מערקווירדיגער אראטאר, פלעגט ער אויפשטורמען מיט זיינע רעדעס די גרויסע מאסענפארזאמלונגען און ער איז געווען דער אפגאט פון די ראדיקאלען פון דער ענגלישער הויפט־שטאדט. אבער ער איז ניט געווען קיין דעמאגאג. אונטער זיין גלענצענדער מליצה און היציגען ענטוזיאזם, איז געלעגען א גרויסע מאס פאליטישע חכמה, און צוזאמען מיט זיינע חברים האט ער פארמאגט די פעהיגקייט צו ארבייטען געמיינשאפטליך, און צו שטעלען זיין פערזענליכקייט אין הינטערגרונד. זיינע נאכלעסיגע און ניט געשעפטסמעסיגע געוואוינהייטען האבען איהם געמאכט אומפעהיג אויפצובויען א גרויסע ארגאניזאציע. וואלט ער געשטאנען אליין, וואלט ער גאר ווייניג געקאנט צוגעבען צו דעם כח פון טרייד־יוניאניזם; נאר אלס דער איבערגעבענער נאכפאלגער פון די גרויסע באאמטע און זייער פאפולערער פארדעדנער פאר די גרויסע מאסען פון דעם ארבייטער־קלאס, סיי יוניאן־לייט סיי ניט יוניאן־לייט, האט ער געגעבען דער באוועגונג א ברייטערן באזים און האט אריינגעצויגען אין די רייהען יעדען אויפריכטיגען רעפארמער, וועלכער האט געהערט צו'ם קלאס פון די בעלי־מלאכות.*

---

* דעניעל געיל איז געבארן געווארן אין ליווערפול דעם 21טען אקטאבער,1814. זיין פאטער איז געווען א שוסטער. ער איז אנגעקומען אלס לעהרן־אינגעל צו אן אייזען־גיסער, אין 1827, און ער האט זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן אין יוני, 1834. אין 1863 איז ער געווארן דער קארעספאנדענץ־סעקרעטער פון זיין ארגאניזאציע. ער האט אנגעהאלטען דעם אמט ביז 1881, ווען ער האט זיך צוריקגעצויגען פון טעטיגקייט. ער איז געשטארבען דעם 7טען דעצעמבער, 1883.

דזשארדזש אדגער, דער זוהן פון א מיינער פון קארניש, איז געבארן געווארן אין 1820, אין רובאראן, לעבען טאוויסטאק, סאוטה דעוואן, און איז געווארן א שוסטער נאך אלס גאר יונגער אינגעל. ארומוואנדערענדיג איבער'ן לאנד, ווי עס איז דאן געווען דער מנהג פון יונגע בעל מלאכות, האט ער זיך לסוף באזעצט אין לאנדאן, וואו ער איז געווארן אן אנגעזעהענער מיטגליד פון דער דאמען־שוסטער גע־

עס איז שווער היינט צו טאָג צו געבען אַ קלאָרן באַגריף פון דעם אויסערגעוואוינליכען פּערזענליכען איינפלוס, וואָס אַט די פינף מענשען, האָבען אויסגעאיבט ניט בלויז אויף זייערע חברים, נאָר אויך אויף דעם אַלגעמיינעם פובליקום און די הערשענדע קלאַסען, אַלס אויפקלערער פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. צום ערשטען מאָל אין דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט איז די אַרבייטער־קלאַסען באַוועגונג געפיהרט געוואָרן ניט פון מיטעלקלאַס מענשען, אָדער פון דעם העכערן קלאַס מיטפיהלענדע, ווי פּליים, אָווען, ראָבערטס, אַ׳קאָננער, אָדער דונקאָמב נאָר פון אמת׳ע אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען ספּעציעל געשוהלט פאַר זייערע אויפגאַבען.

זעלשאַפט. זיין ערשטע וויכטיגע אַרבייט איז געווען אין פאַרבינדונג מיט די פאַרזאַמלונגען פון לאָנדאָנער פאַך־דעלעגאַטען, אין דער צייט פון דעם לאָק־אוט פון די בוי־אַרבייטער, אין 1859. ווען דער לאָנדאָנער טרייד־קאונסיל האָט זיך געגרינדעט, אין 1860, איז ער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער, און פון 1862, ביז דער רעאָרגאַניזאַציע פון דעם קאונסיל, אין 1872, איז ער געווען דער סעקרעטער פון דער אָרגאַניזאַציע. אַלס איינער פון די פיהרער פון דעם אַרבייטער־קלאַסען ראַדיקאַליזם אין לאָנדאָן, האָט ער פינף מאָל פּרובירט אַריינקומען אין פּאַרלאַמענט, אָבער ער איז אַלע מאָל געשטערט געוואָרן דורך דער אָפּאָזיציע פון דער אָפיציעלער ליבעראַלער פּאַרטיי. אין טשעלסי, אין 1868, אין סטעפאָרד, אין 1869, און אין בריסטאָג, אין 1870, האָט ער זיך צוריקגעצויגען, כדי ניט צו שפּאַלטען די שטימען, אָבער אין סאוטהוואָרק, אין 1870, האָט ער קאַנדידירט און איז געשלאָגען געוואָרן בלויז מיט 304 שטימען. דער אָפיציעלער ליבעראַלער קאַנדידאַט סער סידני וואָטערלאו, האָט באַקומען בלויז 2966 שטימען, וועהרענד אָדגער האָט געצויגען 4382 שטימען. ביי די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1874, האָט ער ווידער קאַנדידירט און איז ווידער אָפּאָנירט געוואָרן פון די ליבעראַלען און קאָנסערוואַטיווען. דער רעזולטאַט פון דער וואַהל איז געווען דערזעלבער, ווי פון דער פריהערדיגער וואַהל. ער איז געשטאָרבען אין 1877. ביי זיין לויה זיינען געווען פּראָפעסאָר ביסלי, פּראָפעסאָר פאוסעט און סער טשאַרלס דילק. די אַרבייטער פון לאָנדאָן האָבען זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און האָבען דורכגעפיהרט אַ מערקווירדיגע דעמאָנסטראַציע; אַ הספד נאָך איהם, פון פּראָפעסאָר ביסלי, איז ערשינען אין דעם „וויקלי דיספּעטש", דעם עלפטען מערץ, 1877.

נאָך מעהר, צום ערשטען מאָל זיינען די פיהרער פון דער ארבייטער־קלאַסען פּאָליטיק געווען פאַראייניגט אין אַ קאָמפּאַקטער גרופּע, — פאַראייניגט דורך אַ נאָהענט־פּערזענליכער פריינדשאַפט, און פולשטענדיג פריי פון דעם מינדעסטען סימן פון דעם פאַרדאַכט אין אומטרייהייט, וועלכער האָט אַזוי אָפט געשטערט די פאָלקס־באַוועגונגען. עס איז אמת, אז זיי זיינען געקומען צו זייער אויפגאַבע אָהן אַן אויסגעהאַלטענער עקאָנאָמישער טעאָריע אָדער פּאָליטישער פילאָזאָפיע. זיי האָבען מיט דערזעלביגער צופריעדענהייט אָנגענומען דעם רויהען קאָלעקטיוויזם פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", און דעם דאָגמאַטישען אינדוסטריעלען אינדיווידואַליזם פון די ענגלישע ראַדיקאַלען. אָט דער חסרון, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין באַשטימטען באַזיס פאַר זייער פּאָליטישער טעטיגקייט, ערקלערט, נאָך אונזער מיינונג, פאַרוואָס די טרייד־יוניאָן פּאָליטיק איז פאַרטריקענט געוואָרן נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך צוריקגעצויגען. מיר וועלען שפּעטער האָבען אַ געלעגענהייט צו באַמערקען אַנדערע „חסרונות פון זייערע אייגענשאַפטען", און ווי אַזוי די דאָזיגע חסרונות האָבען שפּעטער געשטערט די ווייטערע ענטוויקלונג פון זייער אייגענער באַוועגונג. אָבער גראָד אָט די חסרונות זייערע האָבען געמאַכט פון זיי, אין דער דאָמאָלסטדיגער קריטישער פּעריאָדע, אַזעלכע ווערטפולע פאַרטרעטער פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. זיי האָבען אָנגענומען מיט'ן גאַנצען הארצען דעם עקאָנאָמישען אינדיווידואַליזם פון זייערע געגנער פון דעם מיטעל־קלאַס, און האָבען פאַרלאַנגט פאַר דער ארבייטער אָרגאַניזאַציע נאָר יענע פּריוויליגיען פון פאַראייניגונג, וועלכע די מעהר ענטוויקעלטע מיטגלידער פון דעם געגנערישען קלאַס זיינען געווען גרייט צו באַוויליגען. זייער אויפריכטיגער, ווען אפילו עטוואָס צוריקגעהאַלטענער, ענטוזיאַזם פאַר פּאָליטישע און אינדוסטריעלע פרייהייט, האָט זיי געגעבען אַזאַ אויסדויער און ענטשלאָסענהייט, וואָס קיין שטערונג האָט ניט געקאָנט ענטמוטיגען. זייער פאַרשטענדעניס פאַר דעם שטאַנדפּונקט פון דעם מיטעל־קלאַס, און דאָס וואָס זיי האָבען געקאָנט אָפּשאַצען די פּראַקטישע שוועריגקייטען פון דער לאַגע, האָט זיי פאַרהיט פון ווערן געוועהנליכע דעמאַגאָגען. אין די נעקסטע צעהן יאָהר, ווען עס איז געווען העכסט

וויכטיג צו געווינען א געזעצליכען סטאטוס פאר די פאר־געזעלשאפטען, כדי אפצו־ווישען דעם אומגליקליכען איינדרוק, וואס די שעפיעלדער גוואלטטאטען האבען געשאפען, זיינען זייערע אייגענשאפטען געווען פולשטענדיג צוגעפאסט פאר דער אויפגאבע. זייערע פאסיגע מאניערן, הגם עס קאן זיך אויסווייזען אלס אן אומבאדייטענדע קליינינקייט, זיינען געווען ווייט ניט זייערע קלענסטע מעלות. אחוץ זייער פולשטענדיגער זעלבסט־אכטונג און עהרליכקייט, האבען זיי באנוצט געהעריגע אויסדרוקען, זיך געהאלטען פערזענליך קארעקט, און זיינען געווען אויסערגעוועהנליך פריי פון אלץ, וואס האט געשמעקט מיט'ן שענק. אין אלאנ'ען, אפעלגארט'ן, גאיל'ן, קאולסאנ'ען און אדגער'ן, האבען די שענדער פון טרייד־יוניאניזם באגעגענט א פאראייניגונג פון שעהנע פערזענליכע כאראקטערן, אן אויסערגעוועהנליכע געשעפטס־פעהיגקייט, און א גרויסע מאס פון דער אפיציעלער מאנירליכקייט, וואס מאכט אזא גוטען איינדרוק אויף דעם ענגלישען מיטעלקלאס.

ארום אט די צענטראלע פיגורען האבען זיך גרופירט אין לאנדאן א געוויסע צאהל מענשען מיט עהנליכע טעמפעראמענטען און ציעלען. מיר האבען שוין איינמאל דערמאנט דעם נאמען פון ט. דזשיי. דאננינג, פון די בוכבינדער, וועלכער האט זיך געעלטערט אין דיענסט פון טרייד־יוניאניזם. די בוי־פאכען האבען בייגעשטייערט א יונגען דור טוער, — די הערן דזשאהן פראיאר, דזשארדזש האועל, הענרי בראדהוירסט און דזשארדזש שיפטאן. די גאנצע גרופע איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט געוויסע פיהרער פון דער פראווינץ, וועלכע זיינען געווען אנהענגער פון דער נייער ריכטונג און האבען געהאנדעלט אין איינקלאנג מיט דער יונטא. די אנגעזעהענסטע צווישען די טוער אויף דער פראווינץ זיינען געווען: אלעקסאנדער מעקדאנאלד, וועלכער איז דאן געווען שטארק באשעפטיגט ארגאניזירנדיג די נאציאנאלע יוניאן פון די מיינערס; דזשאהן קעין,* פון די צפון ענגלאנדער אייזענארבייטער; וויליאם

* דזשאהן קעין, איז געבארן געווארן אין אלענוויק, נארטה הומבערלאנד, אין 1819. צו 7 יאהר האט מען איהם שוין געשיקט ארבייטען. ער האט געטאן פארשיידענע מלאכות ביז ער איז אלט גע־

דראַנפיעלד, דער שעפיעלדער שריפטזעצער; און אַלעקסאַנדער קעמפּבעל, דער לייטענדער גייסט פון דעם גלאַזגאָוער טריידס־קאָונסיל.

די אייגענאַרטיגע פּאָליטיק פון דער יונטאַ האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס זי האָט פאַראייניגט אויסערגעוועהנליכע פאַרזיכטיגקייט אין די אַנגעלעגענהייטען פון דעם טרייד, מיט אַן ענערגישער אַגיטאַציע פאַר פּאָליטישע רעפאָרמען. עס איז באמת גאַנץ צווייפעלהאַפט אויב אַלאַן, אַפּעלגאַרט, קאָולסאָן און גאַיל, האָבען געטיילט דעם פּאָפּולערן גלויבען, אַז די פאַך־אָרגאַניזאַציעס קאָנען דורכפיהרן אַ לויז־העכערונג, אָדער זיך שטעלען קעגען אַ לויז־פאַרקלענערונג, אין אַ צייט ווען דער האַנדעל איז געפאַלען. זיי האָבען מעהר געגלויבט אין דעם מאָראַלען כח פון אַ גרויסען רעזערוו אין דער קאַסע, וועלכער קאָן אויסגעגעבען ווערן אין באַדייטענדע שטיצע פאַר אַרבייטסלאָזע, און אויף אַזאַ אופן שטערן אַ קאַפּיטאַליסט אָדער אַפילו אַ גרופּע קאַפּיטאַליסטען, צו קריגען אַרבייטער פאַר וועניגער איידער די אַלגעמיין אַנגענומענע באַדינגונגען. זייער פאַך פּאָליטיק איז געווען פּאַקטיש באַגרענעצט נאָר דאַרויף, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל קריגען פאַר יעדען אַרבייטער אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע די בעסטע בעלי־בתים זיינען וויליג צו געבען פרייוויליג. דערפאַר האָט מען זיי אָפט באַשולדיגט, אַז זיי זיינען אַפּאַטישע מענשען. די היציגערע, וועמעס באַגריף פון ערפאָלגרייכען טרייד־יוניאָניזם איז געווען, אַז מען דאַרף אָנפיהרן אַ רייהע אַלגעמיינע סטרייקס פאַר לויז־העכערונגען, אָדער

וואָרן 15 יאָהר, ווען ער איז אַריבערגעפאָהרן נאָך ניוקאַסטל־אָן־טיין, און איז אָנגעקומען אין דער אַייזען פאַבריק פון די הערן האָוק און געיטסהעד. דאָ האָט ער אָנטייל גענומען אין דער טשאַרטיסטישער און אין אַנדערע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען און האָט געמאַכט אַ ניט־געלונגענע פּראָבע צו גרינדען אַ יוניאָן אין זיין פאַך, אין 1842. ביז 1863 איז אין זיין פאַך קיין דויערהאַפטע פאַך־געזעלשאַפט ניט אָרגאַניזירט געוואָרן, און אין 1868, ווען די פאַראייניגטע אַייזענאַרבייטער געזעלשאַפט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד, איז דזשאָהן קעין געוואָרן דער גענעראַל סעקרעטער פון דער אָרגאַניזאַציע. די שטעלע האָט ער אָנגעהאַלטען ביז זיין טויט, אין מערץ, 1876.

גענען לוין־פאַרקלענערונגען, זיינען געווען אומצופריעדן מיט דער האַלטונג פון די מעסיגע פיהרער. די יונטאַ האָט אין דער אמת׳ען געווענדעט איהר בליק אין אַנאַנדער ריכטונג, פון וועלכער, לויט זייער מיינונג, עס האָט געדאַרפט קומען די באַפרייאונג פון דעם אַרבייטער. זיי האָבען געגלויבט, אַז ווען מען זאָל אָפּשאַפען אַלע פּאָליטישע פּריווילעגיעס און עפענען בילדונגס און געזעלשאַפט־ליכע געלעגענהייטען פאַר אַלע קלאַסען פון דער געמיינדע, וועט עס מיטברענגען אַ גרויסע מאָס עקאָנאָמישע גלייכהייט. אונטער דעם איינפלוס פון אָט די פיהרער, זיינען פריהער די לאָנדאָנער יוניאָנס, און נאָכהער די יוניאָנס פון די פּראָווינצען, אריינגעצויגען געוואָרן אין אַ גאַנצער רייהע פּאָליטישע אַגיטאַציעס פאַר וואַהל־רעכט, פאַר דער אויסבעסערונג פון דעם בעל־הבית־און־אַרבייטער געזעץ, פאַר נייע געזעצען צו רעגולירן מינענאַרבייט, פאַר נאַציאָ־נאַלער בילדונג, און ענדליך פאַר דער פולשטענדיגער לעגאַליזאַציע פון טרייד־יוניאָנס גופא.

פּראַקטישע שטערונגען האָבען ניט דערלאָזען אינגאַנצען דורכ־פיהרן די פּאָליטיק פון דער יונטאַ. דאָס אויסנוצען פון דער טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע פאַר דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַגיטאַ־ציע, אויף וועלכער מעקדאָנאַלד, אַפּעלגאַרד און אָדגער האָבען גע־לעגט אַלע זייערע האָפענונגען, איז געווען אַ נייער געדאַנק פאַר דער טרייד־יוניאָן וועלט. די מיטגלידערשאַפט פון די טרייד־יוני־אָנס, וועלכע זיינען נאָך אַלץ געווען אויסגעשלאָסען פון וואַהל־רעכט, האָבען פּאַקטיש קיין שום אינטערעס ניט גענומען אין קיינע פון די געזעלשאַפטליכע אָדער פּאָליטישע רעפאָרמען. זיי האָבען געקוקט אויף זייערע פאַד פאַראייניגונגען אויסשליסליך, ווי אויף אַ מיטעל אַרויסצוקריגען אַ לוין־העכערונג, אָדער צו צווינגען זייערע חברים־אַרבייטער אַנצושליסען זיך אָן דער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז ספּעציעל געווען די שטימונג אין די פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס, וואו די באַאַמטע זיינען געוועהנליך געווען אַזוי אָפּגעשטאַנען, ווי די איבעריגע מיטגלידער. דער „מאַנטשעסטער אָרדען“ פון מויע־רער, און די אַלגעמיינע יוניאָן פון סטאָלערס, (וועלכע האָט געהאַט איהר הויפּט קוואַרטיר אין מאַנטשעסטער), האָבען ווי די מיטענ־לענדישע ציגעלמאַכער און די שעפיעלדער מעסער־שמידען, זיך נאָך

אַלץ געהאַלטען ביי די אַלטע באַגריפען פון געהיימע אָרגאַניזאַציעס און צוואַנג, בעת די מעכטיגע געזעלשאַפט פון מויערער, וועלכע האַט געהאַט איהר צענטער אין ליעדז, האַט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען פון דער ווייטען פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג. אָבער אַט די געגנערשאַפט צו פּאָליטישער טעטיגקייט האָט זיך געפונען ניט נאָר אין די עלטערע געזעלשאַפטען, אָדער אין אַ וועלכער עס איז באַשטימטער געגענד. אַלע יוניאָנס פון יענער צייט, אַפילו די יוניאָנס פון דער הויפּטשטאָדט, האָבען זיך נאָך געהאַלטען ביי זייער שטאַרקען טראַדיציאָנעלען ווידערווילען צו פּאָליטישער אַקציאָן. אין פיעלע פאַלען האָבען די אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוטען אויסדריקליך פאַרבאָטען אַפילו צו דערמאָנען פּאָליטיק ביי זייערע פאַרזאַמלונגען. און אָבוואָהל די געזעלשאַפטען פלעגען צייטענווייז באַוועגט ווערן צו פאַראייניגען זיך פאַר אַ געמיינשאַפטליכער פּאָליטישער אַקציאָן, כדי צו באַשיצען דעם טרייד־יוניאָניזם גופא, האָט אַפילו דער גרויסער איינפלוס פון דער יונטאַ אויף זייערע אייגענע יוניאָנס ניט געקאָנט באַוועגען די מיטגלידער צו פאַרוואַנדלען די אָרגאַניזאַציעס אין ווירקזאַמע קעמפער פאַר געזעצרעפאָרמען. די יונטאַ האָט זיך דאַרום געווענדעט צו די ניי־געגרינדעטע טריידס־קאָונסילס, און האָט זיי געמאַכט פאַר די פּאָליטישע אָרגאַנען פון דער טרייד־יוניאָן וועלט.

די גרינדונג פון שטענדיגע פאַכען־ראַטען (טריידס־קאָונסילס) אין די אינדוסטריעלע צענטערן, צווישען די יאָהרן 1858 און 1867, איז געווען אַ וויכטיגער שריט אין דער פאַראייניגונג פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. לאָקאַלע דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגען גערופען ווערן אין אַ ספּעציעלען נויט־פאַל, זיינען געווען אַ געוועהנליכע זאַך ביי די טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, ווייניגסטענס זינט דעם אָנהויב פון דעם נייינצעהנטען יאָהרהונדערט. אין די ערשטע צייטען פון דער באַוועגונג האָט יעדער וויכטיגער סטרייק געהאַט אַ קאָמיטעט פון סימפּאַטיזירער פון אַנדערע פאַךגעזעלשאַפטען, וועלכער פלעגט זאַמלען ביישטייערע און העלפען פערזענליך מיט וויפיעל ער האָט געקאָנט. אָבער די וויכטיגסטע זיינען געווען די קאָמיטעטען, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַלע טרייד־יוניאָן צענטערס, ווען די באַוועגונג איז געשטעלט גע־

ווארן אין געפאהר דורך א געוויסען געזעץ אדער פארלאמענטס־פראיעקט. אזעלכע קאמיטעטען האבען אין 1825 זעהר פיעל געהאלפען ניט צו דערלאזען ווידער איינפיהרן די געזעצען קעגען ארבייטער־פאראייניגונגען ; אויפצו־וועקען אין יאהר 1834, די עפענטליכע מיינונג אין דעם פאל פון די דארטשעסטער ארבייטער, און צו פארטיידיגען די טרייד־יוניאנס, אין יאהר 1838, פאר דער פארלאמענטס־קאמיסיע פון יענעם יאהר. אבער די דאזיגע פריהערדיגע קאמיטעטען פלעגען געגרינדעט ווערן נאר אין ספעציעלע נויט־פאלען, און האבען, אזוי ווייט ווי מיר ווייסען, ניט געהאט קיין שטענדיגע עקזיסטענץ. ארום 1860 האבען שוין עקזיסטירט שטענדיגע ראטען אין גלאזגאו, שעפיעלד, ליווערפול און עדינבורג, און די לאנדאנער טריידס האבען נאכגעפאלגט זייער ביישפיעל אין יאהר 1861.*

---

* דער ערשטער שטענדיגער קאמיטעט, וואס האט געטראגען דעם כאראקטער פון א פאכען־ראט, איז, ווי עס ווייזט אויס, לויט אונזער אינפארמאציע, געווען די ליווערפולער „פאכען־שוץ־געזעלשאפט“, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין 1848, צו באשיצען די טרייד־יוניאנס פון דער אונטערדריקונג מצד די בעלי־בתים, דורך דעם געברויך פון קרימינאל־געזעץ. פון איהר געדרוקטען באריכט און פינאנץ באריכט פאר 1848, און פון די אנווייזונגען אין דעם „צוויי־וועכענטליכען צירקולאר“ פון דער שטיינמויערער געזעלשאפט דעם 23טען נאוועמבער, 1848, דערוויסען מיר זיך, אז די געזעלשאפט האט געארבייט ענערגיש צו באשיצען די שעפיעלדער ראזיר־מעסער שלייפער פון בייזוויליגע פארפאלגונגען, און צו העלפען די ליווערפולער מויערער, וועלכע זיינען אנגעקלאגט געווארן אין קאנספיראציע. מיר האבען ניט קיין באשרייבונג פון איהר טעטיגקייט פון 1850 ביז 1857 ; אין אויגוסט 1857, האט זי בייגעשטייערט £400 צו שטיצען די ליווערפולער מעבעל־ארבייטער, און אין 1861 האט זי געשטיצט דעם סטרייק פון די לאנדאנער מויערער. אין מאנאט יולי פון יענעם יאהר האט זי זיך פארשמאלצען מיט דער „פאראייניגטער פאכען־שוץ געזעלשאפט“, וועלכע איז ארגאניזירט געווארן לויט דעם מוסטער פון דעם ניי־געגרינדעטען לאנדאנער פאכען־ראט. אין גלאזגאו האבען, ווי עס שיינט עקזיסטירט כמעט כסדר, זינט 1825, געמיינשאפטליכע דעלעגאטען־קאמיטעטען פאר ספעציעלע צוועקען. א פראבע איז געמאכט געווארן אין 1851 אוועקצושטעלען די קאמיטעטען אויף א שטענדיגען באזיס, אבער די פאך־געזעלשאפטען האבען באלד

ווי פיעלע פראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס, איז דער לאָנדאָנער פאַכען־ראַטה אַרויסגעוואָקסען פון אַ „סטרייק קאָמיטעט“. אין פאַרלויף פון דעם ווינטער פון 1859־1860, זיינען אָפּגעהאַלטען גע־וואָרן וועכענטליכע פאַרזאַמלונגען פון דעלעגאַטען פון די טריידס פון דער הויפּטשטאָדט, כדי צו שטיצען די בוי־אַרבייטער אין זייער קאַמף קעגען דעם „דאָקומענט“. „ביים סוף פון יענעם היסטאָרי־

אויפגעהערט צו שיקען דעלעגאַטען. אַ נייע פּראָבע איז געמאַכט געוואָרן אין 1858, דורך אַלעקסאַנדער קעמפּבעל, שוין מיט מעהר ערפאָלג, און דער ראַט, וואָס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן, הויפּטזעכליך פון די בוי־פאַכען, האָט אין 1860, געפיהרט אַ זעהר ענערגישע טעטיגקייט. שעפיעלד האָט אויך אַ לאַנגע צייט געהאַט צייטווייליגע פעדעראַציעס פון די אָרטיגע פאַכען, וועלכע האָבען געהאַט כמעט אַ ניט־אונטערבראָכענע עקזיסטענץ. איינע פון זיי, די „געזעלשאַפט פון די אָרגאַניזירטע פאַכען“, איז גע־גרינדעט געוואָרן אין 1857 מיט דעם ספּעציעלען צוועק צו העלפען דער שעפיעלדער דרוק אַרבייטער געזעלשאַפט, צו פאַרטיידיגען זיך אין אַ פאַרלוימדונגס פּראָצעס, און איז מיט דער צייט געוואָרן דער שטענדיגער פאַכען־ראַט. אין אַנדערע שטעדט, ווי דאָבלין און בריסטאָל, האָבען כמעט שטענדיג עקזיסטירט געוויסע ראַטען פון דאָרטיגע פאַכען. אַן אַפּיעל פון דער פאַכען־פאַרטיידיגונגס געזעלשאַפט פון מאַנטשעסטער, אונטערגעשריבען פון פאָרשטעהער פון 9,000 אַרבייטער, צו שטיצען דעם סטרייק פון די פּאַרבער, איז ערשיענען אין דעם „צוויי־וועכענטליכען צירקולאַר“ פון די שטיינמויערער, אין 1854. אין לאָנדאָן, ווי מען קאָן זיך דערוויסען פון דזשאָרדזש אָדגער׳ס אויסזאָגונגען פאַר דער „בעלי־בתים און אַרבייטער געזעץ“ קאָמיסיע, אין 1867, זיינען פאַרזאַמ־לונגען פון „פאַכען־דעלעגאַטען פון דער הויפּטשטאָדט“ אָפּגעהאַלטען געוואָרן גאַנץ אָפט, ספּעציעל זינט 1848. אין 1852, למשל, ווי מיר דערוויסען זיך פון דעם „בוקביינדערס׳ טרייד סירקולאַר“ (נאָוועמבער 1853), האָט אַ קאָמיטעט פון די לאָנדאָנער פאַכען אַרויסגענומען דעם פּראָצעס פון די וואולוועהעמפּטאַנער בלעך־אַרבייטער פון די הענט פון דער עטוואָס פאַרשלאָפענער „נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פון פאַראייניגטע פאַכען“, און אַליין געדעקט די גרויסע קאָסטען פון דעם דאָזיגען פּראָ־צעס. גלייך נאָך דעם ווי די אויפגאַבע פון אָט דעם קאָמיטעט איז ערפילט געוואָרן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַנאַנדער קאָמיטעט, צו שטי־צען דעם סטרייק פון די פרעסטאָנער באַוועל־אַרבייטער. פאַר אָט דעם קאָמיטעט, וועלכער איז געזעסען אין בעל־אין, אָלד בעילי, דער היס־טאָרישער פאַרזאַמלונגס־אָרט פון׳ם לאָנדאָנער טרייד־יוניאָניזם, האָט

שען קאמף", זאָגט דער צווייטער יעהרליכער באַריכט פון דעם לאָנדאָנער פאַכען־ראַטה, „האָט מען דערפיהלט, אַז עפּעס דאַרף געטאָן ווערן, כדי צו גרינדען אַן אַלגעמיינעם פאַכען־קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיין אומשטאַנד, אין אַ נויט־פאַל, אויף גיך צוזאַמענ־ברענגען די פאָרשטעהער פון די פאַכען, מיט דעם צוועק צו העלפען איינע די אַנדערע מאַטעריעל אָדער מיט אַן עצה, ווי די אומשטענ־

לאָיד דזשאָונס, אין מערץ, 1855, איבערגעגעבען זיין פאַרדאַכט, אַז אַ געוויסער פּראָיעקט וועגען פריינדליכע געזעלשאַפטען, וועלכער איז דאַן פאָרגעשלאָגען געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, וועט מאַכען די געזעצליכע פּאָזיציע פון די פאַך־געזעלשאַפטען נאָך שווערער ווי זי איז ביז דאַן געוועזן. אַ „מעטראָפּאָליטאַן טריידס־קאָמיטעט וועגען דעם פריינדליכע־געזעלשאַפטען געזעץ־פּראָיעקט" איז גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן און דאָננינג האָט רעצענזירט דעם געדרוקטען באַריכט אין זיין „צירקולאַר" פאַר דעצעמבער, 1855. דאָרטען דערוויסען מיר זיך, אַז וויליאַם אַלאַן איז געוועזן דער פאָרזיצענדער פון דעם קאָמיטעט אין וועלכען עס זיינען אויך אַריינגעגאַנגען זיין אַלטער פריינד וויליאַם ניוטאָן, די גענעראַל סעקרעטערע פון די שטיינמויערער און ציגעל־לייגער פאַראיינען, און פאָרשטעהער פון די שריפטזעצער און בוכבינדער. דער קאָמיטעט איז געשטיצט געוואָרן פון 87 פאַרשיידענע טרייד־יוניאָנס מיט 48,000 מיטגלידער, וועלכע האָבען בייגעטראָגען אַ האַלבע פּעני פער מיטגליד, צו דעקען די הוצאות. די אַגיטאַציע פון דעם קאָמיטעט, איז ווי עס ווייזט אויס, געוועזן אַן ענערגישע און ווירקזאַמע. די אומגעווינשטע פונקטען זיינען דורך טיכטיגע פּאַרלאַמענטאַרישע פּריוואַטע אונטערהאַנדלונגען באַזייטיגט געוואָרן פון דעם געזעץ, און דאָס, וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ וויכטיגער שריט אין דער ריכטונג פון לעגאַליזירן די פאַך־געזעלשאַפטען, איז דורכגעפיהרט געוואָרן מיט דער חילף פון מר. טאָמאַס היוס און לאָרד גאָדריטש. צווישען 1858 און 1867, זיינען פאַכען־ראַטען געגרינדעט געוואָרן אין אַן ערך אַ טוץ פון די גרעסטע שטעדט. פון 1870 ביז 1873, ווען די טרייד־יוניאָנס האָבען זיך אויסגעבריט, איז די צאָהל פון שטאָדטיגע פאַכען־ראַטען פאַרטאָפּעלט געוואָרן; נאָר אַמשטאַרקסטען זיינען זיי געוואָקסען אין דער צייט פון דער גרויסער טרייד־יוניאָן כוואַליע, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבען אין לאַנד אין 1889 ביז 1891, ווען מעהר ווי 60 נייע שטאָדט־ראַטען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן, און די עקזיסטירנדע ראַטען זיינען רעאָרגאַניזירט געוואָרן און האָבען געוואונען פיעלע מיטגלידער.

דען וועלען פאָדערן".* אין מערץ 1860, האָט דער צייטווייליגער קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דעם צוועק, ארויס־געשיקט אַן „אויפרוף" צו די פאַכען, און דאָס האָט געפיהרט צו דער גרינדונג, דעם 1טען יולי, 1860, פון דער ערשטער זיצונג פון דעם לאָנדאָנער פאַכען־ראטה.

עס איז אינטערעסאַנט צו באמערקען, אַז דער ראטה איז פון אנהויב אַן געווען צוזאַמענגעשטעלט הויפטזעכליך פון פאָרשטעהער פון די קלענערע אָרגאַניזאַציעס. אין דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס איז ערוועהלט געוואָרן אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג, זיי־נען ניט אַריין קיינע דעלעגאַטען פון די מאַשיניסטען, שריפטגיע־סער, מויערער, ציגעל־לעגער, אָדער אייזענגיסער, וועלכע זיינען דאַן געווען, אַזוי ווי זיינען איצט, די איינפלוסרייכסטע לאָנדאָנער פאַכען אָרגאַניזאַציעס. די ערשטע האַנדלונג פון דעם יונגען ראטה איז אַ קלאָרער צייכען פון אָט דעם געפיהל פון אָפּגעזונדערטקייט, וואָס האָט געפיהרט צו זיין גרינדונג. כדי צו פאַרבעסערן די פאַר־בינדונגען מיט די אַנדערע פאַכען־געזעלשאַפטען פון קעניגרייך, איז באשלאָסען געוואָרן צוזאַמענצושטעלען אַן אַלגעמיינעם טרייד־יוניאָן רעיסטער", אין וועלכען עס זאָלען זיך געפינען די נעמען און אַדרעסען פון אַלע טרייד־יוניאָן סעקרעטערע. אָט די לויבענס־ווערטע אונטערנעהמונג, האָט פאַרשלונגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער נייער קערפּערשאַפט דעם ערשטען יאָהר, און דאָס אָפּ־דרוקען 2,000 עקזעמפּלאַרען פון די רעזולטאַטען פון דער ארבייט, האָט פאַרקריפּעלט די פינאַנצען פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר אַ לענ־גערער צייט. ווייל ליידער האָט דער „אַלגעמיינער טרייד־יוניאָן רעיסטער", וועלכער איז ארויסגעגעבען געוואָרן צום פאַרקויף, פאַר'ן פרייז פון איין שילינג אַן עקזעמפּלאַר, זיך גאָר ווייניג פאַר־קויפט, און איז, ווי מיר האָבען מורא, גאָר אינגיכען אַוועק אויף פּאַק־פּאַפּיער. מיט פיעל שווערער מיה איז אונז קוים געלונגען צו ענטדעקען נאָר איין עקזעמפּלאַר.**

* דער צווייטער יעהרליכער באַריכט פון לאָנדאָנער פאַכען־ראַט, דעם 31טען מערץ, 1862.

** קיין עקזעמפּלאַר איז ניט פאַרבליבען אין בריטיש מוזעאום אָדער

שפעטער איז די פיהרערשאפט פון דעם ראטה אריבער אין פעהיגערע הענד. אין 1861, איז מר. דזארדזש קאוועל געווארן סעקרעטער, און א יאהר שפעטער האט די שטעלע פארנומען דזשארדזש אדגער, וועלכער איז צעהן יאהר נאכאנאנד פארבליבען דער אנגעזעהענסטער מיטגליד פון דעם ראטה. די פאראייניגטע געזעלשאפט פון מאשיניסטען האט זיך אנגעשלאסען אין 1861, און דער וועטעראן דאנניגג האט אריינגעבראכט אין דעם ראטה די אלט־עטאבלירטע יוניאן פון בוכבינדער. ארום 1864, יעדענפאלס, איז די נייע ארגאניזאציע אינגאנצען באהערשט געווארן פון דער יונטא. די צוויי פארבאנדען פון מאשיניסטען און סטאלערס האבען עטליכע יאהר געליפערט א העלפט פון דער הכנסה פון דעם ראטה. די גרויסע פאד אונטערשטיצונגס־געזעלשאפט פון אייזענגיסער, און דער וואקסענדער „לאנדאנער ארדען“ פון מויערער האבען געשיקט זייערע גענעראל סעקרעטערען צו די פארזאמלונגען פון דעם ראטה. פאקטיש איז דער ראטה געווארן א געמיינשאפטליכער קאמיטעט פון באאמטע פון די גרויסע נאציאנאלע ארגאניזאציעס. אין די פארזאמלונגען, אין אלד־בעל־אין, אונטער דעם שאטען פון ניוגעיט, געפינען מיר די התחלה פון אן אומפארמעלען מיניסטעריום פון דער טרייד־יוניאן וועלט.

דערווייל האט ווידער אויסגעבראכען א קריעג צווישען די בעלי־בתים פון בוי־פאד און זייערע ארבייטער, טיילווייז צוליעב דער נייער אגיטאציע פאר א ניין־שטונדיגען טאג, און טיילווייז צוליעב דעם, וואס די בעלי־בתים האבען געוואלט איינפיהרען צו צאהלען די ארבייטער פער־שטונדע אנשטאט דעם פריהערדיגען מנהג פון א טאג־לוין.* פאר דעם היסטאריקער פון דער אלגעמיינער באוועגונג

אין אן אנדער ביבליאטעק וואס איז אונז באקאנט, אפילו ניט אין די ארכיוועז פון דעם פאכען־ראט זעלבסט. מר. ראבערט אפעלגארט, האט אונז געפעליג געשענקט די אינציגע קאפיע, וואס מיר האבען געזעהן.

* נאכהער ווי זיי האבען ערהאלטען א צושריפט פון די ארבייטער, בעטענדיג אז דער ניין־שטונדיגען ארבייטס־טאג זאל איינגעפיהרט ווערן, האבען דריי פון די וויכטיגסטע לאנדאנער בוי־פירמעס געלאזט וויסען, אז זיי וועלען באשעפטיגען זייערע ארבייטער פון שטונדע, און ניט פון טאג. „אויף אט דעם אופן“, האבען זיי געזאגט, „פון

איז אַט דער שטרייט הויפּטזעכליך וויכטיג צוליעב דעם, וואָס ער האָט צום ערשטען מאָל געגעבען אַ געלעגענהייט אַ גרופּע יונגע אַדוואָקאַטען און ליטעראַטען אַריינצומישען זיך אין אַן אַרבייטער קאַמף, און זיי זיינען פֿון יענער צייט אָן געוואָרן די אָנפאַרטרויטע

צאָהלען פֿער־שטונדע, וועט געבען אַ מעגליכקייט אונזערע אַרבייטער צו אַרבייטען אַזוי פֿיעל שטונדען, ווי זיי וועלען געפֿינען פֿאַר נויטיג״. אָט דער קונציגער פֿאָרשלאַג וואָלט אייגענטליך געפֿיהרט דערצו, אַז מען זאָל זיך אינגאַנצען אָפּזאָגען פֿון דעם פּרינציפּ פֿון קאָלעקטיווע פֿאַרהאַנדלונגען. די בעלי־בתּים פֿון בוי־פֿאַך האָבען דאָ פּרובירט אָפּ־צושאַפֿען דעם עצם באַגריף פֿון אַ נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג און צוריק־צוקעהרן זיך, ווענינגסטענס איז דער הינזיכט פֿון אַרבייטס־שטונדען, צו די באַזונדערע קאָנטראַקטען מיט יעדען איינצעלנעם אַרבייטער. די אַרבייטער האָבען באַגריפֿען, וואָס זיי האָבען פֿאַרפֿעהלט קלאָר צו דער־קלערן, אַז די פֿרייהייט, וואָס מען שלאָגט זיי פֿאָר איז ניט מעהר ווי אַן אילוזיע. אין דער מאָדערנער אָרגאַניזאַציע פֿון די אינדוסטריען אויף אַ גרויסען מאָסשטאַב, קאָן דער איינצעלנער אַרבייטער ניט האָבען די פֿרייהייט צו וואַרפֿען די אַרבייט ווען ער וויל. אָהן אַ געמיינ־שאַפֿטליכען נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג, מוז ידער אַרבייטער אָנגעהן מיט דער אַרבייט אַזוי לאַנג ווי די מאַשינען געהען, אָדער דער ווערקשטאַט איז אָפֿען. דער עצם פֿון דער פֿראַגע איז געווען, ווי אַיינצופֿיהרן אַ באַשטימטען געמיינשאַפֿטליכען אַרבייטס־טאָג פֿאַר אַלע אַרבייטער. די בעלי־בתּים פֿון די בוי־פֿאַכען, אין 1861, האָבען ריכטיג אויסגע־רעכענט, אַז ווען יעדער אַרבייטער וועט זיין פֿריי צו פֿאַרדיענען זיין לוין פֿער־שטונדע, וועט די אַרבייטס־צייט רעגולירט ווערן ניט פֿונ׳ם שטאַנדפּונקט פֿון אַלגעמיינער בעקוועמליכקייט, נאָר פֿון דעם וואונש און דער פֿעהיגקייט פֿון די יעניגע, וועלכע זיינען וויליג צו אַרבייטען די לענגסטע שטונדען. אויף אָט דעם פּונקט, דעם וויכטיגסטען אין דעם שטרייט, האָבען די אַרבייטער געפֿיהרט זייער קאַמף. דער נאָר־מאַלער אַרבייטס טאָג אין די לאָנדאָנער בוי־פֿאַכען איז באַשטימט גע־וואָרן לויט דעם אַלגעמיין אָנגענומענעם מנהג און זינט דאַן איז ער בסדר רעגולירט געוואָרן און פֿאַרקלענערט געוואָרן דורך פֿאָרמעלע קאָ־לעקטיווע קאָנטראַקטען, ביז די דורכשניטליכע אַרבייטס־וואָך באַשטעהט בלויז פֿון 48 און דריי־פֿערטעל שטונדען. דער וועניגער־וויכטיגער פּונקט, וועגען דער נאָרמע פֿונ׳ם לוין, האָבען די אַרבייטער שטופֿענ־וויין נאָכגעגעבען, און דער שטונדען־סיסטעם, רעגולירט דורך דער שטרענגער באַגרעניצונג פֿון אַרבייטס־טאָג, איז מיט דער צייט פֿאָרגע־צויגען געוואָרן פֿון ביידע צדדים.

געזעץ־עקספּערטען און פּאָליטישע עצה־געבער פון די פיהרער פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. די אַרבייטער האָבען לכתחילה אינ־גאַנצען פאַרפעהלט קלאָר צו מאַכען די אורזאַכען פאַרוואָס זיי זיי־נען געגען דעם שטונדען־סיסטעם. זיי האָבען גאָרניט געטאָן אפילו פאַרצולעגען זייער צד פון דער פראַגע. זייער שטעלונג איז צום ערשטען מאָל קלאָר ערקלערט געוואָרן אין צוויי גלענצענדע בריעף צו די צייטונגען, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרן פון אַכט פּאָזי־טיוויסטען און קריסטליכע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען פיעל בייגעטראָגען דערצו, אַז דער קאַמף זאָל זיך ענדיגען מיט אַ קאָמ־פּראָמיס.*

אַ מעהר דירעקטע אינטערעס האָט פאַר אונז די שטעלונג, וואָס דער ניי־געגרינדעטער לאָנדאָנער פאַכען־ראַטה האָט גענומען צום קאַמף פון די בוי־אַרבייטער. צווישען די געביידען, וואָס זיי־נען ניט פאַרענדיגט געוואָרן צוליעב דעם שטרייט, זיינען געווען די נייע טשעלסיער קאַזאַרמעס, וואָס אַ גרויסער קאָנטראַקטאָר האָט געבויט. דער קריעגס מיניסטעריום האָט ניט געהאַלטען פאַר אַן עולה צו ערלויבען דעם קאָנטראַקטאָר צו באַשעפטיגען סאָלדאַטען אויפ'ן אָרט פון די סטרייקערס. אַן ענהליכע שטעלונג האָט די רעגירונג גענומען אין סטרייקס פון די יאָהרען 1825 און 1834, אָבער די טריידיוניאָנס זיינען שוין געווען צו מעכטיג אין די שפּעטערע יאָהרען צו ערלויבען אַזאַ אריינמישונג אין זייערע קאַמפען. אַ דע־לעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון די לאָנדאָנער פאַכען פון פופציג אינ־דוסטריען, אין וועלכער עס האָבען זיך באַטייליגט פאָרשטעהער פון 50,000 אַרבייטער, האָט געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום קריעגס מיניס־טעריום וועגען דעם ענין. סער דזשאָרדזש קאָרנוואָל לואיס, האָט צוערשט געגעבען אַ צווייִדייטיגען ענטפער, אָבער דער נייער פאַ־כען־ראַטה האָט אָנגעפיהרט אַ ווירקזאַמע פּאַרלאַמענטאַרישע אַגי־

---

* די בריעף זיינען געשריבען געוואָרן פון די הערן פרעדעריק העריסאָן און גאָדפרעי לושינגטאָן, נאָך אַ פּערזענליכער אונטערזוכונג און אויספאָרשונג, און זיינען אונטערגעשריבען געוואָרן אויך פון די הערן ט. היוז, דזשיי. מ. לודלאָוו, ע. ס. ביסלי, ר. ה. הוטאָן, ר. ב. ליטשפיעלד און ט. ר. בענעט. זיי זיינען ערשינען אין יולי, 1861.

טאציע, און האָט אויסגעפיהרט, אז מען זאָל אין פּאַרלאַמענט אַזוי צודריקליך אינטערפּעלירן דעם מיניסטער, אז ער איז געווען גע־צוואונגען צוריקצוציהען די סאָלדאַטען פון דער אַרבייט.

די פּראָטאָקאָל ביכער פון דעם לאָנדאָנער פאַכען־ראַטה, פון 1860 ביז 1867, שפּיגלען אָפּ די טרייד־יוניאָן געשיכטע פון יענער צייט. אָדגער האָט געהאַט די זעלטענע פעהיגקייט צו מאַכען זיינע פּראָטאָקאָלען אינטערעסאַנט. ער שילדערט אין זיין בייסיגען אָבער בילדער־רייכען ענגליש, אַלע פאַרשיידענע פּאַסירונגען פון דער אַרבייטער באַוועגונג, ווי זיי זיינען באַריכטעט געוואָרן צום ראַטה. אין 1861 ביז 1862, למשל, זעהן מיר ווי דער ראַטה האָט אומזיסט פּרובירט צו שליכטען די שווערע פראַגע פון דער פאַך יוריסדיקציע צווישען די שיף־בויער און די אייזערנע שיפען בויער. מיר באַמערקען אין די פּראָטאָקאָלען דעם שאַטען פון דעם לאַנקאַ־שירער באַוועל הונגער, און מיר לעזען די ענטריסטונגס־רעזאָלו־ציעס, וועלכע פאַרדאַמען די שעפּיעלדער גוואַלטטאַטען פון יענע יאָהרען. אָבער דער ספּעציעלער אינטערעס פון יענע פּראָטאָקאָלען ליעגט אין די פּונקטען, וועלכע שילדערן אומבאַוויסטזיניג דעם אופן, ווי דער ראַטה איז געוואָרן דער אינסטרומענט פון דער נייער ריכטונג, צו באַטייליגען זיך אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. אונ־טער אָדגער׳ס איינפלוס האָט דער ראַטה געשפּיעלט אַן אַנגעזעהענע ראָלע ביים אָרגאַניזירן די פּאָלקס אויפנאַהמע פאַר גאַריבאַלדי׳ן, און אין 1862 האָט דער ראַטה אָבגעהאַלטען אַ גרויסען מאַסען־פאַרזאַמלונג אין סעינט דזשיימס האָל, אַלס דעמאָנסטראַציע פאַר דעם קאַמף פון די צפון שטאַאַטען געגען נעגער שקלאַפעריי, וואו דזשאָהן ברייט איז געווען דער הויפט רעדנער. אין 1864 האָט די יונטאַ זיך אָפען געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו די „אַלטע יוניאָניס־טען“, וועלכע זיינען געווען געגען די מינדסטע פאַרבינדונגען צווי־שען דער רעגירונג און די עסקים פון די אַרבייטער. מר. גלאַדסטאָון, וועלכער איז דאַן געווען פינאַנץ מיניסטער האָט פאָר־געשלאָגען אַ פּראָיעקט, אז דער פּאָסט־אַמט זאָל פאַרקויפען יעהר־ליכע רעגירונגס הכנסה פּאַפּירען פאַר קליינע סומען. געגען אָט דעם אומשעדליכען פּראָיעקט, האָט דזשאָרדזש פּאָטער, דער פיה־רער פון די געגנער פון דער יונטאַ, פאַררופען גרויסע פאָלקס פאַר־

זאמלונגען פון די לאנדאנער פאכען, האט געוואונען אויף זיין זייט די שטיינמיערער און די אנדערע פראווינץ־ארגאניזאציעס און האט ביטער אטאקירט דעם פארשלאג אלס א בייזוויליגע פראבע אפצופיהרן די ארבייטערס' אפגעשפארטע געלדער, פון די טרייד־יוניאנס און פון געגענזייטיגע־הילפס־געזעלשאפטען, אין דער קאסע, וואס ווערט קאנטראלירט פון די הערשענדע קלאסען. דער לאנדאנער פאכען־ראטה האט געשיקט אן איינפלוסרייכע דעפוטאציע צו מר. גלאדסטאון, כדי עפענטליך אפצוזאגען זיך פון פאטער'ס האנדלונג, און צו שטיצען דעם פארשלאג, אז די רעגירונג זאל אויסנוצען איהר אדמיניסטראטיווע ארגאניזאציע צו גונסטען פון דעם ארבייטער קלאס. נאך וויכטיגער איז געווען די ענדערונג פון דעם ראט'ס פאליטיק בנוגע פאליטישע רעפארמען. די ערשטע מיטגלידער האבען זיך געשטעלט געגען אריינברענגען פאליטיק אין דער ארגאניזאציע אונטער אירגענד וועלכען שלייער. אין פארלויף פון 1861 ביז 1862, האבען האוועל און אדגער אומזיסט פרובירט צו געווינען די שטיצע פון דעם ראט פאר דער אגיטאציע פאר א נייעם רעפארם פראיעקט; אבער אין 1866, אונטער דעם איינפלוס פון אדגער, אפעלגארט, עלען און קאולסאן, האט דער ראט זיך אריינגעווארפען מיט באגייסטערונג אין דער דעמאנסטראציע פאר דעם רעפארם פראיעקט פון דער ליבעראלער רעגירונג, און האט געשפיעלט אן אנגעזעהענע ראלע אין דער אגיטאציע, וועלכע האט געפיהרט דערצו, אז די שטאדטיגע בעלי־מלאכות זאלען קריגען שטים־רעכט.* אין דעם זעלביגען יאהר האט דער ראט איינגעשטימט מיטצוארבייטען מיט דעם „אינטערנאציאנאל“ אין דער פאדערונג פאר דעמאקראטישע רעפארמען פון אלע אייראפעאישע רעגירונגען.

* פיעלע ארטיגע בירמינגהעמער יוניאנס האבען זיך דירעקט פארבונדען מיט דער נאציאנאלער רעפארם ליגע. נאר מיט דער אויסנאמע פון די קליינע קלובען אין וואולהערהעמפטאן און די וועסטענדער מעבעל־ארבייטער פון לאנדאן, האט קיין אנדער יוניאן, ווי עס שיינט, זיך ניט אנגעשלאסען אן דער ליגע אלס גאנצע קערפערשאפט, אבוואויל עלען, אפעלגארט, קאולסאן, אדגער, פאטער און קאנעלי, זיינען געווען מיטגליעדער פון דעם ראטה פון דער רעפארם ארגאניזאציע.

דער שטאַרק רעקלאַמירטער עפענטליכער אַרויסטריט פון דעם לאָנדאָנער פאַכען־ראַט, האָט אַרויסגערופען אַ באַדייטענדען אינ־טערעס אין די פּראָווינציעלע צענטרען פון טרייד־יוניאָניזם. מיר געפינען, אַז דער ראַט האָט אָפט קאָרעספּאָנדירט מיט ענהליכע קערפּערשאַפטען אין גלאַזגאָו, נאָטינגהעם, שעפּיעלד און אַנדערע פּראָווינץ שטעדט, און איז אָפט געווען אַן אומפאָרמעלער פיהרער אין אַלגעמיינע באַוועגונגען. עס וואָלט אָבער ניט געווען רעכט צו־צושרייבען די גאַנצע איניציאַטיווע אין געזעץ־רעפאָרמען צו די לאָנדאָנער באַאַמטע. אונטער דער גלענצענדער פיהרערשאַפט פון אַלעקסאַנדער מעקדאָנאַלד, וועמעס אַרבייט מיר וועלען שפּעטער באַשרייבען, איז די מאַכט פון די קויהלען גרעבער אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַגיטאַציע; און מעקדאָ־נאַלד׳ס פריינד, אַלעקסאַנדער קעמפּבעל, האָט באַוואויגען דעם גלאַזגאָוער פאַכען־ראַט אָנצונעהמען די נייע פּאָליטיק. קעמפּבעל און מעקדאָנאַלד, אַרבייטענדיג דורך זייערע אָרגאַניזאַציעס, האָבען דערגרייכט דאָס וויכטיגסטע פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין די קומענדע יאָהרען, דורכפיהרענדיג אַן אויסבעסערונג פון דעם גע־זעץ, וואָס האָט רעגולירט די באַציהונגען פון בעלי־בתים צו אַר־בייטער.

אין דער איצטיגער צייט, ווען די גלייכהייט אין באַהאַנדלונג פאַר׳ן געזעץ איז אַן אַלגעמיין אָנגענומענע זאַך, איז שווער זיך צו פאָרשטעלען, ווי אַזוי די גוואַלדיגע אומגערעכטיגקייט פון די אַלטע בעלי־בתים־און־אַרבייטער־געזעצען איז באַרעכטיגט געוואָרן, אַפילו פון אַ מיטלקלאַס פּאַרלאַמענט. ווען אַ בעל־הבית האָט געבראָכען אַן אָפּמאַך מיט אַן אַרבייטער, אַפילו ווען ער האָט דאָס געטאָן אַב־זיכטליך און אָהן באַרעכטיגונג, האָט מען איהם נאָר געקאָנט אָנ־קלאָגען פאַר שאַדענערזאַץ, אָדער אין פאַל פון אַ לוין־חוב אונטער צעהן פונט, האָט מען איהם געקאָנט רופען צום געריכט, וואָס האָט געקאָנט באַפעהלען, ער זאָל באַצאָהלען די סומע וואָס קומט פון איהם. פון דער צווייטער זייט, אַן אַרבייטער אָבער, וועלכער האָט אַבזיכטליך געבראָכען זיין קאָנטראַקט און איז ניט געקומען צו דער אַרבייט אָדער האָט פאַרלאָזען דעם בעל־הבית אינגאַנצען, האָט גע־קאָנט אָנגעקלאָגט ווערן קרימינעל און באַשטראָפט ווערן מיט דריי

חדשים געפענגנים. אַט די אומגלייכע באַהאַנדלונג איז נאָך מעהר פאַרערגערט געוואָרן דורך פאַרשיידענע אַנדערע איבלען. לויט דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון באַווייזען איז אויסגעקומען, אַז אַ בעל־הבית, ווען ער ווערט אָנגעקלאָגט פון אַן אַרבייטער, קאָן זיין אַן עדות פאַר זיך אַליין, בעת אַן אַרבייטער וואָס איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פון בעל־הבית, האָט ניט געטאָרט זיין אַן עדות פאַר זיך אַליין. עס פלעגט דאַרום אָפט פאַסירן, אַז קיינע אַנדערע באַווייזען ווי די אויסזאָגונגען פון דעם בעל־הבית, פלעגן ניט פאָרגעבראַכט ווערן פאַר'ן געריכט. אַן איינצעלנער פרידענס־ריכטער האָט געהאַט די מאַכט, אויפ'ן גרונד פון אויסזאָגונגען אונטער אַ שבועה, אַרויסצוגעבן אַ באַפעהל צו אַרעסטירן אַן אַרבייטער; אָפט פלעגן אַרבייטער אַרויסגעשלעפט ווערן פון בעט אין מיטען דער נאַכט לויט דעם ווילען פון אַ מאַגיסטראַט, וועלכער איז אין פיעלע פאַלען אַליין געוועזן אַ בעל־הבית.* דער פראָ־

---

*די פליכט אָנצוהויבען אַ פראָצעס דורך אַן אַרעסט־באַפעהל (וואָראַנט) איז צוערשט געוועזן די אַלגעמיינע מעטאָדע, וואָרים דאָס געזעץ פון 1824, פון דזשאָרדזש דעם פערטען, האָט דעם מאַגיסטראַט ניט געגעבען קיין אַנדער ברירה. לויט יענעם געזעץ האָט אַ בעל־הבית געדאַרפט גערופען ווערען אין געריכט, ווען ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פון אַן אַרבייטער, דורך אַן אויפפאָדערונג (אַ „סאָמאָנס"), בעת דער אַרבייטער האָט געדאַרפט אַרעסטירט ווערען אויף אַ אַרעסט־באַפעהל וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרן, ווען דער בעל־הבית האָט איהם פאַרקלאָגט אונטער אַ שבועה. אָבער אין 1848, האָט דער דזשערווי'ס געזעץ געגעבען די ריכטער די מאַכט אין אַלע פאַלען, אַרויסצוגעבען, צום ערשטען מאָל, אַן אויפפאָדערונג. דער מנהג איז פאָלגליך שטופענווייז איינגעפיהרט געוואָרן אין ענגלאַנד צו רופען דעם אַרבייטער צום געריכט, און די אַרעסט־באַפעלען זיינען אין אַלגעמיין אַרויסגעגעבען געוואָרן נאָר ווען דער אַרבייטער איז אַוועק פון שטאָדט אָדער ווען ער האָט ניט געפאָלגט די אויפפאָדערונג צו ערשיינען אין געריכט. דער דזשערוויס געזעץ איז אָבער ניט געוועזן גילטיג אין שאָטלאַנד, אַזוי אַז דאָרטען זיינען פאָרגעקומען אַרעסטען פון אַרבייטער ביז דעם יאָהר 1867, און דאָס איז געוועזן איינע פון די הויפט־קריוודעס, אויף וועלכע די גלאַזגאָוער פאָרשטעהער האָבען זיך באַקלאָגט. אפילו אין ענגלאַנד פלעגען אַרעסט־באַפעלען פון צייט צו צייט נאָך אַרויסגעגעבען ווערן פון פאַרביסענע מאַגיסטראַטען. אין 1863 איז אַ שטרייט פאָרגעקומען

צעם פֿלעגט פאַרקומען פאַר אַן איינצעלנעם פרידענס־ריכטער, און דער פאַרהער האָט געקאָנט פאַרקומען אין זיין פריוואַט וואוינונג. די איינציגע שטראָף פאַר אַן אַרבייטער האָט געקאָנט זיין נאָר געפענגניש. דאָס געזעץ האָט איהם אַפילו ניט געגעבען די ברירה צו באַצאָהלען שטראָף אָדער שאָדענערזאַץ. פון דער ענטשיידונג פון דעם ריכטער, ווי שטרענג זי איז ניט געווען, האָט מען ניט געקאָנט אַפעלירן. לסוף מוז מען נאָך צוגעבען, אַז די געפענגניש שטראָף האָט ניט באַפרייט דעם אַרבייטער פונ׳ם חוב, אַזוי אַז מען האָט איהם געקאָנט איינשפּאַרן אין געפענגנישׁ מעהרערע מאָל פאַר דעמזעלביגען חטא פון ברעכען דעם קאָנטראַקט.*

אין אַ דורהאַמער קויהלען־גרוב און דער בעל־הבית האָט אָנגעקלאָגט די קויהלען־גרעבער לויט דעם בעלי־בתים־און־אַרבייטער געזעץ. „אין מיטען נאַכט זיינען צוועלף פון זיי אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטען דורך דער פּאָליציי, און זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער דורהעמער געפענגניש, אויף דער קלאַגע, אַז זיי האָבען פאַרלאָזען די אַרבייט ניט מעלדענדיג דעם בעל־הבית“. (אַ בריעף פון פּראָפעסאָר ביזלי אין „ספּעקטאַטאָר“, דעם 12טען דעצ., 1863).

* זעה פראַגע 864. בעלי־בתים־און־אַרבייטער געזעץ קאָמיסיע פון 1866; אונווין געגען קלאַרק, געזעץ באַריכטען פון קווינ׳ס בענטש, זייט 417, און דעם צווייטען באַריכט פון אַרבייטס־געזעצען קאָמיסיע, (1875) זייט 7.

די געזעצען, לויט וועלכע מען האָט געקאָנט אַן אַרבייטער אַריינוואַרפען אין געפענגנים בלויז פאַר ברעכען דעם אַרבייטס קאָנטראַקט, שטאַמען געשיכטליך אָפּ פון יענער צייט, ווען דאָס געזעץ האָט פאַרבאָטען די אַרבייטער צו אָנטזאָגען זיך פון אַרבייט אָדער אויסצודינגען זיך זייער לוין. יעדע פאַרנאַכלעסיגונג אָדער פאַרלאָזונג פון דער אַרבייט איז דעריבער געווען דאָס אייגענע ווי פּשוט זיך אָפּזאָגען פון אַרבייטען איבערהויפּט, און דאָס איז געווען ניט אַזוי אַ ברוך פון קאָנטראַקט, ווי עובר זיין אויף אַ פליכט, וואָס האָט זיך גענומען פון זיין שטאַנד און איז דורכגעפיהרט געוואָרן פון געזעץ. דאָס געזעץ וועגען דעם פּונקט שטאַמט אין אמת׳ן פון דעם באַריהמטען אַרבייטס־סטאַטוט פון יאָהר 1343, וואָס זיין הויפּט־ציעל איז געווען צו צווינגען מענשען צו אַרבייטען אויף די לוין־באַדינגונגען, וועלכע האָבען עקזיסטירט פאַר דער שוואַרצער מגפה. די צווייטע אָפּטיילונג פון דעם געזעץ באַשטימט, אַז אויב אַן אַרבייטער אָדער אַ דיענער פאַרלאָזט זיין אַרבייט פאַר דער באַשטימטער צייט, זאָל ער אַריינגעזעצט ווערן אין געפענגניש.

אין אָנהויב פון 1863 האָט אַלעקסאַנדער קעמפּבעל געצווינגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גלאַזגאָוער פאַכען־ראַט אויף דעם בעלי־בתים־און־אַרבייטער־געזעץ. אַ פּאַרלאַמענט באַריכט האָט באַוויזען, אַז אין די געריכטען זיינען אין איין יאָהר פאָרגעקומען

דערזעלביגער פּרינציפּ איז ווידערהאָלט געוואָרן אין דעם סטאַטוט וועגען לעהרן־אינגלעך, אין 1563, וועלכער האָט פאַראייניגט דאָס געזעץ בנוגע אַלע בעלי מלאכות און אַרבייטער, און האָט עס אויסדריקליך אָנגעווענדט אויף שטיק־אַרבייטער, וועלכע האָבען געקאָנט אַריינגעזעצט ווערן אין תפיסה, אויב זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען איידער זיי האָבען פאַרענדיגט די אַרבייט. אין פאַרלויף פון דעם אַכצעהנטען יאָהר־הונדערט, וועלכער איז געווען רייך, ווי מיר האָבען געזעהן, אין געזעצען בנוגע באַשטימטע פאַכען, האָבען אַ לאַנגע רייהע סטאַטוטען געמאַכט די פאָרשריפטען פון געזעץ מעהר באַשטימט און שטרענגער אין די דערמאָנטע אינדוסטריען.

די אומערטרעגליכע אונטערדריקונג, וואָס אָט די געזעצען האָבען מעגליך געמאַכט פאַר אומעהרליכע בעלי־בתים צו באַגעהן אַנטקעגען די אַרבייטער, איז אין אָנהויב פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדער ניט געוועז קלענער איידער די אונטערדריקונג, וועלכע איז געווען דער רעזולטאַט פונ׳ם געזעץ געגען אַרבייטער־פאַראייניגונגען. דאָס האָבען שטאַרק אונטערגעשטראָכען די פאַרפאַסער פון „עטליכע ווערטער וועגען דעם צושטאַנד פון די געזעצען וואָס עקזיסטירען איצט צו רעגולירען בעלי־בתים און אַרבייטער״, (פאַרבאַהאַלטען צווישען די „פּלעים מאַנוסקריפּטען״״ 27.804), וועלכע דזשאָרדזש ווהייט, דער געהילף פון דעם פּאַרלאַמענט מיטגליעד פּעטער מאַר, האָט פאַרעפענטליכט אין 1823. די שטיק־אַרבייט אָפּטיילונג פון דעם סטאַטוט פון לערן־אינגלאַך, איז ספּעציעל געווען אומדערטרעגליך. „אָט די אָפּטיילונג״, זאָגט ווהייט, „איז שטאַרק מיסברויכט געוואָרן, וואָרים ביי פיעלע סאָרטען אַרבייט ווערט די אַרבייט ניט אָפּגעטאָן פון איין אַרבייטער, מחמת זייער אַרט באַשעפטיגונג איז אַזאַ, וואָס צווינגט זיי אָנצוהויבען איין אַרבייט איידער זיי ענדיגען אַן אַנדערע, ווי דאָס איז דער פאַל ביי די וואָס מאַכען רעדער און ביי אַ גרויסער צאָהל אַנדערע פאַכען. ווען, אַלזאָ, עס קומט פאָר אַ שטרייט וועגען לוין און אַ סטרייק הויבט זיך אָן, אָדער די אַרבייטער וואַרפען די אַרבייט נאָך אַן איבעררייד, פאַרפאָלגט זיי דער בעל־הבית פאַר אַוועקוואַרפען די אַרבייט אין מיטען. זעהר וועניג ווירקזאַמע פאַרפאָלגונגען זיינען פאָרגעקומען אונטער די געזעצען וואָס האָבען פאַרבאָטען אַרבייטער פאַראייניגונגען, אָבער הונדערטער פאַרפאָלגונגען זיינען פאָרגעקומען לויט אָט דעם געזעץ, און די אַרבייטער קאָנען זיך קיינמאָל ניט באַפרייען, סיידען דאָס געזעץ וועט געענדערט ווערן. דאָס געזעץ

10,339 פראצעסען וועגען געבראכענע ארבייטס־קאנטראקטען.* א קאמיטעט איז ארגאנזשירט געווארן צו אגיטירן פאר דעם, אז דאס געזעץ זאל אויסגעבעסערט ווערן, און מען האט זיך באלד געזעצט אין פארבינדונג ניט בלויז מיט די לאנדאנער פיהרער, נאר אויך מיט די מיטפיהלענדע עלעמענטען אין די פראווינץ שטעדט. די פאכען־ראטען פון לאנדאן, בריסטאל, שעפיעלד, נאטינגהעם, ניו־קאסטל און עדינבורג, זיינען פארמעל איינגעלאדען געווארן אנ־צושליסען זיך אן דער געמיינשאפטליכער באוועגונג. אין ליעדז און אנדערע שטעדט זיינען ארטיגע פאכען־ראטען ארגאניזירט גע־ווארן מיט דעם אויסדריקליכען ציעל, צו העלפען אין דער אגיטא־ציע. 15,000 עקזעמפלארן פון א „מעמאראנדום פון אינפארמאציע פאר'ן געברויך פון די ארבייטער, וועלכע פאלען ארונטער אונטער די פארשריפטען פון סטאטוט פון דזשארדזש דעם פערטען“,**

געגען פאראייניגונג איז גאר נישט; דאס געזעץ, וועלכער צווינגט צו ענדיגען די ארבייט, וואס ווערט אנגעווענדעט פון די בעלי־בתים צו אונטערדריקען די ארבייטער און פארקלענערן זייער לוין, איז דאס ערג־סטע. אויב דאס וועט ניט געענדערט ווערן, קאן קיין זאך ניט געטאן ווערן, און צוריקרופענדיג די געזעצען געגען פאראייניגונג לאזט איהר נאך אלץ איבער די ארבייטער אין 99 פאלען פון 100 אין דעם פריהערדי־גען צושטאנד, אין גאנצען אפהענגיג פון דעם ווילען פון די בעלי־בתים“. (זייט 51). אבער טראץ דעם אביסעל איבערטריבענעם פראטעסט, האבען ניט פלעים און ניט היום, אויפגענומען די ארבייט אויסצובעסערן דעם געזעץ בנוגע ארבייטס קאנטראקטען. זיי האבען זיך הויפטזעכליך אפ־געגעבען מיט דער אויפגאבע צו פארזיכערן די ארבייטער די פרייהייט צו שליסען קאנטראקטען און די שווערע שטראפען פאר ברעכען קאנ־טראקטען, האט דאמאלסט ניט געקאנט ציהען זייער אויפמערקזאמקייט.

* אלעקסאנדער קעמפבעל, וועלכער איז געוועזן אן אנגעזעהענער תלמיד פון ראבערט אוועז, און וועלכער איז געוועזן, ווי מיר האבען שוין געזעהן, דער סעקרעטער פון א קליינער סטאליער יוניאן אין גלאזגאו, אין 1834, האט אין 1863 רעדאקטירט דעם „גלאזגאו סענטי־נעל“, וועלכער איז געווארן דער הויפט־ארגאן פון מעקדאנאלד'ן און זיין נאציאנאלער געזעלשאפט פון מיינערס. עס ווערט אנגעגעבען, אז קעמפבעל איז אין 1858 געוועזן פאקטיש דער גרינדער פון דעם גלאזגאו'ער פאכען־ראטה.

** דער מעמאראנדום, וועלכער ענטהאלטעט א פינקטליכע ערקלע־

זיינען צירקולירט געוואָרן צווישען די פּראָמינענטסטע ארבייטער פון לאַנד. אויף קעמפּבעל׳ס און מעקדאָנאַלד׳ס איניציאַטיוווע האָט דער גלאַזגאָוער פאַכען־ראַט פאַררופען אַ קאָנפערענץ פון טרייד־יוניאָן פאָרשטעהער צו באַטראַכטען, ווי אַמבעסטען צו דער־גרייכען דעם ציעל פון דער אַגיטאַציע. אַט די קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין לאָנדאָן, אין מאַי, 1864, און האָט געדויערט פיער טעג, באַצייכענט אַן עפּאָכע אין דער טרייד־יוניאָן געשיכטע. צום ערשטען מאָל האָט זיך אַ נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון טרייד־יוניאָן דעלעגאַטען פאַרזאַמעלט אַליין, אויף דעם רוף פון אַ טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע, צו באַשפּרעכען אַן אַרבייטער פראַגע, אָהן דער הילף פון מיטפיהלענדע פון אַנדערע קלאַסען. עס זיינען געקומען ניט מעהר ווי 20 דעלעגאַטען, אָבער צווישען זיי זיינען געווען די הויפּט באַאַמטע פון אַלע גרויסע נאַציאָנאַלע יוניאָנס און טרייד־יוניאָן פאַרבאַנדען.*

די פאַרהאַנדלונגען פון דער קאָנפערענץ זיינען געווען פול־שטענדיג געשעפטסמעסיגע. דריי מיטגלידער פון דער רעגירונג זיינען געבעטען געוואָרן אויפצונעהמען דעפּוטאַציעס. מיט אַ גרוי־סער צאָהל מיטגלידער פון פאַרלאַמענט האָט מען זיך געזעהן פּרי־

רונג פון דעם געזעץ און די פאָרשלאַגען ווי איהם אויסצובעסערן, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם „פלינט־גלעסמייקערס מעגעזין“, דעצעמ־בער, 1863.

* צווישען די אָנוועזענדע זיינען געווען: ראָבערט אַפּעלגאַרט, דזשאָרדזש אָדגער, דעניעל געיל, ט. דזשיי. דונינג, אַלעקסאַנדער מעק־דאָנאַלד, וויליאַם דראָנפיעלד, אַלעקסאַנדער קעמפּבעל, עדווין קאָולסאָן און דזשאָרדזש פּאָטער. צווישען די געזעלשאַפטען, וואָס זיינען געווען פאָרטראָטען, זיינען געווען: דער לאָנדאָנער פאַכען־ראַטה, גלאַזגאָו׳ער פאַכען קאָמיטעט, שעפיעלדער געזעלשאַפט פון אָרגאַניזירטע פאַכען, ליווערפּולער פאַראייניגטער פאַכען־שוץ געזעלשאַפט, נאָטינגהאַמער געזעלשאַפט פון אָרגאַניזירטע פאַכען, די נאָרד הומבערלענדער און דורהעמער פאַראייניגטע פאַכען און אַרבייטער געזעלשאַפטען; די פאַרבאַנדען פון מאַשיניסטען און סטאָליערס, די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון ציגעל־מויערער, מויערער, אייזען גיסער, מיינערס, בוכבינדער, די לאָנדאָנער געזעלשאַפט פון שריפטזעצער, די שאָטלענדישע בעקער, די שעפיעלדער זעגען מאַכער און אַנדערע.

וואָס וועגן אויסבעסערן דאָס געזעץ באַלד, און ענדליך איז אַן ערפאָלגרייכע פאַרזאַמלונג פון געזעצגעבער אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין דעם „טהעע צימער" פון פּאַרלאַמענט גופא, וואו די דעלעגאַטען האָבען באַקאַנט די פריינדליכע פּאַרלאַמענט מיטלידער מיט זייערע וואונשען. מען האָט זיך געאייניגט אויף דער פאָרם פון דעם פּראָיעקט און מר. קאָבעט האָט איינגעשטימט איהם אַריינצוברענגען אין פּאַרלאַמענט. דער גלאַזגאָוער פאַכען־קאָמיטעט איז אויטאָריזירט געוואָרן צו שטיצען די פאָרגעשלאַגענע געזעץ אויסבעסערונג דורך אַן אַגיטאַציע אין נאָמען פון אַלע טרייד־יוניאָנס פון קעניגרייך.

דער געזעצפּראָיעקט, וועלכער איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון מר. קאָבעט, איז קיינמאָל ניט אָנגענומען געוואָרן. אָבער די לעבעדיגע אַגיטאַציע האָט געצווינגען די אויפמערקזאַמקייט פון פּאַרלאַמענט אויף דער פראַגע, און אין 1866 איז אַ געקליבענע קאָמיסיע באַשטימט געוואָרן צו מאַכען אַן אויספאָרשונג וועגען דעם. אויף'ן גרונד פון דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע האָט לאָרד עלכאָ, אין 1867, דורכגעפיהרט אין פּאַרלאַמענט אַ פּראָיעקט, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די ערגסטע אומגערעכטיגקייטען פון דעם אַלטען געזעץ. דער בעלי־בתים־און־אַרבייטער געזעץ פון 1867, דער ערשטער פּאָזיטיווער ערפאָלג פון די טריידיוניאָנס אויף דעם געביט פון געזעצגעבונג, האָט פיעל געהאָלפען צו פאַרגרעסערן זייער צוטרויען צו דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַגיטאַציע.

אָבער אין דער צייט, וואָס די יונטאַ און זייערע פאַרבינדעטע האָבען פאַרכאַפּט די פאַכען־ראַטען און באַנוצט די טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס פאַר אַן אַקטיווער פּאָליטישער אַגיטאַציע, האָט זייער שטענדיגע ענטמוטיגונג פון אַגרעסיווע סטרייקס אַרויסגערופען געגען זיי דעם צאָרן פון די „אַלטע יוניאָניסטען" פון יענער צייט. איינע פון די הויפּט פונקציעס פון דעם לאָנדאָנער פאַכען־ראַט איז געווען, צו באַוויליגען צייגנישען (קרעדענשעלס) צו אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געפיהרט סטרייקס, רעקאָמענדירענדיג זיי צו די אַרבייטער פון אַנדערע פאַכען פאַר שטיצע. אזוי ווי די צייגנישען פלעגען אַרויסגעגעבען ווערן ניט בלויז צו לאָנדאָנער סטרייקערס נאָר אויך צו סטרייקערס פון אַנדערע שטעדט, האָט דער מנהג

געשטעלט דעם ראט אין דער אומבעקוועמער לאגע צו באשטימען צי ער זאל געבען זיין הסכמה אדער ניט, כמעט אויף יעדען וויכטיגען סטרייק אין דעם קעניגרייך, — אז אומשטאנד, וואס האט איינגיכען געבראכט דעם ראט אין צוזאמענשטוים מיט די מעהר אגרעסיווע ארגאניזאציעס. אין צוויי פאלען ספעציעל, האט די פארשיעדענהייט פון די ריכטונגען געפיהרט צו אזעלכע דיסקוסיעס, וועלכע האבען געשטעלט אין געפאהר די נייע ארגאניזאציע. א סטרייק פון די בוי־פאכען האט אויסגעבראכען אין די מיטעלענדישע שטעדט, אין אנהויב 1864, געפיהרט פון דער אלטער אונטערשטיצונג געזעלשאפט פון סטאלערס. די האנדלונג פון די ארבייטער האט ארויסגערופען גרויסע אומצופריעדענהייט ביי אפעלגארטען און ביי דער עקזעקוטיווע פון דעם סטאלער פארבאנד. דער לאנדאנער פאכען־ראט האט ניט קלערנדיג פיעל אנגענומען אפעלגארט׳ס שטאנדפונקט, און אויף דעם אופן ארויסגערופען די געגנערשאפט פון די בוי־פאכען פון גאנצע געגענדען, וואו די ארטיגע פאך־קלובען און פראווינציעלע ארגאניזאציעס האבען ביז צו א גרויסער מאס אויפגעהאלטען דעם גייסט פון דער בוי־ארבייטער יוניאן פון 1834. אבער די אינערליכע שטרייטיגקייטען וואס זיינען ארויסגעוואקסען פון דעם קאמף ביי די סטאלערס, זיינען ווייט ניט געווען אזוי ערנסט, ווי דער שטרייט איבער דעם סטרייק פון די סטאטפארדשייערער אייזענשמידען. עס איז ניט נויטיג אריינצוגעהן אין די פרטים פון דעם דאזיגען פארביטערטען קאמף געגען א צעהן־פראצענטיגער לוין פארקלענערונג. די האנדלונג פון די ארבייטער, וועלכע האבען זיך ענטזאגט איינצוגעהן אויף א געריכט פון בוררים, וואס דער אוירל און ליטשפיעלד האט זיי פארגעשלאגען, האט ארויסגערופען אומצופריעדענהייט ביי דעם לאנדאנער פאכען־ראט. די היציגערע מענשען זיינען אויפגערעגט געווארן פון דער מעסיגקייט פון דעם ראט. דזשארדזש פאטער האט זיך ספעציעל אויסגעצייכענט מיט זיינע רעדעס ביי די היציגע פארזאמלונגען פון די סטרייקערס, וואו ער האט זיי געראטען צו שטעהן אין קאמף ביז צום סוף פאר זייערע פאדערונגען.

פאטער, וועלכער פיגורירט שטארק אין די צייטונגען פון יענ׳ער צייט, האט פאקטיש פרובירט אויפצושטעלען א שטארקע אפא־

זיציע געגען דער פּאָליטיק פון דער יונטאַ. נאָך דעם בוי־פאַכען־קאַמף פון 1859 און 1860, אין וועלכען ער האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, האָט ער אָנגעהויבען אַרויסגעבען דעם „ביען־שטאָק“, אַ וועכענטליכען אָרגאַן פון דער טרייד־יוניאָן וועלט. אַליין איז ער געווען אַ מיטגליד פון אַ קליינינקען פאַך־קלוב פון לאָנדאָנער סטאָלערס. ער איז געווען אַ ביטערער געגנער פון אַפּעלגאַרטען און זיין פאַרבאַנד, און פון 1864 און ווייטער, געפינען מיר איהם אַלס פיהרער אין יעדען אויסברוך פון אַן אָפּאָזיציע. אַלס אַן עקספּערט אין דער קונסט פון אַגיטאַציע און רעקלאַמע, האָט פּאָטער צייטענווייז פיגורירט אַלס מערקווירדיגע פּערזענליכקייט, אַזוי אַז די ניט איבערגעשפּיצטע לעזער, ניט נאָר פון דעם „ביען־שטאָק“ נאָר אָפּילו פון דער „טיימס“, האָבען געקאָנט גאַנץ לייכט גלויבען, אַז ער איז געווען דער איינפלוסרייכסטער פיהרער פון דער באַוועגונג פון אַרבייטער קלאַס. דער פאַקט איז, אַז ער האָט קיינמאָל ניט רעפּרעזענטירט קיין ריכטיגע פאַך־אָרגאַניזאַציע, ווייל די „ארבייטער אַסאָציאַציע“, פון וועלכער ער איז געווען פּרעזידענט, איז געווען אַ געמישטע אָרגאַניזאַציע פון פאַרשיידענע פּערזאָנען פון גאַנץ קנאַפּער וויכטיגקייט. דאָך געפינען מיר, אַז פון 1864 ביז 1867, פלעגט ער אָפט פאַררופען פאַרזאַמלונגען פון די דעלעגאַטען פון די לאָנדאָנער פאַכען, צו באַשימפען די יונטאַ און זייער אינסטרומענט, — דעם לאָנדאָנער פאַכען־ראַט. אין די פּראָטאָקאָלען פון דער לעצטער קערפּערשאַפט קאָן מען געפינען שפּורען פון די ערביטערונגס־געפיהלען, וואָס די אָנפאַלען האָבען פאַראורזאַכט, און זיי ווייזען קלאָר אין וואָס עס האָבען זיך אונטערשיידעט די צוויי ריכטונגען. אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאַררופען געוואָרן צו פאַרדאַמען פּאָטער'ס האַנדלונג, האָבען האָועל, עלען, קאָולסאָן און אַפּעלגאַרט גערעדט אויספיהרליך וועגען די שלעכטע פאָלגען פון דער אומפאַראַנטוואָרטליכער אַגיטאַציע אין פאַך־שטרייטען. דאַנטער, דער אָפּענהערציגער פּרעזידענט פון דעם מאַשיניסטען פאַרבאַנד, האָט שטאַרק אונטערגעשטראָכען, אַז פּאָטער „איז געוואָרן דער אונטערשטיצער און ערמוטהיגער פון סטרייקס. ער האָט ניט געטראַכט פון קיין אַנדער זאַך; ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער געשעפט; סטרייקס זיינען געוואָרן זיין

ברויט־מיט־פּוטער; קורץ, ער איז געוואָרן אַ סטרייק מאַכער און ער האָט געמאַכט פון זיין „ביען־שטאָק" צייטונג אַן אינסטרומענט פאַר זיינע צוועקן, כדי אָריינצושטופּען זיין נאָז אין יעדען אומגליקליכען סטרייק וואָס ברעכט אויס".*

אַ פאַראַנטוואָרטליכע פאָרזיכטיגע פיהרערשאַפט פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג איז געוואָרן אַלץ מעהר נויטיג. דער וואוקס פון גרויסע נאַציאָנאַלע יוניאָנס, סיי אין רייכטום, סיי אין מיטגלידערשאַפט, און דער אופן ווי זיי האָבען זיך פאַרבונדען צו שטיצען איינע די אַנדערע, האָט אַרויסגערופען צו זיי אַ שטאַרקע שנאה פון די בעלי־בתים. כדי צו ווירקען אַנטקעגען דער באַנייטער מאַכט פון די אַרבייטער, האָבען די בעלי־בתים זיך ווידער פאַראייניגט אין מעכטיגע געזעלשאַפטען, און האָבען זיך באַנוצט מיט אַ נייעם וואַפען. דער אַלטער מיטעל, דער „דאָקומענט", איז זינט דער אומגעלונגענער פּראָבע צו ברעכען דעם מאַשיניסטען פאַרבאַנד, אין 1825, און צו אונטערדריקען די בוי־אַרבייטער, אין 1859, כמעט פאַרוואָרפען געוואָרן. אַנשטאָט דעם האָט מען זיך אָנגעהויבען באַנוצען מיט דעם אַלגעמיינעם „לאָק־אָוט" פון אַלע אַרבייטער אין אַ באַשטימטער אינדוסטריע, איינשליסענדיג אפילו די יעניגע, וועלכע האָבען אָנגענומען די באַדינגונגען פון די בעלי־בתים, כדי צו ברעכען די איינגעשפּאַרטע אַרבייטער פון איינער אָדער צוויי פירמעס.** די זיד־יאָרקשיירער קויהלענמינען אייגענטימער, האָבען זיך ספּעציעל אויסגעצייכענט אין יענע יאָהרען מיט דעם אָפטען געברויך פונ'ם „לאָק־אָוט". אַ יאָרקשיירער מיינער באַקלאָגט זיך אין 1866, אַז מען האָט איהם אויסגעשלאָסען פון דער אַרבייט אַרום 24 חדשים אין זעקס יאָהר.***

אין פאַרלויף פון יאָהר 1865, זיינען „לאָק־אָוטס", ווי עס

---

* פּראָטאָקאָל פון פאַרזאַמלונג פון לאָנדאָנער פאַכען־ראַטה, מערץ, 1864.

** דער לאָק־אַוט איז ניט געווען קיין אַבסאָלוט נייע ערפינדונג. פלעגט דערצעהלט ווי די נייע וואַפּע איז באַנוצט געוואָרן פון די הויזען־מאַכער בעלי־בתים, ביים סוף פון אַכצעהנטען יאָהר־הונדערט.

*** באַריכט פון קאָנפערענץ פון פאַכען־דעלעגאַטען, אין שעפילד, יוני, 1866, זייט 22.

שיינט, אַריין אין דער מאָדע אין יעדער גרויסער אינדוסטריע. די וויכטיגסטע ביישפּילען האָבען געליפערט די בעלי־בתים פון די סטראַפּאָרדשייערער אייזענאַרבייטער, וועלכע מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, און די שיף־בויער ביים קלייד. אין דיביידע פאַלען האָבען אַ גרויסער טייל פון די אַרבייטער געוואָלט אַרבייטען אויף די באַדינגונגען פון די בעלי־בתים, אָבער זיי זיינען ענטוועדער געווען מיטגלידער פון אַ יוניאָן, אָדער מען האָט חושד געווען, אַז זיי שטיצען די סטרייקערס. אָבער הגם די „לאָקאוט'ס" מעטאָדע האָט אַרויסגערופען גרויס אויפרעגונג צווישען די אַרבייטער, איז דאָך דער ציעל פון די בעלי־בתים צו צוברעכען די יוניאָנס, ניט דערגרייכט געוואָרן. עס האָט אויסגעזעהן, אַז קיין אַנדער מיטעל אַחוץ אַן אַבסאָלוטע אונטערדריקונג דורכ'ן געזעץ, איז ניט געבליבען פאַר די בעלי־בתים, וועלכע האָבען באַטראַכט די פאַד־פאַראיינען אַלס אַ „גיפטיגע פלאַנץ" און אַן „אַבנאָרמאַלע אָפּגעלעבטע זאַך", און וועלכע האָבען אומזיסט געהאָפט אויף „דער גליקליכער צייט" פאַר די אַרבייטער און בעלי־בתים, ווען די פראַגען „וואָס איז דער פרייז פון אַ פערטעל ווייץ?" און וואָס איז דער פרייז פון אַן אַרבייטער'ס טאָג־לוין?" זאָלען באַשטימט ווערן לויט דיזעלביגע פרינציפּען.*

די בעלי־בתים זיינען ניט געווען די איינציגע מענשען, וועלכע האָבען ווידער אָנגעהויבען רעדען וועגען אונטערדריקען טרייד־יוניאָנס דורכ'ן געזעץ. די דיסאָרגאַניזאַציע פון אינדוסטריען, וועלכע די „לאָק־אָוטס" האָבען פאַראורזאַכט מעהר איידער די סטרייקס, האָבען מיטגעבראַכט פיעלע פאַרלוסטען און אַלגעמיינע אומבעקוועמליכקייט. די קריגערייי צווישען בעלי־בתים און אַרבייטער האָבען אויף אַן אומקלאָרן אופן אָנגעהויבען באַטראַכט צו ווערן אַלס עפּעס מעהר ווי פּריוואַטע שטרייטיגקייטען. צום אומגליק האָבען די שונאים פון טרייד־יוניאָניזם געקראָגען אַ גאַנץ גוטען אויסרייד צוליעב די גוואַלטטאַטען וואָס זיינען כסדר באַגאַנגען געוואָרן אין די אינטערעסען פון טרייד־יוניאָנס, און וועלכע

---

* „אַן אייזען־פאַבריקאַנט'ס בליק אויף סטרייקס", פון ר. וו. האַפּער. „פאָרטנייטלי רעוויו", אויגוסט 1, 1865.

זיינען שטאַרקט רעקלאַמירט געוואָרן פון דער פּרעסע. איינציגע באַזונדערע פאַלען פון גוואַלטאַטען און אַנשרעקונג, באַגרענעצט, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, אויף געוויסע פאַכען און געגענדען, זיינען איבערטריבען געוואָרן פון די צייטונגען, וועלכע האָבען פּרובירט שאַפען אַן איינדרוק, אַז דאָס איז אַ סיסטעמאַטישע פּראָבע מצד די טרייד־יוניאָנס אין אַלגעמיין צו דערגרייכען זייערע ציעלען דורך אַבזיכטליך געפּלאַנטע גוואַלטטאַטען. אין דעם אַלגעמיינעם שרעק און אומצופרידענהייט מיט אַזעלכע מעטאָדען, האָט דאָס פּובליקום זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבען צווישען די קליינע פאַך־קלובען פון שעפּיעלד און אַזעלכע גרויסע אָרגאַניזאַציעס, ווי די פאַרבאַנדען פון די מאַשיניסטען און סטאָלערס. די קאָמערציעלע געגנערשאַפט צו אינדוסטריעלע סכסוכים האָט זיך צומישט מיט דעם שרעקענס געפיהל, וואָס איז געשאַפען געוואָרן דורך דער איַדעע, אַז עס עקזיסטירט אַ ריעזיגער בונד פון מענשען, וועלכע שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר גוואַלטטאַטען אָדער מאָרד, כדי צו דערגרייכען זייערע ציעלען. דער „טעראָריזם פון די טרייד־יוניאָנס“ איז געוואָרן אַ שרעקענס וואָרט. „פון איין זייט“, דערצעהלט אַ שרייבער, וועלכער שטעלט פאָר דאָס געפיהל פון פּובליקום פון יענער צייט, „שטעהט די גרויסע מאַסע טאַלאַנט, וויסען, וואָהלטעטיגקייט און רייכטום פון לאַנד, און פון דער צווייטער זייט, אַ צאָהל געוויסענסלאָזע מענשען, וועלכע פיהרען אַ לעבען פון האַלבע ליידיג געהער און שפּייזען זיך פון די בייטראַגע פון די נאַרען, וואָס צאָהלען זיי פּרייוויליג און פון די אָפּצאָהלונגען וואָס ווערן אַרויפגעלעגט אויף די אינטעליגענטע בעלי־מלאכות, וועלכע ווערן אַריינגעצויגען מיט גוואַלט אין זייערע רייהען, אָבער וועלכע וואָלטען געווען איבערגליקליך צו קאָנען אַראָפּוואַרפען פון זיך די שקלאַפעריי און אָנשליסען זיך אַן די אונטערשטיצער פון געזעץ און גערעכטיגקייט, ווען די לעצטע וואָלטען זיי נאָר געגעבען די נויטיגע שוץ“.*

---

* „מיטלען ווי צו מאַכען א סוף צו די איבלען פון טרייד־יוניאָנס!“ פון פרעדעריק היל, אַן אַדוואָקאַט; אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס געפינט זיך אין די פּראָטאָקאָלען פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פאַר

די טרייד־יוניאָן וועלט, האָט ווי עס ווייזט אויס, ניט געהאַט קיין אַהנונג פון דעם שטורם וואָס קלייבט זיך. אין יוני 1866, האָבען 138 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען אַלע גרויסע יוניאָנס, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום 200,000, זיך פאַרזאַמעלט אין שעפּיעלד אויסצואַרבייטען פּלענער, ווי צו באַשיצען זיך געגען דעם שטענדיגען געברויך פון דעם „לאָק־אָוט“. דער וואָס שטודירט די פּראָטאָקאָלען פון אָט דער קאָנפערענץ, וועט מיט פאַרוואונדערונג מערקען דעם קאָנטראַסט צווישען דער אויפפיהרונג פון די טרייד־יוניאָן פיהרער און די אַטאַקעס, צו וועלכע אָט די „עטליכע געוויסענסלאָזע מענשען“ זיינען געווען אויסגעזעצט צו יענער צייט. קיין זאַך האָט ניט געקאָנט זיין מעהר ווירדיג, אָפּילו פון דעם מיטעל־קלאַס שטאַנדפּונקט, ווי די דיסקוסיעס פון אָט די אַרבייטער פאָרשטעהער, וועלכע האָבען אַטאַקירט מיט דערזעלבער ענערגיע די באַרייטוויליגקייט פון זייערע אומגעדולדיגע נאָכפאָלגער אַרויסצוגעהן אין אַ סטרייק און די טיראַנישע „לאָק־אָוטס“ פון די בעלי־בתים. די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אויף דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן, האָבען אויסגעדריקט דעם וואונש, אַז עס זאָלען געגרינדעט ווערן פאַרמיטלונגס ראַטען, און אַז מען זאָל אין אַלגעמיין זיך פאַרלאָזען אויף בוררים אין אינדוסטריעלע סכסוכים. כדי אָבער דערווייל צו ענטפערן אויף די גרויסע פעדעראַציעס פון בעלי־בתים, האָבען זיי געשאַפען „די יונייטעד קינגדאָם אַליאַנץ פון אָרגאַניזירטע טריידס“ צו שטיצען די מיטגלידער פון יעדען טרייד, וועלכע האָבען געליטען פון דעם „לאָק־אָוט“ פון זייערע בעלי־בתים.* ליידער האָט די קאָנפערענץ פאַרפעהלט צו

דער ענטוויקלונג פון סאָציאַלע וויסענשאַפטען פון 1867-1868, זייט 24. די פּאָפּולערע מיטעל־קלאַס געפיהלען, שפּיגלען זיך אָפּ אין טשאַרלס ריעדס נאָוועלע „שטעל זיך אין זיין לאַגע“ (לאָנדאָן, 1871.).

* זעה, למשל, די רעדע פון דזשאָדזש ניוטאָן, דער סעקרעטער פון דעם גלאַזגאָו׳ער פּאַכען־קאָמיטעט: „אַ גרויסע צאָהל סטרייקס, און אפשר אויך לאָק־אוטס, זיינען אַרויסגעקומען פון דער איינגעשפּאַרטקייט פון ביידע צדדים, וועלכע האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו קוקען דער פראַגע עהרליך און יושר׳דיג אין פּנים. לאָמיר נאָכזוכען אונזערע אייגענע מעשים און זעהן אויב עס איז ביי אונז אליין ניטאָ קיין זינד, וואָס

באשטימען וואס עס איז א „לאק־אוט“, און מיט וואס ער אונטערשייט זיך פון א סטרייק; און דער „געזעץ־ראט“ פון דער אליאנץ, וועלכער איז באשטאנען פון איין דעלעגאט פון יעדען פון די ניין באצירקען, אין וועלכע דאס קעניגרייך איז איינגעטיילט געווארן, האט כסדר געהאט צו שטרייטען מיט די מיטגלידער איבער דער פראגע, אין וועלכע סכסוכים די ארבייטער זאלען געשטיצט ווערן און אין וועלכע ניט. צוליעב אט די מיספארשטענדנישען און דער שווערער לאגע פון די טריידס, זיינען אלע אויפרופען פאר בייטראגע צו דער קאסע אומוויליג געענטפערט געווארן, און די עקזעקוטיווע אין שעפיעלד האט זעלטען געהאט גענוג בארעם געלד. די אליאנץ האט נאך עקזיסטירט ביז ארום דעם סוף פון יאהר 1870, ווען די גרעסטע יוניאנס זיינען אפגעפאלען און די ארגאניזאציע האט זיך פולשטענדיג אויפגעלייזט.* אין 1866 אבער, איז די

העלפט שאפען דעם אומצופרידענשטעלענדען צושטאנד; און אויב מיר ווילען אויסגעפינען, אז מיר זיינען ניט אין גאנצען אונשולדיג, דאן דארפען מיר צו אלער ערשט ברענגען אונזער אייגענע הויז אין ארדנונג... נאכהער דארפען מיר נאכפארשען דעם געגנערישען צד און זעהן ווי זיי שטעהן. אויב מיר וועלען געפינען, אז זיי האבען ניט געטאן אלץ וואס זיי האבען געדארפט טאן, כדי צו פארמיידען די איבלען, דאן לאמיר, אין א ניט־פארשטעלטער און פראסטער שפראך, אנווייזען אויף דאס, וואס מיר באטראכטען אלס זייערע פעלערען, און אויפהויבענדיג די עפענטליכע מיינונג אויף א געזונדען אופן געגען טיראניי, ווי מאנכע מענשען רופען עס, (אפשר איז פאראן א מילדערער ווארט, וועלכער וואלט בעסער געפאסט), געגען דער ניט־קלוגער פאליטיק, וועלען מיר העלפען זעהר פיעל צו אונטערדריקען זי אין דער צוקונפט“. (קאנפערענץ־באריכט, שעפיעלד, 1866).

* די אליאנץ איז שטענדיג פארוואלטעט געווארן פון אן עקזעקוטיווע, וואס איז ערוועהלט געווארן פון די שעפיעלדער פאכען, וועמעס הויפט־פיהרער עס זיינען געוועזען טעטיג ביי דער גרינדונג פון דער ארגאניזאציע. דער וועטעראן סעקרעטאר פון דער טיפאגראפישער געזעלשאפט, מר. וויליאם דראנפיעלד, איז געוועזען דער ערשטער גענעראל־סעקרעטאר. צווישען די פאכען, וועלכע זיינען געוועזען פארטראטען, האבען זיך געפונען די זיד יארקשירער און נאטינגהאמער מיינערס, די פאראייניגטע שניידער, קעסעל מאכער, באוועל שפינער, פאראייניגטע שאטלענדישע סטאליער, יארקשיירער גלאז־פלאשען מאכער, צפון־ענג־

אַליאַנץ געוועזן יונג און האָפנונגספול. דער ערשטער קלאַפּ איז געקומען אין אָקטאָבער פון יענעם יאָהר, ווען ביידע, די אַליאַנץ און די טרייד־יוניאָן קאָנפערענץ, זיינען פאַרגעסען געוואָרן צוליעב דער סענסאַציע, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן פון דער פולווער־עקספּלאָזיאָן אין אַן אַרבייטער'ס הויז אין ניו־העָהפאָרד סטריט, שעפּיעלד.

אָט די גוואַלטטאַט איז געווען נאָר איינע פון אַ רייהע פאַר־ברעכענס, מיט וועלכע שעפּיעלד האָט זיך שוין געהאַט באַריהמט געמאַכט. אָבער אין דעם צושטאַנד, ווען דאָס פּובליקום איז שוין אויפגערייצט געוועזן געגען טרייד־יוניאָניזם אין די לעצטע פּאָר יאָהר פון „לאָק־אוטס“ און סטרייקס, האָט די נייעס געטריבען די פאַסירונגען מיט אַ גרעסערן אימפּעט. פון אַלע זייטען האָט זיך אויפגעהויבען אַ געשריי פאַר אַ גרינדליכער אונטערזוכונג פון טרייד־יוניאָניזם. די טרייד־יוניאָנס אַליין האָבען זיך אויך אָנגע־

לאַנדער אייזען־אַרבייטער און די פאַכען פון וואָלוועָרהעמפּטאָן. די פּראָטאָקאָל־ביכער פון 1867 ביז 1879, און דער „מאַנאַטליכער באַריכט“ ווייזען, אַז די אַליאַנץ האָט צוערשט געשטיצט די אַרבייטער אין פיעלע לאָק־אוטס, ספּעציעל די שניידער, מיינערס און אייזען־אַרבייטער, אָבער עס זיינען געוועזן שטענדיגע קלאַגען, אַז די ביטראַגען זיינען ניט באַצאָהלט געוואָרן. מר. דראָנפיעלד דערצעהלט, אַז דער „קאָמיטעט“ און די עקזעקוטיווע האָבען געהאַט גרויסע שוועריגקייטען דורך דעם, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין שום קאָנטראָל איבער די אונטערגע־אָרדענטע יוניאָנס, און אויך צוליעב דער שוועריגקייט צו באַשטימען קלאָר, וואָס עס איז אַ לאָק־אויט. די ערשטע קאָנפערענץ פונ'ם אַליאַנץ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין מאַנטשעסטער, פון דעם ערשטען ביז דעם פערטען יאַנואַר, 1867. דאָרטען האָבען זיך אָנגעשלאָסען 53 פאַכען מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 59,750. אין די סטאַטוטען וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ איז אויך אַיינגעשלאָסען אַן אינטערעסאַנטער פּאָרטראַג פון בראָנפיעלד'ן, איבער די פּרינציפּען און אויפגאַבען פון דער פעדעראַציע. די נעקסטע קאָנפערענץ איז פאָרגעקו־מען אין פּרעסטאָן, אין סעפּטעמבער, 1867. דאַן איז שוין די מיט־גליעדערשאַפט אָפּגעפאַלען און די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט נאָר 23,580 מיטגליעדער, אין 47 פאַכען. די קעסעל־מאַכער זיינען געוועזן צווישען די, וועלכע האָבען זיך פאָרמעל צוריקגעצויגען. (פּראָטאָקאָלען פון קאָנ־פערענץ אין רעסטאָן, שעפּיעלד, 1867, זייט 16.).

שלאָסען אַז דער פאָדערונג. אַזוי ווי די אָרטיגע פּאָליציי האָט ניט געקאָנט געפינען קיין שפור פון די יעניגע, וועלכע האָבען באַגאַנגען דעם לעצטען פאַרברעכען, האָבען זיך די פיהרער פון די שעפּיעלדער פאַך־קלובען פאַראייניגט מיט דעם שטאָדט־ראַט און מיט דער אָרטיגער אַסאָציאַציע פון בעלי־בתים אין דער דרינגענדער פאָדערונג, אַז די רעגירונג זאָל מאַכען אַן אונטערזוכונג. דער לאָנ־דאָנער פאַכען־ראַט און די עקזעקוטיווע פון דעם מאַשיניסטען פאַרבאַנד, האָבען געשיקט אַ געמיינשאַפטליכע דעפּוטאַציע נאָך שעפּיעלד צו אונטערזוכען דעם פאַל. די דעפּוטאַציע האָט ניט אויסגעפונען מעהר ווי די אָרטיגע פּאָליציי וועגען די, וואָס האָבען דאָס פאַרברעכען באַגאַנגען, און האָבען דאַרום גאַנץ אומשולדיג באַריכטעט, אַז עס זיינען ניטאָ קיינע באַווייזע, אַז די טרייד־יוניאָנס זיינען אין דעם שולדיג, אָבער זיי האָבען צוגעלעגט צו דעם באַריכט אַ שאַרפע פאַרדאַמונג, פון „די אַבשייליכע פּראַקטיק פון „מייז־כאַפּען“, וועלכע דעמאָראַליזירט די וואָס זיינען באַטייליגט אין דעם און ברענגט חרפּה אויף אַלע פאַך־אָרגאַניזאַציעס“.*

* די שטאָדט שעפּיעלד האָט זיך לאַנג באַריהמט געמאַכט מיט דעם מנהג פון „מייז־כאַפּעריי“ („ראַטטענינג“), ד. ה., אַרונטערצו־וואַרפען די פּאַסען פון די רעדער, אָדער אָפּ׳גנב׳ענען די געצייג פון אַזעלכע אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען הינטערשטעליג אין זייערע בייטרעגע צו די פאַך־קלובען. אַט דער מיטעל איז געוואָרן די געוועהנליכע מעטאָדע, ווי צו צווינגען ניט נאָר אַ פּינקטליכע איינצאָהלונג פון די בייטרעגע, נאָר אויך בכלל, די מיטגלידער זאָלען אויספאָלגען די געזעצען פון די אָרגאַניזאַציעס. די געזעצלאָזע מאַכט, וואָס די שעפּיעלדער קלובען האָבען אַזוי אויסגעאיבט, האָט זיך פאַרוואַנדעלט זעהר גרינג אין ערנסטערע לינטש־אַקטען, ווען די געוועהנליכע מיטלען, צו שטערן די אַרבייט, האָבען ניט געווירקט. איינגעשפּאַרטע אַרבייטער פלעגט מען איבערשרעקען מיט עקספּלאָדירען קליינע קעסטלאַך פּולווער לעבען זייערע שלייף־רעדער, אָדער אַריינוואַרפענדיג אַזעלכע פּולווער־קעסטלאַך אין די קוימענס פון זייערע הייזער; און אין געוויסע פאַלען האָבען אַט די עקספּלאָזיאָנען פאַראורזאַכט ערנסטע באַשעדיגונגען. די פאַרשיידענע שלייפער יוניאָנס (פון זעגען, פיילען, סערפּען, גאָפּלען, א. א.) האָבען זיך ערוואָרבען די טרויעריגע באַרימטקייט פאַר אַזעלכע גוואַלד־טאַטען, וועלכע פלעגען פון צייט צו צייט אַרויסרופען ענטריסטונג אין דער

עפענטליכע פארזאמלונגען פון טרייד־יוניאניסטען זיינען אפגעהאלטען געווארן איבער'ן גאנצען לאנד, אויף וועלכע די פיהרער האבען אויסגעדריקט זייער ערביטערונג געגען דעם פארברעכען זעלבסט און געגען דעם וואס עס איז דאן געווען אלגעמיין אנגענומען, אז דאס זיינען די געוועהנליכע און נויטיגע מיטלען פון טרייד־יוניאניזם. די פארזאמלונגען האבען זיך כמעט שטענדיג געענדיגט מיט א באשלוס פון די טרייד־יוניאניסטען צו פאדערן, אז מען זאל זיי געבען א געלעגענהייט אפצושטרייטען די באשולדיגונגען פון די שונאים פון דער באוועגונג. די באשטימונג פון א קעניגליכער קאמיסיע צו מאכען אן אונטערזוכונג איז אפיציעל געמאלדען געווארן אין דער קעניגינ'ס טראן־רעדע, אין פעברואר, 1867. אז די רעגירונג האט געמיינט ערנסט, האט מען געקאנט זעהן דערפון, וואס עס איז באלד אריינגעטראגען געווארן א געזעצפראיעקט צו געבען דער קאמיסיע פול מאכט אנצוגעהן מיט איהרע אונטערזוכונגען און באנוצען זיך מיט אויסערגעוועהנליכע מיטלען. די אויספארשונג האט געדארפט געמאכט ווערן וועגען אלע רציחות, וואס זיינען באגאנגען געווארן אין פארלויף פון די לעצטע צעהן יאהר, סיי זיי זיינען באגאנגען געווארן אין שעפיעלד, אדער אנדערשוואו. ניט נאר האט מען צוגעזאגט ענטשעדיגונג די וואס האבען זיך אין די פארברעכענס אינדירעקט באטייליגט,

---

ארטיגער פרעסע. ספעציעל איז דאס פובליקום אויפגעבראכט געווארן אין 1861, ווען עס איז פארגעקומען אן עקספלאזיאן אין א קליין ווערהויז אין עקראן סטריט. די פראטאקאלען פון דעם לאנדאנער פאבען ראטה ווייזען, אז אפילו שוין דאן האט דער ראטה עפענטליך אויסגעדריקט א פארדאמונג געגען אזעלכע קרימינעלע גוואלד־טאטען. נאך יענער צייט האט זיך פארקלענערט די צאהל פון ערנסטע גוואלד־אקטען אין פארלויף פון דריי אדער פיער יאהר, אבער אין די יאהרען 1865 און 1866, האבען זיך אט די שלעכטע טאטען באנייט, ספעציעל אין פארבינדונג מיט דער זעג־שלייפער יוניאן. די עקספלאזיאן אין ניו הערפארד סטריט, אין אקטאבער 1866, איז פאראורזאכט געווארען, ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, פון יוניאן לייט, כדי אנצושרעקען א געוויסען טאמאס פערענהיו, וועלכער האט צוויי מאל פארלאזען די ארגאניזאציע און האט געארבייט פאר א פירמע, ביי וועלכע די זעגהענטעל מאכער און די זעג־שלייפער האבען געסטרייקט.

ווען זיי ווע̃לען נאָר ארויסטרעטען אלס עדות, נאָר מען האָט די־זעלבע פּריווילעגיע פארגעשלאָגען אפילו די פארברעכער זעלבסט. נאָך מעהר די אונטערזוכונג איז ניט געווען באַגרענעצט אויף דער אָנגענומענער קרימינעלער פּראַקטיק פון געוויסע פאַד־קלובען, נאָר זי האָט געזאָלט ארומנעהמען די גאַנצע פראַגע פון די טרייד־יוניאָנס און זייער ווירקונג.

די טרייד־יוניאָן באַוועגונג האָט זיך צום דריטען מאָל ווידער געפונען פאַר אַ פּאַרלאַמענטאַרישער אונטערזוכונג אין אַ צייט, ווען די עפענטליכע מיינונג און די שנאה פון די בעלי־בתים איז שטאַרק אויפגעהעצט געוואָרן געגען איהר. אין דעם רעכטען קריזיס, וועלכער איז געשאַפען געוואָרן דורך די גוואַלטטאַטען פון געוויסע אַלטמאָדישע יוניאָנס, האָבען די נייע פאַרבאַנדען געקראָגען אַן ערנסטען צוריקשטויס דורך דער ענטשיידונג פון „קווינס־בענטש“ געריכט.

די גרינדונג פון דעם מאַשיניסטען פאַרבאַנד און די אָנזאַמלונג פון באַדייטענדע סומען אין זיין קאַסע, האָבען אויף דאָס ניי באַאומרוהיגט די טרייד־יוניאָן באַאַמטע וועגען דער פראַגע, אויף וויפיעל אַ פאַך געזעלשאַפט האָט די באַשיצונג פון געזעץ. אָבּער וואויל דאָס געזעץ פון 1825 האָט ערקלערט, אַז די פאַך־געזעלשאַפטען אַלס אַזעלכע זיינען ניט מעהר קיין אומגעזעצליכע אָרגאַניזאַציעס, איז אָבער קיין זאַך ניט געטאָן געוואָרן צו געבען זיי אַ געזעצליכען סטאַטוס, אָדער די מעגליכקייט צו האַנדלען אַלס זעלבסטשטענדיגע קאָרפּאָראַציעס. ערשט אין 1855 האָט זיך „אַ פאַך־קאָמיטעט פון דער הויפּט שטאָדט“ איינגעגעבען דורכצופיהרען אַ פאַרשריפט בנוגע די טרייד־יוניאָנס, אין דעם „געגענזייטיגע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען געזעץ“ פון יענעם יאָהר. די 44טע סעקציע פון דעם געזעץ האָט פאַרגעשריבען, אַז אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז ניט געגרינדעט פאַר אומגעזעצליכע צוועקען קאָן, אַריינגעבענדיג אַ קאָפּיע פון איהרע געזעצען צום רעגיסטראַטאָר פון אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען, געניסען די פּריווילעגיע, אַז אין פאַל פון אַ מיספאַרשטענדניס צווישען די מיטגלידער, זאָל דער ענין פאַרהאַנדעלט ווערן אין די געריכטען. לויט אָט דער פאַרשריפט האָבען פיעלע פון די גרעסערע אַרבייטער געזעלשאַפטען

איבערגעגעבען קאָפּיעס פון זייערע געזעצען צום רעגיסטראַטאָר, און האָבען געגלויבט, מיט דער איינשטימונג פון דעם רעגיסטראַטאָר, אַז זיי האָבען זיך שוין דערמיט ערוואָרבען די מאַכט צו פאַרפאָלגען יעדען מיטגליד, וועלכער אַלס סעקרעטער אָדער קאַסיר, פאַרהאַלט געלדער פון דער געזעלשאַפט. אַזוי פולשטענדיג איז אַנערקענט געוואָרן די געזעצליכקייט פון זייער פּאָזיציע פון אַלע באַטייליגטע, אַז ווען מר. גלאַדסטאָון האָט געגרינדעט די פּאָסט־שפּאָר־באַנקען, אין 1861, האָט ער אויף דער ביטע פון די טרייד־יוניאָן פיהרער אויסדריקליך געגעבען טרייד־יוניאָנס דיזעלבע פּרי־ווילעגיעס, וואָס די אונטערשטיצונגס געזעלשאַפטען האָבען גע־האָט, צו באַנוצען זיך מיט די נייע באַנקען.

אָט דער זיכערהייטס געפיהל, איז אין 1867 אינגאַנצען צו־שמעטערט געוואָרן. דער קעסעלמאַכער ארגאַניזאַציע איז אויס־געקומען צו פאַרקלאָגען דעם קאַסיר פון דער בראַדפאָרדער אָפּ־טיילונג פאַר אומגעזעצליך פאַרהאַלטען די סומע פון £24 ; די ריכטער אָבער האָבען, צו דער איבערראַשונג פון אַלע באַטייליגטע, גע'פּסקנ'ט, אַז די אָרגאַניזאַציע קאָן ניט פיהרען קיין פּראָצעס לויט דעם אונטערשטיצונגס געזעלשאַפטען־געזעץ, ווייל אַלס אַ טרייד־יוניאָן שטעהט זי אויסער דער ווירקונג פון יענעם געזעץ. דער פּראָצעס איז נאָכהער אריבערגעטראָגען געוואָרן אין אַ העכערן גע־ריכט, וואו די פיער ריכטער, מיט דעם לאָרד טשיעף דזשאַסטיס אין דער שפּיץ, האָבען באַשטעטיגט דעם פּסק, אָנגעבענדיג אויך נאָך אַן אורזאַך, אַז די ציעלען פון די יוניאָנס, אויב אָפּילו זיי זיי־נען זינט 1825 ניט קרימינעל, — זיינען זיי דאָך אַזאַ שטערונג צום האַנדעל, אַז זיי זיינען אומגעזעצליכע געזעלשאַפטען. אַזוי האָבען די באַאַמטע פון די גרויסע נאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָנס אויסגעפונ־נען, אַז זייערע אָרגאַניזאַציעס האָבען ניט דעם געזעצליכען סטאַ־טוס, וועלכען עס האָט זיך זיי געדאַכט אַז זיי האָבען שוין ערוואָר־בען, און זיי האָבען זיך מיט אַמאָל ארומגעזעהן, אַז זיי האָבען ניט קיין געזעצליכען שוץ פאַר זייערע גרויסע קאַסען.

די אורזאַכען פון דער ענטשיידונג האָבען געהאַט אַ פיעל ווייט־גרייכענדערע ווירקונג, ווי די ענטשיידונג זעלבסט. ווי מר. פרעדעריק העריסאָן האָט אָנגעוויזען, האָט „דער פּסק באַשטעטיגט,

אז ניט נאר האבען געוויסע געזעלשאפטען פארפעהלט אריינצור־שטעלען זיך אונטער דעם בוכשטאב פון א געוויסען געזעץ, נאר אז די טרייד־יוניאנס פון אלע סארטען זיינען לויט זייער עצם געגען פובליקום, און אז זייערע ציעלען גופא פסל'ן יעדע ארגאניזאציע און יעדע האנדלונג, וואס זיי אונטערנעהמען... מיט איין ווארט, טרייד־יוניאניזם ווערט (אויב ניט קרימינעל, לויט דעם וואונק פון דעם געלערנטען ריכטער) יעדענפאלס, עטוואס עהנליך צו וועטען און געמבלעריי, עפענטליכע אומווירדיגקייטען און אוממאראלע צוועקען — זאכען, וואס זיינען פארדאמט און אונטערדריקט פון געזעץ.״

דער טרייד־יוניאניזם איז איצט געווארן צוגעדריקט צו דער וואנט, אנגעגריפען אויף ביידע זייטען. עס איז געווען גרינג פאר־אויסצוזעהן, אז די בעלי־בתים און זייערע מיטהעלפער וועלען מא־כען א שטארקע אנשטרענגונג אויסצונוצען די קעניגליכע קאמיסיע און די שפעיעלדער גוואלט־טאטען צו אונטערדריקען טרייד־יוניא־ניזם דורכ'ן קרימינאל־געזעץ. פון דער אנדער זייט זיינען די שווער פארהארעוועטע אנגעזאמעלטע געלדער פון די גרעסערע ארגאניזא־ציעס, וואס האבען שוין דאן באטראפען איבער א פערטעל מיליאן פונט שטערלינג, געווארן הפקר אין די הענט פון זייער גאנצער ארמיי־צווייג־סעקרעטערען און קאסירען, וועלכע האבען געקאנט פארכאפען דאס געלד, ניט שטעלענדיג זיך אין געפאהר געזעצליך פארפאלגט צו ווערן.

דער קריזיס איז געווען צו ערנסט, ער זאל קאנען באהאנדעלט ווערן אויף די אויפגערעגטע דעלעגאטען־פארזאמלונגען פון דעם לאנדאנער פאכען־ראט. איבער פיער יאהר נאכאנאנד הערן מיר נאר פון צופעליגע און ריין פארמעלע פארזאמלונגען פון אט דער קערפערשאפט. באלד נאכדעם ווי עס איז פארעפענטליכט געווארן די ענטשיידונג פון די ריכטער, אין יאנואר 1867, האט אפעלגארט איינגערופען, וואס האט דאן געהייסען, א „קאנפערענץ פון די פאר־איינינגטע פאכען", אבער וועלכע איז באמת געווען א רייהע פריי־וואטע וועכענטליכע פארזאמלונגען פון די פינף פיהרער און אנ־דערע פריינד פון דער באוועגונג. פון 1867 ביז 1871 האט אט די קאנפערענץ געהאנדעלט אלס טעטיגער מיניסטעריום פון דער

טרייד־יוניאן באוועגונג. דער פריוואטער פראטאקאל־בוך פון דער קאנפערענץ, געפיהרט פון אפעלגארט'ן, גיט דעם פארשער א בילד פון דעם גאנצען פאליטישען לעבען פון דער טרייד־יוניאן וועלט.

די ערשטע האנדלונג פון דער יונטא איז געווען צו רופען אויף זייערע בעראטונגען די יעניגע פון זייערע מיטעל־קלאס פארבינדעטע, אויף וועמעס הילף און עצה זיי האבען זיך געקאנט פארלאזען. מיר האבען שוין פריהער באמערקט די צוגעבונדענקייט פון די „קריסטליכע סאציאליסטען" צו דעם מאשיניסטען פארבאנד אין 1852, און די אריינמישונג פון די פאזיטיוויסטען אין די בוי־פאבען סכסוכים פון 1859 ביז 1861. מר. פרעדעריק העריסאן און פראפעסאר ע. ס. ביסליע, האבען איצט ספעציעל געלייסטעט ווערטפולע דיענסטען אלס פארטיידיגער פון טרייד־יוניאניזם אין דער פרעסע. טאם היוז איז געווען אין פארלאמענט כמעט דער איינציגער רעדנער, וואס האט פארגעבראכט אלע טענות פון די ארבייטער. מר. הענרי קראמפטאן האט אויסגענוצט זיין שארפע אורטיילס־קראפט און זיינע ערפאהרונגען מיט די ווירקונגען פון דעם געזעץ, כדי אונטערצושטרייכען די געפאהרן, וועלכע האבען געסטראשעט די יוניאנס אין די געריכטען. אפעלגארט'ס פראטאקאלען ווייזען, ווי אפט אט די פיער מענשען זיינען געווען גרייט צו פארברענגען שטונדען לאנג אין פריוואטע בעראטונגען אין דער ביורא פון די מאשיניסטען אין סטענפארד סטריט, און ווי זיי האבען אהן א אפהאלט אויסגענוצט זייער פראפעסיאנעלע אומנות צו דיענען די טרייד־יוניאנס און זייערע פיהרער אין דעם קריזיס. עס איז שווער צו איבערשעצען די באגייסטערונג, געדולד און איבערגעבענקייט פון אט די פריינד פון טרייד־יוניאניזם, אדער די דיענסט וואס זיי האבען געלייסטעט דער באוועגונג אין איהר קריטישער צייט.*

* צוזאמען מיט זיי, אלס העלפער און עצה־געבער פון טרייד־יוניאנס אין יענער צייט, זיינען אויך געווען, מר. ווערנאן לושינגטאן, מר. גאטפרעי לושינגטאן (שפעטער שטענדיגער געהילפס־מיניסטער פון אינערן), מר. דזשיי מ. לודלאוו, (שפעטער רעגיסטראטאר פון די אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען), מר. ניעט, (א געוועזענער פראפעסאר פון

עס איז קלאָר פון די פּריוואַטע פאַרהאַנדלונגען פון דער קאָנ־פערענץ, אַז דער הויפּט ציעל פון דער יונטאָ איז געווען צו ער־ווערבען פאַר'ן טרייד־יוניאַניזם דעם געזעצליכען סטאַטוס, וועל־כער איז געווען נויטיג, סיי פאַר דער זיכערקייט פון די פאָנדען, און סיי פאַר דער אָנערקענונג פון דער טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע אַלס אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם שטאַאַט. די ערשטע זאַך אָבער, וואָס האָט געמוזט געטאָן ווערן איז געווען צו שטערן די בעלי־בתים אין זייער אַרבייט אויסצונוצען די קעניגליכע קאָמיסיע אַלס אינ־סטרומענט צו אונטערדריקען דעם טרייד־יוניאַניזם דורך אַ דירעק־טען שטראָף־געזעץ. די יונטאָ האָט זיך דאַרום געמוזט ניט נאָר אָפּשאָקלען פון די אומוויסענדע טומלעריי פון די אַלטמאָדישע יוניאַנס, נאָר זי האָט אויך געדאַרפט איבערצייגען, אַז די מעהר־הייט פון איהרע מיטגלידער זיינען אויפגעקלערטע און אָנשטענדיגע מענשען. אַ חוץ דעם, איז עס געווען אויסערגעוועהנליך וויכטיג צו איבערצייגען דאָס פּובליקום, אַז די יונטאָ און זייערע פריינד, ניט די סטרייק־מאַכערס אָדער די אָנרייצער צו גוואַלטטאַטען, זיי־נען די באַפאָלמעכטיגטע ריכטיגע פאָרשטעהער פון דער נייער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. דאָס אַלץ איז געווען נויטיג אַרויסצוברענגען אויף דער אונטערזוכונג פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, פאַר וועל־כער דער טרייד־יוניאַניזם האָט זיך געדאַרפט פאַרטיידיגען. די צוזאַמענשטעלונג פון דער קאָמיסיע איז פאָלגליך געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר דער יונטאָ. די רעגירונג האָט געהאַט באַשלאָסען אויסצוקלייבען אַלס מיטגלידער פון דער קאָ־מיסיע ניט קיין פאָרשטעהער פון ביידע אָנזיכטען, נאָר מענשען, וועלכע מען האָט געקאָנט אָננעהמען, אַז זיי זיינען אומפּאַרטייאיש, מיט סיר וויליאַם אוירל, וועלכע האָט אַ קורצע צייט צוריק אויפ־געגעבען זיין שטעלע אַלס הויפּט ריכטער פון דעם „קאָממאָן פּליעס“ קאָורט אַלס דעם פאָרזיצענדען. דער פּלאַן האָט אפילו אויסגע־שלאָסען פאָרשטעהער פון די בעלי־בתים, און וועגען באַשטימען

פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכער האָט נאָכהער רעפּרעזענטירט אָקספאָרד אין פּאַרלאַמענט), סיר ט. פּאַועל בוקסטאָון, מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט און מר. (איצט סער) א. דזשיי מונדעלא.

אַרבייטער האָט מען גאָר ניט גע'חלומ'ט. די קאָמיסיע האָט גע־דאַרפט צוזאַמענגעשטעלט ווערן הויפּזעכליך פון די רייהען פון די הויכע באַאמטע, צוזאַמען מיט פיער מיטגלידער פון ביידע הייזער פון פּאַרלאַמענט, און דעם פאָרשטעהער פון אַ גרויסער אינדוסט־ריעלער אונטערנעהמונג. דער אַקטיווער אַנטייל, וואָס מר. טאָמאַס היוז האָט גענומען אין די דעבאַטען, האָט איהם פאַרזיכערט אַן אָרט אין דער קאָמיסיע, הגם ער האָט געפיהלט, אַז איינער אַליין וועט ער זעהר וועניג קאָנען אויפטאָן פאַר זיינע פריינד. יעדער מעגליכער איינפלוס איז דאַרום אויסגעאיבט געוואָרן אויף דער רעגירונג, אַז אַ טרייד־יוניאָניסט זאָל באַשטימט ווערן אַלס מיט־גליד פון דער קאָמיסיע, אָבער דער געדאַנק אַז אַן אַרבייטער זאָל זיין אַ קעניגליכער קאָמיסיאָנער, האָט גאָר ניט געשטימט מיט די אָפיציעלע טראַדיציעס. דאָס העכסטע, וואָס מען האָט געקאָנט פּועל'ן איז געווען, אַז די אַרבייטער און די בעלי־בתים זאָלען שיקען צו איינציגע פאָרשטעהער, וועלכע זאָלען צוגעשטעלט ווערן צו דער קאָמיסיע. פאַר דער זייט פון די אַרבייטער איז געמאַכט גע־וואָרן אַ זעהר קלוגער און גליקליכער אויסוואַהל אין דער פּערזאָן פון מר. פרעדעריק העריסאָן. די יונטאַ האָט אויך געקראָגען די ערלויבניס, צו האָבען פאָרשטעהער פון די טרייד־יוניאָניסטען וועלכע זאָלען זיין דערביי ווען עדות וועלען אויסגעפרעגט ווערן.*

---

* די יונטא האָט אָבער ניט באַגרענעצט איהרע אַרביטען בלויז אויף דער טעטיגקייט פאַר דער קאָמיסיע. איינע פון די שטעד־ווערט־לאַך, וואָס זיינען אָפט פון דער פּרעסע געוואָרפען געוואָרן אין פּנים די טרייד־יוניאָניסטישע פיהרער, איז געווען, אַז זיי ווייסען אַליין ניט וואָס זיי ווילען. טיילווייז אַלס ענטפער אויף דעם, ווי אויך אַלס אַ מאַניפעסט צו פאַראייניגען די טרייד־יוניאָנסטישע כחות, איז אין הערבסט פון 1867 צוגעגרייט געוואָרן אַ געזעץ־פּראָיעקט פון מר. הענרי קראַמפּטאָן און פאָרגעלעגט געוואָרען פאַר דער יונטא, און איז נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע אָנגענומען געוואָרן פון איהר און פון אַ דע־לעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון טריידס, אין בעלל־אין. דער פּראָיעקט איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט אין אָנהויב פון דער נעקסטער סעסיע, און האָט געדיענט אַלס אַ באַזיס פאַר די טרייד־יוניאָן פאָדערונגען אין געוויסע וואַהלען אין יאָהר 1868, הויפּטזעכליך אין שעפיעלד, וואו מר. מונדעלא האָט צוערשט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור.

די פאקטישע פיהרונג פון דעם טרייד־יוניאניסטישען צד האבען איבערגענומען די העררען הערריסאן און היוז, וועלכע האבען זיך אפט בעראטען מיט אפעלגארט'ן, ווען די יונטא האט באשטימט ביי־צואוואוינען די זיצונגען אין איהרע אינטערעסען. דער גרונד פון דער פארטיידיגונג איז אויסגעקליבען געווארען זעהר שכל'דיג. די פאליטיק פון דער יונטא און זייערע פארבינדעטע איז געווען צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די מיטגלידער פון דער קאמיסיע אויף די גרויסע פאר־געזעלשאפטען, און געגענזאץ צו די אומצעהליגע ארטיגע פאר־קלובען פון דעם אלטען טיפ. די אויסזאגונגען פון אפעלגארט'ן, וועלכער איז געווען דער ערשטער עדות, האבען פיעל בייגעטראגען אפצושוואכען די גרעבערע פאראורטיילען געגען די יוניאנס. דעם גענעראל סעקרעטער פון דעם סטאלער פארבאנד איז געלונגען צו איבערצייגען, אז זיין ארגאניזאציע, וועלכע איז דאן געווען די דריטע אין דער טרייד־יוניאן וועלט אין הינזיכט פון פינאנצען, האט זיך דורכאויס ניט באשעפטיגט מיט אויפהעצען צו סטרייקס, נאר זי האט זיך הויפטזעכליך אפגעגעבען מיט דער ארבייט פון א פארזיכערונגס־געזעלשאפט. ער איז געווען אין דער לאגע שטארק אונטערצושטרייכען די פולשטענדיגע אפוועזענהייט פון געהיימניס אדער צוואנג אין די פארהאנדלונגען פון זיין ארגאניזאציע. אין נאמען פון די מיטגלידער האט ער ערקלערט, אז זיי זיינען בשום אופן ניט געגען דעם איינפיהר פון מאשינען, דעם עקספארט נאך אויסלאנד, דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט, געגען ארבייטען אריבער די געוועהנליכע ארבייטס־שטונדען, אדער דער פרייער באשעפטיגונג פון לערנער. די פונדאמענטאלע פאזיציע, אויף וועלכער ער האט באפעסטיגט זיין טרייד־יוניאניזם איז געווען, אז עס איז די אויפגאבע פון די יוניאנס אויפצוהאלטען אונטער אלע אומשטענדען א באשטימטען לוין און באשטימטע ארבייטס־שטונדען, וועלכע קאנען דערגרייכט ווערען דורך צונויפזאמלען אזא סומע, וואס זאל געבען א מעגליכקייט יעדען מיטגליד פון דער יוניאן צו באשטימען א רעזערוו־פרייז אויף זיין ארבייט. וויליאם אלען, וועלכער איז גערופען געווארען אלס עדות דעם דריטען טאג, האט זיך געהאלטען אין דערזעלביגער ליניע ווי אפעלגארט, הגם מיט געוויסע באגרענעצונגען; און די

אויסזאָגונגען פון אַט די צוויי באַאַמטע פון אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אין ערשטער ליניע געווען נאַציאָנאַלע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען האָבען געמאַכט אַ קענטיגען איינדרוק אויף דער קאָמיסיע.

די זייט פון די בעלי־בתים איז ניט געפיהרט געוואָרן אַזוי גוט ווי די זייט פון די אַרבייטער. אמת, עס האָט זיך זיי איינגעגעבען, טראָץ אַפּעלגאַרט׳ס טענות, צו איבערציינגען דער קאָמיסיע, אַז איינינע פון די מעכטיגסטע יוניאָנס זיינען שטאַרק געגען שטיק־אַרבייט און סוב־קאָנטראַקטען אונטער אירגענד וועלכער פאָרמע, און אין געוויסע פאַלען אַפּילו געגען מאַשינען. אין אַנדערע פאַלען איז באַוויזען געוואָרן, אַז עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּראָבעס צו באַגרענעצען די צאָהל פון לערנער. דורך דער ענערגיע פון דער צענטראַלער געזעלשאַפט פון די בוי־מייסטערס, איז די באַגרענעצונגס פּאָליטיק פון די עלטערע יוניאָנס אין די בוי־פאַכען שטאַרק אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין פאָדערגרונט; און אַט דער פאַקט קאָן דערקלעהרען די מעהרסטע געגנערישע איינדרוקען וועגען טרייד־יוניאָניזם צווישען די מיטעלע און העכערע קלאַסען נאָך ביז היינט צו טאָג. אָבער די בעלי־בתים האָבען ניט איבערגעקליבען אין זייערע אַטאַקעס. זיי האָבען כמעט איינשטימיג זיך געשטעלט געגען דעם גאַנצען פּרינציפּ פון טרייד־יוניאָניזם. זיי האָבען ווידערהאָלט מיט אַ מאָדנער קורצזיכטיגקייט דעם אַלטען אַרגומענט פון „אינדיווידועלען אָפּמאַך“, און האָבען פּראָטעסטירט געגען וועלכער עס איז אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע מצד זייערע אַרבייטער. אַלע פּראָבען פון די אַרבייטער צו פאַרלאַנגען אַ קאָלעקטיווע באַטייליגונג אין רעגולירען די אַרבייטס־באַדינגונגען זיינען אַטאַקירט געוואָרן אַלס „אומבאַרעכטיגטע פאַרגוואַלטיגונגען פון זייערע רעכטען אַלס בעלי־בתים“. די צאָהל פאַד־לעהרנער, ווי בככל די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון אינדוסטריע, האָבען די בעלי־בתים ערקלערט אַלס פּריוואַט זאַך, וועלכע „געהערט אויסשליסליך דעם בעל־הבית אַליין; אַ עניו, אין וועלכען קיין אַנדער צד, און ווייניגער ווי אַלע די אַרבייטער, קאָנען ניט האָבען קיין דעה“. זיי האָבען זיך נאָך מעהר געשטעלט געגען די צענטראַליזירטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס מיט באַדייטענדע רעזערוו־

סומען אין זייערע קאסען, איידער געגען די אפגעזונדערטע ארטיגע קלובען, וואס זייערע צופעליגע אויסברוכען האבען זיי געקאנט זיך פארגינען צו איגנארירען. אבער זייער צונויפמישען די ארטיגע קליינע קערפערשאפטען און זייער ענגע פאליטיק פון גוואלט־טאטען, מיט די פארבאנדען און זייער ווייט־גרייכענדער מאכט און אנגע־זאמעלטען רייכטום, ווי דאס זאל ניט האבען שטארק געווירקט אנ־צוּוואַרפען א שרעק אויפ'ן פובליקום, האט געפיהרט צו זייער מפלה, ווען מר. פרעדעריק העריסאן האט זייער צד גענומען אויף א שארפען קרייץ פארהער. דערמיט וואס די בעלי־בתים האבען הויפטזעכליך געציעלט זייערע אטאקעס אויף די גרויסע פארבאנ־דען און די ניי געגרינדעטע ארטיגע פאכען־ראטען, האבען זיי פאקטיש געשפיעלט דירעקט אין די הענט פון דער יונטא. עס איז געווען גרינג פאר אלען און אפעלגארט'ן צו איבערצייגען, אז דער איינפלוס פון די צענטראלע עקזעקוטיוו ראטען און די שאפונג פון אז עפענטליכער מיינונג אין די פאך־געזעלשאפטען, האבען בייגע־טראגען צוריקצוהאלטען די ארבייטער פון די מעהר אגרעסיווע טאטען, וואס די פארביטערטע דורך די לאקאלע קריגערייען קאנען באגעהן. דער קאמבינאציע פון געגענזייטיגער אונטערשטיצונג מיט פאך־ציעלען, איז געווען באשערט אטאקירט צו ווערן צוואנציג יאהר שפעטער פון די היציגערע מענשען אין דער טרייד־יוניאן וועלט, וועלכע האבען באהויפטעט, אז דאס פיהרט צו אינערציע און נאכגעביגקייט אין די פראגען פון לוין, ארבייטס־שטונדען און בעסערע ארבייטס באדינגונגען. די באווייזען, וואס זיינען פאר־געלעגט געווארן אין 1867 און 1868, ווען זיי ווערן געלעזען אין דעם ליכט פון שפעטערע פאסירונגען, ווייזען דעם אנהויב פון אט דער טענדענץ, און עס איז געווען אוממעגליך פאר די קאמי־סיאנערן ניט צו קומען צום שלוס, אז אין די פארבאנדען פון די מאשיניסטען און סטאליערס האבען זיי פאר זיך טיפען פון א פיעל ווייניגער אגרעסיווען טרייד־יוניאניזם, איידער די יוניאנס, וועלכע זיינען איבערגעבליבען אלס ריינע פאך־געזעלשאפטען ביי די ציגעל מאכער אדער פון די שעפיעלדער אינדוסטריען.

דורכפאלענדיג אין דעם פונקט, האבען די בעלי־בתים פאר־קלאגט די יוניאן־פארבאנדען אין זייער ראלע אלס אונטערשטי־

צונגס געזעלשאַפטען. די גרעסטע פאַרזיכערונגס־עקספּערטען זיי־נען גערופען געוואָרן צו באַווייזען, אַז ניט דער מאַשיניסטען פאַר־באַנד און ניט דער סטאָליער פאַרבאַנד וועלען קאָנען נאָכקומען זייערע וואַקסענדע חובות, און אַז אין אַ פּאָר יאָהר אַרום וועלען זיי מוזען באַנקראָטירן. די דאָזיגע גאַנצע פאַרהאַנדלונג איז אַ בולט'ער באַווייז, ווי ווייניג מען קאָן זיך פאַרלאָזען אויף עקס־פּערטען עדות, ווען זיי טרעטען אָפּ פון זייער אייגענעם געביט. ניט מר. פינלעיסאָן און ניט מר. טאָקער האָבען באַגריפען, אַז אַ טרייד־יוניאָן איז גאָר ניט ענהליך צו אַ געוועהנליכער אונטער־שטיצונגס־געזעלשאַפט, ווייל זי קאָן כסדר אויסאיבען אַן אומבאַ־גרענעצטע מאַכט צו זאַמלען געלד אַרויפלעגענדיג ספּעציעלע צייט־ווייליגע אָפּצאָהלונגען, אָדער פאַרגרעסערנדיג די בייטראָגען, ווען נאָר די מעהרסטע מיטגלידער האַלטען עס פאַר נויטיג. אָבער ווען אַפילו די אָנקלאָגע פון די פאַרזיכערונגס־עקספּערטען וואָלט געווען אינגאַנצען באַרעכטיגט, איז עס אויך געווען אַ טעות פון די בעלי־בתים אָנצואווענדען אַזאַ טאַקטיק. די קאָמיסיאָנערן האָבען געפיהלט, אַז מען האָט זיי אַריינגעשלעפּט אין אַן אויס־פאָרשונג, ניט וועגען דער ווירקונג פון טרייד־יוניאָניזם אויפ'ן פאָלק'ס וואוילשטאַנד, נאָר וועגען דער אַריפמעטישער ריכטיגקייט פון דעם פינאַנץ סיסטעם, וואָס געוויסע אַרבייטער־גרופּען האָבען פאַר זיך אויסגעקליבען.

דערווייל איז די הויפּט אויפגאַבע פון דער קאָמיסיע, צו אונטערזוכען די שעפיעלדער רציחות, איבערגעגעבען געוואָרן צו ספּעציעלע „אויספאָרשער", וועמעס אָרטיגע אונטערזוכונגען האָ־בען געצויגען וועניגער אויפמערקזאַמקייט איידער די פאַרהאַנד־לונגען פון דער הויפּט קערפּערשאַפט. צוערשט האָט די אונטער־זוכונג אַרויסגעבראַכט גאָר וועניג נייעס, אָבער אין יוני 1867 איז דאָס לאַנד איבערראַשט געוואָרן פון דעם דראַמאַטישען ודוי פון בראָדהעד און אַנדערע מיטגלידער פון די שלייפער קלובען, וועלכע האָבען אויפגעדעקט אַ רייהע ווילדע פאַרברעכענס, צו וועלכע זיי האָבען אויפגעהעצט און פאַר וועלכע מען האָט באַצאָהלט פון דער קאַסע פון קלוב. פאַר אַ קורצער צייט האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אַלע אומקלאָרע באַשולדיגונגען, וואָס זיינען געוואָרפען געוואָרן גע־

געז טרייד־יוניאַניזם אין אַלגעמיין, וועלען באַרעכטיגט ווערן. אָבער די אויספאָרשער האָבען באַריכטעט, אַז פיער־פינפטעל פון די אָרגאַניזאַציעס, אַפילו אין די שעפילדער פאַכען, זיינען געווען פריי פון געוואַלט־טאַטען, און אַז די דאָזיגע פאַרברעכענס זיינען מעהרסטענטיילס באַגאַנגען געוואָרן אין יאָהר 1859, און האָבען אויפגעהערט זייט דאַן. די איינציגע אַנדערע שטאָדט, וואו די קאָמיסיע האָט געפונען פאַר נויטיג אויסצופאָרשען די געוואַלט־טאַטען, איז געווען מאַנטשעסטער, וואו די ציגעל מאַכער יוניאָן האָט באַגאַנגען פיעלע פאַרברעכענס, אָבער מען האָט ניט געקאָנט געפינען קיינע באַווייזען, אַז אַנדערע פאַכען זיינען אין זיי געווען פאַרמישט. עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלע אויפריכטיגע פאָרשער, אַז די קרימינעלע אַקטען קאָנען ניט צוגעשריבען ווערן צו דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אַלס אַ גאַנצע. זיי זיינען פאַקטיש געווען אַן איבערבלייבעכץ אין אַזעלכע גראָבע און אָפּגעזונדערטע פאַכען, ווי די ציגעל מאַכער און די שלייפער, ביי וועמען די באַרבאַרישע מנהגים האָבען זיך נאָך געהאַלטען פון יענע צייטען, ווען די אַר־בייטער האָבען זיך געפיהלט אויסער'ן געזעץ און האָבען געליטען פון דעם דרוק פון טיראַניי.*

דער ערפאָלג, מיט וועלכען דער צד פון די טרייד־יוניאַניסטען איז פאַרגעלעגט געוואָרן פאַר דער קאָמיסיע, האָט זיך אָפּגעשפי־געלט אין דער געענדערטער שטעלונג מצד דעם הערשענדען קלאַס— אַן ענדערונג, וואָס איז אויסדריקליך צוגעשריבען געוואָרן צו דער

---

* די בראָדהעד אויפדעקונגען האָבען פאַראורזאַכט אַ גרויסען שטורם, און פראָפעסאָר ביסליע, וועלכער האָט געוואַגט אָנצו־ווייזען, אַז „אַ טרייד יוניאָן־מערדער איז ניט בעסער אָבער אויך ניט ערגער פון יעדען אַנדערן מערדער", איז שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן אַלס פאַרטיי־דיגער פון פאַרברעכען, און האָט שיער ניט פאַרלאָרן זיין פראָפעסאָר־שטעלע אין יוניווערסיטי קאָלעדזש פון לאָנדאָן, דערפאַר וואָס ער האָט מוטהיג פאַרטיידיגט דעם פרינציפּ פון טרייד־יוניאָניזם. זעה זיין בראָ־שורע, „די שעפילדער רציחות און די פאַרזאַמלונג אין עקסעטער האָל", (לאָנדאָן 1867, 16 זייטען.) ; ווי אויך די בראָשורע פון מר. ריטשאַרד קאָנגרעוו „מר. בראָדהעד און די אַנאָנימע פרעסע", (לאָנדאָן, 1867, 16 זייטען.).

„גרעסערער באַקאַנטשאַפט און ברייטערער ערפאַהרונג" בנוגע טרייד־יוניאָניזם, וואָס איז געוואונען געוואָרן דורך דער קעניגליכער קאָמיסיע. „אמת'ע שטאַאטסמאַנשאַפט", האָט די „טיימס" דערקלערט, „וועט ניט פּרובירן פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן דעם איינפלוס פון די יוניאָנס, נאָר וועט זיי אָננעהמען אלס אַ פאַקט און געבען זיי אַ פרייע מעגליכקייט פאַר אַ געזעצמעסיגער ענטוויקלונג".* אזוי האָט דער אָפיציעלער באַריכט פון דער קאָמיסיע, אויף וועלכען די שונאים פון טרייד־יוניאָניזם האָבען אזוי ארויסגעקוקט, ניט ענטהאַלטען קיין רעקאָמענדאַציע, וואָס וואָלט שוואַכער געמאַכט די לאַגע פון אירגענד וועלכער איינציגער טרייד־יוניאָן. דער באַריכט, וואָס איז געווען עטוואָס ניט אויסגעהאַלטען און אָהן קלאָרע שלוסען, האָט באַהויפּטעט, אַז די טרייד־פאַראיינען קאָנען די ארבייטער ניט ברייגנען קיין אמת'ע עקאָנאָמישע נוצען, און האָט רעקאָמענדירט פונדעסטוועגען, אַז מען זאָל זיי אונטער געוויסע באַדינגונגען לעגאַליזירן. אָנשטאָט דעם, וואָס דאָס געזעץ פון 1825 האָט ארויסגענומען פון דער אַלגעמיינער אומגעזעצליכקייט בלויז די פאַראיינען, וואָס האָבען זיך פאַרנומען מיט פראַגען פון לוין אָדער ארבייטס שטונדען, האָבען די קאָמיסיאָנערן רעקאָמענדירט, אַז קיין פאַראיין זאָל מעהר ניט זיין אונטערוואָרפען צו פאַרפאָלגונגען פאַר באַגרענעצען דעם האַנדעל, אויסער אזוינע, וואָס האָבען זיך געגרינדעט מיט דעם ציעל „צו באַגעהן טאַטען, וואָס פיהרן צו אַ ברוך פון קאָנטראַקט", אָדער זיך אָפּצוזאָגען צו ארבייטען מיט אַ וועלכען עס איז באַשטימטען פערזאָן. אָבער די

---

* לייט־אַרטיקעל פון די „טיימס", דעם 8טען יולי, 1869, ביי דער געלעגענהייט פון מר. (שפּעטער לאָרד) גראַסעי'ס רעדע, אין וועלכער ער, אַ זוהן פון אַ גרויסען קאָנטראַקטאָר, איז אַרויסגעטראָטען פאַר די טרייד־יוניאָנס, און האָט ערקלערט, אַז דורך דעם וואָס זיי איבען אויס אַ וואוילטעטיגען איינפלוס אויף דעם כאַראַקטער פון די אַרבייטער ווירקען זיי צו פאַרקלענערן די קאָסטען פון אַרבייט, אָנשטאָט צו העכערן זיי. (האַנסאַרד'ס פּאַרלאַמענט'ס דעבאַטען, 1869.) שפּעטער איז די רעדע מיט איניגע צוגאָבען געדרוקט געוואָרן אונטער'ן טיטול „די טרייד־יוניאָנס און די אַרבייטס קאָסטען", פון ט. בראַסעי. (לאָנדאָן, 1870, 64 זייטען).

רעגיסטראַציאָנס פריווילעגיע, וועלכע האָט געגעבען די מאַכט צו קריגען אַ געזעצליכען שוץ פאַר דער קאַסע פון דער אָרגאַניזאַציע, איז באַווילינגט געוואָרן נאָר צו אַזעלכע יוניאָנס, וועמענס סטאַטוטען עס זיינען געווען פריי פון באַגרענעצונגס פאָרשריפטען, דהינו, די באַגרענעצונג פון לערנער אָדער פון דעם געברויך פון מאַשינען, אָדער די וואָס האָבען פאַרבאָטען שטיק־אַרבייט און סוב־קאָנטראַקטען. דער איינפלוס פון די בעלי־בתים אויף דער קאָמיסיע האָט זיך נאָך ווייטער אַרויסגעוויזען אין דעם ספּעציעלען אָפּזאָג צו באַוויליגען די פריווילעגיע פון רעגיסטראַציע צו אַזוינע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייערע סטאַטוטען ערלויבען זיי צו שטיצען סטרייקס אין אַנדערע פאַכען.

דערוויילע איז דער רעזולטאַט פון דער קאָמיסיע'ס טעטיגקייט געווען נאָר אַ נעגאַטיווער. עס איז אין איהם ניט געווען אַפילו קיין וואונק פון פיינדליכע געזעצפּראָיעקטען. פון דער צווייטער זייט אָבער, איז געווען קלאָר, אַז קיין טרייד־יוניאָן וועט ניט אָננעהמען קיין „לעגאַליזאַציע" אויף די פאָרגעשלאָגענע באַדינגונגען. אָבער העריסאָן און יוהז האָבען זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט אַרויסוואַרפען אַלע געפעהרליכע פאָרשלאַגען פון דעם מאַיאָריטעט באַריכט. זייער מינאָריטעט באַריכט, וועלכער איז אויך אונטערגעשריבען געוואָרן פון דעם אוירל פון ליטשפיעלד האָט אויפגעדעקט אין קורצע און שאַרפע זאַצען די פרוכטלאָזינקייט פון די עצות פון דער מאַיאָריטעט, און האָט אין אַלגעמיינע שטריכען אָנגעצייכענט די פרינציפּען, אויף וועלכע אַלע צוקונפטיגע געזעצען בנוגע יוניאָנס דאַרפען זיין געבויט. די מינאָריטעט האָט פאָרגעשלאָגען, אַז אַלע ספּעציעלע געזעצען בנוגע אַרבייטס קאָנטראַקטען זאָלען אָפּגעשאַפט ווערן, ערשטענס, אויפ'ן גרונט פון דעם פרינציפּ, אַז קיין אַקט פון אַן אַרבייטער זאָל ניט זיין אומגעזעצליך, סיידען דערזעלבער אַקט איז אומגעזעצליך אויך ווען אַן אַנדער מענש באַגעהט איהם; און צווייטענס, זאָל קיין טאַט פון אַ פּאַראיין ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ קרימינעלער פאַרברעכען, אויב דיזעלבע טאַט וואָלט ניט געווען אַ פאַרברעכען, ווען אַן איינצעלנער מענש טוט עס אָפּ. צו דעם איז נאָך צוגעגעבען געוואָרן אַן אויספיהרליכע ערקלערונג וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרן פון מר.

פרעדעריק העריסאָן, אין וועלכען דער כאַראַקטער און די ציעלען פון טרייד־יוניאָניזם, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען פון די פיעלע אויסזאָגונגען פון די עדות פאַר דער קאָמיסיע, זיינען מיט גרויס געשיקטקייט ערקלערט און פאַרטיידיגט געוואָרן. נאָך אַ גרעסערע דיענסט פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג איז אפשר געוועזן די קלאָרע און אויספיהרליכע פאַרטייטשונג פון די פאַרשיידענע אויס־בעסערונגען (אַמענדמענטס), וואָס האָבען זיך געפאָדערט, כדי צו האַרמאָנירען דאָס געזעץ מיט די איבען אָנגעצייכענטע פּרינציפּען. דאָ האָבען מיר אַ קלאָרען ביישפּיעל, ווי ניצליך עס זיינען די עצות פון עקספּערטען פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג. די יונטאַ האָט געהאָט געפאָדערט, אַז די יוניאָנס זאָלען פולשטענדיג לעגאַליזירט ווערן אויף דעמזעלבען אופן ווי די געוועהנליכע געגענזייטיגע אונ־טערשטיצונגס פאַראיינען. זיי האָבען ניט באַגריפען, אַז אַזאַ לע־גאַליזאַציע וואָלט געשטעלט אין געפאַהר דעם פאַרבאַנד פון די מאַשיניסטען אָנגעקלאָגט צו ווערן פון אירגענד וועלכען מיטגליד, וואָס וואָלט אויסגעשלאָסען געוואָרן פאַר „סקעבען“ אָדער פאַר שעדיגען די אינטערעסען פון די אַרבייטער פון דעם פאַך. די גאַנצע ווירקזאַמקייט, פון דעם טרייד־יוניאָניסטישען שטאַנד־פּונקט, פון דער פאַרבינדונג פון טרייד־יוניאָן אינטערעסען און אונטערשטיצונג, וואָלט פאַרניכטעט געוואָרן. די בלויזע לעגאַ־ליזאַציע וואָלט געשטעלט די טרייד־יוניאָנס אונטער׳ן אַלגעמיינעם געזעץ, און וואָלט זיי אונטערוואָרפען אונטער דער שטענדיגער גע־פאַהר פון געריכטליכע אַריינמישונגען. זיי זיינען אויסגעוואַקסען טראָץ דעם געזעץ און די אַדוואָקאַטען, וועלכע לויט זייער גייסט און זייערע פאָראורטיילען זיינען אַלע מאָל געווען און זיינען נאָך איצט פרעמד און געגנעריש צו די ציעלען און די קאָלעקטיווע האַנד־לונגען פון די פאַך־אָרגאַניזאַציעס. די געפאַהר, אַז אירגענד וועלכער מיטגליעד וועט האָבען די מאַכט אָנצוקלאָגען זיי, פאַר־שאַפען זיי זאָרג דורך פּראָצעס־פיהרונגען און קריפּלען זיי דורך די הוצאות פון פּראָצעסען, אָדער אַריינשלעפּען די אָרגאַניזאַציע אין אַ באַנקראָט פּראָצעס, איז זעהר קלאָר געוואָרן. די יונטאַ האָט דאָס באַלד פאַרשטאַנען ווען זייערע ראַטגעבער האָבען זיי ערקלערט די לאַגע און האָבען אָנגעוויזען, אַז בלויזע לעגאַליזאַציע

וואָלט געגעבען אומעהרליכע בעלי־בתים א מעכטיגע וואפע אין די הענט. כדי אויסצומיידען אט די שוועריגקייט, האָט מר. העריסאָן פאָרגעשלאָגען דעם קלוגען פלאן, אז די טרייד־יוניאָן זאָל געשטעלט ווערן אונטער דעם געזעץ פון אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען נאָר אויף וויפיעל עס איז נויטיג צו באַשיצען איהר קאַסע געגען גנבה און שווינדעל, אָנהאַלטענדיג אין דערזעלביגער צייט איהר געזעצליכע פּריווילעגיע, וואָס מען קאָן ניט אויפהויבען געגען איהר קיין קלאגע אין געריכט, ווי געגען א קאָרפּאָראַציע. ווען א טרייד־יוניאָן באַאמטער וואָלט אויסגעקליבען געוואָרן אַלס פאָרשטעהער פון די יוניאָנס אין דער קאָמיסיע, וואָלטען אַזעלכע אויספיהרליכע און געשיקטע אמענדמענטס צום געזעץ ניט אויסגעאַרבייט געוואָרן און זיי וואָלטען ניט געוואָרן א טייל פון א וויכטיגען אָפּיציעלען באַריכט. דער פאָלשטענדיגער פּלאַן פון טרייד־יוניאָן פרייהייט, וועלכען האַריסאָן מיט זיינע פריינד האָבען אויסגעאַרבייט, איז פאַר די נעקסטע זיבען יאָהר געוואָרן דער פּאָליטישער פּראָגראַם פון די טרייד־יוניאָניסטען. און עס איז טיילווייז א מערקווירדיג איראָנישער צופאַל פון דער ענגלישער פאַרטיי פּאָליטיק, אַז בעת די אויסאַרבייטונג פון דעם פּראָגראַם און די אַגיטאַציע, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרן פאַר איהם אין איין פאַרלאַמענט נאָך דעם אַנדערן איז געווען די אויסשליסליכע אַרבייט פון א גרופּע ראַדי־קאַלען, איז ער ענדליך פאַרקערפּערט געוואָרן אין א געזעץ, ווי מיר וועלען זעהן, פון א קאָנסערוואַטיווען קאַבינעט.*

---

* די שעפּיעלדער רציחות און די קעניגליכע קאָמיסיע האָבען געשאפען אַ גרויסע ליטעראַטור, וועלכע האָט מעהרסטענס געהאַט אַ קנאַ־פּען ווערט. די קאָמיסיע אַליין האָט צוגעשטעלט ניט ווייניגער פון עלף באַריכען, מיט מאַסען־מאַטעריאַלען פון עדות־אויסזאָגונגען און ביילאַגען. די אונטערזוכער, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אויסצו־פאָרשען די גוואַלד־טאַטען אין שעפּיעלד און מאַנטשעסטער האָבען צו־געשטעלט באַזונדערע באַריכטען, וועלכע זיינען פאָרגעלעגט געוואָרן פאַר׳ן פאַרלאַמענט. די מאַסען איינצעלהייטען־אינפאָרמאַציעס וועגען סטרייקס און אַנדערע טעטיגקייטען פון די פאַך־אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַט די באַריכטען ענטהאַלטען, זיינען אויסגענוצט געוואָרן אין אַלע שפּעטערע שריפטען וועגען דעם ענין. „די טרייד יוניאָנס פון ענגלאַנד“, פון קאָמט דע פּאַריז (לאָנדאָן, 1869, 246 זייטען), און „די טרייד יוני־

די ווירקזאַמע אויב אַפילו ניט פאָרמעלע פיהרערשאַפט פון דער באַוועגונג, וואָס די יונטאַ האָט אויף זיך גענומען אין דער צייט פון די זיצונגען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, איז ניט דורכגעגאַנגען אָהן שטערונגען. די וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין די קרייץ־שטראָמען פון פערזענליכע אינטריגעס און קנאה, וועלכע נעהמען אַוועק כחות פון פאָלקס באַוועגונגען, קאָנען לעזען אויף די בלעטער פון דעם „ביען־שטאָק" אויספיהרליכע באַשריי־בונגען פון דזשאָרדזש פאָטער'ס מאַכינאַציעס. דער „ביען־שטאָק" האָט פאַררופען אַ טרייד־יוניאָן קאָנפערענץ אין סעינט מאַרטענס האָל, אין מערץ 1867, צו וועלכער עס זיינען געקומען איבער הונ־דערט דעלעגאַטען פון פראָווינציעלע פאַראיינען, פאַכען־ראַטען און פון די קלענערע לאָנדאָנער פאַך־קלובען. די יונטאַ האָט אפשר ניט קלוג געהאַנדעלט, ענטזאַגענדיג זיך צו האָבען צו טאָן מיט אַ פאַרזאַמלונג, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטען אונטער פאָטער'ס אויפ־זיכט. אָבער פיעלע פון זייערע פראָווינציעלע פאַרבינדעטע, וועלכע האָבען קיין זאַך ניט חושד געווען, זיינען געקומען צו דער קאָנפע־רענץ, און האָבען זיך געפונען אין אַ ניט נאָרמאַלער לאַגע פון מיטהעלפער אין אַ פּראָבע צו צווינגען מיט גוואַלט די לאָנדאָנער פאַכען, זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייער טרייהייט צו דער יונטאַ און צום לאָנדאָנער פאַכען־ראַט. די קאָנפערענץ האָט אָנגעהאַלטען פיער טאָג, און אַ דאַנק פאָטער'ס ענערגיע, האָט זי פאַראורזאַכט אַ היבשען טומעל. אַ קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן אָנצופיהרען

אָנס", פון ראָבערט סאָמערס (עדינבורג, 1876, 232 זייטען), למשל, זיינען ניט מעהר, ווי אויבערפלעכליכע איבערזיכטען, דאָס ערשטע פריינד־ליך און דאָס צווייטע אומפריינדליך, פון די עדות־אויסזאָגונגען פאַר דער קאָמיסיע. די קאַפּיטלען איבער טרייד יוניאָניזם אין וו. ט. טהאָרענטאָנ'ס ווערק, „וועגען אַרבייט" (לאָנדאָן, 1870) וועלכע האָבען געמאַכט אַזאַ דויערענדען אַיינדרוק אויף דער עקאָנאָמישער וועלט, זיי־נען אינגאַנצען באַגרינדעט אויף דיזעלבע מאַטעריאַלען. פון די אַנדערע ווערק איז ווערט צו דערמאָנען: „טריידס יוניאָנס פאַרטיידיגט", פון וו. ל. קאַלענדאַר (מאַנטשעסטער, 1870, 16 זייטען); „פּלענער ווי צו מאַכען אַ סוף צו די עולות פון טריידס יוניאָנס", פון פרעדריק היל (לאָנדאָן, 1868, 16 זייטען).

די טרייד־יוניאן פארטיידיגונג פאר דער קאמיסיע, און קאנאלי, דער פרעזידענט פון די שטיינמויערער איז באשטימט געווארן ביי־צוואוינען די זיצונגען. נאר ניט קוקענדיג אויף דער ספעציעלער פראמינענץ, וואס דער „ביען־שטאק" האט געגעבען דעם קאמיטעט, האבען מיר ניט געקאנט ענטדעקען מיט וואס ער האט זיך באשעפטיגט. א ניט־קלוגע רעדע קאנאלי'ס האט געפיהרט דערצו, אז מען זאל איהם באלד אויסשליסען פון דער קאמיסיע; און די אנפיהרונג פון דער טרייד־יוניאן פארטיידיגונג איז געבליבען אין די הענט פון אפעלגארט'ן און דער יונטא.

אבער אויסער דער קנאה און די פערזענליכע אינטריגעס, איז אויך געווען אן ערליכע אפאזיציע צו דער פאליטיק פון דער יונטא. די גרויסע מאסע טרייד־יוניאניסטען זיינען נאך ניט געווען באקעהרט צום געדאנק, אז פאר זייערע ארגאניזאציעס איז נויטיג אן אנערקענטער געזעצליכער סטאטוס. עס זיינען געווען פיעלע ערפאהרענע באאמטע, ספעציעל אין די פראווינציעלע ארגאניזאציעס פון דעם עלטערן טיפ, וועלכע זיינען געווען אומצופריעדען מיט דער האנדלונג פון די לאנדאנער פיהרער, אויסדריקליך דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען געגען לעגאליזאציע. „וואס ווייניגער די ארבייטער וועלען האבען צוטאן מיט'ן געזעץ, אין אירגענד וועלכער פארמע, אלץ בעסער וועט פאר זיי זיין", פלעגען שטענדיג טענה'ן די אלטע יוניאניסטען. אט דער געדאנק האט געפונען א פולען אויסדרוק אויפ'ן קאנגרעס, וואס דער מאנטשעסטער פאכען־ראט האט איינגערופען אין 1868, און אויף דעם קאנגרעס וואס דער בירמינגהאמער פאכען־ראט האט פאררופען אין 1869. אבער טראץ דעם, וואס די יונטא איז ניט אנוועזענד געווען אויפ'ן קאנגרעס אין מאנטשעסטער, האט זיך זייער פריינד דזשאהן קעין, פון דער צפון־ענגלאנדער אייזענארבייטער ארגאניזאציע, איינגעגעבען צו באוועגען די דעלעגאטען אנצונעהמען א רעזאלוציע, וועלכע האט אויסגעדריקט פולשטענדיגען צוטרויען צו דער פאליטיק און צו די האנדלונגען פון דער קאנפערענץ פון די פאראייניגטע פאכען. ביים קאנגרעס פון 1869, האבען די הערען אדגער און האועל, אלס פארשטעהער פון דער יונטא, דורכגעפיהרט א רייהע רעזאלוציעס, וועלכע האבען ענטהאלטען מר. פרעדעריק האריסאנ'ס פארשלאגען.

דערווייל איז פאָרגעקומען אַ ענדערונג אין דער פּאָליטישער לאַגע. אין אַנהויב פון'ם קריזיס האָט מר. פרעדריק האַריסאָן שטאַרק געראַטען דער טרייד־יוניאָן וועלט צו ווענדען זיך צום שטים־קאַסטען אַלס אַ מיטעל צו קריגען גערעכטיגקייט. אין יאַנואַר 1867 שרייבט ער: „קיין זאַך וועט ניט צווינגען די רעגירנדע קלאַסען צו אָנערקענען די טענות פון די אַרבייטער און צו אורטיילען זיי מיט יושר, ביז זיי וועלען איינזעהן, אַז די אַרבייטער כאַפּען אַריין אין זייערע אייגענע הענט אַ ווירקליכע פּאָליטישע מאַכט. יוניאָניסטען, וועלכע זיינען ביז איצט געווען צופריעדען מיט זייערע יוניאַנס און האָבען זיך צוריקגעהאַלטען פון פּאָליטיק, קאָנען זעהן צו וואָס זייער צוריקהאַלטונג פון פּאָליטישע באַוועגונגען האָט זיי געבראַכט“. אַ פּאָר חדשים נאָך דעם ווי אָט די עצה איז געגעבען געוואָרן, האָט דער רעפאָרם פּראָיעקט פון 1867 געגעבען די אַרבייטער שטים־רעכט אין די שטעדט. די טרייד־יוניאָן פיהרער האָבען לאַנג ניט געוואַרט און האָבען זיך גענומען באַלד אויסנוצען דעם נייעם כח, וואָס זיי האָבען געקראָגען. די יונטאַ, אונטער דעם באַקוועמען צודעק פון דער קאָנפערענץ פון די פאַראייניגטע פאַכען, האָט ארויסגעגעבען, אין יולי 1868, אַ צירקולאַר, אין וועלכען זיי ווייזען די טרייד־יוניאָניסטען אָן אויף דער וויכטיגקייט צו רעגיסטרירען זיך אַלס וועהלער, און אויסצואיבען אויף יעדען קאַנדידאַט אַ דרוק בנוגע דער פראַגע, אין וועלכער זיי זיינען געווען הויפּטזעכליך פאַראינטערעסירט. די פאַכען־ראַטען איבער'ן גאַנצע לאַנד האָבען נאָכגעפאָלגט זייער ביישפּיעל; און מיר געפינען, אַז די וואהל־טאַקטיק פון דער יונטאַ איז אָנגענומען געוואָרן אפילו פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען טראַדיציאָנעלע געגנער פון יעדער פּאָליטישער אַקציאָן. דער צענטראַלער קאָמיטעט פון די שטיינמויערער, למשל, האָט שטאַרק אַגיטירט צווישען די מיטגלידער צו שטימען אין די פאַרשיידענע וואהלען נאָר פאַר אַזעלכע קאַנדידאַטען, וועלכע וועלען שטיצען די טרייד־יוניאָן פאָדערונגען.

אַרום אָנהויב פון יאָהר 1869 האָט מר. פרעדריק האַריסאָן אויסגעאַרבייט אַ גרינדליכען פּראָיעקט, וועלכער האָט ענטהאַלטען אַלע געזעץ־רעקאָמענדאַציעס פון זיין מינאָריטעטס באַריכט. דער

פראיעקט איז אריינגעבראכט געווארן אין פארלאמענט דורך די הערן מונדעלא און יוהז, און כאטש די פארשריפטען פונ'ם פראיעקט זיינען שטארק אטאקירט געווארן פון די בעלי־בתים, האט ער דאך געוואונען א געוויסע שטיצע צווישען אייניגע ניי־ערוועהלטע פארלאמענטס מיטגלידער און איז שטארק אונטערשטיצט געווארן אויסערן פארלאמענט. די ליבעראלע רעגירונג פון יענער צייט און די מעהרסטע מיטגלידער פון פארלאמענט זיינען נאך אלץ בשתיקה געווען געשטימט געגנעריש צו די גרונט פרינציפען פון טרייד־יוניאניזם און אלע מיטלען זיינען אנגעווענדט געווארן צו דערשטיקען דעם פראיעקט.* אבער די יונטא איז געווען ענטשלאסען צו לאזען פיהלען איהר נייע פאליטישע מאכט. פון אלע טיילען פון לאנד איז אויסגעאיבט געווארן א דרוק אויף מיטגלידער פון פארלאמענט. א גרויסע ארבייטער דעמאנסטראציע איז פארגעקומען אין עקזעטער האל, וואו די הערן מונדעלא און יוהז האבען ערקלערט, אז זיי האבען בדעה צו צווינגען דעם פארלאמענט און דאס מיניסטעריום צו נעהמען דעם פארהאסטען פראיעקט צו אן אפשטימונג. איינזעהענדיג, אז עס איז ווייטער אוממעגליך אויסצודרעהען זיך פון דער פראגע, האט די רעגירונג אויפגעגעבען איהר געגנערשאפט און האט צוגעשטימט צו א צווייטער פארלעזונג פון דעם פראיעקט, מיט דער פארשטענדניש, אז דער קאבינעט וועט מיט א יאהר שפעטער אריינברינגען אן אייגענעם פראיעקט. א צייטווייליגער געזעץ צו באשיצען פארלויפיג די טרייד־יוניאן געלדער איז אויף גיך אנגענומען געווארן ביים סוף פון דער סעסיע,

* אין זיינע „בריעף צו די ארבייטער קלאסען“ (לאנדאן, 1870) שילדערט פראפעסאר ביסליע זעהר קלאר די ביטרע פאליטיק פון דער רעגירונג, און ראטה די ארבייטער צו נעהמען זיך צו פאליטישער אקציאן. דער יעהרליכער באריכט פון דער אלגעמיינער יוניאן פון הויז־פארבער באווייזט, מיט וואס פאר א באגייסטערונג די עצה איז אויפגענומען געווארן: „א סוף צום געשריי קיין פאליטיק אין די יוניאנס! אט די נארישע נייטראליטעט האט אונז איבערגעלאזען אהן מאכט און אהן איינפלוס“.

ביז אַ פולשטענדיגער געזעצפּראָיעקט וועט אריינגעבראַכט ווערן. * די יונטאַ האָט געהאַט געוואונען דעם ערשטען זיעג פון איהר פּאָליטישען קאַמפּיין.

ביי דער נעקסטער סעסיע האָט די רעגירונג קיין חשק ניט געהאַט צו האַלטען איהר צוזאָג. אָבער די טרייד־יוניאָניסטען זיינען ניט געווען גענויגט צו לאָזען די זאַך איינשלאָפען, און נאָך

---

* אַט דער צייטווייליגער פּראָיעקט איז ביטערליך באַקעמפט געוואָרען אין האוז אָוו לאָרדס פון אוירל קעירנס, וועלכער האָט אַרגומענטירט, אַז די אַלגעמיינע באַשיצונגס, וואָס דאָס געזעץ וועט געבען די געלדער פון אַלע יוניאָנס גלייך, ניט פאַדערנדיג פון זיי, זיי זאָלען אויפגעבען זייערע אומגעווינשטע סטאַטוטען, איז דירעקט געגען דעם מאַיאָריטעט באַריכט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע. לויט זיין מיינונג איז גאָרניט נויטיג געווען, אַז מען זאָל זיך אַזוי אונטערגעבען צו די יוניאָנס, ווייל זייערע קאַסען זיינען נאָך מיט אַ יאָהר פריהער באַשיצט געוואָרען פון אַ „געזעץ צו אַמענדירען דאָס געזעץ וועגען גנבה און שווינדעל“. וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען לויט דעם פאָרשלאַג פון ראָסעל גורנעי, דער רעקאָרדער פון לאָנדאָן. דאָס געזעץ האָט זיך ניט באַצויגען אויף יוניאָנס אַלס אַזעלכע, אָבער ער האָט געמאַכט מעגליך די פאַראורטיילונג פון מיטגליעדער פון אַ שותפות פאַר גנב׳ענען אָדער פאַרכאַפּען געלדער פון דער שותפות׳ער אונטערנעמונג. די מעגליכקייט אָנצווענדען אַט דאָס געזעץ געגען פאַרברעכערישע טרייד יוניאָן באַאַמטע האָבען צוערשט איינגעזעהן די אַדוואָקאַטען פון דער פירמע שעיען, ראַסקאָ און קאָמפּאַניע, וועלכע זיינען אין פאַרלויף פון צוויי דורות געווען די אַדוואָקאַטען פון עטליכע פון די גרעסטע יוניאָנס. אויף זייער פאַרלאַנג איז אַ געוויסער פאַל פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר דעם יוסטיץ־מיניסטער פון יענער צייט, (סער דזשאַהן קארסלעיק) וועלכער האָט ערקלערט, אַז אַ יוניאָן קאָן פאַרפאָלגען געלט־פאַרכאַפּער אַלס אַ שותפות׳ע אונטערנעמונג. אַ קרימינעלער פּראָצעס איז דאַן גלייך פאָרגעפיהרט געוואָרען פון דער ציגעל־מויערער יוניאָן אַנטקעגען אַ פאַרברעכערישען באַאַמטען, וועלכער האָט זיך געהאַט אויסגעלאַכט פון דער עקזעקוטיווע. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז אין 1868 פאַר׳משפּט געוואָרען צו זעקס חדשים שווערע אַרבייט אין געפענגנים. אַט דער ערפאָלגרייכער פּראָצעס איז שטאַרק רעקלאַמירט געוואָרען אין דער טרייד יוניאָן וועלט, און ער איז אָפט אויסגענוצט געוואָרען אַלס אַ באַווייז, אַז מען דאַרף שוין מעהר ניט לעגאַליזירען די יוניאָנס. אָבער ווי מר. פרעדריק האַריסאָן און אַנדערע ראַטגעבער פון דער יונטא האָבען ריכטיג אָנגעוויזען, האָט ראָסעל גורני׳ס געזעץ נאָר

דעם ווי זיי האבען אויסגעאיבט א שטארקען דרוק, האט מר. בריוס (שפעטער לארד אבערדער), וועלכער איז דאן געווען מיניסטער פון אינערן, צוגעגרייט א געזעצפראיעקט אין 1871, וועלכער איז מיט גרויס אייפער געלעזען געווארן פון דער טרייד־יוניאן וועלט. די רעגירונג איז געווען גרייט נאכצוגעבען אלע פונקטען, וועלכע די יונטא האט ספעציעל געפאדערט. קיין טרייד־יוניאן, ווי ברייט איהרע ציעלען זאלען ניט זיין, האט מעהר ניט געזאלט באטראכט ווערן אלס אומגעזעצליך בלויז ווייל זי „שטערט דעם האנדעל“. יעדע יוניאן האט געדארפט קריגען דאס רעכט צו רעגיסטרירן זיך, אויב איהרע סטאטוטען זיינען נאר ניט געווען אין ווידערשפרוך צום קרימינאל געזעץ. און שליסליך איז די רעגיסטראציע, וועלכע האט געגעבען א פולשטענדיגען שוץ פאר די יוניאן־געלדער אזוי באַשטימט געווארן, אז די אינערליכע עסקים פון די ארגאניזאציעס זאלען ניט באריהרט ווערן, און מען זאל די רעגיסטראציע ניט קאנען אויסנוצען צו קאנען פיהרן געגען זיי געריכטס פראצעסען.

די בעלי־בתים האבען העפטיג אטאקירט די רעגירונג פאר נאכגעבען, ווי זיי האבען געזאגט, פאקטיש אלע פאדערונגען פון די טרייד־יוניאנס.* אבער פון דעם ארבייטער שטאנדפונקט האט דער „פולשטענדיגער טשארטער צו לעגאליזירן יוניאנס“ געהאט אן ערנסטען פעהלער. „בעת דער פראיעקט, האבען זיי זיך באַקלאגט, איז מבטל די געזעצען געגען ארבייטער פאראיינען, שאפט ער אויף זייער ארט אן אנדער שטראף־געזעץ געגען ארבייטער“ אלס אזעלכע. א לאנגער פאראגראף שרייבט פאר, אז יעדער גוואלט־

געגעבען א מעגליכקייט צו פארפאלגען קרימינעל אבער קיינע ציווילע פראצעסען צוריקצוקריגען די פארנומענע געלדער האבען זיי ניט געקאנט פיהרען, און אויסער דעם האט עס ניט אפגעשאפט די אומגעזעצליכקייט פון ארבייטער פאראייניגונגען אלס „שטערונג פון האנדעל“. זעה מר. הארריסאנ׳ס ארטיקעל דער „טרייד יוניאן ביל“, אין „פארטנייטלי רעוויאו“, דעם 1טען יולי, 1869, און דעם פלוג־שריפט פון דעם מאשיניסטען פארבאנד וועגען ראסעל גורני׳ס געזעץ, דעצעמבער, 1868.

* זעהט, למשל, דעם באריכט פון דער ליעדזער פארזאמלונג פון די מייסטער־בויערס אסאסיאיישען צו פראטעסטירען געגען דעם געזעץ־פראיעקט, אין „ביענ־שטאק“, פון 11 מערץ, 1871.

טאט, סטראשונאק, אדער באלעסטיגונג, מיט דעם צוועק אויסצואיבען א צוואנג אויף בעלי־בתים אדער ארבייטער, זאל שווער באשטראפט ווערן. אט די אלע ווערטער פון די אלטע געזעצען געגען ארבייטער פאראיינען, ווי, „באלעסטיגען“, „שטערן“, „סטראשען“, „אנווארפען א מורא“ און אזוי ווייטער, זיינען באנוצט געווארן אהן אירגענד וועלכער ערקלערונג אדער באגרענעצונג. נאך מעהר, אפרײדען ארבייטער פון פארנעהמען די ערטער פון סטרייקעס („פיקעטען“), איז אויסדריקליך איינגעשלאסען געווארן אונטער די באגריפען פון באלעסטיגען אדער שטערן אין דעם אומפאסענדען פארבאט אנטקעגען „נאכאנאנד נאכפאלגען“ ווען עס איז, אדער „היטען“ און „באזעצען“ די פלעצער וואו ער געפינט זיך, אדער „דערנעהענטערן זיך צו אזעלכע ערטער“. דאס געזעץ פון 1859, וואס האט אויסדריקליך לעגאליזירט דאס פריעדליכע איבעררײדען מענשען אנצושליסען זיך אן ארבייטער ארגאניזאציעס איז צוריקגערופען געווארן.* עס האט אויסגעוויזען צו זיין זעהר מעגליך,

---

* א קורצער געזעץ איז אנגענומען געווארן אין 1859, וועלכער האט אויסגעשלאסען פון דער פארטייטשונג פון „באלעסטיגען“ אדער „שטערן“ דעם איינפאכען אפמאך צו ערווערבען אן ענדערונג פון לוין אדער פון די ארבייטס־שטונדען, ווי אויך דאס פרידליכע איבעררײדען אנדערע, אהן באדראהונגען אדער אנשרעקונגען, אפצושטעלען די ארבייט, כדי צו קריגען דעם געווינשטען לוין אדער די ארבייטס־שטונדען. דער געזעץ איז אנגענומען געווארן אהן דיסקוסיעס אדער קאמענטארען, ווארשיינליך צוליעב געוויסע דאמאלסדיגע געריכטס־ענטשיידונגען, אבער די ענטשטעהונג פון דעם געזעץ איז אומבאקאנט. די שטיין־מויערער ארגאניזאציע האט ניט געוואלט האבען דערמיט צו טאן און האט מיט סארקאזם באצייכענט די אנפיהרער פון דעם פראיעקט אלס קהל׳שע קליאמקעס. אלעקסאנדער מעקדאנאלד דערמאנט דעם געזעץ אין זיין רעדע וועגען דעם בעלי־בתים און ארבייטער־געזעץ, דעם 28טען יוני, 1875, און זאגט, אז דער געזעץ איז אנגענומען געווארן א דאנק איהם און אנדערע, כדי צו ערלויבען ארבייטער איבערצורײדען זייערע חברים אנצושליסען זיך אין ארבייטער ארגאניזאציעס, און אז די רעזולטאטען זיינען געוועזען זעהר נוצליכע. אן אומבאקאנטע בראשורע פון טשארלס סטורדזשאן, מיט׳ן נאמען „בריעף צו די טרייד־יוניאניסטען און די ארבייטער קלאסען“, גיט די איינציגע ערקלערונג, ווי ווייט אונז איז באקאנט, וועגען דער אפשטאמונג פון דעם געזעץ. „געוויסע ריכטער האבען

אז דער רעגירונגס־פראיעקט וועט האלטען פאר א קרימינאלען פארברעכען ווען צוויי טרייד־יוניאניסטען וועלען שטעהן רוהיג אין גאס אנטקעגען דער פאבריק פון דעם בעל־הבית, ביי וועלכען זיי סטרייקען, כדי אויף א פריעדליכען אופן צו מעלדען וועגען דעם די ארבייטער, וואס זיינען אפשר ניט באקאנט מיט דעם פאקט.

עס זעהט זיך ארויס, אז דער „דריטער פאראגראף“, וועלכער איז פון מר. ברוס אזוי שטארק אטאקירט געווארן, איז ניט געווען געציעלט צו מאכען וועלכע עס איז ענדערונגען אינ׳ם געזעץ. זיין ברייטער פארבאט פון גוואלטטאטען, דראהונגען, אנווארפען א מורא, באלעסטיגען און שטערן, האט בלויז צוזאמענגענומען און ארדנונגס־מעסיג ארראנזשירט די פארשיידענע געריכט ענטשיידונגען פון די פארגאנגענע יאהרען, אונטער וועלכע די טרייד־יוניאניסטען האבען געליטען. אבער דאס געזעץ איז ביז דאן געווען אומקלאר און האט זיך אפט ווידערשפראכען; ביידע, אי די

געפסק׳ענט, אז די ארבייטער האבען א רעכט צו פאראייניגען זיך ווען זיי ארבייטען ניט פאר קיין בעל־הבית (דאס הייסט, נאר ווען זיי געהען ארום לעדיג). אזא פאלשע אויסטייטשונג, לויט וועלכער ארבייטער זייבען אריינגעזעצט געווארן אין געפענגטיש, בעת די בעלי־בתים פלעגען זיך פאראייניגען ווען זיי האבען געוואלט, האט ארויסגערופען זעהר פיעלע פעטיציעס צו מילדערן די לאגע, און ווי געוועהנליך, זיינען זיי געבליבען ליגען אויפ׳ן טיש. די עקזעקוטיווע פון דער נאציאנאלער געזעלשאפט פון פאראייניגטע פאכען האט זיך פארזאמעלט אין מיין וואוינונג אין אבינגטאן סטריט און מיר האבען פארפאסט א קורצען געזעץ־פראיעקט פון ניין שורות, אויפצוקלערן די ריכטער, ווי אזוי זיי האבען פארפעהלט צו ערקלערן די אנזיכטען פון די געזעץ־געבער... איך האב פארגעשטעלט אונזערע פריינד צו העגרי דרומאנד, טאמאס דונקאמב און דזשאזעף היום, צוויי ראדיקאלען און אן ערליכער קאנסערוואטאר, און, מערקווירדיג, זיי האבען גוט געארבייט צוזאמען ווען זיי האבען זיך געמיהט פאר א גערעכטער זאך. נאך א שווערן קאמף געגען דער גרויסער ליבעראלער פארטיי פיער אדער פינף יאהר, האבען מיר דורכגעפיהרט אונזער קליינעם פראיעקט, צו דער גרויסער פרייד פון די ארבייטער קלאסען און צום פארדרוס פון די מאנטשעסטער ראדיקאלען“. אבער די ענטשיידונגען און די פראצעסען פון דרואיט און בעילי אין 1867 האבען באוויזען, אז דער געזעץ האט ניט באשיצט פיקעטס פון פארפאלגונגען.

סטאַטוטען, אי די געריכט־ענטשיידונגען, האָבען זיך גענומען פון אַ שטאַנדפונקט, וואָס איז געווען געגען דער סאַמע עקזיסטענץ פון טרייד־יוניאָניזם, און דער שטאַנדפונקט האָט איצט געהאַלטען אין פאַרשווינדען. די אַרבייטער און זייערע ראַטגעבער האָבען דעריבער ניט אומזיסט מורא געהאַט פאַר די פאָלגען פון אַ קלאָרן און אָפענעם ווידער־איינפיהר פון פאַרשריפטען, וועלכע וואָלטען פאַקטיש געמאַכט פאַר קרימינעלע פאַרברעכענס אַלע געוועהנליך־אָנגענומענע מעטאָדען פון פאַד־פאַראיינען. אַן ענטשיידונג, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרן קורץ פאַר יענער צייט, האָט קלאָר באַוויזען די טרייד־יוניאָן פיהרער און זייערע פריינד ווי גרויס די געפאַהר איז געווען. אין יולי, 1867, האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסער סטרייק פון לאָנדאָנער שניידער, און די שעפער פון די בעלי־בתים זיינען זעהר שטאַרק געפּיקעטעט געוואָרן.* דרואיט, שעראַקס און אַנדערע

---

* מר. הענדי קראַמפּטאָן שילדערט די עובדא פון פּיקעטען אויף דעם פאָלגענדען אופן: „פּיקעטען אין אַלגעמיין ווערט זעהר שלעכט פאַרשטאַנען. עס קומט געוועהנליך פאָר אין אַ סטרייק, ווען דער קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבען. דער קאַמף באַשטעהט געוועהנליך אין דעם, וואָס דער בעל־הבית זוכט צו קריגען אַנדערע אַרבייטער, און די סטרייקער זוכען דאָס ניט צו דערלאָזען. זיי ווענדען, נאַטירליך, אָן אַלע מיטלען, אַז די אַנדערע אַרבייטער זאָלען זיך אָנשליסען אָן זיי. זעהר אָפט שיקען די בעלי־בתים אַגענטען איבער׳ן גאַנצען לאַנד און ברענגען אַרבייטער פון ווייט, וועלכע וואָלטען קיינמאָל ניט געקומען, ווען זיי וויסען, אַז עס געהט אָן אַ סטרייק. אַרבייטער ווילען געוועהנליך ניט שעדיגען זייערע חברים. אַן אַרבייטער ווערט געוועהנליך אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך צו דערקלערן די פרעמדע אַרבייטער די קריוודעם פון די סטרייקערס און בעטען די ניי־אָנגעקומענע ניט צו ברעכען דעם סטרייק, וואָס געהט אָן.

„ניט נאָר איז אַזאַ האַנדלונג באַרעכטיגט, נאָר עס איז פיעל בעסער, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן לעגאַל און עפענטליך, אײדער אין געהיים, וואָרים ווען דאָס ווערט געטאָן אין געהיים, מוזען פאָרקומען שלעכטע האַנדלונגען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די אַרבייטער טוען אַזעלכע זאַכען כדי צו צווינגען די בעלי בתים, פּונקט ווי דער לאָק־אויט האָט דעם צוועק צו צווינגען די אַרבייטער”.

„דאָס פּיקעטען ברענגט אויך אַנדערע נוצען און האָט אַנדערע ווירקונגען: עס גיט די סטרייקערס אַ מעגליכקייט צו דערוויסען זיך, צי

באַאַמטע פֿון דער יוניאָן זיינען גלייך אָנגעקלאָגט געוואָרן, ניט פֿאַר באַגעהן פּערזענליכע גוואַלטטאַטען אָדער ווירקליכע באַלעס־טיגונגען, נאָר פֿאַר דעם אומבאַשטימטען פֿאַרברעכען פֿון קאָנספּי־ראַציע. דער ריכטער, (באַראָן, און שפּעטער לאָרד בראַמוועל), האָט געהאַלטען, אַז ווען די פּיקעטס פֿיהרן אַ פֿאַראייניגטע טע־טיגקייט, זיינען זיי שולדיג אין „באַלעסטיגונג" אפילו ווען זיי האָ־בען נאָר פֿאַרשאַפֿט אומאַנגענעהמליכקייט מיט זייערע פֿינסטערע בליקען, אָדער בלויז מיט זייער אַנוועזענהייט אין אַ גרויסער צאָהל, ניט באַגעהענדיג קיינע בייזע טאַטען אָדער מינעס, און איבער־הויפּט, אַז ווען צוויי אָדער מעהרערע מענשען פֿאַראייניגען זיך צו טאָן עפּעס, וואָס איז ניט אַנגענעהם אָדער באַלעסטיגענד פֿאַר אַנאַנדער פּערזאָן, באַגעהען זיי דערמיט אַ פֿאַרברעכען געגען געזעץ. דאָס געריכט האָט די באַאַמטע פֿון די שניידער און די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט געפֿונען שולדיג בלויז פֿאַר אָרגאַניזירן די פֿריעד־ליכע פּיקעט טעטיגקייט, און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אויב דער עלאַסטישער קאָנספּיראַציע געזעץ האָט געקאָנט אַזוי אָנגע־ווענדט ווערן אין טרייד־יוניאָן שטרייטען, דאַן קאָן יעדע מינדעסטע סטרייק טעטיגקייט ווערן אַ פֿאַרברעכען. דרואיט'ס פּראָצעס איז אויך ניט געווען דער איינציגער. די מיטגלידער פֿון דער יונטאַ

די בעלי־בתים קריגען אַרבייטער און וואָס פֿאַר אַ אויסזיכטען אויף ערפֿאָלג דער סטרייק האָט, און צו פֿאַרהיטען זיך פֿון ניט־באַרעכטיגטע פֿאָדערונגען פֿאַר סטרייק־שטיצע. אויסער דעם ציהט דער סיסטעם פֿון פּיקעטען די עפֿענטליכע אויפֿמערקזאַמקייט אויף'ן סטרייק און דאָס האָט אָהן אַ ספק אַ באַדייטענדע ווירקונג אויף דער אויספֿיהרונג פֿון די סטרייקערס. די אַרבייטער וואָס סטרייקען זיינען, פֿאַרשטעהט זיך, זעהר אומצופֿרידען מיט די וואָס האַנדלען געגען די אינטערעסען פֿון פֿאַך, אַזוי ווי די אומפּאַטריאָטישע מענשען ווערן פֿאַרדאַמט פֿון די יע־ניגע, וועלכע האָבען אַ העכערן זין פֿון נאַציאָנאַלע פֿליכטען. פּיקעטען ווערט אויף דעם גרונד באַרעכטיגט פֿון די אַרבייטער, אָבער אַלע פֿיזישע באַלעסטיגונגען און אָנשטרענגונגען ווערן פֿאַרדאַמט. די אַרבייטער האָ־בען קיינמאָל ניט פֿאַרלאַנגט, אַז גוואַלד־טאַטען זאָלען ניט פֿאַרבאָטען ווערן. (זעהט „די אַרבייטער געזעץ־קאָמיסיע", פֿון הענרי קראָמפּטאָן, אָנגענומען און פֿאַרעפֿענטליכט פֿון פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פֿון טרייד יוניאָן קאָנגרעס).

האָבען נאָך גוט געדענקט די צייט, ווען אַרבייטער זיינען אַריינגע־נעצט געוואָרן אין געפענגניש פאַר דעם פּשוט'ן אַקט פון אַרויסגעהן אין סטרייק אָדער פאַר דעם איינפאַכען אָפּמאַך צו סטרייקען. פאַקטיש, איז בלויז די מעלדונג, אַז מען פּלאַנירט צו סטרייקען, אַפילו ווען דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף דעם העפליכסטען אופן, אָפט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַנשרעקונגס־אַקט, פאַר וועלכען עס קומט אַ שטראָף. אין 1851 האָט מען דאָס אָנקלעפּען פּלאַקאַ־טען, אַז אַ סטרייק וועט אַרויסגערופען ווערן, באַטראַכט אַלס אַן אַקט פון וואַרפען אַ מורא אויף די בעלי־בתים. דער געזעצפּראָ־יעקט פון דער רעגירונג האָט ניט נאָר ניט אָנגענומען פרעדריק העריסאָנ'ס פּראָיעקט צוריקצורופען אַלע קרימינאַל געזעצען, וואָס זיינען געווען ספּעציעל געציעלט געגען אַרבייטער, נאָר ער האָט איבערגעלאָזען אַלע געריכטס ענטשיידונגען אומבאַריהרט, און ווידער איינפיהרנדיג זיי אין אַן איינהייטליכער פאָרמע, האָט מען דערמיט געוואָלט זיי מאַכען נאָך ווירקזאַמער.

עס איז דערום געווען אַ געוויסער גרונט פאַר דער באַהויפּטונג פון די טרייד־יוניאָניסטען, אַז די רעגירונג האָט מיט איין האַנט צוגענומען דאָס, וואָס זי האָט געגעבען מיט דער אַנדער האַנט. עס האָט קיין נוצען ניט געהאַט צו דערקלערן, אַז די עקזיסטענץ פון פאַך־אָרגאַניזאַציעס איז געזעצליך, ווען דער קרימינאַל געזעץ איז אַזוי אויסגעצויגען געוואָרן, אַז ער האָט פאַרבאָטען אַלע גע־וועהנליכע פריעדליכע מעטאָדען, וועלכע די אָרגאַניזאַציעס האָבען אָנגעווענדט צו דערגרייכען זייערע ציעלען. מעהר ווי אַלץ האָבען די טרייד־יוניאָניסטען מיט צאָרן פאַרוואָרפען דעם געדאַנק, אַז אַן אַקט זאָל הייסען אַ קרימינעלער פאַרברעכען, ווען זיי טוען עס, אָדער ווען עס ווערט געטאָן אין די אינטערעסען פון זייערע יוני־אָנס, בעת דערזעלביגער אַקט איז ניט קיין פאַרברעכען ווען אַנדערע פערזאָנען טוען עס, אָדער ווען עס ווערט געטאָן, כדי צו דערגריי־כען די ציעלען פון יעדער אַנדער סאָרט אָרגאַניזאַציע.

אַ שטורם פון ענטריסטונג האָט זיך אויפגעהויבען אין דער טרייד־יוניאָן וועלט. די יונטאַ האָט אָפּגעהאַלטען אומרוהיגע באַ־ראַטונגען מיט זייערע געזעצליכע ראַט־געבער, וועלכע האָבען אַלע געראַטען צו באַקעמפען מיט אַלע כחות אָט דעם געפערליכסטען

געזעצפּראָיעקט. עס איז גערופען געוואָרן אַ דעלעגאַטען־פאַרזאַמלונג פון די לאָנדאָנער פאַכען צו פּראָטעסטירן געגען די קרימינאַל פּאַראַגראַפען פון מר. ברוס'עס געזעצפּראָיעקט. עס איז אָבער געווען נויטיג צו אַטאַקירן דעם פּאַרלאַמענט פון אַ ברייטערן שטח, איידער די הויפּט שטאָדט. האָבענדיג דאָס אין זינען, האָט די יונטאַ באַשלאָסען נאָכצופאָלגען דעם ביישפּיעל פון די מאַנטשעסטערער און בירמינגהאַמער פאַכען־ראַטען פון 1868 און 1869, און פאַררופען אַ נאַציאָנאַלען טרייד־יוניאָן קאָנגרעס.*

* ווערענד די שטענדיגע פאַרזאַמלונגען פון דער יונטאַ, דער אומפּאַרטייִשער קאַבינעט פון דער באַוועגונג, איז אַרויסגעוואַקסען פון די גרויסע פאַרבאַנדען, איז דער טרייד קאָנגרעס, אָדער „אַרבייטער פּאַרלאַמענט". ענטשטאַנען אין די פאַכען־ראַטהען. מיר האָבען שוין באַשריבען די ספּעציעלע קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין לאָנדאָן, אין 1864, וועגען דעם בעלי־בתים־און אַרבייטער־געזעץ, וועלכע איז פאַררופען געוואָרן פון דעם גלאַזגאָו'ער פאַכען־ראַטה, ווי אויך די שפּעטיגערע קאָנפערענץ, וואָס איז פאַררופען געוואָרן פון דעם שעפילדער פאַכען־ראַטה אין 1867, אָנצונעמען געמיינשאַפטליכע מיטלען צו באַשיצען זיך פון לאָק־אויטס. אָבער דעם קרעדיט פאַר דעם געדאַנק איינצופיהרן אַ יעהרליכע קאָנפערענץ צו פאַרהאַנדלען אַלע פראַגען, וועלכע אינטערעסירן דער טרייד־יוניאָן וועלט, געהערט צו דעם מאַנטשעסטערער און סאַלפאָרדער פאַכען־ראַטה, וועלכער האָט פאַרעפענטליכט אין אַפּריל, 1868, אַ צירקולאַר, (וועלכער איז גליקליכער ווייזע פאַרעפענטליכט געוואָרן אין דעם „אייזען־אַרבייטער זשורנאַל" פון מאַי, 1868,) וואָס האָט גערופען אַ קאָנגרעס אין מאַנטשעסטער, אין 1868. אויף דעם קאָנגרעס זיינען אנוועזענד געווען 34 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען, ווי זיי האָבען באַהויפּטעט, הונדערט מיט אַכצעהן טויזענד טרייד־יוניאָניסטען. דער פאַרזאַמלונגס־אָרט פון דעם נעקסטען קאָנגרעס איז באַשטימט געוואָרן צו זיין אין בירמינגהאַם, און די דעלעגאַטען זיינען אין דער באַשטימטער צייט פאַררופען געוואָרן פון דעם בירמינגהאַמער פאַכען־ראַטה. דער צווייטער קאָנגרעס, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין אויגוסט, 1869, איז באַשטאַנען פון 48 דעלעגאַטען פון 40 באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געהאַט, ווי מען האָט באַהויפּטעט, 250,000 מיטגליעדער. אָבער ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אויף די אַלגעמיינע קאָנגרעסען זיינען אנוועזענד געווען איניגע פון די פּראָווינציעלע טרייד יוניאָניסטען, האָט זיך די לאָנדאָנער יונטאַ אויף זיי גאָר ניט אומגעקוקט. צווישען די 34 דעלעגאַטען,

עס איז באשטימט געווארן, אז דער קאנגרעס זאל זיך פארזאמלען אין מערץ 1871, ווייל עס איז ריכטיג אויסגערעכענט געווארן, אז צו יענער צייט וועט דער אומגעווינשטער פראיעקט דיסקוטירט ווערן אין פארלאמענט. די דעלעגאטען האבען פארנומען דעם גרעסטען טייל פון זייער צייט מיט אטאקעס אויף די קרימינאל־פאראגראפען פון דעם פראיעקט, און עס האט שוין באלד געהאלטען, זיי זאלען זיך שטעלען געגען דעם גאנצען פראיעקטירטען געזעץ. עס איז אבער לסוף באשטימט געווארן אנצונעהמען יענעם טייל פון פראיעקט, וועלכער לעגאליזירט ארבייטער ארגאניזאציעס, און אנצושטרענגען אלע כחות, אז דער דריטער טייל פון דעם פראיעקט זאל פארווארפען ווערן. א דעפוטאציע איז געשיקט

וואס האבען בייגעוואוינט דעם מאנטשעסטערער קאנגרעס איז ווירקליך פון דער הויפטשטאדט ניט געוועזן קיין איינציגער דעלעגאט, אויסער דזשארדזש פאטטער. א האלבער טוצען פארשטעהער פון די לאנדאנער ארגאניזאציעס זיינען געפאהרן צום בירמינגהאמער קאנגרעס. צווישען זיי זיינען געוועזן אדגער און מר. דזשארדזש הואועל, אבער ווען דער קאנגרעס האט באשטימט א פארלאמענט קאמיסיע, האט זיך אדגער ענטזאגט צו באטייליגען אין איהר, ווייל ער האט אזא קאמיסיע באטראכט, ווי עס ווייזט אויס, אלס אן אומנויטיגע קאנקורענטין צו דער קאנפערענץ פון די פאך־פארבאנדען. דער נעקסטער קאנגרעס האט געזאלט אפגעהאלטען ווערן אין לאנדאן, אין 1870, אבער די לאנדאנער פיהרער האבען ניט גענומען די נויטיגע שריט דעם קאנגרעס איינצורופען, ביז עס איז געווארן נויטיג, ווי מיר האבען געזעהן, צו פאראייניגען אלע כחות, כדי צו באקעמפען דעם פראיעקטירטען געזעץ פון 1871. דער לאנדאנער קאנגרעס פון מערץ 1871, איז פאקטיש געוועזן דער ערשטער, אין וועלכען די אמת'ע פיהרער פון דער באוועגונג האבען זיך באטייליגט, און די פארלאמענט־קאמיסיע, וועלכע איז דאן באשטימט געווארן, און וועלכע האט צוערשט געארבייט געמיינשאפטליך מיט אפעלגארט'ס קאנפערענץ, האט נאטירליך פארנומען דעם ארט פון יענער קאנפערענץ נאך זיין אויפלייזונג. דער קאנגרעס פון 1872, אין נאטינגהאם, איז אפגעהאלטען געווארן פון 77 דעלעגאטען, וועלכע האבען פארטראטען 375,000 מיטגליעדער. באריכטען פון די ערשטע פיער קאנגרעסען מוז מען זוכען אין „ביען־שטאק“, און (וואס אנבאטרעפט די קאנגרעסען פון מאנטשעסטער, בירמינגהאם און נאטינגהאם) אין די לאקאלע צייטונגען פון יענער צייט. פון 1873 און ווייטער, האט דער קאנגרעס ארויסגעגעבען אויטאריזירטע באריכטען פון די פארהאנדלונגען.

געוואָרן צום מיניסטער פון אינערן. פּראָטעסטען נאָך פּראָטעסטען
זיינען געשיקט געוואָרן צו די געזעצגעבער, און דער קאָנגרעס האָט
געשלאָסען די זיצונגען אום האלב נאָך פיער אזייגער יעדען נאָכ־
מיטאָג, ווי עס איז דאָן אויסדריקליך ערקלערט געוואָרן, כדי די
דעלעגאַטען זאָלען קאָנען „אָפּגעבען דעם אָוונד צו זעהן זיך מיט
מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט“. אָבער ניט די רעגירונג און ניט
דער פּאַרלאַמענט זיינען געווען גענויגט צו גונסטען פון די טרייד־
יוניאָנס און פאַר באַגרענעצען יענע „פרייע קאָנקורענץ“ און אינ־
דיווידועלען האַנדעל, וועלכע זיינען אזוי לאַנג געווען די אמונה פון
די בעלי־בתים. די גרעסטע קאָנצעסיע, וואָס מען האָט געקאָנט
קריגען, איז געווען, אַז דער געזעצפּראָיעקט זאָל אייננעטיילט ווערן
אין צוויי חלקים, אזוי אַז דאָס געזעץ צו לעגאַליזירן די עקזיסטענץ
פון פאַד־אָרגאַניזאַציעס זאָל שטעהן באַזונדער, בעת די קרימינאַל־
פּאַראַגראַפען, וואָס באַגרענעצען זייער טעטיגקייט, זאָל פּאַרקער־
פּערט ווערן אין אַ באַזונדערן „קרימינאַל געזעץ אויסבעסערונגס
פּראָיעקט“. אָט די אָפּנאַרערישע קאָנצעסיע איז געווען גענוג אָפּ־
צוציהען פון דער אָפּאָזיציע פיעלע פון די יעניגע, וועלכע האָבען
אין די אַלגעמיינע וואַהלען אַרויסגעשטעלט זיך אַלס פריינד פון
די יוניאָנס. אין דער הויפּט דעבאַטע זיינען מר. טאָמאַס היוז און
מר. מונדעלאַ געשטאַנען כמעט אליין, באַשטעהענדיג אויף די פולע
טרייד־יוניאָניסטישע פאָדערונגען; און אַבוואויל עטליכע אַנדערע
פּאַרלאַמענט מיטגלידער זיינען געווען גענויגט צו העלפען ביז אַ
געוויסען גראַד, איז די צווייטע פּאַרלעזונג פון פּראָיעקט דורכגע־
גאַנגען איינשטימיג. די אַנדערע שטופען זיינען גיך דורכגעמאַכט
געוואָרן אָהן אַ ערנסטער אָפּאָזיציע. אין דעם האַוז אָוו לאָרדס
זיינען די פאַרשריפטען געגען פיקעטען נאָך שטרענגער געמאַכט
געוואָרן. „היטען און באַפאַלען“ דורך אַ יחיד איז געוואָרן אזוי
פאַרברעכעריש ווי „היטען און באַפאַלען“ פון אַ מאַסע. אין אָט
דער אומצופרידענשטעלענדער פאָרמע זיינען די צוויי פּראָיעקטען
אָנגענומען געוואָרן אַלס געזעץ. פאַד־אָרגאַניזאַציעס זיינען צום
ערשטען מאָל געוואָרן געזעצליך אָנערקענטע און פולשטענדיג באַ־
שיצטע פאַראיינען; בעת פון דער אַנדער זייט זיינען די געזעצ־
ליכע פאַרבאָטען אויף טרייד־יוניאָן טעטיגקייט אויסדריקליך ווי־

דערהאַלט און באַפעסטיגט געוואָרן, און זיינען אַפילו שטרענגער געוואָרן.

אין די אויגען פון די טרייד־יוניאָניסטען איז אָט דער רעזולטאַט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ דורכפאַל; און די אויפפיהרונג פון דער רעגירונג האָט ארויסגערופען די ביטערסטע ענטריסטונג. די סעקרעטערן פון די פאַרבאַנדען, ספּעציעל אַלען און אַפּעלגאַרט, האָבען דערגרייכט דעם ציעל, וועלכער איז זיי פּערזענליך געווען אַמנאָהענטסטען צום הארצען. די גרויסע אָרגאַניזאַציעס פאַר געגענזייטיגער הילף, וועלכע זיינען אויפגעבויט געוואָרן דורך זייער געדולד און קלוגשאַפט, האָבען איצט צום ערשטען מאָל געקראָגען אַ פולשטענדיגען געזעצליכען שוץ. אַ געוויסע צאָהל גרעסערע אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך באַלד באַנוצט מיט דעם טרייד־יוניאָן געזעץ און האָבען רעגיסטרירט זייערע סטאַטוטען אין איינקלאַנג מיט זיינע פאַרשריפטען; * און אין סעפּטעמבער 1871, האָט די קאָנפערענץ פון די פאַראייניגטע פאַכען, „האָבענדיג ערפילט די פליכטען, פאַר וועלכע זי איז אָרגאַניזירט געוואָרן", ווי דער לעצטער פּראָטאָקאָל ערקלערט, זיך פאָרמעל אויפגעלייזט.

די ברייטערע שטרייט פראַגע, וועלכע האָט נאָך געדאַרפט אויסגעפאָכטען ווערען, האָט געפאָדערט אַ מעהר רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציע. אין דעם קאַמף פאַר געזעצליכער אָנערקענונג, האָט די יונטאַ, ווי מיר האָבען געזעהן, מעהר רעפּרעזענטירט די אויפגעקלעהרטע טרייד־יוניאָניסטען איידער די גאַנצע באַוועגונג. אָבער דורך דעם „קרימינאַל געזעץ אויסבעסערונגס פּראָיעקט" האָט די רעגירונג דערלאַנגט אַן אַבזיכטליכען קלאַפּ די מעטאָדען פון אַלע פאַך־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע זייטען. די וואַקסענדע כחות פון די אָרגאַניזאַציעס פון קויהלענגרעבער און באַוועל־שפּינער, און די גיכע אויסברייטונג פון טרייד־יוניאָניזם, מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכענט יענע פּעריאָדע פון קאָמערציעלער הצלחה, האָבען אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט געפיהרט צו אַן ענטוויקלונג פון

---

* די ציגעל־מויערער געזעלשאַפט (לאָנדאָן), פון וועלכע קאָולסאָן איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר, איז פאַרצייכענט אַלס אָרגאַניזאַציע נומער 1 אויף דעם רייסטער.

די ניט פארמעלע פארזאמלונגען פון דער יונטא, צו א מעהר רע־פרעזענטאטיווער עקזעקוטיווע. די אויפלייזונג פון דער קאנפע־רענץ פון די פארבאנדען האט געלאזען דאס פעלד אפען; די פיהרערשאפט פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג איז איבערגענומען געווארען פון דער פארלאמענטארישער קאמיסיע, וועלכע איז באשטימט געווארען פון דעם טרייד־יוניאן קאנגרעס אין מערץ פון דעם פריהערדיגען יאהר, און אין וועלכער עס האבען זיך באטייליגט אלע דאמאלסטדיגע הויפט פיהרער פון די וויכטיגסטע ארגאני־זאציעס פון דער הויפט שטאדט און פון דער פראווינץ.

די אגיטאציע, וועלכע איז באלד אנגעהויבען געווארען, אז דער „קרימינאל געזעץ אויסבעסערונגס אקט" זאל צוריקגערופען ווערן, איז אין די נעקסטע פיער יאהר געווען די הויפט אויפגאבע פון דער טרייד־יוניאן וועלט. אין פארלויף פון אלע פארשיידענע קאמפען פון יענע יאהרען, האבען די טרייד־יוניאן פיהרער שטענדיג געהאט אין זינען דעם באשטימטען ציעל: פטור צו ווערן פון א געזעץ, וועלכען זיי האבען באטראכט ניט נאר אלס א שטערונג צו אלע זייערע באמיהונגען צו געווינען בעסערע ארבייטס־באדינגונ־גען, נאר אויך אלס אן אומווירדיגע באליידיגונג פאר די הונדער־טער טויזענדער אינטעליגענטע בעלי־מלאכות, וועלכע זיי האבען רעפרעזענטירט. די גאנצע געשיכטע פון אט דער אגיטאציע ווייזט, ווי די הערשענדע קלאסען האבען פולשטענדיג פארלארן יעדע באריהרונג מיט די בעלי־מלאכות, וועלכע האבען ניט לאנג צוריק זיך ערווארבען וואהל־רעכט. די געזעצען פון 1871 זיינען באטראכט געווארען פון דער רעגירונג און פון פארלאמענט אלס א פולשטענדיגע און לעצטע לייזונג פון דעם אלטען פראבלעם. „די ריכטער האבען אבער ערקלערט", ווי מר. הענרי קראמפטאן ווייזט אן, „אז די איינציגע ווירקונג פון די געזעצען פון 1871 זיי־נען געווען, דאס וואס זיי האבען ערקלערט די פאד־ציעלען פון סטרייקס אלס ניט אומגעזעצליך. א סטרייק איז געווארען פול־שטענדיג געזעצליך; נאר אויב די מיטלען וואס ווערן באנוצט זיינען געציעלט אנצושרעקען דעם בעל־הבית, זיינען זיי געווען אומ־געזעצליכע מיטלען, און א קאמבינאציע צו באגעהן א געזעצליכע טאט דורך אומגעזעצליכע מיטלען איז געווען א קרימינעלע קאנ־

ספּיראַציע. אין אַנדערע ווערטער: אַ סטרייק איז געווען געזעצ־ליך, אָבער יעדע זאַך, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין די אינטערעסען פון אַ סטרייק, איז געווען אַ פאַרברעכען. אַזוי האָבען די ריכטער צושטערט דעם הילפס־סטאַטוס, און יעדע נייע ענטשיידונג איז אוועק אַלץ ווייטער און האָט ענטוויקעלט נייע געפאַהרען".* אָבער מר. גלאַדסטאָונ'ס קאַבינעט, האָט זיך ענטשיידען ענטזאָגט, ביז צו דעם מאָמענט ווען ער איז געפאַלען, אין 1874, צו באַטראַכטען אַפילו די מעגליכקייט צו ענדערן דעם „קרימינאַל געזעץ אויסבע־סערונגס אַקט". אומזיסט האָט איין דעפּוטאַציע נאָך דער צוויי־טער אַנגעוויזען דאַרויף, אַז אַרבייטער ווערן איינגעשפּאַרט אין געפענגניש לויט דעם געזעץ פאַר אַזעלכע פּריעדליכע טאַטען, ווי צוגעהן ריידען צו אַן אַרבייטער אין גאַס. אין 1871 זיינען זיבען פרויען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין געפענגניש בלויז פאַר זאָגען „באַה" צו אַ סטרייק־ברעכער. אומצעהליגע מענשען זיינען פאַר־משפּט געוואָרן פאַר באַנוצען שלעכטע ווערטער. כמעט יעדער שריט פון טרייד־יוניאָניסטען צו באַוועגען אַרבייטער ניט צו געהן אַרבייטען אין אַ שאָפּ וואו מען סטרייקט, האָט, לויט דעם נייעם געזעץ געפיהרט צו געפענגניש און צו שווערע־אַרבייט שטראָפען. די אומערטרעגליכע אומגערעכטיגקייט פון אָט דעם צושטאַנד איז נאָך קלערער געוואָרן דורך דעם, וואָס די בעלי־בתים האָט מען ערלויבט די פולשטענדיגע פרייהייט אַנצואווענדען די „שוואַרצע ליסטען" און „כאַראַקטער באַשרייבונגען", דורך וועלכע זיי פלעגען ניט דערלאָזען אומגעווינשטע אַרבייטער צו קריגען באַשעפטיגונג. קיינער איז ניט פאַרפאָלגט געוואָרן פאַר אָט דער פאָרמע פון באַ־לעסטיגען אָדער שטערונג. קיין בעל־הבית איז קיינמאָל ניט פאַר־אורטיילט געוואָרן לויט דעם געזעץ, וועלכער איז כלומרשט געווען אַנוועדנבאַר געגען ביידע צדדים. קורץ, די בעלי־בתים זיינען גע־ווען פריי צו באַיקאָטירן, בעת די באַיקאָטען פון די אַרבייטער זיי־נען פון דער פּאָליציי אונטערדריקט געוואָרן.

---

* „אַן אַנאַליז פון די אַרבייטער געזעצען", אונטערגעשריבען פון די הערען פ. העריסאָן און ה. קראַמפּטאָן און אַרויסגעגעבען פון טרייד יוניאָן קאָנגרעס פּאַרלאַמענט קאָמיטע, סעפּטעמבער, 1875.

די אויפרייצונג, וואס איז פאראורזאכט געוואָרן דורך אַט די קליינליכע פארפאָלגונגען האט אריינגעבראַכט די ארבייטער נאָך אין א גרעסערן כעס, אין דעצעמבער 1872, ווען די לאָנדאָנער גאז־הייצער זיינען פאר'משפט געוואָרן צו 12 חדשים געפענגניש. די אנגעקלאָגטע זיינען געפונען געוואָרן שולדיג אין „קאָנספּיראציע" אנצושרעקן אָדער באַלעסטיגען זייערע בעלי בתים דורך דעם, וואס זיי האבען זיך צוגערייט גלייכצייטיג אוועקצוגעהן פון דער ארבייט. אַט די נקמה־שטראָף פון דעם לאָרד־ריכטער ברעט, איז פארטיידיגט געוואָרן פון די הערשענדע קלאסען אויף דעם גרונט, אז עס וואָלט געווען א געפאהר פאר דער געמיינדע ווען די גאז־הייצער זיילען ארויסגעהן אין סטרייק; און דער מיניסטער פון אינערן האט זיך אפגעזאָגט אויסצוהערן אירגענד וועלכע ביטע פאר די באשטראָפטע ארבייטער.* די יוניאָן פיהרער האָבען ניט פארפעהלט איינצוזעהן, אז לויט דעם געזעץ קאָן מען קיין אונטער־שייד ניט מאכען צווישען א גאז־הייצער אָדער אַן אנדער ארבייטער. אויב פאר צוגרייטען זיך צו א סטרייק קאָן מען באשטראָפט ווערן לויט „דעם עלאַסטישען און אומערקלערליכען קאָנספּיראציע־געזעץ" מיט 12 חדשים געפענגניש, איז קלאָר געוואָרן, אז דער גאַנ־צער געוועב פון טרייד־יוניאניזם קאָן פארניכטעט ווערן פון איר־גענד וועלכער גרופּע בעלי־בתים, וועלכע וועט זיך פארנעהמען אנצואווענדען די מאכט פון דעם געזעץ. דער לאָנדאָנער פאכען־ראט האט דארום גערופען א דעלעגאַטען־פארזאמלונג „צו באַ־טראַכטען די קריטישע געזעצליכע לאגע פון אַלע פאך־אָרגאניזא־ציעס און זייערע באאמטע, אלס רעזולטאַט פון דעם לעצטען משפט איבער די לאָנדאָנער גאז־הייצער". איין ביטע נאָך דער צווייטער איז פארגעלעגט געוואָרן פאר דער רעגירונג און פאר מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט; און די באוועגונג פאר צוריקרופען דעם קרי־מינאַל געזעץ אויסבעסערונגס אקט" פון 1871 האט זיך פארוואַנ־

* זיי זיינען אָבער סוף־כל־סוף באפרייט געוואָרן נאָכדעם ווי זיי זיינען געזעסען אַ פּאָר חדשים אין געפענגניש.

דעלט איז אַן ענטשלאָסענער אַנשטרענגונג פּטור צו ווערן פון אַלע שטראַף געזעצען בנוגע פּאַר־שטרייטען.*

זעלטען ווען אַז אַ פּאָליטישע אַגיטאַציע האָט זיך אַנגעהויבען אונטער אַזעלכע שיינבאַר אומגינסטיגע באַדינגונגען און איז גע־פיהרט געוואָרען אַזוי שנעל צו אַן ערפאָלגרייכען סוף. די ליבעראַלע אַדמיניסטראַציע פון יענע יאָהרען, ווי די מאַיאָריטעט פוןביידע פּאַרטייען אין פּאַרלאַמענט, איז געווען פולשטענדיג באַהערשט פון דער געגנערשאַפט פון די פאַבריקאַנטען צו יעדען ווירקזאַמען פּלאַן פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען מצד די אַרבייטער. די ביטעם פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע האָבען ניט אַרויסגערופען קיין סימפּאַטיע ניט ביי מר. ברוס'ן און ניט ביי מר. לאָו'ן, וועלכער האָט איהם נאָכגעפאָלגט אַלס מיניסטער פון אינערן. מר. גלאַד־סטאָון, דער פּרעמיער, האָט אין 1872 זיך ענטזאָגט צוצוגעבען, אַז עס איז נויטיג אויסצובעסערן דאָס געזעץ און ער האָט זיך ענט־שידען אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטען דעם ענין; און אין פאַרלויף פון יענער סעסיע האָט די פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיע ניט גע־קאָנט געפינען קיין איינציגען מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל איינוויליגען פאָרצושלאָגען אַ פּראָיעקט צוריקצורופען דעם „קרימי־נאַל געזעץ אויסבעסערונגס אַקט“.

די טרייד־יוניאָן פיהרער האָבען אָבער ניט אויפגעהערט זייער אַרבייט. אַלען, גאַיל, אַדגער און האָועל, זיינען שטאַרק אונטער־שטיצט געוואָרען פון די פאַרשטעהער פון די קויהלענגרעבער, באַ־וועל־שפּינער און אייזענאַרבייטער. אַלעקסאַנדער מעקדאָנאַלד און דזשאָהן קעין, זיינען אַליין געווען אויסערגעוועהנליך פעהיגע מענ־שען, און האָבען געהאַט הינטער זיך טויזענדער קערפּטיגע פּאָ־ליטיקער אין אַלע אינדוסטריעלע צענטרען. די אַגיטאַציע האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט דורך דער פאַרעפענטליכונג פון די איינ־צעלהייטען פון די פאַרפאָלגונגען, אונטער דעם נייעם געזעץ. ווירק־זאַמע „פלוגשריפטען פאַר טרייד־יוניאָניסטען“ זיינען געשריבען געוואָרען פון מר. הענרי קראָמפּטאָן און פרעדריק העריסאָן. די קאָנגרעסען אין נאָטינגהאַם, אין 1872, אין ליעדז, אין 1873, אין

---

* זעה אַ בריעף צום „ביען־שטאָק“, יאַנואַר דעם עלפטען, 1873.

שעפיעלד, אין 1874, האבען אויפגעהאלטען דעם פייער און האבען ארויסגעטראגען אז אורטייל געגען די מיטגלידער פון פארלאמענט, וועלכע האבען שלעכט בעהאנדעלט די פארלאמענטארישע קא־מיסיע. אזוי ווי די צייט פון די אלגעמיינע וואהלען האט זיך דער־נעהענטערט, האט זיך דער דרוק אויף ביידע גרויסע פאליטישע פארטייען פארשטארקט. ליסטען מיט פראגען צו קאנדידאטען זיי־נען צוגעגרייט געווארן, אין וועלכע עס זיינען ארויסגעשטעלט גע־ווארן די געזעץ־פאדערונגען פון די ארבייטער; און עס איז קלאר געמאכט געווארן, אז קיין קאנדידאט וועט ניט קריגען די שטיצע פון די טרייד־יוניאנס אויב זיינע ענטפערס וועלען ניט זיין צו־פריעדענשטעלענד.

דער היסטאריקער פון דער ענגלישער פאליטיק וועט דארפען ענטפערן די פראגע, צי דער אומערווארטעטער דורכפאל פון דער ליבעראלער פארטיי אין דער וואהל פון 1874 איז ניט געקומען מעהר צוליעב דער אקטיווער געגנערשאפט פון די טרייד־יוניא־ניסטען, איידער דורך דעם וואס די סעקטאנטישע געגנער פון דער שטאאטס־קירכע (די נאנקאנפארמיסטען) האבען זיך צוריקגעהאל־טען פון שטימען. גראד אין יענער צייט, האט זיך די טרייד־יוניא־ניסטישע כוואליע דערהויבען צום העכסטען פונקט. אין יענע יאהרען פון האנדעלס־הצלחה האט יעדער ארגאניזאציע שנעל פאר־גרעסערט איהר מיטגלידערשאפט. די גרובען־ארבייטער, די אג־ריקולטור־ארבייטער און די טעקסטיל־ארבייטער ספעציעל, האבען זיך מאסענווייז אנגעשלאסען אן דער ארגאניזאציע אויף אזא אופן, וואס האט דערמאנט דעם געלאף פון 1834. דער טרייד־יוניאן קאנגרעס אין שעפיעלד, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארן ערב די אלגעמיינע וואהלען פון 1874, האט באהויפטעט, אז ער האט רעפרעזענטירט 1,100,000 ארגאניזירטע ארבייטער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען א פערטעל מיליאן קויהלענגרעבער, אן עהנליכע צאהל באוועל־ארבייטער און א הונדערט טויזענד אגרי־קולטור־ארבייטער. די פראטאקאלען פון דעם קאנגרעס ווייזען, ווי שטארק עס איז געווען דער געפיהל פון ערביטערונג און כעס אלס רעזולטאט פון דער געגנערשאפט צו די פאדערונגען פון די ארביי־טער מצד די ליבעראלע פיהרער פון יענער צייט. נאך וועניג וואס

זיי זיינען געווען טויב צו די פאָדערונגען פון די אַרבייטער־פאַר־שטעהער, האָבען זיי אין זייער אומוויסענהייט אָנגעהאַלטען אַלס סעקרעטער פון דער ליבעראַלער געזעלשאַפט פון דער שטאָדט לאָנ־דאָן דעם הער סידני סמיטה, וועלכער איז זינט 1851 געווען דער הויפּט באַאַמטער פון פאַרשיידענע בעלי־בתים אָרגאַניזאַציעס אין די מאַשין־ און אייזען־פאַכען, און איז געווען דער ביטערסטער שונא פון טרייד־יוניאָניזם. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען וואָס עס וואָלט געווען דער רעזולטאַט היינט צו טאָג ווען איינע פון די צוויי גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען וואָלט אַרוים אין די וואַהלען מיט מר. לאָוס, דעם אָרגאַניזער פון דער פעדעראַציע פון שיף־בעלי־בתים, אַלס איהר הויפּט באַאַמטען. און בעת די ליבעראַלע פּאַר־טיי האָט באַהאַנדעלט די נייע וועהלער מיט פאַראַכטונג, האָבען די קאָנסערוואַטיווע קאַנדידאַטען זיך שטאַרק צוגעהערט צו די אַר־בייטער פאָדערונגען און האָבען זיך פאַרפּליכטעט צוריקצוציהען דעם פאַרהאַסטען געזעץ.

אונטער די אומשטענדען איז ניט קיין איבערראַשונג, וואָס דער אַלטער געדאַנק, אַז די טרייד־יוניאָנס דאַרפען זיך צוריקהאַל־טען פון פּאָליטיק, האָט אָפּגעטראָטען זיין אָרט דעם ענטשלוס אָנ־צופיהרן אַן אָרגאַניזירטע פּאָליטישע אַקציאָן. די טרייד־יוניאָניס־טען האָבען זיך אויך ניט צופריעדענגעשטעלט בלויז מיט אויס־איבען אַ דרוק אויף די אָרגאַניזירטע פּאָליטישע פּאַרטייען אין פּאַרלאַמענט. אומאָפּהענגיגע אַרבייטער קאַנדידאַטען זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן געגען ביידע פּאַרטייען צוגלייך. דאָס איז געווען דער מערקווירדיגסטער סימפּטאָם פון דער נייער שטרעבונג צו אַרבייטער פּאָליטיק. די ליגע פאַר אַרבייטער רעפּרעזענטאַציע, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן הויפּטזעכליך פון פּראָמינענ־טע טרייד־יוניאָניסטען, האָט יאָהרען לאַנג געאַרבייט צו ערוועהלען אַן אַרבייטער אַלס מיטגליד פון פּאַרלאַמענט; און די אומאָפּ־הענגיגע קאַנדידאַטורען פון דזשאָרדזש אָדגער, אין 1869 און 1870, האָבען אַרויסגערופען אַ באַדייטענדען מיטגעפיהל.* אין אַן איינ־

* דער פאָלגענדער בריעף צו אָדגער'ן פון מר. דזשאָהן סטואַרט מיל, איז אינטערעסאַנט אין פאַרבינדונג מיט דער איוביגער פראַגע ווע־

צעל־וואהל אין גרינוויטש, אין 1873, איז א דריטער קאנדידאט ארויסגעשטעלט געווארן, דורך דער שטיצע פון ארבייטער קלאס. געגעןביידע גרויסע פארטייען און דער רעזולטאט איז געווען, אז מר. בורד, דער קאנסערוואטיווער קאנדידאט, האט געוואונען די וואהל.

אין וועלכען גייסט די ארגאניזירטע ארבייטער און זייערע פארטרויענסווערטע ראט־געבער האבען אויפגענומען אט די טע־טיגקייט, קאן מען זיך דערוויסען פון דעם פאלגענדען לייטארטיקעל, וועלכער איז געשריבען געווארן פון פראפעסאר ע. ס. ביסליע, אין דעם „ביען־שטאק“, וועלכער האט געהאט דאן דעם גרעסטען איינ־פלוס: „דער רעזולטאט פון דער גרינוויטש וואהל איז העכסט צופריעדענשטעלענד. דער ארבייטער איז לסוף געקומען צום שלום, געגען דער צוזעקמעסיגקייט פון „אומאפהענגיגע“ קאנדידאטורען. דער בריעף איז ערשינען אין „ביען־שטאק“ פון פעברואר דעם 13טען, 1875, און ער לעזט זיך ווי פאלגט:

אווינאן, פעברואר 19טען, 1871.

„מיין ליעבער מר. אדגער: — אבוואהל איהר זייט ניט געווען ער־פאלגרייך, פונדעסטוועגען גראטולירט איך אייך מיט די שטימען וואס איהר האט געצויגען אין סאוטהוואלק, ווייל דאס באווייזט, אז איהר האט געהאט די מאיאריטעט פון דער ליבעראלער פארטיי מיט אייך, און אז איהר האט ארויסגערופען א גרעסערע מאס פון פאליטישע געפיהלען אין שטאדט. עס איז קלאר, אז די ליבעראלען האבען בדעה צו מאנא־פאליזירן די פאליטישע מאכט אזוי לאנג ווי זיי קאנען, ניט טיילענדיג זיך מיט איהר אויף דאס מינדסטע מיט די ראדיקאלען. די ארבייטער זיינען פאלשטענדיג גערעכט דערמיט, וואס זיי ערלויבען די קאנסערוואַ־טיווע אריינצוקומען אין פארלאמענט, כדי צו שלאגען דעם געפיהל פון אויסשליסליכער הערשאפט מצד די ליבעראלען. זיי קאנען עס טאן, ניט ברענגענדיג קיין פרינציפ אלס קרבן. דעם ארבייטער׳ס פאליטיק איז צו באשטעהן אויף זייער אייגענער פארשטעהערשאפט, און ווען דאס געלינגט זיי ניט, צו ערלויבען די קאנסערוואטיווע געוועהלט צו ווערן צום פארלאמענט ביז די ליבעראלע מאיאריטעט וועט געשטעלט ווערן אין אן ערנסטער געפאהר, און דאן וועלען, פארשטעהט זיך, די ליבעראלען זיין צופרידען צו מאכען קאמפראמיסען און ערלויבען עטליכע ארביי־טער פארשטעהער אין פארלאמענט.

„דזשאהן סטוארט מיל“.

אז דער אונטערשייד צווישען דעם ליבעראל און דעם קאנסערוואַ־טאָר איז אומגעפעהר אזא, ווי צווישען אן אויבערשטען און אונ־טערשטען מיל־שטיין. די קוואליטעט פון ביידע איז אין עצם דיזעלבע. זיי זיינען אפטיילונגען פון דעם רייכטום־באזיצענדען קלאס, און אין אלע פארלאמענטארישע פראגען, וואס באריהרען די אינטערעסען פון די ארבייטער, שפיעלען זיי אריין איינע די אנ־דערע אין די הענט אזוי סיסטעמאטיש און אומגעשטערט, אז מען וואלט געקאנט גלויבען, זיי דענקען, אז ארבייטער לעזען קיינמאל ניט קיין צייטונג, און הערען קיין רעדע... די לעצטע שטונדען פון דער סעסיע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט דעם דורכפאל פון צוויי פראיעקטען, אין וועלכע די ארבייטער זיינען געווען פיעל מעהר פאראינטערעסירט, ווי אין אלע געזעצען, מיט וועלכע מר. גלאדסטאון האט זיך באריהמט זינט ער איז אריין אין אמט — איך מיין מר. הארקארט'ס קאנספיראציע־פראיעקט, און מר. מונ־דעלא'ס ניין־שטונדען־פראיעקט. וואס אנבאטרעפט מר. מונדע־לא'ס פראיעקט צוריקצורופען דעם „קרימינאל געזעץ אויסבעסע־רונגס אקט", האט ער גארניט געהאט קיין אויסזיכט אנגענומען צו ווערן. פאר דעם דורכפאל פון אט די אלע פראיעקטען איז דאס מיניסטעריום פאראנטווארטליך...

„אין דעם פאל איז פשוט נאריש פאר ליבעראלע צייטונגען צו באקלאגען די גרינוויטש וואהל אלס אן אומגליקליכען טעות... עס איז גאר קיין טעות ניט געווען אין גרינוויטש. דארטען איז „א דריטע פארטיי" געווען אין פעלד, וועלכע האט גאר גוט גע־וואוסט וואס זי וויל, און וועלכע האט געקוקט אויף מר. בורד'ן און מר. אנגערשטיינ'ען מיט אומפארטייאישער געגנערשאפט. איך האף, אז אזא דריטע פארטיי וועט זיך באווייזען אין יעדער גרוי־סער שטאדט אין ענגלאנד אין דער קומענדער אלגעמיינער וואהל, ווען אפילו דער רעזולטאט דערפון זאל זיין א פארלאמענט פון 650 בורדס. אליץ מוז האבען אן אנהויב, און די ארבייטער האבען געווארט אזוי לאנג אויף גערעכטיגקייט, אז א זיבען־יאהריגע קאנ־סערוואטיווע רעגירונג וועט אויסווייזען ווי א נישטיגער צוגאב צו דעם גרויסען סך־הכל פון זייער אויסדויער, אויב דאס איז נויטיג אלס פארבערייטונג דורכצופיהרן זייערע פאדערונגען".

די באַוועגונג פאַר אַ דירעקטער וואַהל־אַקציאָן איז אָנגעפיהרט געוואָרן אָהן דער אָפיציעלער אונטערשטיצונג פון די טרייד־יוניאָנס אַלס אַזעלכע ביז דעם קאָנגרעס פון 1874, ווען מר. בראַדהוירסט האָט געקאָנט באַריכטען, אַז די גרובען־אַרבייטער, די אייזען־אַרבייטער און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבען באַשטימט סומען געלד פאַר פּאַרלאַמענטאַרישע קאַנדידאַטור. ביי די נעקסטע אַלגעמיינע וואַהלען זיינען ניט ווייניגער ווי 13 „אַרבייטער־קאַנדידאַטען" אַרויסגעשטעלט געוואָרן. אין די מעהרסטע פאַלען זיינען ליבעראַלען און קאָנסערוואַטיווע קאַנדידאַטען געלאָפען געגען זיי און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די קאָנסערוואַטיווען האָבען געוואונען צוויי פּלעצער.* אָבער אין סטאַטפאָרד און מאָרפּעט האָבען די אָפיציעלע ליבעראַלען אָנגענומען די קאַנדידאַטען, וועלכע זיי זיינען ניט געווען בכח צו שטערען; און די הערן אַלעקסאַנדער מעקדאָנאַלד און טאָמאַס בורד, די צוויי הויפּט באַאַמטע פון דער נאַציאָנאַלער יוניאָן פון גרובען־אַרבייטער, זיינען געוואָרן די ערשטע „אַרבייטער־מיטגלידער" פון פּאַרלאַמענט.

די קאָנסערוואַטיווע פיהרער האָבען זיך אַזוי געהאַלטען אין דער צייט פון קאַמפּיין, אַז די טרייד־יוניאָניסטען האָבען, ווי עס זעהט אויס, גערעכענט, אַז ווי נאָר די נייע קאָנסערוואַטיווע רעגירונג וועט אַריינקומען, וועט דער „קרימינאַל געזעץ אויסבעסערונגס אַקט" גלייך צוריקגערופען ווערען. גרויס איז דעריבער געווען זייער ענטוישונג, ווען עס איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן, אַז אַ

* האַלידעי, דער סעקרעטאַר פון דעם פאַרבאַנד פון גרובען־אַרבייטער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס אַרבייטער קאַנדידאַט אין מערטהיר טידוויל. אַ חודש פאַר דער וואַהל איז ער אָנגעקלאָגט געוואָרן אין קאָנספּיראַציע, אין בוירנלי, אין פאַרבינדונג מיט אַ לאָקאַלען סטרייק פון קוילען־גרעבער. ער האָט אָבער ניט אויפגעגעבען זיין קאַנדידאַטור, און האָט געצויגען די גרויסע צאָהל פון 4912 שטימען. („ביען־שטאָק", יאַנואַר 31טען, 1874). צווישען די אַנדערע „דריטע קאַנדידאַטען" זיינען געווען די הערן בראָדהוירסט, (וועיקאָמב); הואוועל, (עילסבורי); קרעמער, (וואַרוויק); ליוקראַפט, (פינסבורי); פּאַטאַר, (פּעטערבאָראָו); בראַדלאַו, (נאָרטהעמפּטאָן); קעין, (מידעלבאָראָו); אַדגער, (סאַוטהוואָרק); מאַטאַרשעד, (פּרעסטאָן), און וואַלטאָן, (סטאָוק).

קעניגליכע קאָמיסיע וועט באַשטימט ווערן אויסצופאָרשען אין אַל־געמיין די ווירקונג פון די אַזוי גערופענע „אַרבייטער־געזעצען“. אָט די האַנדלונג איז באַטראַכט געוואָרן ניט מעהר ווי אַ מיטעל צו פאַרציהען די פראַגע אין לאַנגען באַנק, און די טרייד־יוניאָן פיהרער האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון ווערן מיטגלידער פון דער קאָ־מיסיע אָדער צו ערשיינען אַלס עדות פאַר איהר. די אויסדריקליכע פאַרזיכערונגען, אַז די רעגירונג האָט באמת בדעה דורכצופיהרען געזעצען ביי דער פריהסטער מעגליכקייט, זיינען נויטיג געווען פאַר דעם מיניסטער פון אינערן, כדי צו באַוועגען אירגענד וועלכע אַר־בייטער צו האָבען אַ שייכות מיט דער קאָמיסיע. לסוף האָט זיך אַלעקסאַנדער מעקדאָנאַלד געלאָזט איבערערעדען צו דיענען אין דער קאָמיסיע און מר. דזשאָרדזש שיפּטאָן, דער סעקרעטער פון לאָנ־דאָנער פאַכען־ראַט, איז אויפגעטראָטען אַלס עדות. די אונטער־זוכונגען פון דער קאָמיסיע זיינען אָנגעפיהרט געוואָרן נאָר לפנים, און דער באַריכט איז געווען זעהר אַן אומקלאָרער. אָבער די רע־גירונג האָט צו שטאַרק געפיהלט די ניי־געפונענע פּאָליטישע מאַכט פון די יוניאָנס צו ערלויבען זיך צו שפּילען מיט דער פראַגע. אין אָנהויב פון 1875 האָט די פאַראורטיילונג צו געפענגניש פון די מע־בעל־אַרבייטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי די הערן דזשעקסאָן און גרעהעם, אַ גוט באַקאַנטע לאָנדאָנער פירמע, שטאַרק אויפגערודערט די עפענטליכע מיינונג, און האָט געפיהרט צו פיעלע אינטערפעלאַציעס אין פּאַרלאַמענט. אין יוני האָט דער מיניסטער פון אינערן אין אַ גינסטיגער און קאָמפּראָמיסלערישער רעדע פאָר־געשלאָגען צוויי פּראָיעקטען צו ענדערן ביידע, דעם ציווילען און דעם קרימינאַל געזעץ. די פּראָיעקטען, ווי זיי זיינען אויסגעבע־סערט געוואָרן אין דער קאָמיסיע, דורך דער מיה פון מר. מונדעלאַ און אַנדערע, זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלס געזעצען, וועלכע האָ־בען פולשטענדיג באַפריעדיגט די פאָדערונגען פון די טרייד־יוני־אָנס. דער „קרימינאַל געזעץ אויסבעסערונגס אַקט“ פון 1871 איז פאָרמעל און אָהן באַדינגונגען צוריקגערופען געוואָרן. דורך דעם קאָנספּיראַציע און אייגענטומס שוץ געזעץ זיינען באַשטימטע און יושר׳דיגע גרענעצען געשטעלט געוואָרן אין דער אָנווענדונג פון גע־זעץ פון קאָנספּיראַציע צו פאַך־שטרייטען. דער „הערר און באַ־

דיענער" געזעץ פון 1867 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן און אויף זיין אָרט
איז אָנגענומען געוואָרן אַ „בעלי־בתים און אַרבייטער געזעץ", וועל־
כער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרינדליכע רעוואָלוציע אין דער
טערמינאָלאָגיע. פון דאַן אָן זיינען די „הערן און דיענער" געוואָרן
„בעלי־בתים און אַרבייטער", צוויי גלייכע צדדים אין אַ ציווילען
קאָנטראַקט. געפענגניש שטראָפען פאַר ברעכען אַ קאָנטראַקט זיי־
נען אָפּגעשאַפט געוואָרן. די לעגאַליזאַציע פון טרייד־יוניאָנס איז
פאָרפולשטענדיגט געוואָרן, דורך דער געזעצליכער אָנערקענונג פון
זייערע מעטאָדען. פּיקעטען אויף אַ פריעדליכען אופן איז אויס־
דריקליך ערלויבט געוואָרן. די אַלטע ווערטער „אָנשרעקונג" און
„באַלעסטיגונג", וועלכע זיינען אין די הענט פון די ריכטער מיט
פאָראורטיילען געווען אינסטרומענטען פון אונטערדריקונג, זיינען
אויסגעמיטען געוואָרן אין דעם נייעם געזעץ, און גוואַלטטאַטען און
ברוטאַלע אָנשרעקונג זיינען באַהאַנדעלט געוואָרן אַלס אַ טייל פון
דעם אַלגעמיינעם קרימינאַל געזעץ. קיין אַקט פון אַ גרופּע אַרביי־
טער איז פון דאַן אָן ניט געווען אונטערוואָרפען צו אַ שטראָף,
סיידען אַזאַ טאַט וואָלט געווען קרימינעל מצד אַן איינצעלנעם
מענשען. קאָלעקטיווע האַנדלונג, קורץ, אַלע נויטיגע טעטיגקייטען
פון יוניאָנס, זיינען נאָך 50 יאָהר פון געזעצליכען קאַמף סוף־כל־סוף
אָנערקענט געוואָרן דורך דעם געזעץ פון לאַנד.*

---

*עס איז ניט קיין חדוש, וואָס אָט דער גרויסער פאַרלאַמענטאַרישער
טריאומף האָט אַרויסגערופען גרויס באַגייסטערונג אין די טרייד־יוניאָן
רייהען. ביים טרייד יוניאָן קאָנגרעס אין אָקטאָבער, 1875, האָבען
אַזעלכע אייפעריגע ראַדיקאַלען ווי אדגער, גייל און דזשאָרדזש האַוועל,
זיך פאַראייניגט צו געבען די גרעסטע לויב צו מר. (שפּעטער גראַף)
קראָס), וועמעס סימפּאַטישע שטעלונג עס האָט איבערטראָפען זייערע
העכסטע האָפענונגען. „די בעסטע פריינד, וואָס זיי האָבען געהאַט אין
פאַרלאַמענט" — האָט געזאָגט מר. האַוועל, — „מיט דער אויסנאַהמע פון
איינעם אָדער צוויי, האָבען זיך קיינמאָל ניט ערקלערט פאַר צוריקרופען
דעם „קרימינאַל געזעץ אויסבעסערונגס אַקט". ער מיט עטליכע פריינד
זיינען געווען אונטער דער גאַלעריע פון פאַרלאַמענט, ווען דער פּראָ־
יעקט איז דיסקוטירט געוואָרן, און זיי האָבען קוים געקאָנט גלויבען
וואָס זיי הערען, ווען מר. קראָס איז אַרויסגעטראָטען פאַר דער פאָל־
שטענדיגער צוריקרופונג פון דעם אַקט". אַדגער האָט איהם קאָמפּלימענ־

די העכסטע וויכטיגקייט פון דעם געזעצליכען און פּאַרלאַ־מענטאַרישען קאַמף פון 1867 ביז 1875, האָט אונז געצוואונגען איבערצולאָזען פאַר דעם קומענדען קאַפּיטעל יעדע אָנדייטונג אויף די מערקווירדיגע פּאַסירונגען אין דער טרייד־יוניאָן געשיכטע פון יענער צייט. די שטענדיגע אָנשטרענגונגען פון דעם יאָהר־צעהנד־ליג, וועלכע זיינען צון אָפּט איגנאָרירט געוואָרן פון אַ אינגערן דור טרייד־יוניאָניסטען, ווערן נאָך איצט אָפּט דערמאָנט פון די עלטערע טוער, וועלכע באַטראַכטען יענע צייט אַלס די שעהנסטע פּעריאָדע פון טרייד־יוניאָן טעטיגקייט. איבער אַכט יאָהר זיינען די טרייד־יוניאָנס געווען אונטערוואָרפען אונטער דער לאַסט פון אַ פּאַרצוויגענעם און שאַרפען קריזיס, אין וועלכען זייער סאַמע עקזיסטענץ איז געשטאַנען אין קאָן. פון אָט דעם קריזיס זיינען זיי אַרויס, ווי מיר האָבען געזעהן, מיט אַ טריאומפירענדען ערפאָלג, „באַפרייט" — צו באַנוצען זיך מיט מר. דזשאָרדזש האָ־וועל'ס ווערטער — „פון דעם לעצטען שפור פון די קרימינאַל גע־זעצען, וואָס זיינען געווען ספּעציעל געציעלט געגען די אַרבייטער".

אָט דער ממשות'דיגער זיעג איז ניט געווען דער איינציגער רעזולטאַט פון דעם קאַמף. כדי צו דערגרייכען זייערע באַלדיגע ציעלען, האָבען די טרייד־יוניאָנס געהאַט אָנגענומען די אַרגומענ־טען פון זייערע געגנער און זיינען מיטגעבראַכט געוואָרן אָנצו־נעהמען אַ פּאָזיציע, וואָס איז געווען אַן אָפּווענדונג פון די טרייד־יוניאָן טראַדיציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט און האָט אין דער צו־

טירט פאַר דער „גרויסער אויסגעהאַלטענקייט", מיט וועלכער דער מיניס־טער פון אינערן „האָט אויפגענומען יעדען פאָרשלאַג וואָס עס איז פאַר איהם פאָרגעלעגט געוואָרן", — און ער האָט זיי צוגעטיילט — „די גרעסטע הילף וואָס איז אַמאָל געגעבען געוואָרן די אַרבייטסלייט". אַ פאָרשלאַג וואָס האָט אויסגעדריקט אומצופרידענהייט מיט אַזאַ פריקרע־זיסער אַנערקענונג פאַר דער האַנדלונג פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַר־טיי", האָט געצויגען בלויז פיער שטימען (באַריכט פון גלאַזגאָו'ער קאָנ־גרעס, 1874). איניגע אַנדערע מינדערוויכטיגע אויסבעסערונגען פון געזעץ בנוגע דער רעגיסטראַציע און די געגענזייטיגע אונטערשטיצונג פון טרייד יוניאָנס, זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן אין דעם טרייד יוניאָן געזעץ אויסבעסערונגס אַקט, פון אָקטאָבער, 1876. זעה דעם „האַנד־בוך פון אַרבייטער־געזעצען", פון מר. דזשאָרדזש הואוועל.

קונפט שטארק געשטערט זייער ווייטערן טעארעטישען פארטשריט. כדי צו פארשטעהן די אינטעלעקטועלע האלטונג פון דער יונטא און זייערע פריינד, מוזען מיר צוערשט באטראכטען מעהר באריכות די פאזיציעס, וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו אטאקירן. פון סאמע אנהויב פון דעם יאהרהונדערט, זיינען די בעלי־בתים נאכאנאנד באשטאנען אויף זייער רעכט צו שליסען אירגענד וועלכען אפמאך מיט דעם איינצעלנעם ארבייטער, ניט קוקענדיג וואס פאר א ווירקונג דאס קאן האבען אויף דעם ארבייטער׳ס לעבענס נארמע. זיי האבען פאלגליך אנגענומען דעם פרינציפ, להיפך די טרייד־יוניאניסטען און די פאבריק־געזעץ פילאנטראפען, פון פולשטענדיגער פרייהייט פון קאנטראקט, און פולשטענדיגע קאנקורענץ צווישען די ארבייטער, ווי צווישען בעלי־בתים. כדי צו פארזיכערן די אבסאלוטע פרייהייט פון קאנקורענץ צווישען איינצעלנע, איז געווען נויטיג צו באשטראפען יעדע פראבע מצד די ארבייטער צו רעגולירן, דורך פאראייניגונג, די באדינגונגען אויף וועלכע זיי האנדלען מיט די בעלי־בתים. אבער אין דער ווירקליכקייט האט דאס געפיהרט צו פארלייקענונג פון דעם פרינציפ פון געזעצליכער קאנטראקט־פרייהייט. איין פארמע פון קאנטראקט, די קאלעקטיווע פארהאנדלונג, איז אין פאקט געווארן א קרימינעלער פארברעכען, אונטער דעם אויסרייד, אז ווי גוט אזא זאך איז פאר די ארבייטער, גראבט עס אבער אונטער דעם ווארצעל פון דעם נאציאנאלען וואוילשטאנד. עס איז קלאר, אז באשטעהענדיג אויף אט דעם ארגומענט האבען די בעלי־בתים אנגענומען א ניט קאנסעקווענטע פאזיציע. זייערע געלד־אינטערעסען אין דער פולשטענדיגער קאנקורענץ האבען אריבערגעוואויגען פאקטיש זייער גלויבען אין פרייהייט פון קאנטראקט.

דערווייל האבען די שארפזיניגע ארבייטער, וועלכע האבען געפיהרט די באוועגונג, שטופענווייז קאנצענטרירט זייערע כחות אויף דער איינציגער פאזיציע, פון וועלכער זיי האבען געקאנט האפען אויף א זיעג. מען מוז האבען אין זינען, אז זיי האבען ניט געהאט קיינע מיטלען, ווי ארויפצוצווינגען זייערע אנזיכטען אויף דער געמיינדע. אפילו נאך 1867 האבען זייערע נאכפאלגער מיט זיך פארגעשטעלט א קליינע מינאריטעט פון די וועהלער, בעת די

גאַנצע מאַשין פון פּאָליטיק איז געלעגן אין די הענד פון מיטעל־קלאַס. אַהן מאַכט אַרויפצואוואַרפען אַ מורא, אָדער אַפילו אַנצו־סטראַשען די הערשענדע קלאַסען, האָבען זיי געקאָנט געווינען נאָר מיט גוטען. עס איז אָבער געווען אַ האָפנונגסלאָזער חלום, אַז עס וועט זיך זיי ווען עס איז איינגעבען צו באַקעהרן דעם מיטעל־קלאַס צום גרונט פּרינציפּ פון טרייד־יוניאָניזם — די געצוואונגענע אויפ־האַלטונג פון אַ לעבענס נאָרמע. אין דעם דאַמאָלסטיגען צושטאַנד פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָבען די טרייד־יוניאָניסטען געהאַט געגען זיך בנוגע אָט דעם פּונקט די גאַנצע עפענטליכע מיינונג פון די געבילדעטע מענשען פון לאַנד. דזשאָהן ברייט, למשל, האָט נאָר אויסגעדריקט די אַלגעמיינע אַנזיכטען פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי פון יענער צייט, ווען ער האָט פייערליך פאַרזיכערט די אַרבייטער, אַז „אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, אין לאַנגען לויף, מוזען ברענגען שאָדען דעם אַרבייטער זעלבסט, אַזוי גוט ווי דעם בעל־הבית, געגען וועלכען ער קעמפט“.* לאָרד שאַפטסבורי, דער לע־בענסלאַנגער קעמפער פאַר פאַבריק־געזעצען, האָט געבעטען גאָט, אַז „די אַרבייטער זאָלען באַפרייט ווערן פון דער שטרענגסטער שקלאַפעריי, פון וועלכער זיי האָבען ווען געליטען. אַלע איינציגע דעספּאָטען און אַלע אַריסטאָקראַטיען וואָס זיינען ווען געווען, אָדער וועלען ווען עס איז זיין, זיינען נאָר ווי אַ מילדער ווינטעל אין פאַרגלייך מיט אָט די שטורעמס, די טרייד־יוניאָנס“.** די שעפּיעלדער און אַנדערע רציחות, די קלאַנגען וועגען די שטענדיגע פאַרפאָלגונגען פון ניט־יוניאָן לייט, די אייביגע געגנערשאַפט פון האַנט־אַרבייטער צו מאַשינען, די באַגרענעצונג פון שטיק־אַרבייט און לעהרן אינגלאַד, — אָט די אַלע אמת'ע און אויסגעטראַכטע פאַרברעכענס, — האָבען געשאַפען אַזאַ פאָראורטייל, געגען וועלכען עס איז געווען האָפענונגסלאָז פאַר די טרייד־יוניאָנס צו קעמ־פען.

---

* אין זיין בריעף צו אַ בלעקבוירנער מיל־אייגענטימער, נאָ־וועמבער דעם 3טען, 1860. „עפענטליכע בריעף פון דזשאָהן ברייט, געוועהלט און רעדאַקטירט פון ה. דזש ליטש, (לאָנדאָן, 1885), זייט 80.

** בריעף צו קוירנעל מאוד, ציטירט פון פּראָפעסאָר ביסלי, אין זיין רעדע ביים לאָנדאָנער פאַכען־ראַטה, אין 1869, באַריכטעט אין דעם „ציגעל מויערער צירקוליאַר“, מערץ, 1870.

די טרייד־יוניאָן פיהרער האָבען דאַרום קלוג געטאָן, ווען זיי האָבען געלאָזען אָט דעם טייל פון דער פראַגע אין הינטערגרונט. זיי האָבען אויסגעמיטען צו אַרגומענטירן, צי טרייד־יוניאָניזם איז אין פּרינציפּ נוצליך אָדער שעדליך, גערעכט אָדער אומגערעכט. זיי זיינען נאָר באַשטאַנען אויף דאָס רעכט פון יעדען ענגלענדער צו פאַרקויפען זיין אַרבייט אויף אַזאַ אופן, וואָס איהם דאַכט זיך איז דער בעסטער פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען. זיי האָבען נאָר געפאָדערט די פולשטענדיגע פרייהייט פאַר דעם אַרבייטער צו האַנדלען קאָלעקטיוו אַנשטאָט צו האַנדלען אַלס איינצעלנער, אויב איהם דאַכט זיך נאָר, אַז אַזאַ אופן איז פאַר איהם בעסער. די פרייהייט צו פאַראייניגען זיך אין קאָנטראַקט אָנגעלעגענהייטען, איז דאַרום געוואָרן זייער ענטפער אויף דעם געשריי פון די אַר־בייטגעבער פאַר פרייער קאָנקורענץ.

עס איז קלאָר, אַז די טרייד־יוניאָניסטען האָבען געהאַט דעם שטאַרקסטען אַרגומענט. עס איז פון אויבענאויף געווען אומגע־רעכט פון די בעלי־בתים צו באַשטעהן אויפ׳ן פּרינציפּ, אַז דער שטאַאַט האָט קיין רעכט ניט צו מישען זיך אין אינדוסטריע, ווען זיי פלעגען צוגעדריקט ווערן צו דער וואַנט פון די פאַרטיידיגער פון פאַבריק געזעצגעבונג, און אין דערזעלביגער צייט צו מייקערן נאָך הילף פון דער פּאָליציי צו אונטערדריקען פריעדליכע און פרייוויליגע פאַראיינען פון זייערע אַרבייטער. קורץ, די קאַפּיטאַ־ליסטען האָבען זיך געהאַלטען אָן דעם פּרינציפּ פון „לאַסעי פער“ (לאָזט צו רוה), אין יעדען פאַזים פון אינדוסטריעלען לעבען, פון „פרייען־קאָרן־האַנדעל“ ביז דעם אומבאַגרענעצטען געברויך פון דער אַרבייט פון מענער און פרויען פון יעדען עלטער און אונטער אַלע אומשטענדען; און די אַרבייטער האָבען נאָר געפאָדערט די אָנווענדונג פון דעמזעלביגען פּרינציפּ אויף די לוין־קאָנטראַקטען. „די טרייד־יוניאָן פראַגע“, שרייבט אין 1869 זייער אויסגעוועהל־טער פאַרשטעהער און מעכטיגסטער פאַרטיידיגער, „איז נאָך איי־נער און דער לעצטער ביישפּיעל פון דעם אמת, אַז דער קרייז פון געזעצגעבונג איז שטרענג און מערקווירדיג באַגרענעצט. נאָכדעם ווי מען האָט הונדערטער יאָהרען לאַנג פאַרפאַסט געזעצען וועגען אַרבייט, און יעדע געזעץ־ענדערונג האָט באַשאַפען נייע צרות, האָ־

בען מיר לאַנגזאַם אַנגעהויבען דערזעהן דעם אמת, אַז מיר מוזען איינגאַנצען אויפהערן צו שאַפען אַרבייטער-געזעצען. די עפענט־ליכע מיינונג האָט לעצטענס אַנגעהויבען דערשפּירן אַז ערנסטע אומבאַקוועמליכקייט און וואַרטען מיט אומגעדולד אויף עפּעס אַ געזעצליכע ערלייזונג, אַ מין הימלישען ענטדעקער, וואָס זאָל זיך באַווייזען מיט אַ נייער פּאַרלאַמענטאַרישער רפואה. ווי געוועהנ־ליך אין אַזעלכע פאַלען, ווייזט זיך איצטער אַרויס, אַז עס איז גאָרנים קיין געזעצליכע לייזונג; און אַז די אמת'ע לייזונג פאָ־דערט אַלס הויפּט באַדינגונג די אָפּשאַפונג פון דעם בייזוויליגען אויסנאַהמישען זיך פון די פאַרגאַנגענע צייטען".* די לעהרע, „אַז אַלע מענשען מעגען געזעצליך איינשטימען צו אַרבייטען אָדער ניט צו אַרבייטען, אַנצושטעלען אָדער ניט אַנצושטעלען אַרבייטער, אויף אירגענד וועלכער באַדינגונג, וואָס זיי דענקען איז פּאַסענד", איז געוועזען די גרונד לאַגע פון אַלע רעדעס און פּעטיציעס פון די טרייד־יוניאָן פיהרער אין פאַרלויף פון אַט דעם שטרייט. „מיר שטרעבען ניט", — זאָגען די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון טרייד-יוניאָניזם אין זייער מעמאָראַנדום צום מיניסטער פון אינערן, אין אַפּריל, 1875, — „צו שטערן די פרייע קאָנקורענץ פון דעם יחיד צו אַרביי־טען ביי זיין פאַד אויף זיין אייגענעם אופן; אָבער מיר באַהאַלטען פאַר זיך דאָס רעכט צו אַרבייטען אָדער ניט צו אַרבייטען, אָדער אָפּצוזאָגען זיך צו אַרבייטען פאַר אַ בעל-הבית לויט די אומשטענ־דען פון יעדען פאַל, אַזוי ווי דער בעל-הבית האָט אַ רעכט אָפּ־צוזאָגען אַן אַרבייטער; און מיר לייקענען ענטשידען אָפּ, אַז דאָס רעכט פון דעם יחיד ווערט אויף אירגענד וועלכען אופן געשטערט, ווען דאָס ווערט געטאָן געמיינשאַפטליך".

די אַרבייטער האָבען פאַקטיש אָוועקגענומען די וואַפען פון זייערע געגנער און האָבען זיי איבערגעלאָזט אָהן אַ פאַרטיידיגונג. אָבער מיט אַזאַ האַנדלונג האָבען די טריידיוניאָניסטישע פיהרער פון יענער צייט זיך ביסלעכווייז געשטעלט אין אַזאַ פּאָזיציע, וועלכע איז ניט וועניגער אומקאָנסעקווענט ווי די פּאָזיציע פון די בעלי-בתים. ווען זיי האָבען אַרגומענטירט, אַז די יוניאָן זאָל זיין

* „פאָרטנייטלי רעוויו", דעם ערשטען יולי, 1869. „דער טריידס יוניאָן ביל", פון מר. פרעדריק העריסאָן.

אזוי פריי צו האנדלען ווי א יחיד, האבען זיי ניט געהאט די מינדעסטע אבזיכט צו ערלויבען דעם יחיד צו האנדלען פריי, אויב עס איז נאר געווען אין זייער כח איהם צו שטערן. אבוואויל אלען און אפעלגארט האבען געקאנט געוויסענהאפט מעלדען דער קעניגליכער קאמיסיע, אז די מיטגלידער פון זייערע ארגאניזאציעס האבען זיך ניט ענטזאגט צו ארבייטען מיט מענשען, וואס געהערן ניט צו דער ארגאניזאציע, האבען זיי דאך געמוזט גוט וויסען, אז אט דער בעקוועמער פאקט איז געווען אמת נאר אין אזעלכע פלעצער און אין אזעלכע צייטען, ווען די ארגאניזאציע האט ניט געהאט קיין גענוג גרויסע מאיאריטעט, וואס זאל איהר געבען א מעגליכקייט צו האנדלען אנדערש. די פאכען צו וועלכע מר. הענרי בראדהווירסט און מר. דזשארדזש האוועל, האבען געהערט, האבען זיך בארימט געמאכט מיט דעם ערפאלג, מיט וועלכען די יוניאנס האבען דורכגעפיהרט זייער טאקטיק ניט צו דערלאזען די ארבייטער, וואס זיינען ניט געווען קיין מיטגלידער פון זייער ארגאניזאציע, אנצוהאלטען זייערע שטעלעס. די קויהלענגרעבער פון נארד הומבערלאנד און דורהאם האבען כסדר זיך ענטזאגט ארונטערצוגעהן אין די מינען אינאיינעם מיט ניט־יוניאן לייט.*

* וויליאם קראפארד, דער געטרייער פיהרער פון די דורהאמער מיינערס און דער אויסגעהאלטענער געגנער פון דעם 8שטונדען־געזעץ, אגיטירט שטארק, אין א גוט־באקאנטען בריעף פון א שפעטערן דאטום, (פון וועלכען מיר האבען א קאפיע), פאר א פאלשטענדיגען חרם אויף ניט־מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע. „זייט אמוועניגסטענס קאנסעקוועגט. אין אומצעהליגע פאלען זאגט איהר זיך אפ ארונטערצוגעהן אין א מינע און ארויסצוגעהן פון איהר, מיט ניט יוניאן־לייט. דאס רעכט אדער אומרעכט פון אזא האנדלונג וויל איך איצט ניט דיסקוטירן; אבער וואס איז דער אמת'ער צושטאנד אין פיעלע טיילען פון לאנד? אין דער צייט, וואס איהר זאגט זיך אפ ארונטערצוגעהן אין דער מינע, אדער ארויפצוקומען מיט אט די מענשען, שפאצירט איהר מיט זיי צו דער מינע און פון דער מינע, און אפט ארבייט איהר נאך מיט זיי אינאיינעם. איהר פארברענגט מיט זיי אין דער הוים ביי א גלאז ביייר איהר געהט מיט זיי צוזאמען אין די קירכען און איהר זייט מיתפלל אינאיינעם. די צייט איז געקומען צו רעדען אפענע דבורים וועגען דעם ענין. עס האט קיין זין ניט צו שפיעלען זיך אין באהעלטעניש מיט אט דער וויכטיגער פראגע פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען,

מיר ווילען שפּעטער האָבען אַ געלעגענהייט צו באַווייזען, אַז אַט די אַלגעמיינע שטרעבונג פון טרייד־יוניאָניזם — צו צווינגען אַרבייטער צו ווערן מיטגלידער פון די אָרגאַניזאַציעס — איז געבויט, לויט אונזער מיינונג, אויף דעמזעלביגען גרונט ווי דער צוואַנג פון בירגערשאַפט. אָבער, ווי עס זאָל ניט זיין, איז קלאָר, אַז דער אָפּזאָג פון די נאָרדהומבערלאַנדער גרובען־אַרבייטער „אַרונטערצופאָהרן" אינאיינעם מיט ניט־יוניאָן לייט, איז געווען אין עצם פּונקט אַזאַ צוואַנג אויף דער מינאָריטעט, וואָס איז ניט איינשטימיג מיט זיי, ווי דאָס געזעץ צו רעגולירען די אַרבייט אין די מינען, אָדער ווי אַן אַכט־שטונדען פּראָיעקט. דאָס באַשטעהן אויף יעדען ענגלענדער'ס רעכט אויף פרייהייט פון קאָנטראַקט איז אין די מיילער פון טרייד־יוניאָניסטען געווען געפעהרליך נאָהענט צו צבוע'צטוואַ; און מיר געפינען, אַז מר. פרעדעריק העריסאָן אַליין, ווען ער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַנדערע געזעצפּראָיעקטען, האָט זיי געוואָרנט, אַז עס וואָלט געווען זעלבסטמערדעריש פאַר די אַרבייטער אָנצונעהמען דאָס קאַפּיטאַליסטישע שלאַג־וואָרט: „קיין אַריינמישונג".* די קראַפט פון אָט דער וואָרנונג האָט גע־

אָדער איהר לאָזט זיך אַרונטער מיט זיי אינאיינעם אין דער מינע, ווי איהר מישט זיך מיט זיי אין אַלע אַנדערע פּלעצער, אָדער לעגט זיי אַריין אין חרם אומעטום או אין אַלע ציטען. באַטראַכט זיי פאַר ניט פּאַסענדע חברים פאַר אייך און אייערע זיהן, און פאַר ניט פּאַסענדע מענער פאַר אייערע טעכטער. זאָלען זיי געבראַנדמאַרקט ווערן מיט דער קללה פון קין, אַלס ניט פּאַסיגע מענשען צו מישען זיך אין אַ געוועהנליכער עהרליכער און רעספּעקטאַבלער געזעלשאַפט. ביז איהר וועט ביי זיך ניט אָפּמאַכען אַריינצולעגען זיי אין אַ פאָלשטענדיגען חרם און אָפּצושניידען זיך פון זיי, זאָלט איהר אויפהערן צו באַקלאָגען זיך אויף אירגענד וועלכע רעזולטאַטען פון זייערע האַנדלונגען."

* זעה זיין בריעף וועגען דעם רעגירונגס־פּענסיע פּראָיעקט פון 1864: „לסוף דערצעהלט מען אונז וועגען דער רעגירונגס דיקטאַטור און אַריינמישונג. איך קאָן ניט גלויבען, אַז מענשען מיט שכל ווילען אַזעלכע זאַכען נאָך אַמאָל ערנסט ווידערהאָלען... זאָלען די אַרבייטער געדענקען, אַז ווען עס ווערט נאָר פאָרגעשלאָגען אין פּאַרלאַמענט אַ פּראָיעקט וואָס איז גינסטיג פאַר זיי, אָדער ווען אַזאַ פּלאַן ווערט איבערהויפּט דערמאָנט ערגעץ אין לאַנד — סיי צו באַגרעניצען די צו־לאַנגע אַרבייטס־שטונדען, צו באַשיצען פרויען און קינדער, צו רעגו־

מוזט זיין גאַנץ קלאָר פאַר דער יונטאַ, וועלכע האָט געהאַט צופּיעל ערפאַהרונג אין דער פּראַקטיק פון דער מאָדערנער אינדוסטריע ניט צו באַגרייפען די נויטיגקייט אויפצוהאַלטען מיט געוואַלט די לעבענס־נאָרמע. קיין טרייד־יוניאָניסט קאָן ניט אָפּלייקענען, אַז עס איז אוממעגליך אויפצוהאַלטען אַ ווירקזאַמע פאַר־פאַראייניגונג אָהן אַ וועלכער עס איז מעטאָדע אַרויפצוצווינגען די באַשליסען פון דער מאַיאָריטעט.

מען טאָר ניט דרינגען פון אָט דער קריטיק אויף דער טעאָרעטישער פּאָזיציע, וואָס די מענשען, וועלכע האָבען אַרויסגעפיהרט די טרייד־יוניאָן באַוועגונג פון איהר גרעסטען קריזיס, האָבען אָנגענומען, אַז זיי האָבען געוואוסט, אַז זייער טענה נעגען שטאַאַט׳ס אַריינמישונג איז ניט לאָגיש אויסגעהאַלטען, אָדער, אַז זיי האָבען אַבזיכטליך זיך פאָרגענומען צו געווינען זייער זאַך מיט פאַלשע טענות. קיינער קאָן ניט שטודירן די געשיכטע פון זייער פיהרערשאַפט אָהן דעם, אַז זייער איבערגעבענקייט, קלוגשאַפט און הויכע פּערזענליכע ווירדע זאָל אויף איהם ניט מאַכען אַ טיעפען איינדרוק. מיר מוזען באַטראַכטען זייער ניט־אויסגעהאַלטענקייט

לירען אומגעזונטע אַרבייט, צו באַזאָרגען אַרבייטער מיט געזונדהייטס־מיטלען, ריינליכקייט, פאַרווײלונג, צו באַשיצען זיי פון אומאָרענטליכע בעלי־בתים — באַגעגענט ער שטענדיג די געגנערשאַפט פון איין קלאַס, די אָנהענגער פון אומבאַגרענעצטער קאָנקורענץ; און די געגנערשאַפט איז באַגרינדעט אויף איין גרונד, אויף דער אַבסאָלוטער פרייהייט פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען. מיר אַלע ווייסען — וועניגסטענס קלערען מיר אַלע — ווי עגאָאיסטיש און אויבערפלעכליך עס איז דער געשריי פון אומאָרענטליכע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע שטעלען זיך געגען דעם פּראָיעקט צו באַפרייען די אַרבייטער פון דעם צוואַנג צו קויפען אויף באָרג בלויז אין די געשעפטען פון די בעלי בתים, אָדער געגען דעם צעהן שטונדען פּראָיעקט. איז עס ניט זעלבסטמערדעריש פאַר די אַרבייטער אויפצוהויבען דעם זעלבען געשריי, וואָס איז שטענדיג באַנוצט געוואָרן און ווערט שטענדיג באַנוצט ווערן פון די יעניגע, וועלכע שטרעבען צו מאַכען זיי שווועריגקייטען אין קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבען? אין דער צוקונפט, ווען אַרבייטער וועלען אַרויסטרעטען פאַר אַ פּראָיעקט צו פאַרקירצען די אַרבייטס־שטונדען, וועט מען זיי הייסען האַלטען זיך ביי זייער פּרינציפּ פון ניט מישען זיך אין ענינים פון פּריוואַט קאַפּיטאַל". (דער „ביען־שטאָק", מערץ 1864).

אַלס מערקווירדיגען ביישפּיעל פון דער געפאַהר, וואָס לויערט אויף אַ פּאַרטיי, ווען זי האָט ניט קיין קלאָרען באַגריף פון דעם סאָציאַלען צושטאַנד, צו וועלכען זי שטרעבט. אין דעם קאַמף פון יענע יאָהרען באַמערקען מיר, ווי די ענגלישע טרייד־יוניאָניסטען זיינען געטריבען געוואָרן פון זייערע אוטאָפּיסטישע ציעלען צו אַ ניט־אויסגעהאַלטענעם אָפּאָרטוניזם, פון וועלכען זיי זיינען אין פאַרלויף פון דעם קומענדען דור געטריבען געוואָרן צו דער פּראָסטער „זעלבסט הילף“ פון אַ „ארבייטער אריסטאָקראַטיע“. אין פאַר־לויף פון דעם גאַנצען פּראָצעס איז ניט געווען קיין איינציגער מאָמענט, ווען זיי זאָלען האָבען באַגריפען דעם ווידערשפּרוך צווי־שען זייערע אינדיווידואַליסטישע און קאָלעקטיוויסטישע אָנזיכטען. אָפּעלגאַרט און אָדגער, למשל, האָבען ניט איינגעזעהן דעם ווי־דערשפּרוך פון ווערן די הויפּט באַאַמטע פון דעם „אינטערנאַ־ציאָנאַל“, מיט אַ פּראָגראַם פאַרפאַסט פון קאַרל מאַרקס'ן, און אונ־טערשטיצען אין דערזעלביגער צייט די דאָמאַלסט אָנגענומענע פאָ־דערונג פון די ראַדיקאַלען פאַר אַן אויסגעברייטערטען פויערישען לאַנד אייגענטום. עס איז אָבער געווען אומפאַרמיידליך, אַז דאָס באַשטעהן אויף די אינדיווידואַליסטישע אַרגומענטען, מיט וועלכע דער זיעג פון 1875 האָט הויפּטזעכליך געקאָנט געוואונען ווערן, זאָל באַקרעפטיגען דעם אינדיווידואַליסטישען אידעאַל אין די מוחות פון די יעניגע, וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט צו די פיהרער. אַנדערע איינפלוסען האָבען נאָך מעהר בייגעטראָגען דערצו, אַז די טרייד־יוניאָניסטען זאָלען אָננעהמען די עקאָנאָמישע שלאַג־ווער־טער פון מיטעל קלאַס. דער דורכפאַל פון די אומצייטיגע עקס־פּערימענטען פון אָווען און אָקאָנער'ן, דער מערקווירדיגער ערפאָלג פון דער פריי־האַנדעל פּאָליטיק, די אַלץ גרעסערע באַטייליגונג פון ארבייטער אין דער ליבעראַלער פּאָליטיק פון יענער צייט, און נאָך מעהר, די נאָהענטע באַריהרונג, וואָס אַ סך זייערע האָבען געהאַט מיט די פעהיגע און פרוכטבאַרע דענקער פון מיטעל קלאַס — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געפיהרט, עס זאָל געשאַפען ווערן אַ נייע טרייד־יוניאָניסטישע שולע. אין אַ ווייטערן קאַפּיטעל וועלען מיר שיל־דערן די רעזולטאַטען פון אַט דער גייסטיגער באַקעהרונג אויף דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. צוערשט אָבער מוזען מיר זיך אָפּשטעלען

אויף דער אינערליכער ענטוויקלונג פון יענע יאָהרן, וואָס אונזער שילדערונג פון די פאַרלאַמענטאַרישע קאַמפּען פון די יאָהרן פון 1867 ביז 1875 האָט אונז געצוואונגען צייטווייליג צו איגנאָרירן.*

* פון 1861 ביז 1877 איז דער וויכטיגסטער אַרבייטער־קלאַסען־אָרגאַן געווען דער „ביען־שטאָק“, געגרינדעט פון אַ גרופּע טרייד־יוניאָניסטען, וועלכע האָבען געשאַפען אַ געזעלשאַפט, וואו מעהר ווי הונדערט יוניאָנס, ווי עס ווערט באַהויפּטעט, האָבען געקויפט אַקציעס. דער רעדאַקטאָר און פאַקטישער אייגענטימער פון דער צייטונג איז, ווי עס זעהט אויס, געווען אַזוי לאַנג ווי זי האָט עקזיסטירט, דזשאָרדזש פּאָטטער מיט דער מיטהילף פון אַ באַראַטונגס־קאָמיטעט. אין דער ליסטע פון די וואָס האָבען זיך פון צייט צו צייט באַטייליגט אין דעם קאָמיטעט, געפינען זיך די נעמען פון אַלע אָנגעזעהענע לאָנדאָנער טרייד־יוניאָניסטען. ווי מיר וועלען שפּעטער אָנווייזען, איז פּאָטטער געווען אַ מענש מיט אַ צווייידייטיגען כאַראַקטער און אויפפיהרונג, וועלכער האָט קיין מאָל ניט פאַרנומען קיין וויכטיגע פּאָזיציע אין דער טרייד יוניאָן וועלט. אָבער אונטער זיין נאָמינעלער רעדאַקציע איז דער „ביען־שטאָק“ געוואָרן די בעסטע אַרבייטער צייטונג, וואָס איז ווען־עס־איז ערשינען. דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען דער אומאויפהערליכער הילף פון די העררן פרעדריק האַריסאָן, העגרי קראַמפּטאָן, ע. ס. ביסלי, לאָיד דזשאונס און אַנדערע פריינד פון טרייד־יוניאָניזם, וועלכע האָבען פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד געשריבען אומצעהליגע אַרטיקלען. די טרייד־יוניאָן פיהרער אַפּעלגאַרט, האווועל און שיפּטאָן האָבען זיך אויך אָפט געדרוקט אין דער צייטונג. אָט די אַרטיקלען מאַכען די צייטונג פאַר דער ווערטפולסטער שריפט פאַר דעם פאָרשער פון טרייד יוניאָן געשיכטע. לײדער איז קיין פאָלשטענדיגע זאַמלונג פון דער צייטונג אין ביבליאָטעקען ניטאָ. די פאָלשטענדיגסטע וואָס איז דאָ, געפינט זיך אין ברִיטיש מוזעאום, און די הויבט זיך אָן פון 1869. מר. דזשאהן באַירנס פאַרמאָגט :מערקווירדיגע זאַמלונג, וואָס הויבט זיך אָן פון 1863, וועלכע ער האָט אונז געפעליגסט ערלויבט צו באַנוצען. אין 1877 האָט זיך די צייטונג פאַרוואַנדעלט אין דעם „אינדאָסטריאַל רעוויו, וועלכע איז אונטערגעגאַנגען אין 1879.